STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00909

A FERTL YORHUNDERT HISTADRUT

Permanent preservation of this book was made possible by
Dr. Ruud & Carol Schussler van Wijnen

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַ פֿערטל יאָרהונדערט
הסתדרות

אַ פֿערטל יאָרהונדערט

הסתדרות

זאַמלבוך

רעדאַגירט פֿון

ל. שפּיזמאַן

אַרויסגעגעבן פֿון
געווערקשאַפֿטן קאַמפּיין פֿאַרן אַרבעטנדן ארץ ישראל
ניו־יאָרק, 1946

A Quarter of a Century of the
HISTADRUTH

Edited by L. Spizman

Copyright 1946 by
National Committee for Labor Palestine

Printed in U. S. A.
158

דעלעגאַטן און געסט צו דער גרינדונגס־קאָנפֿערענץ פֿון דער הסתדרות אין חיפֿה, חנוכּה 1920

ערשטע ריי: פֿון רעכטס צו לינקס: דוד צירקין, דוד הורוויץ. צווייטע ריי: מנחם עלקינד, גרשון פֿיינבערג, בערל קאַצענעלסאָן, אַברהם קריוויצקי, יעקב עפּטער, ברוך מאיר, א. מ. קאָלער, בנימין דרור, מאיר יערי, י. שפּרינצאַק. דריטע ריי: נחמיה ראַבין, אַריה אָלוויל, יצחק שוויגער, ד. קלעי, דוד רמז, לוי וויניק, ג. טווערסקי, צבי יהודה. פֿערטע ריי: הוגאָ בערגמאַן, שמואל דיין, בן־ציון טשאַרנאָמאָרסקי־ישראלי, אַריה זיידעל, יצחק ווילקאַנסקי, אליעזר שוחט, יוסף ראַבינאָוויטש, י. לופֿבאַן. פֿינפֿטע ריי: יעקב ריזיק, יהודה קאַפּעלאָוויטש, יצחק קאַנעווסקי, שמואל העפּטער, חייט פֿרידמאַן, ד״ר ש. הורוויץ, ז. פֿיינשטיין, דוב ראַבין, זאב ברזלי, משה שאַפּירא, דוד כּהן, ש. ה. פֿרומקין, יוסף העפּטמאַן, י. יערי־פּאָלעסקין, יעקב רושטשוק, גרשון זאַרקאָווסקי, מ. י. עלבינגער. זעקסטע ריי: אומבאַקאַנט. ישראל שוחט. א. האַפּט. י. בן־צבי. רחל ינאית. זאב פֿעלער, לאה מיראַן, י. יאַנאָווסקי, מ. באַגדאַנאָווסקי, שמעון קושניר.

אינהאַלט:

חיים גרינבערג — הקדמה XI

דוד בן גוריון — חברישקייט — אונזער פֿאַרמעגן 1

הסתּדרות — בויער פֿון אַ פֿאָלק

ב. קאַצענעלסאָן — נאַציאָנאַלער און אַרבעטס־מאַקסימאַליזם 3

ד. בן־גוריון — אונזער הסתּדרות 4

ב. קאַצענעלסאָן — אַ הסתּדרות־קאָנפֿערענץ 7

ז. אַראַנאָוויטש — די הסתּדרות הכּללית 8

ד. רמז — די שותּפֿות פֿון אמת 14

ח. אַרלאָזאָראָוו — דער אַרבעטער און דאָס פֿאָלק 14

ד. רמז — וועגן קאָלעקטיוויזם אין דער שטאַט 15

ח. אַרלאָזאָראָוו — די איינהייט פֿון דאָרף און שטאָט 16

ד. בן־גוריון — די קוזשניע 16

ד. רמז — דאָס ערשטע געבאָט 18

דער כּוח פֿון אַרבעט 19

דער אָנפֿאַנג

ד. בן־גוריון — די ערשטע פֿאַרלויפֿער פֿון דער הסתּדרות 21

ל. אמיתי — די ארץ־ישראלדיקע אַרבעטער־באַוועגונג ביז דער גרינדונג פֿון דער הסתּדרות 26

די גרינדונג פֿון דער הסתּדרות

יוסף טרומפּעלדאָר — צו די אַרבעטער פֿון ארץ־ישראל 36

י. ח. ברענער — וועגן דער אחדות פֿון אַרבעטער 38

אַ. ז. ראַבינאָוויטש — צו דער אַרמיי פֿון אַרבעטנדיקע 40

ב. קאַצענעלסאָן — די מעשׂים פֿאַראייניקן 41

ש. יבניאלי — די רעטונג פֿון פֿאָלק 42

עמנואל — י. ח. ברענער אויף דער גרינדונגס־קאָנפֿערענץ פֿון דער הסתּדרות 44

א. שפּירער — אין יענע טעג 45

ווער ס'האָט דאָס ניט געזען ... 49
פון די באַשלוסן פון דער ערשטער קאָנפערענץ פון דער הסתדרות ... 50
מאַניע שוחט — דריי הסתדרות־פּנקסים ... 51
באַפרייאונג פון קלאַס און פאָלק ... 54

אויפטוען און דערגרייכונגען

אַ. רעוואוצקי — 25 יאָר אַנטוויקלונג פון ארץ־ישראל ... 57
אַברהם דיקנשטיין — 25 יאָר אַרבעטער־ווירטשאַפט אין ארץ־ישראל ... 73
לאַנדווירטשאַפטלעכע, אינדוסטריעלע, טראַנספּאָרט־, קאָנסום־ און קרעדיט־קאָאָפּעראַטיוון; „סולל־בונה“; „שכון“; „תנובה“; „תנובה־אקספּורט“; „יכין“; „המשביר המרכזי“; „מקורות“; „נחשון“; „נוע“; און קופּת הקואופּרטיבים; „הסנה“; „ניר“; די אַרבעטער־באַנק; „אַמפּאַל“
ג. מינצער — די פינאַנץ־ווירטשאַפט פון דער הסתדרות העובדים ... 91
ד״ר בנימין שוואַדראָן — דער איינפלוס פון דער הסתדרות אויף דער סאָציאַלער סטרוקטור פון ישוב ... 99
אַסיפת הנבחרים; קופּת חולים; דערציאונג; מלחמה־אַקטיוויטעטן
ל. שפּיזמאַן — דער וואוקס און אַנטוויקלונג פון דער הסתדרות ... 108
פון חיפה ביז היינט; עליה און „החלוץ“; די הסתדרותישע וויר־טשאַפט; מס אַחיד; מועצת הפּועלות; הנוער העובד; פאַך־שולן; „הפּועל“; ברית פּועלי ארץ ישראל
שלום העקטין — די אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע אין ארץ ישראל ... 125
א. האַרצפעלד — ס'איז נישטאָ קיין רו ... 156
ל. שין — די סאָציאַלע הילפס־אינסטיטוציעס פון דער הסתדרות ... 157
קופּת חולים; קרן נכות; קרן חוסר עבודה; „משען“; „מציב“; „דור לדור“; „בית אבות“; „ציון“; זאָרג פאַר ותיקים
ד. רמז — די הסתדרות גרינדעט זיך פון דאָס ניי ... 170
ציפערן און פאַקטן וועגן דער אַנטוויקלונג פון דער הסתדרות ... 171
דער ועד הפּועל, זיינע אַנשטאַלטן און אָפּטיילונגען; קאָנטראָל און געריכט; הסתדרות הפּועלים החקלאים; צענטראַלע קאָלאָניזאַציע־קערפּערשאַפטן; ווירטשאַפטלעכע אַנשטאַלטן; צענטראַלע פאַר־באַנדן; אַנשטאַלטן און פאָנדן פאַר קעגנזייטיקער הילף; צענ־טראַלע דערציאונגס־ און קולטור־אַנשטאַלטן; די פּרעסע פון דער הסתדרות

קולטור און דערציאונג

דן פּינעס — דער אַקעראייזן און די ציטונג ... 181
ח. נ. ביאַליק — די ארץ־ישראל אַרבעטערשאַפט און איר צייטונג ... 189
י. טאַבענקין — די דערציאונג פון אַ קעמפעריש פאָלק ... 191
ז. אַראָנאָוויטש — וועגן אונזער דערציאונג ... 192
ב. קאַצענעלסאָן — די אַרבעטער־יוגנט ... 193

די אַרבעטער־פרוי

עדה פישמאַן — די אָפּגעשאַפטע טראַדיציע 194
רחל קאַצענעלסאָן — וועגן דער אַרבעטער־פרויען־באַוועגונג 194
עווא טאַבענקין — דערציאונג צו זעלבסטשוץ 195
אממאַ לעווין — אַ נייער פראָנט 197
רחל — מיין לאַנד (ליד) 199

אין קאַמף פאַר עליה

ב. קאַצענעלסאָן — די עליה 200
ח. נ. ביאַליק — דער כוח פון „החלוץ" 202
יעקב לעשטשינסקי — די אידיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג און די חלוצישע עליה 207
צוויי טיפן פון אידישן סאָציאַליזם; דער „החלוץ" און זיין פאַר־
שפרייטונג אין גלות; וואוקס פון „החלוץ" ערב דער מלחמה־קאַ־
טאַסטראָפע; ראָל פון ארץ־ישראל אין די אידישע וואַנדערונגען;
השפעה פון חלוצישער איינוואַנדערונג אויף דער פיזיאָגנאָמיע
פון ישוב
דוד בן־גוריון — די עליה 228
ב. קאַצענעלסאָן — די גאולה 229
דוד בן־גוריון — די וויזיע פון ים 231
ב. קאַצענעלסאָן — די ערן־פראַגע פון ציוניזם 232
ב. קאַצענעלסאָן — נישטאָ קיין אַנדערע פּליטים 236
יעקב גלאַטשטיין — די פרייד פון זיין געראכט (ליד) 237
דורך אַלע וועגן... 238

זעלבסטשוץ און הגנה

נחמן סירקין — די פאַרטיידיקונג פון לעבן 240
י. ח. ברענער — תל־חי 241
ב. קאַצענעלסאָן — געשלאָסענע טויערן 243
ב. קאַצענעלסאָן — נאָך דעם געצוואונגענעם שווייגן 245
ש. יבניאלי — ווער דאַרף באַשטראָפט ווערן? 247
מ. ביילינסאָן — דער אידישער שאָפער 248
מ. ביילינסאָן — דער יום־טוב פון עמק 249
ב. קאַצענעלסאָן — אַ מוסטער פאַר אַ דור 250
דוד שמעונאָוויטש — דער אידישער שאָפער; ניט וויין, ניט קלאָג... (ליד) 251
מעג דער וועג זיין ווי לאַנג... 252

די אידישע אַרבעטערשאַפֿט און די הסתדרות

נחמן סירקין — דער גייסטיקער שלום 253
דער גענצייג־קאַמפּיין אין אַמעריקע 255
זלמן רובאַשאָוו — די אידישע אַרבעטער־באַוועגונג אין חוץ לארץ 256
א העמלין — די הסתדרות און דער געווערקשאַפֿטן־קאַמפּיין 263
ד״ר מ. דוואָרזשעצקי — ווי מיר האָבן געפּייערט דעם הסתדרות־יום טוב אין געטאָ
ווילנע און אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן 272
רחל — אויב באַשערט האָט מיר דער גורל (ליד) 277

אונזערע שכנים

אַ. ד. גאָרדאָן — צווישן פֿאָלק און פֿאָלק 278
אַבאָ חושי — די אָרגאַניזירונג פֿון אַראַבישע אַרבעטער 279
וויכטיקע דאַטן אין דער געשיכטע פֿון דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטער־באַוועגונג
און ציוניזם 288

הקדמה

אַ באַקאַנטער פּאַרטרעטער פֿון אַרבעטער־ציוניזם איז אַמאָל געשטעלט געוואָרן פֿון אַ גרופּע פֿריינד פֿאַר אַן אייגנאַרטיקן עקזאַמען. ער איז אויפֿגעפֿאָדערט געוואָרן צו געבן אַ דעפֿיניציע אָדער אַ כאַראַקטעריסטיק פֿון ציוניזם — ניט אינם לבוש פֿון אַ סאָציאָלאָגישער אָדער פּאָליטישער פֿאָרמולע, נאָר דורך אַ סיפּור־המעשה. אין אַ געוויסן זינען, האָלט איך, האָט ער דעם עקזאַמען גלענצנד אויסגעהאַלטן, ווען ער האָט זיי דערציילט דעם פֿאָלגנדיקן אַנעקדאָט:

— אַ שטאָטישער איד האָט זיך באַזעצט אין דאָרף און האָט דאָרט געעפֿנט אַ קרעמל. שרייבט ער נאָכדעם בריוו פֿונם דאָרף צו זיינע קרובים. נאָך די ערשטע עטלעכע חדשים גיט ער צו וויסן, אַז ברוך השם, עס גייט אים ניט שלעכט: ער האָט זיך קונה־שם געווען ביי די פּויערים מיט זיין אָרנטלעכקייט און די צאָל קונים האַלט אין וואַקסן. נאָך אַ יאָר צייט שרייבט ער, אַז דאָס דאָרף וואַקסט פֿון חודש צו חודש, עס קומען צו נייע איינוואוינער און דאָס פֿאַרגרעסערט נאַטירלעך זיין מחיה. עטוואָס שפּעטער בעט ער די קרובים, זיי זאָלן אים אָפּגעבן מזל־טוב: דאָס דאָרף האָט זיך אַזוי צעוואַקסן, אַז מען בויט שוין דאָרט אַ קירכע. מיט אַ יאָר שפּעטער קומט פֿון אים אָן אַ בריוו פֿול מיט קינות: „די תּוכחה האָט זיך אויף מיר אויסגעגאָסן — עס האָבן זיך שוין דאָ באַזעצט אַזוי פֿיל אידן, אַז מען בויט שוין אין דאָרף אַ בית־המדרש״. „ציוניזם״, האָט דער אַרבעטער־פֿירער פֿאַרענדיקט, „וויל שאַפֿן אַזאַ סביבה און אַזעלכע באַדינגונגען, אַז אַ איד זאָל קיין מאָל ניט קענען באַטראַכטן דאָס בויען פֿון אַ קירכע פֿאַר אַ סימן־ברכה און דאָס בויען פֿון אַ בית־המדרש פֿאַר אַ שטיק תּוכחה״.

אַזאַ אידישע סביבה אין ארץ־ישׂראל האָט די הסתּדרות זיך אונטערגענומען צו שאַפֿן. איר ציל — און דער ציל פֿון יענע קלענערע גרופּן יונגע אידישע אַרבעטער אין ארץ־ישׂראל, וואָס האָבן געטראָגן אין זיך דעם חלום פֿון דער „הסתּדרות העובֿדים״ יאָרן איידער זי האָט זיך אַר־

גאַניזירט אין דער איצטיקער פאָרם — איז אַ גאַנץ איינפאַכער: אויפ־שטעלן אַ גאַנצע און אינטעגראַלע אידישע ווירטשאַפט. ווייל וואָס איז דען היסטאָריש געווען די קללה פון אידישער ווירטשאַפט? פאַקטיש איז זי קיין ווירטשאַפט אין אייגנטלעכן זינען פון וואָרט ניט געווען. אין משך פון אַ סך יאָרהונדערטן האָבן אידן אין די מייסטע לענדער פון זייער צע־שפרייטונג זיך אַריינגעשפאַרט (אַמאָל זיינען זיי אויך איינגעלאַדן געוואָרן זיך אַריינצושפאַרן) אין די שפאַרונעס פון שוין עקזיסטירנדיקע נאַציאָנאַלע ווירטשאַפטן. דאָס מוז ניט דווקא הייסן, ווי פיל האָבן אַמאָל געוואָלט טייטשן, אַז איזן זיינען אין די אַלע לענדער ניט געווען קיין נוצלעכער עלעמענט אין סאָציאַל־עקאָנאָמישן זינען פון וואָרט, אַז מיר האָבן זיך „אָנגעלייגט אויף די קאַרקן״ פון די אומות העולם און געפירט אַ פאַראַ־זיטיש לעבן. די עקאָנאָמישע פונקציעס וואָס די מייסטע אידן האָבן דער־פילט זיינען סאָציאַל־עטיש ניט געווען נידעריקער פון די באַשעפטיקונגען, מיט וועלכע דער רוב מנין און רוב בנין פון דער ניט־אידישער וועלט האָט זיך אָפּגעגעבן. זיי זיינען אָבער געווען איינזייטיקע, אין אַ גרויסער מאָס פאַרמיטלערישע פונקציעס, און דערפאַר אָפּהענגיק פון דער באַציאונג מצד דער ניט־אידישער סביבה — פון קונדן. די פאַרווירקלעכונג פון ציוניזם האָט געפאָדערט, אַז אַנשטאָט יענער איינזייטיקייט און אומסטאַ־ביליטעט זאָל דאָס אידישע לעבן אין ארץ־ישראל אויפגעבויט ווערן אויפן יסוד פון אַן אינטעגראַלער ווירטשאַפט, אַז מיר זאָלן ווערן אויך עקאָנאָמיש אַ פאָלק, און דאָס הייסט, זיין פאַרטראָטן אין אַלע ספערן און צווייגן פון אַ פילזייטיקער מאָדערנער ווירטשאַפט.

אין 1908 האָט ניט קיין קלענערע פיגור ווי אחד־העם נאָך געקאָנט אַרויסקומען מיט זיין „סך־הכל״, וועלכער איז געווען אויפגעבויט אויפן טעזיס, אַז מיר וועלן קיין מאָל ניט האָבן אין ארץ־ישראל קיין אידישן לאַנדווירטשאַפטלעכן קלאַס אינם אָנגענומענעם זינען פון וואָרט. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז אידישע אַגריקולטורעלע קאָלאָניזאַציע וועט זיין באַ־גרענעצט הויפטזעכלעך אויף מער אָדער ווייניקער פאַרמעגלעכע פאַרמערס („בועזים״, ווי ער האָט זיי אָנגערופן), וועלכע וועלן באַשעפטיקן אַראַבישע אַרבעטער. פאַר יענע יוגנט־קרייזן, פון וועלכע עס איז שפעטער אַרויסגע־קומען די היינטיקע אידישע אַרבעטער־באַוועגונג, האָט עס געהייסן דאָס זעלבע וואָס באַהויפטן, אַז דער ציוניזם בכלל וועט קיין מאָל ניט פאַרווירק־לעכט ווערן. אַן אַראַבישער אַרבעטער־קלאַס, באַשעפטיקט פון אַ קלאַס אידישע אַרבעטס־געבער — איז ניט קיין באַזע פאַר אויפבויען אַ אידיש לאַנד. ניט סאָציאַל־עטיש, ניט פאָליטיש. מיר וואָלטן דורך דעם, פאַר אַלעמען, פאַראורטיילט געוואָרן אויף צו בלייבן אַן אייביקע מינאָריטעט,

ווייל דער רוב מנין פֿון דער באַפֿעלקערונג אין אַ לאַנד זיינען די אַזוי גערופֿענע „נידעריקערע" קלאַסן — לאַנדווירטן, אַרבעטער, פּראָדוצירער. ציוניזם הייסט אַ אידישע מערהייט אין ארץ־ישראל און די אַרבעטנדיקע עלעמענטן אַלס די מערהייט פֿון דער אידישער באַפֿעלקערונג.

דער ציוניזם גופֿא — שוין ניט רעדנדיק וועגן אַלגעמיינע סאָציאַל־עטישע אידעאַלן מיט וועלכע אונדזער יונגע אַרבעטערשאַפֿט איז געווען דורכגעדרונגען — האָט געפֿאָדערט אַ באַשטימטע ליניע פֿאַר אידישער קאָלאָניזאַציע און פֿאַר אידישער עקאָנאָמישער אומשיכטונג. אָן דער דאָזיקער ליניע, אָן אַ באַשטימטער פּאָליטיק אין דער ריכטונג פֿון אַ אידישער אינטעגראַלער ווירטשאַפֿט, וואָלט פֿאַר יענע פֿאַזן אין דער פֿאַרווירקלעכונג פֿון ציוניזם, דורך וועלכע ארץ־ישראל איז שוין דורכגעגאַנגען אין משך פֿון די לעצטע פֿינף און צוואַנציק יאָר, ניט געווען קיין פּלאַץ. פֿון דעם שטאַנדפּונקט מעג מען, אָן וועלכע ניט איז קווענקלענישן, באַהויפּטן, אַז די הסתּדרות מיט איר „קלאַסן־אידעאָלאָגיע" האָט דורכגעפֿירט אין לעצטן דור די גרעסטע אידישע מיסיע פֿון אָן אַלגעמיינער נאַציאָנאַלער באַדייטונג. אַדאַנק דער הסתּדרות און אירע פֿאַרצווייגטע טעטיקייטן און באַזונדערס אַדאַנק איר גרויסער פּעדאַגאָגישער ראָל סיי אין ארץ־ישראל און סיי, דורך חלוציות און הכשרה, אין לענדער מיט גרעסערע אידישע ישובים, זיינען באַזייטיקט געוואָרן אַ גאַנצע צאָל „אַרגומענטן" אָדער ספֿקות, וואָס קעגנער און סקעפּטיקער האָבן גענוצט בנוגע דעם ציוניזם. פֿאָלגנדיקע מאָמענטן זיינען דער וועלט — דער אידישער ווי דער ניט־אידישער — קלאָר געוואָרן אויפֿן יסוד פֿון די הסתּדרות־דערגרייכונגען:

א. אַז ס'איז נישטאָ אַזאַ אַרבעט, מעג זי זיין די איינפֿאַכסטע, אָדער די סאַמע קאָמפּליצירטסטע, אויף וועלכער אידן זיינען ניט פֿעאיק — פֿיזיש, פּסיכיש און ווילנסמעסיק. אויב דאָס אידישע פֿאָלק האָט געדאַרפֿט אויסהאַלטן אָן עקזאַמען און באַווייזן זיך אַליין און דער וועלט, אַז עס איז מסוגל אויפֿצובויען, אַזוי צו זאָגן, אָן אייגענעם „עקאָנאָמישן קאָסמאָס", האָט עס דעם דאָזיקן עקזאַמען פֿולשטענדיק אויסגעהאַלטן. אַגריקולטור, מלאָכה, אינדוסטריע, טראַנספּאָרט, פּאָליציי־דינסט, אַלע מינים אַרבעטן אויף דער יבשה, אויפֿן ים און אין דער לופֿט — עס איז שוין היינט נישטאָ אַזאַ עקאָנאָמישע פֿונקציע, אין וועלכער אידן אין ארץ־ישראל זיינען ניט באַשעפֿטיקט און אין וועלכער זיי האָבן זיך, אין פֿאַרשידענע גראַדן, ניט איינגעוואָרצלט. די פּאָליטיק און די פּעדאַגאָגיק פֿון דער הסתּדרות האָבן עקספּערימענטאַל באַוויזן, אין דער הינזיכט, די פֿולשטענדיקע שטאַט־בילדנדע פֿעאיקייט פֿונם אידישן פֿאָלק.

ב. אין אַלע עקאָנאָמיש־פּראָגרעסיווע לענדער איז אין די לעצטע פּאָר דורות די שטאָטישע באַפֿעלקערונג געוואַקסן אויפֿן חשבון פֿון דער דאָרפֿישער. ביי די אומות העולם זיינען אַ סך מיליאָנען מענטשן איבערגעגאַנגען פֿון לאַנדווירטשאַפֿט צו אינדוסטריע און אַנדערע „אורבאַניסטישע" ווירטשאַפֿט־צווייגן. פֿיל האָבן דערפֿאַר געקוקט יאָרנלאַנג אויפֿן ציוניזם ווי אויף אַן אומנאַרמאַלער און דערפֿאַר אוטאָפּיסטישער באַוועגונג: האָט דאָך דער ציוניזם געפֿאָדערט עפּעס וואָס גייט להיפּוך צום „אַלגעמיינעם פּראָצעס" — אַז גרויסע צאָלן אידן זאָלן איבערגיין פֿון שטאָט אין דאָרף. אין משך פֿון לעצטן דור האָבן דער ציוניזם בכלל און די הסתדרות ספּעציעל באַוויזן, אַז דאָס איז ניט אומנאָרמאַל און ניט אוממעגלעך. דער וואוקס פֿון דער אַגריקולטורעלער אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל, סיי אין כמות און סיי אין איכות, האָט באַוויזן די פֿעאיקייט פֿונם שטאָטישן יונגן אידן זיך צו פֿאַרוואָרצלען אין דאָרף. אין אַ געוויסן זינען איז דאָס אַ מין באַשטעטיקונג פֿאַר דער קראַפֿט פֿון וואָלונטאַריזם אין סאָציאַלע באַוועגונגען. עס זיינען נישטאָ אין דער געשיכטע קיין אַזוי גערופֿענע „אייזערנע געזעצן", וואָס זיינען גילטיק פֿאַר אַלע צייטן, לענדער און פֿעלקער. אויב די קאָנקרעטע און ערנסטע באַדערפֿענישן פֿון אַ פֿאָלק פֿאָדערן אין אַ באַשטימטער עפּאָכע עפּעס וואָס איז קעגן דעם, וואָס איז אָנגענומען צו באַטראַכטן אַלס די „אָביעקטיווע טענדענץ", קען דאָס דורך ווילן און זעלבסט־דערציאונג דערגרייכט ווערן. פֿון דעם שטאַנדפּונקט האָט אונדזער אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע, אינספּירירט און אָנגעפֿירט פֿון דער הסתדרות, געלייסטעט אַ וויכטיקע פּיאָנערן־אַרבעט ניט נאָר פֿאַר אידן אַליין. עס איז קלאָר פֿאַר יעדן בר־דעת אַז אין אַ צאָל עקאָנאָמיש צוריקגעשטאַנענע, הויפּטזעכלעך, אַגראַרע לענדער, וועט אין די קומענדיקע עטלעכע דורות פֿאָרקומען אַ פּראָצעס פֿון טיילווייזער אינדוסטריאַליזאַציע און אורבאַניזאַציע. כינע און אינדיע, למשל, האָבן אין דער הינזיכט אַ גרויסע צוקונפֿט: זיי וועלן דורכגיין, לכל הפּחות, אַ צאָל פֿון יענע פּראָצעסן, וואָס רוסלאַנד האָט דורכגעמאַכט אין די לעצטע דרייסיק יאָר פֿון פֿאַר דער רעוואָלוציע און באַזונדערס אינטענסיוו צווישן 1917 און 1941, אונטער דער סאָוועטישער סיסטעם. די אינדוסטריאַליזאַציע און אורבאַניזאַציע פֿון געוויסע עלעמענטן אין דער באַפֿעלקערונג פֿון יענע לענדער איז אי אומפֿאַרמיידלעך, אי העכסט געוואונטשן. מען דאַרף אָבער ניט פֿאַרגעסן, אַז עס זיינען פֿאַראַן עקאָנאָמיש פּראָגרעסיווע לענדער מיט אַ דאָמינירנדיק־שטאָטישער ווירטשאַפֿט, וואו מחמת ענדערונגען אין קאָלאָניאַלער פּאָליטיק און עקאָנאָמישן קאָלאָניאַליזם וועלן מיט דער צייט געוויסע טיילן פֿון דער באַפֿעלקערונג אפֿשר מוזן איבערגיין צוריק פֿון שטאָט אין דעם דאָרף.

אַזאַ פּראָצעס איז כּלל ניט אויסגעשלאָסן, למשל, אין דעם אַממערסטן אור־באַניסטישן לאַנד אין דער וועלט — ענגלאַנד. אין ענגלאַנד האָט מען שוין נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה אַנגעהויבן ערנסט צו רעדן, אַז מ׳מוז דאָרט פֿאַרגרעסערן די פּראָדוקציע פֿון שפּייז־אַרטיקלען און רוי־שטאָפֿן און אַז די וויטיזיכטיק־אויפֿגעפּאַסטע אינטערעסן פֿון פֿאָלק פֿאָדערן, אַז אַ פּאָר מיליאָן שטאָטישע ענגלענדער זאָל זיך באַזעצן אויפֿן לאַנד. דאָס פּראָבלעם וועט אפֿשר נאָך דער איצטיקער מלחמה ווערן דאָרט שאַרפֿער, און ס׳איז פֿאַראַן אַ וואַרשיינלעכקייט אַז אויך ענגלאַנד וועט מוזן, אין אַ געוויסער מאָס, גיין להיפּוך צו דער „אַלגעמיינער טענדענץ״. מען דאַרף ניט זיין קיין גרויסער באַרימער, כּדי צו באַהויפּטן, אַז אויב אַזאַ פּראָצעס וועט זיך דאָרט אין אונזערע יאָרן אָנפֿאַנגען, וועלן די ענגלענדער זיך דאַרפֿן עפּעס אָפּלערנען פֿון אונז, פֿון דער ציוניסטישער מעטאָדע, פֿון דער פּעדאַגאָגיק און דערפֿאַרונגען פֿון דער הסתּדרות.

ג. אונדזער אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע האָט באַוויזן, אַז ס׳איז נישטאָ אַזאַ געזעץ, לויט וועלכן דאָס דאָרף מוז זיין קולטורעל הינטערשטעליק לגבי דער שטאָט. עס איז כאַראַקטעריסטיש וואָס דער שפּאַנישער פֿילאָזאָף מיגועל אונאַמונאָ שרייבט וועגן דעם ענין אין זיין לעצטן באַנד עסייען:* "Civilization is civism" (ציוויליזאַציע איז שטאָטישקייט). זיין אידעאַל פֿאַר שפּאַניע איז אַפֿילו ניט מאַדריד, די הויפּטשטאָט, נאָר באַרסעלאָנאַ, דער סאַמע אורבאַניסטישער צענטער פֿונם לאַנד. דאַרף איז פֿאַר אים, ניט בלויז היסטאָריש, נאָר אין תּוך, לויט אינעווייניקסטער לאָגיק, דער סימבאָל פֿון אומקולטור. דער הסתּדרות־עקספּערימענט האָט באַוויזן, ווי אומריכטיק אַזאַ טעזיס איז. דאָס אַרבעטער־דאָרף אין ארץ־ישׂראל איז, לכל הפּחות, ניט ווייניקער קולטורעל פֿון דער שטאָט, און עס וועט ניט זיין קיין גוזמא צו באַהויפּטן, אַז עס לעבט אַפֿילו אַ העכערן און עכטערן קולטור־לעבן איידער דער דורכשניט פֿון דער שטאָטישער באַפֿעלקערונג. דאָס דאָרף איז דאָס, וואָס לעבעדיקע מענטשן, מיט זייערע באַדערפֿענישן און געשמאַקן, מאַכן פֿון אים.

דער הסתּדרות־עקספּערימענט האָט אָבער דעמאָנסטרירט, אַחוץ דעם, אויך אַן אַנדער זייער וויכטיקן מאָמענט: די מעגלעכקייט אויפֿצובויען — באַזונדערס אין אַ לאַנד וואָס איז ערשט אין פּראָצעס פֿון אַנטוויקלונג דורך איינוואַנדערונג און קאָלאָניזאַציע — אַ לעבנספֿעאיקן סאָציאַליסטישןווירטשאַפֿטס־סעקטאָר אין דער אַלגעמיינער ראַם פֿון אַ קאַפּיטאַליסטי־שער סביבה.

---

*) מיר ציטירן עס פֿון דער ענגלישער איבערזעצונג אונטערן נאָמען "Perplexities and Paradoxes".

דער אידעאַל פֿון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין ארץ־ישראל איז די שאַפֿונג פֿון אַ קאָאָפּעראַטיווער געזעלשאַפֿט, און פֿאַרגענומען האָט זי זיך די דאָזיקע אויפֿגאַבע דורכצופֿירן דורך דעם עצם פּראָצעס פֿון דער ציוניסטישער פֿאַרווירקלעכונג. אויך דאָס איז פֿון פֿיל באַטראַכט גע־וואָרן אַלס אַ שטיק אוטאָפּיע: אָן אַ רעוואָלוציע אין קאָנווענציאָנעלן זינען פֿון וואָרט, אָן מלוכה־מאַכט וואָס זאָל נוצן דעם רעגירונגס־אַפּאַראַט און לעגיסלאַציע פֿאַר סאָציאַליסטישע צוועקן — ווי איז דאָס מעגלעך? אויך דאָ האָט די הסתדרות געבויט אויפֿן יסוד פֿון אַ געוויסן וואָלונטאַריזם. זי האָט אַפּעלירט צום אינדיווידועלן ווילן פֿאַר „זעלבסט־רעאַליזאַציע" און גענוצט געוויסע מעטאָדן פֿון סאָציאַלער פּעדאַגאָגיק. די באַציאונג צום סאָציאַליסטישן עקספּערימענטירן אין ארץ־ישראל איז אַ לאַנגערע צייט געווען אַ קעגנערישע און, אין אַנדערע קרייזן, אַ סקעפּטישע. פֿאַרמעל האָט דער סקעפּטיציזם געהאַט אויך וואָס זיך צו שטיצן. עקספּערימענטן פֿון דעם כאַראַקטער זיינען שוין, פֿאַר דער הסתדרות און פֿאַר אונזער דור, געמאַכט געוואָרן ניט איין מאָל, און אין די מייסטע פֿאַלן האָבן זיי פֿריער אָדער שפּעטער באַנקראָטירט. צווייפֿלער האָבן, למשל, אָנגעוויזן אויף די „פּילגרים־פֿאָטערס" אין אַמעריקע און האָבן געזוכט צו פֿאַרגלייכן צו זיי חלוצים און סאָציאַליסטיש־געשטימטע „קבוצה"־בויער. אין אָנפֿאַנג האָבן די פּילגרימען אויך געפּירט אַ קאָמונאַלן לעבן, ווייל דאָס האָט זיך בעסער געלוינט די ערשטע צייט, כּדי בייצוקומען די האַרטקייטן און שווע־ריקייטן פֿון לעבן אויף אַ נייעם, אומבאַפּעלקערטן קאָנטינענט. אָבער אַזוי שנעל ווי די לעבנס־באַדינגונגען זיינען געוואָרן לייכטער און זיי האָבן צוריקגעצאָלט זייערע חובות, זיינען זיי צוריקגעגאַנגען צו אינדיווידואַליס־טישערווירטשאַפֿט. אָבער אויך שפּעטערדיקע עקספּערימענטן, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן אין אַמעריקע און וואָס זייער אויסגעשפּראָכענער ציל איז געווען דאָס שאַפֿן פֿון קאָמונאַלע אָדער קאָאָפּעראַטיווע לעבנס־פֿאָרמען, האָבן קיין גרויס מזל ניט געהאַט. מיס יוליאַ וויליאַמס, וועלכע האָט אין 1939 אָנגעשריבן וועגן יענע פֿאַרזוכן אַ ספּעציעלע פֿאָרשונגס־אַרבעט פֿאַר דער אוניווערזיטעט פֿון סאַוט דאַקאָטאַ, האָט אונז געגעבן אַ רשימה פֿון 236 קאָלאָניעס אין אַמעריקע, וואָס זיינען אין משך פֿון עטלעכע דורות גע־שאַפֿן געוואָרן לויט פּרינציפּן, וואָס זיינען ענלעך צו די פּרינציפּן פֿון דער „קבוצה" אָדער „מושב עובדים". לויט אירע אויסרעכענונגען, האָבן 25 פּראָצענט פֿון זיי ניט עקזיסטירט אַפֿילו קיין גאַנץ יאָר. 38 פּראָצענט פֿון יענע קאָלאָניעס האָבן זיך ליקווידירט פֿאַרן סוף פֿונם צווייטן יאָר; 45 פּראָצענט האָבן ניט דערלעבט צו פֿייערן זייער פֿינפֿטן געבורטס־טאָג. בלויז דרייסיק פּראָצענט פֿון יענער אַלגעמיינער צאָל האָבן פֿונקציאָ־

נירט מער ווי אַ צענדליק יאָר. אין אונזערע יאָרן האָבן זיך אין אַמעריקע ליקווידירט די זיבן קאָמוניסטישע „אַמאָנה״־קאָלאָניעס אין אַיאָוואַ. די אַנטוישונגען, וואָס קאָמוניסטישע און קאָאָפּעראַטיווע קאָלאָניזאַציע האָט דורכגעמאַכט אין אַמעריקע (מיטן אויסנאַם פֿון די דייטשע דערפֿער אין סאַוט דאַקאָטאַ, וועלכע זיינען באַקאַנט אונטערן נאָמען “Hutterische Gemein” און עקזיסטירן נאָך ביזן היינטיקן טאָג), האָבן געדאַרפֿט דינען ווי פֿיל האָבן אָנגעוויזן, אַלס אַן אַנטמוטיקונג פֿאַר אונזער עקספּערימענט אין ארץ־ישראל. די דערפֿאַרונג האָט אָבער געוויזן, אַז ניט נאָר האָבן זיך ביז היינט קיין „קבוצות״ און קיין „מושבים״ ניט ליקווידירט, נאָר אַז זייער באַפֿעלקערונג ווערט פֿאַרגרעסערט און זייער צאָל וואַקסט פֿון יאָר צו יאָר. נאָך וויכטיקער איז וואָס קינדער וואָס זיינען אויסגעוואַקסן אין קאָמונאַלע אָדער קאָאָפּעראַטיווע דערפֿער זיינען פֿון זייער אַרט לעבן אוןווירטשאַפֿט ניט „מיד״ געוואָרן און זיי אַליין בויען אויף אין נייע פּלעצער פּונקטן מיט דעם זעלביקן סאָציאַלן אינהאַלט און כאַראַקטער. אין דער ענגער ראַם פֿון די דאָזיקע באַמערקונגען וואָלט געווען אוממעגלעך צו באַהאַנדלען די פֿראַגע, פֿאַרוואָס ענלעכע עקספּערימענטן אין אַמעריקע האָבן זיך ניט איינגעגעבן און זיי האָבן אין זייער גרעסטער צאָל קיין אַריכת־ימים ניט געהאַט, און פֿאַרוואָס ביי אידן אין אַרץ־ישראל איז דאָך געלונגען צו שאַפֿן אַ באַדייטנדיקן סאָציאַליסטיש־קאָאָפּעראַטיוון ווירטשאַפֿטס־סעקטאָר. מיר ווילן דאָ בלויז, אַגב־אורחא, דערמאָנען דעם פֿאַקט, אַז פֿיל פֿון די אַמעריקאַנער קאָלאָניעס זיינען אויפֿגעבויט געוואָרן אויפֿן יסוד פֿון אויטאָקראַטישער פֿאַרוואַלטונג אָדער „פֿירער־קולט״, און דאָס אַליין איז שנעל געוואָרן אַ מקור פֿון דעמאָראַליזאַציע און פֿונאַנדערפֿאַל. דער דעמאָקראַטישער כאַראַקטער פֿונם אידישן אַרבעטער־עקספּערימענט אין ארץ־ישראל, די גלייכע דעה וואָס עס האָבן דאָרט אַלע מיטגלידער אין דער פֿאַרוואַלטונג, אין דער אָרגאַניזאַציע פֿון דער ווירטשאַפֿט און אין אַלע אַנדערע ספֿערן פֿונם לעבן איז, אָן ספֿק, אַן אומגעהייער וויכטיקער צעמענטירנדיקער פֿאַקטאָר. מען דאַרף אויך ניט פֿאַרגעסן, אַז דער יסוד פֿון זייער פֿיל אַמעריקאַנער קאָמונאַלע און קאָאָפּעראַטיווע קאָלאָניעס איז געווען — רעליגיעזע סעקטאַנטישקייט און דאָגמאַטישקייט, און דערצו נאָך אַזאַ „סימפּליפֿיקאַציע״ פֿון לעבן, וואָס האָט געגרעניצט מיט אַסקעטיזם און אַ געוויסער קולטור־פֿיינטלעכקייט. די אידישע אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל איז פֿריי פֿון אַזעלכע שטערונגען און קייטן, און, פּונקט פֿאַרקערט, זי שטרעבט מיט אַלע מיטלען צו שאַפֿן וואָס מער געלעגנהייטן פֿאַר פֿרייען פּערזענלעכן זעלבסט־אויסדרוק און מער „פֿאַרביקייט״ אין דעם געמיינדע־לעבן. יעדנפֿאַלס, איז יענע קאָלאָ־

ניזאַציע שוין ניט מער קיין עקספּערימענט: זי האָט זיך פעסט איינגע־וואָרצלט און „איינגעבירגערט" אין לאַנד און געשאַפן אַ קאָנקרעטע, באַדנ־האַפטיקע אַחיזה פאַר דעמאָקראַטישן און קאָנסטרוקטיוון סאָציאַליזם. עס איז כאַראַקטעריסטיש, וואָס וואַוקאָפּ, דער געוועזענער הויך־קאָמיסאַר פון ארץ־ישראל — אַליין אַ קאָנסערוואַטאָר, לויט דערציאונג און מענטאַלי־טעט — האָט צוריק מיט דריי יאָר געראָטן ענגלאַנד זיך צו לערנען ביי אידישער קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל, און ספּעציעל ביי דער „קבוצה", ווי אַזוי צו לייזן אַ צאָל אַנגעווייטאָגטע סאָציאַל־עקאָנאָמישע פּראָבלע־מען ביי זיך אין דערהיים אין דעם נאָך־מלחמה־פּעריאָד פון רעקאָנס־טרוקציע.

ווי דער לייענער וועט זען פון דעם בוך, וואָס מיר ברענגען אים איצט, איז דער סאָציאַליסטישער סעקטאָר אין שטאָטישן און אינדוסטריעלן לעבן פון ארץ־ישראל אַ סך שוואַכער ווי אויפן לאַנד. אָבער אויך אין שטאָט איז שוין די הסתדרות ניט קיין קליינער סאָציאַלער פאַקטאָר מיט אירע אונטערנעמונגען און קאָאָפּעראַטיוון, און מען דאַרף האָפן אַז מיט דער צייט וועט זיך דער קאָאָפּעראַטיווער גייסט אַלץ מער פאַרקערפּערן אויך אין דער אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג (אין אַ גרויסער מאָס איז דאָס, וואָס יעדער קאָן פאַרשטיין, אַ פראַגע פון פינאַנציעלע מיטלען פאַר „אינוועסטירונגען" אין קאָאָפּעראַטיוו־אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען).

די הסתדרות פייערט דאָס ערשטע פערטל יאָרהונדערט פון איר עקזיסטענץ אין שווערע, קריטישע טעג. לאָמיר האָפן, אַז די גרויסע פּאָליטישע סכנות פאַר וועלכע דער אידישער אויפבוי פון ארץ־ישראל שטייט איצט, וועלן אין גיכן באַזייטיקט ווערן. די וועלט וועט זיך מוזן איבערצייגן, אַז ס'איז נישטאָ יענער כּוח וואָס זאָל אויף לאַנג אָפּהאַלטן אידן פון ווייטער בויען זייער היימלאַנד. הונדערטער טויזנטער אידן וועלן אין די קומענדיקע יאָרן אַריינשטראָמען קיין ארץ־ישראל פון איי־ראָפּע, פון אָריענטאַלישע לענדער, און געוויסע צאָלן אויך פון אַמערי־קע. דער הסתדרות וועט אויסקומען צו שפּילן אַ גרויסע, מסתּמא גאָר די צענטראַלע ראָלע אין אויפנעמען יענע כוואַליעס פון מענטשן־מאַסן, וואָס זוכן אַ היים, אַרבעט, אַ זינען אין לעבן און חשיבות אין לעבן. די גרויסע דערפאַרונגען, וואָס זי האָט אָנגעזאַמלט אין די 25 יאָר פון איר פרוכט־באַרער עקזיסטענץ — אין דערציען און איבערדערציען, אין עקאָנאָמישער אומשיכטונג, אין אויפהויבן די קולטור־מדרגה און די שאַפונגס־פאַ־טענצן פון נייע אייננוואַנדערער, אין צופּאַסן זיי צו די נייע באַדינגונגען פון לעבן און אַרבעט, אין אַבסאָרבירן זיי — וועלן זי מאַכן פאַר דעם וויכטיקסטן אינסטרומענט אינם פּראָצעס פון אידישן אויפבוי.

די הסתדרות ווערט איצט געשטעלט פֿאַר גרויסע נייע אויפֿגאַבן. מיט דער הילף פֿון טויזנטער און טויזנטער אידן אין דער וועלט, וואָס זיינען גרייט צו טיילן מיט איר די משא און די אַחריות פֿאַר יענע אויפֿגאַבן, וועט זי, דאַרף מען גלויבן, זיין בכּוח זיי צו דערפֿילן. די געשיכטע וויל, אַז זי זאָל אין דער צוקונפֿט אַריינשרייבן אין אונזער געשיכטע נאָך שענערע, גלאָררייכערע קאַפּיטלען, ווי די וואָס זי האָט ביז אַהער שוין אַריינגעשריבן...

חיים גרינבערג

אַ פערטל יאָרהונדערט הסתדרות

- הסתדרות — בויער פון אַ פאָלק
- דער אָנפאַנג
- די גרינדונג פון דער הסתדרות
- אויפטועך און דערגרייכונגען
- קולטור און דערציאונג
- די אַרבעטער־פרוי
- אין קאַמף פאַר עליה
- זעלבסטשוץ און הגנה
- די אידישע אַרבעטער־ווירטשאַפט און די הסתדרות
- אונזערע שכנים

חבֿרישקייט — אונזער פֿאַרמעגן

— — — איך האַלט, אַז דער גרעסטער מענטשלעכער ווערט וואָס אונזער באַוועגונג האָט געשאַפֿן, וואָס אָן דעם וואָלטן מיר ניט געקענט עקזיסטירן און גיין פֿאָראויס — איז דאָס פֿאַרמעגן פֿון חבֿרישקייט. און חבֿרישקייט איז ניט בלויז קיין אָרגאַניזאַטאָרישע זאַך, מיינט ניט בלויז דאָס אָנגעהערן צו דער הסתּדרות, מיינט ניט בלויז דאָס נעמען אויף זיך געזעלשאַפֿטלעכע אָדער הסתּדרותישע דיסציפּלין. חבֿרישקייט איז גרעסער דערפֿון: דאָס מיינט די מאָס פֿון באַציאונגען צווישן די אַרמעטער צווישן זיך, די קעגנזייטיקע פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿון די מענטשן, וואָס זיינען שותּפֿים צום גורל. חבֿרישקייט מיינט זיך צו אידענטיפֿיצירן מיטן גורל פֿון צווייטן, דאָס מיינט דער באַוואוסטזיין, אַז אויב דו ביסט אַרבעטסלאָז, איז עס נאָר אַ צופֿאַל און איך קען פּונקט אַזוי זיין אַרבעטסלאָז ווי דו; דאָס מיינט, אַז אויב דו ביסט געפֿאַלן אין דער הגנה, איז עס נאָר אַ צופֿאַל, און איך האָב געקענט פּונקט אַזוי געהרגעט ווערן ווי דו.

חבֿרישקייט מיינט דער באַוואוסטזיין וועגן דער גורל־געמיינשאַפֿט פֿון די מענטשן פֿון אַרבעט. אָן דעם דאָזיקן באַוואוסטזיין, אָן דעם דאָזיקן טיפֿן געפֿיל אין האַרצן איז נישטאָ קיין הסתּדרות און ס׳איז נישטאָ קיין אַרבעטער־באַוועגונג. נאָר מיטן מעכאַנישן כּוח פֿון די אַנשטאַלטן און פֿון דער אָרגאַניזאַציע וועט ניט קענען אויסהאַלטן קיין שום אַרבעטער־באַוועגונג.

— — — אויב מיר האָבן צענדליקער יאָרן בייגעשטאַנען גרעסערע שוועריקייטן ווי די איצטיקע, און אויב מיר זיינען פֿון אַ קליינער צאָל מענטשן געוואָרן אַ כּוח — איז דאָס אין זכות פֿון דער דאָזיקער חבֿרישקייט.

דוד בן גוריון

הסתדרות — בויער פון א פאָלק

●

ב. קאַצענעלסאָן

נאַציאָנאַלער און אַרבעטס־מאַקסימאַליזם

— — — פון דער ערשטער רגע אָן, ווען אונזער אַרבעט איז נאָך געווען אָרעם און קליין, האָט זי זיך פאַרנומען אויף ברייטע האָריזאָנטן. ווען מיר זיינען נאָך געווען ווינציק און שוואַך, האָבן מיר זיך באַטראַכט ווי פיאָנערן פון קלאַס פון אַרבעטנדיקע, ווי אַ מחנה, וואָס גייט פאָרויס פאַרן פאָלק און לויט דעם האָבן מיר פעסטגעשטעלט אונזער אויפגאַבע. און נאָך איידער מיר זיינען רייף געוואָרן צו זעלבסטשטענדיקער קאָלאָניזאַציע־טעטיקייט, זיינען שוין געוואָרן קענטיק אין אונז צוויי הויפט־שטריכן, וואָס האָבן שפּעטער אויסגעפורעמט דאָס געשטאַלט פון אונזער באַוועגונג. די דאָזיקע צוויי יסודות זיינען: די חברישקייט פון אַרבעטער און דער באַוואוסטזיין פון אונזער חלוצישער שליחות **אין לעבן פון פאָלק.**

די חברישקייט איז געלייגט געוואָרן אין יסוד פון אונזער באַוועגונג פון אירע ערשטע טעג אָן. די איינזאַמקייט און פאַריתומטקייט האָבן פאַר־טיפט די באַנדן פון חברישקייט. די וויסטעניש אַרום און די שאַרפע נויט האָבן געטריבן צו קעגנזייטיקער הילף. פון דעם האָבן אַרויסגעשפּראָצט די שטרעבונגען צו לעבנס־ און ווירטשאַפט־פאָרמען אויפן יסוד פון קאָלעק־טיוויזם, קעגנזייטיקער אחריות, גלייכהייט און געזעלשאַפטלעכער צוזאַמענ־שלום.

פון אָנהויב אָן האָט אין אונז טיף געלעבט דער באַוואוסטזיין, אַז מיר זיינען שליחים פון אַן אָרים פאָלק, אַז ניט צופעליק זיינען מיר אַהער גע־קומען, און אַז מיר האָבן ניט קיין אַנדער לייזונג ווי די לייזונג פון דער לעבנס־פראַגע פון פאָלק.

דערפון שטאַמט אונזער נייגונג צו וועגן און מעסטן און אָפּשאַצן יעדע טאַט און יעדן טריט, ווי ער וואָלט געקומען אַנטשיידן די וואָגשאָל אין לעבן פון פאָלק: צום לעבן אָדער טויט. פון דעם שטאַמט דער לעבעדיקער ווילן צוצופּאַסן יעדע טעטיקייט צו אַן איין און איינציקער לייזונג — צו דער נויט פון פאָלק. פון דעם שטאַמט דער ציטער איבערן גורל פון דער

עליה און פון נייעם אײנוואַנדערער. פון דעם קומט די זאָרג פאַרן מצב אין גלות און פאַר דער דערציאונג און הכשרה פון איצטיקן דור. פון דעם — די אַנשטרענגונגען אויסצוטרעטן נייע וועגן פאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג, טראָץ אַלע אַנטוישונגען. מיר האָבן געגלויבט אין גרויסע אויפ־טוען, מיר האָבן געגלויבט, אַז די אַרבעטער־באַוועגונג איז געשאַפן גע־וואָרן פאַר גרויסע אויפטוען, מיר האָבן געפילט דעם באַריר פון גייסט פון דערהאָבן־גרויסן, און מיר האָבן זיך געלערנט צו פאַרבויגן די קלייני־קייטן פון אונזערע טאָג־טעגלעכע טעטיקייטן אין נאָמען פון דער גרויסער וויזיע פון דער צוקונפט.

די דאָזיקע פאַרבינדונג פון חברישער און נאַציאָנאַלער טרייהייט איז אונז בייגעשטאַנען אין די שווערע קריזיסן, וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט: אין די טעג ווען ס'האָט זיך אונז געדוכט, אַז ס'האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אונז די שווערד פון פאַרניכטונג. און אַזעלכע טעג פון נסיון האָבן מיר געהאַט אַ סך: די טעג פון קריג און פון די גירושים, די פּאָגראָמען אין 1921, די קריזיסן פון אַרבעטסלאָזיקייט אין 1923 און אין 1926, די אָב־געשעענישן. ווען מיר וואָלטן ניט געשטאַנען פעסט אויף אונזערע פּאָזיציעס אין די דאָזיקע טעג — ווער ווייסט, צי מיר וואָלטן זיך געקענט באַרימען מיט אונזער שטאַלץ פון איצט.

דער דאָזיקער סינטעז פון חברישקייט און חלוציזם, וואָס מיר דאַרפן באַטראַכטן ווי אַ כּסדרדיק רייסן זיך צום אַרבעטס־מאַקסימאַליזם און צום נאַציאָנאַלן מאַקסימאַליזם, האָט צוזאַמענגעשמידט די אַרבעטער־מחנה אין לאַנד און פון איר אויסגעהאַמערט איין קערפּער, וועמענס נאָמען איז הסתדרות העובדים הכללית בארץ־ישראל. אין דאָזיקן סינטעז ליגט דער סוד פון דער איינהייט פון אונזער באַוועגונג, דער סוד פון איר כּוח און קראַפט.

דוד בן גוריון

אונזער הסתדרות

די הסתדרות הכללית איז ניט דער אָנהויב און ניט דער ערשטער שריט, נאָר אַ נייער, העכערער שטאַפּל אין וואוקס פון אונזער באַוועגונג.

די מערסטע ווערטן פון אונזער באַוועגונג זיינען פּאַקטיש געשאַפן געוואָרן נאָך פאַר דער גרינדונג פון דער הסתדרות:

דער ווערט פון אַרבעט און איר פּלאַץ אין דער עמאַנציפּאַציע פון פאָלק און אויפבוי פון לאַנד; דאָס ווערק פון שמירה און הגנה; דער גע־דאַנק פון זיך פאַרווירקלעכנדיקן סאָציאַליסטישן חלוציזם; דער אויפבוי

פֿון דער אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע און די פֿאַרווירקלעכונג פֿון דער נאַ־ציאָנאַליזירונג פֿון באָדן; די פּראַקטיש־פּראָפֿעסיאָנעלע אָרגאַניזירונג אין שטאָט און שפּעטער אויך אין דאָרף; די פֿאָרם פֿון דער קבוצה, וואָס ענדערט די ווערטן פֿון דער ווירטשאַפֿט, פֿון דער געזעלשאַפֿט און דערציאונג; דאָס אַריינברענגען אַ וויסנשאַפֿטלעכע שיטה אין דער געמישטער לאַנדווירט־שאַפֿט; די שאַפֿונג פֿון אַן אַרבעטס־ליטעראַטור; די פֿאַרווירקלעכונג פֿון רעדן העבּרעאיש אַלס אַרבעטס־שפּראַך אין געדאַנק און אין דער טאַט; דאָס אויפֿשטעלן אַנשטאַלטן פֿון קעגנזייטיקער הילף (קופּת־חולים, המשביר, פּאַלעסטינע ארבעטער־פֿאָנד (קפּא״י); די פֿאַרבינדונגען מיט דער אידיי־שער און אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג; דאָס אויפֿשטעלן די באַוועגונג פֿון אַרבעטער־פֿרויען און דאָס אויפֿהויבן די אַרבעטער־פֿרוי אַלס אַ גלייכבאַרעכטיקטן און גלייכטעטיקן פֿאַקטאָר אין דער ווירטשאַפֿט, אין דער אַרבעט, אין געזעלשאַפֿטלעכן לעבן; דער געדאַנק פֿון איינהייט פֿון אַרבעטער־קלאַס און זיין היסטאָרישע מיסיע; דער פּאָליטישער קאַמף פֿאַר די נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע רעכט; די אָרגאַניזירונג פֿון דער החלוץ־באַוועגונג אין גלות — די דאָזיקע אַלע ווערטן און דערגרייכונגען, וואָס ליגן אין יסוד פֿון דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטער־באַוועגונג זיינען אויסגעוואַקסן און האָבן געשלאָגן וואָרצלען נאָך פֿאַר דער גרינדונג פֿון דער הסתּדרות.

אָבער דאָך וועט דער אָנדענק פֿון גרינדונגס־טאָג אין חיפֿה — אין חנוכּה, 1920 — בלייבן אַן אַנטשיידנדיקע היסטאָרישע דאַטע אין דער גע־שיכטע פֿון אונזער באַוועגונג, פּונקט אַזוי ווי עס איז געבליבן אַ היס־טאָרישע דאַטע דער ערשטער ציוניסטישער קאָנגרעס אין באַזעל אין דער געשיכטע פֿון ציוניזם. מיט דער גרינדונג פֿון דער הסתּדרות איז אויפֿגע־שטעלט געוואָרן די איינהייט פֿון אַרבעטער־קלאַס, זיינען געוואָרן מאָבי־ליזירט זיין אַרבעטס־פֿעאיקייט, זיין שעפֿערישער און קאַמפּס־כּוח און ס׳איז געוואָרן אָרגאַניזירט זיין קאָלעקטיווע אחריות.

די אַנטשטייאונג פֿון דער הסתּדרות איז אויסגעפֿאַלן אין דער צייט פֿון דער גרויסער שפּאַלטונג פֿון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועג־גונג און וואוקס פֿון דער השפּעה פֿון רוסישן קאָמוניזם. די דאָזיקע שפּאַל־טונג האָט נאַטירלעך, ניט אויסגעמיטן אויך די אידישע אַרבעטער־באַוועג־גונג. פֿעסטע פּאַרטייען מיט אַן אַלטער אָרגאַניזאַציאָנס־טראַדיציע פֿון לאַנגע יאָרן, ווי דער בונד און פּועלי־ציון, האָבן ניט געקאָנט ביישטיין דעם שטורעם פֿון שפּאַלטונג. אָבער דווקא אין דער צייט זיינען אין ארץ ישראל געלייגט געוואָרן די יסודות פֿאַר דער פֿאַראייניקטער אָרגאַניזאַציע פֿון אידישן אַרבעטער־קלאַס, מיט וועמענס כּוח די אַרבעטערשאַפֿט האָט דערגרייכט צו דעם איצטיקן מצב.

דער ווערט און כוח פֿון דער הסתּדרות באַשטייט ניט נאָר אין זיכערן איר אינערלעכע איינהייט און די פֿאַרשטאַרקונג פֿון דער אָרגאַניזאַציע־ראַם פֿון אַרבעטער־קלאַס. דאָס, וואָס צייכנט אויס אונזער באַוועגונג אפֿשר מער פֿאַר אַלץ — איז די רייכקייט און פֿאַרשידנאַרטיקייט פֿון אירע אויפֿ־גאַבן. די פֿאַרצווייגטע טעטיקייט פֿון דער הסתּדרות נעמט אַרום אַלע באַדערפֿענישן און שטרעבונגען פֿון אַרבעטער: אַרבעט און ווירטשאַפֿט, קאָלאָניזאַציע און אימיגראַציע, קולטור און דערציאונג, אַפּהיטונג פֿון געזונט און קערפּער־קולטור, קאַמף פֿאַר די אַרבעטס־באַדינגונגען און בירגער־רעכט, די זאָרג פֿאַר זיכערקייט און שוץ פֿון לעבן.

די אַרבעטער־באַוועגונג אין אַלע לענדער באַשטייט פֿון דריי צווייגן: די פּראָפֿעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציע, די פּאָליטישע פּאַרטיי און די קאָאָפּע־ראַטיווע פֿאַראייניקונג. די ערשטע אָרגאַניזירט די אַרבעטער אַלס פּראָדו־צענטן לויט זייערע פֿאַכן, און זי פֿאַרבעסערט די אַרבעטס־באַדינגונגען אין די אַרבעטס־וואַרשטאַטן; די צווייטע קעמפֿט פֿאַר די פּאָליטישע און סאָציאַלע רעכט פֿון די אַרבעטער אַלס בירגער פֿון לאַנד, און די דריטע אָרגאַניזירט די פֿאַרזאָרגונגס־ווירטשאַפֿט פֿון די אַרבעטער אַלס פֿאַר־ברויכער.

די הסתּדרות פֿאַראייניקט אין איר טעטיקייטס־קרייז דעם אינהאַלט פֿון די דאָזיקע דריי טעטיקייטס־צווייגן. אָבער אויסער דעם האָט זי נאָך פֿיל פֿאַרצווייגטע אויפֿגאַבן. די ווירטשאַפֿט, דאָס לאַנד און די אַרבעטער אין אַנדערע לענדער עקזיסטירן שוין פֿון פֿריער; די אויפֿגאַבע פֿון דער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע באַשטייט אין צופּאַסן די אַרבעטס־באַדינגונגען, די מלוכה־געזעצן, און די פֿירונג פֿון דער ווירטשאַפֿט צו די באַדערפֿע־נישן און פֿאָדערונגען פֿון די אַרבעטער. אָבער דאָ, אין ארץ־ישׂראל, דאַרף די באַוועגונג דורכפֿירן מעשׂה־בראשית: זי דאַרף ניט נאָר אָרגאַניזירן דעם אַרבעטער, נאָר אים אויסבילדן, אים אויפֿהויבן און פֿאַרפֿאָלקאָמען; זי דאַרף ניט נאָר פֿאַרבעסערן די אַרבעטס־באַדינגונגען, נאָר אויך אויסזוכן און פֿאַרגרעסערן די אַרבעטס־מעגלעכקייטן און פּרנסה־קוואַלן; זי דאַרף ניט נאָר פֿאַרבעסערן דעם סדר פֿון דער ווירטשאַפֿט, נאָר אויך אויפֿבויען נייע ווירטשאַפֿטן אין דער לאַנדווירטשאַפֿט און אין דער אינדוסטריע; זי דאַרף ניט נאָר מאַכן דעם אַרבעטער אַלס שותּף צו די אוצרות פֿון קול־טור און גייסט, נאָר זי דאַרף אויך שאַפֿן פֿון דאָס ניי ליטעראַטור, וויסנ־שאַפֿט און קונסט; זי דאַרף ניט נאָר דעראָבערן פּאָליטישע און געזעל־שאַפֿטלעכע רעכט, נאָר זי דאַרף לייגן דעם יסוד פֿאַרן לעבן פֿון לאַנד און אויספֿורעמען די אַנשטייענדיקע געזעלשאַפֿט.

די עליה און קאָלאָניזאַציע זיינען די צוויי לוחות־הברית פֿון די ארץ־ישׂראלדיקע אַרבעטער. פֿון דער עליה איז אַרויסגעוואַקסן און אויף

דער קאָלאָניזאַציע איז באַזירט אונזער עקזיסטענץ און זיי בײדע צוזאַמען זײַנען אויסגעקריצט מיט פּײַער און בלוט אויף דער פֿאָן פֿון אונזער באַוועגונג. פֿאַר אונז איז געשטעלט געוואָרן אַ מיסיע, וואָס איז ניט געשטאַנען פֿאַר קיין שום אַרבעטער־באַוועגונג: די געשיכטע האָט אונז אויפֿגעפֿאָדערט אויפֿצושטעלן ניט נאָר אַן אָרגאַניזאַציע וואָס שליסט איין אַלע אַרבעטער אין ארץ־ישראל, נאָר אַ קראַפֿטפֿולן אינסטרומענט, וואָס זאָל אײַנזאַפּן און אויפֿנעמען די מאַסן עולים פֿון אַלע גלות־לענדער און זיי אויף אײביק אײַנוואָרצלען אין לעבן פֿון אַרבעט און אין דער אַרבעטס־געזעלשאַפֿט אין ארץ־ישראל.

צוליב דעם איז געשאַפֿן געוואָרן אונזער הסתדרות.

ב. קאַצענעלסאָן

אַ הסתדרות־קאָנפֿערענץ

איין ירושה, אַ באַשײַנפּערלעכע, האָט אונז געגעבן די קאָנפֿערענץ — דעם פּנקס פֿון די רעזאָלוציעס. אַ קלאָרע משנה פֿון ארץ־ישראל־תּלמוד. אָנגענומענע געזעצן, אויסגעגאָסן און אויסגעפֿורעמט אין דעם פֿורעם פֿון אַרבעטס־לעבן אין אונזער לאַנד. ווער עס לעבט ניט מיט אונזער לעבן, דער קען ניט ריכטיק אָפּשאַצן דאָס. זײַנען ווייניק רעזאָלוציעס דאָ אויף קאָנפֿערענצן? דער, וואָס קען אָבער פֿון דער נאָענט די צוזאַמענפֿאָרן פֿון ארץ־ישראלדיקע אַרבעטער, זייער כאַראַקטער און באַנעם, יענער ווייסט, אַז פֿיל געוואונטשענע פֿאָרשלאָגן און „פֿרומע" ברכות ווערן בײַ אונז אַרכיווירט, אויב זיי ווערן ניט באַגלייט דורך אַ רעאַלן, לעבנס־פֿעאיקן ווילן צו פֿאַרווירקלעכונג. ער ווייסט, אַז עס זײַנען ניטאָ בײַ אונז קיין רעזאָלוציעס לבטלה, וואָס ווערן אָנגענומען בכדי יוצא צו זײַן, אָדער כּדי צו מאַכן אַן אָנשטעל; ער ווייסט און פֿילט, אַז די דאָזיקע געפּסקנטע, אָפּגעווּיסענע און טרוקענע הלכות, זײַנען קריסטאַליזירטע און קאָנצענטרירטע שטיקער לעבן, אַ תּמצית פֿון געדאַנק, עקספּערימענטן, אָנשטרענגונגען און טאָטן.

דער אַרבעטער־ציבור גיט זיך ניט אונטער צו דער שווערער לאַגע; ער מאַכט ניט שלום, ער באַגנוגנט זיך ניט. ווײַל דער כּוח פֿון אַרבעטערס געדאַנק, ווילן און טאַט לאָזן זיך ניט אײַנשלעפֿערן, ווײַל דאָס לעבן ברויזט.

די קאָנפֿערענץ האָט געשניטן איר שניט, געשניטן און ווידער געאַקערט. דאָס פֿעלד איז טיף צעאַקערט געוואָרן.

ז. אראנאוויטש

די הסתדרות הכללית

א

די אידישע ארבעטער באוועגונג אין ארץ ישראל איז פון איר אנהויב אן און אין איר גאנצן מהות א באוועגונג פון פארווירקלעכונג פון ציוניזם. די פארווירקלעכונג פון ציוניזם מיינט אין דער טעאריע און אין דער פראקטיק די עליה פון מאסן פון אידישן פאלק און פון דער יוגנט פון די גלות לענדער, און זייער קאנצענטרירונג און פארווארצלונג אין ארץ ישראל. די דאזיקע גראנדיעזע אויפגאבע קען מען פארווירקלעכן נאר דורך אנט־פלעקן אלע באהאלטענע ארבעטס מעגלעכקייטן אין לאנד, דורכן כסדר־דיקן באמיען זיך צו פארפעסטיקן אין לאנד א רעזשים פון אויפנעמען די עליה, א רעזשים, וואס קען געבויט ווערן נאר אויפן באזיס פון קעגנ־זייטיקער הילף, וואס נעמט ארום אלע שאפונגס־אנטפלעקונגען און דעם געראנגל פון דער מחנה פון ציוניסטישער פארווירקלעכונג ביי דער באטיי־ליקונג פון אלע אירע פארשידענע שיכטן אין שטאט און אין דארף.

דער גרויסער און פילפארביקער אומפאנג פון דער קעגנזייטיקער הילף, וואס האט ניט צו זיך קיין גלייכן אין קיין שום ארבעטער־באוועגונג, קען זיך שטיצן נאר אויפן יסוד פון שטארקע און פעסטע רייפן — די רייפן פון איינהייט, ווי מיר זעען זיי אין אידישן ארבעטער־קלאס אין ארץ־ישראל.

ב

אויף צוויי הויפט זיילן שטיצט זיך די הסתדרות.

1) די פראפעסיאנעלע ארגאניזאציע. דאס איז דער וויכטיקסטער מכשיר פון ארבעטער צו דערגרייכן זיינע צילן, קודם דורך זיין נומערישן כוח — „דער איינציקער איבערוואג, וואס דער ארבעטער פארמאגט".

ביים שאפן די ווערטן פון ארבעטער־קלאס, אין וועלכן ס'איז פאלק אדער לאנד, קען מען ניט ארויסברענגען אויפן געדאנק וועלכע עס איז ברייטע טעטיקייט, וואס שפארט זיך ניט אן אויף די ברייטע מאסן פון ארבעטער צבור, ארגאניזירט לויט זיינע פאכן. דאס איז דער ברויט־ און צויבער־שטעקן, וואס האט פארוואנדלט מענטשן־שטויב אין מחנות פון פארטיידיקונג און אנגריף מיטן ציל צו ענדערן די ווירקלעכקייט פון ארבעטער־קלאס און פון דער צוקונפט פון דער גאנצער געזעלשאפט.

אין דער רוסישער רעוואלוציע און אין דעם לעצטן געראנגל פון די ארבעטער פון שפאניע, אין אויפשטייג און אין דער ירידה פון דער ארבעטער רעגירונג אין ענגלאנד, אין אויפשוואונג פון דער סאציאל־

דעמאָקראַטיע אין דייטשלאַנד און אין איר שפּעטערדיקער מפּלה, אין די גלגולים פֿון פֿראַנצויזישן סאָציאַליזם פֿאַר דער אַנטשטייאונג פֿון פֿאָלקס פֿראָנט און נאָכדעם — אין די אַלע געשעענישן האָט געשפּילט אַן אַנטשיי־דענע ראָלע די פּראָפעסיאָנעלע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע.

זי איז געווען פֿון די וויכטיקסטע פֿאַקטאָרן אין דער פּרשה פֿון נצחונות און מפּלות פֿון אַרבעטער־קלאַס אין יעדן פֿאָלק און לאַנד. מ׳קען ניט באַגרייפֿן די אַנטוויקלונג פֿון די געשעענישן אין לעבן פֿון אַ פֿאָלק, אויב מיר שטודירן ניט דעם אויסערלעכן און אינערלעכן מצב פֿון דער פּראָפע־סיאָנעלער אָרגאַניזאַציע; איר פֿאָרנעם און כאַראַקטער, די שטאַרקייט אָדער דעם מאַנגל פֿון איר איינהייט, אירע געדאַנקלעכע יסודות און נשמה־דיקע וואָרצלען.

אויך אין ארץ ישראל עקזיסטירט אין דער פֿולסטער מאָס די דאָזיקע פֿאַרבינדונג צווישן דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער וויזיע פֿון אידישן אַרבעטער־קלאַס און זיין פּראָפעסיאָנעלער אָרגאַניזאַציע.

2) די קאָלאָניזאַציע־טעטיקייט — אין ברייטן זין פֿון דאָזיקן באַגריף.

„זיך צו פֿאַרנעמען מיט דער קאָלאָניזירונג פֿון אירע מיטגלידער אין דאָרף און אין דער שטאָט... דעראָבערן... לאַנדווירטשאַפֿטלעכע פּונקטן, פֿאַרמס, באַדנס... גרינדן, אויפֿריכטן און בויען שטעט, דערפֿער, קאָלאָ־ניעס און קוואַרטאַלן אָדער זיך באַטייליקן אין זייער אויפֿבוי און גרינדונג... עקספּלואַטירן די אוצרות און קאָנצעסיעס פֿון דער ערד, זיך באַשעפֿטיקן מיט אַלע קאָלאָניזאַטאָרישע צוגרייטונגס־אַרבעטן פֿון באָדן, גראָבן, אויס־שטייניקן און אויסטריקענען דעם באָדן, דורכפֿירן קאַנאַלן, אָפּצוימען דעם באָדן, פֿלאַנצן, באַוואַלדן, אויסהאַקן ביימער, הויבן די פּרוכטבאַרקייט פֿון באָדן, אויסבויען באַוואַסערונגס־מאַשינען און דורך פֿאַרשידענע אַנדערע וועגן רייף מאַכן דעם באָדן פֿאַר קאָלאָניזאַציע, אָרגאַניזירן אַרבעטער־גרופּן און זיי טרעניִרן אין לאַנד־אַרבעט... זיך צו פֿאַרנעמען מיט פֿישעריי אין די טייכן, אָזשערעס און ימים . . . זיך צו פֿאַרנעמען מיט שיפֿעריי, רעגולירן באַרג־שטראָמען, זעגלען, אויסלאָדן און אַנלאָדן שיפֿן און לאַנדן איינוואַנדערער אין די פּאָרטן פֿון לאַנד. בויען שיפֿלעך, פֿישער־שיפֿן, באַרדזשעס און גרויסע שיפֿן און אַלע אַנדערע מכשירים פֿון זעגלען און פֿישעריי, גרינדן און אַנטוויקלען פֿישער־ און שיפֿער־פֿאַרמס און סטאַנציעס ביים ברעג ים און ביי די ברעגן פֿון די אָזשערעס און טייכן... גרינדן, אַנטוויקלען, אינסטרואירן און דערוואָרבן מלאכה־וואָר־שטאַטן און פֿאַבריקן אין אַלע צווייגן פֿון דער אַרבעט און אינדוסטריע... זיך צו באַשעפֿטיקן מיט אַלע סאָרטן קאָנטראַקט־אַרבעטן ביים בויען הייזער, ביי עפֿנטלעכע אַרבעטן און אין אַלע איבעריקע אַרבעטס־צווייגן; בויען און אויפֿשטעלן וועגן, שאָסייען, עלעקטרישע באַנען, אייזנבאַנען, סטאַנציעס,

מאַשינען צו באַזאָרגן וואַסער, באַלייכטונג, עלעקטרישע קראַפט, בריקן, דאַמבעס, טונעלן, קאַנאַלן, פּאָרטן, שטיי־פּלעצער פאַר שיפן, סטאַנציעס פאַר עראָפּלאַנען, שטיין־ברעכערייען, מינעראַל־גרובן, און אַנדערע אַר־בעטן".

אַזאַ שטאַרקער אויסדרוק פאַר דער קאָלאָניזאַציע־טעטיקייט פון דער אַרבעטער־געזעלשאַפט איז געגעבן געוואָרן אין דער קאָנסטיטוציע פון דער קאָאָפּעראַטיווער אַרבעטער־געזעלשאַפט אין ארץ ישראל (חברת־עובדים), וואָס איז געוואָרן באַשטעטיקט פון דער ארץ ישראל רעגירונג און איז געוואָרן רעגיסטרירט דעם 12טן מערץ, 1924, לויטן געזעץ פון די קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפטן.

אָבער דער עיקר שטעקט דערין, וואָס די קאָנסטיטוציע האָט באַקומען אין שטאָט און אין דאָרף אַ לעבעדיקע איבערזעצונג פון פיל־פאָרמיקע און פיל־פאַרביקע קאָלאָניזאַציע־אויפטוען, וואָס זיינען אַנטשטאַנען און זיך פאַרפעסטיקט מיט דער הילף פון לאַנדווירטשאַפטלעכע, קרעדיט, קאָנ־טראַקטאָר און קאָלאָניזאַטאָרישע מכשירים.

נעם צו פון דער אַרבעטער־געזעלשאַפט די קאָלאָניזאַציאָנס־טאַט, וואָס פאַרוואַנדלט איר אין אַן ערשט־ראַנגיקן קאָלאָניזאַטאָרישן פאַקטאָר, וואָס קאָנצענטרירט אַרום זיך די מאַסן פון פאָלק — און דו נעמסט אַרויס פון איר דעם שם־המפורש.

נעם צו פון אונזער אַרבעטער־געזעלשאַפט די טעטיקייט פון דער פּראָפעסיאָנעלער אָרגאַניזאַציע, מיט וועמענס כוח זי אינסטרואירט און קאָנצענטרירט די מאַסן פון אַרבעטער־ציבור — און דו נעמסט צו איר קערפּער, לאָזנדיק איר נאָר מיט אַ נשמה, וואָס שוועבט אין דער לופטן.

זיי ביידע צוזאַמען זיינען פאַרפלאָכטן און געקניפּט איינער מיטן צווייטן. שאַפסטו אָפּ איינס — שוואַכסטו אָפּ אַלץ. שטאַרקסטו אַ טייל — שטאַרקסטו דעם גאַנצן בנין.

ג

איבער אַלע טעטיקייטס־געביטן פון אידישן אַרבעטער אין לאַנד שוועבט די שטרעבונג צו אַ רעזשים פון אויפנעמען עליה. דער יסוד פון דאָזיקן רעזשים איז קעגנזייטיקע חברישע הילף, אַלס אַ גלייכצייטיקער אויסדרוק פון ווילן און צוואַנג, וואָס שפּיגלט זיך אָפּ איבעראַל אויף אַלע טעטיקייטן פון דער הסתדרות.

צי דאָס איז אין דער קאָלעקטיווער באַוועגונג פון דער אַרבעטער־לאַנדווירטשאַפט אין אַלע אירע פאָרמען;

צי דאָס איז אין סיסטעם פון שטייערן, וואָס איז געבויט אויפן יסוד פון געשטאַפּלטן שטייער לויט די הכנסות פון חבר — אַ סיסטעם, וואָס איז איינגעפירט אין דער גאַנצער נעץ פון די הסתדרות־אַנשטאַלטן, וואָס גיבן אַלעמען גלייכע רעכט;

צי דאָס איז אין די באַזונדערע אַנשטאַלטן פֿאַר קעגנזייטיקער הילף אַלס אַ דרינגענדער געבאָט פֿון דער שעה, אין אַ מאָס און אין אַ פֿאָרנעם, וואָס מ׳קען ניט אין קיין שום אַנדער אַרבעטער־באַוועגונג;

צי דאָס איז אין דער קאָנטראָקטירונג פֿון בוי־אַרבעטן, אין וועלכע עס ווערן אינוועסטירט די אַנשטרענגונגען און די מיטלען פֿון גאַנצן אַרבעטער־כּלל, כּדי אויפֿצובויעמען אַ וואָס גרעסערע עליה, דערלערנען נייע פֿאַכן און אויסבעסערן די אַרבעטס־באַדינגונגען פֿון די בוי־אַרבעטער;

צי דאָס איז אין דער קאָנטראַקטירונג פֿון די אַרבעטער אין דער לאַנד־ווירטשאַפֿט, וואָס שטרעבט דורכצופֿירן די זעלבע צילן אין די קאָלאָניעס;

צי דאָס קומט צום אויסדרוק אין דער נעץ פֿון דער קרעדיט־קאָאָפּע־ראַציע פֿון דער הסתדרות, וואָס איז אויך געוואָרן אויפֿגעשטעלט דורך די אַנשטרענגונגען און מיטלען פֿון אַלע טיילן פֿון אַרבעטערצבור;

צי אין דער שטאָטישער, אינדוסטריעלער קאָאָפּעראַציע, וואָס איז אַן און פֿאַר זיך זייער וויכטיק און זי איז אויך וויכטיק אַלס אַ דערגענצונגס־כּוח ביים פֿאַרפֿעסטיקן די פּאָזיציעס פֿון די שטאָטישע אַרבעטער אין באַ־שטימטע צווייגן פֿון פּריוואַטן אינדוסטריע־סעקטאָר;

צי אין גרויסן און גלייכן אַנטייל פֿון שטאָטישן אַרבעטער אין דער קאָנצענטראַציע פֿון פֿינאַנץ־מיטלען פֿאַר די קאָלאָניזאַציע־פֿאָנדן פֿון דער הסתדרות;

צי אין דעם אַנטשיידנדן אַנטייל פֿון שטאָטישן אַרבעטער אין דער פֿאַרפֿעסטיקונג פֿון דער אַרבעטער־לאַנדווירטשאַפֿט דורכן באַנוצן זיך מיט דער פּראָדוקציע פֿון דער אידישער לאַנדווירטשאַפֿט אַלס אַ חוב, וואָס ליגט אויפֿן גאַנצן ציבור.

צי דער אַנטייל פֿון דעם שטאָטישן אַרבעטער — דער אַנטשיידע־נער רוב פֿון אַרבעטער־קלאַס — אין דער פּאָליטישער פֿאַרטיידיקונג פֿון די געזעלשאַפֿטלעכע יסודות פֿון דער אַרבעטער־לאַנדווירטשאַפֿט;

צי מיט דער אומדירעקטער הילף, וואָס ווערט אויסגעשטרעקט דעם שטאָטישן אַרבעטער אין דער צייט פֿון נויט און קריזיס מצד דער אַרבע־טער־לאַנדווירטשאַפֿט;

צי אין די גרויסע געזעלשאַפֿטלעכע לייסטונגען, וואָס ווערן געגעבן פֿאַר אַלע טיילן פֿון דער אַרבעטער־באַוועגונג דורך אירע בעסטע כּוחות, וואָס זיינען בעיקר קאָנצענטרירט אין דער אַרבעטער־לאַנדווירטשאַפֿט;

צי דורכן ליכט, וואָס שטראַלט אַרויס פֿון דער אַרבעטער־לאַנדווירט־שאַפֿט, וואָס באַזעלט די אַרבעטער־מאַסן, קאָנצענטרירט אין די שטעט, מיט מאָראַלישער פֿעסטקייט און פֿאַרשטאַרקטן געפֿיל פֿון זעלבסט־באַוואוסט־זיין —

דער אַלגעמיינער כּלל איז:

מ׳קען ניט געפינען קיין איין קעמערל אין געוועב פון דער אַרבעטער־געזעלשאַפט, וואָס זאָל ניט זיין באַזירט אויפן יסוד פון קעגנזייטיקער הילף: געבן אין איין רער און שעפן פון אַ צווייטער רער.

ד

דאָס פלעגן דעם רעזשים פון אויפנעמען עליה — דער מכשיר פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון ציוניזם, וואָס געפינט זיין אויסדרוק אין די ברייטע מאַסשטאַבן פון קעגנזייטיקער הילף, וואָס איז איינגעפירט אין אַרבעטער־צבור — האָט עס געפירט צו דער טאָפּלטער אָרגאַניזאַציאָנס־סטרוקטור פון דער הסתדרות.

1. די ווערטיקאַלע פאַראייניקונג. דער שפיץ פון געזעץ־געבערישן לייטער שטעלט מיט זיך פאַר דער אָרטיקער אַרבעטער־ראַט און זיין יסוד — די קאָנפערענץ פון דער הסתדרות.

דער אַרבעטער־ראַט שטעלט מיט זיך פאַר טעאָרעטיש און פראַקטיש די אויבערשטע מאַכט פון די אָרטיקע אַרבעטער, פונקט ווי די קאָנפערענץ פון דער הסתדרות שטעלט מיט זיך פאַר טעאָרעטיש און פראַקטיש די העכסטע מאַכט פון אַלע אַרבעטער פון לאַנד. פון מאָראַלישן און יורידישן געזיכט־פונקט ווערט דער אַרבעטער־ראַט אין דער שטאָט און אין דער קאָלאָניע די דאָזיקע צענטראַלע מאַכט, ווייל ער ווערט אויסגעוויילט דירעקט דורך אַלע אַרבעטער פון אָרט, אָן אונטערשייד פון פאַך. דאָס זעלבע באַציט זיך צו דער קאָנפערענץ פון דער הסתדרות לגבי אַלע אַרבעטער פון לאַנד.

די דאָזיקע שיטה, וואָס מיר זעען ניט אין קיין שום אַנדער אַרבעטער־באַוועגונג, איז איינגעפירט געוואָרן אין ארץ־ישראל ניט דורך קיין צופאַל: דאָס פליסט אַרויס פון די אויפגאַבן פון אידישן אַרבעטער, וואָס ער קען פאַרווירקלעכן נאָר דורך פולן באַנוצן זיך מיטן גאַנצן כוח און מיט דער פולסטער דיסציפלין פון דער גאַנצער אַרבעטערשאַפט.

אין די הענט פון די צענטראַלע געזעץ־געבערישע אַנשטאַלטן פון דער הסתדרות געפינט זיך אויך די מאַכט אויפן גאַנצן ווירטשאַפטלעכן שטח. די דאָזיקע אַנשטאַלטן (אַלגעמיינע הסתדרות־קאָנפערענץ, ראַט פון דער הסתדרות) האָבן דאָס רעכט און די פליכט צו קאָאָרדינירן אַלע טעטיקייטס־צווייגן פון דער הסתדרות און אירע אינסטיטוציעס און זיי צופאַסן צו די באַדערפענישן פון דער גאַנצער באַוועגונג.

2. די האָריזאָנטאַלע פאַראייניקונג געפינט איר אויסדרוק אין דער שיטה פון פראָפּאָרציאָנעלע וואַלן וואָס עקזיסטירט אין דער הסתדרות. דער דאָזיקער וואַל־סיסטעם פירט איבער דעם שווערפונקט פון אויסגעוויילטן יחיד צום געדאַנקלעך־אידעאישן ציל — צו די קאַנדידאַטן־רשימות פון די

פאַרטייען און שטרעמונגען פון דער הסתדרות. אין אַ לאַנד, וואו יעדע נייע אײַנוואַנדערונגס־כוואַליע איז עלול צו שטעלן צו אַ נייעם פּרואוו די יסודות פון דער הסתדרות — פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציע און די אַר־בעטער־געזעלשאַפט — בילדעט דער סיסטעם פון פּראָפּאָרציאָנעלע וואַלן אַ שוץ־וואַנט קעגן צופעליקע און פרעמדע שטראָמען אין דער אַרבעטער־באַוועגונג. מיטן כּוח פון וואַלן ווערן די ענינים פון דער באַוועגונג איבער־געגעבן אין די הענט פון אויסגעוויילטע, הינטער וועמען און איבער וועמען עס שטייט געזעלשאַפטלעכער קאָנטראָל און די אחריות פון פּאָליטישע און אידעאָלאָגישע קערפּערשאַפטן.

ה

די עיקר זאַך, וואָס טיילט אונז אָפּ פון דער אַרבעטער־באַוועגונג פון יעדן פאָלק, עקזיסטירט עד היום: דער אַרבעטער פון אַנדערע פעלקער האָט אַ קוזשניע פון ווירטשאַפט און אַרבעט און צו זיין באַפרייאונג פעלט אים נאָר דער האַמער פון באַוואוסטזיין.

מיט איבער 200 יאָר צוריק האָט דער אַרבעטער פון דער וועלט אָנ־געהויבן אויסשמידן דעם האַמער פון זיין באַוואוסטזיין. צענדליקער יאָרן האָט ער געזוכט אַ וועג ביז ער האָט זיך דערוואָרבן די קאַמף־פּאָזיציע פאַר דער פאַרטיידיקונג פון דער מענטשן־ווירדע פון אַרבעטער און ער האָט דרייסט דערוואָרבן וועגן פון מלחמה פאַר אויפהויבן דעם מענטשלעכן לעבנס־סטאַנדאַרד.

נאָכדעם איז געקומען די צווייטע תּקופה פון געראַנגל פאַר דער נשמה פון אַרבעטער און איר דעראָבערונג אין קאַמף פאַר דערקענען די אַרבע־טער־ווירדע אין מענטש און די מיסיע פון אַרבעטער אין דער געזעלשאַפט.

אָבער אַנדערש איז די לאַגע פון אידישן אַרבעטער. ער האָט יאָ דעם נויטיקן באַוואוסטזיין, אָבער ער איז באַרויבט פון אַרבעט. זיין קוזשניע איז ניט ווירטשאַפט און אַרבעט נאָר בלויז זיין באַוואוסטזיין. וועגן ווערט פון דער ווירטשאַפט און פון דער אַרבעט און וועגן דער ראָל פון אידישן אַרבעטער אין זיין פאָלק.

און דאָ שטעקט דער סוד פון יסודותדיקן אינהאַלט, וואָס עס האָט אַריינגעגאָסן אין אירע כּלים די אינגסטע אַרבעטער־באַוועגונג — דער פּיאָנער פון רענעסאַנס און גאולה פון עלטסטן פאָלק אין דער וועלט.

די אידישע אַרבעטער־באַוועגונג אין ארץ־ישראל האָט ניט צו זיך קיין גלייכן אין דער גאַנצער וועלט. איך גלויב מיטן גאַנצן האַרץ, אַז אונזער באַוועגונג איז געשאַפן געוואָרן פאַר גרויסע מעשים.

בערל קאַצענעלסאָן

ד. רמז

די שותּפות פֿון אמת

די הסתּדרות האָט זוכה געווען צו זיין פֿון די סאַמע וויכטיקסטע אי־דישע קאָלעקטיווע פּערזענלעכקייטן אין דער אידישער געשיכטע פֿון איצ־טיקן דור. די הסתּדרות האָט זוכה געווען צו זיין פֿון די סאַמע וויכטיק־סטע אַרבעטערישע קאָלעקטיווע פּערזענלעכקייטן אין דער אַלוועלטלעכער אַרבעטער־באַוועגונג פֿון איצטיקן דור. און דאָס אַלץ — איז ניט צוליב אונזער גרויסער צאָל.

אמת, מיר זיינען געוואָרן צענער טויזנטער — און מיר וועלן ווערן נאָך מערער; פֿון סוף 1920 ביז סוף 1939 איז געשטיגן די צאָל מיטגלי־דער פֿון דער הסתּדרות פֿון 4,000 ביז איבער 116 טויזנט. און עס האָבן זיך אַנטוויקלט אירע אַנשטאַלטן און אירע אָרגאַניזאַטאָרישע אוןווירט־שאַפֿטלעכע אינסטרומענטן. אָבער ניט דערין אַליין ליגט דער איבער־געוויכט פֿון אונזער ווערט.

אויב מיר באַטראַכטן די צאָל חברים ווי די מאָס פֿון דער לענג פֿון דער הסתּדרות און דעם כּוח פֿון אירע אַנשטאַלטן ווי די מאָס פֿון איר ברייט, בלייבט אונז נאָך אַ דריטע אייגנשאַפֿט, און זי איז די אַנטשיידנדע: די מאָס פֿון טיפֿקייט. — — — —

פֿאַר אונזער הסתּדרות איז ניט גענוג דער קיום אַליין, און אויך ניט די עקזיסטענץ, וואָס איז פֿאַרבונדן מיט איר כּסדרדיקן וואוקס; עס איז נויטיק, אַז די הסתּדרות זאָל לעבן אַ פֿול לעבן, אַ לעבן וואָס האָט אין זיך עפּעס פֿון אַ געשלאָסענעם אויפֿמאַרש אַנטקעגן דער צוקונפֿט.

. . . פֿאַר דער יוגנט שטייט אַ גרויסע מיסיע: צו פֿאַרשטאַרקן דעם אינעווייניקסטן מאָראַלישן כּוח פֿון דער הסתּדרות, צו פֿאַרטיפֿן איר אינ־האַלט, איר אינערליכע געשלאָסנקייט, איר טרייהייט צו איר מיסיע, צו פֿאַרשטאַרקן אין איר דעם דופּק פֿון גלייכהייט און אַלגעמיינע פֿאַראַנט־וואָרטונג, ביז זי וועט ווערן אַ שותּפות פֿון אמת.

.1939

ח. אַרלאָזאָראָוו

דער אַרבעטער און דאָס פֿאָלק

די אַרבעטער־באַוועגונג איז פֿון אירע ערשטע טעג אָן געווען צו־זאַמען מיט די לערער און שרייבער, וועלכע האָבן זיך מיט איר באַהעפֿט — די טרעגערין פֿון דער קולטורעלער באַנייאונג פֿון פֿאָלק, פֿון דער אויפֿ־לעבונג פֿון דער שפּראַך און פֿון דער חלוצישער טעטיקייט אויפֿן פֿעלד

פֿון קולטור. מ׳קען זאָגן, אַז דאָס קולטורעלע לעבן אין לאַנד איז געוואָרן אויפֿגעבויט אויפֿן פֿונדאַמענט פֿון דער אַרבעטער־באַוועגונג. דער גע־זעלשאַפֿטלעכער וואָג פֿון אַרבעטער דערגרייכט דאָ צו אַ הויך, וואָס האָט ניט כּמעט קיין גלייכן אין קיין שום לאַנד.

די אָרגאַניזירטע אַרבעטער־באַוועגונג אין ארץ־ישראל איז ניט קיין באַוועגונג פֿון „פּראָלעטאַריאַט״. די הסתּדרות איז די קאָלאָניזאַטאָרישע אַריסטאָקראַטיע. דער אָרגאַניזירטער אַרבעטער איז דער פֿירער פֿון גאַנצן ישוב, פֿון געזיכטס־פּונקט פֿון זיין פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע. די קרייזן זיינען ביי אונז ניט אָפּגעשלאָסן, ווייל אונזער אַרבעטער איז ניט געקומען אויף דער וועלט פֿון אַ פּראָלעטאַרישער סביבה און די איבערגאַנגען צווישן אים און די אַנדערע קרייזן זיינען אָפֿטערע ווי אין דער סביבה, וואו דער אַרבעטער איז געבוירן געוואָרן אינערהאַלב זיין קלאַס. דער אַרבעטער־קלאַס ביי אונז אַסימילירט פֿרעמדע אין זיך. דאָס איז אַ שטריך, וואָס שטרייכט אונטער די געזעלשאַפֿטלעכע וויכטיקייט פֿון קלאַס.

ד. ר מ ז

וועגן קאָלעקטיוויזם אין דער שטאָט

עס איז געקומען די שעה פֿון שטאַרקערער פֿאַרוואָרצלונג פֿון דער קאָלעקטיוויסטישער משפּחה אין כּלל פֿון דער הסתּדרות.

— — — אונזערע קאָלעקטיוויסטישע דערגרייכונגען אין די ניט־לאַנדווירטשאַפֿטלעכע פֿאַכן — אין טראַנספּאָרט, אין האַנטווערק, אין די באַדינונגס־פֿאַכן — זיינען ניט פֿון קליינער באַדייטונג. זיי בילדן דורי־ערנדיקע ווערטן. — — — וואָס מער עס פֿאַרשטאַרקט זיך צווישן די שטאָטישע אַרבעטער דער קאָלעקטיוויזם אין דער אַרבעט, אַלץ מער ווערן דערנעענטערט די באַגריפֿן פֿון דער אַרבעטנדיקער שטאָט און דעם אַרבעטנדיקן דאָרף און עס ווערט פֿעסטער צווישן זיי די פֿאַרבינדונג.

מיר האָבן זוכה געווען צו אַ לאַנדווירטשאַפֿטלעכער אַרבעטער־ווירט־שאַפֿט, וואָס איז אין אַלע אירע פֿאָרמען דער שטאָלץ פֿון פֿאָלק — און זי דאַרף זיך געפֿינען אין צענטער פֿון אונזער באַוועגונג. דער לאַנדווירט־שאַפֿטלעכער משק האָט געשאַפֿן די געשטאַלט פֿון אַרבעטנדיקן מענטשן — און ער איז ראוי צו זיין דער ביישפּיל פֿאַר דעם מענטש פֿון דער קאָ־לעקטיוויסטישער אַרבעט אין דער שטאָט. אומזיסט ווילן מיר זוכן אַן ענלעכע זאַך אין אַנדערע לענדער און אין אַנדערע אַרבעטער־באַוועגונגען.

מיר דאַרפֿן אויפֿהויבן די קאָלעקטיוויסטישע באַוועגונג מיט אַ נאָך גרעסערער קראַפֿט און זי ענגער פֿאַרבינדן מיט דער גאַנצער הסתּדרות.

ח. אַרלאָזאָראָוו

די איינהייט פֿון דאָרף און שטאָט

די איינהייט פֿון דאָרף און שטאָט איז איינע פֿון די יסודות פֿון אונ־זער אַרבעטער־באַוועגונג, ווי זי האָט זיך אַנטוויקלט אין די באַדינגונגען פֿון לאַנד ביזן היינטיקן טאָג, ווען זי נעמט אַרום און שליסט איין אין זיך די מחנות פֿון אַרבעטער פֿון אַלע פֿאַכן און אַרבעטס־צווייגן. זי שליסט איין דעם לאַנדווירטשאַפֿטלעכן אַרבעטער און דעם שטאָטישן אַרבעטער, דעם קאָלאָניסט און דעם לערער, דעם אַרבעטער אויף די באַנען און דעם אַרבעטער אין די אַמטן. דער דאָזיקער יסוד פֿון אונזער באַוועגונג איז איר באַזונדערער שטריך, דער שטריך וואָס טיילט איר אָפּ פֿון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין פֿיל אַנדערע לענדער, וואו עס עפֿנט זיך אַ תּהום צווישן דאָרף און שטאָט, צווישן אַרבעטער פֿון איין פֿאַך מיט זיין חבר פֿון אַ צווייטן פֿאַך. עס איז דער חסד פֿון גורל, וואָס די אידישע אַרבעטער־באַוועגונג אין ארץ־ישראל האָט פֿון דער ערשטער רגע אָן ביזן היינטיקן טאָג זיך אויסגעהיט פֿון דער געפֿאַר פֿון דער דאָזיקער צעברעק־לונג. איר איז געלונגען אָפּצוהיטן די גאַנצקייט פֿון אַרבעטער־כּלל אין אַלע פֿאַרשידענע צווייגן פֿון דער אידישער ווירטשאַפֿט.

אָבער, עס איז גענוג קלאָר, אַז צוזאַמען מיט דער אויסברייטערונג פֿון דער מחנה, צוזאַמען מיטן וואוקס פֿון די שאַטירונגען און פֿאַכן, צו־זאַמען מיט דער פֿאַרוואַרצלונג פֿון אַרבעטער אין זיין באַזונדערן אַרבעטס־צווייג — ווערן אַלץ בולטער אויך צווישן אונז עגאָאיסטישע גרופּן־אינטע־רעסן. מיר וועלן דאַרפֿן אין משך פֿון די נאָענטסטע יאָרן אויסראָטן די דאָזיקע נייגונגען, כּדי צו באַשיצן די איינהייט פֿון דער באַוועגונג און איר ווירטשאַפֿטלעכן און געזעלשאַפֿטלעכן כּוח.

ד. בן־גוריון

די קווישניע

די דורותדיקע ליידן פֿון אַ צעווייטיקט פֿאָלק, אָן אַ פֿאָטערלאַנד, אויף וועמען עס האָט אויפֿגעלויכטן די וויזיע פֿון רענעסאַנס און רעוואָלוציע, האָבן אַריינגעבראַכט אין לאַנד אַ דרייסטע, באַן־ברעכערישע, מוטיק־עקשנותדיקע, רעוואָלוציאָנער־שעפֿערישע אידישע יוגנט, — און פֿאַר־פֿלאַנצט איז געוואָרן די פֿאָן פֿון אַרבעט אין אוראַלטע וויסטענישן, און ס׳איז אויפֿגעשטאַנען אַ אידישע אַרבעטערשאַפֿט אין לאַנד און איז גע־וואָרן די שאַפֿונג פֿון פֿאָטערלאַנד און זיין באַשעפֿער.

ניט קיין צוגאָב־צווייג — נאָר אַ נייער שטאַם פֿון אַרבעטער־קלאַס שפּראָצט אַרויס פֿון אידישן פֿאָלק אין זיין לאַנד.

נישט די קוואַלן פֿון אַנטווישונג אין די געטאָס פֿון דער אידישער אַר־בעט אין גלות, נאָר קוואַלן פֿון ברכה, וואָס האָבן זיך אַרויסגעריסן אין באַ־נייטן פֿאָטערלאַנד, טרינקען אָן די וואָרצלען פֿון יונגן שטאַם און גיסן אין אים אַריין כּוחות פֿון וואוקס און יצירה, כּוחות וואָס דער אידישער אַרבע־טער אין גלות האָט פֿריער ניט געקענט.

נישט קיין קראַפֿטלאָזער בונט און אַ סטערילע פֿאַרביטערונג פֿון אַ גורל־באַוואָלטן שטיפֿקינד, וואָס האָט אויסגעפֿילט די לופֿט פֿון דער אי־דישער אַרבעטער־באַוועגונג אין גלות, נאָר דער שוואונגרייכער דערא־בערונגס־ווילן פֿון מדינה־גרינדער און פֿאָלקס־דערלייזער, אינספּירירן די ארץ־ישראלדיקע אַרבעטער־באַוועגונג. די בונטאַרן קעגן דער פּיינלעכער ווירקלעכקייט פֿון אַ פֿאָלק, אָפּגעריסן פֿון אַרבעט, און פֿאַרפֿרעמדט פֿון באָדן, זיינען פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין באָדן־דעראָבערער, האַלטנדיק אין איין האַנט די אַרבעטס־געצייג און אין דער אַנדערער די שווערד.

אויפֿן אָרט פֿון אויסגעבאָרגטע כּלים, מיט וואָס דער אידישער אַר־בעטער האָט זיך באַנוצט אין גלות, ניט האָבנדיק קיין נאַציאָנאַלע קוזשניע פֿאַרן פֿאָלק, וואָס הענגט אין דער לופֿטן — האָט דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטער אויסגעגאָסן פֿון זיין נייער ווירקלעכקייט זעלבסטשטענדיקע פֿאָרמען פֿון געדאַנק און טאַט אין זיין באַנייטן פֿאָטערלאַנד. דער האַמער פֿון אַרבעט האָט געפֿונען זיין קוזשניע...

*

די הסתּדרות־העובֿדים פֿאַראייניקט אין זיך אַלע ארץ־ישראלדיקע אַר־בעטער, אָן אונטערשיד פֿון שטרעמונג און פּאַרטיי. די הסתּדרות פֿרעגט ניט נאָכן „אני־מאמין” פֿון אירע חבֿרים. יעדער, וואָס לעבט פֿון זיין אַר־בעט, ניט אויסנוצנדיק דעם צווייטן, איז ראוי צו שטעלן זיך אין די רייען פֿון דער הסתּדרות. די הסתּדרות איז ניט בלויז קיין ווירטשאַפֿטלעכע און פּראָפֿעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציע, ניט נאָר עקאָנאָמישע באַדערפֿענישן און ווירטשאַפֿטלעכע פֿאָדערונגען האָבן צוזאַמענגעשמידט די ארץ־ישראלדיקע אַרבעטער אין איין געשלאָסענער איינהייט, וואָס האָט אפֿשר ניט איר גלייכן אין דער גאַנצער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין דער וועלט.

די הסתּדרות־העובֿדים איז לויט איר נשמה־מהות און לויט דעם היס־טאָרישן ווילן, וואָס שלאָגט אין איר — אַ פֿאַרבאַנד פֿון מלוכה־באַגרינדער, ניט קיין מלוכה פֿון באַהערשונג און אונטערדריקונג, נאָר אַ מלוכה פֿון אַר־בעט און גלייכהייט. ניט מיטן כּוח פֿון ריידן, ניט מיט די שקרים פֿון צע־ווילדעוועטן מיליטאַריזם, ניט דורך פֿאָכען מיט די פֿויסטן, ניט דורך די

שווינדל־וועגן פון דער דיפלאָמאַטיע. אין די דאָזיקע קאַריקאַטורן פון גע־דאַנק פון אידישער עמאַנציפּאַציע, זעט דער אידישער אַרבעטער נאָר אַ קרענקלעכן און סטערילן גלגול פון די ליגנס פון דער קבלה פון מיטל־אַלטער, וואָס האָט געגלויבט, אַז זי קען פאַרוואַנדלען טויטן שטאָף אין אַ לעבעדיקן גולם מיטן כוח פון „שם־המפורש".

די פּאָליטישע באַנייטע טעאָלאָגיע פון גולם פון פּראָג* איז נאָר אַ סימן פון ענטאַרטונג און פון נאַציאָנאַליסטישער אימפּאָטענץ.

די צוקונפט־מלוכה, צו וועמען עס ווענדן זייערע אויגן די ארץ־ישראלדיקע אַרבעטער — די אַרמיי פון פאַרווירקלעכונג פון דער וויזיע פון אידישן רענעסאַנס אין ארץ־ישראל — וועט אַנטשטיין נאָר דורך אַ גרויסן, נאַציאָנאַלן „מעשי־בראשית", דורך דער פּערמאַנענטער און עקשנותדיקער אָנשטרענגונג פון די בויער פון לאַנד מיטן שווייס פון זייער געזיכט. ,

אין די דעראָבערונגען פון אַרבעט, אין די אויפטוען פון דער קאָלאָני־זאַציע, אין בוי פון די ווירטשאַפטן, אין דער שאַפונג פון קולטור, אין דער אויסגעשטאַלטונג פון נייע געזעלשאַפטלעכע פאָרמען, אין די פּאָליטישע אָנשטרענגונגען, אין קלאַסן־קאַמף פאַר דער רעכט פון אַרבעטער און פון פאָלק, זעט דער אידישער אַרבעטער — ביי דער גאַנצער אָפּשאַצונג פון זייער סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער וויכטיקייט לגבי די וואָס שטייען אין קאַמף — נאָר שטאַפּלען אין לייטער פון דער פאַרווירקלעכונג, וועמענס ציל עס איז די מלוכיש־טעריטאָריאַלע לייזונג פון דער פראַגע פון אידישן פאָלק אין איר פולן פאַרנעם, מיטן כוח פון דער שעפערישער און באַפרייטער אַרבעט אויפן באָדן פון פאָטערלאַנד.

ד. ר מ ז

דאָס ערשטע געבאָט

עס איז נישטאָ קיין באַוועגונג מיט אַזוי פיל פאַרצווייגטע באַדער־פעניש ווי אונזער באַוועגונג, און עס איז נישטאָ קיין פאָלק מיט אַזוי פיל באַדערפעניש און אַזוי פיל בויטן ווי אונזער פאָלק. אָבער אויב מיר ווילן אויסדריקן דעם הויכפּונקט פון אונזערע פאַרלאַנגען, ווילן מיר זאָגן: מיר זיינען געקומען אויפצוהויבן דאָס לאַנד מיט אונזער אַרבעט, פאַר אונזער רענעסאַנס און גאולה. און מיט דער אַנטוויקלונג פון לאַנד

---

* אַן אַלוזיע צו די באַשלוסן פון די רעוויזיאָניסטן בעתן 18טן ציוניסטישן קאָנגרעס אין פּראָג צו שפּאַלטן די ציוניסטישע וועלט אָרגאַניזאַציע.

וועט עס קענען אַריינגעמען סיי אונז און סיי די אַרטיקע באַפעלקערונג, וואָס וואוינט דאָ פון פריער.

און פאַר אונז, פאַר דער קליינער משפחה, וואָס בויט דאָ אַ נעסט פון אַרבעט, וואָס וויל אויפלעבן דאָס פאָטערלאַנד מיט דער פּראַצע פון אייגענע הענט, איז דאָ איין הויפּט־געבאָט: אַרבעטער פון קליינעם פאָלק אין דאָזיקן קליינעם לאַנד — פאַראייניקט זיך! אַלע וואונדן מוזן ווערן אויסגעהיילט. די איינהייט איז אונזער שיקזאַל. דאָס איז אונזער אויפגאַבע.

די געשיכטע האָט צוגעגרייט פאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג פון לאַנד אַ געטריייע מטבע. פון איין זייט איז אויסגעקריצט: „דאָס פאָלק און זיין פרייהייט", און פון דער צווייטער זייט: „דער אַרבעטער און זיין אויסלייזונג". און דער, אין וועמענס האַנט עס ווערט אָפּגעמעקט איינע פון די צוויי געזיכטער — דער פאַרוואַנדלט די מטבע אין אַ זאַך אָן יעדן ווערט.

דער כוח פון אַרבעט

אונז איז די מענטשלעכע פרייהייט טייערער פון אַלצדינג, און די פרייהייט ליגט אין דער אַרבעט.

י. ח. ברענער

אין ערגעץ אַנטפּלעקט זיך ניט דער מענטש מיט אַלע זיינע קנייטשן ווי אין דער אַרבעט.

צבי שאַץ

יעטוועדער שטיין, וואָס איז מיט אידישע הענט געלייגט געוואָרן, יעדער אייל ערד, וואָס איז אויפגעאַקערט געוואָרן מיט אַ אידישן אַקער, יעדער בוים, וועלכער איז פאַרפלאַנצט געוואָרן דורך אידישע הענט — פירט צום ציל.

מ. ביילינסאָן

אין דעם טאָג, ווען דער אַקער וועט ליגן אין דער שטאַרקער האַנט פון דעם אידישן פויער, וועט די אידן־פראַגע ענטגילטיק געלייזט ווערן.

הערצל

די אַרבעט פעלט אונז ניט נאָר ווי אַ כוח, וואָס בינדט דעם מענטשן צו צו דער ערד און מאַכט די ערד פאַר זיין קנין, נאָר אויך ווי דער עלעמענטאַרער פאַקטאָר אין דער שאַפונג פון יעטוועדער נאַציאָנאַלער קולטור.

א. ד. גאָרדאָן

טאָג־איין טאָג־אויס האָב איך מיט מיינע אייגענע אויגן געזען וואונדער־זאַכן: איך האָב געזען וויסטע סטעפּעס, וועלכע ציען זיך ביז צום האָריזאָנט, בײַטן זייער פאָרם. איך האָב געזען אַ יונגן, פּיאָנעריש־העראָאישן דור, וועלכער איז געקומען פון דער ווייטנס און האָט אַוועק־געשטעלט זיינע געצעלטן אין מדבר און האָט געבויט ישובים אויפן זאַמד. איבער נאַכט ווערן געבויט הייזער, ביים זונפאַרגאַנג זעסטו זאַמד־שטרעקעס, און אין דער פרי — די יסודות פון הייזער, וועלכע שפּראָצן שוין אַרויס פון זאַמד; אַזעלכע בילדער ווידערהאָלן זיך יעדן טאָג, און לאָזן זיך ניט דערקלערן מיט קיין ווערטער. דאָס זיינען בילדער, וועלכע קריצן זיך איין אין קאָפּ און לאָזן זיך ניט אויסמעקן. איך גלויב באמונה שלמה, אַז אין דער גאַנצער ברייטער וועלט איז ניטאָ קיין איין ווינקל, וואָס זיינע בויער און שאַפער זיינען ענלעך צו די פון ארץ־ישראל. אין ארץ־ישראל „זאָגט שירה", יעדער ציגל, וואָס ווערט אַריינגעלייגט אין וואַנט. די אַרבעטער זיינען דאָרטן ניט קיין סתם לוין־אַרבעטער, וועלכע זיינען פאַרשקלאַפט צו זייערע בעלי־בתים. דאָס זיינען מענטשן, וועלכע בויען אַ צוקונפט פאַר זיך און פאַר זייערע קינדער נאָך זיך. אַזוי האָבן זייערע אָבות אויסגעטראָטן פאַר זיי אַ וועג אין מדבר. אַזוי דער־אָבערט די אומה איר לאַנד, פון וועלכן זי איז מיט געוואַלט אַוועקגע־טריבן געוואָרן.

דאָס צו זען מיט די אייגענע אויגן — איז אַ גרויסער גליק, וואָס האָט ניט קיין גלייכן.

ח. נ. ביאַליק

איך בין אַבסאָלוט איבערצייגט, אַז אַזוי לאַנג ווי מיר האָבן ניט קיין אידישע אַרבעטער אין ארץ־ישראל, וועט ארץ־ישראל ניט זיין אונזערס. דער ענין פון דער אידישער אַרבעט אין ארץ־ישראל איז אַ גרויסע תורה. מיר דאַרפן זי לערנען און זען זי מקיים צו זיין.

חיים ווייצמאַן (1913)

דער אָנפֿאַנג

ד. בן גוריון

די ערשטע פֿאַרלויפֿער פֿון דער הסתּדרות

„אגודת הפּועלים" אין 1886

מער ווי פֿופֿציק יאָר זײַנען שוין פֿאַרגאַנגען זינט עס זײַנען געגרינדעט געוואָרן די קאָלאָניעס ראשון־לציון אין יהודה, זכרון יעקב אין שומרון און ראש־פּנה אין גליל, און דאָך קענען מיר נאָך אַלץ ניט זאָגן, אַז עס איז שוין געלייזט געוואָרן די גרונט־פֿראַגע, די פֿראַגע וואָס פֿון איר הענגט אָפּ די באַדייטונג, דער כּבוד, די פֿעסטקייט און די צוקונפֿט פֿון אונזער קאָלאָניזאַציע־ווערק און פֿונם גאַנצן ציוניזם — די פֿראַגע פֿון אידישער אַרבעט.

מען קען ניט באַהויפּטן, אַז די פֿראַגע איז פֿאַרבליבן אַן אומגעלייזטע נאָר דערפֿאַר, וואָס מען האָט ניט גענוג אָפּגעשאַצט די אַנטשיידנדיקע באַדייטונג פֿון אידישער אַרבעט אין אונזער אויפֿלעבונג אין ארץ ישראל. אַ גרויסע צאָל פֿון די ערשטע חובבי ציון, ווי הרב צבי הירש קאַלישער, זאב יעב"ץ, מרדכי עליאַסבערג, י. ל. פּינסקער און אַנדערע האָבן טיף געגלויבט, אַז ערד־אַרבעט, פֿיזישע אַרבעט, איבערבוי פֿון אונזער עקאָנאָמישער סטרוקטור דאַרפֿן זײַן די יסודות פֿון אונזער נאַציאָנאַלער אויפֿלעבונג.

אין זײַן דערעפֿענונגס רעדע אויף דעם ערשטן צוזאַמענפֿאָר פֿון די „חובבי ציון" (אין קאַטאָוויץ, י"ח חשון תּרמ"ה) האָט פּינסקער געזאָגט: „די שרעקלעכע לאַגע פֿון אידישן פֿאָלק וועט זיך ניט ענדערן צום גוטן, כּל־זמן עס וועט ניט פֿאָרקומען אַ שינוי־מקום און אַ שינוי אין לעבנס־שטייגער, וואָס וועט געבויט ווערן אויפֿן יסוד פֿון אַרבעט און מלאכה. אַלע פֿעלקער זיצן אויפֿן באָדן, די מערהייט פֿון פֿאָלק זײַנען פּויערים, זיי ציען זייער חיונה פֿון זייער האָרעוואַניע, זיי זײַנען פֿאַרנומען מיט מלאכות, וואָס מ'זעט גלייך זייערע פּראָדוקטן. בלויז דאָס אידישע פֿאָלק פֿאַרנעמט זיך אויסשליסלעך מיט „גייסטיקע" באַשעפֿטיקונגען, מיט מסחר און ליבעראַלע פּראָפֿעסיעס. דערפֿון נעמט זיך אויך אונזער קערפּערלעכע

שוואַכקייט... מיר מוזן פּרובירן אַרויסרייסן זיך אויף דער פרייַ. ביז איצט האָבן מיר געאַרבעט ווי שקלאַפן און פאַרמיטלער צווישן מענטש און מלוכה. לאָמיר זיך צוריקקערן צו אונזער אַלטער מוטער, צו דער מאַמע־ערד, וואָס וואַרט אויף אונז, וועלכע וועט אונז שפּייזן מיט אירע פּירות און פעטיקן מיט איר שפע. לאָמיר אין אונזערע הענט צוריקנעמען דעם אַקער, אַנשטאָט דעם מעסטל און די וואָגשאַלן".

ניט נאָר אין גלות האָבן די דענקער און וואָרטזאָגער פון דער באַוועגונג אָפּגעשאַצט דעם לעבעדיקן סאָציאַלן און נאַציאָנאַלן ווערט פון אַרבעט, נאָר אויך אין ארץ ישראל גופא האָבן — אַ סך יאָרן פאַר דער צווייטער עליה — פיל אויפגעהויבן די פאָן פון אַרבעט.

ווען מיר האָבן אין 1885 געקויפט נייע באָדן־שטחים פאַר דער קאָלאָניע ראשון־לציון — אין עיון — האָבן די קונים, אויף דער פאָדערונג פון באַראָן ראָטשילד, זיך מתחייב געווען „צו באַשעפטיקן בלויז אידן". אין זיין „טאָגבוך פון אַ בילו" דערציילט ד"ר חיסין וועגן יענער צייט: „אין אָנהויב האָבן אַ סך מענטשן געצווייפלט, צי מען קען זיך פאַרלאָזן אויפן אידישן אַרבעטער, צי ער וועט אויסהאַלטן דעם נסיון. מען איז געווען זיכער, אַז זיין אַרבעט וועט ניט טויגן. פאַקטיש אַרבעטן אָבער די אידן בעסער פון די אַראַבער".

די צאָל אידישע אַרבעטער איז „געוואַקסן" ביז 20־30 — און אין 1886 איז געגרינדעט געוואָרן די „אגודת הפועלים" (אַרבעטער פאַראיין), וואָס האָט זיך געשטעלט די פאָלגנדע אויפגאַבן: א) „אַז דער קאָמיטעט זאָל ניט אויפהערן אויסצופאָרשן אַלע אַרבעטס־מעגלעכקייטן, כּדי די מיט־גלידער זאָלן ניט אַרומגיין ליידיק; ב) שטיצן די אַרבעטסלאָזע; ג) לעבן געמיינזאַם, קאָכן אין איין פלאַץ"... דאָס איז געווען די ערשטע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע אין דער געשיכטע פון אונזער נייעם ישוב.

דעם 21טן מערץ, 1887, פאַרנאָטירט חיסין אין זיין אויבנדערמאָנטן טאָג־בוך: „דורכגעדרונגען מיטן פולן באַוואוסטזיין פון דער גרויסער ראָל פון אידישן אַרבעטער אין דעם קאָלאָניזאַציע־ווערק און פון דערהויבענעם ציל, איז דער פאַראיין ענערגיש צוגעטראָטן צו זיינע געשעפטן"...

„הארץ והעבודה" אין 1891

אין די יאָרן 1889־90 איז קיין ארץ ישראל געגאַנגען אַ גרעסערע אימיגראַציע. עס זיינען געגרינדעט געוואָרן די קאָלאָניעס רחובות און חדרה, און עס איז געוואַקסן די צאָל אידישע אַרבעטער. אין זומער פון יאָר 1890 האָבן אַרבעטער פון רחובות געמאַכט אַ פּרוּוו צו פאַראייניקן אַלע אַרבעטער אין לאַנד אין אַ פאַראיין אונטערן נאָמען „הארץ והעבודה" (לאַנד און אַרבעט), וואָס האָט זיך געשטעלט אַ דאָפּלטן ציל: „א) אַכטונג

געבן אויפֿן לעבן פֿון די אַרבעטער, מאַטעריעל און גייסטיק, און אַזוי אַרום פֿאַרבעסערן זייער לאַגע אַלס אַרבעטער, און זייערע מדות אַלס ערלעכע אידן און מענטשן; ב) זאָרגן וועגן אַ תּכלית, אַז יעדער אידישער אַרבעטער זאָל קריגן די מעגלעכקייט, נאָכדעם ווי ער וועט אַ צייט אָפּאַרבעטן אין לאַנד — לויט געוויסע באַדינגונגען — זיך באַזעצן אויפֿן באָדן פֿון פֿאָטער־לאַנד".

אין די תּקנות, וועלכע די גרינדער פֿון פֿאַראיין האָבן אויסגעאַרבעט, האָבן זיי געגעבן אַ קלאָרן, טרעפֿנדיקן און טיפֿן, כּמעט קלאַסישן אויס־דרוק צום אַרבעטס־געדאַנק. די דאָזיקע ווערטער, געשריבן אין יאָר 1891, זיינען אַפֿילו אויך היינט ניט פֿאַרעלטערט.

אין דער הקדמה אַנאַליזירן די שרייבער פֿון די תּקנות די צוויי טיפּן קאָלאָניזאַציע, וועלכע האָבן דעמאָלט עקזיסטירט — די פֿילאַנטראָפּישע און קאָמערציעלע — און ווייזן אָן אויף זייערע חסרונות. זיי פּרובירן אָנצו־צייכענען אַ וועג פֿאַר אַן אַרבעטנדיקער קאָלאָניזאַציע.

א) „די ערשטע קאָלאָניסטן זיינען אַהער געקומען מיט געלט אָדער מיט פּוסטע הענט, און מיר מוזן וועגן זיי אָפֿנהערציק זאָגן, אַז זיי האָבן זייער אַרבעט ערלעך געטאָן. נאָר די ערשטע פֿאַרזוכן האָבן, נאַטירלעך, ניט געקענט זיין דערפֿאָלגרייך, און זיי האָבן זייער געלט פֿאַרלאָרן. דעמאָלט האָבן זיי געמוזט אָנקומען צו דער הילף פֿון אַנדערע, און די „חובבים" (חובבי ציון) אין חוץ לארץ האָבן ברייטהאַרציק געגעבן און ווידעראַמאָל געגעבן הילף די חלוצים, אַז זיי זאָלן קענען דערגרייכן זייער ציל. גרויסע סומען זיינען אַוועקגעגאַנגען אויף דער דאָזיקער שטיצע, אָבער עס איז אין דעם קיין סימן ברכה ניט געווען. פֿאַרקערט, אין אַ געוויסן זין האָט עס אַפֿילו אָנגעטאָן אַ סך שאָדן, ווייל די דאָזיקע שטיצע האָט פֿאַרדאָרבן די שטיצע־נעמער און האָט צווישן זיי פֿאַרשפּרייט נייגונג צו קבצנות..."

ב) „פֿאַראַיאָרן איז געשען אַ נייעס אין ישוב. אויסלענדישע אידן מיט קאַפּיטאַלן האָבן אָנגעהויבן קויפֿן באָדן אין ארץ ישראל, כּדי אים צו באַאַרבעטן און באַפֿלאַנצן. אָבער ניט מיט זייער אייגענער אַרבעט, נאָר מיט זייער געלט. זיי האָבן זיך צונויפֿגעשלאָסן אין איין אגודה, און זי האָט אָנגעשטעלט באַאַמטע, וואָס זייער אויפֿגאַבע איז געווען אַכטונג צו געבן אויף דער אַרבעט, וואָס ווערט געטאָן דורך פֿרעמדע. די נייע שיטה האָט געבראַכט מיט זיך אַ נייע צרה. אַ דאַנק דער דאָזיקער שיטה איז די גאַנצע קאָלאָניזאַציע־אַרבעט פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מסחר־זאַך. פֿיזישע אַרבעט אין שוויס און מי פֿאַרבינדן דעם שאַפֿער אויף אַ קאָנקרעטן, ערדישן אופֿן מיט זיין שאַפֿונג. דאָס איז אַ צובונד, וואָס קען צעריסן ווערן בלויז איבער געוואַלד, אָבער דער באַנד צווישן געלט און סחורה קען פֿאַרגליכן ווערן צו אַ דינעם שלייף, וואָס לאָזט זיך גרינג

צערייסן. די פֿאָרם לאָזט זיך בייטן אָן שוועריקייטן. הײנט אַ מטבע — מאָרגן באָדן, און איבערמאָרגן — ווידער אַ מטבע. דערפֿאַר באַטראַכטן מיר ניט אָט די אַלע קאַפּיטאַליסטן ווי אמתע, פֿולשטענדיקע קאָלאָניזאַטאָרן. מיר באַטראַכטן זיי ווי חשבונות־מענטשן, וואָס האַנדלען מיטן ישוב, ווען ער פֿאַרשפּרעכט די הענדלער אַ גוטן רוח. דאָס ערגסטע איז, וואָס דורך די קאַפּיטאַליסטישע קאָלאָניסטן וועלן מיר קיינמאָל ניט דערגרייכן אונזער ציל: פֿאַרגרעסערן די אידישע באַפֿעלקערונג אין הייליקן לאַנד".

ג) „די אַרבעטער פֿראַגע — דאָס איז די וויכטיקסטע פֿון די דריי פֿראַגעס. וואָרעם דאָס איז ניט בלויז אַ גזעלשאַפֿטלעכע פֿראַגע. עס איז נאָך מער אַ נאַציאָנאַלע פֿראַגע, די לעבנס־פֿראַגע פֿון ישוב... די דערפֿאַרונג לערנט אונז, אַז אָן אידישע אַרבעטער וועלן די קאָלאָניעס קיין קיום ניט האָבן. אויף די אַראַבישע אַרבעטער קענען מיר זיך ניט פֿאַרלאָזן, סיי וואָס איז נוגע זייער צאָל, סיי זייערע מעלות אַלס אַרבעטער. און ניט נאָר דאָס. עס איז פֿאַראַן אַ סכּנה, אַז עס וועט מיט אונז געשען ווי מיט יענעם נאַר, וואָס האָט לעבעדיק געמאַכט דעם טויטן לייב. די אידישע אַרבעטער זיינען פֿאַרן ישוב דאָס, וואָס דאָס בלוט איז פֿאַרן קערפּער פֿון אַ געזונטן מענטשן: עס באַלעבט אים און היט אים אָפּ פֿון פֿוילן און אונטערגאַנג"...

אין די דאָזיקע וואונדערלעכע שורות, וועלכע זיינען נאָך אַזוי לעבנס־זאַפֿטיק מיט עטלעכע פֿערציק יאָר שפּעטער, קומט צום אויסדרוק דער גייסט פֿון דעם פֿריינד און לערער פֿון די בילויים, פֿון איינעם פֿון די בעסטע טוער און שריפֿטשטעלער פֿון דער חיבת־ציון באַוועגונג, וועלכער איז נאָך עד היום ניט ריכטיק אָפּגעשאַצט געוואָרן — יחיאל מיכל פּינעס.

אונטער די אויבנגעבראַכטע סטאַטוטן און דעם לאָזונג „בעד ארצנו ועמל כפּנו" (פֿאַר אונזער לאַנד און אַרבעט) געפֿינען מיר די נעמען פֿון „די מיטגלידער פֿון ציטעווייליקן קאָמיטעט — אריה לייב גאָרדאָן, מאיר דיזענגאָף, משה ראַטנער און אהרן אייזענבערג".

די גרינדער פֿון דעם פֿאַראיין האָבן אַפֿילו קריטיקירט די פֿריערדיקע אַרבעטנדיקע עליה: „דער שטורעם אין צפֿון (דאָס הייסט, רוסלאַנד) האָט אין די לעצטע יאָרן אַהער געבראַכט מאַסן קרעמער און ספּעקולאַנטן, שענקער און פּעדלער, מלמדים און שמשים, סופֿרים און שוחטים. איבערנאַכט זיינען זיי אַלע געוואָרן אַרבעטער. יעדער איינער פֿון זיי האָט גענומען אַ פּיאָש אין האַנט און איז אַוועק אין איינער פֿון די קאָלאָניעס — אַלע ליבהאָבער פֿון ישוב האָבן זיך מיט זיי געפֿרייט — אָבער די פֿרייד האָט לאַנג ניט געדויערט. וואָרעם קורץ נאָכדעם זיינען די דאָזיקע מאַסן צוריקגעגאַנגען אַהין, פֿון וואַנען זיי זיינען געקומען. בלויז ווייניק זיינען געבליבן. פֿיל פֿון די דאָזיקע דורכפֿאָרער זיינען לכתחילה ניט געווען קיין

פּאַסיקע מענטשן פאַרן לאַנד. זיי זיינען געווען קינדער פון אַ צעטומלטער צייט. דאָך מוז מען זאָגן, למען האמת, אַז עס זיינען צווישן די צוריקפאָרער אויך געווען אַזעלכע, וואָס זיינען געווען ראוי צו זייער אויפגאַבע, וועלכע האָבן געהאַט אַ ווילן פאַר איר און אַ ליבע צום לאַנד. פון דעסטוועגן זיינען זיי געפאָרן צוריק אַהיים אָדער קיין אַמעריקע. די הערשנדיקע לעבנס־באַדינגונגען, אונטער וועלכע אַרבעטער האָבן געלעבט, האָבן זיי געצוואונגען דערצו. אויב מען וויל אַהער ברענגען אידישע אַרבעטער, דאַרפן מיר ראַדיקאַל ענדערן די לעבנס־באַדינגונגען פון די אַרבעטער, דאַרף מען די אַרבעט גופא מאַכן מער דערטרעגלעך, און מען דאַרף די אַרבעטער אויך געבן האָפענונגען און צילן, וואָס זאָל זיי צובינדן צו דער אַרבעט ניט בלויז אין עקאָנאָמישן זין". מען דאַרף „אין לאַנד שאַפן אַ שבט פון קאָלאָניזאַטאָרן, געטרייע קאָלאָניסטן, וועלכע וועלן זיין צוגעבונדן צום באָדן, קאָלאָניזאַטאָרן, וועלכע פאַרשפּרעכן „זיך צו מערן און פול מאַכן" דאָס לאַנד, קאָלאָניזאַטאָרן, וועלכע וועלן זייער ציל דערגרייכן ניט דורך פאַרשווענדן געלט, נאָר מיטן שווייס פון זייער אַרבעט". צוליב דעם דאָזיקן צוועק „גרינדן די אידישע אַרבעטער, וועלכע זיינען באַשעפטיקט אַלס לוין־אַרבעטער אין די פעלדער און וויינגערטנער פון די ארץ ישראל־דיקע קאָלאָניעס, און צוזאַמען מיט זיי אַלע אַנדערע פריינד פון ישוב, אַ געזעלשאַפט, וואָס אויף איר פאָן וועט שטיין די לאָזונג „פאַר אונזער לאַנד און אַרבעט" און איר ציל וועט זיין: לאַנד און אַרבעט — געבן הילף צו יענע מאַסן אידן, וואָס זייער עשירות ליגט אין דער קראַפט פון זייערע הענט און זייער פעאיקייט זיך צו באַזעצן אויפן באָדן און פון אים צו ציען זייער עקזיסטענץ. א) דורך דעם וואָס די געזעלשאַפט וועט זיי פאַרטיידיקן מאַראַליש און מאַטעריעל; ב) דורך דעם וואָס זי וועט זייער אַרבעט געבן אַ זין און אַ תכלית. דורך דער האָפנונג זיך צו קאָלאָניזירן.

די פלענער פון דעם פאַראיין „הארץ והעבודה" זיינען ניט פאַרווירקלעכט געוואָרן. דער פאַראיין איז פאַנאַנדערגעפאַלן אַלס אַ רעזולטאַט פון קריזיס און פון אינערלעכע קריגערייען.

„און איר זאָלט זיין אַ הייליק פאָלק"; אָבער אַ פאָלק וואָס גייט אויס אין זיין אָרעמקייט איז ניט קיין הייליק פאָלק. אַ פאָלק, וואָס ווערט יעדן טאָג געשלאָגן און געמאַטערט, קען ניט זיין הייליק. ניט האָבנדיק אונזער אייגענע עקאָנאָמיע, ניט עסנדיק די פּרוכט פון אונזער ערד, אַריינלייגנדיק אונזער מי אין פרעמדן באָדן — ווי אַזוי קענען מיר זיך גייסטיק דערהויבן?

אַ הייליק פאָלק מוז אויך זיין אַ לעבעדיק פאָלק.

מ. י. בערדיטשעווסקי

ל. אמיתי

די ארץ ישראלדיקע אַרבעטער־באַוועגונג ביז דער גרינדונג פֿון דער הסתדרות

די צווייטע עליה

די ערשטע פּרואוון צו אָרגאַניזירן די ארץ־ישראלדיקע אַרבעטער זיינען געמאַכט געוואָרן נאָך פֿון די חלוצים פֿון דער ביל״ו־עליה, וואָס האָבן אין 1886 געשאַפֿן די „אגודת־הפועלים". פֿינף יאָר שפּעטער האָבן די אַרבעטער אין רחובות געשאַפֿן דעם פֿאַראיין „הארץ ועבודה". ביידע דאָזיקע ערשטע פּרואוון צו אָרגאַניזירן די קליינע צאָלן אידישע אַרבעטער, וואָס זיינען דאַן געווען אין לאַנד, האָבן ניט געהאַט קיין לאַנגן קיום.

מיטן אָנהויב פֿון דער צווייטער עליה, אין 1904, קומען אריין אין לאַנד פֿאַרהעלטניסמעסיק־גרעסערע גרופּן אידישע אַרבעטער. עס קומען חברים פֿון פּועלי־ציון, אַנטיילנעמער אין דער זעלבסטשוץ קעגן פּאָגראָמען פֿון האָמעל, פּאָלטאַווע, און אַנדערע שטעט; עס קומען גרופּן ציוניסטישע יוגנט פֿון די ערשטע קרייזלעך פֿון די צעירי־ציון אין רוסלאַנד — סטודענטן און אַרבעטער, וואָס בענקען נאָך קאָנקרעטער ציוניסטישער טאַט. דער קאַמף קעגן אוגאַנדאַ־פּראָיעקט האָט ביי זיי געמאַכט עמפּפֿינדלעך־שאַרף די בענקשאַפֿט נאָך פּראַקטישער ארץ־ישראל־טאַט און זיי האָבן געוואָלט רעאַליזירן זייער לעבנס־חלום דורך ווידמען זיך דעם ווערק פֿון א״י־אויפֿבוי מיט חלוצישער אויפֿאָפּפֿערונג, „במאודך ובנפֿשך", דורכן געבן אויפֿן מזבח פֿון נאַציאָנאַלער באַפֿרייאונג דעם גרעסטן קרבן — זיך אַליין.

די צווייטע עליה האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָל ביים אויספֿאָרמירן דעם כאַראַקטער און די צוקונפֿט פֿון דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטער־באַוועגונג. בערל קאַצענעלסאָן — אַליין איינער פֿון די פּיאָנערן פֿון דער צווייטער עליה, שילדערט אין קנאַפּע, אָבער אויסדרוקספֿולע ווערטער, די באַדייטונג פֿון דער צווייטער עליה אין זיין רעדע, געהאַלטן ביי דער פֿייערונג פֿון 25־יעריקן יובל פֿון דער צווייטער עליה, אין אַפּריל, 1929.

„מיר וועלן דערשטוינט ווערן פֿון דעם גרויסן עקאָנאָמישן און סאָציאַלן, קולטורעלן און פּערזענלעך־מאָראַלישן קאַפּיטאַל, וואָס די צווייטע עליה האָט איבערגעלאָזט די, וואָס וועלן איר נאָכפֿאָלגן. מיר וועלן באַוואונדערן דעם גרויסן גליק, וואָס איז באַשערט געווען דעם דאָזיקן דור, וואָס האָט זוכה געווען מחדש צו זיין וויכטיקע ווערטן פֿאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג און דעם גאַנצן פֿאָלק; פֿאַר דער העברעאישער ליטע־

ראַטור און דעם ארץ־ישראלדיקן ישוב, און אפשר האָבן די דאָזיקע נייע ווערטן אַזאַ באַדייטונג, אַז זייער ליכט וועט אַרויס אַריבער די גרענעצן אין וועלכע מיר לעבן. ווען מיר פאַרגלייכן דעם אינהאַלט פון ציוניזם, ווי ער איז געווען פאַר אונז מיט זיין אינהאַלט איצט, מוז מען איינזען, אַז די גאַנצע ציוניסטישע באַוועגונג איז אַדאַנק דער צווייטער עליה באַרייכערט געוואָרן, קאָמפּליצירטער געוואָרן, האָט אין זיך איינגעזאַפּט ברייטע נאַציאָנאַלע און מענטשלעכע ווערטן. וואָרים וואָס עס זאָל האָבן געווען, היסטאָריש גערעדט, די וויזיע פון העס און הערצל, האָט זיך דאָך פאַרן פאָלק דער עצם אינהאַלט פון ציוניזם אַריינגעפּרעסט אין עטלעכע עלעמענטאַרע באַגריפן — לאַנד, שטאַט, שפּראַך. דער מאָראַלישער אינהאַלט, וואָס איז אַנטהאַלטן אין דעם באַגריף, וואָס די צווייטע עליה האָט געגעבן דעם ציוניזם, דער באַגריף „אַרבעט" מיט זיין ווירטשאַפטלעכן און סאָציאַלן פּירוש — האָט ניט נאָר טראַנספאָרמירט די ווירקלעכקייט פון דעם אידישן א"י, נאָר אויך דאָס פּנים פון דער אידישער יוגנט אין גלות. „מיר האָבן געשאַפן די צעלן פונם צוקונפטיקן אידן־שטאַט און אַריינגעשטראָמט ניי בלוט ניט נאָר אין דער באַוועגונג, נאָר אויך אין דעם עקאָנאָמישן לעבן פון לאַנד".

די צווייטע עליה איז געעפנט געוואָרן דורך דער „האָמעלער גרופּע", וואָס איז באַשטאַנען פון פּועלי־ציון חברים, וואָס האָבן, אונטער דער פירונג פון יחזקאל כענקין, אָרגאַניזירט אַ גלענצנדיקע זעלבסט־שוץ פון הונדערטער אַרבעטער, וואָס האָט זיך ווירקזאַם אַנטקעגן געשטעלט די אָנפאַלער בעתן פּאָגראָם אין הערבסט, 1903. די „האָמעלער גרופּע" איז אָנגעקומען אין לאַנד אין יאַנואַר, 1904, און געעפנט די צווייטע עליה.

אָנהויב 1904, קומען קיין ארץ־ישראל די ברידער אליעזר און ישראל שוחט, אַלעקסאַנדער זייד, אהרן־דוד גאָרדאָן, יוסף ויתקין, א. אַ., וואָס האָבן שפּעטער געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל ביים שאַפן די ערשטע התחלות פון דער א"י אַרבעטער־באַוועגונג און איר אויספאָרמירן אָרגאַניזאַטאָריש און גייסטיק. אין נאָוועמבער, 1904, דערשיינט אין אַ ציוניסטישער צייטונג אין רוסלאַנד, דער רוף פון א. ד. גאָרדאָן צו דער יוגנט, זי זאָל קומען זיך באַזעצן אין א"י צו באַאַרבעטן די אידישע ערד. אַ „בריוו פון ארץ־ישראל" האָט געהייסן דער אַרטיקל, וואָס האָט געלאָזן אַ שטאַרקן רושם. אין מערץ, 1905, דערשיינט אין דער ציוניסטישער פּרעסע אין רוסלאַנד אַ רוף „צו די יונגע אידן, וועמענס האַרץ איז מיט זייער פאָלק און מיט ציון", צו קומען קיין א"י. אונטערגעשריבן אונטערן אויפרוף איז אַ „גרופּע יונגע־לייט פון ארץ־ישראל". דער מחבר פון אויפרוף איז געווען יוסף ויתקין, דעמאָלט אַ לערער פון העברעאיש אין דער קאָלאָניע מסדה אין גליל התחתון.

נאָך דער אַנטוויקלונג אין די גרויסע האָפֿנונגען מיט וועלכע עס האָט געכישופֿט די רוסישע רעוואָלוציע, נאָך דער פּאָגראָם־כוואַליע, וואָס האָט זיך דורכגעטראָגן ווי אַ שטורעם־ווינט איבער הונדערטער שטעט אין רוסלאַנד, האָט זיך אָנגעהויבן אַ פֿאַרשטאַרקטע איינוואַנדערונג פֿון דער יוגנט קיין ארץ־ישראל. די נייע איינוואַנדערער האָבן אָפֿטמאָל באַגעגנט חוזק־שמייכלען מצד געוויסע אידישע קאָלאָניסטן, וואָס האָבן זיך איינגע־לעבט אין זייער ראָל אַלס יוסטע בעלי־בתים, וואָס „רעאַליזירן ציוניזם" דורך באַנוצן ביליקע אַראַבישע אַרבעטס־הענט. זיי האָבן אינסטינקטיוו מורא געהאַט פֿאַר דער כוואַליע פֿון יונגע חלוצים, וואָס האָבן דורכגעמאַכט אַ שול פֿון רעוואָלוציאָנערן קאַמף אין רוסלאַנד און זיינען געקומען מיט דעם ציל אויפֿצוהויבן דעם אידעאַל פֿון אידישער אַרבעט אַלס העכסטער נאַציאָנאַלער געבאָט. „וואָס קומט איר אין אַ „געפֿגרט לאַנד?" — האָט מען געקענט הערן ווי די קאָלאָניסטן טענהן אין מיט די געקומענע חלוצים. אָבער זייער שטאַרקער אידעאַליזם, די משפּחהדיק־חברישע סאָלידאַרי־טעט און גרייטקייט זיך צו טיילן מיטן לעצטן ביסן, און די אָפֿענע אָרעמס מיט וועלכע די איינגעזעסענע אַרבעטער האָבן אויפֿגענומען די ניי־גע־קומענע, האָט גובר געווען אַלע ספֿיקות און שוועריקייטן — און ס'איז כסדר געוואַקסן דער צושטראָם פֿון נייע חלוצים צו די ברעגן פֿון לאַנד.

אין יולי, 1905, איז פֿאַרגעקומען אין פּתח־תקוה, אין צריף פֿון יחזקאל כענקין, אַ באַראַטונג פֿון 40 מאַן מיטן צוועק צו גרינדן אַן אַלגעמיינעם אידישן אַרבעטער־פֿאַרבאַנד. די געקומענע פּועלי־ציון חברים האָבן פֿאַר־געלייגט, אַז דער נאָמען פֿון פֿאַרבאַנד זאָל הייסן „פּועלי־ציון". די איבע־ריקע האָבן דערצו נישט מסכים געווען, און מיט אַ פּאָר חדשים שפּעטער, אין אָקטאָבער, 1905, איז געשאַפֿן געוואָרן די „הסתדרות הפּועלים הצעירים העברים בארץ־ישראל", וואָס האָט שפּעטער געקירצט איר נאָמען אויף „הפּועל הצעיר". מיט דעם נאָמען האָט מען געוואָלט אונטערשטרייכן, אַז ס'איז אַ פֿאַרבאַנד פֿון די יונגע אַרבעטער, ערשט געקומענע אין לאַנד. צווישן די גרינדער פֿון דער נייער אָרגאַניזאַציע זיינען געווען אליעזר שוחט (איצט אין נהלל), ש. לביא — לעווקאָוויטש (איצט אין עין־חרוד), דער שריפֿטשטעלער שלמה צמח (איצט אין רחובות), שרה מלכין (גרינ־דערין פֿון משק־הפּועלות אין עפֿולה), א. א. די פּועלי־ציון האָבן זיך אָר־גאַניזירט אין אַ באַזונדערן פֿאַרבאַנד.

אין גאַנצן לאַנד האָבן זיך דאַן געפֿונען ביי 600 אַרבעטער, דערפֿון 400 ניי־געקומענע. די מערהייט אַרבעטער האָט געהערט צום „הפּועל הצעיר", וואָס האָט זיך קאָנצענטרירט אין די קאָלאָניעס. אָבער ביסלעכ־ווייז הויבט זיך אויך אָן אַנטוויקלען די פּועלי־ציון פּאַרטיי, וואָס האָט גע־האַט איר עיקרדיקן שטיצפּונקט אין די שטעט און האָט ביסלעכווייז אָנ־

געהויבן אַריינדרינגען אין די קאָלאָניעס. מיטן קומען פֿון בן־גוריון און בן־צבי (אין 1906־7) ווערט פֿאַרשטאַרקט די פּועלי־ציון־פּאַרטיי. דעם 1טן מאַי, 1906, קומט פֿאָר די ערשטע 1טע מאַי־פֿייערונג פֿון די פּועלי־ציון אין ראשון לציון. עס נעמען אָנטייל אין דער פֿייערונג עטלעכע צענדליק אַרבעטער פֿון די קאָלאָניעס פֿון יהודה און פֿון יפֿו.

די באַוועגונג צו גיין אין גליל; „החורש"

צו יענער צייט הויבט זיך אָן אַ שטאַרקע באַוועגונג צווישן אידישע אַרבעטער צו גיין אין גליל; פֿאַרלאָזן די קאָלאָניעס אין יהודה, וואָס זיינען געווען געבויט בעיקר אויף דער פּרדסים־ווירטשאַפֿט און ווערן פּויערים ממש אין די תּבואה־קאָלאָניעס אין גליל. די ערשטע אַרבעטער אין גליל שאַפֿן אין 1907 די אָרגאַניזאַציע „החורש", וואָס האָט דורכגעמאַכט אַ פּעריאָד פֿון רעאָרגאַניזאַציע און איבערבוי אין 1908. דער „החורש" האָט געפּרעדיקט צו פֿאַרלאָזן די „באַקוועמלעכקייט" אין די קאָלאָניעס אין יהודה און זיך לאָזן צום פּיאָנעריש־לאַקנדיקן גליל און טאָן זאָל מען עס מיט דער זעלבער אָנטשלאָסנקייט ווי מ'האָט פֿריער פֿאַרלאָזן די באַקוועמלעכקייט אין דער אַלטער היים, אין רוסלאַנד. דער „החורש" האָט געלייגט דעם טראָפּ אויף דעראָבערן די פּשוטע אַרבעט. די תּבואה־קולטור (פֿלחה) איז וויכטיקער ווי די גאָרטן־קולטור; מ'דאַרף שאַפֿן אַ ריכטיקן פּויערים־שטאַנד און דאָס קאָן קומען נאָר דורך דער תּבואה־קולטור, ווייל די גאָרטן־קולטור האָט אַ קאַפּיטאַליסטישן כאַראַקטער. מ'דאַרף אַנטוויקלען אַן עלעמענט פֿון לאַנד־אַרבעטער, שטאַרקע אין קערפּער און גייסט; מ'דאַרף גרינדן אַנשטאַלטן פֿאַר קעגנזייטיקער הילף, קורסן פֿאַר העברעאיש, אַראַביש און לאַנדווירטשאַפֿט; לערנען די חברים ספּאָרט און דאָס באַנוצן זיך מיט געווער.

ערשטע אָנהויבן פֿון קאָאָפּעראַטיווער אָרגאַניזאַציע; „השומר"; „עבודה"

די יאָרן 1907־08 זיינען געווען געבענטשטע, דענקווירדיקע יאָרן אין דער געשיכטע פֿון דער א"י־אַרבעטער־באַוועגונג. ביי די אַרבעטער איז רייף געוואָרן דער דראַנג צו זעלבסטשטענדיקע, קאָאָפּעראַטיווע לעבנס־פֿאָרמען און קאָלאָניזאַציע. אין 1907 אַנטשטייט דער „קאָלעקטיוו" אין סעדזשעראַ, וואָס האָט איבערגענומען אויף זיין פֿולער אחריות די אויספֿירונג פֿון דער גאַנצער לאַנדווירטשאַפֿטלעכער אַרבעט אין דער קאָלאָניע. אין 1908 ווערט געשאַפֿן די נאַציאָנאַל־פֿאָנד פֿאַרם אין כּנרת. אַרטור רופּין — דער פֿירער פֿון א"י־אַמט פֿון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע,

ווערט דער טרייער פֿריינט פֿון די ערשטע אָנהויבן פֿון דער זעלבסט־שטענדיקער ארבעטער־קאָלאָניזאַציע. אין 1908 אָנטשטייט אויך אין יהודה דער ערשטער אַרבעטער־מושב עין־גנים, ביי פּתח־תּקוה.

אַ נייער לאָזונג צעפֿלאַמט דאַן דאָס הארץ און פֿאַנטאַזיע פֿון די געוואַגטע פּיאָנערן אין גליל — דעראָבערן די וועכטעריי אין די אידישע קאָלאָניעס. אין 1908 אָנטשטייט דער פֿאַראיין „בר־גיורא" אין סעדזשעראַ און אין מסחה, פֿון וועלכן ס'איז אין 1909 אַרויסגעוואַקסן די באַרימטע וועכטער־אָרגאַניזאַציע „השומר". אין דער אָרגאַניזירונג פֿון „החורש" האָבן גענומען אַ גלייכן אָנטייל חברים פֿון די פּועלי־ציון און פֿון „הפּועל הצעיר". די אָרגאַניזירונג פֿון „השומר" איז בעיקר געווען דער אויפֿטו פֿון חברים פֿון פּועלי־ציון. דער „השומר" האָט אין אַ קורצער צייט דעראָבערט די וואַך אין די אידישע קאָלאָניעס פֿון גליל און שפּעטער אויך דעראָבערט די קאָלאָניעס אין שומרון און יהודה.

דער „השומר" האָט אויך געבוירן נאָך אַ וויכטיקן געדאַנק — צו אָרגאַניזירן אַן אַרבעטס־לעגיאָן אונטערן נאָמען „עבודה", וואָס זאָל אַריינפֿירן דעם נייעם עולה אין דער אַרבעטער־געזעלשאַפֿט, אים פֿאַרפֿולקאָמען אויף די געביטן פֿון כּיבוש און שמירה און אויסשטרעקן אים אַ האַנט פֿון ברידערלעך־חברישער הילף. „עבודה" האָט געזאָלט זיין א לאנד־פֿארבאנד. אָנגעהויבן האָט ער מיט צוויי סניפֿים אין סעדזשעראַ און מגדל אין גליל און חדרה אין שומרון. אין חדרה איז שטאַרק געווען טעטיק אין „עבודה" בערל קאַצנעלסאָן. „עבודה" איז זיך פֿונאַנדערגעפֿאַלן צוליב פֿאַרשידענע סיבות נאָך אַ יאָר עקזיסטענץ, אָבער דער געדאַנק איז וויטער געטראָגן געוואָרן דורך די „השומר" חברים אין די רייען פֿון „גדוד־עבודה" אויפֿן נאָמען פֿון יוסף טרומפּעלדאָר אין די ערשטע יאָרן פֿון דער דריטער עליה (1920־21). דער „השומר" האָט אויף זיין פֿאַרדינסט אויך די שאַפֿונג פֿון די ערשטע גרופּן אידישע פּאסטוכער, די גרינדונג פֿון תּל־עדשים און אַנדערע.

אָרגאַניזאַציעס פֿון אידישע לאַנדווירטשאַפֿטלעכע אַרבעטער אין גליל און יהודה

אין 1911 איז געשאַפֿן געוואָרן דער ועד פּועלי הגליל. אויף דער קאָנפֿערענץ אין אום־דזשעני האָבן אָנטייל גענומען 17 דעלעגאַטן. יעדער דעלעגאַט האָט פֿאַרטראָטן 8 אַרבעטער. אין ועד פּועלי הגליל פֿון 7 מאָן זיינען אַריין אליעזר שוחט, חנה מייזל, ישראל און מאַניע שוחט, ישראל בצר, צבי יהודה און בערל קאַצנעלסאָן. דער וועד האָט פֿאַראייניקט אין זיך די אַרבעטער פֿון פּועלי־ציון און הפּועל־הצעיר. ב. קאַצנעלסאָן האָט פֿאַרטראָטן די אומפּאַרטייאישע אַרבעטער.

אין זעלבן יאָר קומט אויך פֿאָר (אין שבועות, 1911) — די ערשטע קאָנפֿערענץ פֿון די לאַנדווירטשאַפֿטלעכע אַרבעטער אין יהודה, אין עין־גנים, און ס'ווערט געשאַפֿן די „הסתדרות־הפועלים החקלאיים ביהודה". אין דעצעמבער, 1911, באַשליסט די צווייטע קאָנפֿערענץ פֿון דער לאַנד־ווירטשאַפֿטלעכער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע אין יהודה צו שאַפֿן די קופּת־חולים — אויפֿן יסוד פֿון אָפּצאָל פֿון אַלע מיטגלידער. די קופּת־חולים איז פֿאַקטיש געשאַפֿן געוואָרן סוף 1912, אָבער ניט אַלס אַן אָרגאַניזאַציע בלויז פֿון די לאַנדווירטשאַפֿטלעכע אַרבעטער אין יהודה, נאָר אַלס די קראַנקען־קאַסע פֿון אַלע אַרבעטער אין לאַנד — די עלטסטע אינסטיטוציע פֿון דער אין 1920 געשאַפֿענער הסתדרות.

די צווייטע קאָנפֿערענץ פֿון די לאַנדווירטשאַפֿטלעכע אַרבעטער אין גליל (1911), באַשליסט צו שאַפֿן אויפֿן אָרט פֿון ועד די „הסתדרות הפועלים החקלאיים בגליל". די דאָזיקע קאָנפֿערענץ פֿאַרטרעט שוין 240 אַרבעטער. מען זעט אויף דער קאָנפֿערענץ נייע פּנימער: יוסף בוסל פֿון דגניה און אליעזר יפֿה, איינער פֿון די שפּעטערדיקע פֿירער פֿון דער באַוועגונג פֿון די מושבי־עובדים און גרינדער פֿון „תנובה", א. אַ.

1911 איז צוליב נאָך אַ וויכטיקער סיבה אַ וויכטיקע דאַטע אין דער געשיכטע פֿון א"י און פֿון דער א"י־אַרבעטער־באַוועגונג. דאַן הויבט זיך אָן די גרעסערע עליה פֿון די תּימנים, נאָכן באַזוך פֿון ש. יבנאלי ביי די אידן פֿון תּימן. יוסף שפּרינצאַק און יבנאלי האָבן פֿיל אויפֿגעטאָן פֿאַר אויפֿנעמען ברידערלעך די ערשטע חלוצים פֿון נייעם אידישן שבט פֿון גלות־תּימן, וואָס האָבן זיך גלייך אַרויסגעוויזן אַלס אַ גלענצנדיקער עלע־מענט אין קאַמף פֿאַר דעראָבערן די אידישע קאָלאָניעס פֿאַר אידישער אַרבעט.

די דריטע קאָנפֿערענץ פֿון דער לאַנדווירטשאַפֿטלעכער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע אין יהודה, וואָס איז פֿאָרגעקומען אין בן־שמן אין 1913, האָט פֿאַרטראָטן 260 אַרבעטער. דאָרט האָט זיך געפֿירט אַן אינטערעסאַנטער ויכּוח, צי זאָל די אָרגאַניזאַציע אַריינעמען בלויז ערד־אַרבעטער, אָדער אויך שומרים, די בוי־אַרבעטער אין די קאָלאָניעס, א. אַ., וואָס זיינען פֿאַר־בונדן מיט דער לאַנדווירטשאַפֿט. עס ווערט שוין דאַן קלאָר, אַז עס מוז ווערן איינגעשטעלט אַן ענגע פֿאַרבינדונג מיט די אַרבעטער פֿון גליל און אַז עס דאַרף ווערן אויסגעברייטערט די ראַם פֿון דער אָרגאַניזאַציע. דער געדאַנק פֿון אַן אַלגעמיינער אָרגאַניזאַציע פֿון דער אידישער אַרבעטער־שאַפֿט ווערט שוין דער חלום פֿון די ערשטע שפּעטערדיקע פֿאַרווירקלע־כער פֿון דאָזיקן געדאַנק.

די פֿערטע קאָנפֿערענץ פֿון דער לאַנדווירטשאַפֿטלעכער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע אין יהודה אין 1914, אויף וועלכער 58 דעלעגאַטן האָבן פֿאַר־

טראָטן 400 אַרבעטער, דעפֿינירט דעם באַגריף פֿון מושבי־עובדים און ציינכנט אָן די ערשטע פּראָגראַם־שטריכן פֿון דער באַוועגונג צו שאַפֿן די מושבי־עובדים.

אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס אין די שטעט

אויך אין די שטעט האָבן זיך אָנגעהויבן אָרגאַניזירן פּראָפֿעסיאָנעלע אַרבעטער־פֿאַראיינען, אָנהויבנדיק פֿון 1907, ווען אין יפֿו זיינען אַנטשטאַנען פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַראיינען פֿון שוסטער־ און סטאָליער־אַרבעטער און אין ירושלים פֿון דרוקער־אַרבעטער. אין יפֿו האָט אויך אַ געוויסע צייט עקזיסטירט אַ „פֿאַרבאַנד פֿון פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַראיינען״. אין 1907 אַנטשטייט אין ירושלים אַ קאָמונע פֿון שטיין־ברעכער. אָנהויב 1909 ווערט געשאַפֿן אין יפֿו אַן אַרבעטער־קלוב. אַן ענלעכער קלוב אַנטשטייט באַלד אין חיפֿה און אין זומער, 1910 ווערט געשאַפֿן אין ירושלים אַן אַרבעטער־הויז.

אין 1910 אַנטשטייט אין ירושלים אַ פֿאַראיין פֿון שטיין־ברעכער. אָנהויב 1913 ווערט אין יפֿו רעאָרגאַניזירט דער סטאָליער־פֿאַראיין און עס פֿאַרשטאַרקט זיך די טעטיקייט פֿון שלאָסער־פֿאַראיין. אין חיפֿה אַנטשטייען אין 1913 אַ טרעגער־פֿאַראיין און אַ פֿאַראיין פֿון די אַרבעטער, וואָס בויען דעם חיפֿה׳ער טעכניקום. אין יפֿו אַנטשטייט אין 1913 אַ פֿאַראיין פֿון פּקידים (אָנגעשטעלטע). אַן ענלעכער פֿאַראיין אַנטשטייט אין יולי, 1914, אין ירושלים.

נאָך לאַנג פֿאַרן אויסברוך פֿון ערשטן וועלט־קריג האָבן זיך אָנגעהויבן בויען די ערשטע אַרבעטער־קאָאָפּעראַטיוון אין די שטעט. אָנהויב 1911 ווערט געגרינדעט אין תּל־אָביב אַ קאָאָפּעראַטיווע קראָם פֿון אַרבעטער און אָנגעשטעלטע. דער קאָאָפּעראַטיוו האָט עקזיסטירט צוויי יאָר מיט דערפֿאָלג. עס האָבן אויך אַרויסגעשפּראָצט די ערשטע אָנהויבן פֿון פּראָדוציר־קאָאָפּעראַציע. די פּועלי־ציון האָבן זיך באַמיט צו פֿאַרוואַנדלען זייער דרוקעריי „אחדות״ אין אַ פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוו. אין דער קונסט־שול „בצלאל״, אין ירושלים, האָבן זיך די אַרבעטער פֿון פֿאַרשידענע אָפּטיילונגען אָרגאַניזירט אין קאָאָפּעראַטיווע גרופּן. אַ פֿלאַמענדיקער פּראָפּאַגאַנדיסט פֿון געדאַנק פֿון קאָאָפּעראַציע איז געווען נחמן סירקין, צו וועמענס וואָרט, די ארץ־ישׂראלדיקע אַרבעטערשאַפֿט האָט זיך שטענדיק אויפֿמערקזאַם צוגעהערט. אין 1913 האָט סירקין געשריבן: „דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער פּראָלעטאַריאַט דאַרף אָנהויבן אין א״י מיט דער גרינדונג פֿון אַ קאָאָפּעראַטיוו הויז, וואָס וועט זיך פֿונאַנדערשפּרייטן אויף אַלע לעבנס־שטחים״. סירקין האָט פֿאַרגעלייגט צו בויען קאָאָפּעראַטיווע הייזער, וואָס זאָלן דינען אַלס עטאַפּ אויפֿן וועג צו קאָאָפּעראַטיווע גאַרטן־

שטעט, וואו עס ווערט פֿאַראייניקט די דאָרפֿס־ווירטשאַפֿט מיט דער שטאָטישער אינדוסטריע.

אין פֿרילינג, 1914, האָט דער סטאָליער־פֿאַראיין פֿון יפֿו אָנגעהויבן רעאַליזירן סירקינס פראָיעקט און האָט געשאַפֿן ביי יפֿו דעם „מגרש־גנים" — דעם ערשטן אָנהויב אויפֿן געביט פֿון קאָאָפּעראַטיוון הייזער־בוי. פֿון דעם איז שפּעטער אַרויסגעוואַקסן דער קוואַרטאַל „עיר־גנים", וואָס האָט זיך שפּעטער פֿאַרוואַנדלט אין איצטיקן רמת־גן, וואָס איז אַ צענטער פֿון דער „קאַפּיטאַליסטישער" פּריוואַט־אינדוסטריע.

אַן אייגנאַרטיקער גלגול פֿון אַ ניגון!

אָנהויבנדיק פֿון 1914 האָט דער פּאַלעסטינע אַרבעטער־פֿאָנד (קפּא"י) אָנגעהויבן בויען אַ רייע פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוון, ווי די קאָאָפּעראַטיווע בעקעריי „אחוה" אין ירושלים (1914), און אַ רייע שטאָטישע אינדוסטריע־קאָאָפּעראַטיוון אין די יאָרן 1918־19.

אין 1915 איז אָנטשטאַנען דער קאָנסום־קאָאָפּעראַטיוו „המשביר", וואָס האָט געשפּילט אַן אויסערגעוויינלעך־וויכטיקע ראָל ביים קאָנטראָלירן דעם לעבנס־מיטל־מאַרק און באַקעמפֿן דעם יקרות, סיי אין פֿריִקן, סיי אין איצטיקן וועלט־קריג.

דער דראַנג צו פֿולער איינהייט

דער וואוקס פֿון דער אַרבעטערשאַפֿט אין לאַנד און די כּסדרדיקע פֿאַרצווייגונג פֿון אירע אויפֿגאַבן און טעטיקייטס־געביטן, האָט געמאַכט אַקטועל די נויטיקייט צו שאַפֿן אַן אַלגעמיינעם אַרבעטער־פֿאַרבאַנד נאָך לאַנג פֿאַר דער גרינדונג פֿון דער הסתּדרות. סוף 1910 האָט יצחק בן־צבי פֿאַרעפֿנטלעכט אַן אַרטיקל וועגן דער נויטווענדיקייט צונויפֿצורופֿן אַ קאָנפֿערענץ פֿון אַלע אַרבעטער אין לאַנד. דער דאָזיקער געדאַנק איז געוואָרן רעאַליזירט ערשט אין 1919 מיט דער גרינדונג פֿון דער „אחדות־עבודה", אָבער פּרוּוון צו דערנעענטערן און פֿאַראייניקן די אַרבעטער פֿון גאַנצן לאַנד זיינען געמאַכט געוואָרן פֿיל פֿריער. שוין די ערשטע קאָנפֿערענץ פֿון די לאַנדווירטשאַפֿטלעכע אַרבעטער אין יהודה (אין 1911) האָט באַשלאָסן איינצושטעלן אַן ענגע פֿאַרבינדונג מיטן ועד פּועלי הגליל מיטן צוועק צו פֿירן אַ פֿאַראייניקטע אַרבעט. אויף דער צווייטער קאָנפֿערענץ פֿון די לאַנדווירטשאַפֿטלעכע אַרבעטער פֿון יהודה האָט מען גערעדט וועגן שאַפֿן אַן אַלגעמיינע אָרגאַניזאַציע פֿון די א"ידיקע אַרבעטער. די דריטע קאָנפֿערענץ (1913) פֿאַרפֿליכטעט דעם צענטראַל־קאָמיטעט צו איניציאירן די שאַפֿונג פֿון אַן אַלגעמיינעם קאָמיטעט, וואָס זאָל פֿאַראייניקן אַלע אַרבעטער־פֿאַרבאַנדן אין לאַנד. אין אים זאָלן זיין אַנגעשלאָסן אויך די אַרבעטער אין די שטעט. די קופּת־חולים, וואָס איז געשאַפֿן געוואָרן אין יענער

צייט, האָט געעפֿנט ברייט אירע טויערן פֿאַר די אַרבעטער אין דאָרף און שטאָט, און הגם ס׳האָט נאָך ניט געהאַט עקזיסטירט קיין שטאַטישע אָפּטיילונג פֿון דער קופּת־חולים, האָבן די אַרבעטער אין שטאָט געקראָגן די מעגלעכקייט זיך צו באַטייליקן אין דער פֿירונג פֿון דער אַנשטאַלט. די 4טע קאָנפֿערענץ פֿון די לאַנדווירטשאַפֿטלעכע אַרבעטער פֿון יהודה (1914) ווײַלט אויס אַ פֿאַרשטייער אין בשותּפֿותדיקן קאָמיטעט פֿון די אַרבעטער פֿון יהודה, גליל און דעם „השומר" און פֿון די פֿאַרשטייער פֿון די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַראייניגן אין די שטעט. אַזאַ פֿאַראייניקטער קאָמיטעט איז טאַקע געשאַפֿן געוואָרן און אויף זײַן זיצונג אין חיפֿה זײַנען צווישן אַנדערן אָנגענומען געוואָרן וויכטיקע באַשלוסן וועגן אָפּהיטן דעם יסוד פֿון זעלבסט־אַרבעט אין די מושבֿי־עובֿדים, וועגן דער גרינדונג פֿון ביכער־פֿאַרלאַג „אדמה", א.א.

לאָמיר אויך דערמאָנען, אַז אין יענער צייט (1914) איז אויך געגרינדעט געוואָרן די הסתּדרות פּועלי שומרון. אין צענטער פֿון דער אָרגאַניזאַציע איז געשטאַנען דוד רמז.

אין משך פֿון די ערשטע מלחמה־יאָרן זײַנען איבערגעריסן געוואָרן די פֿאַרבינדונגען פֿון אַרבעטער־ציבור, און די אַרבעטער־באַוועגונג, ווי דער ישובֿ בכלל, איז געשטעלט געוואָרן אין אַן אויסערסט־קריטישער לאַגע. פֿיל אידן זײַנען דעפּאָרטירט געוואָרן פֿון לאַנד, דערונטער אַ צאָל וויכטיקע אַרבעטער־טוער. די צאָל אידן אין א״י איז געפֿאַלן פֿון 85 טויזנט ביים אויסברוך פֿון קריג ביז 56 טויזנט ביים סוף פֿון קריג. באַלד הויבט זיך אָבער אָן די אויפֿלעבונג, וואָס טרעט אַרײַן נאָכן פֿאַרטרײַבן די טערקן פֿון לאַנד, נאָכן אָנקומען פֿון אידישן לעגיאָן און נאָכן פֿאַרעפֿנטלעכן די באַלפֿור־דעקלאַראַציע.

די „אחדות־עבֿודה"; ערבֿ הסתּדרות

אין 1919 אַנשטייט די „אחדות־עבֿודה", אין וועלכער עס פֿאַראייניקן זיך די פּועלי־ציון, די מיטגלידער פֿון לעגיאָן און די „הסתּדרות החקלאית", וואָס האָט זיך צוזאַמענגעשלאָסן אין 1918 פֿון די פֿריערדיקע באַזונדערע פֿאַרבאַנדן אין יהודה, גליל און שומרון. די האָפֿענונג צו שאַפֿן דורך „אַחדות־העבֿודה" די פֿאַראייניקונג פֿון דער גאַנצער א״י־אַרבעטערשאַפֿט איז ניט מקוים געוואָרן, נאָכדעם ווי דער „הפּועל הצעיר" האָט זיך ניט דערקלערט גרייט אַנצושליסן אין דער געשאַפֿענער פֿאַראייניקונג.

ווײַטער האָט, אַלזאָ, געדראָט, אַז עס זאָלן בלײַבן עקזיסטירן צוויי באַזונדערע אַרבעטס־ביוראָען, צוויי קראַנקען־קאַסעס, אאַ״וו. די פֿאַראייניקטע הסתּדרות החקלאית האָט זיך צוריק צעטיילט. די געפֿאַר פֿון צעשפּאַלטונג האָט אויך באַדראָט די גאַנצקייט פֿון די געשאַפֿענע פּראָפֿעסיאָ־

נעלע לאַנד־פֿאַרבאַנדן פֿון דער הסתדרות־הפּקידים (פֿאַרבאַנד פֿון אָנגע־שטעלטע) און פֿון דער „הסתדרות פּועלי־הרכּבת, הדואר והטלגרף" (פֿאַר־באַנד פֿון באַן־ פּאָסט־ און טעלעגראַף־אַרבעטער), וואָס זײַנען אַנטשטאַ־נען אין די יאָרן 20־1919.

יוסף טרומפּעלדאָר האָט פֿיל מיטגעווירקט ביי דער אָרגאַניזירונג פֿון דער הסתדרות. זיין בריוו „צו די ארבעטער פֿון ארץ ישראל" האָט שטאַרק באַווירקט די פֿאַראייניקונגס־אונטערהאַנדלונגען און האָט צוגעאיילט דאָס צונויפֿרופֿן די גרינדונגס־קאָנפֿערענץ פֿון דער הסתדרות. אויך י. ח. ברענער, ב. קאַצענעלסאָן, בן־גוריון, א"א זיינען געווען זייער אינסטרוקטיוו ביים צונויפֿרופֿן די גרינדונגס־קאָנפֿערענץ פֿון דער הסתדרות.

חנוכּה, 1920, איז ענדלעך אין הויף פֿון טעכניקום אין חיפֿה פֿאָרגע־קומען די גרינדונג־קאָנפֿערענץ פֿון דער הסתדרות. ס'איז געעפֿנט געוואָרן דער טויער פֿאַר אַלע די גרויסע דערגרייכונגען מיט וואָס די ארץ־ישראל־דיקע אַרבעטערשאַפֿט און אירע פֿריינט אין דער גאַנצער אידישער וועלט, זיינען אַזוי שטאָלץ.

די גרינדונג פון דער הסתדרות

יוסף טרומפעלדאָר

צו די אַרבעטער פון ארץ־ישראל *

דאָס רוסישע אידנטום איז געוואָרן ארויסגעריסן פון זיינע אַלטע וואוין־פּלעצער, און די אידישע מאַסן שטייען אַלע מיט פּעקלעך אויף די פּלייצעס און וואַרטן מ׳זאָל עפענען די טויערן פון ארץ־ישראל. זיי שטייען על־פרשת־דרכים, פול מיט צער און האָפענונגען. אויב די אויסגעטרוימטע טויערן וועלן זיך עפענען, וועלן זיך ציען אַהער גרויסע מאַסן, וואָס זיינען גרייט אויף אַלע קרבנות, ווייל זיי האָבן ניט וואָס צו פאַרלירן. הינטער זיי זיינען באַיקאָטן, פייניקונגען, פּאָגראָמען, הריגות און די געשענדעטע ווירדע פון זייערע טעכטער און פרויען. אויב די טויערן וועלן ניט ווערן געעפנט, וועלן די דאָזיקע מאַסן ניט האָבן קיין אַנדערע ברירה, ווי שלום צו מאַכן מיט דער לאַגע און ווערן אויסגעשטעלט אויף גיהינום־יסורים. ווידעראַמאָל וועלן זיך אָנהויבן פּאָגראָמען און שחיטות, ווידער אַמאָל וועט מען פאַר־גוואַלטיקן זייערע טעכטער און פרויען, ווידעראַמאָל וועלן שטראָמען טייכן בלוט, און גרויס וועט זיין די שאַנד.

דאָס רוסישע אידנטום קלאַפּט אין די טויערן פון לאַנד. און וואָס איז דער מצב אויף יענער זייט טויערן, אינעווייניק אין לאַנד? אין די קרייזן פון די אָנפירער: מאַנגל אין מיטלען, מאַנגל פון איניציאַטיוו, אַר־בעטסלאָזיקייט, מ׳שטופּט דורך דאָס לעבן. און אין דער מאַסע? ווען איך האָב פאַרלאָזט ארץ־ישראל אין אָנהויב פון קריג האָבן עקזיסטירט 2 אַר־בעטער־פּאַרטייען: „הפועל הצעיר״ און „פועלי־ציון״. צווישן זיי איז אָנגעגאַנגען אַ קאַמף, אָבער אויף אַלגעמיינע פראַגן האָט מען געקענט געפינען אַן אַלגעמיינע תשובה. עס האָט עקזיסטירט אַ פאַראייניקטע

---

* יוסף טרומפּעלדאָר איז געווען פון די ענערגישסטע פאָרקעמפער פון געדאַנק פון שאַפן אַן איינהייטלעכע אָרגאַניזאַציע פון דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטערשאַפט. זיין רוף „צו די אַרבעטער פון ארץ ישראל״ האָט געפונען אַ הילכיקן אָפּקלאַנג אין אַלע טיילן פון אַרבעטס־ציבור, וואָס האָט געפונען זיין אויסדרוק אין דער שאַפונג פון דער הסתדרות.

לאַנדווירטשאַפֿטלעכע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, אַן אַלגעמיינע קראַנקען־קאַסע. איצט איז ניטאָ קיין איין געמיינזאַמע זאַך. דער „הפועל הצעיר" האָט זיין אַרבעטס־ביוראָ, און די אחדות־העבודה" האָט איר אַרבעטס־ביוראָ; עס עקזיסטירן צוויי קראַנקען־קאַסעס, צוויי אָרגאַניזאַציעס פֿון לאַנדווירטשאַפֿטלעכע אַרבעטער. אַ קאַמף גייט אויך אַן צווישן דיביידע שטרעמונגען צווישן די באַן־אַרבעטער. פֿאַרוואָס דאָס אַלעס? איך האָב אַ סך אַלטע פֿריינט פֿון ביידע פּאַרטייען. צוזאַמען האָבן מיר געאַרבעט, צוזאַמען געפֿיבערט, צוזאַמען געווען אויסגעשטעלט אויף געפֿאַרן, סיי דאָ און סיי אין גאַליציאַ, צוזאַמען האָבן מיר ליב געהאַט אַן גרענעצן דאָס דאָזיקע לאַנד — אונזער לאַנד. איך האָב ליב און שעץ מיינע אַלטע פֿריינט פֿון ביידע לאַגערן. און ווער ווייסט דאָס וואָגן ניט צו האָבן קיין דרך־ארץ פֿאַר וועטעראַנען, וואָס זיינען אַן אויפֿהער געבליבן אויף דער וואַך די גאַנצע צייט? אויך זיי אַליין האָבן ליב געהאַט און געשעצט איינער דעם צווייטן.

ליב געהאַט און געשעצט, אָבער איצט קען נישט איינער ריידן מיטן צווייטן אָן ציין־קריצעניש. פֿאַרוואָס דאָס אַלץ? עטלעכע מאָל האָב איך זיך פֿאַרטראַכט און זיך צוגעהערט צו די טענות פֿון ביידע צדדים, איך האָב געפּרוּווט גרינטלעך פֿאַרשטיין די פֿראַגע, זיך באַפֿרייען פֿון אייגענע אָנשויאונגען און צוגיין צו דער פֿראַגע אויף אַ מער ברייטן און אָביעקטיוון אופֿן. און צום סוף בין איך געקומען צום אויספֿיר, אַז ס'איז דאָ אַ באַזיס פֿאַר אַ בשותּפֿותדיקער אַרבעט, און אַזעלכע געמיינזאַמע אַנשטאַלטן קענען ווערן געשאַפֿן.

— — — נאָך פּריוואַטע געשפּרעכן, וואָס איך האָב געהאַט לעצטן חודש מיט עטלעכע מיטגלידער פֿון ביידע פּאַרטייען, קען מען, לויט מיין מיינונג, קומען צו אַ הסכּם אויפֿן פֿאָלגנדיקן יסוד: די פּאַרטייען בלייבן עקזיסטירן. די אַרבעטער (אָדער, בעסער געזאָגט, די אַרבעטנדיקע וואָס עקספּלואַטירן ניט קיינעמס אַרבעט) ווילן אויס דעלעגאַטן צו אַ געמיינזאַמען ראַט. דער וואַל־סיסטעם זאָל זיין אַ פּראָפּאָרציאָנעלער, וואַל־ליסטעס קענען אַרויסשטעלן סיי די פּאַרטייען און סיי אַנדערע גרופּן.

דער ראַט איז אַן אומפּאַרטייאישער און ער שאַפֿט די פֿאָלגנדיקע בשותּפֿותדיקע אַנשטאַלטן:

א) אַן אַרבעטס־ביוראָ; ב) אַן אינפֿאָרמאַציע־ביוראָ; ג) אַ קופּת־חולים; ד) איינוואַנדערונגס־הייזער; ה) באַשפּייז־הייזער; ו) אָוונט־קורסן; ז) אַ ליי־קאַסע.

דער ראַט העלפֿט אויך מיט אָרגאַניזירן פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַראיינען. אויסער דעם, האָט דער ראַט דאָס רעכט צו באַשליסן און אויספֿירן זאַכן און אַרבעטן, צו וועלכע עס האָבן געגעבן זייער הסכּמה די פֿאַרשטייער

פון די פּאַרטייען, וואָס האָבן זיך דערויף געאייניקט. פּאַראַלעל מיטן ראַט
ווערן געשאַפן אומפּאַרטייאישע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, וואָס פאַראיי־
ניקן זיך שפּעטער אין אַ צענטראַלן פאַרבאַנד פון די אומפּאַרטייאישע
פאַראיינען. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען אַר־
בעטן אין פאַרבינדונג מיטן ראַט. דאָס איז אין אַלגעמיינע שטריכן דער
גאַנצער פּלאַן. אַ פּשוטער פּלאַן און, ווי עס זעט אויס, אויך אַן ־אַרבעטס־
פּייאיקער. מ׳דאַרף זיך באַמיען אויספירן דעם פּלאַן, די לייטונגען פון די
פּאַרטייען דאַרפן וועגן דעם קומען צו אַ פולשטענדיקן הסכם. אויב זיי
וועלן געפינען פאַר נויטיק, קען מען אָרגאַניזירן אַ קאָנפערענץ, און נאָך
דעם וועט מען דורכפירן וואַלן צום ראַט.

איך חזר איבער: דאָס אידנטום שטייט פאַר זייער וויכטיקע געשעע־
נישן. אין די קומענדיקע חדשים אָדער יאָרן וועט ווערן אַנטשידן דער גורל
פון אידישן פאָלק אין ארץ־ישראל, צי זאָל עס בלייבן עקזיסטירן אָדער
אונטערגיין. און די פירער זיינען ניט גרייט צו דער גרויסער אַרבעט. זיי
האָבן ניט קיין פּלאַן. און פון דער צווייטער זייט, שטייען די רוסישע אידן
אויף דער שוועל פון לאַנד, ווערנדיק פאַרפאָלגט דורך פּאָגראָמען, וואָס האָבן
ניט זייער גלייכן, מ׳קען זאָגן, זיי ווערן פּשוט אויסגעשאָכטן — און זיי
בעטן זיך מ׳זאָל זיי אַריינלאָזן אין לאַנד.

עס איז נויטיק אַ גרויסע ספּעציעלע אָנשטרענגונג פון אַלע אַרבעטער
אין לאַנד. יעדע רגע איז טייער. יעדערער, וועלכער קומט אַריין אין לאַנד
ווערט געראַטעוועט פון אַ זיכערן טויט אָדער פון אַ לעבן פון פּיין. יעדע
רגע, וואָס מיר פאַרשפּעטיקן, וועט אונז פאַררעכנט ווערן פאַר אַ זינד.
שטרענגט זיך דערפאַר אָן אַרויסצוגיין פון קרייז פון פּאַרטייאישקייט; דער־
נעענטערט זיך איינער צום צווייטן פאַר דער בשותּפותדיקער אַרבעט מיט
אַ ברייט־אָפן ברודער־האַרץ.

העלפט לייזן די וויכטיקע פראַגע; העלפט אַריינעמען אין לאַנד די
וואָס שטייען אויפן שוועל. ראַטעוועט זיי!

1919

י. ח. ברענער

וועגן דער אחדות פון אַרבעטער

די הויפּט־אויפגאַבע פון אידישן סאָציאַליזם אין דער איצטיקער צייט
איז צו שטאַרקן די פּראָדוקטיווע כּוחות און די פּראָדוקטיווע מעגלעכקייטן
פון אידישן פּראָלעטאַריאַט, דאָס הייסט פון נישט עקספּלואַטירנדיקן
טייל פון אידישן פאָלק, וואָס איז דער רוקנביין פון אידישן פאָלק;
איבערצופירן די נישט־אַרבעטנדיקע עלעמענטן אין אים, צוליב מאַנגל אין

א פאסיקן ארבעטס־פלאץ, מאנגל אין ארבעטס באדינגונגען, אדער צוליב מאנגל פון געוואוינהייטן און קענטעניש, צו א לעבן פון ארבעט; צו ארגאניזירן די אימיגראציע פון אידישן המון פון די ערטער וואס שפייען אים אויס און אים איבערפירן אין ערטער וואס וועלן ווערן דורך אים באנייט און וועלן אים אליין באנייען.

צוליבן דאזיקן ציל דארפן זיך פאראייניקן אלע אידישע ארבעטער־פארטייען איבעראל, אויב עס שלאגט נאר אין זיי אן אמתער לעבנס־גייסט. די איינוואנדערונג קיין ארץ ישראל דארף זיין איינע פון די פונקטן אין אקציאנס־פראגראם פון דער דאזיקער פאראייניקונג.

— — — די ארבעטער אין ארץ־ישראל דארפן זיך ארגאניזירן אין איין ארבעטער־ארגאניזאציע, וואס זאל טאן אלץ וואס איז נויטיק צו שטארקן דעם כוח פון אידישן ארבעטער אין לאנד. די דאזיקע ארגאניזאציע דארף זיך ניט דווקא רופן ציוניסטיש־סאציאליסטישע — דער נאמען ארגאניזאציע פון ארץ־ישראלדיקע ארבעטער איז גענוג. דער גייסט פון פראלעטארישן ציוניזם, ד״ה דער גייסט פון אמתן אידישן סאציאליזם, וועט אליין זיכער באלעבן די דאזיקע ארגאניזאציע. זאל נאר עקזיסטירן א קערפערשאפט פון אידישע ארבעטער אין ארץ־ישראל; דער גייסט פון סאציאליזם וועט אליין אין איר ווערן אריינגעבלאזן. אזא ארגאניזאציע וועט ניט קענען עקזיסטירן אן דעם דאזיקן גייסט. אבער כדי אויסצומיידן האר־שפאלטנדיקע פלפולים, שעדלעכע טראדיציאנעלע טעאריעס, פארטייאישן פאנאטיזם, פארבינדונגען מיט דעם אדער יענעם צענטראל־קאמיטעט; כדי די ארבעטער זאלן ניט זאגן: איך בין א הפועל הצעירניק, איך בין א צעירי ציוניק, איך בין א פועליציוניסט, אא״וו, כדי די אלגעמיינע ארבעטער קאנפערענץ זאל קאנען אויסוויילן פון זיך די סאמע פייאיקסטע, ניט־לייגנדיק קיין אכט אויף זייער פארטייאישער פארגאנגענהייט, כדי די נויטיקע ארבעטער־אנשטאלטן זאלן געשאפן ווערן אן איבעריקע רייבונגען, צוליב דעם אלעם דארף געשאפן ווערן אן ארץ־ישראלדיקער ארבעטער ארגאניזאציע, ניט צוגעבנדיק צו איר נאך א ספעציעלן נאמען. די הסתדרות פועלי ארץ־ישראל — מיט דעם איז אלץ געזאגט. זי וועט מוזן זיין דאס וואס זי איז לויט איר עצם מהות. און אויך דאס ארבעטס־פעלד פון דער הסתדרות וועט זיין — אלץ. די ארבעט פון שלום און די ארבעט פון מלחמה, אן באגרענעצונגען און פארבאטן. .

זאל געשאפן ווערן די דאזיקע ארגאניזאציע — און סוף־סוף וועט זי געפינען איר פארבינדונג מיט דער ארבעטער־ארגאניזאציע אין גלות און מיט דער אינטערנאציאנאלער ארבעטער־ארגאניזאציע פון וועלט־פראלעטאריאט (אראבער אריינגערעכנט), די נאטירלעכע פארבינדעטע וועלן זוכן איינער דעם צווייטן.

1920

אַלעקסאַנדער זיסקינד ראַבינאָוויטש

צו דער אַרמיי פֿון אַרבעטנדיקע

דער יסוד פֿון דער אויפֿלעבונג פֿון אונזער פֿאָלק און לאַנד איז די אַרמיי פֿון אַרבעטנדיקע. אַן איר איז אַלץ פּוסטע רייד, סיי אויפֿן גייסטיקן און סיי אויפֿן פֿיזישן געביט.

ווען איך הער די שטימען פֿון עטלעכע הונדערט יונגעלייט אין ארץ־ישראל רופֿן מיט אמונה און בטחון: מיר וועלן ניט רוען ביז מיר וועלן ניט אויפֿשטעלן אונזערע חורבות, מיר וועלן מיט אונזערע נעגל צעאַקערן אונזער וויסטע ערד, זי זאָל געבן פֿרוכט; מיר וועלן באַשיצן דעם כּבוד פֿון אונזער פֿאָלק און מיר וועלן ניט פֿאַרלאָזן אונזער ערד ביז אונזער לעצטן טראָפּן בלוט; און ווען איך זע צוזאַמען דערמיט, אַז זיי זייען מקיים זייערע רייד און זיי קעמפֿן פֿאַר דער אויפֿלעבונג פֿון פֿאָלק מיט אומאויפֿהערלעכער און אומפֿאַרגלייכלעכער געדולד, און זיי אַנטקעגן הילכט אַריבער דער אָפּקלאַנג פֿון דער שטים פֿון צענדליקער טויזנטער יונגעלייט, וואָס זיינען נאָך צעשפּרייט אין גלות און וועלן בקרוב זיך אָנ־שליסן אין דער אַרבעטס־אַרמיי פֿון ארץ־ישראל — דאַן הויבט אָן מיין אַלט האַרץ צו קלאַפּן מיט יוגנטלעכער קראַפֿט און מיינע האַלב־בלינדע אויגן דערזעען די פּראַכט פֿון מאָרגנשטערן פֿון גאולה...

אָבער דער יסוד דאַרף זיין פֿעסט און שטאַרק. די אַרבעטס־אַרמיי מוז זיין פֿאַראייניקט צוזאַמען מיטן באַנד פֿון אינערלעכער ברודערשאַפֿט און מיט אַ שטאַרקער אָרגאַניזאַציע. די צעשיידונגען און זייערע מאָטיוון דאַרפֿן ווערן אַנולירט. דאָס איז דער וויכטיקסטער עיקר.

אמת, עס טרעפֿט, אַז צוליבן נאַציאָנאַלן ציל דאַרפֿן זיך די אַרבעטנ־דיקע אויך פֿאַראייניקן מיט די איבעריקע קלאַסן, אָבער, די אַרבעטנדיקע טאָרן קיין איין רגע ניט פֿאַרגעסן זייער באַזונדערע אויפֿגאַבע און באַדער־פֿענישן. ווייל אויב זיי וועלן זיך ניט פֿאַראייניקן אַליין צו זאָרגן פֿאַר זיי־ער קלאַס, וועלן אַנדערע ניט קענען זאָרגן פֿאַר זיי און זיי וועלן ניט זיין ביכולת צו העלפֿן זיי.

אַ פֿולשטענדיקע איינהייט דאַרף הערשן צווישן די אַרבעטער. אַ גע־פֿיל פֿון אמתער ברידערלעכקייט דאַרף דורכדרינגען אַלע סטרונעס פֿון זייער נשמה.

און אויב עס זיינען דאָ אַזעלכע, וואָס צוליב וועלכן ס׳איז מאָטיוו (דער שטן קען אויך צוטראַכטן אידעאַליסטישע מאָטיוון) ווילן זיי זיך פֿאַרלויפּיק ניט פֿאַראייניקן מיט די איבעריקע אַרבעטער אין גייסט פֿון פֿולשטענדיקער

איינהייט — טאָ זאָלן זיי ניט אָפּשוואַכן די הענט. ס'וועט קומען אַ צייט, און זיי וועלן פֿאַרשטיין זייער טעות.

זאָל וויסן די אַרמיי פֿון אַרבעטנדיקע, אַז איר וועג איז לאַנג און שווער און פֿול מיט שטרויכל־שטיינער, און נאָר דורך פֿולשטענדיקער איינקייט וועט זי אַלץ גובר זיין און מצליח זיין.

צעקריגט זיך ניט, ברידער, אויפֿן וועג!

1920

ב. קאַצענעלסאָן

די מעשים פֿאַראייניקן

(פֿון דער רעדע, געהאַלטן ביי דער דערעפֿענונג פֿון דער גרינדונגס־קאָנפֿערענץ פֿון דער הסתדרות)

דאָס איז די ערשטע קאָנפֿערענץ, וואָס ציילט אַזאַ גרויסע צאָל דעלע־גאַטן. די עלטערע חברים, וואָס האָבן אויסגעטראָגן די פּערזענלעכע און געזעלשאַפֿטלעכע לעבנס־לאַסט, באַגריסן אונזערע חברים, וואָס קומען איצט אין לאַנד און שליסן זיך אָן אָן אונז. די דאָזיקע קאָנפֿערענץ איז אַנדערש פֿון די פֿריערדיקע, נישט נאָר אין כמות, נאָר אויך אין איכות. עס הערשט דער געפֿיל, אַז אין לעבן פֿון אַרבעטער דאַרף געשען עפּעס אַ זאַך, און די דאָזיקע זאַך פֿאַרפֿליכטעט די קאָנפֿערענץ זיך אויפֿצוהויבן.

ניט מיט קיין לייכט האַרץ האָבן מיר זיך דאָ פֿאַרזאַמלט. מיר האָבן דער־וואַרט די רעאַליזירונג פֿון האָפֿענונגען — און דאָ איז געקומען די ווירק־לעכקייט און האָט איר אַנטוישט. עס זיינען דאָ גענוג כּוחות אין אידישן פֿאָלק, אָבער זיי שליסן זיך ניט צוזאַמען. אויפֿן אַרבעטער־ציבור לאַסטעט די שווערקייט פֿון דער אַרבעט און די שווערקייט פֿון גייסטיקן און מאַטע־ריעלן חורבן פֿון גאַנצן אידנטום. דער אַרבעטער־ציבור איז פֿאַראייניקט דורך זיינע טאַטן, דורך זיין לעבן און האָפֿענונגען אין אַ לעבנסקרעפֿטיקן אחוד.

מיר וועלן פֿון דאַנען נישט אַוועק, נאָר אַלס פֿאַראייניקטע. אויב אונז וועט געלינגען צו לייגן דאָ אַ יסוד פֿאַר אַן אַרבעטער־רעפּובליק אין לאַנד— וועלן מיר האָבן אויפֿגעטאָן אַ גרויסע זאַך. פֿיר טויזנט אַרבעטער הויבן אויף צו אונז זייערע אויגן און באַפֿעלן אונז: שטאַרקט אייך! דעם דאָזיקן באַפֿעל פֿילן מיר אַלע און אים וועלן מיר פֿאָלגן....

ש. יבניאלי

די רעטונג פֿון פֿאָלק

(רעדע אויף דער גרינדונגס־קאָנפֿערענץ פֿון דער הסתדרות)

מיר רעדן אַלע וועגן דער אחריות פֿון דער איצטיקער שעה. אָבער וואָס איז דער אויספֿיר?

זינט יאָרן ווי די פֿראַגע פֿון קיום פֿון פֿאָלק אין פֿיל טיילן פֿון גלות, די פֿראַגע פֿון קיום אָדער פֿאַרניכטונג, שטייט פֿאַר אונזערע אויגן, און קיינער גיט ניט קיין תשובה. די גאולה פֿון פֿאָלק, וואָס ווערט געזיכערט אין דער ווייטער צוקונפֿט, איז ניט קיין ענטפֿער איצט. מיר האָבן געוואַרט ביז איצט, אַז עס זאָל קומען אַ גואל און אונז אויסלייזן, אָבער עס איז שוין געקומען די צייט צו וויסן, אַז אויסער אונז איז ניטאָ קיין גואל און קיין רעטער.

ס'איז געקומען די צייט פֿאַרן ציוניזם צו זיין דער רעטער און דער אויסלייזער פֿון די אידן פֿון די נעגל פֿון פֿאַרניכטונג.

ביז איצט איז געלעגן דער חוב אויף די איינוואוינער פֿון ציון אָפּצוהיטן דאָס לעצטע ליכט פֿון דער גאַציע, עס זאָל ניט ווערן פֿאַרלאָשן; דאָס אויפֿהאַלטן דעם ישוב אין לאַנד איז געווען דער חוב פֿון די איינוואוינער פֿון לאַנד און די וואָס בענקען קיין ציון, אָבער פֿון איצט אָן, אויב דער ציוניזם זאָל ניט ווערן פֿאַרוואַנדלט אין דעם רעטונגס־פֿאַקטאָר אין פֿאָלק, אויב ס'זאָלן ניט געשאַפֿן ווערן קיין טאַטן, וואָס זאָלן אויסלייזן גרויסע טיילן פֿון פֿאָלק — וועלן מיר דאָן ניט האָבן דערפֿילט אונזער אויפֿגאַבע.

די מיסיע פֿון אידישן אַרבעטער און די מיסיע פֿון גאַנצן דור איז ניט די פֿאַרזעצונג פֿון אונזער קיום, נאָר די רעטונג פֿון פֿאָלק. דער אויפֿבוי פֿון ארץ־ישראל און אין רעזולטאַט דערפֿון — די גאולה פֿון דער גרויסער מערהייט אידן פֿון די גלות־לענדער, איז די אויפֿגאַבע פֿון דור. און אויב דאָס וועט ניט ווערן געטאָן — האָט דער דור ניט דערפֿילט זיין אויפֿגאַבע.

ווער וועט אויף זיך נעמען דורכצופֿירן די דאָזיקע אַרבעט?

דער אידישער אַרבעטער אין ארץ־ישראל. די פֿיר טויזנט אידישע אַרבעטער, וואָס לעבן פֿון אַרבעט אין ארץ־ישראל, בילדן אַן אומפֿאַרגלייכ־לעכן כוח פֿאַר דער אויפֿלעבונג פֿון פֿאָלק אין אַלע גלות־לענדער. מיר, מיט אונזערע זין און טעכטער, בעלי־בתישע קינדער, וואָס האָבן קיינמאָל ניט געאַרבעט, וואָס זיינען געקומען אין לאַנד און זיך צוגעפּאַסט מיט דער־פֿאָלג צו אַלע אַרבעטן, סיי ביים פֿלאַסטערן וועגן און שאָסייען, סיי ביים באַאַקערן די טאָלן און סיי ביים אויסשטייניקן דעם באָדן און ביי פֿלאַנצן

די בערג — מיר זיינען די לעבעדיקע עדות, אַז ס'איז נאָך ניט געוואָרן אויסגעוועפּט דער גייסט פון פאָלק.

דער אייינציקער גאון, וואָס איז געווען דער וואָרט־פירער פון דער תקופה און געגאנגען פאָראויס פון זיין דור — איז נישטאָ מער. הערצל איז נישטאָ. מוז איצט קומען דער קאָלעקטיווער כוח, דער געזעלשאַפט־לעכער גאון: די אידישע אַרבעטס־געזעלשאַפט. און אויב דער אידישער אַרבעטער וועט ניט אַרויסברענגען בולט זיין געשטאַלט, אויב ער וועט ניט אויפוועקן אין פאָלק דעם גרויסן צוטרוי און גלויבן אין זיין כוח — וועט דער אידישער אַרבעטער האָבן פאַרראַטן זיין שליחות.

אונזער אויפגאַבע איצט איז ניט בלויז צו שאַפן אַ בשותפותדיקע קראַנקען־קאַסע, נאָר צו זיין דער אויפוועקנדיקער כוח אין ציוניזם, דער כוח, וואָס מאָנט און וועקט אויף דאָס פאָלק צום אויפבוי פון לאַנד, דער כוח וועלכער שטעלט זיך אין דירעקטער פאַרבינדונג, אָן שום פאַרמיטלער, מיטן פאָלק. ניט ווי עס רעדט דער וועד הצירים:* „אַ שטראָם פון איינ־וואַנדערער האָט זיך אַריינגעריסן אין לאַנד, שיקט געלט!” מיר דאַרפן רעדן מיטן פאָלק אַליין וועגן אונזערע באַדערפענישן. מיר דאַרפן שאַפן די אינסטרומענטן פאַרן אויפבוי פון לאַנד. מיר דאַרפן שאַפן די פינאַנס־אינסטרומענטן און אינסטיטוציעס, וואָס זאָלן באַזייטיקן די פאַרמיטלער צווישן די אַרבעטער און דאָס פאָלק. פון דער קאָנפערענץ דאַרפן מיר מודיע זיין, אַז אונזער גורל איז אין אונזערע אייגענע הענט. צום פאַר־לוירענעם און פאַרוואָגלטן פאָלק — צו אים וועלן מיר רעדן.

דאָס פאָלק טראַכט, אַז עס האָט ניט קיין אָרט אין לאַנד, זיינע באַגלי־קער און פירער רעדן אים איין צו גלויבן דעריין און שוואַכן אָפּ זיינע הענט. דאַרפן מיר אַנטפּלעקן דעם סוד דעם אידישן פאָלק, אַז ס'איז יאָ דאָ אַ מעגלעכקייט אויסצולייזן די אידן פון רומעניע און פון פוילן און זיי צו באַזעצן אין ארץ־ישראל. און אין פוילן באַוואוסטזיין וועלן מיר מודיע זיין, אַז נאָך איידער אונזערע האָר וועלן ווערן ווייס, וועלן זיי שוין זיין בירגער פון ארץ־ישראל צוזאַמען מיט אונז.

ווייל אַזוי וועט עס זיין.

---

* די ציוניסטישע רעפּרעזענטאַנץ אין ארץ־ישראל נאָכן ערשטן וועלט־קריג.

אויב ניט איצט — ווען זשע? זאָל זיך זאָגן דער איד. ווי וועט זיין צו אונזערע קינדער נאָך אונז און ווי וועט זיין דעם אָנדענק פון די אידן פון אונזער דור, אויב מיר וועלן דורכלאָזן אומזיסט די דאָזיקע שעה פון גרויסער געלעגנהייט.

י. ל. פינסקער

עמנואל

י. ח. ברענער אויף דער גרינדונגס־קאָנפערענץ פון דער הסתדרות

איך האָב זיך באַגעגנט דאָס ערשטע מאָל מיט י. ח. ברענער אויף דער גרינדונגס־קאָנפערענץ פון דער הסתדרות.

ער איז געווען אַ פאַרברענטער חסיד פון דער „אחדות־העבודה״ און ער האָט געציטערט אויף דער קאָנפערענץ, אַז דער „הפועל הצעיר״ זאָל זיך ניט אָפטיילן און שטערן אַזוי אַרום די פאַראייניקונג. דערפאַר איז ער „אַרויס פון די כלים״, ווען די רעדנער פון „הפועל הצעיר״ האָבן אויס־געדריקט זייערע ספיקות, אויב ס׳איז מעגלעך צו דערגרייכן אַ פול־שטענדיקע פאַראייניקונג...

זיין הויפּט־שטרעבונג איז געווען: אַן אַלגעמיינע אידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל קאָנצענטרירן אין אירע הענט דאָס אויפבוי־ווערק אין ארץ־ישראל.

עס זיינען געווען זייער שווערע מאָמענטן. די מענטשן פון „הפועל הצעיר״ האָבן מורא געהאַט פאַר אַ קלאָרן סאָציאַליסטישן פּראָגראַם און עס זיינען אָנגעגאַנגען שטורמישע וויכוחים צווישן די מיטגלידער פון „הפועל הצעיר״ און דער „אחדות־העבודה״.

די פענסטער פון גרויסן פאַרזאַמלונגס־צימער זיינען אַרויסגעגאַנ־גען אויף פאַרשידענע זייטן. פון רעכטס צו לינקס האָט אַרויסגעקוקט דער כרמל־באַרג, איינגעהילט אין גרינס, און דורך די פענסטער קעגנאיי־בער האָט זיך געזען דער בלויער ים, רואיק און פאַרפלייצט מיט זונען־שטראַלן. עס איז געווען אַזוי שטיל און הייס אַרום, ווי פון ביידע זייטן וואָלטן אַריבערגעקוקט דער ים און די אַרומיקע בערג און זיך איינגעט־הערט מיט נחת און מיט דער חכמה פון אַלטע זקנים צו די אַמפּערייען, וואָס פירן זיך לעבן זיי. וואו איז דאָ דער אמת? האָב איך שטיל געפרעגט ברענערן, נעבן וועמענס פּרעסע־טיש איך בין געזעסן, אים אָנווייזנדיק אין דער ריכטונג פון די פענסטער, וואָס האָבן זיך געזען אויף ביידע זייטן.

„זיכער אין ביידע״ — האָט ער מיר רואיק געענטפערט — אָבער דער וועג וואָס פאַרבינדט זיי ביידע איז אפשר נאָך מער אמת״.

דער וועג צו דער פאַראייניקונג איז סוף־סוף געפונען געוואָרן. נאָך אַ וואָך פון וויכוחים איז געגרינדעט געוואָרן די הסתדרות. די נעילה־זי־צונג איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אמתער שמחה.

איך קען קיינמאָל ניט פאַרגעסן די נאַכט נאָך דער קאָנפערענץ, די טענץ און דאָס געזאַנג. די בעסטע לידער און די שענסטע טענץ פון גליל

און פון די שאָסייען האָט מען אויסגעזונגען און אויסגעטאַנצט. דאָ האָבן זיך פאַרזאַמלט פיל הונדערטער בחורים פון אַלע עקן לאַנד, פון ווייטן דרום פון רוחמה ביז מתולה און כפר גלעדי אין צפון, די אַלטע פאַרמער ביז די יונגע חלוצים, די שאָסיי־בויער און באַן־אַרבעטער — אַלע האָבן זיי זיך צוזאַמענגעשלאָסן אין איין טאַנצנדיקן ראָד.

און ביי איינער פון די הפסקות, צווישן איין טאַנץ און אַ צווייטן, איז ברענער ארויף אויף דער בימה און גענומען אויסטייטשן דעם געזונגענעם פסוק:

„הנה מה טוב ומה נעים שבת אחים גם יחד".

— צו וואָס דאַרף מען דעם „גם"? וואָס לאָזט ער אונז הערן? — האָט ער געפרעגט און גלייך געענטפערט: „דאָס איז אַ גרויסע רבותא. עס טרעפט, אַז אויך ברידער קענען זיצן צוזאַמען. עס טרעפט, אַז אויך די פאַרטייען פון ארץ־ישראל קענען זיך אויך פאַראייניקן".

דער פסוק איז שנעל אויפגעכאַפּט געוואָרן. די טענץ האָבן זיך באַנייט ביי דער באַגלייטונג פון געזאַנג, וואָס איז געזונגען געוואָרן מיט פאַרשטאַרקטער קראַפט:

„הנה מה טוב ומה נעים שבת אחים גם יחד".

1921

א. שפּירער

אין יענע טעג

(אַ קאַפּיטל זכרונות פון אַן אָנטיילנעמער אין דער גרינדונגס־קאָנפערענץ פון דער הסתדרות)

איך בין נאָך דעמאָלט געווען אַ „גרינגער" אין לאַנד, וואו איך בין געקומען סוף־זומער, 1920, אין אַ דענקווירדיקן טאָג, ווען עס זיינען אָנגעקומען גאַנצע טויזנט חלוצים אין איין טאָג, די מיינסטע פון „השומר־הצעיר", רעכטע און לינקע צעירי־ציון, און אַביסל פועלי־ציון. דער מאַרש־רוט איז דעמאָלט געווען פרעשבורג, ווין, טריעסט, יפו. ארץ־ישראל איז געשטאַנען אונטערן צייכן פון „הנציב הראשון ליהודה", הערבערט סע־מיועל און אַ קריזיס, מיט וועלכן ביידע פאַרטייען, „הפועל הצעיר" און „אחדות העבודה", האָבן זיך פרובירט ספראַווען דורך אונטערנעמען קאָנ־טראַקטן אויף בויען שאָסייען — די באַרימטע הערעאַישע עפּאָכע פון די „כבישים". אין יענער צייט זיינען נאָך געווען פריש אין זכרון די שווערע טעג פון תל־חי און טרומפעלדאָר. איינע פון זיינע לעצטע אויפטוען איז געווען אַ רוף צו שאַפן אַ געאייניקטע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע.

אַ קליינער טייל פֿון די עולים האָבן זיך אַנגעשלאָסן אָן די עקזיסטירנדיקע פּאַרטייען. מייסטנס איז דאָס געגאַנגען בירושה, וואָלט איך געזאָגט: רעכטע צעירי־ציון — אָן הפּועל הצעיר, די לינקע צעירי־ציון און פּועלי ציון — אָן אחדות העבודה. די מייסטע, אָבער, האָבן געוואַרט אויף אַ נייער אָרגאַניזאַציע. דער קריזיס האָט אויסגעאיבט אַ שטאַרקן דרוק אין דער ריכטונג פֿון אייניקייט. דער ועד הצירים האָט ניט געוואוסט מיט וועלכער פּאַרטיי פֿריער צו פֿאַרהאַנדלען. אַ סומע געלט איז געלעגן גרייט צו שאַפֿן די אַרבעטער־באַנק, ביז עס וועט זיין אַיין איינציקער בעל־הבית דעם ענין צו אונטערנעמען. עס זיינען געווען געמיינזאַמע אינסטיטוציעס ווי קופּת־חולים, „המשביר״, אאַז״וו. די לאַגע איז זיכער געווען אומנאַרמאַל און אין דער לופֿטן האָט זיך געפֿילט, אַז אייניקייט מוז קומען. אבער ווען?

אין די פּאַרטיי־אָרגאַנען איז אָנגעגאַנגען אַ שאַרפֿע פּאַרטיי־פּאָלעמיק אין וועלכער עס האָבן אָנטייל גענומען די סאַמע „שפּיצן״ פֿון די אָנפֿירער: א. ד. גורדון און ב. כצנלסון, ש. לביא און יוסף באַראַץ, שפּרינצאַק און בן־גוריון.

אַרום אַ הונדערט אַרבעטער זיינען מיר דעמאָלט געווען אין זכרון־יעקב. כמעט אַלע זיינען מיר געווען באַשעפֿטיקט ביי פּיק״א, ביים בוי פֿון אַ כּביש קיין שוני און ביים טריקענען די זומפּן פֿון כברה. די פּיק״א מענטשן זיינען אויך געווען ניי אין ענין פֿון בוי און האָבן געצאָלט גאָרניט קיין שלעכטע פּרייזן פֿאַר טאָג־אַרבעט אָדער פֿאַר קאָנטראַקט־אַרבעט, אַזוי אַז אין אַ קורצער צייט האָב איך צו מיין איבערראַשונג אויסגעפֿונען, אַז איך בין דער שטאָלצער באַזיצער פֿון אָפּגעשפּאָרטע איינס און אַ האַלבן פֿונט. טאָ וואָס קאָן זיין אַ בעסערער אינוועסטמענט פֿון אַזאַ בכבודיקער סומע געלט, ווי עס פֿאַרנוצן פֿאַר אַ רייזע צו דער גרינדונגס־קאָנפֿערענץ פֿון דער הסתדרות? און בכלל, ווי טאָר מען עס פֿאַרפֿעלן אַזאַ געלעגנהייט?

ווייזט אויס, אַז די מייניסטע חברים איבערן לאַנד האָבן געדענקט אין די זעלבע טערמינען, ווייל ווען עס איז פֿאָרגעקומען די דערעפֿענונג פֿון דער קאָנפֿערענץ אין הויף פֿון פּאָליטעכניקום אויפֿן הדר־הכרמל, האָט עס אויסגעזען ווי אַלע 4,400 אָריגינעלע חברים פֿון דער הסתדרות זיינען געווען באותו־מעמד, דעם „מעמד־הר־הכרמל״, וועלכן מיר האָבן אויפֿגענומען מיט אַ התלהבות, אפֿשר ניט קלענער, ווי אונזערע אור־עלטערן — דעם „מעמד־הר־סיני״. קיין מיקראָפֿאָנען, בין איך זיכער, זיינען דאָרט ניט געווען און חבר באַראַצן, וועלכער איז, שיינט מיר, געווען דער פֿאָרזיצער פֿון יענער פֿאַרזאַמלונג, האָט מען מסתמא נישט געקאָנט הערן אַזוי גוט. אָבער, איז דען דאָס געווען וויכטיק? פֿאַר אונז האָט עס געמיינט, אַז דורך זיין מויל האָט גערעדט דגניה...

די אַנדערע זיצונגען זיינען אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין אַן אַנדער פּלאַץ אין חיפה. דער פּלאַץ האָט געהאַט אַ מעלה, וואָס עס זיינען דאָרט געווען אַ סך לאַנגע טישן און בענק אויף וועלכע מיר זיינען געשמאַק געשלאָפן ביי דער נאַכט, ווייל אַזוי רייך בין איך נאָך ניט געווען צו שלאָפן, למשל, אין האָטעל „דע־גיס" (אַזוי גערופן, ווייל ער האָט געהערט צו אַ שוואָגער פון איינעם פון די אָנפירנדיקע חברים), אָדער אין אַן אַנדער האָטעל.

די דיסקוסיעס זיינען געווען ברויזנדיק, אָפט שטורמיש. פון דעסטוועגן האָט יעדער געהאַט דאָס געפיל, אַז אַן אַ געאייניקטער אָרגאַניזאַציע וועט מען זיך פון דאַנען ניט צוגיין. צו שטאַרק איז געווען דער דרוק פון דער דריטער עליה, פון וועלכער עס האָבן זיך אָנגעהויבן אַרויסרוקן נייע פירער, ווי א. ציזלינג, מאיר יערי, אבא חושי א״א.

די הויפּט־מחותנים (און די הויפּט־פּאָלעמיקער) זיינען פּאָרט געווען די פאָרשטייער פון די צוויי עקזיסטירנדיקע פּאַרטייען. דער „הפועל־הצעיר" איז ביז 1918 געווען די מאַיאָריטעטס־פּאַרטיי אין לאַנד, ביז די „פועלי־ציון" האָבן מיט דער הילף פון די אומפּאַרטייאישע און פון גדוד געשאַפן די „אחדות־העבודה", וועלכע האָט דעם „הפועל־הצעיר" אַריבערגעוואַקסן אין צאָל און אין איינפלוס, אַזוי, אַז דער „הפועל־הצעיר" האָט זיך געפונען אין דער דעפענסיווע. פון קיין פאָרמאַלן סאָציאַליזם האָט ער נישט געוואָלט וויסן. פאַר אים איז געווען גענוג, וואָס ער האָט פּראַקטיצירט סאָציאַליזם, ווי דגניה, כיבוש־העבודה, נאַציאָנאַל־פאָנד, אאַ״וו. די „אחדות־העבודה" האָט גראַוויטירט צו אינטערנאַציאָנאַלע פאַרבינדונגען. בעצם זיינען עס געווען צווישן זיי אונטערשידן מער פון נוסח ווי פון פּראַקטיק, אָבער דער „הפועל־הצעיר" האָט געקעמפּט הויפּטזעכלעך פאַר זיין באַזונדערער אידענטיטעט, בשעת די „אחדות־העבודה" איז געווען גרייט איבערצוגעבן אַלע מעגלעכע פונקציעס צו דער נייער אָרגאַניזאַציע. מרחיבים ומצמצמים — פאַרברייטערער און פאַרשמעלערער. אַ קאַמף וועגן פאָרמולעס, וואָס האָט זיך סוף־כל־סוף אויסגעלאָזט מיט קאָמפּראָמיסן.

דער באַרימטסטער קאָמפּראָמיס איז געווען דער „וגם" („און אויך")... צווישן די פונקציעס פון דער הסתדרות האָבן, לויט דער „אחדות־העבודה", געזאָלט אַריינגיין די קולטורעלע אויפגאַבן. דער „הפועל הצעיר" האָט דאָ געזען אַ געפאַר, אַז ער זאָל פאַרלירן זיין איינפלוס דורך אויפגעבן זיינע קולטורעל־דערציערישע פונקציעס, דורך וועלכע קאַנאַלן אַ פּאַרטיי קאָן בכלל האָפן אויסצואיבן אַ ווירקונג און צוציען נייע חברים. די קאָמפּראָמיס־פאָרמולע „און אויך" (וגם) קולטורעלע אויפגאַבן האָט געמיינט, אַז ניט אַלע קולטורעלע אויפגאַבן גייען אַריבער אין רשות פון דער הסתדרות.

ביי ארץ־ישראלדיקע קאָנפֿערענצן זיינען ניטאָ קיין „סטאַרס". די ציַיטונגען האָבן אויך נישט געדרוקט קיין בילדער פֿון באַרימטע אָדער כמעט־באַרימטע מענטשן. נישט מיר איז איינגעפֿאַלן צו פֿרעגן, נישט אי־מיצער האָט מיר עפּעס געזאָגט, ווען איך האָב ביי דער קאָנפֿערענץ באַ־מערקט איינעם אַ מיטל־יעריקן אידן מיט אַ פֿאַרוואַקסן פּנים, אָנגעטאָן אין אַ פּאָר שטיוול וואָס האָבן שוין לאַנג ניט געפּילט אויף זיך דעם טעם פֿון אַ באַרשט, און אין אַ לאַנגן מאַנטל, מיט אַ פּעקל אויף די פּלייצעס. אויסטערלישע טיפּן זיינען זיכער ניט קיין נייעס אין ארץ־ישראל. און דאָ אויף איינמאָל, נאָכן שלוס פֿון דער קאָנפֿערענץ, קומט דער זעלבער איד אַרויף אויף דער בימה און האַלט אַ האַלב־מגידישע, אָבער זייער ערנסטע דרשה אויף דער טעמע פֿון „וגם", אַרויסברענגענדיק, אַז דעם וואָרט „גם" געפֿינט מען אויך אין דעם דעמאָלט פּאָפּולערן זמר — הנה מה טוב ומה נעים, שבת אחים גם יחד. דאָס איז געווען יוסף חיים ברענער, וועלכער האָט זיך אוועקגעלאָזט גלייך נאָך דער קאָנפֿערענץ אין לאַגער פֿון גדוד העבודה לעבן טבריה. ווער האָט דעמאָלט געקענט פֿאַראויסזען, אַז עס איז אים באַשערט געווען צו לעבן נאָך פֿינף מאָנאַטן...

איך זוך אין מיין זכרון „גרויסע" מאָמענטן. איך געדענק זיי נישט צווישן די רעדעס, כאָטש אין געפֿליגלטער אויסדרוק האָט זיך אָפּגע־שטעלט: „במה מדליקין"... — מיט וואָס צינדט מען אָן די הערצער פֿון די אידן? אאָ"ו. — אַ וואונדערבאַרע אַסאָציאַציע פֿאַר איינעם וואָס גע־דענקט נאָך די פֿרייטיק־צו־נאַכטס־תּפֿילות. אוודאי איז עס געווען אַ גרויסער מאָמענט, ווען נאָך וויכּוחים און אַמפּערייען איז ענדלעך אָנ־גענומען געוואָרן די פּרינציפּן־דערקלערונג פֿון דער נייער אָרגאַניזאַציע. אוודאי איז ברענערס אויפֿטריט געווען אַ הויכפּונקט. אָבער צום טיפֿסטן האָט זיך איינגעקריצט אין זכרון דער „האָרא"־טאַנץ אין דער „ליל־שימורים" נאַכט, נאָך דעם ווי די קאָנפֿערענץ איז פֿאָרמעל געשלאָסן גע־וואָרן.

די גאַנצע שפּאַנונג און אָנגעשטרענגטקייט אין וועלכע די אָנטייל־נע־מער האָבן זיך געפֿונען במשך פֿון עטלעכע טעג, האָט זיך אויסגעלאָזט אין דעם טאַנץ. עס איז געווען אַ האָראַ עד־כלות־הנפֿש, מיט ברען און התלהבות, מיט אמתער דביקות, וואָס די יונגעלייט האָבן מיטגעבראַכט פֿון זייער חסידישער סביבה. עס איז געווען אַ התפּשטות־הגשמיות. פֿאַרגעסן זיינען געוואָרן אַלע וואָכעדיקע זאָרגן, אַלע מענטשלעכע שוואַכ־קייטן און קליינקייטן, אַרונטערגעריסן אַלע מחיצות פֿון פּאַרטייאישקייט, ווייל נאָך אַלעמען קענען די וועגן זיין פֿאַרשידענע, אָבער דער צוועק איז דאָך דער זעלבער. אַלזאָ: וטהר לבנו — דער טאַנץ האָט גערייניקט די הערצער.

דער טאַנץ איז אָנגעגאַנגען שטונדן־לאַנג. איז איינער מיד געוואָרן, האָט אַן אַנדערער פאַרנומען זיין פּלאַץ און די קייט אין דער האָראַ־ראָד איז ניט איבערגעריסן געוואָרן. דאָס איז געווען די אמתע פאַראייניקונג, ווייל ווען מ׳לייגט אַ האַנט אויף אַן אַקסל, אונטערזוכט מען דאָך נישט קודם צי דער אַקסל איז פון אַ „הפועל הצעיר״, אָדער אַן „אַחדות־העבודה״ חבר, אָדער גאָר אַ „מאָפּס״...

(מ. פּ. ס. — אַרויסגערעדט מאָפּס — זיינען די ראשי־תיבות פון מפלגת פועלים סוציאַליסטיים, פון וועלכע עס שטאַמען די שפּעטערע גלגולים פון די קאָמוניסטן אין ארץ־ישראל).

ווער עס האָט נישט בייגעוואוינט יענע האָרא, האָט קיינמאָל אין זיין לעבן קיין אמתע שמחה ניט געזען.

סוף נאָוועמבער, 1945.

ווער ס׳האָט דאָס ניט געזען...

(איינדרוקן פון אַן אַנטיילנעמער פון דער הסתדרות קאָנפערענץ, חנוכה 1920)

מיר זיינען געגאַנגען צו דער קאָנפערענץ מיט אַ קלאַפּעדיק און ציטער־דיק האַרץ: ווער ווייסט? וועלן מיר קענען וואוינען אין איין געצעלט און אַרבעטן צוזאַמען? נאָך די דערעפענונגס־ווערטער פון י. ב.: „פון דער פאַרזאַמלונג וועלן מיר ניט אַרויסגיין אָן אחוד״ — איז נאָך אַלץ ניט גע־וואָרן איינגעשטילט אונזער געמיט. מיר האָבן געוואוסט, אַז ס׳איז ניטאָ קיין גאַראַנטיע, ניטאָ קיין זיכערקייט.

אין אָוונט האָט געהערשט אַ טיפע שטילקייט אין לאַנגן און האַלב־פינצטערן זאַל. די נערוון זיינען געוואָרן אָנגעשטרענגט. אַלץ איז אין מצב פון דערוואַרטונג. אָט גייען איינציקווייז אַרויף אויף דער סצענע יענע, וואָס זיינען געקומען ז״אָ ניט לאַנג אין לאַנד, און זיי האָבן אַריינגעוואָרפן אין חלל פון זאַל ווערטער, וואָס האָבן געקלאַפּט ווי האַמערס און זיי האָבן געשלייִדערט אין פנים שווערע באַשולדיקונגען. און דאַן האָבן אויך מיר גערעדט, וואָס זיינען געקומען פאַר זיי און אויסגעגאָסן אַלץ וואָס איז געלעגן אויפן האַרצן, און ווען מיר זיינען אַוועק אַהיים אין דער נאַכט, האָבן מיר שוין געוואוסט, אַז אַ בריק איז איבערגעוואָרפן געוואָרן איבערן תהום; גאָר אַן אַנדער קראַפט האָבן שוין איצט געהאַט די ווערטער: „מיר וועלן ניט אַרויס פון דער קאָנפערענץ אָן איחוד״.

עס זיינען געווען שעהן פון שטילער אַרבעט. די ענינים זיינען געפלאָסן אומגעשטערט. ס׳איז אויך געווען אַ שווערער קאַמף. די צדדים האָבן אָנ־

געגורט זייערע לעצטע כוחות, אָבער פֿון פֿאַראויס איז געווען קלאָר: מען וועט אָננעמען די אָנטשיידונג פֿון דער מערהייט. די קאָנפֿערענץ — איז דער אויבערשטער און לעצטער פּוסק.

מען שטייט שוין פֿאַר נעילה. די שיף איז אַריינגעפֿירט געוואָרן אין אַ זיכערן האַפֿן. די אַלגעמיינע איינהייטלעכע אַרבעטער אָרגאַניזאַציע פֿון אַלע ארץ ישראלדיקע אַרבעטער איז שוין אַ פֿאַקט. מ'וואַרט אויף דער פֿייערלעכער מינוט. מ'האָט ניט באַוויזן זיך צו ווינטשן „שהחינו", און די קאָנפֿערענץ איז שוין געווען געשלאָסן. און אין איין רגע זיינען פֿאַר־שוואונדן די טישן און די בענק. מיר זיינען אַרויס ניט אין טענץ, נאָר אין פֿלאַמענדיקן ריקוד; מיושבדיקע מענטשן, אַלטע, באַיאָרטע, האָבן זיך פֿאַרפֿלאָכטן אין אַ ראָד, און געהאַלזט איינער דעם צווייטן מיט אַן אָפֿן האַרץ, מיט ליבע און אמת. אַלץ וואָס האָט אונז פֿאַנאַנדערגעטיילט אין משך פֿון יאָרן — איז אין דער רגע פֿאַרשוואונדן. איין מינוט פֿון נאַטיר־לעכן סטיכישן אויסברוך — און אַלע קינסטלעכע צוימען זיינען געוואָרן אָוועקגעשווענקט. די פֿרייד פֿון איחוד איז אַריבער אַלע ברעגן.

ווער ס'האָט דאָס ניט געזען, דער האָט קיין שמחה אין זיין לעבן ניט געזען...

פֿון די באַשלוסן פֿון דער ערשטער קאָנפֿערענץ פֿון דער הסתּדרות אין חנוכה, 1920

א) די קאָנפֿערענץ פֿון די ארץ־ישׂראלדיקע אַרבעטער שאַפֿט אַן אַל־געמיינע אָרגאַניזאַציע פֿון די אידישע אַרבעטער אין ארץ־ישׂראל.

ב) די אַלגעמיינע אָרגאַניזאַציע (ההסתדרות הכללית) איז די איינ־ציקע, וואָס פֿאַרנעמט זיך מיט אַלע ענינים, וואָס גייען אַריין אין קרייז פֿון איר טעטיקייט, און איז אויך די איינציקע פֿאַרשטייערשאַפֿט פֿון אַרבעטער־כלל אין לאַנד כלפּי־פּנים און כלפּי־חוץ אין די דאָזיקע אַלע ענינים.

ג) אַלע אַנשטאַלטן, וואָס פֿאַרנעמען זיך מיט די ענינים, וואָס גייען אַריין אין טעטיקייטס־קרייז פֿון דער הסתּדרות, וואָס געפֿינען זיך איצט אין רשות פֿון די פּאַרטייען אין לאַנד, גייען איבער אין רשות פֿון דער הסתּדרות.*)

ד) די ערשטע טעטיקייט פֿון דער הסתּדרות זאָל זיין — צו שאַפֿן די אַלגעמיינע אָרגאַניזאַציע פֿון די לאַנדווירטשאַפֿטלעכע אַרבעטער.

---

* דאָס זיינען: די אַרבעטס־ביוראָס, די קראַנקן־קאַסעס, די קולטור־קאָמיסיעס, די צענטרען פֿון לאַנדווירטשאַפֿטלעכע אַרבעטער און די לייטונגען פֿון געזעלשאַפֿטלעכע אַרבעטן.

ה) די קאָנפֿערענץ פֿאַרפֿליכטעט דעם ראַט פֿון דער הסתדרות צו שאַפֿן אין משך פֿון צוויי וואָכן דעם פֿאַראייניקטן אַמט פֿון די עפֿנטלעכע אַרבעטן.

ו) די קאָנפֿערענץ באַשליסט צוצוטרעטן גלייך שאַפֿן די אַרבעטער־באַנק און פֿאַרפֿליכטעט אַלע אַרבעטער זיך צו באַטייליקן אין דער דאָזיקער אַרבעט.

ז) די הסתדרות ווענדעט זיך צו אַלע אידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס אין די גלות־לענדער, וואָס אָנערקענען דאָס אַרבעטנדיקע ארץ־ישראל, וועגן דער אַבסאָלוטער נויטווענדיקייט צו שאַפֿן אַ צווישן־פּאַרטייאישע, אַלגעמיינע אַנשטאַלט פֿאַר פּראַקטישער טעטיקייט ביים אויפֿבוי פֿון דער אידישער אַרבעטער־געזעלשאַפֿט אין ארץ־ישראל.

מאַניע שוחט

דריי הסתדרות פּנקסים

אין יענע טעג, מיט 20 יאָר צוריק, בעת דעם גרינדונגס־צוזאַמענפֿאָר פֿון דער הסתדרות אין חיפֿה, האָבן מיר, די דעלעגאַטן פֿון 4000 אידישע אַרבעטער, — מער זיינען דאַן אין ארץ־ישראל ניט געווען — געפֿילט אַזוי ווי חתן־כּלה גייען חתונה האָבן נאָך לאַנגע און קאָמפּליצירטע שידוך־פֿאַרהאַנדלונגען; דאָס געפֿיל פֿון אַ נייער פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿון אייגעם פֿאַרן צווייטן, די מורא פֿאַר דעם אומקלאָרן צוקונפֿטיקן געמיינזאַמען וועג, געמישט מיט אַ טיפֿער עמפּפֿינדונג פֿון גליק, האָט אונז אויף קיין שעה ניט אַפּגעלאָזן אין די טעג און די נעכט פֿון צוזאַמענפֿאָר.

עס זיינען געווען לאַנגע טעאָרעטישע רעפֿעראַטן, אינטערעסאַנטע און אויך לאַנגווייליקע; ליידנשאַפֿטלעכע דיסקוסיעס און קאַמף צווישן די לינקע און רעכטע ריכטונגען; אַן אָנגעשטרענגטע וואַכזאַמקייט פֿון יעדן איינצעלנעם דעלעגאַט, טאָמער וועט ער, חס וחלילה, פֿאַרפֿעלן צו פֿאַרטיידיקן דעם נואַנס פֿון אַ פֿאַרשלאַג, וואָס זיין גרופּע האָט אים אָנפֿאַרטרויט; עקשנותדיקער געראַנגל פֿאַר דעם נוסח פֿון די רעזאָלוציעס, אַזוי ווי פֿון דער אָדער יענער רעזאָלוציע וואָלט אָפּהענגיק געווען דער גורל פֿון דער וועלט.

אָבער, אַז דער צוזאַמענפֿאָר האָט זיך פֿאַרטאָג געענדיקט מיט דעם אויפֿן פּלאַץ ספּאָנטאַן־געבוירענעם ליד: „בוקר בא לעבודה״ (דער פֿרימאָרגן איז געקומען צו דער אַרבעט), זיינען פּלוצלינג פֿאַרשוואונדן אַלע דאגות און אַלע רייבונגען, און דאָס האַרץ איז אָנגעקוואָלן מיט פֿרייד און בטחון. מיר האָבן זיך דערפֿילט פֿאַראייניקט און זיכער ווי קינדער פֿון איין געטרייער משפּחה, פֿעסט ווי בירגער פֿון אַ מעכטיקער מלוכה,

וואָס קיין כּוח אין דער וועלט קען זי ניט איינברעכן. ווען מיר האָבן נאָך דעם צוזאַמענפֿאָר באַקומען די ערשטע מיטגלידערשאַפֿט־פּנקסים, איז דאָס ביי אונז געווען אַ גרויסע איבערלעבונג.

עד היום, בעת איך האַלט מיין הסתדרות־פּנקס אין דער האַנט, וועקט עס אין מיר דאָס זעלבע פּיעטעט־געפֿיל וואָס איך האָב געפֿילט ווען איך האָב עס באַקומען מיט צוואַנציק יאָר צוריק. אַז מיין חברה קיילע גלעדי, די גרינדערין פֿון כּפֿר־גלעדי — תל־חי, האָט באַקומען איר ערשטן הס־תדרות־ביכל, האָבן מיר געהאַט אַן אויפֿגערעגטן, לאַנגן געשפּרעך.

— „דאָס ביכעלע לייגט אַרויף אויף מיר נייע, שווערע, קאָמפּליצירטע פֿאַראַנטוואָרטלעכקייטן, — טענהט קיילע צו מיר, — אין די יונגע יאָרן מיינע אין ווילנע, האָב איך אַן ספֿקות געדינט דער פּאַרטיי. אין ארץ־ישראל האָט דער „השומר" מיך אין גאַנצן פֿאַרנומען, ער איז געוואָרן מיין איינציקער געביטער. געדענקסטו אָבער, אַז ווי נאָר מיר זיינען געגאַנגען גרינדן כּפֿר־גלעדי, האָבן זיך גלייך אַנטוויקלט קאָנפֿליקטן צווישן די טאָג־טעגלעכע פֿליכטן צו דער קבוצה און די פֿאָדערונגען פֿון „השומר" און דער הגנה (כאָטש דער „השומר" אַליין האָט די קבוצה געגרינדעט). אַלע כּוחות וואָס מען האָט געגעבן דער הגנה זיינען געגאַנגען אויפֿן חשבון פֿון אויפֿבוי פֿון דער קבוצה. מיר האָבן זיך ניט געקענט צערייסן.

— „אַט דער הסתדרות־פּנקס מאַכט מיר פֿאַר אַ מיטגליד פֿון אַן אַר־בעטער־מלוכה. אַ גרויסער כּבוד און פֿרייד צו דערלעבן אַן אָנהויב פֿון אַן אַרבעטער־מלוכה אין ארץ־ישראל. אָבער גיסטו זיך אָפּ דין וחשבון, ווי גרויס עס זיינען די נייע פֿליכטן, וואָס יעדער איינצלנער פֿון אונז מוז אויף זיך נעמען? דענקסטו טאַקע, אַז די רעזאָלוציעס פֿון צוזאַמענפֿאָר וועלן אַ סך העלפֿן אויב מיר וועלן ניט צולייגן די פּלייצעס?

— „אַט טאַקע דערפֿאַר ווייל די פּאָטענציעלע אַרבעטער־מלוכה אונ־זערע איז דערווייל נאָך קליין און שוואַך, דאַרפֿן מיר אַלע געבן איר כּסדר אונזער הילף. עס וועלן פֿאַרגיין אַ סך יאָרן ביז וואַנען זי וועט ווערן שטאַרק און קענען געבן איר הילף צו אירע אינסטיטוציעס. דערווייל דאַרפֿן מיר זיך אונטערגאַרטלען, כּדי אונזער נייע אַרבעטער־רעגירונג זאָל ווערן באמת דער כּוח פֿון לאַנד.

— „איך קלער נאָך אַלץ, וואו וועלן מיר קריגן גענוג כּוחות כּדי צו פֿאַרפֿעסטיקן אונזער שוואַכע קבוצה, וואָס שטייט אויף היגערשע פּיסלעך און פֿאַרלאַנגט דעם גאַנצן מענטשן, זיין גאַנצע נשמה, זיינע 24 שעה פֿון אַ מעת־לעת; און אין דער זעלבער צייט קענען דינען דעם נייעם אַפּאַראַט פֿון אונזער יונגער אַרבעטער־מלוכה, מיט דער נויטיקער עקשנות און געטריישאַפֿט, וואָס דער אַלטעגלעכער פּראָצעס פֿון אויפֿבוי פֿאַרלאַנגט? וואו וועלן מיר קריגן טאָפּלטע כּוחות?"

עס זיינען אַריבער אַכט יאָר.

אַן אויסערגעוויינלעכן יום־טוב האָט געפּייערט כּפר־גלעדי. אונזערע ערשטע דריי קינדער, הדסה גלעדי, אחיעם קרול און גדעון שוחט, וואָס זיינען געבוירן געוואָרן אין ארץ־ישראל, און האָבן זיך אויסגעהאָדעוועט אין דער קבוצה, זיינען אַלט געוואָרן אַכצן יאָר, און מען האָט זיי אַריינ־גענומען ווי גלייכבאַרעכטיקטע חברים אין דער קבוצה. אַזאַ קאָלעקטיווע שמחה איז ביי אונז נאָך קיין מאָל ניט געווען. דערלעבט דעם גרעסטן נחת פון קינדער. זיי גייען צוזאַמען מיט אונז אויף דעם זעלבן שווערן וועג, צו לייגן די יסודות פאַר אַ נייער גערעכטער סאָציאַלער געזעלשאַפט, צוגרייטן אַ היים פאַר מיליאָנען אידן אין ארץ־ישראל.

אַ סך געסט זיינען זיך צונויפגעקומען. אַלע קאָלעקטיוון האָבן געשיקט שליחים אָנטיילצונעמען אין אונזער גרויסער שמחה. צוזאַמען מיט דער צערעמאָניע פון אַריינגעמען די דריי קינדער אין דער קבוצה, ווערט אויך געפּראַוועט די צערעמאָניע פון אַריינגעמען זיי אַלס מיטגלידער אין דער הסתדרות.

אין אַ רינג שטייען אַלע אַלטע חברים פון דער קבוצה און די געסט, אין מיטן די דריי יונגע חברים. דער עלטסטער חבר פון דער קבוצה גייט צו צו זיי, גיט זיי איבער אין נאָמען פון ועד הפּועל פון דער הסתדרות זייערע הסתדרות־פּנקסים, און מיט אַן אויפגערעגטער שטימע רעכנט ער אויס אַ לאַנגע רשימה פון נייע פליכטן, וואָס זיי נעמען אויף זיך פון היינ־טיקן טאָג אָן.

שטייען די דריי קינדער צעטומלטע און זייער אויפגערעגט פון דער אויסערגעוויינלעכער לאַגע אין וועלכער זיי געפינען זיך, און הערן זיך צו צו דעם האָגל פון פליכטן וואָס שיטן זיך אויף זיי:

פאַראַנטוואָרטלעכקייט צו דער אַרבעט, צו דער דיסציפּלין פון קאָלעק־טיוון לעבן, צו די פּרינציפּן פון גדוד העבודה;* פליכטן צו דעם ועד הפּועל פון דער הסתדרות אַלס די סוּווערענע אינסטאַנץ פון דער אַרבעטער־שאַפט; פליכטן צום ציוניסטישן קאָנגרעס; פליכטן צום ועד הלאומי; פליכטן צום סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, אאז״וו...

קוק איך זיך איבער מיט קיילען און מיר פאַרשטייען זיך אָן ווערטער. מיר צווייפלען ניט, אונזערע קינדער וועלן האָבן גענוג כּוחות און דעם אינערלעכן גלייכגעוויכט צו דערפילן זייערע פליכטן, כאָטש איצט ווייסן זיי ניט קלאָר וואָס מיר פאַרלאַנגען פון זיי.

קיילעס עלטערן זיינען געקומען קיין ארץ־ישראל נאָך פאַר דער ערש־טער וועלט־מלחמה. אין ווילנע איז איר פאָטער געווען אַ פרומער פאַר־

*„גדוד העבודה" — לעגיאָן פון אַרבעט, איז געווען דער פאָטער פון אַלע קיבוצים אין לאַנד, מיר זיינען געווען אַ טייל פון גדוד.

מעגלעכער איד, אַ פֿאַרבער־קאָנטראַקטאָר. די ערשטע יאָרן נאָך זיין קומען קיין ארץ־ישראל האָט ער געפּרובירט אָנהאַלטן דעם שטייגער־לעבן פֿון אַ באַלעבאָס. לאַנג האָט עס אָבער ניט געדויערט. נאָך עטלעכע יאָרן ראַנגלען זיך, האָט ער געמוזט אויפֿגעבן זיינע געשעפֿטן.

צו 65 יאָר איז ער צוריק געוואָרן אַן אַרבעטער, אַ פֿאַרבער, ווי אין זיינע יונגע יאָרן, געוואָרן אַ חבר אין דער הסתדרות און האָט זיך פֿאַר זיינע פֿריינד אין ירושלימער בית־המדרש געגרויסט מיט זיין הסתדרות־פּנקס.

צו 75 יאָר איז ער קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן. פֿאַר זיין טויט, זעגענענדיק זיך מיט קיילען און זיינע אַנדערע קינדער, האָט ער געזאָגט:

— „אין טישל ליגט מיין הסתדרות־ביכל. עס איז די איינציקע ירושה וואָס איך לאָז אייך איבער, קיין בעסערע האָט איר ניט געוואָלט".

אַז קיילע איז נאָך דער לויה צוריק געקומען קיין כּפר־גלעדי, האָב איך זי איין טאָג געפֿונען זיצנדיק פֿאַרטראַכט אויף איר בעט, און אין איר האַנט דריי הסתדרות־ביכלעך: איר פֿאָטערס, איר אייגענער, איר טאָכטערס.

— „טו אַ קוק, זאָגט זי צו מיר, דריי דורות".

באַפֿרייאונג פֿון קלאַס און פֿאָלק

די ארץ־ישׂראלדיקע אַרבעטער־באַוועגונג האָבן מיר פֿון אירע ערשטע טעג אָן באַטראַכט אַלס די טרייע טרעגערין פֿון ציוניזם. זי איז קיין מאָל ניט געווען אין אונזערע אויגן אַ טרייד יוניאָן, ווי גוט זי איז ניט גע־ווען גרויס און אָרגאַניזירט, נאָר ווי אַ געמיינשאַפֿט פֿון מענטשן אין פֿאָלק, וואָס האָט גענומען אויף זיך מיטן אייגענעם ווילן די גאַנצע אַחריות פֿאַר דער פֿאַרווירקלעכונג פֿון ציוניזם. אין דער הסתדרות האָבן מיר ניט געזען קיין מעכאַנישן אינסטרומענט, נאָר אַ מכשיר, וואָס די אַר־בעטער־באַוועגונג האָט זיך אַליין געשאַפֿן פֿאַר דער דערפֿילונג פֿון איר אויפֿגאַבע.

ח. אַרלאָזאָראָוו

דער אידישער אַרבעטער־קלאַס ווערט באַנייט, ווערט מוטיק, פֿריי און איידל דורך דער שטרעבונג צו ארץ־ישראל. ארץ־ישראל איז פֿאַר דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט דער גרעסטער סטרייק, דער ווייטסטער קאָאָ־פּעראַטיוו, די מעכטיקסטע קולטור. אַלע באַשרענקונגען פֿאַר דעם אידישן סאָציאַליזם און די אידישע קולטור, וואָס דער גלות באַשאַפֿט, ווערן דורך ארץ־ישראל איבערוואונדן און אָפּגעשאַפֿט.

נחמן סירקין (1918)

די נאַציאָנאַלע אידעע אַליין איז אַ צו שמאָלער ענטפער פאַר אַן אַלט פאָלק, וואָס שטרעבט צו דער באַנייאונג פון אַלע יסודות פון זיין עקזיסטענץ. די נאַציאָנאַלע אידעע מוז באַגלייט ווערן פון אַן אַנדערן, אַלגעמיין־מענטשלעכן כּוח. אַזאַ קרעפטיקנדיקע אידעע איז דער סאָציאַ־לער אידעאַל, דער סאָציאַליזם, דאָס שטרעבן צו שאַפן אַ געזעלשאַפט, אין וועלכער עס וועט ניט זיין קיין פּלאַץ פאַר צעפּיעטשעטע לוקסוס מענטשן ביי דער זייט פון מענטשן, וועלכע ווערן צעפרעסן פון הונגער, פאַר עקספּלואַטאַטאָרן און עקספּלואַטירטע. דער סאָציאַליזם איז דאָס לעצטע וואָרט פון דער געזעלשאַפטלעכער עטיק. די וואָס זאָגן, אַז עס איז דאָ אַ העכערע סאָציאַלע עטיק, זאָגן ליגן. אָט די אידעע איז עלול צו ווערן, ווען זי וועט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ לעבעדיקער, טעטיקער קראַפט, וועלכע וועט זיך פאַרבינדן מיט דער נאַציאָנאַלער אידעע, אַ וואונדער־כּוח, וואָס וועט אַריינשפּריצן ניי בלוט אין די אָדערן פון פאָלק און וועט פעאיק מאַכן דורכצופירן זיינע שווערע אויפגאַבן... אָט דאָס גיט דעם ציוניזם זיין כאַראַקטער פון אַן אייגנאַרטיקער דערשיינונג אין דער געשיכטע: כּדי צו לייזן דעם נאַציאָנאַלן פּראָבלעם, מוז דאָס אידישע פאָלק אויך לייגן דעם יסוד פאַר דער לייזונג פון דעם סאָציאַלן פּראָבלעם. אַזוי האָבן אונז שוין געלערנט די גרינדער פון ציוניזם . . . די ארץ־ישראלדיקע אַרבעטער זיינען ניט מער ווי די גייסטיקע יורשים און צוואה־אויספירער פון יענע גרויסע מענער.

שלמה שילער

ביי אונז עקזיסטירט שוין אַ גאַנצער קרייז פון זיך־בויענדיקן סאָ־ציאַליזם, וואָס איז איבערגעגעבן דער זעלבסט־פאַרוואַלטונג פון אַרבע־טער. די עצם עקזיסטענץ פון אַזאַ זעלבסטשטענדיקן קרייז שאַפט באַ־שטימטע ווירטשאַפטלעכע כּוחות־פאַרהעלטענישן אין ישוב, און איז משפּיע אויף דער שטעלונג פון אַרבעטער אין פּראָצעס פון דער פּריוואַ־טער אינדוסטריע.

דער „סולל־בונה" פירט אפשר נאָר דורך אַ דריטל פון דער בוי־אַרבעט אין לאַנד, אָבער יעדע אַרבעטער בוי־געזעלשאַפט אין אַ צווייטן לאַנד, מאַכט אַפילו ניט קיין טויזנט־חלק דערפון. די אַרבעטער־ווירט־שאַפט זיינען אַן אַנטשיידענער פאַקטאָר אין דער אידישער לאַנדווירט־שאַפט. און ווען ס'איז געגרינדעט געוואָרן אַ פּריוואַטע פאַבריק ביי דער זייט פון דער קאָאָפּעראַטיווער פאַבריק — מוז זי זיך פירן לויטן באַגרע־ניצטן מאָנאַרכיזם אין דער אינדוסטריע — אַ זאַך צו וואָס עס שטרעבט די אייראָפּייאישע אַרבעטער־באַוועגונג. ביי אונז איז געשאַפן געוואָרן אויף דעם געביט אַ גרינטלעכע קאָנסטיטוציע, וואָס נעמט אַרום אַלע

פּראָצעסן פֿון דער פּראָדוקציע. די נאַציאָנאַלע אינטערעסן האָבן פֿאַר־לאַנגט די באַהערשונג פֿון די אַרבעטס־ביוראָס. דאָס אַנטזאָגן אַרבעטער קאָן ניט געשען אויף אַ הפקרדיקן אופֿן. אויף דעם געביט האָבן מיר כמעט דערגרייכט דעם מאַקסימום׳ פּונקט.

חיים אַרלאָזאָראָוו

דער אידישער אַרבעטער, וואָס וועט גרייט זיין זיך אונטערצוגעבן דעם פּריוואַטן קאַפּיטאַל, וועט פֿאַרראַטן ניט נאָר דעם סאָציאַליזם, נאָר אויך די אויפֿלעבונג פֿון אונזער פֿאָלק אויף זיין אייגן לאַנד. ווען די ציוניסטן וואָלטן נאָר פֿאַרשטאַנען דעם גייסט פֿון אידישן אַרבעטער, ווען זיי וואָלטן נאָר פֿאַר זיך געהאַט אַ פּערספּעקטיוו פֿון דער צוקונפֿט, וואָלטן זיי פֿאַרשטאַנען, אַז עס איז אוממעגלעך צו באַשאַפֿן דאָ אַ אידישן אַרבעטער־קלאַס, וואָס זאָל זיין אונטערטעניק צו אידישע בעלי־בתּים אין ארץ־ישראל.

נחמן סירקין (1920)

— — — מיר דאַרפֿן אויפֿהויבן די פֿאָן פֿון הסתּדרותישן פּוריטאַניזם. באַנייען די טעג פֿון דער הסתּדרותישער עטיק, וואָס איז מחמיר און מקפּיד, אָבער איז גלייכצייטיק מענטשלעך און לעבנס־קרעפֿטיק. מיר דאַרפֿן פֿאַרשטאַרקן די שטרעבונג צו גלייכהייט, אויפֿשטעלן אַ באַוועגונג פֿון מענטשן, וואָס לעבן, ניט עקספּלואַטירנדיק קיינעם און ברענען אויס פֿון זיך יעדן שאָטן פֿון עקספּלאָאַטאַציע. מען דאַרף מיט טיפֿער זאָרג אָפּהיטן די שווער־דעראָבערטע און ניט־באַקוועמע פּאָזיציעס. היינט וועלן זיי פֿאַרלאָזן לייכטזיניק און מאָרגן וועלן מיר זיי וועלן צוריק דעראָבערן און עס ניט קענען.

אונזער באַוועגונג האָט אַ כּוח צו שאַפֿן אַן אַטמאָספֿער וואָס העלפֿט דעם יחיד זיך אויסצולעבן חלוציש, גובר צו זיין די שוואַכקייטן און נסיונות, פּונקט ווי די אַטמאָספֿערע אַרום, די אַטמאָספֿער פֿון „נאַציאָנאַלן" קליינבירגערטום שאַפֿט און פֿאַרמערט די רייצן פֿון מעקלעריי און דאָס אַנטלויפֿן פֿון חלוציזם.

ב. קאַצענעלסאָן

אויפֿטועו און דערגרייכונגען

●

א. רעוואוצקי

25 יאָר אַנטוויקלונג פֿון ארץ ישראל

א.

יעדעס מאָל, ווען עמעצער, וואָס האָט פֿאַרבראַכט אַ קורצע פּאָר טעג אין ארץ־ישראל קומט מיט אַ באַגייסטערטן באַריכט וועגן די אידישע דערגרייכונגען דאָרט, פֿיל איך זיך אַ ביסל פריקרע. פֿון איין זייט בין איך זיכער צופֿרידן, וואָס אונזער ישוב מאַכט אַזאַ גוטן איינדרוק אויף זייטיקע מענטשן. פֿון דער אַנדערער זייט דערשמעק איך אין זייערע אָפּטמאָל איבערטריבענע לויב־געזאַנגען אַ מין „סופּעריאָריטי קאָמפּלעקס". עפּעס בין איך חושד, אַז ווען דאָס אידישע ארץ־ישראל וואָלט אויפֿגעבויט געוואָרן פֿון ענגלענדער, אָדער אַמעריקאַנער וואָלטן זיי ניט געווען אַזוי איבערראַשט. זיי וואונדערן זיך איבער די אידישע דערגרייכונגען, ווייל זיי האָבן דאָס מצד אידן ניט דערוואַרטעט. זיי האַלטן אידן פֿאַר פֿעאיק אויפֿצובויען נאָדל־שאַפּס און פּרוכט־מאַרקעטס, אויף צו באַדינען די ניט־אידישע איינוואוינער אין אַ לאַנג אויפֿגעבויטן לאַנד. זיי האָבן אַ שטאַרקן (און אָפּטמאָל איבערטריבענעם) באַגריף וועגן דעם אידנס פֿינאַנציעלע און קאָמערציעלע פֿעאיקייטן. אָבער אַז אידן זאָלן זיין בריות אויף צו באַאַרבעטן לאַנד, טריקענען בלאָטעס, בויען שטעט און דערפֿער, אויפֿשטעלן פֿון סאַמע גרונט אַ לאַנדווירטשאַפֿט און אינדוסטריע, האָט ער זיך קיין מאָל נישט פֿאָרגעשטעלט. ווי קומט דאָס צו אידן?

איך קען דעריבער ניט אונטערדריקן אין זיך דאָס געפֿיל, אַז דער צופֿעליקער באַזוכער, וואָס באַוואונדערט אונזערע דערגרייכונגען אין ארץ־ישראל, קוקט אויף אונז ווי אויף אַ וואונדער־קינד, וואָס שפּילט זיין פּיאַנאָ. וואָלט ער געהאַט פֿאַר זיך אַ דערוואַקסענעם מוזיקער, וואָלט ער זיך באַצויגן צו זיינע לייסטונגען מיט אַ מער קריטישן געפֿיל. אָבער וואָס קאָן מען דערוואַרטן פֿון אַ קינד?

דער וואונדער, זאָגט אַן אַלט ווערטל, איז ניט וואָס דער בער טאַנצט גוט. דער וואונדער איז וואָס דער בער טאַנצט בכלל.

וואָס קען מען, מיט אַנדערע ווערטער, דערוואַרטן פֿון אידן, אַ פֿאָלק, וואָס האָט אין לויף פֿון דורות זיך קאָנצענטרירט אין ווייניקע שטאָטישע באַשעפֿטיקונגען און האָט קיין מאָל זיך ניט גענומען צו פֿונדאַמענטאַלע בוי־אויפֿגאַבן? וואָס זיי האָבן אין ארץ־ישראל ניט אויפֿגעטאָן, פֿאַרדינען זיי דעם העכסטן קרעדיט.

איך האָב גאָרניט קעגן דעם, ווען אַזאַ באַציאונג ווערט אָנגענומען פֿון אונזערע ניט־אידישע פֿריינד. אָבער עס פֿאַרדריסט מיר, ווען אַזאַ סאָרט באַגייסטערונג, וואָס שטאַמט אין עצם פֿון אַן אויבן־אַראָפּ באַציאונג צו אידן, ווערט אויסגעדריקט מצד געוויסע אידישע פֿירער. מיר אידן, מעגן פֿאָדערן פֿון זיך מער איידער אונזערע גויאישע פֿריינד. מיר טאָרן זיך ניט איבערנעמען מיט אונזערע דערגרייכונגען אין ארץ־ישראל. ווייל וויפֿיל מיר האָבן דאָרט ניט אויפֿגעטאָן, האָבן מיר אַ סך פֿאַרנאַכלעסיקט, אין אַ צייט ווען פֿאַרנאַכלעסיקונג איז געווען אַ פֿאַרברעכן. וואָלטן מיר אָנגענומען די געלעגנהייט, וואָס איז אונז געגעבן געוואָרן מיט דער באַלפֿור־דעקלאַראַציע, מיט מער ערנסטקייט, וואָלטן מיר היינט אין ארץ־ישראל געווען אַ פֿיל גרעסערע קראַפֿט. מיט כאָטש ביי אַ מיליאָן אידן אינם יאָר 1939 וואָלט קיין „ווייסער פּאַפּיר" ניט אַרויסגעגעבן געוואָרן. אונזער גאַנצע פּאָזיציע וואָלט דאָרט געווען גאַנץ אַנדערש.

איך גלויב דעריבער, אַז ווען אידן רעדן וועגן ארץ־ישראל טאָרן זיי ניט אַריינפֿאַלן אינם טאָן פֿון קעלבערנער התפעלות, וואָס פּאַסט פֿאַר אונזערע גוטע פֿריינד פֿון דער גויאישער וועלט. מיר טאָרן זיך אַליין ניט באַטראַכטן פֿאַר אַ וואונדער־קינד, וועמען עס קומט אַ קניפּ אין בעקל, פֿאַר וואָס ער זאָל ניט האָבן אויפֿגעטאָן. מיר זיינען ניט קוקנדיק, אויף אַלע אונזערע חסרונות, פֿאָרט אַ גרויס פֿאָלק, וואָס קאָן אויפֿטאָן גרויסע זאַכן ווען עס וויל. דער ביטערער אמת איז, אַז אין דער צייט ווען די געלעגנהייטן אין ארץ־ישראל זיינען געווען אַ סך גרעסער, איז אונזער פֿאָלקס־ווילן זיי אויסצונוצן געווען אַ סך קלענער, ווי איצט. און אויב מיר וועלן דאָס זיך ניט פֿעסט אַריינהאַקן אין קאָפּ, וועלן מיר קיין מאָל ניט תופֿס זיין די פּראַקטישע לערע, וועלכע מיר מעגן אַראָפּנעמען פֿון אונזער היינטיקער לאַגע אין ארץ־ישראל.

ב.

כאָטש איך גלויב, אַז גוטע ציוניסטן דאַרפֿן לייגן מער אַכט אויף דעם, וואָס מיר האָבן דורכגעלאָזט, איידער אויף דעם וואָס מיר האָבן דערגרייכט, טאָרן מיר פֿון דער אַנדערער זייט ניט אַריינפֿאַלן אין אַ צווייטן עקסטרעם, און צונישט מאַכן די וויכטיקייט פֿון אונזער אויפֿטו. ווי מיר יאָדען זיך ניט, פֿאַר די דורכגעלאָזטע געלעגנהייטן, טאָרן מיר אויך ניט

אונטערשאַצן צו טיף די פּאַקטישע באַדייטונג פֿון אונזער דאַרטיקן אויפֿטו. מיר טאָרן נאָך אַלעמען ניט פֿאַרגעסן, אַז די לעצטע 25 יאָר זיינען געווען אַ ווייניק פּרוכטבאַרער פּעריאָד אין דער מענטשלעכער געשיכטע. אַפֿילו אין וועלט פֿאַרנעם איז ארץ־ישראל פֿאַרט געווען איינער פֿון די גרעסטע קאָלאָניזאַטאָרישע אויפֿטואונגען פֿון אונזער דור.

ווען מיר זוכן צו זיין אָביעקטיוו אין דער אָפּשאַצונג פֿון אונזערע דער־גרייכונגען אין ארץ־ישראל קאָנען מיר אויך ניט פֿאַרגעסן, אַז די אידישע פּיאָנערן אין ארץ־ישראל האָבן ניט געהאַט די סאָרט שטיצע פֿון דער אָרטיקער מלוכה, וועלכע איז געגעבן געוואָרן בויער פֿון נייע לענדער אין אַנדערע טיילן פֿון דער וועלט. מיר האָבן ניט געקראָגן די ספּעציעלע רעכט און פּריווילעגיעס, וועלכע עס האָבן געקראָגן די בויער פֿון די בריטישע דאָמיניאָנס, און אַנדערע אַזעלכע לענדער. פֿונם סאַמע אָנהויב פֿון דער ענגלישער הערשאַפֿט אין ארץ־ישראל האָט די אָרטיקע אַדמיניס־טראַציע זיך גאָר ווייניק געקימערט וועגן דעם דערפֿאָלג פֿון דער אידישער קאָלאָניזאַציע, וועלכע זי האָט לויטן קלאָרן מיין פֿון מאַנדאַט באַדאַרפֿט אַרויסהעלפֿן. ס׳האָט גענומען בלויז אַ פּאָר יאָר ביז די דאָזיקע גלייכ־גילטיקע באַציאונג צו אירע מאַנדאַט־פֿליכטן האָט אָנגענומען דעם כאַ־ראַקטער פֿון אָפֿענער קעגנערשאַפֿט צום ציוניזם. דערצו איז צוגעקומען די אַראַבישע קעגנערשאַפֿט, וועלכע איז שטאַרק דערמוטיקט געוואָרן פֿון פֿאַר־שיידענע צדדים, אַריינגערעכנט אויך געוויסע ענגלישע קרייזן. אַזוי אַרום איז אידן אויסגעקומען צו בויען דאָס לאַנד אין דער אַטמאָספֿער פֿון אַ טאָפּלטער קעגנערשאַפֿט, סיי מצד אַראַבער און סיי מצד ענגלענדער, און דאָס האָט שווערער און לאַנגזאַמער געמאַכט דעם אויפֿבוי פֿונם לאַנד.

די דאָזיקע פּיינדלעכע אַטמאָספֿער אין וועלכער ס׳איז אָנגעגאַנגען דער אויפֿבוי פֿונם לאַנד איז מיט דער צייט אָנגענומען געוואָרן אַלס אומ־פֿאַרמיידלעך און אַפֿילו נאָרמאַל. „אויב אידן ווילן ארץ־ישראל, וועלן זיי באַצאָלן פֿאַר איר מער ווי זי איז ווערט", האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט הערבערט סעמיועל, דער ערשטער הויך־קאָמישיאָנער פֿון ארץ־ישראל. און מיר אידן האָבן דערמיט משלים געווען.

אויסער די דאָזיקע און גאַנץ באַדייטנדע פּאָליטישע שטערונגען, האָט דער אויפֿבוי פֿון ארץ־ישראל געמוזט אויך בייקומען אַ היפּש ביסל נאַ־טירלעכע שוועריקייטן. ארץ־ישראל איז ניט אַ לאַנד, וואָס לאָזט זיך גרינג קאָלאָניזירן. זי האָט אַ היפּשען פּראָצענט פֿון אומפּרוכטבאַרן באָדן, און אויך איר גוטער באָדן איז שטאַרק פֿאַרנאַכלעסיקט געוואָרן פֿאַר דורות. יעדער שטיק ניי געקויפֿטע לאַנד האָט געפֿאָדערט גרויסע אָנשטרענגונגען ביים אָנהויב פֿון זיין באַנוצונג. אמת, נאָכן ערשטן וועלט־קריג, ווען מען האָט שוין געהאַט אין ארץ־ישראל אַן אויפֿבוי־דערפֿאַרונג פֿון 5 יאָר,

זיינען די דאָזיקע נאַטירלעכע שוועריקייטן שוין געווען קלענער, איידער אין דער תקופֿה פֿון די בילויצעס, ווען גרינע פּיאָנערן האָבן זיך געפֿונען אין אַן אומבאַקאַנטן לאַנד, ניט וויסנדיק אַפֿילו ווי צו האַלטן אַ לאָפּעטע אין דער האַנט. אָבער ארץ־ישראל איז נאָך אַלץ פֿאַרבליבן אַ לאַנד, וואו מען האָט באַדאַרפֿט ווייזן וואונדער, כּדי צו האָבן דערפֿאָלג...

צו דעם אַלעמען זיינען נאָך צוגעקומען עקאָנאָמישע שוועריקייטן, וואָס זיינען געשאַפֿן געוואָרן דורך דעם טרויעריק־באַרימטן פּאַראַגראַף אַכצן פֿון מאַנדאַט. דער דאָזיקער פּאַראַגראַף, וואָס האָט גאַראַנטירט אַלע לענדער פֿון דער וועלט גלייכע האַנדלס־געלעגנהייטן אין ארץ־ישראל האָט אפֿשר לכתּ־חילה געהאַט גוטע כּוונות. אָבער ווען די וועלט האָט זיך אַוועקגעלאָזט אויפֿן וועג פֿון הויכע טאַריפֿן און האַנדלס־קוואָטעס, איז ער געוואָרן אַ גרויסע שטערונג פֿאַר ארץ־ישראלס עקאָנאָמישן וואוקס.

ג.

אונטער אַזעלכע אומשטענדן איז דאָס וואָס מיר האָבן דערגרייכט אין ארץ־ישראל פֿאַר די לעצטע 25 יאָר פֿאָרט געווען אַ גרויסע לייסטונג. ווי מיר טאַדלען זיך ניט פֿאַר די געלעגנהייטן, וואָס מיר האָבן פֿאַרנאַכלע־סיקט, קאָנען מיר דאָך ניט פֿאַרשוויגן דעם פֿאַקט, אַז דער אידישער ישוב פֿון ארץ־ישראל איז פֿאָרט איינער פֿון די גרעסטע קאָלאָניזאַטאָרישע דער־גרייכונגען פֿונם איצטיקן דור. און ער איז גרויס ניט נאָר אין גרינטלעכ־קייט און וויכטיקייט, נאָר אויך אין פּשוטע צאָלן.

פֿאַר די לעצטע צען יאָר איז די אידישע באַפֿעלקערונג אין ארץ־ישראל געשטיגן פֿון זעכציק טויזנט, ביז 600 טויזנט, פּונקט צען מאָל אַזוי פֿיל. אינם זעלבן פֿאַרנעם איז געשטיגן איר שפּייז פּראָדוקציע, איר אינדוסטריע־לע לייסטונג, איר אויפֿטו אויף פֿאַרשיידענע אַנדערע פֿעלדער פֿון מענטש־לעכער טעטיקייט.

פֿריער אָבער, ווי מיר וועלן זיך אָפּשטעלן אַ ביסל גענויער אויף די עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און קולטורעלע דערגרייכונגען פֿונם אידישן ישוב אין ארץ־ישראל, וועלן מיר פּרואוון צו פֿאַרענטפֿערן אַ פּאָר אַלגעמיינע פֿראַגן, וועגן וועלכע מען האָט זיך ביי אונז ביז אַהער ניט אָפּגעגעבן קיין געהעריקן דין־וחשבון. מיט וואָס דערקלערט זיך דאָס, וואָס מיר האָבן ביי אַזוי פֿיל אויסערלעכע שטערונגען און ביי אַזאַ קליינעם אָפּרוף פֿון די אידישע מאַסן פֿאָרט דערגרייכט רעזולטאַטן וואָס רופֿן אַרויס די אַלגעמיי־נע באַוואונדערונג פֿון דער וועלט?

די איינפֿאַכסטע דערקלערונג שיינט צו זיין די ריכטיקסטע. דער נייער אידישער ישוב פֿון ארץ־ישראל האָט זיך פֿון סאַמע אָנהויב אויסגעצייכנט מיט זעלטענע מעלות. אָנהויבנדיק מיט די ערשטע קאָלאָניעס מיט 65 יאָר

צוריק, האָט ער אין זיך אָנגעקליבן אַן אומגעהויערע מאַסע פֿון עקשנות און אויסדויער, סיי אַלס יחידים, און סיי אַלס אַ נאַציאָנאַלע גרופּע. דער ישוב האָט פֿון אָנהויב אָן קאָנצענטרירט אין זיך אַ ריזיקע סומע פֿון נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין. דער דאָזיקער באַוואוסטזיין האָט זיך ניט באַשרענקט מיטן אומפּרוכטבאַרן געפֿיל פֿון טעאָרעטישער אַתּה־בחרתּנודיקייט. ער האָט זיך אויסגעדריקט אין אַקטיוון דראַנג צום אויפֿבוי, און אַ פֿאַרשאַרפֿטער דורשט צו לערנען אַלץ וואָס איז דערמיט פֿאַרבונדן. איך ווייס ניט, צי עס זיינען פֿאַראַן פֿיל אַנדערע ביישפּילן אין דער געשיכטע, ווען מענטשן זאָלן מיט אַזאַ אויסערגעוויינטלעכער פֿעאיקייט און ענערגיע זיך בוכשטעבלעך צוקלעפּן צו אַ ניי באַזעצטן לאַנד, און שטרעבן אַרויסצוקריגן פֿון איר אירע באַהאַלטענע סודות.

פּונקט אַזוי ווי אַ וויטאַמין־פּיל קאָן האָבן אין זיך פּופּציק מאָל לעבנס־קראַפֿט, איידער געוויינטלעכע שפּייז פֿון איר וואָג, אַזוי האָבן אונזערע פּיאָנערן אין ארץ־ישׂראל קאָנצענטרירט אין זיך פֿון אָנהויב אָן אַ ריזיקע סומע פֿון נאַציאָנאַלן זעלבסט־באַוואוסטזיין. און פּונקט אַזוי ווי אַ וויטאַמין איז ניט קיין אויסגעטראַכטע זאַך, אַזוי איז אויך די דאָזיקע קאָנצענטראַציע פֿון אויפֿבויענדיקן נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין אַ רעאַלע קראַפֿט, וואָס שפּיגלט זיך שטאַרק אָפּ אויפֿן גאַנג פֿונם פּראַקטישן לעבן.

איך דערמאָן זיך פֿון מיינע קינדער־יאָרן אין רחובות, ווי אַזוי דייטשע קאָלאָניסטן פֿון סאַראָנאַ, פֿויערים מבטן ולידה, וואָס האָבן נאָך דערצו געשטאַמט פֿון אַ געגנט, וואָס האָט שטענדיק געהאַט גוטע וויינגערטנער, האָבן געדונגען אין אונזער קאָלאָניע אַ פּאָר אידישע קאָלאָניסטן, זיידענע אינגעלייט פֿון אוקראַינע, אַז זיי זאָלן „גרעפּטן" פֿאַר זיי זייערע ביי געפֿלאַנצטע גערטנער... אונזערע קאָלאָניסטן האָבן אויף גיך זיך אויסגעלערנט די איידעלע מלאָכה ביי אַ פֿראַנצויזישן גערטנער, וואָס איז אונז געשיקט געוואָרן פֿון באַראָן ראָטשילד, און די דייטשן האָבן זיי געצאָלט אויסערגעוויינטלעכע ווידזשעס פֿאַר יענער צייט, כּדי זיי זאָלן דורך זיי באַנעמען די מער מאָדערנע מעטאָדן פֿון וויינגערטנעריי...

מיט אַ יאָר פּופּציק שפּעטער, האָב איך אין אַ האָטעל צימער אין ניו־יאָרק, זיך צוגעהערט צו אַ פֿאַרטרוילעכן באַריכט פֿון אַן ארץ־ישׂראלדיקן אינזשעניר וועגן דעם ווי אַזוי אידן האָבן בעת דעם ברען פֿונם נאָר וואָס פֿאַרענדיקטן קריג, געשאַפֿן פֿון גאָרניט אַ מלחמה אינדוסטריע, וואָס האָט געהאָלפֿן אָפּשטעלן ראָמעלס דראָענדיקן קלאַפּ. מיין מיטשמועסער, ווענס ווערטער איך האָב לײדער דעמאָלט ניט געטאָרט איבערגעבן אין דער פּרעסע, האָט מיר דערציילט וועגן דער אומגעהויערער ראָל וועלכע עס האָבן אין דער דאָזיקער זעלטענער לייסטונג געשפּילט די צופּאַסונגס־פֿעאיקייטן פֿון אידישע טעכניקער און אידישע אַרבעטער.

און ווען איך האָב געהערט דעם דאָזיקן באַגייסטערנדיקן באַריכט האָב איך זיך דערמאָנט, ווי אַזוי די יונגע, ווייניק דערפאַרענע קאָלאָ־ניסטן פון רחובות האָבן געלערנט די איינגעבוירענע פויערים פון סאַראָנאַ צו „גרעפּטן" קאַליפאָרניער ווינשטאָקן אין זייערע ווינגערטנער. איך האָב געזען פאַר זיך דעם גאָלדענעם פאָדעם פון כסדרדיקן פּראָגרעס, וואָס ציט זיך פונם סאַמע אָנהויב פון אידישער קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל. איך האָב דערזען פאַר זיך אַ נייעם באַווייז, אַז אידן זיינען פעאיק, און ניט נאָר אין די באַשרענקטע עקאָנאָמישע פעלדער, וואו די דאָזיקע פע־איקייטן ווערן אָנערקענט פון אַנדערע. מיר זיינען פעאיק ניט נאָר אין האַנדל און פינאַנצן נאָר אויך, אין דער זעלבער מאָס, אין לאַנדווירטשאַפט און אינדוסטריע. און באַזונדערס זיינען מיר פעאיק, ווען עס האַנדלט זיך וועגן אונזער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ.

ד.

אויב דער ארץ־ישראלדיקער ישוב איז דער וויטאַמין פונם היינטיקן אידישן פאָלק, זיינען די ארץ־ישראלדיקע אַרבעטער — דער וויטאַמין פונם ישוב. און דאָס איז ווידער ניט קיין איינרעדעניש, נאָר אַ רעאַלער פּראַקטישער פאַקט.

ס'איז ניט קיין צופאַל, וואָס איך מאַך אַ סך־הכל פון דעם ישובס דערגרייכונגען אינם 25סטן יובל פון דער הסתדרות. די פאַרבינדונג צווישן דער הסתדרות און דעם אויפבוי פון היינט־נייען ארץ־ישראל איז אַזוי ענג, אַז דעצעמבער 1920, ווען עס איז פאָרגעקומען אין חיפה דער גרינדונגס־צוזאַמענפאָר פון דער הסתדרות, איז געווען זייער אַ וויכטיקער דאַטום אין דער געשיכטע פונם ארץ־ישראלדיקן אויפבוי.

פאַרשידענע אויספאָרשער פון אייגענע און דרויסנדיקע רייען האָבן פּרובירט צו באַקענען די וועלט מיטן אייגנאַרטיקן פּרצוף פון דער הסתדרות. מיר האָבן באַשריבן אירע פאַרשידענע אינסטיטוציעס, און בלעריליי טעטיקייטן. מיר האָבן געזוכט צו געבן אַ בילד פון אירע קאָ־אָפּעראַטיוון, פון אירע יוניאָנס, אירע אַרבעטס־בערזן, אירע קאָלעקטיווע ווירטשאַפטן, פון אירע קולטורעלע און ספּאָרט־טעטיקייטן, און מיר האָבן אין דער זעלבער צייט געזוכט צו באַקענען דעם אידישן עולם מיט דער אידעאָלאָגיע פון „דת עבודה" (רעליגיע פון אַרבעט), אויף וועלכן דאָס אַלץ איז געווען באַזירט. אַ סך אינפאָרמאַציע פון דעם מין וועט דער לייענער געפינען אין אַנדערע אַרטיקלען פונם דאָזיקן זאַמלבוך. אָבער וואָס עס אינטערעסירט אונז היינט איז די פראַגע ווי אַזוי קומט דאָס, וואָס די הסתדרות, וואָס איז מיט אַלע אירע חידושים פאַרט אַן אָרגאַני־זאַציע פון מיטללאָזע אַרבעטער, איז געוואָרן אַזאַ מעכטיקער אינסטרומענט

אינם אויפֿבוי פֿונם לאַנד. וואָס איז געווען די צויבער־קראַפֿט, וואָס האָט געמאַכט פֿון דער הסתדרות אַזאַ מעכטיקע קוועלע פֿון עקאָנאָמישן אויפֿבוי?

נאַטירלעך, איז דער איינפֿאַכסטער ענטפֿער אויף דעם, דער אָנווייז אויף די ציוניסטישע אויפֿגאַבן פֿון דער הסתדרות. ווייל אירע פֿירער האָבן פֿון אָנהויב אָן זיך ניט געוואָלט צופֿרידנשטעלן מיט דער באַשטרעבונג צו פֿאַרבעסערן די מאַטעריעלע לאַגע פֿון זייערע מיטגלידער, נאָר האָבן אין דער זעלבער צייט געזוכט צונויפֿצונעמען זייערע כּוחות אַלס די שאַפֿער פֿון אַ אידישער היים, האָבן זיי געמוזט זיך שטעלן אויפֿגאַבן, וועלכע האָבן פֿאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג פֿון לאַנג אויפֿגעבויטע לענדער געמוזט אויסקוקן צו זיין פֿרעמד, און אפֿשר גאָר רעאַקציאָנער. ווי איך אַליין האָב דאָס אַמאָל אויסגעדריקט אין מיין ענגלישן ביכל וועגן דער הסתדרות,* דריקט זי אויס דעם גורל פֿון אַ פֿאָלק. זי זוכט אומצוקערן אַ פֿאַרוואָרלאָזט לאַנד צו אַ צעוואָרפֿענעם פֿאָלק, אויפֿצולעבן אַן אַנטוואורצלטע יוגנט דורך אַ לעבן פֿון אַרבעט, און איבערצומאַכן עס אינם אויוון פֿון היימלאַנד אין אַ מעכטיקן און אויפֿגעקלערטן אַרבעטער־קלאַס.

ווען בן־גוריון איז געשטעלט געוואָרן פֿאַר דער זעלבער פֿראַגע האָט ער געענטפֿערט מיט זיין אויסגעצייכנטער דעפֿיניציע, אַז די „הסתדרות איז לויט איר אויפֿפֿאַסונג, אינהאַלט און סטרוקטור, דער אַרבעטער־אינסטרומענט פֿאַר דער גרינדונג פֿון אַ מלוכה, פֿאַרן אויפֿבוי פֿון אַ לאַנד, פֿאַר דער באַפֿרייאונג פֿון אַ פֿאָלק".

ביידע דערקלערונגען זיינען ריכטיק. זיי לאָזן אָבער דורך דעם מענטשלעכן מאָמענט אין דער הסתדרות, וואָס דאַרף נאָך פֿאַר אונז קלאָר מאַכן, פֿאַר וואָס אַזאַ בערך קליינע צאָל אַרבעטער איז אומשטאַנד געווען צו לייגן אַזוי טיף איר שטעמפּל אויפֿן אויפֿבוי פֿון אַ לאַנד. דער ענטפֿער איז, אַז די מיטגלידער פֿון דער הסתדרות, קליין אין צאָל ביי איר אָנהויב, האָבן מיט זעלטענער דרייסטקייט רעבעלירט קעגן דער אָנגענומענער צעטיילונג פֿון די עקאָנאָמישע אויפֿגאַבן צווישן אַרבעטער און אונטערנעמער. זיי האָבן ניט געוואָלט פֿאָלגן דער אָנגענומענער שיטה, לויט וועלכער אַרבעטער, אַפֿילו סאַמע אויפֿגעקלערטע און רעוואָלוציאָנערע, אָנערקענען מיט אינערלעכער אונטערגעגעבנקייט די עקאָנאָמישע אויסדערוויילטקייט פֿון זייערע בעלי־בתּים. די זעלבע אַרבעטער, וואָס באַטראַכטן זיך פֿאַר גרויסע בריות אויפֿן פּאָליטישן פֿעלד, און קוקן פֿון אויבן אַראָפּ אויף דער פּאָליטישער אָפּגעשטאַנענקייט פֿון זייערע בעלי־בתּים, ווערן בטל בשישים פֿאַר זיי, און איך מיין דאָס אויך אין מאָראַלישן זין, ווען עס

---

* The Histadruth, A Labor Commonwealth in the Making, by Abraham Revusky, League for Labor Palestine, 96 pp., New York, 1937.

קומט צו פֿאַקטישער פּראָדוקציע אינם שאָפּ. די זעלבע רעוואָלוציאָנערן, וואָס גלויבן אַז זיי וועלן אַמאָל איבערמאַכן די וועלט, זיינען אין זייער טאָג־טעגלעכער פּראָדוקציע צופֿרידן מיט דער ראָל פֿון טעמפּע אַרבעטס־כּוחות, וואָס טוען זייער שטיקל אַרבעט בשלמות, אָבער זיינען ניט פֿעאיק צו אַ ברעקל פֿון אייגענער איניציאַטיוו.

דער מאָראַלישער רעוואָלט פֿונם ארץ־ישראלדיקן אַרבעטער קעגן דעם היפּנאָז פֿון אויסשליסלעכער איניציאַטיוו, וועלכן דער אונטערנעמער דאַרף האָבן אינם קאַפּיטאַליסטישן אַרבעטס־פּראָצעס, האָט ניט געבראַכט צום צוזאַמענברוך פֿונם קאַפּיטאַליזם אין ארץ־ישראל. די מערסטע אַר־בעטער זיינען דאָרט נאָך אַלץ באַשעפֿטיקט אין פּריוואַטע אונטערנעמונ־גען, און דער פֿאַקט, וואָס זיי געבן זיך אָפּ אַ בעסערן דין־וחשבון וועגן די עקאָנאָמישע פּראָצעסן אין זייער פֿאַך, מאַכט זיי ניט פֿאַר ערגערע אַרבעטער. קלוגע ארץ־ישראלדיקע פֿאַבריקאַנטן געווינען גאָר פֿון דעם, וואָס פֿיל פֿון זייערע אַרבעטער זאָגן זיך אָפּ צו זיין אַרבעטס־אויטאָמאַטן, נאָר קוקן זיך אַריין אַ ביסל טיפֿער אין זייערע פּראָבלעמען פֿון פּראָדוקציע און פֿאַרקויף. איך האָב אַמאָל געהערט פֿון אַן ארץ־ישראלדיקן פֿאַברי־קאַנט, אַז זיינע אַרבעטער זיינען אויך זיינע ראָט־געבער, און דאָס איז גוט פֿאַר זיי ביידען.

ווי אַזוי די גייסטיקע אומאָפּהענגיקייט פֿונם אַרבעטער רופֿט זיך אָפּ אויף קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע איז אָבער אַ פֿראַגע, וועלכע איז אויסער די ראַמען פֿון דעם אַרטיקל. וואָס איך האָב יאָ געוואָלט פֿעסט־שטעלן איז, אַז זי האָט געגעבן דער הסתדרות אַ פֿונדאַמענט, אויף וועלכן זי האָט אויפֿגעבויט איר פּאַראַלעלע ווירטשאַפֿט, וועלכע איז, צוגלייך מיט דער פּריוואַטער לאַנדווירטשאַפֿט און אינדוסטריע, געוואָרן אַ גלייך־וויכ־טיקער פֿאַקטאָר אינם אויפֿבוי פֿונם לאַנד.

איך האָף, אַז דער לייענער וועט מיך דאָ פֿאַלש ניט פֿאַרשטיין. איך וויל ניט זאָגן אַז דער ישוב באַשטייט פֿון לויטער צדיקים, און די אַר־בעטערשאַפֿט פֿון לויטער מלאכים. מענטשן זיינען מענטשן, און צווישן די 600,000 אידן פֿון ארץ־ישראל זיינען דאָ פֿאַרשידענע מענטשלעכע טיפּן, מיט פֿאַרשידענע מעלות און חסרונות. אָבער אין דורכשניט שטייען זיי פֿאָרט אויף אַ העכערער מדרגה, און די סביבה אין וועלכע זיי לעבן, העלפֿט זיי אין די מערסטע פֿאַלן זיך אַרויפֿצודראַפּען צו אַ העכערער שטופֿע, סיי אין מאָראַלישן און סיי אויך אינם פּראַקטיש־אויפֿבויענדיקן זין.

דער פֿאַקט, וואָס די 600,000 אידן פֿון ארץ־ישראל, וועלכע וואָלטן אין נאָרמאַלע אומשטענדן באַטראַכט געוואָרן אַלס אַ הייפֿעלע, ווערן מיט אַזאַ ערנסטקייט געשאַצט און געוואויגן אינם איצטיקן ארץ־ישראלדיקן קריזיס, דערקלערט זיך מיט זיין גרויסער אויפֿבוי־קראַפֿט און הויכן נאַ־

ציאָנאַלן באַוואוסטזיין. די זעלבע מעלות, וועלכע האָבן געהאָלפֿן אויפֿ־בויען אַ גרויסן ישוב טראָץ אַלע דרויסנדיקע און אינערלעכע שוועריקייטן, זיינען אויך די דערקלערונג פֿאַרוואָס מיר האָבן נאָך אַ גאַנץ גוטן שאַנס אינם איצטיקן שווערן פּעריאָד פֿון דער אידישער געשיכטע.

לאָמיר איצט געבן אַ פּאַקטיש בילד פֿון די רעזולטאַטן וואָס דער ישוב האָט דערגרייכט אין פֿאַרשידענע פֿעלדער פֿונם ארץ־ישראלדיקן אויפֿבוי פֿאַר די לעצטע 25 יאָר.

אין דער ערשטער ריי וועלן מיר באַטראַכטן אונזערע דערגרייכונגען אויפֿן פֿעלד פֿון אַגריקולטור. אַפֿילו ווען אינדוסטריע באַשעפֿטיקט ביים היינטיקן טאָג אַ גרעסערע צאָל אַרבעטס־הענט, בלייבט אַגריקולטור די וויכטיקסטע פֿון די באַשעפֿטיקונגען מיט וועלכע אידן גיבן זיך אָפּ אין ארץ־ישראל. אמת, בלויז 20 ביז 22 פּראָצענט פֿון די ארץ־ישראלדיקע אידן אַרבעטן אויפֿן לאַנד, אָבער זיי זיינען פֿאָרט דער רוקן־ביין פֿונם גאַנצן ישוב. אָן אַן אַגריקולטורעלן פֿונדאַמענט, וואָלט דער ישוב, אַפֿילו ווען ער זאָל ציילן צוויי מאָל מער אידן, ניט פֿאַרגעשטעלט מיט זיך קיין נאַציאָנאַלע היים. ער וואָלט העכסטנס געווען אַן עטוואָס בעסערער גלות.

אָט דאָס איז טאָקע די אורזאַך פֿאַרוואָס ציל־באַוואוסטע ציוניסטן האָבן שטענדיק געפֿאָדערט, אַז די אידישע אַגענטור זאָל פֿאַרנוצן אירע מערסטע פֿאַנדן אויף דאָרפֿישן אויפֿבוי, אַפֿילו ווען דאָס זאָל מיינען מקריב זיין ביז אַ געוויסער מאָס אירע אַנדערע אויפֿגאַבן.

דער וואוקס פֿון דער אידישער לאַנדווירטשאַפֿט פֿאַר די לעצטע 25 יאָר דריקט זיך אויס אין די פֿאָלגענדע ציפֿערן:

יאָר	צאָל ישובים	איינוואוינער	שטח אין דונאַם
1920	55	13,500	480,000
1930	107	45,000	1,050,000
1936	204	95,000	1,480,000
1945	292	162,000	1,750,000

אַגב, מאַכט אויס אַ דאָרפֿישע באַפֿעלקערונג פֿון 162,000 אַרום 27 פּראָצענט פֿון ארץ־ישראלס היינטיקן ישוב פֿון 600,000 אידן, אין דער צייט ווען אונזער אָפּשאַצונג פֿונם פּראָצענט פֿון אידן, וואָס פֿאַר־נעמען זיך מיט לאַנדווירטשאַפֿט איז 20 ביז 22 פּראָצענט. דער אונ־טערשיד דערקלערט זיך דערמיט, וואָס ניט יעדער, וואָס וואוינט אין אַ דאָרף, באַאַרבעט דאָס לאַנד. אַ טייל איינוואוינער אין די ישובים, וואָס זיינען אַמאָל געגרינדעט געוואָרן אויסשליסלעך פֿאַר לאַנדווירט־שאַפֿט, פֿאַרנעמען זיך היינט מיט אינדוסטריע. עס איז פֿון דער אַנ־דערער זייט פֿאַראַן אַ פּראָצענט אידן, אמת, זייער אַ קליינער, וואָס וואוינט אין שטעט, און פֿאַרנעמט זיך מיט לאַנדווירטשאַפֿט.

מיט 25 יאָר צוריק האָבן שוין די לאַנדווירטשאַפֿטלעכע ישובים אין ארץ־ישראל געהאַט אַ דערפֿאַרונג פֿון פֿערציק יאָר פֿריערדיקער קאָלאָניזאַציע, און די אידישע אַגריקולטוריסטן האָבן שוין ניט געטאַפּט אַזוי בלינד אין דער פֿינצטערניש, ווי זייערע אַמאָליקע פֿאָרגייער, וואָס זיינען געקומען נאָך די פּאָגראָמען פֿון די אַכציקער יאָרן אין רוסלאַנד. דאָך איז די אידישע אַגריקולטור נאָך ווייט געווען פֿון דער פֿאָלקאָמענ־הייט, וועלכע זי האָט דערגרייכט ביים היינטיקן טאָג. בפֿרט איז זי געווען צוריקגעשטאַנען אין מילך־ווירטשאַפֿט און הינער־צוכט, וועלכע אידן האָבן אָנגעהויבן אַנטוויקלען ווי געהעריק ערשט נאָכן ערשטן וועלט־קריג. די דאָזיקע צווייגן פֿון לאַנדווירטשאַפֿט זיינען מערסטנס קאָנצענטרירט אין די הענט פֿון אַרבעטער־ווירטשאַפֿטן, וואָס דער רוב פֿון זיי האָט זיך געגרינדעט מיט דער אַקטיווער שטיצע פֿון דער הסתדרות.

די אַנטוויקלונג פֿון דער לאַנדווירטשאַפֿטלעכער פּראָדוקציע וואָס אידן האָבן דערגרייכט פֿאַר די לעצטע 25 יאָרן איז באמת אַ וואונדער. זי איז געווען דער רעזולטאַט פֿון סיסטעמאַטישע אָנשטרענגונגען און כּסדר־דיקן אינוועסטמענט פֿון אַרבעט און געלט. מען האָט, למשל, געבראַכט קיין ארץ־ישראל, כּלערליי ראַסן פֿון בהמות און הינער, און דורך פֿאָרן זיי מיט אָרטיקע ראַסן דערגרייכט אַ העכערע פּראָדוקציע פֿון מילכיקס, און אייער. אַ אידישע קו אין ארץ־ישראל גיט היינט אין דורכשניט 3,700 ליטער מילך אַ יאָר, און אַ אידישע הון לייגט אין דורכשניט 150 אייער אַ יאָר. ווען די אידישע לאַנדווירטן האָבן זיך אָנגעהויבן פֿאַרנעמען מיט די דאָזיקע צווייגן פֿון לאַנדווירטשאַפֿט, איז דער אַראַ־בישער סטאַנדאַרט אין לאַנד געווען 900 ליטער פֿון אַ בהמה, און 80 אייער פֿון אַ הון.

באַזונדערס דערשטוינלעכע רעזולטאַטן האָבן אידן דערגרייכט אין באַוואָסערטער ווירטשאַפֿט. זיי קריגן גרויסע מאַסן שפּייז פֿון קליינע שטרעקעס באַוואָסערטן לאַנד. דערצו האָבן זיי געפֿונען וואַסער אין געגנטן, וועלכע מען האָט פֿריער באַטראַכט פֿאַר האָפֿנונגסלאָז אין דאָ־זיקן פּרט. אַפֿילו אין נגב, דעם טייל פֿון ארץ־ישראל וואָס גרענעצט זיך מיט מדבר און האָט וויי ניק רעגן דורכן יאָר, האָט מען לעצטנס אויס־געפֿונען באַהאַלטענע וואַסער־קוואַלן, וואָס דערלויבן צו גרינדן דאָרט פּראָדוקטיווע ישובים.

אין וויי ניק לענדער פֿון דער וועלט שפּילט וואַסער אַזאַ ריזיקע ראָלע אין דער שפּייז־פּראָדוקציע פֿונם לאַנד ווי אין ארץ־ישראל. אַ ווירטשאַפֿט פֿון 25 באַוואָסערטע דונאַם, וואָס איז צום טייל פֿאַרפֿלאַנצט פֿון ביימער באַוואָרנט דעם לאַנדווירט מיט אַ מער זיכערער עקזיסטענץ

איידער אַ ניט באַוואַסערטער שטח פֿון תּבואה־לאַנד, וואָס איז צען מאָל אַזוי גרויס. ווען דער היינטיקער באַוואַסערטער שטח פֿון ארץ־ישׂראל, וואָס באַטרעפֿט אין גאַנצן 450,000 דונאַם, וועט אַמאָל געבראַכט ווערן צו איבער 5,000,000 — און נייעסטע אויספֿאָרשונגען באַווייזן, אַז מען קען דאָס אויפֿטאָן אָן באַזונדערע שוועריקייטן, וועט די ארץ־ישׂראלדיקע אַגריקולטור קאָנען אַריינגעמען אַ האַלבן מיליאָן פֿרישע אַרבעטס־הענט מיט צוויי מיליאָן נפֿשות און געבן אויסער דעם אַ געזונטערע עקאָנאָמישע באַזע פֿאַר אירע איצטיקע לאַנדווירטן, סיי אידן און סיי אַראַבער. צו־זאַמען מיט אַנדערע באַשעפֿטיקונגען, וואָס שפּאַרן זיך אָן אויף אַ פֿאַר־גרעסערטער לאַנדווירטשאַפֿט, מיינט עס, אַז ארץ־ישׂראל קאָן אַריינגעמען לכל הפּחות אַ זעקס ביז זיבן מיליאָן נייע אימיגראַנטן, אָן שום שאָדן פֿאַר איר איצטיקער באַפֿעלקערונג.

די פֿילזייטיקייט פֿון דער ארץ־ישׂראלדיקער אַגריקולטור וועט מיט דער צייט ווערן איינע פֿון די גרעסטע קוועלן פֿון איר ווייטערדיקן וואוקס. אירע מעגלעכקייטן זיינען ווייט ניט אויסגעשעפּט. וועט מען אונז אַמאָל לאָזן אַנטוויקלען ווי געהעריק די וואַסער־רעסורסן פֿון לאַנד, און אירע אַנדערע מעגלעכקייטן, וועלן מיר קאָנען אַריינברענגען אַהין אַלע אידן, וואָס נויטיקן זיך אין אַ נייער און זיכערער עקזיסטענץ.

ו.

מיר האָבן שוין פֿריער געהאַט אַ געלעגנהייט צו באַוואונדערן די אויפֿבוי־פֿעאיקייטן, וועלכע די ארץ־ישׂראלדיקע אידן האָבן אַרויסגעוויזן אויפֿן אינדוסטריעלן פֿעלד. די שאַפֿונג פֿון אַ בערך באַדייטנדער מלחמה־אינדוסטריע, ניט קוקנדיק אויפֿן מאַנגל פֿון אַ גענוגנדיקן שלום־פֿונ־דאַמענט, און ניט קוקנדיק אויפֿן שאַרפֿן מאַנגל פֿון ים־פֿאַרבינדונגען, איז אַ לייסטונג מיט וועלכער דער ישוב האָט דעם פֿולן גרונד צו שטאָלצירן.

די גאַנצע מאָדערנע אינדוסטריע פֿון ארץ־ישׂראל איז געבויט גע־וואָרן אין די לעצטע 25 יאָר. זי איז מערסטנס געבויט געוואָרן פֿון פּרי־וואַט־קאַפּיטאַל, אָן דירעקטער שטיצע פֿון ציוניסטישע פֿאָנדן. אָבער די סאַמע גרעסטע און סאַמע וויכטיקסטע אידישע אונטערנעמונגען האָבן יאָ געמוזט אָנקומען צו עפֿנטלעכער הילף אין דער ערשטער סטאַדיע פֿון זייער אַנטוויקלונג. ווען, למשל, דער פֿאַרשטאָרבענער אינזשעניר פּנחס רוטענבערג, איז געקומען מיטן פּלאַן וועגן איינצוימען די וואַסער קראַפֿט פֿונם ירדן, און ברענגען עלעקטריע אין די היימען און פֿאַבריקן פֿון ארץ־ישׂראל האָט ער ניט געפֿונען קיין פּריוואַטן קאַפּיטאַל, וואָס זאָל האָבן גענוג צוטרוי צו דעם דאָזיקן פּראָיעקט, כּדי צו באַזאָרגן אים

מיט געלט, וואָס איז נויטיק געווען אויף די פאָרשונגען און מעסטונגען, און אויף די הוצאות פון דער קאָנצעסיע. די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט געמוזט נעמען אויף זיך די גאַנץ קאָסטבאַרע איניציאַטיוו, און ערשט דערנאָך ווען די קאָנצעסיע איז שוין געזיכערט געווען אין אידישע הענט, האָט פּריוואַטער קאַפּיטאַל זיך צוביסלעך פאַראינטערעסירט. די „פּאַלעסטיין עלעקטריק קאָרפּאָריישאָן" האָט זיך דערנאָך אַרויסגעוויזן צו זיין די סאַמע פּראָפיט־געבנדיקע אונטערנעמונג אין לאַנד. אַן ענלעכע לאַגע האָט זיך געשאַפן מיט דער „פּאַלעסטיין פּאָטאַש לימיטעד", וועלכע עקספּלאָאַטירט די מינעראַלע רייכטימער פונם ים המלח. דער גאַנצער געדאַנק וועגן אויסנוצן די דאָזיקע מינעראַלן, וואָס האָבן אַ ריזיקע עקאָנאָמישע באַדייטונג, שטאַמט פון אידן, און זי איז איינער פון די וויכטיקסטע ביישטייערן פון אידישער איניציאַטיוו צום אויפבוי פונם לאַנד.

דער אויפבוי פון דער אידישער אינדוסטריע אין ארץ־ישראל איז פאַרבונדן געווען מיט גרויסע שוועריקייטן. אירע גרינדער האָבן ניט געקראָגן פון דער רעגירונג די שטיצע, וואָס אינדוסטריע קריגט געוויינטלעך אין נייע לענדער, וואו זי מוז אויסהאַלטן די אומגליקלעכע קאָנקורענץ פון פריער איינגעשטעלטע אינדוסטריעלע צענטרען. קרעדיט איז געווען זייער טייער, און שווער צו קריגן. ארץ־ישראלס עקספּאָרט צו די אַרומיקע לענדער, וואָס וואָלטן באַדאַרפט זיין איר נאַטירלעכער מאַרק, איז אויך געווען פאַרבונדן מיט גרויסע שוועריקייטן. אויב אונטער אַזעלכע באַדינגונגען זיינען אידן געווען אומשטאַנד אין אַ קורצער צייט אויפצובויען דעם וויכטיקסטן אינדוסטריעלן צענטער פונם נאָענטן מזרח, איז דאָס באמת אַ לייסטונג, וואָס פאַרדינט די גרעסטע באַוואונדערונג.

אין 1922, אַ פּאָר יאָר נאָכן ערשטן וועלט־קריג, האָט ארץ־ישראל פאַרמאָגט 1850 אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען (אַריינרעכענענדיק קליינע וואַרשטאַטן) מיט 4434 באַשעפטיקטע. אינם יאָר 1942 איז די צאָל פון די דאָזיקע אונטערנעמונגען געשטיגן ביז 6600 מיט 56,000 באַשעפטיקטע. דער אינוועסטירטער קאַפּיטאַל פון די אידישע אינדוסטריען, וועלכער האָט דעמאָלט קוים באַטראָפן אַ דריי מיליאָן דאָלאַר, באַטרעפט היינט אַרום אַכציק מיליאָן דאָלאַר!

ס'איז אוממעגלעך אויפצוציילן דאָ די פאַרשידענע אַרטיקלען, וואָס ווערן געמאַכט אין היינטיקן ארץ־ישראל. דאָס לאַנד אַרבעט אויס, אין נאַטירלעך אַ קלענערן פאַרנעם — די מערסטע אַרטיקלען פון מענטשלעכן געברויך — אַ טייל פון אייגענע פּראָדוקטן, אַ טייל פון אימפּאָרטירטע רוי־מאַטעריאַלן. דער געברויך פון אימפּאָרטירטע מאַטעריאַלן איז ניט קיין ערנסטע שטערונג אינם פאַל פון אַרטיקלען אין וועלכע עס ווערט אינוועסטירט אַ סך מענטשלעכע אַרבעט, און דער ווערט פון די רוי־מאַ־

טעריאַלן איז בערך קליין. אָט דאָס איז למשל, די דערקלערונג פֿאַרוואָס די שווייץ האָט אַ שטאַרק אַנטוויקלטע זייגער־אינדוסטריע, וועלכע לעבט פֿון עקספּאָרט, כאָטש זי מאַכט איר פּראָדוקט פֿון אימפּאָרטירטן מעטאַל. דערצו איז ארץ־ישראל גינסטיק געלעגן אין דער שכנות פֿונעם סועץ־קאַנאַל, וואָס איז איינע פֿון די גרעסטע פֿאַרקערס־אַדערן אין דער וועלט. טראַנספּאָרט קיין און פֿון ארץ־ישראל איז ביליק, און זיינע קאָסטן זיינען ניט קיין שטערונג אינם פֿאַל פֿון די מערסטע אינדוסטריעס, וואָס זיינען אַהין געבראַכט געוואָרן דורך אידישער ענערגיע, פֿעאיקייטן און דערפֿאַרונג.

אייניקע אינדוסטריען, וועלכע אידן האָבן לעצטנס אַנטוויקלט אין ארץ־ישראל געהערן צו דעם זעלבן צווייג אין וועלכן אידן האָבן זיך אַרויסגעוויזן אַלס פֿעאיק אין פֿאַרשידענע גלות־לענדער. דערצו באַלאַנגט די קליידער־אינדוסטריע, די לעדער־אינדוסטריע, „גאַלאַנטעריע אַרטיקלען", דימענטן, און אַנדערע צירונג, שפּייז־פּראָדוקטן, און אַזוי ווייטער. אָבער אידן אין ארץ־ישראל זיינען אויך געווען דערפֿאָלגרייך אין אַזעלכע צווייגן פֿון אינדוסטריע, וועלכע זיינען ווייט פֿון צו זיין „טיפּיש אידיש" אין אַנדערע לענדער. דערצו באַלאַנגען מעטאַל פֿאַבריקן, כעמישע אונטערנעמונגען, פֿאַרבן, רפֿואות, צעמענט און בוי־מאַטעריאַלן, עלעקטרישע אַרטיקלען, אאַז"וו. בדרך־כּלל אַנטוויקלט זיך די אידישע אינדוסטריע אין ארץ־ישראל אויף אַ ברייטן און פֿילזייטיקן אופֿן. זי היט זיך פֿון קאָנצענטרירן אין אַ באַשרענקטער צאָל פֿון אינדוסטריע־צווייגן. אידן נעמען זיך צו אַלץ, און זיי זיינען מערסטנס מצליח.

ווי געזאָגט, זיינען די מערסטע ארץ־ישראלדיקע אינדוסטריען אין די הענט פֿון פּריוואַטן קאַפּיטאַל. די קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעמונגען פֿון דער הסתדרות זיינען אין אירע ערשטע יאָרן געווען מערסטנס קאָנצענטרירט אויף דער לאַנדווירטשאַפֿט, אין וועלכער פּריוואַט־איניציאַטיוו האָט אַרויסגעוויזן אַ פֿיל קלענערן אינטערעס. די 50 שטאָטישע קאָאָפּעראַטיוון מיט 1524 מיטגלידער און אַרבעטער האָבן געשפּילט אַ פֿיל קלענערע עקאָנאָמישע ראָלע, איידער די קרוב 170 קבוצות, קבוצים און מושבי עובדים, וואָס זיינען אונטער דער קאָנטראָל פֿון דער הסתדרות.

לעצטנס אָבער האָט די הסתדרות זיך גענומען צו אינדוסטריע אין אַ פֿיל גרעסערן פֿאַרנעם. פֿון איין זייט האָבן אירע גרעסערע אינסטיטוציעס און בפֿרט די קאָנטראַקטאָר־אָרגאַניזאַציע „סולל בונה" אויסגענוצט דעם פּרעסטיזש און קרעדיט, וואָס זיי האָבן געקראָגן דורך זייער פֿאַראַנטוואָרטוואָרטלעכע געשעפֿטס־וועגן און פֿעאיקער אַנפֿירונג אויף אַפּצוקויפֿן אייניקע פֿון די גרעסטע פֿאַבריקן אין לאַנד. אַלס ביישפּיל קאָנען דאָ דערמאָנט ווערן די צעמענט פֿאַבריק „נשר", די אייל און זייף פֿאַבריק „שמן",

די מעטאַל פֿאַבריק „וואולקאַן". אין איניקע פֿאַלן איז אין די פֿאַבריקן אויך באַטייליקט פּריוואַטער קאַפּיטאַל, וואָס אַרבעט בשותּפֿות מיט אַר־בעטער־אינסטיטוציעס. פֿון דער אַנדער זייט האָבן פֿיל קבוצות, וואָס האָבן זיך אַמאָל פֿאַרנומען אויסשליסלעך מיט לאַנדווירטשאַפֿט, געניצט זייערע שפּאַרונגען אין מלחמה־צייט, אויף צו בויען וואַרשטאַטן אין פֿאַ־בריקן ביי זיך אין דאָרף. דאָס גיט זיי ניט נאָר אַ מער פֿיל־זייטיקע און זיכערערע הכנסה, נאָר אויך אַ רעזערוו פֿון עקסטראַ־אַרבעטער, וואָס קאָנען צו נוץ קומען אין דער לאַנדווירטשאַפֿטלעכער סעזאָן־צייט.

די אימיגראַציע־געלעגנהייטן פֿון דער ארץ־ישראלדיקער אינדוסטריע זיינען פּשוט אומבאַשרענקט. זאָל מען נאָר אידן אַריינלאָזן קיין ארץ־ישראל, און זאָל די וועלט אָננעמען אַ מער־וויניקער פֿרייע האַנדלס־פּאָליטיק, וואָס זאָל געבן יעדן לאַנד אַ צוטריט צו רוי־מאַטעריאַלן און אַ גלייכן צוטריט צום אויסלענדישן מאַרק, וועלן אידן זיך געבן אַן עצה.

ז.

אויסער די צוויי פֿונדאַמענטאַלע צווייגן פֿון מענטשלעכער אַרבעט, לאַנדווירטשאַפֿט און אינדוסטריע, האָט דער ארץ־ישראלדיקער ישוב אַנט־וויקלט פֿאַר די לעצטע 25 יאָר אַ ריי אַנדערע באַשעפֿטיקונגען, וואָס וועלן מיט דער צייט שפּילן אַן אַלץ גרעסערע ראָלע אינם ווייטערדיקן אויפֿבוי פֿון דער אידישער היים. איינע פֿון זיי איז די געווינונג פֿון מינעראַלן. אויסער די ווערק אויפֿן ים המלח, וואו מען קריגט אַרויס אין אַלץ גרעסערע מאָסן פּאָטאַש און בראָמין, און מען קלויבט זיך מיט דער צייט צו אַ נאָך גרעסערער פּראָדוקציע פֿון מאַגנעזיע, פֿאַרנעמען זיך אידן מיט אַרויסקריגן און געווינען אַנדערע מינעראַלע רייכטימער פֿונם לאַנד. מען האָט אין מלחמה־צייט אָנגעהויבן אויסנוצן די רייכע פֿאָספֿאָט־דעפּאָזיטן, וואָס געפֿינען זיך אויףביידע זייטן ירדן. צוזאַמען מיטן פּאָטאַש פֿון ירדן באַזאָרגן זיי דאָס לאַנד מיט גענוג כעמישער מיסט אויף צו פֿאַרגרעסערן זיין אַגריקולטורעלע פּרוקטבאַרקייט. אַ היפּשע צאָל אונטער־נעמונגען פּראָדוצירן בוי־מאַטעריאַלן פֿונם ארץ־ישראלדיקן באָדן. עס ווערט אויך ערנסט אויסגעפֿאָרשט די מעגלעכקייט פֿון אַן אייגענער אויל־אינדוסטריע.

אָפּגעריסן זייט פֿיל דורות פֿונם ים, האָבן אידן אין ארץ־ישראל זיך גענומען מיט גרויס אימפּעט צוריק צו פֿאַרנעמען די פֿאַרלאָרענע פּאָזיציעס. ס'איז פֿאַראַן אין ארץ־ישראל אַ צאָל פֿון אידישע פֿישער־דערפֿער, וואָס קאָמבינירן לאַנדווירטשאַפֿט מיט מאָדערנער פֿישעריי. קי־בוצים און איינצלנע אַרבעטער פֿאַרנעמען זיך מיט אַרבעט אין די פּאָרטן און אויף די שיפֿן. מען שאַפֿט איצט אַ גרויסע אידישע שיף־געזעלשאַפֿט,

וואָס זאָל זיך פֿאַרנעמען מיט פֿירן אימיגראַנטן און פּראַכט קיין ארץ־ישראל, און אויך באַזאָרגן איר אַלץ וואַקסנדיקן עקספּאָרט. ווען מען נעמט אין אַנבאַטראַכט וואָס פֿאַר א ריזיקע ראָל עס שפּילט דער ים אינם עקאָנאָמישן לעבן פֿון אַנדערע לענדער (ענגלאַנד, נאָרוועגיע, גריכנ־לאַנד), פֿאַרשטייט מען די באַגייסטערונג מיט וועלכער די בויער פֿונם אידישן ישוב וואַרפֿן זיך איצט אויפֿן דאָזיקן פֿעלד. וואָס אַנדערע קאָנען, קאָנען מיר אויך!

אידן אין ארץ־ישראל האָבן אין די לעצטע 25 יאָר זיך גענומען מיט גרויסער ענערגיע צו אַנטוויקלען די וואַסער קוראָרטן פֿונם לאַנד, און שאַפֿן דאָרט אַ מעדיצינישן צענטער, וואוהין חולאים פֿון אַלע אַרומיקע לענדער זאָלן קומען זיך באַראַטן אין פֿאַל פֿון ערנסטער נויט. די פֿאַר־טרייבונג פֿון די אידישע מעדיצינישע מומחים פֿון דייטשלאַנד האָט שטאַרק צוגעאײַלט די פֿאַרווירקלעכונג פֿון דעם דאָזיקן פּלאַן.

ארץ־ישראל איז אין די לעצטע פּאָר יאָר געוואָרן דער באַליבטער פּלאַץ, וואו אַמעריקאַנער און אַנדערע אַליאירטע סאָלדאַטן האָבן געזוכט זיך אָפּצורוען, אין די אורלויב־צייטן וואָס זיי האָבן געקראָגן צווישן די שלאַכטן. דאָס גיט אונז אַן אָנווייז אויף די גרויסע מעגלעכקייטן פֿון טוריסטן־פֿאַרקער נאָכן קריג.

אידן האָבן אויך געזוכט צו מאַכן ארץ־ישראל פֿאַר אַ גרויסן האַנדלס־צענטער, וואָס זאָל רעגולירן דעם אויסטויש פֿון סחורות צווישן אייראָפּע און ווייטן מזרח. די נאָענטקייט פֿונם לאַנד צום סועץ־קאַנאַל, וואָס איז איינע פֿון די וויכטיקסטע פֿאַרקער־אָדערן פֿון דער וועלט, גיט די דאָזיקע באַשטרעבונג אַ גרויסן שאַנס אויף דערפֿאָלג.

מיט אַנדערע ווערטער, דער אידישער ישוב אין ארץ־ישראל, לאָזט זיך ניט איינצוימען אין אַ פֿאַר באַשרענקטע באַשעפֿטיקונגען. ער זוכט צו אַנטוויקלען, וואָס מער פֿאַרשיידענע פּאָזיציעס, אַלס אַ פֿונדאַמענט פֿאַר אַ צוקונפֿטיקער אידישער היים. ער האָט אַ סך דערגרייכט אין דעם פּרט ביז אַהער, און אויב מען וועט אים נאָר ניט דערשטיקן מיט געוואַלט, וועט ער ווייטער פֿאַרטזעצן זיין וואוקס אין דער צוקונפֿט.

ח.

ס'איז אַן אַלטער כּלל, אַז ווען אַ לאַנד האַלט אינם פּראָצעס פֿון אויפֿבוי קאָן עס זיך ניט פֿיל פֿאַרנעמען מיט קולטור. אין אַ גרויסער מאָס איז דאָס אויך אמת וועגן ארץ־ישראל. די נייע אידישע קולטור, וואָס גייט אויפֿגעבויט ווערן אין ארץ־ישראל באַלאַנגט נאָך מערסטנס צו דער צוקונפֿט.

אָבער שוין מערקן זיך סימנים, וואָס באַרעכטיקן אונז צו ריזיקע דערוואַרטונגען. ארץ־ישראל לייענט און שטודירט אין אַ פאַרנעם, וואָס איז אויסערגעוויינטלעך פאַר אַ פּיאָנעריש לאַנד. עס דערשיינען דאָרט ניין טעגלעכע צייטונגען. עס ווערן דאָרט אַרויסגעגעבן 400 ביז 500 ביכער אַ יאָר. יעדן טאָג ווערן דאָרט געגעבן אַ פאַר הונדערט עפנטלעכע לעקציעס. עס ווייזט זיך אַן אַלץ וואַקסנדיקע צאָל פון פעאיקע שרייבער און פּאָעטן. מוזיק, טעאַטער, מאַלעריי־קונסט קריגן אַן אויסערגעוויינלעכן אָפּרוף פאַר אַזאַ בערך קליינעם אידישן ישוב. די אידישע דערגרייכונגען אויפן קולטורעלן פעלד הויבן אַן צו דעריאָגן דעם ישובס מערקווירדיקע אויפטוען אויפן פעלד פון עקאָנאָמישן לעבן.

איך וויל ניט אויסשפּרייטן צו ווייט די ראַמען פון דער דאָזיקער אַל־געמיינער איבערזיכט דורך אָפּשטעלן זיך געגויער אויף די סאָציאַלע דערגרייכונגען פונם ארץ־ישראלדיקן ישוב. דאָס בילד פון די אידישע דערגרייכונגען אין ארץ־ישראל וועט אָבער ניט זיין פולקאָם, אויב מיר וועלן דאָ ניט זאָגן, אַז אויך אויפן דאָזיקן פעלד ווייזט אַרויס דער ישוב — און דאָ רעדט זיך וועגן די אַרבעטער — אַ מערקווירדיקע פעאיקייט פון כסדרדיקער שאַפונג און אויסבעסערונג. ס'וואָלט פאַלש געווען צו טראַכטן אַז די ארץ־ישראלדיקע אַרבעטער האָבן דערפינדן די קבוצה, און רוען זיך אָפּ אויף דער גרויסקייט פון זייער דערפינדונג. דער אמת איז, אַז אַלע סאָציאַלע דערגרייכונגען פון ארץ־ישראל האַלטן אין איין בייטן זייער צורה און זייער אינהאַלט. מען האַלט אין איין אויספּרובירן נייע פאָרמען פון אַרבעטער־ווירטשאַפט און נייע באַציאונגען צווישן אַר־בעט און קאַפּיטאַל. דער אַרבעטער־ישוב אין ארץ־ישראל פאַרמאָגט איצט אַזעלכע סאָציאַלע שאַפונגען, וואָס האָבן ניט עקזיסטירט ערשט מיט פינף יאָר צוריק און ער האַלט כסדר אין שאַפן נייע ווערטן.

איך קאָן ניט ענדיקן די דאָזיקע איבערזיכט, אָן דער דערמאָנונג, אַז וויפיל מיר האָבן ניט אויפגעטאָן פאַר די לעצטע 25 יאָרן אין ארץ־ישראל, איז אונזער פליכט אין דער איצטיקער קריטישער צייט אונ־טערצושטרייכן מער דאָס וואָס מיר האָבן דורכגעלאָזט, איידער דאָס וואָס מיר האָבן פאַרווירקלעכט. ס'איז ניטאָ קיין מינדעסטע אַנטשולדיקונג פאַרן מאַנגל אין אינטערעס מצד די גרויסע אידישע מאַסן, און מאַנגל פון אימפעט מצד זייערע פירער. אָבער דאָך זיינען די ארץ־ישראלדיקע דער־גרייכונגען פאַר די לעצטע 25 יאָר, פאַרט איינע פון די גרעסטע לייסטונגען אין דער אידישער געשיכטע, און זייער אונטערזוכונג גיט אונז דאָס רעכט צו הויבן אונזערע פאָדערונגען צו זיך אַליין פאַר דער נאָענטער צוקונפט.

אַברהם דיקנשטיין

25 יאָר אַרבעטער־ווירטשאַפֿט אין ארץ־ישׂראל

א.

עס איז שווער צו גלויבן, אַז עס זיינען שוין פֿאַראיבער 25 יאָר זינט די הסתדרות איז געשאַפֿן געוואָרן. עס דאַכט זיך, אַז עס האָט פּאַסירט ערשט נעכטן. איך זע פֿאַר מיינע אויגן די קליינע געביידע פֿון דער חיפֿה׳ער פֿאָלקס־שול, וואו די זאַכלעכע זיצונגען זיינען געהאַלטן געוואָרן. איך זע פֿאַר זיך די ליבע, פֿאַרברענטע פּנימער פֿון די דעלעגאַטן; די לעבעדיקע, קלוגע אויגן פֿון בערל קאַצנעלסאָן. איך הער די האַרבע און שטרענגע קורצע אויסדרוקן פֿון יוסף אַראַנאָוויטשן; דער לעבעדיקער, פֿאַרברענטער וויכּוח צווישן די דעלעגאַטן פֿון „אחדות־העבודה“ און אומפּאַרטייאישע מיט די דעלעגאַטן פֿון „הפּועל הצעיר“. דער וויכּוח האָט זיך געדרייט אַרום דעם הויפּט־פּונקט, צי זאָל די ניי־געשאַפֿענע אָרגאַניזאַציע, די הסתדרות, פֿאַרנעמען זיך מיט אַלע פּראָבלעמען פֿון אַרבעטער אַלס בויער פֿון נייעם ארץ־ישׂראל, אָדער זי זאָל זיך באַגרענעצן נאָר מיט קעמפֿן פֿאַר בעסערע און מענטשלעכערע אַרבעטס־באַדינגונגען פֿאַר דעם לוין־אַרבעטער, ווי די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַראיינען אין איראָפּע אָדער די טרייד יוניאָנס אין אַמעריקע. די „הפּועל הצעיר“ דעלעגאַטן האָבן געוואָלט איבערגעבן דער הסתדרות וואָס ווינציקער פֿונקציעס און די דעלעגאַטן פֿון „אחדות־העבודה“ און אומפּאַרטייאישע האָבן געפֿאָדערט, אַז די הסתדרות זאָל אַרומנעמען דעם גאַנצן לעבן פֿון אַרבעטער, אָנהויבנדיק מיט זיין דערציאונג דורך הכשרה אין גלות, זאָרג פֿאַר דער עליה, איינאָרדענען אים עקאָנאָמיש, בויען דערפֿער און אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, דערציאונג, געזונט, א. א. וו. דער וויכּוח האָט דערגרייכט זיין קולמינאַציע־פּונקט, ווען מען האָט פֿאַרהאַנדלט וועגן די טעטיקייטן אויפֿן קולטורעלן געביט, אָבער נאָך גרויסע אַמפּערייען האָט מען אָנגענומען אַ רעזאָלוציע „וגם תּרבותית“ — און אויך קולטורעלע אַקטיוויטעטן. דער שטאַנדפּונקט פֿון „אחדות־העבודה“ און די אומפּאַרטייאישע האָט ענדלעך געוואונען פֿאַר זיך די מערהייט דעלעגאַטן.

עס איז צו באַוואונדערן די גרויסע וויזיע פֿון אונזערע פֿירער אין יענער צייט און זייער גרויסן גלויבן אין דער צוקונפֿט פֿון ארץ־ישׂראל און פֿון דער א״י־אַרבעטערשאַפֿט. צום גרויסן באַדויערן, זיינען צו שנעל פֿאַרווירקלעכט געוואָרן ניט נאָר זייערע פּאָזיטיווע נבואות וועגן די מעגלעכקייטן פֿון א״י און וועגן דער גרויסער ראָל וואָס די אַרבעטער־באַוועגונג און די קאָאָפּעראַטיווע ווירטשאַפֿט וועלן שפּילן אין אויפֿבוי פֿון לאַנד און

אין לעבן פֿון אידישן פֿאָלק. די צרה איז, וואָס זייער אַנאַליז פֿון דער לאַגע פֿון אידישן פֿאָלק אין גלות און די גרויסע געפֿאַרן, וואָס דראָהען זיין לעבן און עקזיסטענץ, איז אַזוי שנעל פֿאַרוויקלעכט געוואָרן, און מיר האָבן פֿאַר דער צייט פֿאַרלאָרן איבער אַ דריטל פֿון אונזער פֿאָלק אונטער אַזעלכע שרעקלעכע טראַגישע אומשטענדן. עס איז קלאָר, אַז ווען אַ גרעסערער טייל פֿון אידישן פֿאָלק, אָדער כאָטש אונזערע ציוניסטישע פֿירער, וואָלטן געהאַט נאָר אַ קלײנעם טייל פֿון דער וויזיע און גלויבן וואָס ס'האָבן געהאַט די, וואָס האָבן אָרגאַניזירט און געשאַפֿן די הסתדרות, וואָלט די לאַגע פֿון אידישן פֿאָלק און די לאַגע פֿון ארץ־ישראל געווען איצט אַ גאַנץ אַנדערע.

אַלס דער בעסטער באַווייז אויף וויפֿיל די ציוניסטן בכלל האָבן ווינציק פֿאַרשטאַנען און נאָך ווינציקער סימפּאַטיזירט מיט דער אַרבעטער־באַוועגונג אין א״י, קענען אונז דינען די שטענדיקע אַנפֿאַלן אויף די עקאָנאָמישע אויפֿטוען פֿון דער א״י־אַרבעטערשאַפֿט. ווער פֿון אונז געדענקט ניט, ווי כמעט אויף אַלע קאָנגרעסן פֿלעגט מען וואַרפֿן שטיינער אויף אונזערע אַגריקולטורעלעווירטשאַפֿטן, אויף „סולל־בונה״, רופֿנדיק אונז „סאָציאַליסטישע בעלי־חלומות״, „קעסט־קינדער״, אאַ״וו. ווער ועט היינט ניט מסכים זיין, אַז נאָר אַדאַנק די „סאָציאַליסטישע עקספּערימענטן״, נאָר אַדאַנק דער גרויסער אָרגאַניזירטער, פֿאַרצווייגטער הסתדרות האָבן מיר דערגרייכט אין א״י וואָס עס איז דערגרייכט געוואָרן. ווען מיר פֿאָלגן די חסידים פֿון „פּריוואַטער איניציאַטיוו״ פֿון דעם רעכטן פֿליגל אָדער פֿון דעם „סטיכישן פּראָצעס״ פֿון דער לינקער זייט, וואָלטן מיר היינט אין א״י קיין 600 טויזנט אידן ניט געהאַט און דער ישוב פֿון א״י וואָלט קיינמאָל ניט געשפּילט די ראָל, וואָס ער שפּילט היינט אין דער לייזונג פֿון אידישן פּראָבלעם. אָן די אַרבעטער־ווירטשאַפֿטן וואָלט דער ישוב ניט דורכגעמאַכט די שווערע מלחמה־יאָרן און וואָלט זיך קיינמאָל ניט דערהויבן צו דעם בכבודיקן פּלאַץ אין דער מלחמה־אָנשטרענגונג. נאָר אַדאַנק די דאָזיקע, וועלכע האָבן געגרינדעט די הסתדרות און אָוועקגעלייגט דעם פֿונדאַמענט פֿאַר דער „פּלאַנירטער ווירטשאַפֿט״ אין א״י, איז מעגלעך געוואָרן, אַז די אידישע עקאָנאָמיע אין ארץ־ישראל זאָל דערגרייכן די הויכע מדרגה צו וועלכער זי האָט זיך דערהויבן.

ב.

פֿון דער ערשטער מינוט, וואָס דער אידישער אַרבעטער האָט באַטראָטן די ערד פֿון א״י, האָט ער פֿאַרשטאַנען, אַז ער איז ניט געקומען אין אַן עקזיסטירנדן לאַנד מיט אַן אייגענער איינגעאָרדנטער עקאָנאָמיע, וואו דער אַרבעטער קען קריגן באַשעפֿטיקונג, נאָר ער דאַרף קעמפֿן פֿאַר שאַפֿן די

נויטיקע פֿאַרבאַדינגונגען פֿאַר זיין אַרבעט. דער חלוץ האָט איינגעזען, אַז דאָס לאַנד איז חרוב און וויסט, און אויב ער וויל עקזיסטירן און — מער ווי דאָס — אויב ער וויל, אַז אויך זיינע אַנדערע ברידער און שוועס־טער, וועלכע זיינען פֿאַרבליבן אין גלות, זאָלן האָבן אַ מעגלעכקייט צו קו־מען נאָך אים און געפֿינען אַ פּלאַץ אין לאַנד, מוז מען אָנהויבן אַלץ פֿון בראשית. די ערשטע חלוצים האָבן אויך פֿאַרשטאַנען, אַז אין דעם לאַנד, מיט די שווערע קלימאַטישע, געאָגראַפֿישע און זיכערקייטס־באַדינגונגען, וועט דער יחיד ניט מצליח זיין, ער וועט גיך אַנטוישט ווערן און וועט ניט קענען אויסהאַלטן. זיי האָבן געוואוסט, אַז נאָר דורך דעם קאָלעקטיוו, וואו מיט אַלע פֿאַראייניקטע קרעפֿטן שטרעבט מען צו אַ געוויסן צוועק, קען מען מצליח זיין. און בעיקר דערפֿאַר האָבן זיי גענומען בויען זייערעווירטשאַפֿטן אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות.

צו קאָאָפּעראַציע האָבן אויך געבראַכט דער הויכער מאָראַלישער אי־דעאַליזם, וועלכער האָט געטריבן די ערשטע חלוצים פֿון דער אַרבעטער־שאַפֿט אויפֿצובויען דאָס עקאָנאָמישע לעבן אָן עקספּלואַטאַטאָרן און עקס־פּלואַטירטע, נאָר אויף ריינע קאָאָפּעראַטיווע יסודות. אמת, אַז דער אי־דעאַליסטישער געדאַנק איז ניט ניי און ניט אייגנאַרטיק פֿאַר דער א״ידיקער אַרבעטערשאַפֿט; אמת, אַז אויך אין אַנדערע לענדער האָבן ליבעראַלן און אַרבעטער אין פֿאַרשידענע צייטן געפּרוּווט אויפֿבויען קאָאָפּעראַטיווע ווירטשאַפֿטן, אָבער זיי האָבן ניט שטענדיק מצליח געווען. די הצלחה אין א״י איז אַנטשטאַנען דערפֿאַר, ווייל די צוועקן פֿון דער קאָאָפּעראַטיווער ווירטשאַפֿט זיינען געוואָרן די צוועקן פֿון ציוניזם, אויפֿצובויען פֿון דאָס ניי אַ געזונט, זעלבסטשטענדיק אידיש פֿאָלק אין דער אויפֿגעלעבטער, פֿון דאָס ניי־אַנטוויקלטע היימלאַנד — ארץ־ישראל. אין דעם באַשטייט דער סוד פֿון דער הצלחה פֿון דער אַרבעטער־ווירטשאַפֿט אין א״י. נאָר די קאָ־אָפּעראַטיווע, קאָלעקטיווע ווירטשאַפֿטן קענען דינען דעם עיקר־צוועק פֿון אונזער צוריקקערן זיך קיין א״י נאָך טויזנטער יאָרן, און דאָס איז — אַריינ־צובערענגען וואָס מערער אידן קיין א״י. נאָר אַ קאָאָפּעראַטיווע ווירטשאַפֿט קען שטענדיק בלייבן אָפֿן פֿאַר די ניי־אַריינגעקומענע איינוואַנדערער. און דערפֿאַר האָבן די א״י־אַרבעטער אַזוי פֿיל מי אָפּגעגעבן אויפֿצובויען אַ פֿאַרצווייגטע קאָאָפּעראַטיווע ווירטשאַפֿט אין לאַנד מיט גרויסע עקאָנאָמי־שע אינסטיטוציעס, אָן וועלכע זייער ווירטשאַפֿט וואָלט ניט געקענט געבויט ווערן.

ג.

נאָך פֿאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, אין מיטן דער מלחמה און גלייך נאָך דער מלחמה, זיינען געשאַפֿן געוואָרן די ערשטע אַגריקולטורעלע זידלונגען (דגניה א׳, כנרת, מרחביה, עין־גנים און נחלת־יהודה), די ערשטע

קאָנטראַקטאָר־קאָאָפּעראַטיווע „חבורות“, וואָס זייער צוועק איז געווען צו באַאַרבעטען די פּרדסים, ניט אַלע טאָג־אַרבעטער, נאָר אַלס קאָנטראַקטאָרן, וועלכע אַרבעטן אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות; די ערשטע שטאָטישע קאָ־אָפּעראַטיוון (די קאָאָפּעראַטיווע שוך־פֿאַבריק „תּולעת“, די מעטאַל־פֿאַבריק, „עמל“, און די סטאָליעריי „הכּרמל“), די ערשטע אינסטיטוציע פֿאַר געזונט־פֿאַרזיכערונג — די „קופּת־חולים“; קאָאָפּעראַטיווע קיכן אין די קאָלאָניעס און שטעט, און אין מיטן פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז אויך געשאַפֿן געוואָרן דער גרויסער קאָנסום־קאָאָפּעראַטיוו — דער „המשביר“, וועלכער האָט געשפּילט אַזאַ וויכטיקע ראָל אין יענע צייטן, וואָס האָט צוגעשטעלט ברויט פֿון די ווירטשאַפֿטן אין גליל צו די אַרבעטער אין די קאָלאָניעס און שטעט פֿון יהודה. ווער ווייסט וויפֿיל מער אַרבעטער וואָלטן אין יענער וועלט־מלחמה אויסגעשטאָרבן פֿון הונגער, ווען עס וואָלטן ניט עקזיסטירט אין יענער צייט דער „המשביר“ און די קאָאָפּעראַטיווע קיכן. דער „מטבח־הפּועלים“ (די קאָאָפּעראַטיווע קיך) האָט אין יענער צייט געשפּילט אַ סך אַ גרעסערע ראָל ווי אַ פּלאַץ, וואו מען קריגט אַ מאָלצייט. דאָרט איז געווען דער אַרבעטער־צענטער, די איינציקע היים פֿאַר דעם עלנדן, שווער־פֿאַרהאַרעוועטן, איינזאַמען אַרבעטער. דער זעלביקער „המשביר“, מיט דער גרויסער נעץ פֿון קאָנסום־קאָאָפּעראַטיוון האָט געשפּילט אַן אויסערגעוויינטלעכע ראָל אויך אין דער צווייטער וועלט־מלחמה, ביים סטאַביליזירן די פּרייזן און ערלעכן פֿאַרטיילן פֿון דעם לעבנס־מיטל, אַן אַרבעט, וואָס איבעראַל פֿירן עס אויס רעגירונגען.

דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטער (די עטלעכע הונדערט אַרבעטער, וועלכע זיינען געווען אין ארץ־ישראל אין יענער צייט) האָט שוין פֿאַרשטאַנען מיט 30־35 יאָר צוריק, אַז בכדי אויסצובויען אַ פֿאַרצווייגטע ווירטשאַפֿט מוז ער אויך האָבן זיינע פֿינאַנסיעלע אינסטיטוציעס, און צוליב דעם דאָזיקן צוועק איז דענצמאָל געשאַפֿן געוואָרן די „קופּת־פּועלי־ארץ־ישראל“, (דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטער־פֿאָנד). דאָס איז געווען אונדזער ווירטשאַפֿטלעכער רכוש אין די טעג, ווען די הסתּדרות איז געשאַפֿן געוואָרן, און דאָס איז געווען דער אָנפֿאַנג און דער באַזיס פֿאַר די ווייטערדיקע עקאָנאָמישע טעטיקייטן און אויפֿטועך פֿון דער הסתּדרות, וואָס איז היינט־צו־טאָג טעטיק אויף אַלע עקאָנאָמישע געביטן אין לאַנד און אין מאַנכע פֿון זיי שפּילט זי אַ דאָמינירנדיקע ראָל.

ד.

עס איז באמת אוממעגלעך צו פֿאַרגלייכן דעם צושטאַנד און די עקאָנאָמישע אַקטיוויטעטן פֿון דער הסתּדרות היינט צו טאָג מיט די ערשטע טעג, ווען די הסתּדרות איז געשאַפֿן געוואָרן. מיר וועלן, דעריבער, ציינן די גרויסע דערגרייכונגען פֿון דער אַרבעטער־ווירטשאַפֿט אין א״י אין די

לעצטע 10 יאָר. און אויב מיר וועלן געדענקען, אַז 9 יאָר פֿון די 10 יאָר זיינען געווען מלחמה־יאָרן פֿאַר א״י, וועלן מיר פֿאַרשטיין דעם גרויסן אויפֿטו און די גרויסע פֿאַרדינסטן פֿון דער אַרבעטער־ווירטשאַפֿט דורך די שרעקלעך־שווערע יאָרן פֿון אינעווייניקסטע און אויסערלעכע אַטאַקעס אויפֿן אידישן ישוב אין א״י, און די גרויסע ראָל וואָס די ווירטשאַפֿטן האָבן געשפּילט אין אַבסאָרבירן די איבער 120 טויזנט נייע אידן אין לאַנד.

לאַנדווירטשאַפֿטלעכע קאָאָפּעראַטיוון

די לאַנדווירטשאַפֿטלעכע אַרבעטער־קאָאָפּעראַטיוון פֿאַרנעמען זיך זייער ווינציק מיט פּרדסנות (ציטרוס־קולטור). נאָר 10 פּראָצענט בערך פֿון דער פּרדסנות אין א״י געפֿינט זיך אין די אַרבעטער־ישובים. פֿאַרקערט, איז אָבער די לאַגע אין דער אַזוי גערופֿענער געמישטער לאַנדווירטשאַפֿט, די וואָס פּראָדוצירט ווייץ, האָבער, גערשטן, היי, מילך, פּוטער, קעז, האָניק, אייער, גרינצייג און פֿאַרשידענע פּרוכטן, אין וועלכער די הסתדרות־שע קאָאָפּעראַטיווע דערפֿער פֿאַרנעמען דעם בכּבודיקסטן פּלאַץ. כּמעט 80 פּראָצענט פֿון דער גאַנצער פּראָדוקציע פֿון דער געמישטער לאַנדווירטשאַפֿט קומט פֿון די הסתדרותישע קאָאָפּעראַטיווע דערפֿער (קבוצות, קבוצים, מושבי־עובדים און משקי־הפּועלות). די קרוב 170 אַרבעטער־דערפֿער פֿאַרנעמען איצט אַ שטח פֿון נאָענט צו 600 טויזנט דונאַם באָדן (150 טויזנט אַקער) אין פֿאַרגלייך מיט 200 טויזנט דונאַם (50 טויזנט אַקער) מיט צען יאָר צוריק. די באַפֿעלקערונג פֿון די אַלע הסתדרותישע קאָאָפּעראַטיווע דערפֿער האָט געציילט מיט צען יאָר צוריק בערך 15,000 נפֿשות, און היינט ציילט זי קרוב 46,000 נפֿשות. עס ווערט געשאַצט, אַז ביים סוף פֿון 1944 זיינען אין די ווירטשאַפֿטן אינוועסטירט געוואָרן 10 מיליאָן פֿונט (אַן ערך 40 מיליאָן דאָלער) אין פֿאַרגלייך מיט קאַרגע דריי מיליאָן פֿונט מיט צען יאָר צוריק.

די הויפּט־סומען זיינען אינוועסטירט אין:

1.	הייזער	1,600,000 פֿונט
2.	פֿאַרם געביידעס	800,000 "
3.	איריגאַציע, פּאַרקן און וועגן	900,000 "
4.	פּלאַנצונגען	750,000 "
5.	לעבעדיקער אינווענטאַר	615,000 "
6.	מאַשינען	650,000 "

דער לעבעדיקער און טויטער אינווענטאַר באַשטייט פֿון:

פֿי	איבער	16,000	קעפּ
שעפּסן	"	22,000	"
הינער	"	500,000	"
בינשטאָקן		7,000	
טראַקטאָרן, קאָמביינען און אַנד. שווערע מאַשינען		645	

די פראָדוקציע פון די אַלע זידלונגען איז געוואַקסן קאָלאָסאַל, ווי מיר קענען דאָס זען פון דעם פדיון פון דעם צענטראַלן פאַרקויף־קאָאָפּעראַטיוו פון די הסתדרותישע קאָאָפּעראַטיווע דערפער, די „תנובה".

אין 1936 האָט דער גאַנצער פדיון פון תנובה באַטראָפן ביי 300,000 פונט (אין יענער צייט ביי אַנדערטהאַלבן מיליאָן דאָלער). אין 1944 האָט דער פדיון באַטראָפן ביי אַנדערטהאַלבן מיליאָן פונט (אַן ערך 6 מיליאָן דאָלער). פאַרשטייט זיך, אַז די געהעכערטע פרייזן האָבן אויך גורם געווען צו דעם גרויסן אונטערשייד אין דער סומע פון פדיון. אָבער, אויסער דעם, איז טאַקע די פראָדוקציע אַליין אויך געוואַקסן קאָלאָסאַל אין אַלע צווייגן; דערצו זיינען אויך צוגעקומען נייע צווייגן, וועלכע זיינען אינגאַנצן ניט פראָדוצירט געוואָרן, אָדער גאָר ווינציק פראָדוצירט געוואָרן מיט צען יאָר צוריק, ווי פיש־פאַנג, פרוכטן און פאַרשידענע גרינסן.

אינדוסטריעלע קאָאָפּעראַטיוון און אונטערנעמונגען פון דער הסתדרות

ביז מיט עטלעכע יאָר צוריק איז דער אָנטייל פון דער הסתדרות אין די אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען פון לאַנד ניט געווען קיין באַדייטנדער. צוליב פאַרשידענע סיבות, האָט די הסתדרות געהאַלטן פאַר ניט פאַסיק אויפצובויען אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען אַלס הסתדרות־אינסטיטוציעס. דער פּראָגראַם איז געווען צו העלפן עטאַבלירן אינדוסטריעלע קאָאָפּעראַטיוון אין פיאַנערישע צווייגן, אויפן זעלבן גרונדפּרינציפּ באַזיס, ווי עס זיינען געבויט געוואָרן די לאַנדווירטשאַפטלעכע דערפער. דעריבער האָבן מיר ביז מיט צען יאָר צוריק געהאַט נאָר עטלעכע צענדליק אינדוסטריעלע קאָאָפּעראַטיוון, וועלכע האָבן באַשעפטיקט אַרום טויזנט חברים, און אַזוי ווי קיין גרויסע קאַפּיטאַלן זיינען ניט געשטאַנען אין רשות פון אָט דער אַרבעט, זיינען כמעט ניט געווען קיין קאָאָפּעראַטיוון אין די מיטעלע און שווערע אינדוסטריען. זיי האָבן זיך על־פּי־רוב קאָנצענטרירט אין די באַדינונגס־צווייגן, ווי קאָאָפּעראַטיווע קיכן, וועשערייען, דרוקערייען, אאַ"וו.

אָבער גאַנץ אַנדערש איז די לאַגע היינט־צו־טאָג. מיט דעם שנעלן וואוקס פון אונזערע קאָלעקטיווע דערפער, האָבן זיי אויך געשאַפן גרויסע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, צווישן זיי אייניקע גרויסע פאַבריקן אין אשדות־יעקב, גבעת־ברענער, און אַנדערע. די קאָנסום־קאָאָפּעראַטיוון מיט זייער צענטראַלן איינקויפס־אַנשטאַלט — דער „המשביר המרכזי", האָבן אויפגעבויט אויך זייערע אייגענע אינדוסטריען, ווי מילן פאַר מעל, פאַר וואָל, פאַר רייניקן תבואה, פאַר פראָדוצירן פאַרשידענע זוימען, אַ שוך־פאַבריק, אַ גומע־פאַבריק אאַ"וו. לעצטנס האָט דער „המשביר" אָפּגעקויפט און איבערגעבויט די גרויסע אויל־ און זייף־פאַבריק, וועלכע האָט אויך

אַן אָפּטיילונג פאַר פּראָדוצירן מאַרגאַרין, די באַוואוסטע „שמן"־פאַבריק, וואָס האָט ביז לעצטנס געהערט צו אַן ענגלישער פירמע. אויך דער קאָ־לאָסאַלער וואוקס פון אונזער בוי־קאָנטראַקטאָר — דער „סולל־בונה", האָט געבראַכט דערצו, אַז די אינסטיטוציע איז דורך איר ספּעציעלער טאָכטער־געזעלשאַפט „כור", היינט־צו־טאָג דער גרעסטער אייגנטימער פון אינדוס־טריע־אונטערנעמונגען אין ארץ־ישראל. צו „סולל־בונה" באַלאַנגען היינט די באַוואוסטע גלאָז־פאַבריק, „פניציה", די גרעסטע אייזן־גיסעריי אין גאַנצן נאָענטן מזרח „וואולקאַן", גרויסע שטיין, ליים־ און זאַמד־מחצבות פון „אבן סיד", אַ סיליקאַט ציגל־פאַבריק „חבק", די גרויסע צעמענט־פאַבריק „נשר", און פיל אַנדערע קלענערע פאַבריקן און וואַרשטאַטן פאַר האָלץ, אייזן און אַנדערע אַרבעטן, וועלכע זיינען פאַרבונדן מיט דער בוי־אינדוסטריע.

איצט עקזיסטירן אין ארץ־ישראל די פאָלגנדע הסתדרותישע אינ־דוסטריעלע קאָאָפּעראַטיוון און אונטערנעמונגען:

ביי 50 אינדוסטריעלע קאָאָפּעראַטיוון, וועלכע באַשעפטיקן נאָענט צו 1500 אַרבעטער.

ביי 120 אינדוסטריעלע פאַבריקן און וואַרשטאַטן, וועלכע באַלאַנגען צו אַגריקולטורעלע קאָלעקטיווע זידלונגען, וועלכע באַשעפטיקן נאָענט צו 1200 אַרבעטער.

ביי 35 פאַבריקן, וועלכע באַלאַנגען צו די הסתדרות־אינסטיטוציעס (ווי „המשביר־המרכזי", סולל־בונה" און „נוע"), וועלכע באַשעפטיקן אי־בער 2000 אַרבעטער.

צוזאַמען — 205 פאַבריקן און וואַרשטאַטן, וועלכע באַשעפטיקן איבער 4700 אַרבעטער, וואָס בילדן מיט זייערע פאַמיליעס איבער 15,000 נפשות.

טראַנספּאָרט־קאָאָפּעראַטיוון

עס איז מערקווירדיק צו באַצייכענען, אַז דווקא דער צוויג פון עקאָנאָ־מישע טעטיקייטן, וועלכער געפינט זיך אין גאַר דער וועלט אין די הענט פון גרויסן קאַפּיטאַל, אָדער פון מוניציפּאַליטעטן און רעגירונגען, געפינט זיך אין ארץ־ישראל אין די הענט פון די הסתדרותישע קאָאָפּעראַטיוון.

כמעט 100 פּראָצענט פון פּאַסאַזשירן־פאַרקער און 80 פּראָצענט פון משא־פאַרקער ליגט אין די הענט פון די הסתדרותישע טראַנספּאָרט־קאָאָ־פּעראַטיוון, וואָס האָבן זיך זייער אַנטוויקלט פאַר די לעצטע צען יאָר. עס עקזיסטירן איצט אין ארץ־ישראל 9 קאָאָפּעראַטיוון אויף צו פירן פּאַסאַ־זשירן און 15 קאָאָפּעראַטיוון אויף צו פירן משאות. צוזאַמען באַשעפטיקן זיי איבער 3,000 חברים און אַרבעטער. אין די אונטערנעמונגען איז איינ־געוועסטירט געוואָרן איבער אַ מיליאָן פונט.

די טראַנספּאָרט־קאָאָפּעראַטיוון האָבן זיך אויסגעצייכנט אין דער צייט פֿון די בלוטיקע געשעענישן אין לאַנד און אין די שווערע מלחמה־יאָרן. אַדאַנק זייער ענערגיע, אָפּפּערווילּיקייט און אויסגעצייכנטער ווירטשאַפֿט, האָט זיך דער צופֿיר פֿון פּראָדוקטן און סחורות אין די שטעט און דער פֿאַרקער צווישן די שטעט און דערפֿער קיינמאָל ניט אָפּגעשטעלט. אין די מלחמה־יאָרן האָבן זיי געשפּילט אַן ערשט־קלאַסיקע ראָל אין דער מלחמה־אָנשטרענגונג פֿון ישוב. זייער אָפּט האָבן די אַלע קאָאָפּעראַטיוון מאָביליזירט זייערע מאַשינען און חברים און זיי געשטעלט אין רשות פֿון דער מלחמה־פֿירונג. זיי האָבן די גרעסטע און בעסט־אויסגעשטאַטעטע גאַראַזשן און וואַרשטאַטן און זיי פּראָדוצירן מאָטאָר־טיילן, קעסטלעך פֿאַר אויטאָבוסן און משא־מאַשינען.

קאָנסום־קאָאָפּעראַטיוון

איבער הונדערט קאָנסום־קאָאָפּעראַטיוון אין אַלע שטעט און דערפֿער פֿון א״י עקזיסטירן היינט־צו־טאָג. צוריק מיט צען יאָר האָבן נאָר עקזיס־טירט ביי 18 אַזוינע קאָאָפּעראַטיוון. זייער אַקציען־קאַפּיטאַל דערגרייכט אַ סומע פֿון נאָענט צו אַ מיליאָן דאָלער. אין יאָר 1944 האָבן זיי צוגע־שטעלט סחורות צו זייערע מיטגלידער פֿאַר דער סומע פֿון העכער 11 מיליאָן דאָלער. זיי באַשעפֿטיקן היינט־צו־טאָג איבער 600 אָנגעשטעלטע. די קאָאָפּעראַטיוון האָבן געשפּילט אַ קאָלאָסאַלע ראָל ביים קאָנטראָלירן די פּרייזן און ביים רעגולירן די פֿאַרטיילונג פֿון די פּראָדוקטן צו די קונים אין די יאָרן פֿון קריג.

קרעדיט־קאָאָפּעראַטיוון

עס עקזיסטירן איצט אין ארץ־ישראל 24 קאָאָפּעראַטיווע לייַ־ און שפּאָר־קאַסעס פֿון דער הסתדרות, וועלכע ציילן ביי 28,000 מיטגלידער. זיי האָבן אַן אָפּגעצאָלטן אַקציען־קאַפּיטאַל און רעזערוון, וועלכע באַטרעפֿן ביי דריי־פֿערטל מיליאָן דאָלער און צען מיליאָן דאָלער דעפּאָזיטן און אָפּ־שפּאָרונגען. די קאָאָפּעראַטיוון שפּילן אַ גרויסע ראָל אין די קאָנסטרוק־טיווע אונטערנעמונגען פֿון דעם איינצעלנעם אַרבעטער, ביים בויען וואוי־נונגען, פֿלאַנצן גערטנער, קויפֿן געצייג, אאַ״וו.

בכדי צו פֿאַרשטיין דעם גרויסן אויפֿטו פֿון דעם סאָרט קאָאָפּעראַ־טיוון, דאַרף מען געדענקען, אַז אַן איינצעלנער אַרבעטער וואָלט קיינמאָל ניט געקענט קריגן קרעדיטן פֿון אַ רעגולערער קאָמערציעלער באַנק און וואָלט זיך געמוזט ווענדן צו פּריוואַטע געלט־באַרגער. מען קען זיך פֿאַר־שטעלן וויפֿיל פּראָצענט ער וואָלט דערפֿאַר געדאַרפֿט צאָלן. די שטענדיקע פּראָפּאַגאַנדע און די קאָנסטרוקטיווע אויפֿטוען פֿון די קרעדיט־קאָאָפּעראַ־

טיוון פֿאַרשטאַרקן אויך ביים אַרבעטער דעם חשק צו שפּאָרן און אָנזאַמלען זיך באַשיידענע סומען אויף אַ קריטישער צייט.

די בוי־אונטערנעמונגען און קאָאָפּעראַטיוון: „סולל בונה"

די גרויסע הסתדרות בוי־געזעלשאַפֿט „סולל בונה" באַשעפֿטיקט טויזנטער אַרבעטער ביים בויען הייזער, שאָסייען, לופֿט־פֿעלדער, פּאָרטן און אַנדערע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, וועלכע זיינען על־פּי־רוב פֿאַרבונדן מיט פֿאַרשידענע בוי־אַרבעטן.

אַדאַנק די הסתדרות־אַקטיוויטעטן אויף דעם געביט, האָבן מיר איצט קאַדרען פֿון טויזנטער אויסגעבילדעטע ערשט־קלאַסיקע אַרבעטער, וועלכע באַדינען ניט נאָר ארץ־ישראל, נאָר אויך די אַרומיקע לענדער. אין די מלחמה־יאָרן, און אויך איצט, האָט „סולל בונה" אָפּגעשלאָסן און אויסגעפֿירט גרויסע קאָנטראַקטן פֿאַר בוי־אַרבעט אין ארץ־ישראל, מצרים, ציפּערן, טערקיי, סיריע, לבנון, איראַק, און דערגרייכט אַזוי ווייט ווי אַבאַדאַן, אין פּערסיע (איראַן). דער גרעסטער טייל פֿון די מיליטערישע פֿאָרטיפֿיקאַציעס, שאָסייען, וואַסער־איינריכטונגען, לופֿט־פֿלעצער, אאַ״וו., איז געבויט געוואָרן דורך „סולל בונה" און זיינע אַפֿיליאירטע אָרגאַניזאַציעס. במשך פֿון די מלחמה־יאָרן האָט „סולל בונה" אָרגאַניזירט אַ ספּעציעלע מיליטערישע איינהייט פֿון 400 מיטגלידער, וואָס טראָגט דעם נאָמען „סולל בונה", וואָס האָט דורכגעפֿירט פֿיל מיליטעריש־וויכטיקע בוי־אַרבעטן.

„שכון", אָרגאַניזאַציע צו בויען קאָאָפּעראַטיווע הייזער

אויסערגעוויינלעך־גרויסע אויפֿגאַבן שטייען פֿאַר דער אינסטיטוציע נאָך דער מלחמה. עס שפּירט זיך אין ארץ־ישראל (ווי אין אַנדערע לענדער) אַ שרעקלעכער מאַנגל אין וואוינונגען, און די גאַנצע לאַסט פֿון לייזן דאָס הייזער־פּראָבלעם, וואָס וועט אין דער זעלבער צייט אויך לייזן אין אַ גרויסער מאָס דאָס פּראָבלעם פֿון געפֿינען אַרבעט פֿאַר די באַפֿרייטע סאָלדאַטן און פֿאַר די וועלכע האָבן געאַרבעט אין די מלחמה־אינדוסטריען, פֿאַלט אויף די פּלייצעס פֿון „שכון".

במשך פֿון די מלחמה־יאָרן האָט „שכון" דורכגעפֿירט רעגיסטראַציעס פֿון די אַלע, וועלכע ווילן בויען קאָאָפּעראַטיווע דירות און וואוינונגען אין די קאָאָפּעראַטיווע קוואַרטאַלן פֿון דער הסתדרות. טויזנטער פֿאַמיליעס האָבן זיך פֿאַרשריבן און יעדע פֿאַמיליע האָט איינגעצאָלט אַלס אַוואַנס אויפֿן חשבון 60 פֿונט. דאָס געלט איז געלעגן געוואָרן צום קרן־קימת, וועלכער האָט צוגעגרייט לאַנד־רעזערוון פֿאַר בערך 15,000 פֿאַמיליעס.

ביים היינטיקן טאָג וואוינען אין די קאָאָפּעראַטיווע וואוינונגען פֿון „שכון״ איבער 15,000 נפֿשות. אין די קאָאָפּעראַטיווע הייזער איז אינוועסטירט געוואָרן איבער אַנדערטהאַלבן מיליאָן פֿונט. איצט האָט „שכון״ אָנגעהויבן בויען נייע 1650 הייזער, פֿון וועלכע טויזנט זיינען פֿאַר נייע עמיגראַנטן און 650 פֿאַר אַלטע איינוואוינער פֿון לאַנד. דאָס בויען הייזער אין א״י איז היינט צוטאָג זייער קאָמפּליצירט צוליב דעם מאַנגל פֿון בוי־מאַטעריאַלן און דעם אַלגעמיינעם יקרות, וועלכער הערשט אין לאַנד, און נאָר אַדאַנק דער קאָאָפּעראַציע פֿון דער הסתדרות קען די געזעלשאַפֿט בויען די נייע וואוינונגען אין דער נויטיקער צייט.

„תנובה״ — לאַנדווירטשאַפֿטלעכע פֿאַרקויפֿס־צענטראַלע פֿון הסתדרות

די אינסטיטוציע באַשטייט פֿון דריי לאָקאַלע אָרגאַניזאַציעס אין חיפֿה, תל־אביב און ירושלים, און איין צענטראַלע. זי באַאַרבעט און פֿאַרקויפֿט די פּראָדוקציע פֿון אַלע לאַנדווירטשאַפֿטלעכע אַרבעטער־ישובים. די פּאָפּולאַריטעט פֿון דער אינסטיטוציע איז זייער גרויס צווישן אַלע קרייזן פֿון ישוב. אויב אימיצער וויל זיין זיכער אין די פּראָדוקטן וואָס ער קויפֿט, און האָבן די בעסטע מילך, פּוטער, אייער, קעז, גרינצייג, פֿרוכטן און פֿיש, קויפֿט ער זיי נאָר פֿון „תנובה״ מיט דעם שטעמפּל פֿון „תנובה״, וועלכער ברענגט אויך דעם דאַטום, ווען די פּראָדוקציע איז געמאַכט געוואָרן. די פֿאָלגנדע טאַבעלע גיט אַ גענויע פֿאַרשטעלונג וועגן דער אַנטוויקלונג פֿון „תנובה״:

די אַנטוויקלונג פֿון „תנובה״

יאָר	אייגענער קאַפּיטאַל	פדיון
צום סוף 1937	62,539 פֿונט	549,253 פֿונט
„ „ 1939	85,057 „	585,500 „
„ „ 1941	127,923 „	1,050,028 „
„ „ 1944	340,668 „	4,027,200 „

„תנובה״ האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין באַקעמפֿן דעם שוואַרצן מאַרק אויף לעבנסמיטל און האָט זיך אויסגעצייכנט ביים ערלעכן פֿאַרטיילן די פּראָדוקטן. קודם־כּל, פֿלעגן אין די מלחמה־יאָרן קריגן פּראָדוקטן די שפּיטעלער, דאַן די שולן פֿאַר די קינדער און ערשט שפּעטער די דערוואַקסענע.

„תנובה־אקספּורט״

די טאָכטער־אָרגאַניזאַציע פֿון „תנובה״ — די „תנובה־אקספּורט״ האָט זיך פֿאַרנומען פֿאַר דער מלחמה הויפּטזעכלעך מיט עקספּאָרטירן ציטרוס־

פּרוכט פֿון די אַרבעטער־דערפֿער. זי האָט אויך עקספּאָרטירט האָניק, קאָנסערווירטע אוגערקעס און אַנדערע פּראָדוקטן. דורך די מלחמה־יאָרן האָט זיך די געזעלשאַפֿט הויפּטזעכלעך פֿאַרנומען מיט פֿאַרקויפֿן די זעלבע פּראָדוקטן צו די שכנותדיקע לענדער און צו די אַרמייען. אין 1944 האָט די געזעלשאַפֿט עקספּאָרטירט קיין ענגלאַנד 130,000 קעסטלעך ציטרוס־פּרוכט. חוץ דעם, האָט זי פֿאַרקויפֿט ציטרוס ביי־פּראָדוקטן, ווי איינגעמאַכצן און קאָנצענטרירטע זאַפֿטן צו די אַרמייען אין די שכנותדיקע לענדער.

„יכין"

די באַקאַנטע אַגריקולטורעלע אונטערנעמונגס־געזעלשאַפֿט, וואָס איז צוליב דער מלחמה געצווונגען צו פֿאַרקלענערן דעם שטח פֿון די פּרדסים, וואָס זי האָט באַאַרבעט פֿאַר פּריוואַטע מענטשן, וועלכע האָבן זיך נאָך מערסטנס געפֿונען אין אויסלאַנד, האָט פֿאַרגרעסערט איר טעטיקייט אויף דעם געביט און אויך אַנטוויקלט נייע צווייגן. אין יאָר 1944 האָט „יכין" באַאַרבעט ביי 1500 דונאַם פּרדסים און אויך פֿאַרקויפֿט אין אויסלאַנד ביי 150,000 קעסטלעך ציטרוס־פּרוכט פֿון די פּרדסים. די צווייַ קאָנסערוון־פֿאַבריקן פֿון „יכין" האָבן זיך שיין אַנטוויקלט דורכן לעצטן יאָר. די קאָנסערווירטע פּרוכטן, זאַפֿטן און אוילן פֿון די „יכין" פֿאַבריקן זיינען פֿאַרקויפֿט געוואָרן אויף מיליטערישע און ציווילע מערק. סך־הכל האָט אין 1944 באַטראָפֿן די אַרבעט, וואָס איז געמאַכט געוואָרן דורך „יכין" און אירע טעכטער־געזעלשאַפֿטן, די סומע פֿון 355,000 פֿונט. „יכין" האָט לעצטנס געמאַכט גרויסע צוגרייטונגען פֿאַר אויפֿלעבן די אַרבעט אין דעם ציטרוס־צווייג, גלייך נאָך דער מלחמה. פֿאַר דעם צוועק איז געשאַפֿן געוואָרן אַ ספּעציעלע געזעלשאַפֿט מיט אַ קאַפּיטאַל פֿון 100 טויזנט פֿונט, אין שותּפֿות מיט דער אידישער אַגענטור. ס'איז אויך אויפֿגעשטעלט געוואָרן די געזעלשאַפֿט „חקל" (חברה קבלנית לחקלאות), וועלכע וועט האָבן אירע אָפֿיסעס אין אַלע קאָלאָניעס און פּונקטן, וואו די פּרדסים געפֿינען זיך.

„המשביר המרכזי"

„המשביר המרכזי" איז דער צענטראַלער איינקויפֿס־אַנשטאַלט פֿאַר אַלע אַרבעטער־דערפֿער און פֿאַר די קאָנסום־פֿאַראיינען איבערן לאַנד. נאָר אַדאַנק דער צענטראַליזאַציע פֿון דעם איינקויף דורכן „המשביר", האָבן מיר דערגרייכט דעם מאַקסימום פֿון גוטע איינקויפֿס־באַדינגונגען אין דער קוואַליטעט פֿון די סחורות און די פּרייזן. דאָס האָט אונז אויך דערמעגלעכט אַן ערלעכע פֿאַרטיילונג פֿון די פּראָדוקטן צווישן די שטאָטישע און דאָרפֿישע קאָנסום־קאָאָפּעראַטיוון. די אינסטיטוציע איז איינע פֿון די עלטסטע קאָאָפּעראַטיווע אינסטיטוציעס פֿון דער ארץ־ישׂראלדיקער אַר־

בעטערשאַפֿט. זי איז געשאַפֿן געוואָרן נאָך אין יאָר 1916, פֿיר יאָר פֿאַר דער גרינדונג פֿון דער הסתדרות, און האָט אין דער צייט פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה שוין געשפּילט אַ באַזונדערס וויכטיקע ראָל ביים צושטעלן די אַגריקולטורעלע פּראָדוקטן פֿון די דערפֿער אין גליל צו דעם ישוב אין די שטעט און קאָלאָניעס פֿון יהודה. די אַנטוויקלונג פֿון דער אינסטיטוציע ווערט בולט ווען מיר קוקן זיך צו צו דער פֿאָלגנדער טאַבעלע:

די אַנטוויקלונג פֿון „המשביר המרכזי"

יאָר	קאַפּיטאַל אין פֿונטן	פדיון אין פֿונטן
1933	12,553	122,815
1937	55,000	410,000
1940	125,000	600,000
1942	225,000	1,300,000
1944	360,000	2,800,00

די פֿאָלגנדע סחורות זיינען פֿאַרקויפֿט געוואָרן דורכן „המשביר"־המרכזי" אין יאָר 1944:

עסנוואַרג און שפּייז פֿאַר בהמות און עופֿות	1,950,000	פֿונט
כעמישע מיסט	140,000	"
זריעות	170,000	"
מאַשינען	125,000	"
בוי־מאַטעריאַלן	120,000	"
טעקסטיל־סחורות	225,000	"
ברען־שטאָף (ווי גאַזאָלין, קעראָסין אאַז"וו)	70,000	"

ווי עס איז שוין פֿריער דערמאָנט געוואָרן, האָט „המשביר־המרכזי" אַנטוויקלט נייע אינדוסטריעלע צווייגן און עטלעכע פֿיינע פֿאַבריקן און האָט לעצטנס אָפּגעקויפֿט די גרויסע אויל־ און זייף־פֿאַבריק „שמן" אין חיפֿה, וואָס האָט פֿריער באַלאַנגט צו אַן ענגלישער פֿירמע.

„מקורות"

די וואַסער געזעלשאַפֿט „מקורות", באַלאַנגט צו „ניר", קרן־קימת און קרן־היסוד. די געזעלשאַפֿט האָט אויסגעברייטערט אירע טעטיקייטן אין אַ גאַר גרויסער מאָס. איר אויפֿגאַבע איז צוצושטעלן וואַסער צו פֿיל אַגרי־קולטורעלע זידלונגען און אויך צו שטעט. די פֿאָלגנדיקע טאַבעלע באַ־ווייזט וויפֿיל קוביק מעטער וואַסער די געזעלשאַפֿט שטעלט צו צו אירע מיטגלידער און קויפֿער:

די אַנטוויקלונג פֿון „מקורות״

יאָר	קוביק־מעטער וואַסער
1939	1,028,000
1940	2,826,000
1941	4,657,000
1942	6,236,000
1943	7,625,000
1944	8,453,000

אויב מען זאָל אויסלייגן אין איין לאַנגער רייע די רערן־נעץ פֿון דער געזעלשאַפֿט, וועלן זיי זיך ציען אויף גאַנצע 44 קילאָמעטער, און דאָס אַלץ איז דערגרייכט געוואָרן אין שרעקלעכע מלחמה־יאָרן, ווען עס האָבן אונז געפֿעלט די סאַמע נויטיקע מאַטעריאַלן ווי אייזערנע רערן און מאַשינען אויף צו גראָבן טיפֿע ברונימער. פֿאַר דער געזעלשאַפֿט שטייען קאָלאָסאַלע אויפֿגאַבן ווייל אונזער גאַנצע צוקונפֿט אין ארץ־ישראל הענגט אָפּ הויפּט־זעכלעך פֿון דער מאָס וואַסער, וואָס מיר וועלן געפֿינען און וויפֿיל מיליאָנען דונאַם לאַנד מיר וועלן קענען באַוואַסערן.

די אינזשינערן פֿון דער געזעלשאַפֿט אין שפּיץ פֿון וועלכער עס שטייט דער גרויסער עקספּערט שלמה בלאַס (אַן אייניקל פֿון ווילנער גאון), האָבן אויסגעאַרבעט גענויע פּלענער ווי אַזוי צו באַוואַסערן מיליאָנען דונאַם נייעם באָדן. די רערן־נעץ, וואָס איז שוין געלייגט געוואָרן דורך „מקורות״ איז, לויט די פּלענער, נאָר אַ טייל פֿון דער גרויסער באַוואַסערונגס־סיס־טעם, וואָס וועט אויך געבויט ווערן טיילנוויז. בכדי די געזעלשאַפֿט זאָל קענען רעאַליזירן אירע גרויסע פּלענער, וועט זי זיך נויטיקן אין גרויסע קאַפּיטאַלן און עס וועט מעגלעך דאַרפֿן געשאַפֿן ווערן אַ נייער נאַציאָנאַלער פֿאָנד מיטן נאָמען „קרן־המים״, ווייל עס איז איצט קלאָר, אַז אַזוי ווי דאָס פֿאָלק מוז זיין דער אייגנטימער פֿון דעם לאַנד, אַזוי מוז אויך דאָס וואַסער זיך געפֿינען אין די הענט פֿון אַ נאַציאָנאַלער אינסטיטוציע. דערווייל האָט „מקורות״ עטוואָס פֿאַרגרעסערט איר גרונט־קאַפּיטאַל דורך אַרויסלאָזן פֿאַר 150,000 פֿונט נייע פּרעפֿערענץ־שערס, וועלכע זיינען אַן שוועריקייטן פֿאַר־קויפֿט געוואָרן אויפֿן תּל־אביבער מאַרק. דער קאַפּיטאַל פֿון דער געזעל־שאַפֿט באַטרעפֿט היינט־צו־טאָג 338,000 פֿונט.

„נחשון״

די הסתדרות־ים־געזעלשאַפֿט, „נחשון״ האָט לעצטן יאָר גענומען די איניציאַטיוו צו אָרגאַניזירן אַ גרויסע נאַציאָנאַלע ים־געזעלשאַפֿט מיט אַ קאַפּיטאַל פֿון פֿיר מיליאָן דאָלער. די ים־אָפּטיילונג פֿון דער אידישער אגענ־

טור צוזאַמען מיט „נחשון" האָבן געשאַפן די געזעלשאַפט „צים". פאַרהאַנדלונגען גייען נאָך אָן מיט אַנדערע קערפּערשאַפטן. דערווייל האָט די געזעלשאַפט אַליין זיך אַנטוויקלט פיין אין אירע שיפערייַ און פישערייַ־אַקטיוויטעטן. פאַר די לעצטע דריי יאָר צאָלט „נחשון" צו אירע אַקציאָנערן אַ דיווידענד פון 3%.

„נוע" און קופת הקואופרטיבים

דאָס זיינען די צוויי בשותפותדיקע אַנשטאַלטן פון די טראַנספּאָרט־און אינדוסטריע־קאָאָפּעראַטיוון. „נוע" איז די איינקויפערין פון די באַסעס, טראַקס, אויטאָמאָביל־טיילן, געזאָלין, טייערס, אאַ״וו. פאַר די טראַנספּאָרטאַציע־קאָאָפּעראַטיוון. די „קופת־הקואופרטיבים", ווידער, איז דער פינאַנס־אינסטרומענט פאַר קעגנזייטיקער הילף פאַר אַלע קאָאָפּעראַטיוון, וועלכע זיינען פאַרבונדן מיט דער הסתדרותישער צענטראַלער קאָאָפּעראַטיווער אָרגאַניזאַציע „מרכז הקואופרציה".

נאָך אַדאַנק „נוע" האָבן די קאָאָפּעראַטיוון געקראָגן דאָס ביסל מאַשין־טיילן וואָס זיי האָבן געקראָגן דורך די מלחמה־יאָרן, ווען עס איז זיי אַזוי שווער געווען צו באַקומען. דיביידע אינסטיטוציעס שטייען פאַר זייער גרויסע אויפגאַבן ביים באַנייען און אויסבעסערן דעם אויסגענוצטן און פאַרעלטערטן אינווענטאַר פון די טראַנספּאָרט־קאָאָפּעראַטיוון און פון די קאָאָפּעראַטיווע פאַבריקן.

די פאַרזיכערונג־געזעלשאַפט — „הסנה"

„הסנה" איז היינט־צו־טאָג איינע פון די גרעסטע פאַרזיכערונגס־געזעלשאַפטן אין א״י. אין דעם צווייג פון לעבנס־פאַרזיכערונג איז זי די גרעסטע אין א״י. זי האָט אַרויסגעגעבן איבער 12,000 פּאָליסיס, וועלכע טרעפן אָן אַ סומע פון נאָענט צו צוויי און אַ האַלב מיליאָן פונט. אין די אַנדערע פאַרזיכערונגס־צווייגן איז זי אויך זייער געוואַקסן. די איינקונפט פאַר פּרעמיעס פאַר אַלגעמיינער פאַרזיכערונג האָט באַטראָפן אין יאָר 1944 די סומע פון 155 טויזנט פונט. דער אַלגעמיינער איינקונפט אויפן חשבון פון פּרעמיעס פון אַלע צווייגן פון פאַרזיכערונג האָט באַטראָפן די סומע פון 275 טויזנט פונט, מיט 20% מער ווי אין יאָר 1943. די פאַרזימערונגס־פאָנדן פון דער געזעלשאַפט צוזאַמען מיט איר גרונט־קאַפּיטאַל האָבן באַטראָפן 390 טויזנט פונט צום סוף פון יאָר 1944.

זאָל דאָ דערמאָנט ווערן דער אידיש נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד, וועלכער האָט געהאָלפן שאַפן די דאָזיקע וויכטיקע אינסטיטוציע אין 1924.

„ניר"

„ניר" — די לאַנדווירטשאַפטלעכע פינאַנס־געזעלשאַפט פון דער הסתדרות איז קאָלאָסאַל געוואַקסן אין די לעצטע 10 יאָר. די הסתדרות אינוועסטירט אין דער געזעלשאַפט יערלעך 40% פון די געלטער וואָס זי קריגט פון געווערקשאַפטן קאַמפּיין. די געזעלשאַפט גיט לאַנג־טערמיניקע הלוואות צו די אַגריקולטורעלע ווירטשאַפטן, באַזונדערס צו די ניי־געי־גרינדעטע. די געזעלשאַפט איז די גרינדערין פון דער באַוואַסערונג־געזעל־שאַפט „מקורות" (צוזאַמען מיטן קרן־קימת און קרן־היסוד). זי האָט אויך ספּעציעלע פאָנדן פאַר בויען הייזער פאַר אַרבעטער אין די קאָלאָניעס און זידלונגען. דער פאָנד אויף בויען הייזער אין די קאָלאָניעס רופט זיך „קרן ביילינסאָן" אויפן נאָמען פון פאַרשטאָרבענעם מיט־רעדאַקטאָר פון „דבר", משה ביילינסאָן. „ניר" איז אויך געווען די איניציאַטאָרין פון שאַפן די געזעלשאַפטן „נוה עובד" און „טפחים", אויך פאַר בויען הייזער אין די קאָלאָניעס.

דער אָפּגעצאָלטער קאַפּיטאַל פון „ניר" באַטרעפט היינט־צו־טאָג איי־בער 800,000 פונט (ביי $3,200,000). לעצטן פרילינג האָט „ניר" אַרויס־געלאָזט פּרעפערענץ־שערס פאַר אַ פערטל מיליאָן פונט, וועלכע זיינען פאַרקויפט געוואָרן אין משך פון עטלעכע שעה. „ניר" האָט אויך אָבלי־גאַציעס פאַר צוויי הונדערט טויזנט פונט. אַרום און אַרום אַרבעט איצט „ניר" מיט אַ קאַפּיטאַל פון איבער אַ מיליאָן פונט. אין יאָר 1944 האָט „ניר" אַרויסגעגעבן נייע הלוואות אין הויך פון 300,000 פונט ($1,200,000 בערך). די געזעלשאַפט מאַכט איצט אָנשטרענגונגען צו שאַפן מיט אַנ־דערע בענק און פינאַנס־געזעלשאַפטן אַ קאָנסאָרציום, בכדי איבערצופי־נאַנסירן די 100 נייע אַרבעטער־זידלונגען, וועלכע זיינען געשאַפן געוואָרן דורך די לעצטע 10 יאָר, וועלכע ליידן שטאַרק פון דעם, וואָס זייער פינאַנ־סירונג ביז איצט איז אויף קורץ־טערמיניקע הלוואות.

בנק הפועלים

די אַרבעטער־באַנק אין ארץ־ישראל, וועלכע איז קוים מיט עלף מאָ־נאַטן איינגער פון דער הסתדרות, איז די עלטסטע און פאַרדינסטפולסטע פינאַנסיעלע אינסטיטוציע פון דער הסתדרות. מיר דאַכט זיך, אַז קיין אויפ־טו פון דער הסתדרות שפיגלט אַזוי ניט אָפּ די אומפאַסנדע, ברייטע און פילזייטיקע אַקטיוויטעטן פון דער הסתדרות, ווי די אַקטיוויטעטן פון דער אַרבעטער באַנק. זי האָט פינאַנסירט די אַלע זידלונגען, קאָאָפּעראַטיוון און די ווירטשאַפטלעכע און פינאַנסיעלע אינסטיטוציעס פון דער הסתדרות, ווי בכלל פון ישוב, ווי אויך אלע אָרגאַניזאַציע־אינסטרומענטן פון דער הסתדרות, און אירע סאָציאַלע אינסטיטוציעס. די באַנק פינאַנסירט

אויף די נאַציאָנאַלע קערפּערשאַפֿטן פֿון ציוניזם און פֿון ישוב. בקיצור, די באַנק איז דער ארי שבחבורה אין לעבן פֿון ישוב און פֿון דער הסתדרות.

די באַנק איז געווען דער איניציאַטאָר, אָרויסהעלפער און באַשאַפֿער פֿון דעם גרעסטן טייל פֿון די אינסטיטוציעס און קאָאָפּעראַציון, וואָס מיר האָבן דערמאָנט אין דעם אַרטיקל און אויך פֿון די וויכטיקע אָרגאַניזאַציאָנעלע און סאָציאַלע אינסטיטוציעס, וועלכע ווערן דערמאָנט אין אַנדערע פּלעצער אין דעם זאַמלבוך.

היינט צו טאָג איז די באַנק די אָנערקענטע, באַליבטע און אָנגעטרויטע פֿינאַנציעלע אינסטיטוציע אין ישוב. ווען מיר האָבן געהאַט, דורך די מלחמה־יאָרן, עטלעכע „ראָנס" אויף די א"י באַנקען, האָט די אַרבעטער־באַנק פֿון דעם קיינמאָל ניט געליטן. פֿאַרקערט, אין יענע טעג זיינען גאָר די דעפּאָזיטן אין באנק געוואָקסן.

אַזוי איז די לאַגע היינט, אָבער מיט 24 יאָר צוריק, ווען די באַנק איז געשאַפֿן געוואָרן, האָבן פֿיל פֿון די מיושבדיקסטע אידן אין ציוניזם און אין א"י געקוקט אויף אונז ווי אויף משוגעים. מען האָט באמת געדאַרפֿט האָבן אַ גרויסע וויזיע, און ווי אונזערע פֿריינט האָבן דענסטמאָל געזאָגט, אַ גרויסע „חוצפה", צו שאַפֿן אַן אייגענע באַנק פֿאַר דער קליינער צאָל אַרבעטער, וועלכע האָבן כמעט ניט געהאַט קיין אייגענע ווירטשאַפֿטן, קאָאָפּעראַטיוון אָדער אינסטיטוציעס, און וועלכע זיינען דאַן אפילו אַליין ניט געווען פֿיל באַשעפֿטיקט. דער איינציקער, וועלכער האָט אונז געהאָלפֿן צו גרינדן די באַנק איז דער גרויסער מאַן פֿון וויזיע, דער פֿאָטער פֿון אונזער מאָדערנער קאָלאָניזאַציע אין א"י, ד"ר אַרטור רופּין. אויך בערל קאַצענעלסאָן איז פֿון דער ערשטער רגע אָן געווען באַגייסטערט פֿאַרן געדאַנק צו שאַפֿן אַ צענטראַלן פֿינאַנץ־אינסטרומענט פֿון דער ארץ־ישראל־דיקער אַרבעטערשאַפֿט.

דער וואוקס פֿון דער אַרבעטער־באַנק

דער וואוקס פֿון דער באַנק איז קאָלאָסאַל געשטיגן אין די לעצטע צען יאָר, ווי עס ווייזט די פֿאָלגנדיקע טאַבעלע:

יאָר	אייגענער קאַפּיטאַל	דעפּאָזיטן	הלוואות
1933	91,091 פֿונט	186,505 פֿונט	242,564 פֿונט
1935	120,000 "	339,420 "	395,429 "
1937	143,106 "	453,972 "	475,820 "
1939	186,682 "	466,034 "	590,227 "
1941	220,621 "	466,866 "	561,312 "
1943	276,000 "	1,730,230 "	1,014,643 "
1944	309,028 "	2,175,913 "	1,172,106 "

דער באַלאַנס פון די הלוואות פון דער באַנק איז אינוועסטירט אין

1.	אַגריקולטורעלעווירטשאַפטן — די סומע פון	766,483 פונט
2.	קרעדיט־קאָאָפּעראַטיוון	16,542 „
3.	שטאָטישע אַרבעטער קוואַרטאַלן	11,262 פונט
4.	אינדוסטריעלע קאָאָפּעראַטיוון	103,713 „
5.	קאָנסום־קאָאָפּעראַטיוון	11,125 „
6.	צענטראַלע קאָאָפּעראַטיווע אינסטיטוציעס	90,840 „
7.	בוי־קאָאָפּעראַטיוון	51,708 „
8.	אָרגאַניזאַציאָנס־אינסטיטוציעס פון דער הסתדרות	70,010 „
9.	נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס	48,030 „
10.	פאַרשידענע אינסטיטוציעס	2,393 „
	ס״ה	1,172,106 „

דורכן יאָר 1944 האָט די באַנק געקראָגן נייע הלוואות אויף דער סומע פון איבער 1,200,000 פונט. קיינער וואָלט זיך היינט ניט געקענט פאָרשטעלן, אַז מיר וואָלטן געקענט אָנגיין מיט אונזער אַרבעט אַפילו איין טאָג אָן דעם וויכטיקן פינאַנסיעלן אינסטרומענט, וואָס רופט זיך די אַרבעטער־באַנק.

„אַמפּאַל״ — אַמעריקען פּאַלעסטײן טריידינג קאָרפּאָריישאָן

„אַמפּאַל״ איז געשאַפן געוואָרן דורך דער הסתדרות און דער אַרבעטער־באַנק, זומער, 1942. אין יענע פינצטערע טעג, ווען ראָמעל איז געשטאַנען ביי די טויערן פון לאַנד, האָבן די הסתדרות און אירע אינסטיטוציעס אַרויסגעוויזן אַ גרויסע וויזיע און געשאַפן אַ פינאַנסיעלע און אַ האַנדלס־אינסטיטוציע אין אַמעריקע מיטן טאָפּלטן צוועק: צו זיין אַ פינאַנסיעלער אינסטרומענט, דורך וועלכן עס זאָל שטענדיק פליסן פרישער אינוועסטמענטס־קאַפּיטאַל קיין א״י און צו רעגולירן די האַנדלס־באַציאונגען צווישן אַמעריקע און דער אידישער קאָאָפּעראַטיווער א״י; צו דינען אַלס איינקויף־אַגענטור פאַר די הסתדרות־אינסטיטוציעס און קאָאָפּעראַטיוון דאָ אין אַמעריקע און אויך צו פאַרקויפן זייערע פּראָדוקטן, וועלכע זיינען פאַסיק פאַרן אימפּאָרט קיין אַמעריקע.

בכדי צו קענען אויספירן די דאָזיקע אויפגאַבן, האָט „אַמפּאַל״ קודם געדאַרפט פאַרזיכערן זיך מיט אַן אייגענעם קאַפּיטאַל, און ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס „אַמפּאַל״ איז געגרינדעט געוואָרן אין זייער שווערע טעג פאַר דער וועלט בכלל און פאַר ארץ־ישראל בפרט, האָט ער שוין היינט צו טאָג אַן אָפּגעצאָלטן קאַפּיטאַל און רעזערוון אין הויך פון $1,100,000, און צוזאַמען מיט לאַנג־טערמיניקע הלוואות וואָס „אַמפּאַל״ האָט געקראָגן פון אַמעריקאַנער בענק, באַטרעפט היינט דער אַרבעטס־קאַפּיטאַל פון „אַמ־

פּאַל" איבער 1,300,000$. יעדע פּרוטה איז אינוועסטירט געוואָרן אין א"י דורך דעם נאַציאָנאַל פאָנד, געווערקשאַפטן קאַמפּיין, מזרחי א"י פאָנד און דורך דער פיאָנערן־פרויען אָרגאַניזאַציע.

„אַמפּאַל" האָט געליען דעם קרן־קימת־לישראל ביי 800,000$. דאָס אין געווען אַ טייל פון דער 2,000,000$ הלוואה, וואָס די הסתדרות־אינסטיטוציעס אין א"י און דאָ האָבן געליען דעם נאַציאָנאַל פאָנד בכדי צו דערמעגלעכן דאָס צוגרייטן באָדן פאַר הייזער־בוי פאַר אַרבעטער נאָכן קריג. ביי 700,000$ איז געליען געוואָרן צו די הסתדרותישע ווירטשאַפט־לעכע אינסטיטוציעס פאַר פּראָיעקטן און צוועקן פאַר ,וועלכע די אַרבעטער באַנק גיט אירע הלוואות, איינשליסנדיק אַ הלוואה צו „נחשון" (דורכן געווערקשאַפטן קאַמפּיין) פאַר זיין באַטייליקונג אין דער גרויסער נאַציאָנאַלער ים־געזעלשאַפט און פאַר בויען הייזער (אויך דורכן געווערקשאַפטן קאַמפּיין) צוזאַמען מיט דער בנק־הפּועלים. לויט דער פאָדערונג פון דער אַרבעטער באַנק און פון דער הסתדרות, האָט די פאַרוואַלטונג פון „אַמפּאַל" באַשלאָסן צו פאַרגרעסערן איר שער־קאַפּיטאַל און אַרויסצולאָזן באָנדס אויף דער סומע פון 5,000,000$.

„אַמפּאַל" האָט לעצטנס געשאַפן צוויי טאָכטער־געזעלשאַפטן, איינע פאַר דעם איינקויף פון מאַטעריאַלן און מאַשינען אונטערן נאָמען „פּאַלעסטיין פּורטשייסינג קאָרפּאָריישאָן". די געזעלשאַפט איז געשאַפן געוואָרן בשותפות מיט דער „פּאַלעסטיין עקאָנאָמיק קאָרפּאָריישאָן" פון דער בראַנדעס גרופּע. די געזעלשאַפט פאַרנעמט זיך מיט דעם איינקויף פון לאַנד־ווירטשאַפטלעכע, אינדוסטריעלע און טראַנספּאָרט־מאַשינען, ווי אויך רערן און פּאָמפּעס פאַר באַוואַסערונג פאַר גרויסע סומעס. די צווייטע שוועסטער געזעלשאַפט איז די „פּאַלעסקאָ" (פּאַלעסטיין סעקיוריטיס קאָרפּאָריישאָן). די אויפגאַבע פון דער קאָרפּאָראַציע איז צו קויפן ארץ־ישראלדיקע ווערט־פּאַפּירן, ווי אַרבעטער־באַנק־שערס, נאַציאָנאַל־פאָנד־באָנדס, „אַמפּאַל"־שערס, אאַז"וו, ווי אויך צו געבן הלוואות. „אַמפּאַל" האָט זיך אָנגעפאַנגען צו פאַרנעמען מיט אימפּאָרטירן סחורות פון א"י. דערווייל אימפּאָרטירט „אַמפּאַל" דיאַמאַנטן פון די קאָאָפּעראַטיווע פאַבריקן. מיט דער צייט האָפט „אַמפּאַל" אויך צו אימפּאָרטירן אַנדערע סחורות. דער „אַמפּאַל" האָט אויך בדעה צו אָרגאַניזירן אַ ספּעציעלע אָפּטיילונג פאַר טוריסטן.

ווי מען קען זען, איז אַ היפּש ביסל דערגרייכט געוואָרן דורך דער אַרבעטער־ווירטשאַפט אין א"י. מיר ווייסן, אַז עס איז ניט גענוג, אַז די באַדערפעניש פון אויפנעמען גרויסע מאַסן אידישע נייע איינוואַנדערער איז פיל גרעסער ווי דאָס וואָס מיר האָבן שוין דערגרייכט, אָבער אַ קליינער יש איז דאָך געשאַפן געוואָרן און עס איז ניטאָ מיט וואָס זיך צו שעמען.

מען דאַרף און מען מוז אַלץ פֿאַרגרעסערן און אַנטוויקלען — ווייל דער איינציקער צוועק פֿון די אַרבעטער־ווירטשאַפֿטן און אינסטיטוציעס אין א״י איז געווען, איז און וועט שטענדיק זיין — דאָס אויפֿנעמען וואָס מער אידן אין א״י און דערמעגלעכן זיי צו לעבן אַ לעבן פֿון אַרבעט און פֿרייהייט אויפֿן באָדן פֿון אונזער היסטאָריש היימלאַנד — ארץ ישראל.

ג. מינצער (תל־אָביב)

די פֿינאַנץ־ווירטשאַפֿט פֿון דער הסתדרות העובדים

דער פֿאָרשריט אין די עקאָנאָמישע טעטיקייטן פֿון דער הסתדרות העובדים אין משך פֿון דעם לעצטן יאָרצענדליק שפּיגלט זיך אָפּ אין די בילאַנץ־חשבונות און פֿינאַנציעלע רעפּאָרטן פֿון די פֿינאַנציעלע אינסטיטוציעס פֿון דער הסתדרות; זיי דערציילן וועגן אַ כסדרדיקן אויפֿשטייג. כאָטש עס איז אמת, אַז די דאָזיקע אינסטיטוציעס האָבן געוואַקסן פֿון דער אַלגעמיינער עקאָנאָמישער עקספּאַנסיע, וואָס איז געקומען אַדאַנק דער מלחמה, קען אָבער ניט זיין קיין ספֿק, אַז זייער אַ וויכטיקע ראָלע האָט אין דעם דאָזיקן פּראָצעס געשפּילט די אינערלעכע אַנטוויקלונג פֿון דער פֿינאַנץ־ווירטשאַפֿט פֿון דער הסתדרות העובדים.

מען וואָלט געקענט דערוואַרטן, אַז די ברייטע פֿאַרשידנאַרטיקייט פֿון די פֿינאַנציעלע אינסטיטוציעס פֿון דער הסתדרות העובדים — די אַרבעטער־באַנק, די קאָאָפּעראַטיווע קרעדיט־געזעלשאַפֿטן, „ניר, בערבון מוגבל", דער קאָאָפּעראַטיווער פֿינאַנץ־צענטער, דער פֿאָנד פֿון די לאַנד־ווירטשאַפֿטלעכע ישובים — זאָל זיין אַ קוואַל פֿון שוואַכקייט פֿאַר דער גאַנצער סטרוקטור פֿון דעם פֿינאַנץ־וועזן פֿון דער הסתדרות. אָבער אַ מער דעטאַליזירטע שטודיע באַווייזט, אַז יעדע איינע פֿון די דאָזיקע קערפּערשאַפֿטן האָט קלאָרע באַשטימטע אויפֿגאַבעס, וואָס דערגענצן איינע די אַנדערע, אַנשטאָט צו דופּליצירן איינע די אַנדערע. אַזוי איז געשאַפֿן געוואָרן אַ שפּע פֿון פֿינאַנציעלע אינסטיטוציעס, וואָס זייער קראַפֿט האַלט אין איין וואַקסן.

קרעדיט פֿאַר אַרבעטער־אינסטיטוציעס

די אַרבעטער־באַנק (בנק הפועלים) דינט ווי די צענטראַלע באַנק פֿאַר אַלע הסתדרות־אינסטיטוציעס; איר קאַפּיטאַל און רעזערוון האָבן אין יאָר 1944 באַטראָפֿן 309 טויזנט פֿונט. אירע „קליענטן" זיינען הויפּטזעכ־

לעך פֿאַרשידענע עקאָנאָמישע קערפּערשאַפֿטן פֿון די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַר־אייניגן, קאָאָפּעראַטיוון, אַרבעטער־אונטערנעמונגס־ביוראָס, לײַ־ און שפּאַר־קאַסעס אאַ״וו. כאָטש די אַרבעטער־באַנק איז לכתּחילה ניט געגרינדעט געוואָרן כּדי צו דינען דעם אַלגעמיינעם עולם, פֿירט זי דאָך דורך די פֿונקציעס פֿון אַ קאָמערציעלער באַנק. די אַרבעטער־באַנק איז אָבער בלויז איין פֿינאַנציעלע אינסטיטוציע פֿון דער הסתּדרות העובֿדים. אויב מען נעמט אין אַכט, אַז דער סך־הכּל פֿון דעם געלט וואָס איז אינוועס־טירט אין די עקאָנאָמישע אינסטיטוציעס פֿון דער אַרבעטערשאַפֿט, ווערט געשאַצט צווישן 17 און 18 מיליאָן פֿונט, פֿאַרשטייט מען, אַז ס׳איז ניט מעגלעך, אַז די אַלע באַנק־און פֿינאַנץ־טראַנסאַקציעס זאָלן געפֿירט ווערן פֿון איין אינסטיטוציע. גלײַכצײַטיק מוזן אַלע לאָקאַלע און אויסלענדישע בענק אין ארץ־ישׂראל זיך רעכענען מער און מער מיט די עקאָנאָמישע אינסטיטוציעס פֿון דער הסתּדרות העובֿדים, ווי מיט וויכטיקע „קליענטן״. זינט 1939 זײַנען די דעפּאָזיטן אין דער אַרבעטער־באַנק געוואַקסן מער ווי פֿיר מאָל, און ביים סוף 1944 האָבן זיי באַטראָפֿן 2 מיליאָן מיט 175 טויזנט פֿונט, בעת איר קאַפּיטאַל און רעזערוון זײַנען געוואַקסן אויף כּמעט 70 פּראָצענט. די לעצטע ציפֿער איז זייער וויכטיק דערפֿאַר, וואָס בעת דער וואוקס פֿון דעפּאָזיטן איז געווען אַן אַלגעמיינע דערשיינונג אין ארץ־ישׂראל, האָבן זייער ווייניק בענק באַוויזן צו פֿאַרגרעסערן זייערע קאַפּי־טאַל־רעזערוון. די אַרבעטער־באַנק האָט אין 1944 אַרויסגעגעבן הלוואות אויף העכער איין מיליאָן פֿונט — הויפּטזעכלעך צו די אַרבעטער־ישובֿים, וואָס זייער פּראָצענט אין דעם סך־הכּל פֿון די הלוואות איז כּסדר געשטיגן זינט 1937. אין יאָר 1944 האָבן זיי באַטראָפֿן 75 פּראָצענט פֿון דער אַל־געמיינער סומע פֿון די הלוואות; אין יאָר 1937 האָט דער פּראָצענט פֿון די לאַנדווירטשאַפֿטלעכע קרעדיטן באַטראָפֿן 23.5 פּראָצענט; אין יאָר 1941 — 39 פּראָצענט; אין יאָר 1944 — 65.5 פּראָצענט. דער וואַקסנ־דער חלק פֿון די לאַנדווירטשאַפֿטלעכע קרעדיטן איז אויך כאַראַקטעריס־טיש פֿאַר די אַנדערע בענק, וואָס האָבן ניט קיין שײַכות מיט דער אַרבע־טער־באַוועגונג — עס איז אַ רעזולטאַט פֿון דער פֿאַרקלענערטער באַדער־פֿעניש פֿאַר קאָמערציעלע און אינדוסטריעלע קרעדיטן, אַ פּועל־יוצא פֿון די מלחמה־באַדינגונגען.

מיט דער אַרבעטער־באַנק איז פֿאַרבונדן און שטייט אונטער איר השגחה אַ נעץ פֿון קאָאָפּעראַטיווע לײַ־ און שפּאַר־קאַסעס. אין יאָר 1944 זײַנען געווען 20 אַזעלכע קאָאָפּעראַטיוון, מיט 27,750 מיטגלידער און דעפּאָזיטן וואָס האָבן באַטראָפֿן העכער 2 מיליאָן פֿונט. צווישן 1935 און 1940 זײַנען די דעפּאָזיטן, ווי אַ רעזולטאַט פֿון דעם עקאָנאָמישן קריזיס געפֿאַלן, אָבער זינט דעמאָלט זײַנען זיי געוואַקסן צען מאָל, און

ס'איז פאַרדאָפּלט געוואָרן די סומע פון די הלוואות וואָס זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן. ווי אַ רעזולטאַט פון די דאָזיקע ענדערונגען אין משך פון די לעצטע פינף יאָר איז דער קאַפּיטאַל און די רעזערוון פון די לייַ־ און שפּאָר־קאַסעס געוואַקסן פון 97 טויזנט פונט אין 1939 ביז 153 טויזנט פונט אין יאָר 1944.

לאַנדווירטשאַפטלעכע קרעדיטן

„ניר, בערבון מוגבל", אַ קרעדיט־אינסטיטוציע פאַר די קבוצות און מושבי־עובדים, איז איינע פון די וויכטיקסטע עקאָנאָמישע אינסטיטוציעס פון דער הסתדרות העובדים. די דאָזיקע געזעלשאַפט האָט אָנגעהויבן צו פונקציאָנירן מיט צען יאָר צוריק, אויף אַ זייער באַשיידענעם פאַרנעם. איר קאַפּיטאַל איז געקומען הויפּטזעכלעך פון די לאַנדווירטשאַפטלעכע ישובים און עטלעכע הסתדרות־אינסטיטוציעס. אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט „ניר" פאַרגרעסערט איר קאַפּיטאַל, וואָס האָט אין יאָר 1935 באַטראָפן 100 טויזנט פונט. איצט באַטרעפט דער אייגענער קאַפּיטאַל פון „ניר" 850 טויזנט פונט, וואָס גיט איר, צוזאַמען מיט די 200 טויזנט פונט, וואָס זי האָט באַקומען דורך אַקציעס, וואָס זי האָט אַרויסגעגעבן, אַן אַרבעטס־קאַפּיטאַל פון איבער 1 מיליאָן פונט. מיט די דאָזיקע מיטלען אין איר רשות, קען „ניר" באַטראַכט ווערן צווישן די סאַמע וויכטיקסטע פינאַנץ־אינסטיטוציעס פון דער הסתדרות העובדים. די שייכות צווישן אירע געוויינלעכע אַקציעס און רעזערוון (354 טויזנט פונט) און פאָרצוג־אַקציעס (492 טויזנט פונט), פון איין זייט, און אירע ווערט־פּאַפּירן (200,000 פונט), פון דער אַנדערער זייט, איז 4.25 צו 1, וואָס קען באַטראַכט ווערן ווי אַ צופרידנשטעלנדיקע שייכות. די דאָזיקע אַנטוויקלונג איז באַזונדערס מערקווירדיק, ווען מען נעמט אין אַכט דעם מאַנגל אין צוטרוי פון דעם אַלגעמיינעם עולם צו לאַנדווירטשאַפטלעכע בענק, באַזונדערס צו די יעניקע, וואָס האָבן זיך געשטעלט די אויפגאַבע צו פינאַנסירן לאַנדווירטשאַפטלעכע ישובים אין די ערשטע פאַזעס פון זייער אַנטוויקלונג. אַזוי ווי „ניר" באַשרענקט ניט איר טעטיקייט אויפן פינאַנצירן לאַנדווירטשאַפטלעכע ישובים, נאָר גיט אויך הלוואות צו געוויסע הסתדרותישע און אַנדערע אידישע אינסטיטוציעס, וואָס האָבן אַ שייכות מיט דער אַנטוויקלונג פון דער לאַנדווירטשאַפט, האָט זי באַוויזן צו דערגרייכן אַ זייער ברייטן היקף פון אינוועסטירונגען, און דורכדעם רעדוצירט די מאָס פון ריזיקע, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט אַזעלכע הלוואות. ניט געקוקט אויף אירע באַדייטנדיקע רעזערוון, האָט „ניר" ניט באַוויזן אַליין נאָכצוקומען די קרעדיט־נויטן פון דער אידישער אַרבעטנדיקער לאַנדווירטשאַפט, און נאָך ווייניקער — די נויטן וואָס זיי־

נען פֿאַרבונדן מיט די פֿאַרשידענע פּלענער פֿון הייזער־בוי אין די לאַנד־ווירטשאַפֿטלעכע ישובים.

די ציפֿערן אין די פֿינאַנציעלע באַריכטן פֿון די אַרבעטער קרעדיט־אינסטיטוציעס ווייזן ווי גרויס עס זיינען די קרעדיט־נויטן פֿון דער אי־דישער לאַנדווירטשאַפֿט — וואָס עס איז הויפּטזעכלעך דער רעזולטאַט דערפֿון וואָס די רעגירונג האָט ניט געשאַפֿן קיין לאַנג־טערמיניקע קרע־דיט־אינסטיטוציעס. דער דאָזיקער מאַנגל ווערט בלויז טיילווייז פֿאַר־גיטיקט דורך די קרעדיטן, וואָס ווערן געגעבן דורך די אידישע נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס, — די אַנגלאָ־פּאַלעסטיין באַנק און די אַרבעטער־באַנק, די צענטראַלע באַנק פֿון די קאָאָפּעראַטיווע אינסטיטוציעס פֿון דער הסתדרות. אַ צופֿרידנשטעלנדיקע לייזונג פֿון די קרעדיט־פּראָבלעמען פֿון דער לאַנדווירטשאַפֿט וועט קומען בלויז דעמאָלט, ווען די רעגירונג וועט זיך אַנטשליסן אַנצוהייבן געבן לאַנג־טערמיניקע לאַנדווירטשאַפֿט־לעכע קרעדיטן, ווי עס איז דער שטייגער אין דער גאַנצער וועלט. וואָרים עס וואָלט דאָך געווען אַ טעות צו דערוואַרטן, אַז די געוואַלדיקע אויפֿ־גאַבעס פֿון דער קאָלאָניזאַציע זאָלן דורכגעפֿירט ווערן בלויז דורך פּרי־וואַטע קערפּערשאַפֿטן, וואָס האָבן ניט די לעגאַלע מאַכט אַרויפֿצולייגן שטייערן און געניסן ניט פֿון רעגירונגס־סובסידיעס. אין אַלע לענדער, אַפֿילו די סאַמע אָפּגעשטאַנענסטע, גיט די רעגירונג קרעדיטן אירע לאַנדווירטן. ווען מען נעמט נאָך אין באַטראַכט דעם פֿאַקט, וואָס די ארץ־ישראל רעגירונג העלפֿט דער לאַנדווירטשאַפֿט אינגאַנצן ניט, ווי אויך די געוואַלדיקע שוועריקייטן, מיט וועלכע די לאַנדווירטשאַפֿט מוז זיך ראַנג־לען, הויבט מען ערשט אָן אָפּצושאַצן די דערגרייכונגען פֿון דער אידישער קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל.

ווי אַ צוגאָב צו „ניר" און אַנדערע קערפּערשאַפֿטן, האָבן די לאַנד־ווירטשאַפֿטלעכע ישובים פּרובירט שאַפֿן זייערע אייגענע פֿינאַנציעלע אינ־סטיטוציעס. די דריי ישובים־פֿאַרבאַנדן (קיבוץ־מאוחד, השומר הצעיר, חבר הקבוצות) האָבן (דורך בייטראָגן פֿון די ישובים וואָס זיינען אָן זיי אָנגעשלאָסן) געשאַפֿן ספּעציעלע פֿאָנדן. צוזאַמען האָבן זיי באַוויזן צו מאָביליזירן אַרום 225 טויזנט פֿונט. הלוואות, וואָס זיי האָבן אין יאָר 1944 באַקומען פֿון בענק האָבן אין זייער רשות געשטעלט די סומע פֿון 50 טויזנט פֿונט, פֿון וועלכע זיי האָבן אַרויסגעגעבן קרעדיטן, הויפּטזעכ־לעך צו די נייע ישובים.

דאָס פֿינאַנצירן עפֿנטלעכע אַרבעטן

אין 1933 האָט די הסתדרות געשאַפֿן דעם אַרבעטסלאָזיקייט־פֿאָנד („קרן חוסר עבודה"), ווי אַ פֿינאַנציעלן אינסטרומענט פֿאַר אויסעראָרדנט־

לעכע נויט־באַדערפֿענישן. דער קאַפּיטאַל פֿאַר דעם דאָזיקן פֿאָנד איז געשאַפֿן געוואָרן דורך די אַבליגאַטאָרישע בייטראָגן פֿון די מיטגלידער פֿון דער הסתדרות העובדים. אַזוי ווי די הסתדרות ציילט 150 טויזנט מיט־גלידער, איז געווען מעגלעך צו אַקומולירן אַ גאַנץ באַדייטנדיקע סומע דורך פֿאַרהעלטניסמעסיק קליינע בייטראָגן. דער „קרן חוסר עבודה" האָט ניט געזאָלט פֿונקציאָנירן ווי אַ באַנק; זיין איינציקע אויפֿגאַבע איז געווען צו שאַפֿן קאָנסטרוקטיווע באַשעפֿטיקונגס־מעגלעכקייטן אין צייטן פֿון אַר־בעטסלאָזיקייט. דאָס איז באַטראַכט געוואָרן ווי אַן אימפּעראַטיווע נויט־ווענדיקייט אין אַ לאַנד אָן רעגירונגס־הילף אין פֿאַלן פֿון אַרבעטסלאָזיקייט, קראַנקהייט, אומגליקס־פֿאַלן און אָן קיין שום פֿאָרם פֿון סאָציאַלער פֿאַרזיכע־רונג. אין די צוועלף יאָר פֿון זיין עקזיסטענץ האָט דער „קרן חוסר עבודה" אַקומולירט אַ סומע פֿון דריי־פֿערטל מיליאָן פֿונט, וואָס אַ גרויסער טייל דערפֿון איז אויסגעגעבן געוואָרן אויף אַרבעטסלאָזיקייט־סובסידיעס אָדער איז אינוועסטירט געוואָרן אין אונטערנעמונגען וואָס האָבן באַשעפֿטיקט אַר־בעטסלאָזע.

דער קאַפּיטאַל פֿון דעם „קרן חוסר עבודה" איז כּמעט אינגאַנצן אינוועסטירט געוואָרן אין הסתדרותישע און נאַציאָנאַלע אונטערנעמונגען. דער גרונט־געדאַנק פֿון דער דאָזיקער אונטערנעמונג פֿון דער הסתדרות העובדים איז דער פֿאָלגנדיקער — דורך שטאַרקן די עקאָנאָמישע אינסטי־טוציעס פֿון דער הסתדרות העובדים, גיט זיי דער „קרן חוסר עבודה" די מעגלעכקייט צו באַקומען קרעדיטן אין דעם אָפֿענעם מאַרק. אַזוי אַרום ווערט פֿאַרגרעסערט די פּראָדוקציע־קאַפּאַציטעט פֿון זייערע קאַפּיטאַלן. דאָס דערקלערט, ווי אַזוי דער „קרן חוסר עבודה", וואָס זיינע אייגענע מיטלען באַטרעפֿן ביים היינטיקן טאָג ניט מער ווי 275 טויזנט פֿונט האָט באַוויזן ביז איצט צו פֿינאַנצירן אונטערנעמונגען, וואָס ווערן אָפּגע־שאַצט אויף דריי מיליאָן פֿונט.

„ביצור, בערבון מוגבל", אַ צווייטע אינסטיטוציע, וואָס איר אויפֿגאַבע איז צו פֿינאַנצירן האַלב־עפֿנטלעכע אַרבעט, איז ניט קיין פֿולשטענדיקע הסתדרות־קערפּערשאַפֿט; אַ טייל פֿון איר קאַפּיטאַל איז געקומען פֿון דער אידישער אַגענטור. „ביצור" גיט מיטלמעסיקע און לאַנג־טערמיניקע קרע־דיטן פֿאַר דער דורכפֿירונג פֿון עפֿנטלעכע און האַלב־עפֿנטלעכע (בדרך־כּלל, מוניציפּאַלע) אַרבעטן. אַזוי ווי „ביצור" איז טעטיק הויפּטזעכלעך אויפֿן געביט פֿון בויען הייזער, ישובים און שאָסעען, האָט דער אָפּשטעל פֿון דער בוי־אַרבעט במשך פֿון דער מלחמה נאַטירלעך געהאַט אַ ווירקונג אויף איר אַנטוויקלונג. פֿונדעסטוועגן, האָט „ביצור" באַוויזן באַדייטנדיק צו פֿאַרגרעסערן איר קאַפּיטאַל, און היינט שטייט אין איר רשות אַ סומע

פֿון בערך 190 טויזנט פֿונט און ווייטערדיקע 275 טויזנט פֿונט איז גע־שאַפֿן געוואָרן דורך אַרויסגעבן ווערט־פּאַפּירן.

מען קען אויך דערמאָנען אַ קליינע צאָל אַנדערע, קלענערע פֿינאַנ־ציעלע קערפּערשאַפֿטן, וועלכע געפֿינען זיך אין די ערשטע פֿאַזעס פֿון זייער אַנטוויקלונג. מיר וועלן בלויז דערמאָנען דעם „קרן המושבים" (פֿאָנד פֿון די מושבי עובדים) און די „קופּת הקואופּרטיבים" (פֿאָנד פֿון די הסתּדרותישע פּראָדוצירקאָאָפּעראַטיון).

פּערספּעקטיוון

דער סך־הכּל פֿון די סומען, וואָס געפֿינען זיך אין רשות פֿון דער אַרבעטער־באַנק, די קרעדיט־קאָאָפּעראַטיוון, דעם אַרבעטסלאָזיקייט־פֿאָנד, „ביצור", איינגעשלאָסן קאַפּיטאַל און דעפּאָזיטן, באַטרעפֿט אַרום 2 מיליאָן פֿונט. אויב מען זאָל צו דעם נאָך צוגעבן דעם ווערט פֿון זייערע אַקציעס, דעפּאָזיטן און די קרעדיטן, וואָס געפֿינען זיך אין זייער רשות (וואָס באַ־טרעפֿט אַרום 5 מיליאָן פֿונט), קומען מיר צו אַ סך־הכּל פֿון 7 מיליאָן פֿונט, אַפֿילו ווען מען נעמט אַריין אין חשבון די דעפּאָזיטן פֿון די אינ־סטיטוציעס גופֿא. אָבער די פּאָטענציעלע פֿינאַנציעלע קאַפּאַציטעט פֿון די דאָזיקע קערפּערשאַפֿטן איז פֿיל גרעסער. די מערסטע פֿון זיי האָבן זיך געשאַפֿן געוויסע צוטרוי, כּדי זיי זאָלן קענען באַקומען זייער באַדייטנדיקע סומען אין אָפֿענעם פֿינאַנציעלן מאַרק, דורך אַרויסגעבן ווערט־פּאַפּירן און אַקציעס, ווי עס טוען „ניר" און „ביצור". אַפֿילו ניט־פֿינאַנצי־עלע אַרבעטער־אינסטיטוציעס האָבן, אָן שוועריקייטן, פֿאַרקויפֿט זייערע אַקציעס. די טענדענץ אַרויסצוגעבן אַקציעס צום אַלגעמיינעם עולם איז אַ נייע דערשיינונג, און מען קען זיכער זיין, אַז ווען אַנדערע אַרבעטער־אינסטיטוציעס וואָלטן איבערגענומען די גאַראַנטיע פֿאַר די דאָזיקע הלוואות און אַקציעס, וואָלטן די דאָזיקע אינסטיטוציעס געקענט שאַפֿן באַדייטנדיקע סומעס דורך פֿאָרצוג־אַקציעס און עפֿנטלעכע הלוואות.

די אויבנדערמאָנטע אינסטיטוציעס זיינען ניט די איינציקע פֿינאַנ־ציעלע מכשירים פֿון דער ארץ־ישׂראלדיקער אַרבעטער־באַוועגונג. זיי שטעלן מיט זיך ניט פֿאָר איר גאַנצן עקאָנאָמישן כּוח. אויסער די ריין־פֿינאַנציעלע און קרעדיט־קערפּערשאַפֿטן, נעמט די אַרבעטער־באַוועגונג אַרום די צענטראַלע ביוראָ פֿאַר אונטערנעמונגען אויפֿן געביט פֿון בוי און עפֿנטלעכע אַרבעטן „סולל בונה"; דעם „המשביר המרכזי", די צענטראַלע קאָנסום־געזעלשאַפֿט; דעם קאָאָפּעראַטיוו פֿאַרן פֿאַרקויף פֿון די פּראָ־דוקטן פֿון די לאַנדווירטשאַפֿטלעכע ישובים „תנובה"; די פֿאַרזיכערונג־געזעלשאַפֿטן „הסנה" און „החקלאית"; דעם וואוינונגס־בוי־קאָאָפּעראַטיוו „שיכון"; די באַוואַסערונג־געזעלשאַפֿט „מקורות"; די אינדוסטריעלע אונ־

טערנעמונגען, וואָס זיינען פֿאַרבונדן מיט „סולל בונה“, ווי „פֿניציה“, די פֿאַבריק פֿאַר פֿענצטער־גלאָז, די מעטאַל־גיסערײַ „וווּלקן“, די שטיין־האַקערייען. דערצו דאַרף מען נאָך צוגעבן אַ צאָל אינדוסטריעלע קאָאָפּעראַטיוון, וואָס זיינען פֿאַרבונדן מיטן „השומר הצעיר“, ווי די פֿאַבריק פֿאַר אַספֿאַלט־פּראָדוקציע „אשכר“ און די גלוקאָז־פֿאַבריק „גלעם“. די הסתּדרות האָט אויך אין איר רשות אַ רײַ אינדוסטריעלע און טראַנספּאָרט־קאָאָפּעראַטיוון.

דערווײַל האָט די הסתּדרות העובדים נאָך ניט אָנגעהויבן אויסצונוצן די פֿינאַנציעלע מעגלעכקייטן פֿון אָט די אַלע אינסטיטוציעס. זי האָט נאָך ביז איצט ניט אָנגעהויבן צענטראַליזירן אירע פֿינאַנציעלע אינסטיטוציעס. אַן אָנהויב איז געמאַכט געוואָרן מיט יאָרן צוריק, בעת עס איז געגרינדעט געוואָרן די „חברת העובדים“. די „חברת העובדים“ האָט געזאָלט זיין די צענטראַלע קערפּערשאַפֿט פֿון דער אַרבעטער־ווירטשאַפֿט, די לעגאַלע פֿאָרם דורך וועלכער די אַרבעטערשאַפֿט זאָל אויסאיבן איר אייגנטום־רעכט איבער איר ווירטשאַפֿטלעכן האָב־און־גוטס, אַ מין „האָלדינג קאָמפּאַני“ פֿאַר די פֿאַרשידענע אַרבעטער־אינסטיטוציעס. אָבער ביז איצט האָט די „חברת העובדים“ זיך ניט פֿאַרנומען מיט קיין שום זעלבסטשטענדיקע פֿינאַנציעלע טעטיקייטן. דער פֿאַרמעגן פֿון דער „חברת העובדים“ באַשטייט הויפּטזעכלעך אין די אַקציעס פֿון די אַרבעטער־אינסטיטוציעס. די „חברת העובדים“ איז אייגנטלעך דער אייגנטימער אָדער באַזיצער פֿון דעם דעציִדירנדיקן טייל פֿון די אַקציעס פֿון „סולל בונה“, „ניר“, „שיכּון“, „הסנה“, די אַרבעטער־באַנק און אַנדערע קערפּערשאַפֿטן.

די אינוועסטירונגען פֿון דער „חברת העובדים“ ווערן איצט געשאַצט אויף אַ האַלבן מיליאָן פֿונט, אָבער זייער אמתער ווערט איז פֿיל העכער. ביז איצט האָט די „חברת העובדים“ ניט פּרובירט צו שאַפֿן קאַפּיטאַל דורך פֿאַרקויפֿן אַקציעס אָדער עפֿנטלעכע הלוואות, און זי קען דערווײַל באַטראַכט ווערן ווי דער „שלאָפֿנדיקער שותּף“ פֿון די קאָאָפּעראַטיווע קערפּערשאַפֿטן, וואָס זיינען פֿאָרמעל איר אייגנטום, אינגאַנצן אָדער טיילווייז. לויט אירע סטאַטוטן, האָט די „חברת העובדים“ די דעציִדירנדיקע צאָל שטימען בנוגע אַלע ענינים וואָס האָבן אַ שייכות מיט דער סטרוקטור אָדער די געשעפֿטן פֿון די דאָזיקע געזעלשאַפֿטן, אָבער ביז איצט האָט זי זעלטן אויסגענוצט דאָס דאָזיקע רעכט, און די געזעלשאַפֿטן איבערגעלאָזט די פֿולסטע פֿרײַהייט צו האַנדלען.

פּאָטענצן פֿון דער „חברת העובדים“

עס קען ניט זיין קיין ספֿק, אַז די „חברת עובדים“ וואָלט געקענט שפּילן אַ וויכטיקע ראָלע ביים שאַפֿן נײַע קאַפּיטאַלן און פֿינאַנציעל קאָ־

אָרדינירן אַ טייל פֿון די געזעלשאַפֿטן וואָס זי קאָנטראָלירט, באַזונדערס, ווען אירע הכנסות אין דער פֿאָרם פֿון ביישטייערונגען און דיווידענדן וואָס די דאָזיקע אינסטיטוציעס צאָלן אויס, זיינען גאַנץ באַדייטנדיק, און האָבן אין יאָר 1944 באַטראָפֿן העכער 125 טויזנט פֿונט. נאָכמער, אויב מען נעמט אין באַטראַכט, אַז די יערלעכע הכנסה וואָס די הסתדרות העובדים באַקומט פֿון מיטגלידער־שטייערן האָט אין יאָר 1944 באַטראָפֿן העכער אַ מיליאָן פֿונט, און מען נעמט אָן, אַז אַ טייל פֿון דער דאָזיקער סומע וואָלט געקענט געגעבן ווערן ווי אַ גאַראַנטיע פֿאַר לאַנג־טערמיניקע הלוואות פֿון דער „חברת עובדים" (אַזוי ווי די הכנסה פֿון „קרן היסוד" איז געגעבן געוואָרן ווי א גאַראַנטיע פֿאַר אַ גרויסער הלוואה פֿון אַ לאָנדאָנער באַנק), ווערט קלאָר, אַז זייער גרויסע סומען וואָלטן געקענט געשאַפֿן ווערן, אויב און ווען זיי וואָלטן געווען נויטיק.

ביז איצט האָבן די פֿינאַנציעלע אינסטיטוציעס פֿון דער ארץ־ישראל׳־דיקער אַרבעטערשאַפֿט זיך געקווענקלט זיך צו ווענדן צום אויסלענדישן קאַפּיטאַל. דער ערשטער שריט אין דער דאָזיקע ריכטונג איז געווען דאָס גרינדן פֿון דער אַמעריקאַנער־ארץ־ישראלדיקער האַנדלס־געזעלשאַפֿט „אַמ־פּאַל", וועלכע האָט אין משך פֿון עטלעכע יאָר באַוויזן צו מאָביליזירן אין אַמעריקע אַ סומע פֿון איבער אַ מיליאָן דאָלאַר. דאָס איז ערשט אַן אָנהויב, און ס׳איז ניטאָ קיין גרונט צו גלויבן, אַז די דאָזיקע געזעלשאַפֿט וועט ניט פֿעאיק זיין באַדייטנדיק צו פֿאַרגרעסערן איר קאַפּיטאַל.

אַן איבערזיכט איבער דעם ברייטן היקף פֿון די עקאָנאָמישע אונטער־נעמונגען און פֿינאַנציעלע אינסטיטוציעס פֿון דער הסתדרות לאָזט דעם איינדרוק, אַז די הסתדרות הויבט ערשט אָן צו באַנעמען וואָס פֿאַר אַ גרויסע פֿינאַנציעלע רעסורסן עס געפֿינען זיך אין איר רשות, און וואָס פֿאַר אַ כּוח עס שטעלן מיט זיך פֿאַר אירע 150 טויזנט מיטגלידער, וואָס רעפּרעזענטירן, צוזאַמען מיט זייערע פֿאַמיליעס, איבער אַ דריטל פֿון דער גאַנצער אידישער באַפֿעלקערונג אין ארץ־ישראל. פֿאַרשטייט זיך, אַז דאָס שאַפֿן פֿון נייע קאַפּיטאַלן איז אָפּהענגיק פֿון אַ גרעסערער קאָאָפּעראַציע צווישן די הסתדרות־אינסטיטוציעס און דער אָרגאַניזירונג פֿון ספּעציעלע קערפּערשאַפֿטן, וואָס זאָלן דינען ווי גאַראַנטאָרן. ס׳איז קיין ספֿק ניט, אַז דער וואוקס פֿון דער אידישער אַרבעטער־ווירטשאַפֿט איז הויפּטזעכלעך געווען דער רעזולטאַט פֿון דעם אינדיווידועלן פֿאַרשריט פֿון די פֿאַרשידענע אינסטיטוציעס, די באַזונדערע פֿעאיקייטן וואָס זייערע לייטער האָבן אַרויס־געוויזן און דאָס אויסמיידן „איבער־אָרגאַניזאַציע" און צענטראַליזאַציע. אָבער איצט איז די לאַגע רייף געוואָרן פֿאַר אַ ריין־פֿינאַנציעלער קאָ־אָפּעראַציע פֿון די פֿאַרשידענע אינסטיטוציעס. פֿיל מער קען דער־גרייכט ווערן דורך שטאַרקן די פּאָטענציעלע פֿינאַנציעלע קאַפּאַציטעט פֿון

דער „חברת עובדים", דורך אויסנוצן אירע הכנסות און מעגלעך דורך שאַפן אַ באַזונדערע קערפּערשאַפט פון גאַראַנטאָרן. דאָס וואָלט דער אי־דישער אַרבעטער־ווירטשאַפט געגעבן אַ גרעסערן פּרעסטיזש און מעג־לעכקייטן אין די אויסלענדישע קאַפּיטאַל־מערק און וואָלט געשאַפן פאַר דער הסתדרות־עקאָנאָמיק יענע אינטערנאַציאָנאַלע פינאַנציעלע פּאָזיציע, וואָס זי פאַרדינט.

ד"ר בנימין שוואַדראָן

דער איינפלוס פון דער הסתדרות אויף דער סאָציאַלער סטרוקטור פון ישוב

1

אַרבעטערשאַפט און מיטלשטאַנד אין גלות און אין ארץ ישראל

די ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג האָט רעוואָלוציאָניזירט דאָס מאָ־דערנע אידישע לעבן אין ארץ־ישראל אויף פאַרשידענע אופנים און זי ווערט ביסלעכווייז דער דאָמינירנדיקער כוח אין לאַנד, פאַרווירקלעכנדיק דעם חלום פון אַזעלכע פירער ווי בערל קאַצנעלסאָן וועגן דער אַנטשטיי־אונג פון עם־עובד', אַ נאַציע פון אַרבעטער. די מעכטיקע כוחות פון ציו־ניזם און סאָציאַליזם האָבן געפונען זייער רעאַליזאַציע אין פּראָצעס פון אויפבויען דאָס נאַציאָנאַלע היימלאַנד און זיי האָבן אויסגעפורעמט די סטרוקטור פון דער צוקונפטיקער אידישער קאָמאַנוועלט.

אין אַ געוויסן זין זיינען די רעלאַטיווע כוחות־פאַרהעלטענישן פון אַר־בעטער־ציוניזם און פון אַלגעמיינעם ציוניזם פון מיטלשטאַנד אין גלות געוואָרן איבערגעקערט אין ארץ־ישראל.

אין גלות האָבן אין אַ רייע לענדער די אַלגעמיינע ציוניסטן, די אידן פון מיטלשטאַנד, געבילדעט די מערהייט פון דער באַוועגונג און איר פאַקטיש קאָנטראָלירט. די אָנפירונג פון דער באַוועגונג איז אין אַ צאָל לענדער באַשטאַנען פון אַלגעמיינע ציוניסטן. די דאָזיקע דערשיינונג איז געקומען אין רעזולטאַט פון די עקאָנאָמישע און סאָציאַלע באַדינגונגען פון די אידישע ישובים אין די אויבנדערמאָנטע לענדער, וואו דער מיטלשטאַנד האָט געבילדעט דעם דאָמינירנדיקן עלעמענט צווישן דער אידישער באַ־פעלקערונג.

אין ארץ־ישראל איז די לאַגע געווען אַ פאַרקערטע. די אַרבעטער־באַוועגונג האָט געבראַכט מיט זיך סאָציאַליסטישע און רעוואָלוציאָנערע אידייען, וואָס האָבן געמאַכט פרוכטבאַר די וויזיע פון די חלוצים־בויער און פאַרפעסטיקט זייער אַנטשידענעם ווילן איינצופירן נייע לעבנס־פאָרמען

פון אַ באַנייט פֿאָלק. די חלוצים האָבן געשלאָגן טיפֿע וואָרצלען אין נייעם ארץ־ישראל און אַנטוויקלט אַ נייע נאַציאָנאַלע עקאָנאָמיע, וואָס איז געווען צוגעפּאַסט צו די נויטן און באַדינגונגען פֿון אַ פּיאָנעריש לאַנד.

דער ענטוזיאַזם און איבערגעגעבנקייט פֿון די חלוצים האָט געגעבן כּוח און קוראַזש די אויפֿגאַבע פֿון באַנייאונג, געגעבן דעם לעבן אַ נייעם זין, און וואָס ס'איז ניט ווייניקער וויכטיק, באַזעלט די אַרבעטער מיט אַ געפֿיל פֿון סופּעריאָריטעט, מיט אַ באַוואוסטזיין, אַז זיי זענען די אמתע בויער פֿון אַ ניי פֿאָלק. פֿאַקטיש האָט זיך אויך אין די אויגן און הערצער פֿון מיטלקלאַס אַלץ מער פֿאַרפֿעסטיקט דער באַוואוסטזיין, אַז די חלוצים זיינען בעסערע און טיכטיקערע בויער פֿון דעם באַנייטן פֿאָלק. די אינגערע עלעמענטן פֿון מיטלקלאַס האָבן כּסדר אַרויסגעוויזן אַ שולד־געפֿיל איבער זייער סאָציאַלער און עקאָנאָמישער עקזיסטענץ, וואָס איז פֿון קליי־נער באַדייטונג אין פֿאַרגלייך מיט די גרויסע אויפֿטוען פֿון די חלוצים.

די אַרבעטער־באַוועגונג האָט, טראָץ אַלע אירע גרויסע שוועריקייטן און שטערונגען, דורכפֿאַלן און אַנטוישונגען, זיך פֿעסט פֿאַרוואָרצלט אין לעבן און אין באָדן פֿון לאַנד און דערגרייכט רעזולטאַטן, וועגן וועלכע עס האָבן פֿריער ניט געקענט חלומען די דרייסטעסטע אידעאַליסטן. זיי האָבן אַנטוויקלט נייע לעבנס־פֿאָרמען, וואָס מוזן אַרויסרופֿן אַלגעמיינע נאַציאָנאַלע אָנערקענונג און דרך־ארץ; זיי האָבן דעראָבערט נייע און מעכטיקע סאָציאַלע און עקאָנאָמישע פּאָזיציעס, וואָס דינען ווי יסודות פֿון דער „מלוכה אין ווערן". אין מער ווי אויף איין געביט האָט זי פּאַק־טיש רעוואָלוציאָניזירט דאָס אידישע לעבן. פֿון דער צווייטער זייט האָט דער מיטלקלאַס ניט אַריינגעבראַכט אין לאַנד קיין נייע סאָציאַלע אידעאַלן, אין בעסטן פֿאַל פֿאַראַדירט אַלס ליבעראַלן, און האָט געטריי זיין נאַטור ניט געקענט זיין אַגרעסיוו. אויסער דעם, איז די גאַנצע עקאָנאָמישע סטרוקטור פֿון לאַנד ניט געווען צוגעפּאַסט צום וואוקס פֿון אַ מיטל־קלאַס, ווי די דאָזיקע אידן זיינען געווען צוגעוואוינט אין די אַלטע גלות־לענדער, פֿון וואַנען זיי זיינען געקומען.

די דאָזיקע אַלע סיבות האָבן געבראַכט מיט זיך אַ שטענדיקע פֿאַר־קלענערונג פֿון איינפֿלוס און כּוח פֿון מיטלקלאַס און דעם כּסדרדיקן וואוקס און אַנטוויקלונג פֿון דער הסתדרות אין ישוב און אין די פֿאַרשידענע אינסטיטוציעס פֿון נייעם ארץ־ישראל. די הסתדרות האָט אַרויסבאַוויזן אַ שטענדיקן אָנהאַלטנדיקן וואוקס, וואָס איז געשען ניט נאָר אין די יאָרן פֿון גרויסער אַרבעטער־אימיגראַציע, ווי אין די לעצטע 20ער און ערשטע 30ער יאָרן, נאָר אַפֿילו אין פּעריאָד, ווען די אימיגראַנטן זיינען באַשטאַנען מערסטנס פֿון מיטלשטאַנד, אַריינקומענדיק אין לאַנד אַלס „קאַפּיטאַליסטן" אין די יאָרן פֿון דער פֿערטער עליה, אין 1925־29.

מען דאַרף דערפֿון מאַכן דעם אויספֿיר, אַז די סאָציאַלע און עקאָנאָמישע אידעאַלן פֿון אַרבעטער־ציוניזם, ווי זיי זײַנען געוואָרן רעאַליזירט אין טאָג־טעגלעכן לעבן פֿון לאַנד, האָבן צוגעצויגן צו זיך די בעסטע עלעמענטן פֿון נײַעם ישוב, אַנטוויקלענדיק אים אין דער ריכטונג פֿון אַן אַרבעטער־קאָמאָנוועלט.

די הסתדרות האָט געוואונען וויכטיקע פּאָזיציעס אויף אַלע געביטן פֿון מענטשלעכער טעטיקייט פֿון אַ פּיאָנעריש־קעמפֿנדיקער געזעלשאַפֿט. דער עקאָנאָמישער כּוח פֿון דער הסתדרות איז כּסדר געוואַקסן אויף אַלע פֿעלדער פֿון לאַנדווירטשאַפֿט, אינדוסטריע, האַנדל, באַנק־וועזן און בויבאַוועגונג, בילדנדיק אַ וואונדערבאַרן ביישטייער צום אויפֿבוי פֿון אַ סאָציאַליסטישן שטאַט. דער דאָזיקער אַרטיקל וועט זיך, אָבער, נאָר באַגרעניצן צו די סאָציאַלע אײַנפֿלוסן פֿון דער הסתדרות אויפֿן ישוב, ווי ער קומט צום אויסדרוק אין דעם אײַנפֿלוס אויף דער **אסיפֿת־הנבחרים — דעם** פּאַרלאַמענט פֿון ארץ־ישׂראלדיקן אידנטום, אויף די געביטן פֿון געזונטהייט, דערציאונג, און אויף די מלחמה־אַקטיוויטעטן פֿון ארץ־ישׂראלדיקן ישוב.

2

אסיפֿת־הנבחרים

די אסיפֿת הנבחרים, די אויסגעווײלטע קערפּערשאַפֿט פֿון ארץ־ישׂראלדיקן אידנטום, וואָס איז אָפֿיציעל באַקאַנט אונטערן נאָמען „כּנסת־ישׂראל", און איז די העכסטע דעמאָקראַטישע אינסטיטוציע פֿון די אידן אין ארץ־ישׂראל, האָט באַגרענעצטע רעגירונגס־רעכט און אַ גרויסע צאָל פֿון רעגירונגס־אויפֿגאַבן, ווי דערציאונג, געזונטהייט, רעליגיעזע אינסטיטוציעס, סאָציאַלע אַרבעט, קולטור־אַקטיוויטעטן, אאַ"וו. די אָרגאַניזאַציע, פֿונקציעס, און די געזעצגעבערישע רעכט פֿון דער כּנסת־ישׂראל — איז אַ געשיכטע פֿאַר זיך. דאָ ווילן מיר זיך נאָר אָפּשטעלן אויף דעם אָנטייל פֿון דער הסתדרות אין איר אַרבעט און אונטערשטרײַכן איר פֿירנדיקן אײַנפֿלוס אויפֿן לעבן פֿון ישוב.

אַ שווערן קאַמף האָט די הסתדרות אָנגעפֿירט פֿאַר אַ לאַנגער צײַט פֿאַר דער רעכט פֿון די פֿרויען צו שטימען צו דער אסיפֿת־הנבחרים און צו ווערן אויסגעווײלט. אַלע רעאַקציאָנערע כּוחות אין ישוב האָבן זיך פֿאַראייניקט אין קאַמף קעגן וואַל־רעכט פֿון די פֿרויען, אָבער די הסתדרות האָט מוטיק און עקשנותדיק דורכגעפֿירט דעם **קאַמף ביז צו אַ** פֿולשטענדיקן נצחון און דערגרייכט די פֿולע גלייכהייט פֿון די געשלעכטער אין דעם נײַעם ישוב.

אַ ווייטערדיקן שווערן קאַמף האָט די הסתדרות געפירט, אַז דער ארץ־ישראלדיקער אידישער פּאַרלאַמענט זאָל זיך אַנטוויקלען אין דער ריכטונג, ווי בן־גוריון האָט עס ריכטיק באַצייכנט, וואָס „זאָל זיין אין איינקלאַנג מיט דער אייגנאַרטיקערווירקלעכקייט פון אידישן לעבן אין לאַנד, מיט די נאַציאָנאַלע צילן פון ישוב, מיט דער אַלגעמיינער אינטער־נאַציאָנאַלער פּאָליטישער לאַגע פון ארץ־ישראל". די גרונט־פאָדערונגען פון דער הסתדרות זיינען געווען, אַז דאָס טעריטאָריעלע קעמערל פון דער כנסת־ישראל זאָל קאָמבינירן און פאַראייניקן אין זיך מוניציפּאַלע און קאָמונאַלע פונקציעס. די כנסת־ישראל זאָל עווענטועל ווערן די אויבערשטע אָרגאַניזאַציע פון אַלע ריין־אידישע שטעט און דערפער און זאָל פירן איר טעטיקייט דורך מוניציפּאַלע אינסטיטוציעס און ניט דורך דער קהילות אָרגאַניזאַציע — דעם ועד הקהילה, מיט זיינע באַגרענעצטע רעכט. דער דאָזיקער קאַמף איז נאָר געוואָרן טיילוייז געוואונען, אָבער דער שטאַנדפּונקט פון דער הסתדרות שלאָגט זיך אַלץ מערער דורך מיט דעם ווייטערדיקן וואוקס און אַנטוויקלונג פון ישוב.

דער איינפלוס פון דער הסתדרות ווערט בולט, ווען מיר באַקענען זיך מיטן כסדרדיקן וואוקס פון דער אַרבעטער־רעפּרעזענטאַנץ אין דער אסיפת־הנבחרים.

אין דער ערשטער אסיפת־הנבחרים, וואָס איז געוואָרן אויסגעוויילט דעם 19טן אַפּריל, 1920, האָט די אַרבעטער־באַוועגונג באַקומען 111 פון 314 דעלעגאַטן, (דערפון די אחדות־העבודה 70, און דער הפועל הצעיר 41 דעלעגאַטן), דאָס מיינט 35 פּראָצ. אין דער צווייטער אסיפת־הנבחרים, וואָס איז געוואָרן אויסגעוויילט דעם 19טן כסלו, תרפ"ו (דעצעמבער, 1925), האָט די הסתדרות באַקומען 84 דעלעגאַטן פון 211 — 38 פּראָצענט (אחדות־העבודה 54, און הפועל הצעיר — 30). אין דער דריטער אסיפת־הנבחרים (כנסת־ישראל), וואָס איז געוואָרן אויסגעוויילט דעם 5טן יאַנואַר, 1931, האָט די הסתדרות באַקומען 34 פון 71 דעלעגאַטן — 48 פּראָצענט (מפא"י 27; פּועלי־ציון 1; באָראָכאָוו־גרופּע 2; השומר הצעיר 1; ספרדישע אַרבעטער 4).

ביי די פערטע וואַלן, וואָס זיינען פאָרגעקומען דעם 1טן אויגוסט, 1944, האָט די הסתדרות באַקומען 103 דעלעגאַטן פון 171, וואָס בילדעט איבער 60 פּראָצענט (די מפא"י 63; דער לינקער פּראָנט — אַ געמיינזאַמע ליסטע פון „השומר הצעיר" און לינקע פּועלי־ציון — 21; תנועת אחדות־העבודה — 16; דער „העובד הציוני" — 3).

דער וואוקס פון דער הסתדרות אין די וואַלן צו דער אסיפת־הנבחרים ווערט אילוסטרירט אין דער פאָלגענדיקער טאַבעלע:

צאָל פֿון אַרבעטער־פֿאַרשטייער אין דער אסיפת־הנבחרים:
(אין פּראָצענטער)

יאָר	פּראָצענט
1920	35
1925	38
1931	48
1944	60

מיטן וואוקס פֿון דער צאָל אַרבעטער־פֿאַרשטייער איז אויך געוואַקסן דער איינפֿלוס פֿון דער אַרבעטערשאַפֿט אין דער אָנפֿירונג און אין דער אַד־מיניסטראַציע, ווי אין דער אַנטוויקלונג פֿון דער אָרגאַניזאַציע פֿון דער כּנסת ישראל. די סאָציאַלע אידייען פֿון דער הסתּדרות זיינען אַזוי אַרום געוואָרן אַלץ מער איינפֿלוסרייך אין ישוב און זיינען געקומען צום אויסדרוק אין פֿיל באַשלוסן, אָנגענומען דורך דער אסיפת־הנבחרים.

3
קופּת־חולים

אַן אינסטיטוציע, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסן איינפֿלוס אויפֿן וואוקס פֿון גאַנצן ישוב און אויף זיין וואוילשטאַנד, איז אַן צווייפֿל די קופּת־חולים פֿון דער הסתּדרות. הגם די ערשטע און הויפּט־פֿונקציע פֿון דער קופּת־חולים איז געווען און איז צו געבן קראַנקן־בענעפֿיט צו די אַרבע־טער, גרייכן אירע סאָציאַלע אויסווירקונגען און די רעזולטאַטן פֿון איר אַנטוויקלונג ווייט אַריבער די גרענעצן פֿון אַ קראַנקן־בענעפֿיט־פֿאָנד. די וויכטיקע פֿאַקטן וועלן אונז העלפֿן געבן אַ פֿולע אָפּשאַצונג פֿון דער גרויסער וויכטיקייט פֿון קופּת־חולים.

די קופּת־חולים איז די גרעסטע עפֿנטלעכע מעדיצינישע געזונטהייטס אינסטיטוציע אין ארץ־ישראל, וואָס שטייגט אַריבער ווייט, סיי אין איר אַקטיוויטעט און סיי אין אירע אויסגאַבן, אַלע אַנדערע עפֿנטלעכע מעדי־צינישע און געזונטהייטס־אָרגאַניזאַציעס אין לאַנד. אין יאָר תּש״ג האָט, למשל, די אויסגאַבע פֿון דער „הדסה״ פֿאַר געזונדהייטס־צוועקן אין ארץ־ישראל באַטראָפֿן 150,738 פֿונט, אין דער זעלבער צייט האָט די קופּת־חולים אויסגעגעבן 503,280 פֿונט. אַלע אויסגאַבן פֿון די אידישע עפֿנט־לעכע געזונטהייטס־אינסטיטוציעס, איינשליסנדיק דעם שטאָטישן שפּיטאָל פֿון תּל־אביב און דעם „הדסה״־שפּיטאָל פֿון דער אידישער קהילה אין חיפֿה, האָבן באַטראָפֿן 868,881 פֿונט. די קופּת־חולים האָט, אַלזאָ, אויס־געגעבן 58 פּראָצענט פֿון אַלע אויסגאַבן פֿאַר געזונטהייטס־צוועקן פֿון גאַנצן ישוב, דאָס מיינט אין פּשוטע ווערטער, אַז דער ניווא פֿון געזונט־

הייט און מעדיצינישער הילף פֿון דער „קופּת־חולים" איז באַדייטנד העכער און איז פֿאַראַנטוואָרטלעך אין אַ גרויסער מאָס פֿאַרן ניוואָ פֿון געזונט און וואוילשטאַנד פֿון גאַנצן ישוב.

אין 1944 האָט די קופּת־חולים באַדינט 251,600 נפשות, וואָס בילדעט קרוב 43 פּראָצענט פֿון דער אידישער באַפֿעלקערונג פֿון לאַנד (אָננעמענדיק, אַז איר צאָל באַטרעפֿט 600,000).

די אינסטיטוציעס פֿון דער קופּת־חולים שליסן איין אַלגעמיינע קליניקס, דענטיסטישע קאַבינעטן, וויזיטן פֿון דאָקטוירים און קראַנקן־שוועסטער, שפּיטעלער, לאַבאָראַטאָריעס און אַפּטייקן, שולן פֿאַר קראַנקן־שוועסטער און פֿלעגערינס, סאַנאַטאָריעס, היימען פֿאַר אומהיילבאַרע און דער־האָלונגס־צענטערן, קליניקס פֿאַר קימפּעטאָרינס, שפּיטעלער פֿאַר געווינערינס און היימען פֿאַר מאַמע און קינד.

די קופּת־חולים האָט 266 אַנשטאַלטן מיט אַ סטעף פֿון 418 דאָקטוירים. דורכשניטלעך באַטרעפֿט די צאָל טעגלעכע באַזוכן אין די אַנשטאַלטן ביי 7,250. פֿון אַ מיליאָן און 14 טויזנט פֿונט — דער בודזשעט פֿון דער קופּת־חולים אין 1944, האָבן די אַרבעטער אַליין געדעקט 955,000 פֿונט. די רעגירונג און די שטאָט־ראָטן האָבן זיך כמעט ניט באַטייליקט אין בודזשעט.

אַדאַנק דער קופּת־חולים, איר איינפֿלוס און אינסטרומענטאַלער ווירקונג, ווערט אַלץ מערער רעאַליזירט די סאָציאַליזאַציע פֿון דער מעדיצין אין ארץ־ישראל.

4
דערציאונג

די הסתדרות האָט געפֿילט, אַז כדי צו דערציען דעם יונגן דור אין גייסט פֿון די פּרינציפּן, אידעאַלן און צילן פֿון דער אַרבעטער־באַוועגונג, מוז זי האָבן איר אייגענעם שול־סיסטעם, וואָס זאָל, אויסער די אַלגעמיינע לימודים, ליטעראַטור און געשיכטע פֿון די אידן, אאַ"וו, אויך באַקענען דעם נייעם דור מיט די גרונט־פּרינציפּן פֿון אַרבעטער־ציוניזם און שאַפֿן אַן אַטמאָספֿער פֿון דער פֿרייער אַנטוויקלונג פֿון די אינדיווידועלע און שעפֿערישע פֿייאיקייטן פֿון קינד. דער קאַמף פֿאַר דערגרייכן דעם דאָזיקן ציל איז געווען שווער און קאָמפּליצירט. ער איז געווען פֿאַרבונדן מיט פֿראַגן פֿון פּערסאָנאַל, אויסשטאַטונג און פֿינאַנציעלע מיטלען, אָבער די איבערגעגעבענע, אידעאַליסטישע לערער און שול־טוער פֿון דער הסתדרות האָבן באַוויזן גובר צו זיין אַלע שוועריקייטן און ס'איז געוואָרן אָרגאַניזירט די שול־סיסטעם פֿון דער הסתדרות, וואָס בילדעט אַן אויטאָנאָמע גאַנצקייט אינערהאַלב דער ראַם פֿון דערציאונגס־דעפּאַרטמענט פֿון ועד־הלאומי.

דער שול־סיסטעם שליסט איין קינדער־גערטנער, פֿאָלקס־שולן, מיטל־ און הויך־שולן. די נעץ פֿון שולן פֿון דער הסתדרות שטעלט מיט זיך פֿאַר דעם פֿאָרגעשריטנסטן און פּראָגרעסיווסטן טיפּ אין ארץ־ישראלדיקן שול־וועזן, סיי אין אירע מעטאָדן, און סיי אין אירע צילן. די שולן פֿון דער הסתדרות זיינען דערפֿאַר געוואָרן וויכטיק ניט נאָר אַן און פֿאַר זיך, נאָר אויך אַלס קוואַל פֿון אינספּיראַציע און אָנרעגנדיקן ביישפּיל פֿאַרן גאַנצן אידישן דערציאונגס־סיסטעם.

דעם לעצטן יאָר האָבן געלערנט אין די קינדער־גערטנער פֿון דער הסתדרות 4,467 קינדער, וואָס בילדן 40 פּראָצענט פֿון אַלע קינדער אין די קינדער־גערטנער פֿון ישוב. צוזאַמען לערנען אין די הסתדרותישע שול־אַנשטאַלטן איבער 22.000 שילער. דער לערער־סטעף ציילט 850 פּער־זאָן. דער בודזשעט באַטרעפֿט 300,000 פֿונט.

די הסתדרות האָט פֿאַרשטאַנען פֿון דער ערשטער רגע אָן די וויכטי־קייט פֿון דערציען דערוואַקסענע, סיי אַלס קוואַל פֿון אַנטוויקלונג פֿון דער אידעאָלאָגיע פֿון דער אַרבעטער־באַוועגונג, און סיי צו געבן אַ שטויס די אַרבעטער פֿאַר ווייטערדיקער זעלבסט־אַנטוויקלונג אויף אַלע געביטן פֿון מענטשלעכן וויסן, ניט פֿאַרגעסנדיק זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, די וויכטיקייט פֿון דערציאונג אַלס אַ מיטל פֿאַר דער פֿאַרבעסערונג פֿון דער עקאָנאָמישער לאַגע.

די אַקטיוויטעטן פֿון די לאָקאַלע און די צענטראַלע קולטור־קאָ־מיסיעס ביים ועד־הפועל פֿון דער הסתדרות, זיינען שוין לאַנג גע־וואָרן וויכטיקע באַשטאַנד־טיילן פֿון דער דערציערישער און קולטורע־לער סטרוקטור פֿון ישוב. די אויפֿטוען פֿון די דאָזיקע קאָמיטעטן זיי־נען ניט געוואָרן באַגרענעצט צו סאָציאַליסטישער אידעאָלאָגיע און צו דער געשיכטע פֿון דער אַרבעטער־באַוועגונג, אָן וועלכער די הסתדרות האָט ניט געקענט וואַקסן און זיך אַנטוויקלען, נאָר האָבן אויך איינגע־שלאָסן אַלגעמיינע דערציערישע און קולטורעלע אַספּעקטן און אַזוי אַרום זיינען זיי געוואָרן צענטערן פֿון דערציאונג און וויסן פֿאַר די ברייטע מאַסן, באַאיינפֿלוסנדיק אין אַ ניט קליינער מאָס די סאָציאַלע סטרוק־טור און אָרגאַניזאַציע פֿון ישוב.

די הסתדרות האָט אויף זיך גענומען די אויפֿגאַבע צו פֿאַרטיפֿן אין די קבוצות און קיבוצים, אין די קאָלאָניעס און מושבים, ווי צווישן אי־רע מיטגלידער אין די שטעט, דעם אינטערעס פֿאַר קונסט, בילדונג און וויסן.

דאָס אַרבעטער טעאַטער „אוהל" האָט אין משך פֿון לעצטן יאָר דורכ־געפֿירט 310 פֿאָרשטעלונגען מיט 209,000 באַזוכער, דערפֿון זיינען געווען 195 פֿאָרשטעלונגען אין שטעט און 115 אין די אַרבעטער־דערפֿער. די

וויכטיקסטע פֿאַרשטעלונגען זיינען געווען: 1) פֿאַר וועמען די גלעקער קלינגען; 2) אין די וועלדער פֿון פּוילן; 3) קאַלכאַז פֿון פּרויעז. דער רעפּערטואַר פֿון „אוהל" נעמט אַרום 50 פּיעסן.

דער פֿאַרלאַג „עם עובד" האָט שוין ביז איצט פֿאַרעפֿנטלעכט הונ־דערטער גרעסערע און קלענערע ביכער. זיי נעמען אַרום די פֿאַרשידנסטע צווייגן פֿון ליטעראַטור און וויסן, ווי עס ווייזט דער נאָמען איז דער פֿאַרלאַג באַשטימט פֿאַר אַ נאַציע פֿון אַרבעטער, ווי ס'האָט עס פֿאָרמולירט דער פֿאַרשטאַרבענער בערל קאַצענעלסאָן, וועלכער איז געווען סיי דער איני־ציאַטאָר פֿון פֿאַרלאַג, און סיי זיין לעבעדיקער גייסט.

אין לעצטן יאָר האָט די צענטראַלע קולטור־קאָמיסיע פֿון דער הסתּדרות געמאַכט אַן אינטערעסאַנטן פּרואוו אָרגאַניזירנדיק יערלעכע קורסן פֿון די מיטגלידער פֿון סטעף פֿון ירושלימער אוניווערסיטעט אין פֿאַרשידענע אַרבעטער־ישובים. עס איז געוואָרן געלערנט ביאָלאָגיע, כע־מיע, באָטאַניק און מעטעאָראָלאָגיע. די דאָזיקע קורסן זיינען ניט געווען קיין צופֿעליקע לעקציעס, נאָר אמתע אוניווערסיטעט־קורסן מיט דער אַק־טיווער באַטייליקונג פֿון די סטודענטן. צום סוף פֿון יאָר איז געוואָרן אָפּ־געהאַלטן אַ קאָנפֿערענץ פֿון צענטראַלן קולטור־קאָמיטעט ביי דער הסתּדרות, דעם קאָמיטעט פֿאַר דערציאונג פֿון דערוואַקסענע ביי דער אוני־ווערסיטעט, פֿאַרשטייער פֿון די לאָקאַלע קולטור־קאָמיטעטן און די סטו־דענטן אַליין. די קאָנפֿערענץ איז פֿאַרגעקומען אין ירושלים. ס'איז גע־וואָרן אויסגעדריקט גרויס צופֿרידנקייט מיט די רעזולטאַטן פֿון עקספּערי־מענט און ס'איז געוואָרן אויסגעאַרבעט אַ ברייטערער פּלאַן וועגן פֿאַרגרע־סערן, סיי די לימודים און סיי די צאָל שילער אין קומענדיקן יאָר. לעק־ציעס איבער פּאָליטישע, אַקאַדעמישע און קולטור־ליטעראַרישע טעמעס זיי־נען דורכגעפֿירט געוואָרן דורכן צענטראַלן קולטור־קאָמיטעט איבערן גאַנצן לאַנד און זייער צאָל האָט דערגרייכט איבער 1500.

ס'איז ניט שווער צו פֿאַרשטיין וואָס פֿאַר אַ גרויסע ווירקונג עס האָט געהאַט די דאָזיקע ברייטע קולטור־ און דערציאונגס־אַרבעט אויף דער סאָציאַלער סטרוקטור פֿון ישוב און אויפֿן קולטורעלן כאַראַקטער פֿון לאַנד.

5
מלחמה־אַקטיוויטעטן

די הסתּדרות האָט פֿאַרשטאַנען פֿון דער ערשטער רגע אָן די וויכ־טיקייט פֿון באַטייליקן זיך אַקטיוו אין קאַמף פֿון די דעמאָקראַטיעס קעגן היטלעריזם און האָט אויפֿגעפֿאָדערט אירע מיטגלידער צו וואָ־לונטירן אין דער בריטישער אַרמיי. טראָץ דעם, וואָס צוליבן קריג איז שטאַרק געוואַקסן די נאָכפֿראַגע אויף שפּייז־מיטלען, סיי מצד דער

אַרטיקער באַפעלקערונג, און סיי מצד די אַרמיי־כּוחות, און די לאַנדווירט־שאַפטלעכע ישובים פון דער הסתדרות האָבן ניט געקענט אָפּשפּאָרן קיין מענטשן פאַר דער מאָביליזאַציע, האָבן זיי אָבער פאַרשטאַנען די גרויסע וויכטיקייט פון אויסבילדן אידישע קאַמפּס־כּוחות, און עס האָבן זיך מאָביליזירט אין דער אַרמיי פיל יונגע מענער און פרויען, ווי פיל טאַטעס פון פאַמיליעס. די הסתדרות האָט געגעבן איבער 50 פּראָצענט פון אַלע וואָלונטערן. 12,000 הסתדרות־מיטגלידער האָבן זיך מאָביליזירט פאַר דער אַרמיי, 4,500 אין די לאָקאַלע זיכערהייטס־כּוחות און 1500 אין די פרויען־אָפּטיילונגען. די דאָזיקע מאָביליזירטע מענער און פרויען שטעלן מיט זיך פאָר 16 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער מיטגלידערשאַפט פון דער הס־תדרות, און 32 פּראָצענט פון דער עלטער־גרופּע פון 21—25 יאָר, אַ פּראָצענט מיט וואָס עס קען זיך ניט באַרימען קיין שום אַנדער גרופּע אין ישוב פון זעלבן עלטער.

די וואָלונטיר־אַקציע איז געוואָרן דורכגעפירט, ניט קוקנדיק אויף די ערנסטע שטערונגען מצד דער רעגירונג און ניט קוקנדיק אויף דעם אָפּזאָג פון דער בריטישער רעגירונג צו אָרגאַניזירן די אידישע פריי־וויליקע אין אַ אידישער אַרמיי. די הסתדרות האָט צוזאַמען מיט די אַנ־דערע טיילן פון ישוב געפירט אַ פאַרביטערטן קאַמף קודם־כּל צו אָנער־קענען די אידישע איינהייטן און שפּעטער פאַר דער שאַפונג פון אַ אידישער אַרמיי. דער דאָזיקער קאַמף איז טיילווייז געוואונען געוואָרן, ווען ס'איז אין סעפּטעמבער, 1944, געשאַפן געוואָרן די אידישע בריגאַדע. זאָל דאָ ווערן דערמאָנט, אַז דער פאַרשטאָרבענער אליהו גאָלאָמב האָט אָנגעפירט מיט דער רעקרוטיר־אַקציע און איז געווען דער פירער פון דער „הגנה" און די מיליטערישע כּוחות פון ישוב.

וועגן די אָנשטרענגונגען פון דער הסתדרות צו ראַטעווען אידן פון די נאַצי־אָקופּירטע לענדער אין אייראָפּע קען מען נאָך איצט פיל ניט דער־ציילן. פיל פון די געוואַגטע פּרואוון פון דער הסתדרות זיינען געווען פון אַ מיליטערישן כאַראַקטער און זיינען געהאַלטן געוואָרן געהיים אין משך פון קריג. פיל העראָאישע מיסיעס זיינען דורכגעפירט געוואָרן דורך מיט־גלידער פון דער הסתדרות מיטן צוועק צו ברענגען גרוסן און הילף צו די אידישע ישובים אין אייראָפּע. פיל פון די דאָזיקע שליחים פון האָ־פענונג איז קיין מאָל ניט געלונגען דורכצופירן זייער אויפגאַבע, ווייל זיי זיינען געכאַפּט געוואָרן דורך די נאַציס און געוואָרן דערשאָסן. אָבער פיל פון זיי האָבן דערגרייכט זייער ציל און זיי האָבן געבראַכט די אידן אין די געטאָס ניט נאָר האָפענונג און הילף, נאָר האָבן אויך באַוויזן צו ראַ־טעווען אַ גרויסע צאָל פון יחידים און פאַמיליעס. אַ גרעסערע צאָל שליחים פון דער הסתדרות זיינען געוואָרן אַראָפּגעוואָרפן פון עראָפּלאַנען דורך

פֿאַראַשוטן און זיי האָבן דורכגעפֿירט מיליטערישע דינסטן פֿאַר די אַר־מייען פֿון די עליִיס. די פֿולע געשיכטע פֿון די העראָאישע טאַטן וועט נאָך אַמאָל ווערן געשריבן.

די הסתדרות האָט זיך אויך זייער אַקטיוו באַטייליקט אין דער פֿי־נאַנציעלער הילף פֿאַר דער דאָזיקער רעטונגס־אַרבעט. פֿון אַ סכום פֿון 1,750,000 פֿונט (ביי $7,000,000) וואָס דאָס אידישע ארץ־ישראל האָט גע־זאַמלט ביז יאַנואַר, 1945, פֿאַר דעם קריגס־נויט־פֿאָנד, האָבן די מיטגלי־דער פֿון דער הסתדרות בייגעשטייערט איבער 35 פּראָצענט.

מיר מעגן צום סוף מאַכן דעם אויספֿיר, אַז די הסתדרות באַאיינפֿלוסט דורך איר טאָג־טעגלעכער אַרבעט אין לאַנד די סאָציאַלע סטרוקטור פֿון ישוב און זי פֿאָרמט איר אויס אין איר גייסט, אויפֿבויענדיק די אַרבעטער־קאָמאָנוועלט אין ארץ־ישראל.

ל. שפּיזמאַן

דער וואוקס און אַנטוויקלונג פֿון דער הסתדרות

די הסתדרות פֿייערט איצט אַ פֿערטל יאָרהונדערט פֿון איר עקזיסטענץ. דאָס זיינען געווען 25 יאָר פֿון גרויסע איבערקערענישן אין אידישן לעבן. די יאָרן צווישן ערשטן און צווייטן וועלט־קריג זיינען געווען יאָרן פֿון גרויסע דערגרייכונגען, אָבער אויך פֿון פֿיל אילוזיעס און צעטראָטענע האָפֿענונגען, סיי אין דער אינטערנאַציאָנאַלער און סיי אין דער אידישער וועלט. דאָס אידישע פֿאָלק האָט דורכגעמאַכט די גרעסטע קאַטאַסטראָפֿע אין זיין געשיכטע. קיינער פֿון אונז האָט זיך ניט געקענט פֿאָרשטעלן, אַז דאָס, וואָס עס האָבן פֿאָראויסגעזאָגט די אַפּאָסטאָלן פֿון ציוניזם, י. ל. פּינסקער, ליליענבלום, הערצל א. אַ. וועט מקוים ווערן אין אַ טויזנט־פֿאַכער פֿאַרשטאַרקטער מאָס. און דאָס אימהדיקסטע — אויך נאָכן פֿאַר־ניכטן דעם נאַציזם, איז ווייטער געבליבן דער נאַצי־סם טיף פֿאַרוואָרצלט אין דער נשמה פֿון מיליאָנען מענטשן.די אַנטיסעמיטישע עקסצעסן נאָכן זיג איבערן נאַציזם אין לענדער ווי פּוילן, סלאָוואַקיע, אַרגענטינע, און אין אַ לאַנד ווי טריפּאָליס, וואו איבער טויזנט יאָר האָבן אידן געלעבט מיט אַראַבער אין די פֿרידלעכסטע באַציאונגען, באַווייזן נאָכאַמאָל — אויב ס'איז נאָך נויטיק צו באַווייזן — ווי ס'איז טויזנט מאָל אמת אונזער ציוניסטישער וועג פֿאַר לייזן די אידן־פֿראַגע. ארץ ישראל איז געבליבן די איינציקע האָפֿענונג פֿון אידישן פֿאָלק, און מיר קוקן זיך אויס די אויגן אויפֿן טאָג, ווען דער „אוד מוצל באש" (די האָלאָוועשקע, געראַטעוועט פֿון פֿייער), וועט נאָך אָנצינדן דאָס גרויסע ליכט פֿאַר דער גאַנצער אידישער וועלט.

די אייפּעריקסטע ציון־טרוימער און קעמפּער אין אונזער היימלאַנד, פאַראייניקט אין דער הסתדרות, שטייען איצט, נאָך 25 יאָר טעטיקייט, אין סאַמע צענטער פון אידישן וועלט־אינטערעס. זיי זיינען דער פעלז, אויף וועלכן עס וועט זיך אויפהויבן דער טעמפּל פון דער פרייער אידישער צוקונפט. די אידישע אַרבעטער פון ארץ־ישראל פילן מיט אַלע פיבערן פון זייער נשמה, אַז אויף זייערע פּלייצעס האָט דער שר פון דער אידישער געשיכטע אַרויפגעלייגט אַזאַ היסטאָרישע מיסיע, וואָס איז אפשר איינציק־אַרטיק אין דער גאַנצער וועלט. ביאַליק האָט עס פאָרמולירט אין אַ פּאָר האַרציק־פשוטע ווערטער: „איך גלויב באמונה שלמה, אַז אין דער גאַנ־צער ברייטער וועלט איז נישטאָ קיין איין ווינקל, וואָס זיינע בויער און שעפער זיינען ענלעך צו די פון ארץ־ישראל". בערל קאַצענעלסאָנס זאָג, אַז „די אידישע אַרבעטער־באַוועגונג אין א״י האָט ניט צו זיך קיין גלייכן אין דער גאַנצער וועלט. איך גלויב מיטן גאַנצן האַרצן, אַז אונזער באַ־וועגונג איז געשאַפן געוואָרן פאַר גרויסע מעשים" איבערצייגט מיט דער קראַפט פון אמת און פינקלט מיט דעם חן פון טיפן גלויבן אין באַחרית הימים פון אַ פרייער אידישער אַרבעטס־נאַציע אויף באַפרייטער ערד.

די הסתדרות האָט זיך אַנטפּלעקט אַלס דער אינגסטער נס אין דער אידישער געשיכטע, וואָס איז רייך אין נסים פון עקשנות און „אף־על־פּי־כן". פון ענטוזיאַזם־וועקנדיקן וואָרט „במה מדליקין" אויף דער גרינ־דונגס־קאָנפערענץ פון דער הסתדרות אין חנוכה, 1920, — אין חיפה, האָבן ווירקלעך זיך אָנגעצונדן פייערן פון אמונה און גאולה אין הערצער פון פיל הונדערטער טויזנטער אין אַלע טיילן פון דער אידישער וועלט, וואָס ציען זיך צו דער הסתדרות מיט דאַנקבאַרקייט און זעליקן געפיל, אַז זיי זיינען פון דער וייטנס שטיקלעך מיט־שותפים אין גרויסן ווערק, כאָטש וואַסער־שעפער און האָלץ־העקער אין דער הייליקער עבודה פון אידישער באַפרייאונג.

... און ווילן מיר זיך דערגרונטעווען צום ערשטן אָנהויב פון גע־עפנטן קוואַל פון ברכה און גאולה־מעשים; ווילן מיר נאָכגיין דעם דאָ־זיקן חלוציש־באַגייענדיקן שטראָם אין אידישן לעבן און זיך איינהערן צו זיין אָנהויב, דאָרטן, וואו עס האָט אָנגעהויבן שפרודלען דער וואַסער־קוואַל פון אידישער גבורה — טאָ לאָמיר זיך איינהערן אין די ווערטער פון בערל קאַצענעלסאָן, אַרויסגעבראַכט נאָך אין 1918 אויפן 7טן צוזאַמענפאָר פון די לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער אין זיין רעדע „לקראת הימים הבאים" (די קומענדיקע טעג — אַנטקעגן).

„דער אַרבעטער האָט זיך אויף אַן אייגנאַרטיקן אופן באַהעפט מיט דער גאולה־שליחות. די לעבנס־לערע און דער אידעאַל זיינען ביי אים פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פּערזענלעך לעבנס־ווערק. זיין אַרבעט, זיין

פֿאַרגאַנגענהייט, זיינע דערפֿאַרונגען און אויך זיינע מפּלות זיינען די טרעפּ אויף וועלכע ער שטייגט אַרויף און פֿון וועלכע ער קוקט צו דער צוקונפֿט, זיין צוקונפֿט, די צוקונפֿט פֿון פֿאָלק. זיין אַרבעט איז פֿאַר אים געוואָרן דער מקור פֿון באַדערפֿענישן, אידייען, אַפּשאַצונגען. פֿון דער טאָג־טעגלעכער אַרבעטס־אַקטיוויטעט איז אַרויסגעוואַקסן דער אַקטיוויזם פֿון זיינע באַגערן און פֿאָדערונגען, דער אַקטיוויזם פֿון געזעלשאַפֿטלעכן ווילן. און דער געזעלשאַפֿטלעכער ווילן אַנטפּלעקט זיך פֿון דאָס ניי אין דער טאָג־טעגלעכער אַרבעט, שפּייזט זי און דערהויבט זי. די זעלבסט־דערקענטניש פֿון דעם יחיד אָדער פֿון דעם קיבוץ טראָגט אין זיך ניט נאָר קריטיק און חרטה, נאָר אויך גלויבן און בטחון, די אָפּשאַצונג פֿון ווילנס און כּוחות. אויך אין דער אַרבעט פֿאַרלאָזן אונז ניט די קריטיק און דער זעלבסט־אַנאַליז. מיר האָבן ניט גענוג קראַפֿט צו דערפֿילן אין דער פֿולער מאָס אונזערע פֿאָדערונגען צו זיך אַליין. מיר זיינען געוואוינט שטרענג צו אורטיילן זיך אַליין אין אונזער לעבן״.

„מיר זיינען זייער, זייער ווייט פֿון צופֿרידנקייט. אָבער לאָמיר זיך מודה זיין: פֿאַרמינערט דאָס די עצם זאַך, וואָס דרינגט דורך אונזער גאַנץ לעבן, וואָס באַשעפֿטיקט אונזערע נשמות און אונזערע הענט? וואָס מיר זאָלן וועגן זיך ניט טראַכטן, וויפֿיל מיר זאָלן ניט אויפֿדעקן אונזערע וואונדן, אונזער שוואַכקייט און אונזער צאָל־אָרעמקייט, פֿאַרגעסן מיר ניט און מיר דאַרפֿן ניט פֿאַרגעסן — וואָס ס׳איז איבערגעגעבן געוואָרן אין אונזערע הענט. די פּערזענלעכע, חלוצישע, פּראַקטישע און אַקטיווע טאַט פֿאַר דער טאָג־טעגלעכער פֿאַרווירקלעכונג פֿון ציוניזם אין פּערזענלעכן לעבן, פֿאַר דער שאַפֿונג פֿון אַ פֿרייער אידישער געזעלשאַפֿט, וואָס לעבט פֿון איר אַרבעט — דאָס אַלץ איז אויסגעפֿאַלן אויף אונזער גורל. און דער לעבנס־גורל וואָס מיר האָבן אויסגעקליבן גיט כּוח אַפֿילו דעם אַנמעכטיקן, דירי־זשירט מיט אונזער ווילן און מיט אונזערע מעשים, דערמוטיקט אונזערע הענט און אונזער געדאַנק. ער האָט אונז געגעבן די טרייקייט צו אונזער ווערק און די אידייאישע העזה״.

דאָס איז דער גרויסער כּוח פֿון „דור מיט די אַרבעטס־צעריסענע קליידער״ (ברענער), דער דור פֿון חלוצים־בויער, וואָס פֿאַרבינדט רעאַליזם מיט קדושה, וואָס איז מתקן דאָס אידישע לעבן און מאַכט עס נאָרמאַל, וואָס איז די לעבעדיקע בריק צווישן איד און אידישקייט, צווישן ירושלים של מעלה מיט ירושלים של מטה, צווישן ערד און וואָרצלען און די הימלען פֿון גייסט.

די לעגענדע דערציילט, אַז דער ערשטער מענטש איז באַשאַפֿן געוואָרן פֿון ערד־שטויב, וואָס גאָט האָט צונויפֿגענומען פֿון אַלע טיילן וועלט. די הסתדרות איז באַשאַפֿן געוואָרן פֿון אידישן מענטשן־שטויב פֿון אַלע

טיילן פֿון דער אידישער ערד, פֿון אַלע טיילן וועלט, פֿון אַלע שבטים, גרופּעס און כאַראַקטער־טיפּן פֿון אידישן מענטש. די נייע אידישע געשיכטע, וואָס הויבט אָן געשריבן ווערן אין א״י איז קודם־כּל די געשיכטע פֿון נייעם אידישן מענטש, וואָס הויבט אָן מיט חלוצישער פּיאָנערן־עקשנות אַלץ פֿון דאָס ניי און באַקעמפֿט יעדע דאָגמע און פֿאַרגליווערטן און אָנגענומענעם „אמת״.

די הסתדרות איז — וואָלט איך געזאָגט — דער „אחד״ פֿון מאָדערנעם אידישן מענטש. זי פֿערזאָניפֿיצירט מיט זיך דאָס בעסטע, וואָס דער אידישער שעפֿערישער גייסט האָט אַרויסגעבראַכט. זי שעפּט פֿון די טיפֿסטע קוואַלן פֿון אידישער קולטור, איבערפֿלאַנצנדיק גלייכצייטיק קיין א״י די נייעסטע גייסטיק־עקאָנאָמישע דערגרייכונגען פֿון דער וועלט־קולטור. דער גאַנג פֿון ישראל צו דער וועלט און פֿון דער וועלט צו ישראל קומט אַם בעסטן צום אויסדרוק אין ציוניזם און דערגרייכט זיין העכסטע הויך אין דער הסתדרות — די טרעגערין פֿון ציוניסטישער פֿאַרווירקלעכונג, פֿון פערפֿעקטן ציוניזם, פֿון אידישער גאולה דורך ערד און אַרבעט.

דער כּוח פֿון דער הסתדרות איז דער כּוח פֿון חלוצים־גייסט, וואָס גליט דורך די גאַנצע געשיכטע פֿון נייעם א״י, פֿון די ערשטע חלוצישע אָנהויבן אין די טעג פֿון דער ערשטער עליה, דורך די טאַטן פֿון „השומר״ און טרומפּעלדאָרס באַרג־קלעטערער, דורך תּל־חי, אידישער לעגיאָן, הגנה און די טעג פֿון „חומה ומגדל״ ביז די איצטיקע דערהויבענע טאַטן פֿון עתלית, כּפֿר גלעדי, גבעת חיים, גבעת־אולגה און שפּיים. „גייט קיין חדרה — האָט וויצמאַן אויסגערופֿן נאָך אין 1909 — און קוקט אויף די קברים פֿון די אַרבעטער, וואָס זיינען דאָרט געשטאָרבן. די דאָזיקע אַרבעטער האָבן קיינמאָל ניט געהאַלטן קיין רעדעס אויפֿן ציוניסטישן קאָנגרעס, אָבער זיי האָבן זיך פֿאַרדינט אומשטערבלעכקייט ניט ווייניקער ווי אייניקע פֿון אונזערע גרויסע פֿירער״.

דער הויפּט־קוואַל פֿון כּוח פֿון דער הסתדרות איז דער „אומבאַקאַנטער זעלנער״, דער שטילער בויער און פּאַסטוך פֿון יהודה און גליל, וואָס האָט אין דער סביבה פֿון מדבר און ברייטן סטעפּ דערהערט די שטים פֿון גאָט, די שטים וואָס האָט גערעדט צו משהן — „גיי, באַפֿריי דיין פֿאָלק!״. דער ברענענדיקער סנה פֿון אידן־נויט איז זיין העכסטער אינספּירירנדיקער כּוח און די שאַרפֿע בענקשאַפֿט נאָך אידישער גאולה איז די קראַפֿט, וואָס גיסט מוט אין די אָדערן פֿון פֿריערדיקן געטאָ־איד און פֿאַרוואַנדלט אים אין אַ ווירדיקן יורש פֿון די העלדישע מאַקאַבייער. מיר וועלן, ווי עס האָבן געטאָן אונזערע זיידעס, אָנצינדן אין יובל־טאָג פֿון דער הסתדרות פֿייערן איבער אַלע בערג פֿון אַלוועלטלעכן אידן־לאַנד און אָנזאָגן, ניט

דאָס אָנקומען פֿון אַ נייעם חודש, — נאָר דאָס אויפֿהעלן פֿון אַ נייער תּקופֿה אין דער געשיכטע פֿון איד און וועלט —

די תּקופֿה פֿון חלוצישער אמונה, פֿון „אף־על־פּי־כן", פֿון אידישער פֿרייהייט און גבורה אין אונזער אַלט־נייער היימאַט.

פֿון חיפֿה ביז היינט

די הסתּדרות האָט אין די 25 יאָר דורכגעמאַכט אַ וואונדערבאַרע אַנט־וויקלונג. אין אַנדערע אַרטיקלען אין דעם זאַמל־בוך ווערט דערציילט וועגן דער אַנטוויקלונג פֿון די ווירטשאַפֿטלעכע אינסטיטוציעס פֿון דער הסתּדרות און אירע סאָציאַלע הילפֿס־אַנשטאַלטן, וועגן איר קולטור־דער־ציערישער אַרבעט, וועגן איר וואַקסנדיקער השפּעה אין ישוב און אַז״ו. דאָ וויל איך זיך אָפּשטעלן נאָר אויפֿן אָרגאַניזאַטאָרישן וואוקס פֿון דער הסתּדרות אין דעם יובל־פּעריאָד.

בעת דער גרינדונגס־קאָנפֿערענץ אין חיפֿה אין 1920, האָבן זיך פֿאַר־זאַמלט פֿאָרשטייער פֿון 4433 אַרבעטער אין לאַנד. זינט דאַן האָט די הסתּדרות דורכגעמאַכט אַ כּסדרדיקן באַרג־אַרויף, ווי דאָס באַווייזט די פֿאָלגנדיקע טאַבעלע:

וואוקס פֿון דער הסתּדרות

יאָר	צאָל מיטגלידער (איינשל. פֿרויען)	צאָל נפֿשות	% פֿון איד. אַרב. אין לאַנד
1921	4,450		
1925	10,000		53
1928	22,500		
1930	25,400		74
1932	30,080		76
1934	48,000		74
1936	87,000		76
1938	100,000	149,846	74
1939	108,000	161,951	73
1940	117,000	166,134	74
1942	126,300	190,030	72
1943	133,000	199,629	72.5
1944	139,000	215,000	73
1945	149,852	250,000	74

דעם ערשטן יאַנואַר, 1940, האָט די הסתּדרות נאָר געציילט 109,183 מיטגלידער (אַריינגערעכנט די פֿרויען פֿון מיטגלידער). אין דער צייט פֿון קריג איז, אַלזאָ, די הסתּדרות געוואַקסן מיט 40,669 מיטגלידער. דאָס באַדייט אַ וואוקס פֿון 37 פּראָצענט. פֿון די צוגעקומענע מיטגלידער

זיינען נאָר 15 פּראָצענט נייע עולים. 85 פּראָצענט נייע מיטגלידער באַ־שטייען פֿון דערוואַקסענע און יוגנטלעכע אַרבעטער אין לאַנד, וואָס האָבן ביז איצט ניט געהערט צו דער הסתּדרות.

לויט די ציפֿערן פֿון סטאַטיסטישן ביוראָ פֿון דער הסתּדרות, האָט די צאָל אידישע אַרבעטער אין לאַנד אין 1945 באַטראָפֿן (אָן די פּרויען) ביי 152,000. אין דער הסתּדרות זיינען אָרגאַניזירט 74 פּראָצענט פֿון אַלע אַרבעטער אין לאַנד (אָן די פּרויען). דער גרעסטער פּראָצענט איז אָרגאַ־ניזירט אין דער לאַנדווירטשאַפֿט — 88.3 פּראָצענט; דאַן קומט אינ־דוסטריע און מלאכה — 60.7 פּראָצענט; דער נידעריקסטער פּראָצענט אָרגאַניזירטע אין דער הסתּדרות איז צווישן אַנגעשטעלטע (פּקידים), דאָרט באַטרעפֿט ער נאָר 60 פּראָצענט.

ווען מען רעכנט אַראָפּ די אַרבעטער פֿון די אַרבעטער־דערפֿער, (מושבי־עובדים, קיבוצים און קבוצות) און די 15,000 אַרבעטער, וואָס זיינען באַשעפֿטיקט אין די הסתּדרותישע ווירטשאַפֿטלעכע אַנשטאַלטן, קומט אויס, אַז אין דער פּריוואַטער ווירטשאַפֿט זיינען באַשעפֿטיקט ביי 105,000 אַרבעטער. דערפֿון זיינען אָרגאַניזירט אין דער הסתּדרות 61,750, ד"ה, נאָר 57.9 פּראָצענט.

איבער 40 טויזנט אַרבעטער אין א"י זיינען נאָך ניט אָרגאַניזירט. מען דאַרף רעכענען, אַז קרוב 15,000 זיינען אָנגעשלאָסן אין אָרגאַניזאַציעס מחוץ דער הסתּדרות און 25 טויזנט זיינען בכלל ניט אָרגאַניזירט. די הסתּדרות מאַכט איצט פֿאַרשטאַרקטע באַמיאונגען צו אָרגאַניזירן די לעצטע ניט־אָרגאַניזירטע אַרבעטער אין דער פּריוואַט־קאַפּיטאַליסטישער ווירט־שאַפֿט.

די שטאַרקסטע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, וואָס שטייט מחוץ דער הסתּדרות, איז דער „הפּועל המזרחי", וואָס גיט אָן, אַז ער ציילט איבער 12,000 מיטגלידער. דאַן קומען די „הסתּדרות־פּועלי־אגודת־ישראל" מיט 1,200 מיטגלידער, די „הסתּדרות העובדים הלאומית" (רעוויזיאָניסטן) און די „הסתּדרות העובדים הספרדים". די „הסתּדרות המורים" (דער לע־רער־פֿאַרבאַנד) ציילט איבער 2,000 מיטגלידער. די טענדענץ אין לערער־פֿאַרבאַנד זיך אָנצושליסן אין דער הסתּדרות ווערט דאָרט לעצטנס אַלץ שטאַרקער. לאָמיר נאָך דערמאָנען די „הסתּדרות רפֿואית עברית בא"י", די אָרגאַניזאַציע פֿון אידישע דאָקטוירים מיט איבער 2,000 מיטגלידער, פֿון וועלכע אַ גרויסער טייל געהערן אינדיווידועל צו דער הסתּדרות. עס עק־זיסטירן אויך מחוץ דער הסתּדרות עטלעכע פֿאַרבאַנדן פֿון פּקידים, וואָס זיינען אָנגעשטעלט ביי דער רעגירונג. זיי זיינען געמישטע אָרגאַניזאַציעס פֿון אידן און אַראַבער. פֿיל פֿון זייערע מיטגלידער זיינען אָנגעשלאָסן אינדיווידועל אין דער הסתּדרות.

די חברים פון „הפועל המזרחי" געניסן פון דער מעדיצינישער הילף פון דער קופת־חולים — די קראנקן־קאסע פון דער הסתדרות, אויפן גרונט פון א ספעציעלן אפמאך צווישן ביידע ארגאניזאציעס.

פון קאנפערענץ צו קאנפערענץ

אויף דער ערשטער קאנפערענץ אין 1920 האט די הסתדרות געציילט 4433 מיטגלידער; אויף דער צווייטער קאנפערענץ, אנהויב 1923, האט זי געציילט 8400 מיטגלידער; צו דער דריטער קאנפערענץ אין 1927 האט זי געציילט 22,500 מיטגלידער; בעת דער פערטער קאנפערענץ, וואס איז פארגעקומען אין צוויי סעסיעס (אין פעברואר, 1933, און אין יאנואר, 1934) האט די הסתדרות געציילט (אין 1933) 35,389 מיטגלידער; בעת דער 5טער קאנפערענץ, אין אפריל 1942, האט די הסתדרות געציילט 119,000 מיט־גלידער. צו איר 6טער קאנפערענץ, וואס איז פארגעקומען אין צוויי סע־סיעס, אין נאוועמבער 1944 און אין יאנואר, 1945, איז די הסתדרות גע־קומען מיט קרוב 139,000 מיטגלידער.

די וואונדערלעכע שפראך פון וואוקס און עליה!

די הסתדרות־מיטגלידער אין שטאט און אין דארף

אינטערעסאנט איז די פארטיילונג פון די הסתדרות־מיטגלידער אין שטאט און אין דארף. (די ציפערן זיינען פון 1944, ווען די אלגעמיינע מיטגלידער־צאל האט באטראפן 138,490).

62.3 פראצענט פון די הסתדרות־מיטגלידער האבן זיך געפונען אין די שטעט. זייער גענויע צאל איז געווען — 86,001. פון זיי זיינען געווען 40,756 ארבעטער; 13,215 ארבעטערינס; 26,240 פרויען פון ארבעטער, און 5,790 מיטגלידער פון יוגנט־פארבאנד „הנוער העובד" אין ארבעטס־עלטער.

19.2 פראצענט מיטגלידער האבן זיך געפונען אין די קאלאניעס — 26,551 פערזאן. פון זיי זיינען געווען 13,738 ארבעטער, 3,300 ארבעטע־רינס, 8,433 פרויען פון ארבעטער, און 1,080 יוגנטלעכע אין ארבעטס־עלטער.

18.5 פראצענט מיטגלידער האבן זיך געפונען אין די ארבעטער־דער־פער — 25,938 פערזאן. פון זיי זיינען געווען 13,493 ארבעטער, 10,850 ארבעטערינס, 1,595 ארבעטער־יוגנט אין ארבעטס־עלטער.

עלטער, פאמיליע־צושטאנד, קינדער

אינטערעסאנט איז די פארטיילונג פון די הסתדרות־מיטגלידער לויטן עלטער (אין 1944).

אין עלטער פֿון 18 ביז 30 — 38 פּראָצענט (אין 1938 — 52.6 פּראָצ.)
אין עלטער פֿון 31 ביז 40 — 42.4 פּראָצענט (אין 1938 — 36.6 פּראָצ.)
אין עלטער פֿון 41 ביז 50 — 15.7 פּראָצענט (אין 1938 — 8.6 פּראָצ.)
אין עלטער פֿון 51 ביז 60 — 3.3 פּראָצענט (אין 1938 — 2.2 פּראָצ.)
אין עלטער פֿון 61 יאָר און העכער — 0.6 פּראָצענט

די סיבות פֿון דער פֿאַרגרעסערונג פֿון די עלטערע יאָר־געגנג אין דער הסתדרות זיינען פֿאַרשידנאַרטיק. קודם־כּל שפּילט דאָ אַ וויכטיקע ראָל דער מאַנגל אין חלוצישער עליה אין די יאָרן פֿון קריג, אָן עליה וואָס פֿלעגט אַריינברענגען בעיקר אַ יונגן עלעמענט. דאָ שפּילט אויך אַ ראָל דער פֿאַקט, וואָס די הסתדרות האָט איינגעפֿירט אַ רייע אָפּצאָלן פֿאַר סאָציאַלער פֿאַרזיכערונג אויפֿן פֿאַל פֿון אַרבעטסלאָזיקייט, אַלטקייט, אומגליקס־פֿאַלן ביי דער אַרבעט, אאַ״וו. דער עלטערער אַרבעטער פֿילט מער די וויכטיקייט פֿון די אַלע פֿאָרמען פֿון הילף, וואָס מוזן, נאַטירלעך, גיין האַנט ביי האַנט מיט דער פֿאַרגרעסערונג פֿון די שטייערן. דער איינגערער אַרבעטער פֿילט אין אַ קלענערער מאָס די נויטיקייט פֿון די אַלע סאָציאַלע הילפֿס־אינסטיטוציעס. אַ געוויסע ראָל האָט אויך אין די מלחמה־יאָרן געשפּילט דער פֿאַקט, וואָס די הסתדרות האָט מיט דער גאַנצער אַנטשידענער שאַרפֿקייט דורכגעפֿירט דעם באַשלוס, אַז די איינגערע מיליטער־פֿליכטיקע מיטגלידער, מוזן זיך אַנשליסן אַלס פֿרייוויליקע אין די ארץ־ישראל־אָפּטיילונגען פֿון דער בריטישער אַרמיי. איבער 50 פּראָצענט פֿון די 35,000 אידישע מענער און פֿרויען, וואָס האָבן פֿרייוויליק וואָלונטירט אין דער אַרמיי, זיינען געווען מיטגלידער אין דער הסתדרות (קרוב 18,000 פּערזאָן). 15.4 פּראָצ. מיטגלידער פֿון דער הסתדרות האָבן וואָלונטירט אַלס סאָלדאַטן און נוטרים. ווען מיר רעכענען נאָר די מענער אין עלטער פֿון 18־35, דערגייט דער פּראָצענט ביז 21.4; אין עלטער פֿון 21—30 ביז 23.6 פּראָצ.; אין עלטער פֿון 21—25 דערגייט עס ביז 32 פּראָצ. — כּמעט אַ דריטל פֿון דער הסתדרות־מיטגלידערשאַפֿט אין דעם עלטער.

ס'איז אויך פֿאָרגעקומען אַ געוויסע ענדערונג אין פֿאַמיליע־צושטאַנד פֿון דער הסתדרות־מיטגלידערשאַפֿט. אין יאַנואַר, 1944, זיינען געווען 77.4 פּראָצענט פֿאַרהייראַטע (קעגן 68.6 פּראָצענט אין יאַנואַר, 1938) און 22.6 פּראָצענט אומפֿאַרהייראַטע (קעגן 31.4 פּראָצענט אין יאַנואַר, 1938). ווי מיר זעען, אַלזאָ, איז באַדייטנדיק געשטיגן דער פּראָצענט פֿון די מיטגלידער, וואָס זיינען פֿאַרהייראַט.

פֿון 62,357 קינדער פֿון הסתדרות־מיטגלידער (דאָ רעדט זיך נאָר וועגן קינדער, וואָס ווערן אויסגעהאַלטן פֿון זייערע עלטערן און אַרבעטן ניט אַליין) האָבן זיך אין 1944 געפֿונען 12 פּראָצענט אין קבוצישע ווירט־

שאַפֿטן, 4 פּראָצענט אין מושבֿי־עובֿדים, 1 פּראָצענט אין קיבוצים אין די קאָלאָניעס און שטעט און 83 פּראָצענט אין די שטעט און קאָלאָניעס.

לויט זייער עלטער זיינען די קינדער געווען איינגעטיילט לויטן פֿאָלגנ־דיקן אופֿן: ביז 5 יאָר — 31.6 פּראָצ.; פֿון 5 ביז 13 יאָר — 52.1 פּראָצענט; פֿון 14 ביז 17 יאָר — 16.3 פּראָצענט.

עליה און „החלוץ"

דער וואוקס פֿון דער הסתדרות איז אין דער ערשטע רייע דער רעזול־טאַט פֿון כּסדרדיקע עליה־שטראָמען, וואָס האָבן זיך אַריינגעגאָסן אין לאַנד. דאָס אילוסטרירט אַ קליינער ביישפּיל. די צאָל הסתדרות־מיטגלידער האָט געגעבן אַ שנעלן שפּרונג אַרויף פֿון 25,600 מיטגלידער אין 1933 ביז 69,000 מיטגלידער מיט צוויי יאָר שפּעטער — אין סוף 1935 (אָן פֿרויען). דאָס זיינען געווען די יאָרן פֿון גרויסער עליה, בעיקר פֿון פּוילן, און צוזאַ־מען מיט דער פֿאַרגרעסערונג פֿון דער עליה, זיינען שנעל געוואַקסן די רייען פֿון דער הסתדרות (1935 איז, ווי באַקאַנט, געווען דאָס רעקאָרד־יאָר אין דער געשיכטע פֿון דער ארץ ישׂראל־איינוואַנדערונג. דאַן זיינען אַריינ־געקומען אין לאַנד קרוב 62 טויזנט נייע איינוואַנדערער). די צאָל הסתדרות־מיטגלידער איז אין דער תּקופֿה געשטיגן מיט 170 פּראָצענט. די צאָל הסתדרות מיטגלידער אין די שטעט איז געוואַקסן מיט 232 פּראָצענט.

די חלוצישע באַוועגונג האָט געגעבן דער הסתדרות אירע בעסטע כּוחות. זי האָט געגעבן איר וויכטיקןביישטייער ביים דעראָבערן די אידישע אַרבעטס־פּאָזיציעס אין די פּריוואַטע קאָלאָניעס און, דער עיקר, ביים אויפֿבויען די קאָאָפּעראַטיווע, זעלבסטשטענדיקע אַרבעטער־ווירטשאַפֿט.

די אַלגעמיינע ציילונג פֿון די אידישע אַרבעטער אין א״י, דורכגעפֿירט אין מערץ, 1937, האָט פֿעסטגעשטעלט, אַז צווישן די געציילטע 104,122 אַרבעטער האָבן פֿאַר זייער עליה געהערט צו חלוצישע אָרגאַניזאַציעס 44,416 פּערזאָן — 42.7 פּראָצענט. לויט דעם ציפֿער־מאַטעריאַל, וואָס עס האָט פֿאַרעפֿנטלעכט דער מרכּז העליה ביי דער הסתדרות, זיינען פֿון 1930 ביז יוני 1939 אַריינגעקומען אין לאַנד 71,391 אַרבעטער; דערפֿון זיינען 33,809 פּערזאָן — ביי 47 פּראָצענט — געקומען פֿון די רייען פֿון „החלוץ".

די גרויסע מערהייט פֿון די חלוצים איז געגאַנגען אין דאָרף. דער פּראָצענט פֿון דער חלוצישער עליה, וואָס איז געגאַנגען אין דאָרף, וואַקלט זיך צווישן 31 פּראָצענט אין 1934, ווען צוליב דער פּראָספּעריטי זיינען ס׳רוב איינוואַנדערער געגאַנגען אין די שטעט, ביז 86 פּראָצענט אין די אַנדערע יאָרן צווישן 1930 און 1939.

די הסתדרות האָט פֿאַרן קריג און אויך בעתן קריג געשיקט אין די גלות־לענדער פֿיל צענדליקער שליחים. אין די יאָרן 1930־39 זיינען געווען

טעטיק אין די גלות־לענדער ביי 270 שליחים, דורכשניטלעך 50־70 שליחים אַ יאָר. ביים אויסברוך פֿון קריג זיינען געווען טעטיק אין די גלות לענדער 72 שליחים פֿון דער הסתדרות. אויך אין מלחמה יאָר 1944 זיינען געווען טעטיק 30 הסתדרות־שליחים אין 12 לענדער. בקרוב וועט זייער צאָל דערגיין ביז איבער 80. אַ וויכטיקער באַגריסונגסווערטער אויפֿטו איז דער סעמינאַר פֿאַר שליחים ביי דער הסתדרות, וואָס דערציט אינסטרוקטאָרן פֿאַר דער אַרבעט אין די גלות־לענדער. ענלעכע סעמינאַרן זיינען אויך גע־שאַפֿן געוואָרן ביים קיבוץ המאוחד, ביים קיבוץ אַרצי פֿון „השומר הצעיר" און אַנדערע.

פֿאַרשטאַרקונג פֿון דער הסתדרות אין דער מלחמה־צייט

מיר האָבן שוין פֿריער דערציילט, אַז אין די מלחמה־יאָרן זיינען צוגעקומען אין דער הסתדרות 40,669 מיטגלידער, אַ וואוקס פֿון 37 פּראָצענט. אָבער, עס זיינען ניט נאָר צוגעקומען פֿיל נייע מיטגלידער אויפֿן אינדיווידועלן וועג; אויך גאַנצע גרופּן, וואָס זיינען ביז איצט געשטאַנען מחוץ דער הסתדרות, האָבן זיך איצט אָן איר אָנגעשלאָסן.

נאָכן אָנשלוס פֿון „העובד הציוני", האָבן זיך אין 1944 אָנגעשלאָסן אָן דער הסתדרות די מיטגלידער פֿון אירגון העובדים פֿון די ציונים כלליים ב' פֿון אַ רייע קאָלאָניעס און לאַנדווירטשאַפֿטלעכע משקים; ס'האָבן זיך אָנגעשלאָסן אָן דער הסתדרות טיילן פֿון רעוויזיאָניסטישן אַרבעטער־אירגון „חזית הפּועלים הלאומית" און די גרופּע „התנערות" (שפּעטער האָבן זיי אָרגאַניזירט די גרופּע „מפלגת העם", וואָס פֿאַרטרעט אין דער הסתדרות אַ בערך רעוויזיאָניסטישן שטאַנדפּונקט). עס איז געשלאָסן געוואָרן אַן אָפּמאַך מיט דער „התאחדות התימנים", וואָס האָט אַריינגעפֿירט די תּימנישע אַרבעטער אַלס פֿולבאַרעכטיקטע מיטגלידער פֿון דער הסתדרות. אין דער הסתדרות האָט זיך אָרגאַניזירט אַ רעליגיעזע פֿראַקציע. עס זיינען ווייטער פֿאָרגעזעצט געוואָרן די באַמיאונגען איינצושליסן די מיטגלידער פֿון „הפּועל המזרחי" אין די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַראיינען פֿון דער הסתדרות. ס'זיינען געמאַכט געוואָרן ווייטערדיקע שריט צו געווינען די הסכמה פֿון דער „הסתדרות המורים" צו ווערן אַ טייל פֿון דער הסתדרות. אין 1941 איז אַנטשטאַנען דער פֿאַרבאַנד פֿון אינזשינערן, אַרכיטעקטן און טעכניקער וואָס האָט געציילט אין 1944 ביי 1530 מיטגלידער.

אין משך פֿון קריג האָט די הסתדרות אַנטוויקלט אַ זייער ברייטע טעטיקייט אויפֿן געביט פֿון וואָלונטירונג, מאָביליזאַציע פֿון די שוץ כוחות פֿון ישוב און רעטונג פֿון די אידן אין די נאַצי־אָקופּירטע לענדער. עס זיינען געשאַפֿן געוואָרן פֿיל נייע אָפּטיילונגען ביים ועד הפּועל; עס זיינען אַנטשטאַנען אַ רייע נייע ווירטשאַפֿטלעכע און סאָציאַלע הילפֿס־אינסטיטו־

ציעס, ווי אַ רייע נייע קולטור־אויפטועןן (זע די אַרטיקלען פון א. דיקנ־שטיין און ל. שין, און דעם איבערזיכט „פאַקטן און ציפערן איבער דער אַנט־וויקלונג פון דער הסתדרות"). די אַרבעטער קאָלאָניזאַציע האָט געמאַכט אַ באַדייטנדן פאָרשריט, וועגן דעם שרייבט געניער שלמה העקטין אין זיין אויספירלעכן, אומפאַסנדן אַרטיקל אין זאַמל־בוך.

די הסתדרותישעווירטשאַפט

די באַדייטונג פון דער הסתדרות האָלט אין איין וואַקסן, ניט נאָר אַלס פירער פון עקאָנאָמישן אָפּווער־קאַמף פון דער אַרבעטערשאַפט, נאָר בעיקר אַלס דער טרעגער פון דער עליה און קאָלאָניזאַציע, אַלס דער בויער פון די צעלן פון דער מאָרגנדיקער אידישער קאָמאָנוועלט. די ווירטשאַפטלעכע קאָאָפּעראַטיווע טעטיקייט פון דער הסתדרות נעמט אַרום די פאַרשידנסטע געביטן. אין 1944 האָט די הסתדרות־ווירטשאַפט אין אַלע אירע פאַרמען אַרומגענומען ביי 77,000 נפשות — קרוב אַ דריטל פון דער גאַנצער באַפעלקערונג פון דער הסתדרות.

די הסתדרות־ווירטשאַפט שליסט איין: די אַרבעטער פון די הסתדרות־אַנשטאַלטן; די אַרבעטער פון דער הסתדרות־אינדוסטריע און די הסתד־רותישע קאָנטראַקטאַר־אַרבעטן; די מיטגלידער פון די פּראָדוציר־ און טראַנספּאָרט־קאָאָפּעראַטיוון און זייערע לוין־אַרבעטער; די קאָלאָניסטן פון די אַרבעטער־דערפער.

דער זעלבסטשטענדיקער קאַפּיטאַל פון דער „חברת העובדים" איז געוואַקסן פון 300,000 פונט אין 1933 ביז 8 מיליאָן פונט אין 1944. דאָס איז ניט קיין סטאַטישער פאַרמעגן, נאָר אַ פאַרמעגן קאָנצענטרירט אין פאַרשידענע ווירטשאַפטלעך־געזעלשאַפטלעכע אונטערנעמונגען, וועמענס דינאַמישע טרייב־קראַפט איז די בענקשאַפט צו שאַפן, דער דראַנג אויפ־צונעמען נייע צענער טויזנטער עולים.

די צאָל אַרבעטער און אָנגעשטעלטע אין די הסתדרות־אַנשטאַלטן האָט דעם 1טן יאַנואַר, 1944, באַטראָפן 4,769 פּערזאָן. פון זיי זיינען געווען באַשעפטיקט 237 אין די צענטראַלע אָרגאַניזיר־אַנשטאַלטן; 396 אין די לאָקאַלע אָרגאַניזיר־אַנשטאַלטן און אין די שטייער־קאָמיסיעס; 1066 אין די ווירטשאַפטלעכע אינסטיטוציעס (ניט אַריינרעכענענדיק די אַרבעטער אין די הסתדרות־פאַבריקן); 620 אָנגעשטעלטע אין די קאָנסום־קאָאָפּעראַ־טיוון; 1600 אין דער קופת חולים, 27 אין אַנדערע סאָציאַלע אַנשטאַלטן, און 778 לערער און פרעבליסטינס.

מס אחיד (איינהייטלעכער שטייער)

זינט 1937 איז איינגעפירט געוואָרן אין דער הסתדרות דער איינהייט־לעכער שטייער (מס אחיד). דער „מס אחיד" שליסט איין דעם נאָרמאַלן

מיטגלידס אָפּצאָל, דעם אָפּצאָל פֿאַר דער קופּת חולים, פֿאַרן קרן חוסר עבודה, „משען", „מציב", „דור לדור" (פֿאָנד פֿאַר עלטערע אַרבעטער), קרן נכות (אינוואַלידן פֿאָנד), א"אַ. דער מס אחיד שליסט אויך איין דעם אָפּצאָל פֿון שקל פֿאַר די הסתדרות־מיטגלידער.

די הכנסות פֿון מס אחיד וואַקסן כסדר, פּראָפּאָרציאָנעל צום אַלגעמיינעם וואוקס פֿון דער צאָל מיטגלידער פֿון דער הסתדרות.

אין 1942 האָט דער מס אחיד אַריינגעבראַכט 504,360 פֿונט, וואָס מיינט דורכשניטלעך 42,000 פֿונט אַ חודש. אין 1943 האָט שוין דער מס אחיד אַריינגעבראַכט 778,225 פֿונט, דאָס מיינט דורכשניטלעך 65,000 פֿונט אַ חודש. דאָס באַדייט אַ וואוקס זינט 1942 מיט 55 פּראָצענט. אין די ערשטע 6 חדשים פֿון 1945 איז איינגעפֿלאָסן 598,000 פֿונט (ביי 2,400,000$) ; דאָס מאַכט אויס דורכשניטלעך ביי 100,000 פֿונט אַ חודש. דער וואוקס אין פֿאַרגלייך מיט 1942 באַטרעפֿט 137 פּראָצענט. דער וואַאוקס פֿון מס אחיד דערקלערט זיך אויך מיט דעם וואוקס פֿון שטייער־אָפּצאָל פֿון די הסתדרות מיטגלידער אין צוזאַמענהאַנג מיט די צוגעקומענע נייע פֿאָנדן : דער פּענסיע־פֿאָנד פֿאַר אַלטע מיטגלידער, איינגעפֿירט אין 1943 (מדור לדור), דער „בול חולים" (אַן אָפּצאָל צו דערמעגלעכן די חברים וואָס קענען ניט אַרבעטן איבער כראָנישע קרענק צו צאָלן וויטער זייער מיטגלידס אָפּצאָל דער הסתדרות, איינגעפֿירט אין 1944), א"אַ.

דער מס אחיד ווערט איינגעמאָנט אין 387 ישוב פּונקטן, קוואַרטאַלן און אַרבעטס־קבוצים אין אַלע ווינקעלעך פֿון לאַנד מיט אַ זעלטענער פּינקטלעכקייט און איז נאָך אַן עדות פֿון דער שלאָגפֿעאיקייט און גוטע אָרגאַניזאַציע פֿון אַפּאַראַט פֿון דער הסתדרות.

73.5 פּראָצענט פֿון די הכנסות פֿון מס אחיד אין 1944 זיינען איבערגעגעבן געוואָרן די פֿאַרשידענע סאָציאַלע הילפֿס־אינסטיטוציעס ; 4.1 פּראָצענט איז געגאַנגען פֿאַרן מס חנוך (דערציאונגס שטייער) און קרן שביתה (סטרייק פֿאָנד); 1.3 פּראָצענט פֿון גאַנצן סכום איז געגאַנגען פֿאַר מיטהעלפֿן דער אַרבעט פֿון דער מועצת הפּועלות, הנוער העובד, און פֿאַרן שקל, און 19.3 פּראָצענט איז געגאַנגען פֿאַר די אָרגאַניזאַציע־אויסגאַבן אין די שטעט און קאָלאָניעס און פֿאַר די צענטראַלע אינסטאַנצן פֿון דער הסתדרות.

די ארץ ישראלדיקע אַרבעטערשאַפֿט האָט אויך געשאַפֿן באַדייטנדע סומען פֿאַרן קרן היסוד, קרן קימת, פֿאַר דער ירושלימער אוניווערסיטעט, א"אַ. פֿאַרן „מגבית ההתגייסות וההצלה" (פֿאָנד פֿון הילף פֿאַר די מאָביליזירטע זעלנער און ראַטעווען די אידן אין אייראָפּע) האָט דער ישוב בכלל געזאַמלט אין די יאָרן 1942־44 אַנדערטהאַלבן מיליאָן פֿונט (ביזן היינטיקן טאָג באַטרעפֿט שוין דער סכום צוויי און אַ האַלב מיליאָן פֿונט). איבער

אַ האַלב מיליאָן פֿונט, אָדער קרוב 35 פּראָצענט, האָט דערפֿון געגעבן די אַרבעטערשאַפֿט. 10 טויזנט פֿונט האָט געגעבן די ארץ ישראלדיקע אַרבעטערשאַפֿט פֿאַר איינקויפֿן מעדיצינישע אַמבולאַנסן פֿאַר דער רויטער אַרמיי. דאָס איז אויסער דער ספּעציעלער אַקציע, וואָס איז דורכגעפֿירט געוואָרן דורך דער „וויקטאָרי ליג".

אַ ספּעציעלער פֿאָנד איז געשאַפֿן געוואָרן צו באַפֿרידיקן די אָרגאַניזאַציע־נויטן פֿון די אַרבעטער־ראַטן. דיווירטשאַפֿטלעכע אינסטיטוציעס פֿון דער הסתדרות האָבן אין די יאָרן 1939־42 געגעבן דערויף 52 טויזנט פֿונט. כּדי צו פֿאַרשטאַרקן די קענטעניש פֿון העברעאיש אין אַרבעטער־צבור, איז געשאַפֿן געוואָרן אַ ספּעציעלער פֿאָנד אין הויך פֿון 15,000 פֿונט. ביי 40,000 פֿונט איז געוואָרן אויסגעגעבן אין די יאָרן 1941־43 צו שטאַרקן דעם „הנוער העובד", „הפּועל", די אָרגאַניזאַציע פֿון אַרבעטנדע מוטערס, פֿאַר דער טעטיקייט צווישן די מזרח־עדות, א״אַ. אויך דער פֿאָנד איז געוואָרן אויסגעטראָגן דורך די ווירטשאַפֿטלעכע אינסטיטוציעס, ניט באַרירנדיק די הכנסות פֿון מס אחיד.

דער געווערקשאַפֿטן קאַמפּיין איז געווען אַ זייער וויכטיקער פֿינאַנסיעלער מכשיר ביים אויסבויען אַלע ווירטשאַפֿטלעכע, קולטורעלע און סאָציאַלע הילפֿס־אַנשטאַלטן פֿון דער הסתדרות.

לאָמיר נאָך דערמאָנען, אַז אין די מלחמה יאָרן זיינען אויפֿגעבויט געוואָרן אַ רייע אייגענע אַרבעטער־הייזער פֿאַר די אינסטיטוציעס פֿון דער הסתדרות אין תּל אָביב, חיפֿה, ירושלים, הייזער פֿון קופּת חולים, פֿון די צענטראַלע אַנשטאַלטן פֿון דער הסתדרות, אַרבעטער־שולן, הייזער פֿאַרן „הנוער העובד" אין די שטעט, א״אַ.

מועצת הפּועלות

די ערשטע התחלות פֿון דער אַרבעטער־פֿרויען־באַוועגונג אין א״י דאַטירן זיך נאָך פֿון פֿאַרן ערשטן וועלט־קריג. אין 1911 האָט חנה מייזל געשאַפֿן אין כּנרת די ערשטע פֿרויען־פֿאַרם. צווישן די ערשטע, וואָס האָבן זיך אָנגעשלאָסן אָן דער וועכטער־אָרגאַניזאַציע „השומר" האָבן זיך אויך געפֿונען די צוויי פֿרויען: צפּורה זייד און קיילע גלעדי. אין סעדזשערא (גליל) רוקן זיך אַרויס שרה מלכּין און חיה שרה חענקין, די פֿרוי פֿון איצט פֿאַרשטאָרבענעם יחזקאל חענקין — איינער פֿון די וויכטיקסטע פֿיגורן אין דער צווייטער עליה. אין סעדזשערא האָט מען שפּעטער אַרויסגעטריבן שרה מלכּין פֿון דער קאָלאָניע. ס'איז געשען אָן אומגליק, ס'איז פּלוצלונג געשטאָרבן אַ קינד פֿון אַ קאָלאָניסט, האָבן די קאָלאָניסטן אָנגעהויבן שרייען, אַז צוליב דער זינד פֿון דער „רוסישער ציוניסטקע", וואָס גייט אַרבעטן אין פֿעלד צוזאַמען מיט די מענער, איז געשטאָרבן דאָס קינד...

זייער שווער זיינען געווען די ערשטע טריט פֿון דער אַרבעטער־פֿרוי אין א״י. אָבער ביסלעכווייז דעראָבערט זי איר פּאָזיציע אין יונגן אַרבע־טער־ישוב. אין גליל האַלטן אָפּ 17 פֿרויען זייער ערשטן מיטינג, וואָס האָט געפֿירט צו דער גרינדונג פֿון דער מיידל־פֿאַרם אין כנרת.

אין 1914 איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן די ערשטע קאָנפֿערענץ פֿון די ארץ ישראלדיקע אַרבעטער־פֿרויען אין מרחביה. 36 דעלעגאַטן האָבן פֿאַר־טראָטן 209 אַרבעטערינס. חנה מייזל איז געשיקט געוואָרן קיין פּוילן צוצו־גרייטן אידישע פֿרויען פֿאַר לאַנד־אַרבעט אין א״י. אין 1920, נאָך דער גרינדונג פֿון דער הסתדרות, קומט זיך צוזאַמען די צווייטע קאָנפֿערענץ פֿון די אַרבעטער־פֿרויען אין פּתח תקוה.

אָבער די אָפֿיציעלע דאַטע פֿון דער גרינדונג פֿון דער מועצת הפּועלות — די אָנפֿירנדע קערפּערשאַפֿט פֿון די אַרבעטער־פֿרויען אין א״י — איז 1922. זינט דאַן האָט די מועצת הפּועלות דורכגעמאַכט אַ שנעלע אַנטוויקלונג. אין יאַנואַר 1944 האָט זי שוין געציילט 62,000 מיט־גלידער. ביים היינטיקן טאָג זיינען אין איר אָרגאַניזירט איבער 66,000 פֿרויען; דערפֿון האָבן 13,000 געאַרבעט אין די שטעט, 3500 אין די קאָלאָ־ניעס, 1100 אין די אַרבעטער־דערפֿער, און 38,500 זיינען טעטיק ביי הויז־ווירטשאַפֿט אין זייערע היימען.

די מועצת הפּועלות האַלט אויס 9 מיידל־פֿאַרמס, 4 זעלבסטשטענדיק און 5 בשותפֿות מיט דער פֿרויען־אָרגאַניזאַציע וויצ״אָ. לעצטנס זיינען פֿיל שטאָטישע יונגע מיידלעך, געבוירענע אין א״י, אַריינגעצויגן געוואָרן אין די הכשרה־פֿאַרמס. 80־70 פּראָצענט פֿון די מיידלעך, וואָס ענדיקן די משקי פּועלות, גייען אויפֿן לאַנד. בערך אין 10 קאָלאָניזאַציע־פּונקטן זיינען שוין דאָ געענדיקטע שילערינס פֿון די מיידל־פֿאַרמס. די משקי פּועלות האָבן אויפֿגענומען אין לעצטן יאָר 600 מיידלעך.

די מועצת הפּועלות האָט געשאַפֿן 3 בתי חלוצות אין תל אָביב, חיפֿה און ירושלים צוזאַמען מיט דער אַמעריקאַנער פֿרויען־ליגע פֿאַר א״י. דאָרטן האָבן 3000 מיידלעך זיך אויסגעלערנט וואַשן, קאָכן, פּרעסן, וועבעריי, בינדעריי, שוך־מאַכעריי, און אַנדערע אַרבעטן. עס זיינען אויך אַנטשטאַנען אַ רייע קאָאָפּעראַטיווע וואַרשטאַטן אין די בתי חלוצות, דערונטער אַ ניי־וואַרשטאַט פֿאַר זעלנער־פֿרויען, א״אַ.

צוזאַמען מיטן „הנוער העובד״ האָט די מועצת הפּועלות געשאַפֿן פֿאַך־קורסן פֿאַר 500 יונגע מיידלעך. קרוב 100 מיידלעך באַקומען פֿאַך־בילדונג אין 4 צוויי־יאָריקע פֿאַך־שולן אין תל־אָביב, רחובות, פּתח תקוה און חדרה.

דער געזעלשאַפֿטלעכער קערן פֿון דער מועצת הפּועלות איז דער אירגון אמהות עובדות (פֿאַרבאַנד פֿון אַרבעטנדע מוטערס). די ערשטע גרופּע איז אַנטשטאַנען אין חיפֿה אין 1929. די אַרבעטער־פֿרויען אַנטוויק־

לען אַ ברייטע טעטיקייט אויפֿן געביט פֿון קינדער־דערציאונג און אויס־האַלטונג פֿון קרוב 500 קינדער אין שול־עלטער אין נוירסעריס און אין ספּעציעלע אינסטיטוציעס. די קינדער קומען אַהין נאָך די שול־שעהן, גרייטן דאָרטן צו די שול־אַרבעט, קריגן אַ מאָלצייט און קליידונג, אאַז״וו. צווישן זיי געפֿינען זיך 800 קינדער פֿון סאָלדאַטן.

די מועצת הפּועלות האָט געשאַפֿן 10 קינדער־אינסטיטוציעס ביי די עולים־לאַגערן, וואו עס געפֿינען זיך 500 קינדער. די אינסטיטוציעס ווערן אויסגעהאַלטן צוזאַמען מיט דער וויצ״אָ און מיט דער הילף פֿון דער אידישער אַגענטור.

איבער 4,000 פֿרויען האָבן וואָלונטירט אין דער אַרמיי אין קריגס־צייט. 80 פּראָצענט פֿון זיי זיינען חברות פֿון דער מועצת הפּועלות פֿון דער הסתּדרות. עס זיינען געשאַפֿן געוואָרן ספּעציעלע אירגונים פֿון זעלנער־פֿרויען און זייערס אַ צענטראַלע קערפּערשאַפֿט. פֿיל פֿרויען פֿון זעלנער האָבן אַ דאַנק דער אָרגאַניזאַציע באַקומען אַרבעט און הילף אין פֿאַרשידענע פֿאָרמען. די מועצת הפּועלות האָט אויך געשיקט 40 פֿרויען אין דער גרופּע פֿון 100, וואָס איז אַרויסגעפֿאָרן אַרבעטן אין די אייראָפּעאישע לענדער אין ראַמען פֿון דער „אונרא״.

אין 1934 איז געגרינדעט געוואָרן די צייטשריפֿט „דבר הפּועלת״, וואָס צוגייט זיך איצט אין 8,000 עקזעמפּלאַרן. עס ווערט דורכגעפֿירט אַ ברייט־פֿאַרצווייגטע קולטור־אַרבעט, וועמענס הויך־פּונקט זיינען די לאַנד־סעמינאַרן פֿון דערציען טוער פֿאַר דער באַוועגונג.

די מועצת הפּועלות באַקומט דעם גרעסטן טייל פֿון אירע מיטלען פֿון דער פּיאָנערן פֿרויען־אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע. יעצט גרייט זי זיך אויפֿצובויען 25 נייע געביידעס, וואָס וועלן דערמעגלעכן צו זאָרגן פֿאַר 8,000 קינדער און יוגנטלעכע, פֿאַר דעמאָביליזירטע זעלנערקעס, און דער עיקר, — פֿאַר נייע פֿרויען־עולים.

הנוער העובד

די יוגנט־אָרגאַניזאַציע פֿון דער הסתּדרות, „הנוער העובד״, איז געגרינדעט געוואָרן אין 1924. ביים היינטיקן טאָג ציילט דער „הנוער העובד״ 13,000 מיטגלידער, דערפֿון זיינען 7,000 אָרגאַניזירט אין יוגנט־סעקציעס ביי די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַראיינען.

דער „הנוער העובד״ שפּילט אַ וויכטיקע ראָל אין דער קאָלאָניזאַטאָרישער טעטיקייט פֿון דער הסתּדרות. אין 1923 האָט ער נאָר געהאַט צוויי אייגענעווירטשאַפֿטן — נען און בית שערים. ביים היינטיקן טאָג קען דער „הנוער העובד״ אָנווייזן מיט שטאָלץ אויף 18 אייגענע ווירטשאַפֿטן, אַ טייל פֿון זיי פֿירט ער אָן צוזאַמען מיט דער „מחנות העולים״ —

דער שילער־פֿאַרבאַנד, קאָנטראָלירט פֿון דער הסתּדרות. אויף לאַנדווירט־שאַפֿטלעכער הכשרה געפֿינען זיך 700 יוגנטלעכע.

אין 1939 האָט די הסתּדרות געשאַפֿן אַ פּראָפֿעסיאָנעלע אָפּטיילונג ביים מרכז פֿון „הנוער העובד״. זי זאָרגט פֿאַר פֿאַרבעסערן די אַרבעטס־באַדינגונגען פֿון דער יוגנט, געבן איר פֿאַך־בילדונג, אאַז״וו. יאָר־יערלעך באַקומען בײַ 1,000 יוגנטלעכע זייער פֿאַך־אויסבילדונג אין די שטעט און קאָלאָניעס אַ דאַנק דעם „הנוער העובד״.

צוזאַמען מיטן ועד הלאומי ווערן אויסגעהאַלטן 17 שולן פֿאַר יוגנט מיט 2,000 שילער און 50 לערער. עס ווערט אויך אָנגעפֿירט אַ ברייטע קולטור־אַרבעט. אין לאַנד־סעמינאַר, וואָס האָט געדויערט 5 וואָכן, האָבן זיך באַטייליקט קרוב 60 אינסטרוקטאָרן. אין די זומער־לאַגערן אויפֿן כּרמל־באַרג האָבן אָנטייל גענומען (אין 1945) 2000 יוגנטלעכע. אין דער־האַלונגס־לאַגער, וואָס ווערט אויסגעהאַלטן דורך דער קופּת חולים און „אָזע״ האָבן אָנטייל גענומען 500 מאַן. עס זיינען אויך פֿאָרגעקומען פֿיל שטודיר־טעג, פּגישות און כּנוסים. דער 2־וואָכן־אָרגאַן „במעלה״ דערשיינט רעגולער זינט 1926.

די פֿאַך־שולן, וואָס די הסתּדרות האָט געשאַפֿן אין אַ צאָל פּונקטן זיינען פֿון גרויס וויכטיקייט פֿאַר דער יוגנט. אויפֿן ערשטן אָרט גייט די פֿאַך־שול אין תּל־אָביב אויפֿן נאָמען פֿון מאַקס פֿיין, איינער פֿון די וויכ־טיקסטע אידיש־אַמעריקאַנער אַרבעטער־פֿירער און פֿון די ערשטע בויער פֿון געווערקשאַפֿטן קאַמפּיין.

די מאַקס פֿיין־שול וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין 1934 האָט אין 1944 געהאַט איבער 300 שילער, וואָס האָבן געלערנט אין 3 אָפּטיילונגען פֿון מעכאַנישער שלאָסעריי, מעכאַנישער עלעקטריציטעט און אויטאָ־ מע־כאַניק. די מאַקס פֿיין־שול ווערט איצט באַדייטנד אויסגעברייטערט.

אַ דאַנק דער הילף פֿון דער „אַמאַלגאַמייטעד״ איז געשאַפֿן געוואָרן אין ירושלים די פֿאַך־שול „עמל״. אין דער שול לערנען איצט קרוב צו 60 יוגנטלעכע. עס עקזיסטירן אָפּטיילונגען פֿאַר שלאָסעריי, מאַשין־בוי און אינדוסטריעלע כעמיע. אויך אין צפֿת איז געעפֿנט געוואָרן אַ פֿאַך־שול „עמל״ פֿאַר איידעלער מעכאַניק, בעיקר פֿאַר כירורגישע מכשירים. דער פּלאַן זעט פֿאָר, אַז די יוגנטלעכע וועלן נאָכן ענדיקן די שול פֿאָרטזעצן די למודים אין דער היים מיט דער הילף פֿון מאַשינען פֿון דער שול.

די הסתּדרות פֿירט אויך אָן מיט דער פֿאַך־שול אויפֿן נאָמען פֿון [illegible] האָט זיך דאָרט אַנטשטאַנען אין 1937 [illegible] שטאַלטן פֿון דייטשע אידן צו געבן אַ פֿאַך־דערציאונג יונגע עולים פֿון דייטשלאַנד. דאָרט לערנען 130 שילער אין 2 אָפּטיילונגען: שלאָסעריי און סטאָלעריי.

די הסתדרות פּלאַנט צו עפענען נאָך אַ רייע פאַך־שולן און האָט געשאַפן אַ ספּעציעלן צענטער אַנצופירן מיט די פאַך־שולן.

„הפּועל"

אַ לעבעדיקע טעטיקייט אַנטוויקלט דער ספּאָרט פאַרבאַנד „הפּועל", וואָס ציילט 7,000 מיטגלידער, אָרגאַניזירט אין 100 אָפּטיילונגען. עס ווערן דורכגעפירט צענטראַלע און ראַיאָנע ספּאָרט־קורסן אויסצובילדן אינ־סטרוקטאָרן. „הפּועל" האָט איר אייגענעם „פּלאַט" פון 33 ספּאָרט־שיפלעך, ווי אויך אַ רייע ספּאָרט־פּלעצער אין די שטעט און קאָלאָניעס. יעצט איז געוואָרן געקויפט 25 דונאַם באָדן אין דרום פון תל אביב אויפצובויען אַ גרויסן ספּאָרט־סטאַדיום אויפן נאָמען פון דוב האָז ז"ל.

אַ באַזונדערס־אינטענסיווע טעטיקייט אַנטוויקלט „הפּועל" אויפן געביט פון ים־ספּאָרט. לעצטנס זיינען אַראָפּגעלאָזט געוואָרן אין וואַסער שיפן אויף די נעמען פון אליהו גאָלאָמב און דוב האָז.

ברית פּועלי ארץ ישראל

די ערשטע הסתדרות־קאָנפערענץ אין 1927 האָט באַשלאָסן צו שאַפן דעם „ברית פּועלי ארץ־ישראל" (פאַרבאַנד פון ארץ־ישראלדיקע אַרבעטער) מיטן צוועק צו אָרגאַניזירן די אַראַבישע אַרבעטער. אויף אַן אַנדער אָרט אין זאַמלבוך שרייבט געניוער וועגן די אַרבעטס־מעטאָדן און דער טעטיקייט פון פאַרבאַנד, אַבאַ חושי, דער באַקאַנטער פירער פון דער מועצת פּועלי חיפה וועלכער האָט זיך פיל אָפּגעגעבן מיט דער אָרגאַניזירונג פון „ברית פּועלי א"י" אין חיפה ווי אויך אין אַנדערע פּונקטן.

ביים היינטיקן טאָג זיינען אָרגאַניזירט אַרום דעם פאַרבאַנד קרוב 6,000 אַראַבישע אַרבעטער. עס עקזיסטירן טעטיקע סניפים אין יפו, חיפה, ירושלים, עכו, קולוניה, טבריה, ים המלח א"אַ. דעם סניף אין יפו איז געלונגען נאָך אַ שווערן קאַמף צו אָרגאַניזירן די גאַסן־רייניקער און אַנ־דערע אַרבעטער באַשעפטיקט ביי דער שטאָט־פאַרוואַלטונג פון יפו. זאָל מען דאָ דערמאָנען דעם איינטאָגיקן פּראָטעסט־סטרייק פון אידישע און אַראַבישע אַרבעטער אין די מיליטערישע אַרבעטס־לאַגערן אין וועלכע ס'האָבן אָנטייל גענומען ביי 30,000 מאַן.

דאָס אַראַבישע וואָכנבלאַט „חקיקת אל אמר" (דער אמת פון וואָרט), דערשיינט רעגולער זינט 1937 און שפּילט אַ וויכטיקע ראָל ביים אויפקלערן די אַראַבישע אַרבעטערשאַפט און פאָלקס־מאַסן די באַפרייענדיקע צילן פון ציוניזם. די צייטונג ווערט אויך געלייענט פון פיל אידן אין די אַראַביש־ריידנדיקע לענדער.

שלום העקטין

די אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל

1

די נשמה פֿון סאָציאַליסטישן ציוניזם

די אַרבעטער־זידלונג אין ארץ־ישראל איז די נשמה פֿון דעם סאָציאַליסטישן ציוניזם. אין דער אַנטוויקלונג פֿון דער אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע איז אָפּגעשפּיגלט די גאַנצע געשיכטע פֿון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער שאַפֿונג אין ארץ־ישראל — פֿון אירע זוכענישן און אידעאָלאָגישן געראַנגל אין פֿאַרלויף פֿון די 40 יאָר זינט דעם אָנהויב פֿון דער צווייטער עליה.

וואָס זיינען די גרונט־יסודות פֿון דער אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע?

דאָס איז ערשטנס, דער יסוד פֿון פּערזענלעכער פֿאַרווירקלעכונג, אָדער ווי עס הייסט אין העברעאיש: הגשמה עצמית. דאָס הייסט, אַז די אָנגעהעריקייט צו באַשטימטע אידעאַלן דאַרף זיך אויסדריקן ניט אין דעקלאַראַציעס פֿון אָנגעהעריקייט, פֿון סימפּאַטיע, פֿון פּלאַטאָנישן גלויבן אין די דאָזיקע אידעאַלן, אָדער טיילווייזן שטיצן זיי, — נאָר אין דעם, אַז מען נעמט אָן דעם אידעאַל אַלס אַ פֿולע מאָס אין דעם אייגענעם לעבן; מען לעבט לויטן אידעאַל; מען פֿאַרווירקלעכט אים אין דעם פּערזענלעכן לעבן. דאָס איז בעצם די איינציק־ריכטיקע, פֿולשטענדיקע אויסטייטשונג פֿון דעם וואָרט חלוציות, פֿון דער פּיאָנערישקייט, די אמתע חלוצים זיינען די, וואָס פֿאַרווירקלעכן די אידעאַלן, וואָס זיי פּראָקלאַמירן אין זייער אייגענעם לעבן.

דער צווייטער — איז דער יסוד פֿון סאָציאַלן אידעאַליזם, מיט וועלכן עס אָטעמט אונזער שאַפֿונגס־אַרבעט אין ארץ־ישראל און וועלכער איז דער לייט־מאָטיוו פֿון דער אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע. דער דאָזיקער אידעאַליזם דריקט זיך אויס ניט בלויז אין די סאָציאַלע שטרעבונגען און דערגרייכונגען מיט וועלכע אונזער זידלונגס־אַרבעט צייכנט זיך אויס.

דער אידעאַליסטישער מאָטיוו פֿון דער זידלונג דריקט זיך ניט ווייניקער אויס אין דעם, וואָס די זידלער זיינען געוואָרן באַוועגט אין דער גרעסטער מאָס ניט פֿון מאָטיוו פֿון זייער אייגענער צוקונפֿט און אינטערעס — זיי זיינען צוגעשטאַנען צו דער התישבות ניט אַלס פּערזענלעכע אינטערעסאַנטן — נאָר פֿון אַלגעמיינעם נאַציאָנאַלן מאָטיוו פֿון באַלעבן און אויפֿבויען אַ לאַנד פֿאַרן אידישן פֿאָלק. ווי אין דער באַוואוסטער ארץ־ישראלדיקער פֿאָלקס־לידל („אנו באנו ארצה”), אַזוי איז טאַקע אין דער

ווירקלעכקייט דער באַגריף פֿון „לבנות" (אויפֿבויען), געקומען פריער — פֿאַר דעם באַגריף „ולהבנות" (אויפֿגעבויט ווערן).

די דערמאָנטע צוויי יסודות זיינען אויך די יסודות פֿון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין ארץ־ישראל אין אַלגעמיין: סיי דאָס שטרעבן צו טיף־גרייכנדע סאָציאַלע ענדערונגען, וואָס איז א יסודותדיקע איינשטעלונג פֿון דער הסתדרות און סיי דער יסוד פֿון פערזענליכער פּאַרווירקלעכונג. דער עצם פֿאַקט, וואָס אידישע בחורים און מיידלעך זיינען אַוועק זיך לערנען מלאכות און געוואָרן אַרבעטער אין דאָרף און אין שטאָט — ניט ווייל עס איז אין דעם געווען אַן אויסגעשפּראָכענע אָביעקטיווע נויטווענדיקייט, נאָר ווייל זיי האָבן אָנערקענט די אַרבעט אַלס אַ נאַציאָנאַלן געבאָט — איז אַ קאָנקרעטער און וויכטיקער אויסדרוק פֿון דעם יסוד פֿון פערזענלעכער פּאַרווירקלעכונג אינם לעבן פֿון אַלע טיילן פֿון דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטערשאַפֿט.

די מאָראַלישע אייגנשאַפֿטן און שטרעבונגען זיינען אַן אַלגעמיינער כאַראַקטער־שטריך פֿון דעם אַרבעטער־ציבור אין ארץ־ישראל אַלס אַ גאַנצן. אין קיין שום אַנדער טייל געפֿינען מיר זיי, אָבער, ניט אין אַזאַ קאָנצענטרירטער פֿאָרם, אין אַזאַ מדרגה פֿון אויסגעהאַלטנקייט, ווי אינער־האַלב דעם סעקטאָר פֿון אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע.

אויף אַזאַ אופֿן שפּילט די התישבות אינם לעבן פֿון דער א"י־אַרבעטערשאַפֿט די ראָל פֿון אַ גייסטיקן רעזערוואַר, פֿון אַן אַרסענאַל פֿון אידייען און אינספּיראַציע.

די העכסטע סאָציאַלע און מאָראַלישע מדרגה צו וועלכער דער אַרבעטער־ציוניזם שטרעבט, איז די שאַפֿונג פֿון פֿרייען אַרבעטער (עובד חפשי), וועלכער האָט איבער זיך ניט קיין בעל־הבית און וועלכער איז פֿריי צו פֿאַרווירקלעכן אין מעשים זיינע חלומות און שטרעבונגען. אין קיין שום אַנדער סעקטאָר אינם לעבן פֿון דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטערשאַפֿט איז דער לאָזונג פֿון פֿרייער אַרבעט ניט געקומען (און ניט געקענט קומען) צו אַזאַ מאָס פֿון פֿאַרווירקלעכונג, ווי אין דעם לעבן פֿון דער אַרבעטער־התישבות.

.2

די צווייטע עליה — פּעריאָד פֿון זוכענישן

דער קאָנסטרוקטיווער ווירטשאַפֿטלעכער עלעמענט איז דער רוקנביין פֿון דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטערשאַפֿט. ניט שטענדיק איז עס, אָבער, געווען אַזוי. עס איז געווען אַ צייט, ווען די חלוצישע באַוועגונג אין א"י איז געווען אַנטשלאָסן אין איר קעגנערשאַפֿט צו אייגענער ווירטשאַפֿטלעכער טעטיקייט. מיט דער צייט, אָבער, איז די דאָזיקע קעגנער־

שאַפֿט געוואָרן שוואַכער און שוואַכער, און אַנשטאָט דער פֿולקאָמענער אַפּלייקענונג, האָט זיך אָנגעהויבן אין די רייען פֿון די אַרבעטער די דיסקוסיע פֿאַר און קעגן דעם שאַפֿן פֿון אַן אַרבעטער־זידלונג.

עס איז געווען אין די ערשטע יאָרן פֿון דער צווייטער עליה. עס איז אַ ספק, צי ס׳איז געווען אַן אַנדער עליה אין ארץ־ישראל, וועלכע זאָל אין זיך טראָגן דעם געפֿיל פֿון אַ שליחות — אין אַ גרעסערער מאָס ווי דאָס איז געווען מיט דער צווייטער עליה. און וואָס האָט די צווייטע עליה איר שליחות געזען? — זי האָט עס געזען אין דער פּראָלעטאַריזאַציע, אין דעם שאַפֿן פֿון אַ אידישן אַרבעטער אין ארץ־ישראל.

די ווירקלעכקייט מיט וועלכער די צווייטע עליה האָט זיך אָנגעטראָפֿן ביי איר אָנקומען קיין ארץ־ישראל, איז געווען בוכשטעבלעך אָנטוישנדיק. ניט נאָר דער אַלטער ישוב אין א״י און די פֿאַרשידענע חלוקה־גרופּן — אפֿילו דער אַזוי־גערופֿענער נייער ישוב, געשאַפֿן פֿון דער ערשטער עליה, האָט געמאַכט אויף די מענטשן פֿון דער צווייטער עליה אַ דערשיטערנדיקן איינדרוק.

דאָס, וואָס די צווייטע עליה האָט פֿאַר זיך געזען איז ניט געווען ארץ־ישראל, — ניט די ארץ־ישראל, וואָס זיי האָבן געזען אין זייערע פֿאַרשטעלונגען און חלומות. דאָס בילד איז געווען ניט פֿון קיין רענעסאַנס, נאָר פֿון אויסגעשפּראָכענעם אונטערגאַנג — אַ ניי־געבויטע אידישע געטאָ.

אַ צאָל קאָלאָניעס (מושבות) זיינען באַשאַפֿן געוואָרן דורך דער ערשטער עליה. דער אַלטער חלום, אַז אין די דאָזיקע קאָלאָניעס וועט געבוירן ווערן דער נייער אידישער טיפּ, דער אידישער אכר (לאַנדווירט), וואָס לעבט פֿון דער אַרבעט אויפֿן לאַנד, — איז אַדאַנק אַ רייע סיבות אין גאַנצן אויסגערונען. אין זייער גרעסטן טייל זיינען די דאָזיקע קאָלאָניעס געווען פֿאַרפֿלייצט מיט אַראַבישער אַרבעט און וועגן אייגענער, אָדער אידישער פּראַצע בכלל, איז אין די גרעסטע צאָל פֿאַלן ניט געווען וואָס צו ריידן!

אין אַ רייע פֿאַלן האָבן זיך די אַראַבישע אַרבעטער באַזעצט אַרום די קאָלאָניעס אין וועלכע זיי האָבן געאַרבעט און אויף אַזאַ אופֿן איז אַרום אַ אידישע קאָלאָניע אַנטשטאַנען אַן אַראַבישער דאָרף, וואָס האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן... די יונגע חברים פֿון דער צווייטער עליה זיינען שוין דאַן געווען אין לאַנד און אָנגעבאָטן זייער אַרבעט. די אידישע קאָלאָניסטן האָבן אָבער געהאַלטן, אַז ס׳איז נעבעך אַ רחמנות, אַז אידישע קינדער זאָלן זיך פֿאַרנעמען מיט שווערער אַרבעט... אַנשטאָט אידן, פֿלעגן זיי צונעמען אַראַבישע אַרבעטער און זייער צאָל אין די אידישע קאָלאָניעס איז געוואָרן אַלץ גרעסער.

אין אַן אַרטיקל געשריבן אין יענער צייט, דערציילט דער פֿאָרשטאָר־בענער יוסף אַראָנאָוויטש ז״ל אַ מערקווירדיקע געשיכטע: — אין דער קאָלאָניע פּתח־תּקוה האָט מען געאַרבעט, ווי באַוואוסט, מיט אַראַבישע אַרבעטער. דערפֿילנדיק וואָס פֿאַרא מיוחסים זיי זיינען, האָבן די אַראַבי־שע אַרבעטער פֿון דער סביבה געהאַלטן אין איין פֿאָדערן אַלץ העכערע פּרייזן פֿאַר זייער אַרבעט, ביז זיי זיינען געוואָרן צו הויך אין די אויגן פֿון די אכּרים. איז געשטאַנען די פֿראַגע וועגן... שיקן אַ שליח אין עגיפּטן (מצרים), אַז ער זאָל פֿון דאָרט ברענגען אַרבעטס־הענט פֿאַר דער קאָלאָניע, וואָס האָט געטראָגן דעם קלינגענדיקן נאָמען „די טיר פֿון האָפֿנונג״ (פּתח־תּקוה)...

דער ביטערער קאַמף פֿאַר דעם רעכט פֿון אידישער אַרבעט, וועלכן מיר פֿירן אַן עד־היום אין דעם סעקטאָר פֿון דער פּריוואַטער אַגריקולטור אין א״י — האָט זיך אָנגעהויבן אין יענע יאָרן. דאַן איז דער קאַמף געווען נאָך פֿיל שווערער און האָפֿענונגסלאָזער ווי איצט, ווייל דער טרעגער פֿונם געדאַנק פֿון דער אידישער אַרבעט — די מיטגלידער פֿון דער צווייטער עליה — זיינען נאָך דאַן געווען אַזוי ווייניק אין צאָל, בייע מענטשן אינם לאַנד, און זיי זיינען געווען אַזוי טראַגיש־איינזאַם! און ווי פּאַראַדאָקסאַל עס זאָל ניט קלינגען, מוז דאָ געזאָגט ווערן, אַז זיי האָבן געהאַט צו פֿירן זייער קאַמף ניט בלויז קעגן די פּריוואַטע אַרבעטסגעבער, נאָר אויך אפֿילו קעגן נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס, וועלכע זיינען דערשינען אַלס אַרבעטס־געבער. אָט איז, צום ביישפּיל, דער כּמעט אומגלויבלעכער פֿאַקט, אַז ווען דער באַוואוסטער „אָדעסער קאָמיטעט״ פֿון די רוסישע „חובבי־ציון״ איז צוגעשטאַנען צו בויען דעם „בית־ספֿר־לבנות״ (שול פֿאַר מיידלעך) אין יפֿו, האָט ער געפּראַוועט צו אָרגאַניזירן אין רוסלאַנד אַרטעלן פֿון רוסישע אַרבעטער פֿון פֿאַרשידענע פֿאַכן בכדי שיקן זיי אין יפֿו פֿאַר דער דאָזיקער אַרבעט. דאָס איז בלויז איינער פֿון די ביישפּילן. אויך מיטן קרן קימת לישראל האָט מען געדאַרפֿט פֿירן קאַמפֿן פֿאַר די רעכט פֿונם אי־דישן אַרבעטער אין פֿאַרשידענע אַרבעטן, וואָס דער נאַציאָנאַל־פֿאָנד האָט שוין דאַן אונטערגענומען אין ארץ־ישראל.

עס איז צו באַוואונדערן די אַפּאַטיע, דאָס פֿולקאָמענע ניט־פֿאַרשטיין פֿון דעם ענין פֿון אידישער אַרבעט, וואָס האָט געהערשט אין יענער צייט אויסער די קרייזן פֿון דער חלוצישער צווייטער עליה, סיי אין ארץ־ישראל גופֿא, סיי אין דער ברייטער ציוניסטישער וועלט! — פֿאַר די מענטשן פֿון דער צווייטער עליה איז דער ענין פֿון אידישער אַרבעט ניט געווען בלויז קיין ענין פֿון באַשעפֿטיקונג, פֿון קיום — ווייל זיי זיינען טאַקע אַרומ־געגאַנגען הונגעריקע איבער די גאַסן פֿון די אידישע קאָלאָניעס, ווי אין די גאַסן פֿון יפֿו און ירושלים... ערגער ווי דער הונגער איז געווען די אַנטוישונג, די באַליידיקונג.

פריער פאַר אַלץ איז די אַרבעט פאַר זיי געווען אַ פראַגע פון אַ נאַציאָנאַל־מאָראַלישן ווערט, אַ ווערט פון דער העכסטער מדרגה — פון דער ערשטער מדרגה. פאַר זיי איז די אידישע אַרבעט געווען דער גרונט, דער יסוד פון אלע יסודות. זיי האָבן ניט געקענט צוקוקן גלייכגילטיק, ווי אַנדערע, ווי דער חלום פון אידישער אויפלעבונג ווערט דעגענירירט צו אַ נייעם געטאָ פאַר אידן אין דעם דערוויילטן לאַנד — ווי די וואָס האָבן געדאַרפט זיך פאַרוואַנדלען אין פראָדוקטיווע לאַנדווירטן אין א״י, האָבן זיך גאָר פאַרוואַנדלט אין אַ נייעם טיפ לופט־מענטשן, וואָס לעבט פון דער עקספּלואַטאַציע פון פרעמדער אַרבעט, וועמענס קינדער פאַרזוכן ניט דעם טעם פון אַ פעלד, פון אַ ווייַנגאָרטן, און ווען זיי וואַקסן אויס, לויפן זיי זיך פונאַנדער אין אַלע פיר עקן וועלט.

די צווייטע עליה האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ רעוואָלט קעגן דער דאָזיקער ווירקלעכקייט. זי האָט פולשטענדיק אויפגעפאַסט די סכנה, וואָס ליגט אין דעם מצב ווי ער איז. נאָך מער ווי דער באַוואוסטזיין פון סכנה, האָט אויף דער צווייטער עליה געווירקט דאָס געפיל פון חרפה, פון ברענענדיקער חרפה און מאָראַלישן עקל, וואָס דער עקזיסטירנדיקער צושטאַנד האָט אַרויסגערופן. איינער פון די נאָבלסטע פאָרשטייער פון אַ פריערדיקן דור, דעם דור פון דער ערשטער עליה, וועלכער האָט נאָכגעפאָלגט מיט טיפער פאַרשטענדעניש די דערפאַרונגען פון דער צווייטער עליה — יהושע ברזילי, האָט געגעבן דער דאָזיקער שטימונג אַ קלאַסישן אויסדרוק אין זיינעם אַן אַרטיקל אינם זשורנאַל „הפועל הצעיר״ פונם יאָר תרס״ט (1908־9), וואו ער זאָגט, אַז אַ אידישער ישוב אין ארץ־ישראל אָן אידישער אַרבעט איז ענלעך צו אַ בוים, וואָס האָט ניט קיין וואָרצלען. דערביי קומט די פאָלגנדיקע טיפזיניקע באַמערקונג: „עס איז ניטאָ קיין מער אומגעלומפערטע זאַך ווי דאָס, אַז דאָס פאָלק ישראל, וואָס איז דאָס סאַמע פראָלעטאַרישסטע פאָלק אין דער וועלט — זאָל זיך ווידער דעראָבערן זיין לאַנד בלויז מיטן כוח פון קאַפיטאַל״ (און ניט דורך אידישער אַרבעט).

און אַזוי אַרום איז דער געדאַנק פון פראָלעטאַריזאַציע געוואָרן די פאָן פון דער צווייטער עליה, אָדער ווי עס האָט דאַן געפונען זיין אויסדרוק, טאַקע אין דער פלאַטפאָרם פון איינער פון די אַרבעטער־פאַרטייען, פונם „הפועל הצעיר״, אַז „אַן אומבאַדינגטער תנאי פאַר דער פאַרווירקלעכונג פונם ציוניזם — איז די פאַרמערונג פונם אידישן אַרבעטער אין ארץ־ישראל און זיין פאַרוואָרצלונג אין אַלע צווייגן פון אַרבעט״.

מיטן פנים צו אַרבעט איז געשטאַנען די צווייטע עליה: ניט צו ווירטשאַפט, ניט צו ווירטשאַפטלעכער טעטיקייט, ניט צו דעם, וואָס איז שפּעטער באַוואוסט געוואָרן מיטן נאָמען „קאָנסטרוקטיוויזם״. — עס איז אין דעם אפשר אויך געווען אַ זייטיקע, אַן אויסערלעכע אידעאָלאָגישע ווירַ־

קונג: דער פֿאַקט, וואָס די צווייטע עליה איז אָנגעקומען פֿון רוסלאַנד, אין די יאָרן פֿון דער ערשטער רעוואָלוציע. זי האָט געהאַט אַ באַטירלעכן פֿאָראורטייל קעגן „קליינבירגערלעכקייט”, און אַלס קעגנזאַץ איז געווען אַ טיפֿע שטרעבונג צו פּראָלעטאַריזאַציע.

פֿון דאַן האָט געשטאַמט, אין אַ גרויסער מאָס, די קעגנערשאַפֿט צום „קאָלאָניזירן זיך”, צו ווערן אַ זעלבסטשטענדיקער פּויער, אַ בעל־הבית פֿאַר זיך — און שפּעטער נאָך, אפֿשר גאָר אויך אַן אַרבעטס־געבער — וואָס איז געווען גאָר ניט אָפּגעפֿרעגט אין אַ לאַנד פֿון ביליקער, האַלב־שקלאַפֿערישער אַרבעט.

עס איז אָבער געווען פֿאַר דעם אַן אינערלעכע, פּיל־פּיל ערנסטערע סיבה, ווי די אַלגעמיין־אידעאָלאָגישע: דאָס איז געווען דער נסיון אין ארץ־ישראל. ער האָט געלערנט, אַז אַ גרויסער טייל פֿון די פּויערים, מיט וועלכע די צווייטע עליה האָט זיך באַגעגנט אַלס מיט אַרבעטס־געבער, וואָס באַשעפֿטיקן פֿרעמדע אַרבעט —זיינען געווען לכתחילה אַליין אַר־בעטער. זיי זיינען שפּעטער באַזעצט געוואָרן אויף קליינע שטרעקעס לאַנד, מיט דער אויסזיכט, אַז אַ קליינע הילף־ווירטשאַפֿט וועט פֿאַרפֿעסטיקן און פֿאַרזיכערן די פּאָזיציעס פֿון די דאָזיקע מענטשן, אַלס אַרבעטער אין ארץ־ישראל. די קליינע ווירטשאַפֿט האָט זיך, אָבער, שפּעטער פֿאַרוואַנדלט אין אַ גרעסערער, איר באַזיצער איז געוואָרן אַ בעל־בית, — ער האָט שפּע־טער אָנגעהויבן אַרבעטן מיט ניט־אידישע אַרבעטער. אין יענע טעג איז דער דאָזיקער גלגול געווען אַ נאַטירלעכע זאַך, דאָס איז געווען דער וועג. האָט זיך די אידעאַליסטישע צווייטע עליה פֿאַר אָט דעם „נאַטירלעכן וועג” שטאַרק געשראָקן, און איז געווען אַזוי אַנטשלאָסן קעגן אים.

ניט צו ווערן, חלילה, אַ בעל־הבית פֿאַר זיך — נאָר ווערן און פֿאַר־בלייבן אַ לאַנד־אַרבעטער — דאָס איז געווען דער לאָזונג. און אַזוי ווי דער אידישער אכּר דיסקרימינירט דעם אידישן אַרבעטער קעגן דעם אַראַבישן — דאַרף מען זוכן וועגן בכדי צו ענדערן די דאָזיקע נעגאַטיווע באַציאונג צו דער אידישער אַרבעט מצד די אכּרים. פּאַקטיש, האָט די צווייטע עליה געזען פֿאַר זיך בלויז איין וועג: נאָכגעבן די אכּרים, צופּאַסן זיך צו די סאָציאַלע סטאַנדאַרדן, וואָס האָבן דאַן עקזיסטירט אין דער ווירטשאַפֿט, און אָננעמען אויף זיך דעם סטאַנדאַרד פֿון אַ ביליקן לוין (ווי דער וואָס דער אַראַבישער אַרבעטער האָט דאַן געקראָגן), פֿון אַ לאַנגן־לאַנגן אַרבעטס־טאָג, פֿון דער דיסציפּלין פֿון אַן אַראַבישן משגיח.

אין פֿאַרלויף פֿון אַ געוויסער צייט איז דער דערמאָנטער וועג פֿון צו־פּאַסן זיך צו דער פֿרעמדער אַרבעט, וואָס איז אין אַ גרויסער מאָס גע־שטאַנען אויף דער מדרגה פֿון שקלאַפֿן־אַרבעט — געווען דער מער־ווײ־ניקער אָנגענומענער וועג פֿון דער צווייטער עליה. די אַרבעטער האָבן עס

דאַן מאָטיווירט אויפֿן פֿאָלגנדיקן אופֿן: „דער אידישער אַרבעטער וויל ניט זיין קיין „קעסט־קינד", ער וויל ניט קיין פֿילאַנטראָפּיע, קיין נדבה פֿון אַ העכערן לוין, וואָס זאָל אים געצאָלט ווערן ווייל ער איז אַ איד".

אויסערלעך קען די דאָזיקע אידעאָלאָגיע אויסזען ווי אַ פֿאָרמולע פֿון זעלבסט־פֿאַרשקלאָפֿונג. אינערלעך און אין די באַדינגונגען פֿון יענער תקופֿה איז אין דעם געלעגן די טיפֿזיניקע כוונה פֿון אַ מין זעלבסט־עמאַנ־ציפּירונג, פֿון זיין פּערזענלעך און מענטשלעך פֿריי און ניט זיין מאָראַליש פֿאַרשולדיקט צום בעל־הבית. אזוי האָט עס טאַקע אויפֿגענומען די צווייטע עליה, וועלכע האָט געטראָגן איר קאָפּ הויך און מיט ווירדע. — לאַנג האָט, אָבער, אַ מענטש פֿון דער צווייטער עליה ניט געקענט טראָגן אויף זיך דעם יאָך פֿון זיך צופּאַסן צום רעזשים און צו דעם סטאַנדאַרד, וואָס האָט דאַן עקזיסטירט אין דער פּריוואַטער ווירטשאַפֿט אין ארץ־ישראל. אַלץ מער און מער האָבן זיך אָנגעהויבן קריסטאַליזירן גייסטיקע מאָטיוון פֿון אַ רע־וואָלט קעגן דעם צושטאַנד, וואָס האָט זיך געשאַפֿן. עס איז אויך וויכטיק צו געדענקען, אַז אין דער צייט, וואָס דער „מעסיקערער" „הפּועל הצעיר" איז געווען גענויגט צו טראָגן אויף זיך דעם יאָך פֿון זעלבסט־צאַמונג פֿון די אַרבעטער — האָט די צווייטע העלפֿט אַרבעטער באַלאַנגט צו די פּועלי ציון, פֿאַר וועלכע דאָס איז שוין געווען אַ צו־גרויסע אָפּווענדונג פֿון דעם פּרינציפּ פֿון קלאַסן־קאַמף.

אַלץ מער און מער האָט זיך פֿאַרשטאַרקט די שטרעבונג צו פֿאָרמירן אין ארץ־ישראל דעם טיפּ פֿון אַן אַרבעטער, וואָס זאָל שטיין אין זיין איי־גענעם רשות, אַן אַרבעטער, וואָס זאָל זיין פֿאָלקאָם פֿריי. יוסף בוסעל, איינער פֿון די ערשטע אידעאָלאָגן פֿון דער קבוצה און פֿון די גרינדער פֿון דגניה, האָט דאָס פֿאָרמולירט אַלס שטרעבונג צו שעפֿערישער אַרבעט („מיר ווילן ניט בלויז אַרבעטן — מיר ווילן אויך שאַפֿן").

עס איז אַנטשטאַנען די צייט פֿון דער אַרבעטער־זידלונג — וואו דער אַרבעטער זאָל זיין זיין אייגענער בעל־הבית, וואו ער זאָל, אָבער, אויך ניט אויפֿהערן צו זיין אַן אַרבעטער — פֿאַרבלייבן דער אידישער אַרבעטער, וואָס איז פֿאַרפֿלאַנצט און איינגעוואָרצלט אין נאַציאָנאַלן אידישן באָדן.

3

די ערשטע אָנהויבן

דער ערשטער אָרגאַניזירטער באַוואוסטזיניקער שריט אין דער אַר־בעטער־קאָלאָניזאַציע איז געווען דאָס שאַפֿן פֿון אַ קאָמונע — דאָס איז געווען דגניה א׳, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1910, אינם עמק הירדן.

עס איז כאַראַקטעריסטיש, אַז אויף וויפיל די מחשבה פון דעם אַרבעטער־ציבור אין יענער צייט האָט זיך שוין אָנגעהויבן אָפּצוגעבן מיט פראַגן פון אייגענער קאָלאָניזאַציע, האָט מען איבערהויפּט געהאַט דאַן אין זינען דווקא ניט דעם טיפ פון אַ קאָמונאַלער ווירטשאַפט, נאָר פון אַ קאָאָפּעראַטיווער, — פון דעם טיפ, וואָס האָט שוין אויך דאַן פיגורירט אין די פאַרשטעלונגען פון חברים אַלס אַ מושב־פועלים, אָדער מושב־עובדים. פאַר דער שאַפונג פון דגניה איז דאָס וואָרט „קבוצה" כמעט ווי ניט דערמאָנט, אין דער ליטעראַטור פון יענער צייט. אין אַלע געשריבענע אָפּהאַנדלונגען, ווי אויך אויף די צוזאַמענפאָרן, איז שטענדיק גערעדט געוואָרן וועגן אַ „מושב־עובדים", וואָס איז געווען, אַזוי צו זאָגן, די טעאָרעטישע הנחה פון יענער צייט, געשטיצט דורך וואָרטזאָגער אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, ווי יצחק ווילקאַנסקי. אפילו אַ מענטש מיט אַזאַ טיפן דורכדרינגענדיקן קוק, ווי בערל קאַצענעלסאָן ז"ל, און וואָס איז געווען פערזענלעך אַ קבוצה־מענטש, האָט גערעדט וועגן דעם „מושב", ווי וועגן אַ דרך־המלך אין באַזעצן אַרבעטער אויפן לאַנד. דער פריצייטיק־פאַרשטאָרבענער לע־רער פון דער א"י אַרבעטער־באַוועגונג האָט דערביי געמאַכט די הנחה, אַז די קאָמונאַלע פאָרם פון זידלונג דאַרף זיין אָנגעווענדט איבערהויפּט ביים באַזעצן ווייטע, פאַרוואָרפענע, דערצו גרויסע שטחים, וועלכע ווערן באַאַרבעט אויף אַן עקסטענסיוון אופן, וואו מ'פאַרנעמט זיך איבערהויפּט מיט תבואה אָדער מיט די אַזוי גערופענע פלחה־קולטורן. וואָס אָנבאַלאַנגט דער זידלונג אין יהודה און שומרון, אין באַצירקן, וועלכע זיינען שוין מער־ווייניקער באַזעצט, וואו מ'פאַרנעמט זיך איבערהויפּט מיט אַ פלאַנטאַציע־ווירטשאַפט — דאָרט (אַזוי האָט געדענקט ב. כ.) דאַרף דער „מושב" זיין די דאָמינירנדיקע פאָרם פון דער אַרבעטער־ווירטשאַפט. ווי געזאָגט, האָט אָבער אין דער ווירקלעכקייט פאַסירט, אַז ווען חברים זיינען געקומען באַשטימען פאַר זיך אַליין די פאָרם פון זייער זידלונג, האָבן זיי דערוויילט די פאָרם פון דער קבוצה.

עס מוז דערביי באַטאָנט ווערן, אַז דגניה איז געווען דער ערשטער באַוואוסטזיניקער, באַצוועקטער נסיון פון דער אַרבעטער־זידלונג, — זי איז, אָבער, בדרך־כלל, ניט געווען דער ערשטער פרואוו צו באַזעצן אַר־בעטער אויפן לאַנד אין די טעג פון דער צווייטער עליה. אַזוי צ. ב., איז געגרינדעט געוואָרן אינם יאָר 1908, אַלס אַ מושב־עובדים, די קאָלאָניע „עין גנים" אַרום פתח־תקוה. מיט אַ קורצער צייט פאַר דעם איז אויך אויפגעשטעלט געוואָרן אַלס אַרבעטער־דאָרף די קאָלאָניע באר־יעקב אַרום רחובות.

לכתחילה האָט מען געלייגט אויף די צוויי ישובים מערקבאַרע האָפע־נונגען און מען האָט געקוקט אויף זיי ווי אויף אַן אָנהויב פון דער אַרבע־

טער־קאָלאָניזאַציע, איבערהויפּט אויף עין־גנים. א. ד. גאָרדאָן, וועלכער איז געווען אַן אַרבעטער אין פּתח־תקוה, איז געווען אַ תושב פון דער דערביי־איקער עין־גנים. ער האָט זיך גערעכנט פאַר אַ חבר פון דעם מושב, איז געווען דאָרט זייער באַליבט, און זיין איינפלוס אויף די מיטגלידער פון עין גנים איז געווען זייער גרויס אין די ערשטע יאָרן פון דער עקזיס־טענץ פון דער קאָלאָניע.

עס מוז דאָ, אָבער, באַטאָנט ווערן, אַז ניט באר־יעקב, און אַפילו ניט עין־גנים, זיינען קיינמאָל ניט געווען קיין מושבי־עובדים אין דעם אמתן זין פון וואָרט, ווי דער אמתער מושב־עובדים איז אונז באַוואוסט פון די טעג פון נהלל. אמת, ביידע זיינען געבויט געוואָרן מיט דער הילף פון נאַציאָנאַלן קאַפּיטאַל (פון די רוסישע „חובבי־ציון"), אָבער דערצו האָבן די זידלער געמוזט אינוועסטירן אַ גרויסע מאָס פון אייגענע מיטלען. דער נאַציאָנאַל פאָנד איז נאָך דאָן כמעט ווי ניט צוגעשטאַנען צו קיין קאָלאָ־ניזאַטאָרישער טעטיקייט און די קאָלאָניסטן פון באר־יעקב און עין־גנים האָבן אַליין געדאַרפט באַצאָלן פאַרן באָדן און געקראָגן דעם באָדן אין זייער פּריוואַטן באַזיץ. ס'איז לייכט איינצוזען, אַז אויף אַזאַ אופן זיינען די צוויי דערמאָנטע ישובים געבויט געוואָרן אויף האַלב־פּריוואַטע יסודות. און ניט צופעליק זיינען זיי מלכתחילה ניט געווען געבויט אויף די סאָציאַלע יסודות, אויף וועלכע ס'איז שפּעטער געבויט געוואָרן דער מושב־עובדים. די איינציקע נאָרמע אויף וועלכער באר־יעקב און עין־גנים זיינען בעצם, געבויט געוואָרן, איז געווען די אידישע אַרבעט. ס'האָט אָבער לאַנג ניט געדויערט און די צוויי ישובים האָבן זיך אָפּגעריסן פון דעם אַרבעטער־ציבור, פון זיינע אידעאַלן און טראַדיציעס און זיך פאַרוואַנדלט, מער אָדער ווייניקער, אין דעם געוויינלעכן טיפּ פון אַ אידישער קאָלאָניע. אמת, אין עין־גנים ווערט עד היום דער עיקר פון אידישער אַרבעט מער אָפּגעהיט, ווי אין באר־יעקב און אין די אַנדערע אַלטע פּריוואַטע קאָלאָניעס.

דער ערשטער שריט אין דער ווענדונג פון אויפבויען אַן אַרבעטער־ווירטשאַפט איז געווען, ווי געזאָגט, דגניה. די טאַט פון די גרופּע חברים, מיט דעם טראַגיש־אומגעקומענעם חבר יוסף בוסעל (וועלכער איז געווען דאָס האַרץ פון דער דאָזיקער גרופּע), איז געווען אַ גוואַלדיק געוואָגטע און אַ פולשטענדיק רעוואָלוציאָנערע. ווי שוין געזאָגט, האָט מען אין יענער תקופה גאָר ווייניק גערעדט וועגן קבוצה, און נאָך ווייניקער געגלויבט אין איר קיום־פייאיקייט. ביים סאַמע אָנהויב זיינען אַפילו די מענטשן פון דגניה אַליין אויך ניט געווען זיכער, צי זייער נסיון וועט זיין געקרוינט מיט הצלחה. בכדי זיך צו באַוואָרענען קעגן דורכפאַל, האָבן זיי זיך לאַנג אָפּגעגעבן מיט דער מענטשן־סעלעקציע. זיי זיינען געווען זיכער, אַז בלויז דערוויילטע מענטשן וועלן זיין ביכולת צו זיין בויער פון דער קאָמונע,

וואָס דאַרף זיין אַ פֿאָלקאַם־נייע פֿאָרם פֿון לעבן, פֿאָרזיכטיק און סקעפּטיש אין באַצוג צו זיך אַליין, האָבן די שעפּער פֿון דגניה גאָרניט פֿאַראויסגעזען, אַז זיי לייגן דורך אַ נייעם וועג אין דער אַנטוויקלונג פֿון ארץ־ישראל און דער אידישער אַרבעטערשאַפֿט — אַ דרך־המלך פֿאַר גרויסע טויזנטער און צענדליקער טויזנטער.

אינם יסוד פֿון דעם דגניה־נסיון איז געווען די אַנטשלאָסנקייט צו מאַכן אַ פֿולקאָמענעם ריס מיטן נעכטן. פֿון יהודה איז מען אַוועק ווייט־ווייט צום גליל, צו די ברעגן פֿון כנרת. מ׳האָט געמאַכט אַ סוף מיטן חלום פֿון כיבוש־עבודה, פֿון דעראָבערן די אַרבעט אין דער פּריוואַטער ווירטשאַפֿט — מ.איז אַוועק אין דגניה, אין אַן אייגענער וועלט. דער בונט, די רעאַקציע קעגן דעם נעכטן און די נעכטיקע חלומות איז געווען פֿולשטענדיק!

ווי געזאָגט אינם פֿריערדיקן קאַפּיטל, איז צו יענער צייט אינער־האַלב דער צווייטער עליה נאָך ניט געווען פֿולקום רייף דער געדאַנק פֿון אַן אַרבעטער־זידלונג. די ברייטע מאַסן פֿון דער צווייטער עליה זיינען ניט געווען גרייט צו גיין אין די וועגן פֿון דגניה. עס האָבן דאָ געווירקט אַ רייע אורזאַכן. ניט די לעצטע צווישן זיי איז געווען די אָביעקטיווע סיבה — וואָס צו יענער צייט האָט מען ערשט אָנגעהויבן טראַכטן אין די ציוניס־טישע רייען וועגן דער, אַזוי געררופֿענער, פּראַקטישער אַרבעט אין ארץ־ישראל און עס האָט נאָך כמעט ווי ניט עקזיסטירט דער פֿאַרבאַדינג פֿאַר דער דאָזיקער אַרבעט אין דער פֿאָרם פֿונם נאַציאָנאַלן קאַפּיטאַל. האָבן דען מיטללאָזע חברים געקענט חלומען וועגן זידלונג אין דער צייט ווען אַזאַ קאַפּיטאַל האָט נאָך ניט עקזיסטירט?

דערצו האָט נאָך די צווייטע עליה, אין איר איבערוועגנדיקער מאַסע, ניט געוואָלט זיך אָנטזאָגן פֿון דעם קאַמף פֿאַר דער דעראָבערונג פֿון דער אידישער אַרבעט. ס׳איז אַנטשטאַנען דער געדאַנק וועגן סובאָרדינירן די פּרוואוון פֿון דער אַרבעטער זידלונג צו די נויטווענדיקייטן פֿון באַ־קעמפֿן די פֿרעמדע אַרבעט אין דער אידישער ווירטשאַפֿט: טאָקע יאָ בויען אַרבעטער־זידלונגען, אָבער איבערהויפּט אַרום די עקזיסטירנדיקע קאָלאָניעס און באַזעצן דאָרט אידישע אַרבעטער, וואָס אַרבעטן אין די קאָלאָניעס. די דאָזיקע אַרבעטער־זידלונגען האָבן געזאָלט געבויט ווערן אויפֿן יסוד פֿון אַ קליינער ווירטשאַפֿט, פֿון אַ באַגרענעצטער צאָל דונאַם־באָדן און דינען אַלס געהילף־ווירטשאַפֿט, געבנדיק אויף אַזאַ אופֿן דעם אַרבעטער די מעגלעכקייט זיך קעגנצושטעלן דעם נידעריקן לוין און אָפּט־מאָל כראָנישע אַרבעטסלאָזיקייט. אויסער די שוין אָנגערופֿענע באר־יעקב און עין־גנים (וועלכע האָבן זיך שנעל אָפּגעריסן פֿון דעם אַרבעטער־ציבור) — זיינען אין יענער צייט, ביז די יאָרן פֿון דעם ערשטן וועלט־קריג, און אין די ערשטע יאָרן פֿונם קריג, געשאַפֿן געוואָרן אייניקע אַרבעטער־

ישובים, דהיינו: עין־חי (1913), נחלת יהודה (1913), כרכור (1915), אַלע דריי פונם טיפּ פון מושב עובדים, און אויך איין קבוצה: גן שמואל (1913).

כּדי צו באַקעמפן די כראָנישע אַרבעטסלאָזיקייט פון די אידישע לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער, וועלכע זיינען געווען קרבנות פונם באַי־קאָט מצד דעם אידישן אַרבעטס־געבער — זיינען אומגעפער אין דער זעלבער צייט פאַרשידענע נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס (דער נאַציאָנאַל־פאָנד, דער ארץ־ישראל־אָפיס, די איק״א) צוגעטראָטן צו בויען זידלונגען אין וועלכע זיי האָבן באַשעפטיקט צענדליקער אַרבעטער. אַזוי צ. ב., איז אַנטשטאַנען די נאַציאָנאַל־פאָנד־פאַרם אין בן־שמן מיטן צוועק צו האָבן אויפזיכט איבער דעם הערצל־וואַלד, וואָס איז דאָ געפלאַנצט געוואָרן; די פאַרם כנרת (1908) און די פאַרמס חולדה (1911), מרחביה (1911).

די אַלע נאַציאָנאַלע ווירטשאַפטן זיינען געווען געבויט אויף דעם צענט־ראַליסטישן פּרינציפּ. פאַרוואַלטעט זיינען זיי געווען דורך אַן אָנגעשטעלטן פון אויבן. די אַרבעטער זיינען געווען געדונגענע און האָבן אין דער פאַר־וואַלטונג קיין איינטייל ניט גענומען. על־פּי־רוב פלעגן די אַרבעטער אויף די דערמאָנטע, און אויך אַנדערע נאַציאָנאַלע פאַרמס, לעבן אַלס קאָלעק־טיוו. די קאָלעקטיווע אידייע האָט באַגלייט דעם אידישן אַרבעטער אין ארץ־ישראל נאָך פון די טעג פון ביל״ו.

נאָך אין אַ גרעסערער מאָס האָט זיך די אידייע פון קאָלעקטיוויזם געפילט אין די טעג פון דער צווייטער עליה. קאָלעקטיווע קערנדלעך אינם צוזאַמענלעבן פון חברים האָבן זיך אָנגעהויבן נאָך מיט יאָרן פריער, איידער ס׳האָט זיך באַשאַפן דער ערשטער קאָלעקטיווער אַרבעטער־ישוב — דגניה, און איידער מ׳האָט אָנגעהויבן גלויבן, אַז די קאָמונע איז גיל־טיק ניט בלויז אַלס אַ פאָרם פון צייטווייליקן צוזאַמענלעבן, נאָר אַלס אַ שטענדיקע פאָרם פון אַ זעלבסט־פאַראַנטוואָרטלעכער ווירטשאַפט.

פון צייט צו צייט פלעגט אַ פאָרם איבערגעגעבן ווערן צייטווייליק צו דער זעלבסט־פאַרוואַלטונג פון דעם קאָלעקטיוו אַרבעטער פון דער פאַרם. אַזוי איז אַנטשטאַנען דער געדאַנק און דער אָנהויב פון פאַרוואַנדלען מרחביה אין אַ קאָאָפּעראַטיוו, לויט דער סיסטעם פון ד״ר פראַנץ אָפּענ־היימער. דער דאָזיקער געדאַנק איז ניט געלונגען. די „קאָאָפּעראַציע״ מרחביה איז נאָך יאָרן פון עקספּערימענטירן ליקווידירט געוואָרן. אינם יאָר 1919 איז דער פּלאַץ איבערגעגעבן געוואָרן פאַר צייטווייליקער באַאַר־בעטונג צו אַ קאָלעקטיוו פון חברים. אין פאַרלויף פון אַ געוויסער צייט האָבן זיך די דאָזיקע קאָלעקטיוון אַ פּאָר מאָל געביטן, ביז אינם יאָר 1921 האָט זיך אויפן פּלאַץ באַזעצט אַ מער שטענדיקע קבוצה פון 30 חברים, אין זייער גרעסטן טייל חברים פון אַמעריקע, מיטגלידער פון

לעגיאָן. אינם יאָר 1922 איז דאָ, אין שכנות מיט דער קבוצה, אויך געלייגט געוואָרן אַ יסוד פֿאַר אַ מושב־עובדים, וואָס טראָגט אויך דעם נאָמען מרחביה. מיט יאָרן שפּעטער איז די קבוצה מרחביה איבערגעגעבן געוואָרן דעם „השומר הצעיר", צו וועמען זי געהערט עד היום.

אויך כּנרת (1908) איז לכתחילה געווען אַ פֿאַרם, און דער אַרבעטער־קאָלעקטיוו האָט דאָרט געאַרבעט בלויז אַלס אַ געדונגענע קערפּערשאַפֿט. פֿון דאַנען איז עס אַרויס אין 1910 די קליינע גרופּע חברים וואָס האָבן גענומען אויף זייער אַחריות די באַאַרבעטונג פֿונם נאַציאָנאַל־פֿאָנד באָדן אין אום־דזשוני און אַזוי אַרום געלייגט דעם יסוד פֿון דער קבוצה דגניה. כּנרת איז אָבער בלויז מיט פֿיר יאָר שפּעטער (1914) אַריבערגעגאַנגען צו ווערן פֿאַרוואַלטעט דורך אַ זעלבסטשטענדיקן אַרבעטער־קאָלעקטיוו.

סיי אין כּנרת, און סיי אין מרחביה און אין אַנדערע פֿאַרמס פֿלעגן זיך איינצעלנע חברים און גאַנצע קאָלעקטיוון זייער אָפֿט בייטן. אַפֿילו דגניה פֿלעגט שטאַרק ליידן פֿון דעם, וואָס חברים פֿלעגן זיך זייער אָפֿט בייטן און פֿאַרלאָזן דעם פּלאַץ. ס'איז אָבער געווען אין דגניה אַ קערן פֿון חברים, וואָס האָט געזען אין דגניה אַ שטענדיקן אויפֿטו און אַ שטענדיקע היים.

אין אַנדערע פּלעצער איז עס ניט געווען אַזוי. חברים פֿלעגן ניט וועלן צובינדן זיך צו אַ באַשטימטן פּלאַץ און האָבן מער גערן געוואַנדערט פֿון פּלאַץ צו פּלאַץ. זיינען עס געווען די חבלי־לידה פֿון אַ נייעם אידישן מענטשן, אַ אידישן קאָלאָניסט, פֿון אַ אידישער סאָציאַליסטישער לאַנד־ווירטשאַפֿט. די אַלע יאָרן ביז נאָכן ערשטן וועלט־קריג שטעלן מיט זיך פֿאָר דעם איבערגאַנג־פּעריאָד, דעם אויסבריי־פּעריאָד פֿאַר אידייען און זוכענישן אין דער אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע — ביז זי איז געקומען צו דער תּקופֿה פֿון איר גרויסן ספּאָנטאַנעם אויפֿבלי אין די יאָרן פֿון נאָך דער מלחמה.

אין פֿאַרלויף פֿון לאַנגע יאָרן זיינען די מענטשן פֿון דער צווייטער עליה אַרומגעגאַנגען, אַרומגעוואַנדערט איבערן לאַנד, באַהערשט דורך אַ באַזונדערער אומרואיקייט. דאָס איז געווען אַ גרויסע און אומקלאָרע אומרואיקייט ווי אַ ניט־פֿאָרמולירטע דערוואַרטונג פֿון גרויסע זאַכן, וואָס זאָלן קומען... אין אַ גרויסער מאָס קאָן צוגערעכנט ווערן דער „השומר" צו דער דאָזיקער קאַטעגאָריע.

די דאָזיקע טיפֿע, אומבאַשטימטע חלומות און באַגערן זיינען געקומען צום אויסדרוק אין דער באַוואוסטער, קלאַסישער רעדע „אַנטקעגן די אָנ־קומענדיקע טעג", וואָס בערל קאַצענעלסאָן האָט געהאַלטן פֿאַרן סוף פֿון דעם ערשטן וועלט־קריג, אויפֿן 7טן צוזאַמענפֿאָר פֿון די לאַנדווירטשאַפֿטלעכע

אַרבעטער, פּורים, תּרע״ח (1918). אין דער דאָזיקער רעדע האָט ב. ק. געזאָגט זיין נבואה פאַר דער אַנטשטייענדיקער תּקופה: ער האָט גערעדט וועגן גרויסער פאָלקס־עליה, וועגן אויפבוי פונם לאַנד און וועגן דער ראָל וואָס דער חלוצישער אַרבעטער וועט שפּילן אינם אויפבוי פון ארץ־ישראל. ער האָט גערופן די אַרבעטער צו שטעלן זיך בראש פון פאָלק און דער אַרבעט אין ארץ־ישראל, ווייל דער ציוניזם און זיין פאַרווירקלעכונג איז אָרגאַניש פאַרבונדן מיט אַ געזעלשאַפטלעכער איבערקערעניש אין דעם אידישן לעבן.

4

צווישן צוויי מלחמות; וואוקס און אַנטוויקלונג פון דער אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע

עס איז געקומען די דריטע עליה מיט איר זודיקן אָטעם און איר גרויסען געוואַגטן שריט אויפן געביט פון דער זעלבסטשטענדיקער קאָלאָניזאַטאָרישער טעטיקייט פונם אידישן אַרבעטער. אין דער דאָזיקער תּקופה האָט מען אָנגעהויבן בויען דעם עמק יזרעאל, באַזונדערס דעם מזרח־טייל פון עמק.

די צווייטע עליה האָט געפונען איר גרויסן היסטאָרישן אויסדרוק אין דער שאַפונג פון דגניה — פון דער קבוצה, פון דער אַזוי גערופענער קליינער קבוצה. די דריטע עליה איז געווען די מוטער פון גאַנצע צוויי גרויסע שאַפונגען — מיט דער אויפשטעלונג פון עין חרוד (1921) און תּל יוסף (1921) איז געלייגט געוואָרן דער יסוד פונם קיבוץ, אָדער ווי מ׳האָט עס דאַן אָנגערופן — פון דער גרויסער קבוצה און מיט דער שאַפונג פון נהלל (1921) און כּפר יחזקאל איז געלייגט געוואָרן דער יסוד פון דעם ווירקלעכן טיפ פונם מושב־עובדים.

די דריטע עליה איז געווען דאָס וויגעלע פון צוויי גרויסע, אייגנאַרטיקע כּוחות, וואָס זיינען אויפגעשטאַנען איינערהאַלב דער אַרבעטער־משפּחה אין ארץ־ישראל: מיט די כוואַליעס פון דער דריטער עליה איז געבראַכט געוואָרן אין לאַנד דער „גדוד־עבודה", אַ קינד פון דעם רוסישן „החלוץ" פון דער ערשטער תּקופה פון דער אָקטאָבער רעוואָלוציע. דער „גדוד־העבודה" האָט געטראָגן דעם נאָמען פון יוסף טרומפּעלדאָר און אַזוי אַרום איז די וויכטיקסטע יצירה פונם „גדוד" אין ארץ־ישראל, די גרויסע קבוצה תּל־יוסף, אָנגערופן געוואָרן אויף יוסף טרומפּעלדאָרס נאָמען.

דער צווייטער בייער כּוח איז געווען דער „השומר הצעיר", פון וועלכן די ערשטע גרופּע איז געקומען קיין א״י נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה פון גאַליציע.

אַ גאַנצע רייע אַרבעטער־ישובים, פֿון די גאַר־גאַר וויכטיקסטע, איז געשאַפֿן געוואָרן אין די טעג פֿון דער דריטער עליה. לאָמיר דאָ אויס־רעכענען די מער באַקאַנטע צווישן זיי:

מושבי עובדים: אויסער די אויבנדערמאָנטע נהלל און כפֿר־יחזקאל, ווילן מיר נאָך דערמאָנען די פֿאָלגנדיקע: עטרות (1922), בלפֿוריה (1922), תּל־עדשים (1924).

קבוצות: (פֿון דעם טיפּ וואָס געהערן איצט צום „חבר הקבוצות") גבע (1921), דגניה ב׳ (1922), קרית־ענבים (1923). קרית־ענבים אין דער געגנט פֿון ירושלים, דאַרף דאָ ספּעציעל אונטערגעשטראָכן ווערן אַלס איינער פֿון די ערשטע פּרוּוון פֿון דער אַרבעטער־התישבות צו באַזעצן זיך אין די בערג.

„השומר הצעיר": די פֿאָלגנדיקע קבוצים זיינען געגרינדעט געוואָרן אין יענער צייט און איינם אָנהויב פֿון דער פֿערטער עליה: מזרע (1924), קבוץ־כרכור (עס איז דאָ אויך געווען אַ מושב־כרכור) אין 1925, בית־אַלפֿא (אין 1922). (ביז מיט אַ צאָל יאָרן צוריק איז בית־אַלפֿא געווען אַן אומאָפּהענ־גיקע קבוצה).

קבוץ מאוחד: פֿון דעם טיפּ פֿון גרויסע קבוצות זיינען אַנטשטאַנען אילת השחר (1919), גשר, וועלכע טראָגט היינט דעם נאָמען אַשדות־יעקב (1922), חפֿצי־בה (1922), יגור (1925). — ווי איר שכנה, בית־אַלפֿא, איז חפֿצי בה געשאַפֿן געוואָרן אַלס אַן אומאָפּהענגיקע קבוצה, וואָס האָט אין פֿאַרלויף פֿון אַלע יאָרן ניט געהערט צו קיין פֿאַראייניקונג פֿון קבוצות. מיט אַ יאָר צוויי צוריק איז זי צוגעשטאַנען צום קיבוץ המאוחד.

און דער זעלבער תּקופֿה איז אויך געלייגט געוואָרן דער יסוד פֿאַר די קיבוצים אין די פּריוואַטע קאָלאָניעס. די חברים פֿון די דאָזיקע זידלונגען פֿלעגן זיך פֿאַרנעמען איבערהויפּט מיט דער אַרבעט ביי די פּריוואַטע קאָלאָניסטן, און דער ציל פֿון די דאָזיקע קיבוצים איז טאַקע געווען: כיבוש העבודה (דעראָבערונג פֿון דער אַרבעט אין דער פּריוואַ־טער ווירטשאַפֿט). דער קיבוץ המאוחד (דאַן האָט ער נאָך געהייסן „קבוץ עין חרוד") האָט גענומען דעם ערשטן שריט אויף דעם דאָזיקן גוואַלדיק וויכטיקן געביט מיט דער שאַפֿונג פֿון זיינער אַ פלוגה (אָפּטיילונג) אין פּתח־תּקוה. אין שכנות מיט דער דאָזיקער פּלוגה האָט עקזיסטירט דער קבוץ „מעבר" („איבערגאַנג") פֿאַר נייע, אומדערפֿאַרענע עולים. מיט איי־ניקע יאָר שפּעטער האָט זיך די פּלוגה פֿאַראייניקט מיטן „מעבר" און ס׳איז אַנטשטאַנען דער קיבוץ גבעת השלושה, וואָס געהערט צום קיבוץ המאוחד.

אין די לעצטע יאָרן פֿון דער דריטער און ביים אָנהויב פֿון דער פֿער־טער עליה זיינען אויך אַנטשטאַנען אַנדערע קיבוצים אין די פּריוואַטע

קאָלאָניעס און על־פּי־רוב מיטן זעלבן צוועק, ווי צ. ב.״ — קיבוץ הדרום. ער איז שנעל אונטערגעגאַנגען און חברים וואָס זיינען פאַרבליבן האָבן זיך בדרך־כּלל אַנגעשלאָסן אין דעם חבר־הקבוצות.

אין פאַרלויף פון די יאָרן זיינען אַנטשטאַנען פיל אַנדערע קיבוצים אין די פּריוואַטע קאָלאָניעס. אָרגאַניזירט פון קיבוץ־המאוחד, און חבר הקבוצות. אויך דער „השומר הצעיר״ איז פאַרגעשטעלט אויף דעם גע־ביט אויף זייער אַ בכּבודיקן אופן.

מיטן צוזאַמענברוך פון דער פערטער עליה איז אַנשטאַנען דער שווע־רער קריזיס אין ציוניזם און אין ארץ־ישראל — מיט זיין שרעקלעכער אַרבעטסלאָזיקייט און יאוש. אין פאַרלויף פון יאָרן זיינען קיין נייע אַר־בעטער־דערפער ניט אַנטשטאַנען. ווען דער קריזיס האָט געהאַלטן ביים פאַרשווינדן, זיינען פאַרגעקומען די געשעענישן פון 1929 און מיט זיי איז געקומען אַ נייער קריזיס.

די הסתדרות האָט דאַן געמאַכט אַ גוואַלדיקע, ממש פאַרצווייפלטע אַנשטרענגונג, און אין די יאָרן 27־1928 איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ גרופּע זידלונגען אין דעם מערב־טייל פונם עמק־יזרעאל.

עס איז דאַן באַשאַפן געוואָרן כּפר־יהושע, אַ מושב־עובדים פון די פיינסטע און געלונגענסטע. דאַן זיינען עס אַנטשטאַנען משמר־העמק, און שריד (השומר הצעיר), די קבוצות עינות און קבוץ השרון (חבר־הקבוצות), און די קבוצה גבת, אויפן נאָמען פון די קדושי־־פינסק (קבוץ־המאוחד).

און זאָל דאָ פאַררעגיסטרירט ווערן אַן אינטערעסאַנטער און געלונ־גענער פּרוּוו: דאָס איז די אויפשטעלונג פון דעם מושב עובדים בית־נתן פון בולגאַרישע אידן. די הסתדרות האָט זיך באַזונדערס אָפּגעגעבן מיטן שאַפן די דאָזיקע זידלונג.

יאָרן פון קריזיס פלעגן אָפּהאַלטן, טאָרמאָזירן — זיי פלעגן אָבער שטענדיק אויך זיין אַ גרויסער שטויס פאַר נייער ענערגיע און נייע טאָטן מצד דער אָרגאַניזירטער אַרבעטערשאַפט. עס איז שווער איבערצוגעבן וואָס פאַר אַ גוואַלדיקע, אומגעהויערע ראָל עס האָט אין דעם געשפּילט די הסתדרות, אַדאַנק די פאָלגנדיקע צוויי סיבות:

א) דעם פאַקט, וואָס די אַרבעטער זיינען פאַראייניקט אין דער אַל־געמיינער אַרבעטער אָרגאַניזאַציע — הסתדרות, וועלכע איז ניט בלויז אַ פאַראיין פון טרייד־יוניאָנס, נאָר אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס איז באַווירקט דורך הויכע אידעאַלן, ווי גאולה, סאָציאַליזם, מענטשלעכער רענעסאַנס און מענטשלעכע און געזעלשאַפטלעכע מאָראַל, — אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס איז ניט בלויז אַ באַשיצערין פון די אינטערעסן פון אירע חברים, נאָר פאַר־קערט, פריער פאַר אַלץ לייגט זי גאָר אַרויף התחייבותן אויף אירע חברים און דינט אַלס אַ מאָראַליש־סטימולירנדיקער פאַקטאָר.

ב) דעם פאקט, וואס די הסתדרות באמיט זיך צו שאפן אייגענע מיט־לען און מיט זייער הילף ווערט זי פארוואנדלט אין א געוואלטיקן מאַטעריעל־סטימולירנדיקן פאקטאר אינעם לעבן פון הונדערט מיט פופציק טויזנט מיטגלידער, וואס שטעלן מיט זיך פאר די הסתדרות. אויף דעם געביט איז געשאפן געווארן דער אומגעהויער־וויכטיקער זידלונגס־פאנד פון דער הסתדרות — „ניר״ — און מיט א פאר יאר שפעטער, די טאכטער־געזעלשאפט פון „ניר״ — „מקורות״.

דווקא אין די יארן פון קריזיס פלעגן זיך דערוועקן קוואלן פון איניציאטיוו אינערהאלב דער הסתדרות, — דער ארגאניזירטער ארבעטער־שאפט אין אירע פארשיידענע טיילן. ווען ניט די דאזיקע איניציאטיוו, וואס פלעגט ברעכן אלע צוימען אויף איר וועג — וואלט ארץ־ישראל ניט געקענט זיך אויפבויען נאך מאמענטן פון גרויסער נידערלאגע, ווי דער קריזיס פון די יארן 1926־1932. אינטערעסאנט, אז דווקא די קריזן, וואס פלעגן ריידן אין נאמען פון „פריוואטער איניציאטיוו״ — פלעגן קיין גרויסע איניציאטיוו ניט ארויסווייזן אין זוכן וועגן פאר ברעכן א קריזיס אין לאנד. און דווקא די ארבעטער, וואס זיינען „געבונדן״ און „געפענטעט״ דורך דער הסתדרות, פלעגן אין יעדן קריטישן מאמענט געבוירן די טרייב־קרעפטן, וואס זיינען געווען א ישועה פארן ציוניזם און ארץ־ישראל.

אזוי איז פון יענע יארן פון קריזיס ארויסגעוואקסן דער אויפטו פון דער אזוי גערופענער התישבות פון די טויזנט משפחות (התישבות האלף). עס איז אנטשטאנען דער לאזונג פון אייגענע אפשפארונגען. איינצלנע חברים, אויך קבוצות און קיבוצים פלעגן שפארן און עס האבן זיך געשאפן וויכטיקע פאנדן. די הסתדרות האט זיך באטייליקט מיט אירע פאנדן און ווי מ׳פלעגט דאן זאגן: „דער וואגן האט זיך גערירט!...״ עס איז געלייגט געווארן דער יסוד פון א רייע ישובים אין יהודה, און איבערהויפט — אין שרון.

פון די וויכטיקסטע פונקטן וואס זיינען באשאפן געווארן אין די יארן 1932־1933, ווילן מיר דא דערמאנען: דעם מושב כפר וויתקין, כפר אביחיל (וועטעראנען פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, חברים פונם אמעריקאנער לעגיאן); די קבוצת שילר, רמת יוחנן (איינער פון די יסודות פון דער דאזיקער קבוצה איז געווען א גרופע חלוצים פון אמעריקע). רמת יוחנן איז געגרינדעט געווארן מיט דער הילף פון מיטלען, וואס זיינען ספעציעל געזאמלט געווארן אין דרום־אפריקע, כדי צו שאפן א לעבעדיקן מאנומענט דעם גענעראל יוחנן סמאטס, אויף וועמענס נאמען די קבוצה איז טאקע אנגערופן געווארן.

א באזונדערס וויכטיקער אויפטו שטעלט מיט זיך פאר די קבוצה כפר החורש — א בארג־זידלונג אין די נצרת־בערג, אין אן איינזאמער געגנט,

אַרומגערינגלט מיט שונאים. כּפר החורש איז איינער פֿון די געוואַגטסטע שריט אין דער געשיכטע פֿון אונזער קאָלאָניזאַציע. (די דערמאָנטע דריי ישובים באַלאַנגען צום „חבר־הקבוצות").

אויך דער קבוץ המאוחד האָט דערגרייכט אייניקע זייער וויכטיקע פּונקטן, פֿון וועלכע מיר וועלן דערמאָנען: כּפר־חיים, אַפּיקים, דעם גרויסן קבוץ גבעת ברענער, איינער פֿון זיינע גרינדער איז געווען דער חבר חיים אַנצאָ סירעני ז"ל, וואָס האָט פּאַראַיבּיקט זיין נאָמען אַלס איינער פֿון די „פּאַראַשוטיסטן" מיט דער הייליקער שליחות צו די אידן אין די געטאָס. אין יענער צייט איז אויך אויפֿגעשטעלט געוואָרן דער קיבוץ — רמת־הכּובש, וועלכער איז אַזוי גוט באַקאַנט פֿון די יאָרן פֿון אומרועז און אויך פֿון די מלחמה־טעג.

פֿון אַ באַזונדערער באַדייטונג זיינען צוויי אַנדערע ישובים פֿונם קיבוץ המאוחד, וואָס זיינען אויפֿגעשטעלט געוואָרן אין יענע יאָרן פֿון דער פֿיפֿטער עליה. אינם יאָר 1930, אַ יאָר נאָך די בלוטיקע געשעענישן פֿון 1929, איז אין אַ פֿאַרוואָרפֿן ווינקל פֿון דרום־יהודה, נים ווייט פֿון דער חרובער חולדה, וואָס איז צעשטערט געוואָרן אין די געשעענישן פֿון 1929, אויפֿגעשטעלט געוואָרן אַ נייער ישוב. וויכטיק איז צו באַמערקן, אַז די וואָס האָט געוויזן דעם ערשטן געוואַגטן שריט נאָך די בלוטיקע געשעענישן, איז געווען אַ יוגנט־גרופּע פֿונם „הנוער העובד" (די אַרבעטנדיקע יוגנט), די יוגנט־באַוועגונג פֿון דער הסתּדרות. דער נאָמען פֿון דעם נייעם קיבוץ איז געווען נענה, איצט הייסט ער נען.

אַ צווייטער אויפֿטו, וואָס האָט אין זיך אַנטהאַלטן אַ בשורה, איז געווען דאָס אויפֿשטעלן דעם קיבוץ בית השיטה. דאָס איז געווען די ערשטע זידלונג אינם עמק בית־שאָן, וואוהין די אידן האָבן שטענדיק געשטרעבט אַריינצושטעלן אַ פֿוס און אָנהייבן דאָרטן אַ קאָלאָניזאַציע־אַרבעט. עס איז מער ווי מערקווירדיק, אַז בית־השיטה איז אויך געבויט געוואָרן דורך אַ יוגנט־גרופּע — דאָס מאָל ניט פֿון אַרבעטנדיקע, נאָר פֿון לערן־יוגנט, גראַדואירטע פֿון די פֿאַרשידענע מיטל־שולן, וואָס האָבן געשאַפֿן אַ חלוצישע אָרגאַניזאַציע פֿון לערן־יוגנט, „מחנות העולים". סיי נען און סיי בית השיטה זיינען אַנגעשלאָסן אין דעם קבוץ המאוחד.

צו איר קלימאַקס איז די זידלונגס־באַוועגונג פֿון די אידישע אַרבעטער געקומען אין די יאָרן פֿון די לעצטע געשעענישן (1936־1938) און אין די שפּעטערדיקע מלחמה־יאָרן. אין פֿאַרלויף פֿון די יאָרן זיינען אויפֿגעשטעלט געוואָרן 77 נייע פּונקטן אין די פֿאַרשידנסטע עקן פֿון ארץ־ישראל. די דאָזיקע עפּאָכע וועט פֿאַרצייכנט ווערן דורך דער געשיכטע, אַלס די עפּאָכע פֿון שטורם אין דער ארץ־ישראל־אַרבעט און אין דעם לעבן פֿון דער אַרבעטער באַוועגונג און דער הסתּדרות. צענדליקערווירטשאַפֿטן

זיינען אויפגעשטעלט געוואָרן בוכשטעבלעך אין דער מדבר, זייער אָפט דורך דער נאַכט. דאָס זיינען די זידלונגען, וואָס זיינען אַזוי גוט באַקאַנט מיט זייער נאָמען „זידלונגען פון מויער־ און־ טורעם״ (חומה ומגדל).

אין די יאָרן איז פאָרגעקומען די „אָקופּאַציע״ פונם עמק בית־שאָן — איינער פון די פּרוכטבאַרסטע און קאָלאָניזאַטאָריש־וויכטיקסטע גע־ביטן צווישן דעם עמק יזרעאל און עמק הירדן. ס׳איז כדאי צו דערמאָ־נען דעם מושב־עובדים מולדת, וואָס איז דאָ דאַן אויפגעשטעלט געוואָרן און די קיבוצים שדה נחום (נחום סאָקאָלאָוו), מעוז חיים (ביידע פונם קבוץ מאוחד).

איינער פון די דראַמאַטישסטע מאָמענטן און דערגרייכונגען פון דער עפּאָכע איז געווען דאָס אויפשטעלן פון חניתא, הויך אין די בערג אין מערב־טייל פונם גליל, אַרום דער סירישער גרענעץ. די טעג פון חניתא זיינען געווען טעג פון געוואַלדיקן ענטוזיאַזם איבערן גאַנצן לאַנד. די זיד־לונג געהערט צום „חבר הקבוצות״.

חניתא האָט גערופן און פאַרפליכטעט צו נייע גרויסע טאַטן. אַ רייע נייע זידלונגען זיינען אויפגעשטעלט געוואָרן אין די בערג. ניט ווייט פון חניתא איז אַנטשטאַנען דער קיבוץ חירבת צמח. אין אַ געגנט, וואָס איז נאָך ביז דאַן ניט אַנגערירט געוואָרן דורך דער אידישער קאָלאָניזאַציע, אינם צפון טייל פון די אפרים־בערג, זיינען אויפגעשטעלט געוואָרן צוויי קיבוצים — עין השופט (אַן אַמעריקאַנער קבוץ אויפן נאָמען פון ל. בראַנ־דייס) און רמת השופט, באַזונדערס דער לעצטער איז אויפגעשטעלט גע־וואָרן אין אַ זייער געפערלעכער געגנט. די דריי דערמאָנטע קיבוצים באַ־לאַנגען צום „השומר הצעיר״.

אַ געוואַלדיק געוואַגטע טאַט איז אויך געווען דאָס אויפשטעלן פונם קיבוץ בית אורן אין אַ ווילדער געגנט, אויפן שפּיץ פונם כרמל. (דער פּלאַץ האָט פריער געהייסן „די וועלדער פון כרמל״). דער קיבוץ בית־אורן איז, צוזאַמען מיטן קיבוץ משק יגור (ביידע פונם קיבוץ המאוחד), זייער פּראָמינענט דערמאָנט געוואָרן אין די לעצטע געשעענישן אין פאַרבינדונג מיט דער באַפרייאונג פון „אומלעגאַלע״ עולים פונם קעמפּ עתלית.

נאָכן באַרג — איז דער צווייטער אָביעקט פון זידלונג אין דער דאָ־זיקער תקופה געווען דער ים. עס איז אויפגעשטעלט געוואָרן דאָס ערשטע ים־דאָרף משמר־הים (קיבוץ המאוחד). צום קיבוץ המאוחד באַלאַנגט אויך די קבוצה שדות־ים, אויפגעשטעלט אויף די רואינען פון דער אור־אַלטער קסריה (אַרום חדרה) דורך אַ יוגנט־ גרופּע („הנוער העובד״ צוזאַמען מיט די „מחנות העולים״).

די יאָרן פון דער לעצטער מלחמה זיינען געווען יאָרן פון עקספּאַנסיע, פון אויסברייטערן די גרענעצן פונם לאַנד. עס האָט זיך סוף־סוף אַנגע־

הויבן די זידלונג פון דער חולה, מיט דער רייע ישובים, וואָס ווערן באַצייכנט אַלס די זידלונג דן און די „פעסטונג פון אוסישקין״. דאָ געפינט זיך די קבוצה נעמה (קיבוץ המאוחד), אין וועלכער די אַמעריקאַנער „הבונים״ שפּילן אַזאַ לייטנדיקע ראָל.

אין די וויטסטע און ווילדסטע הויכן פון די גליל־בערג זיינען אויפגעשטעלט געוואָרן די קיבוצים מנאַרה און קדש נפתלי.

דער הויפּט־אָביעקט פון דער תקופה איז געווען דער נגב. אַ גרויסער מאָראַלישער נצחון פון דער אידישער קאָלאָניזאַציע איז דער פאַקט, וואָס די אַלטע קאָלאָניע רוחמה, וואָס איז געווען חרוב אין פאַרלויף פון יאָרן — איז אויפסניי אויפגעשטעלט געוואָרן. מיט יאָרן צוריק איז רוחמה געווען דער איינציקער און ווייטסטער אידישער ישוב אינם דרום. היינט זיינען שוין די אידישע זידלונגען דערגאַנגען אַזש ביז דער אור־אַלטער באר־שבע. צווישן אַנדערע איז דאָ אויפגעשטעלט געוואָרן דער מושב עובדים בית אשל, אַ פּאָר קילאָמעטער פון באר־שבע. די גרעסטע דערגרייכונג איז דאָס אויפשטעלן פון קיבוץ רביבים, גאַנצע 35 קילאָמעטער צו דרום פון באר־שבע.

לאָמיר אויך דערמאָנען דעם קבוץ דורות (קיבוץ מאוחד) אין נגב — אויפן נאָמען פון אונזער טראַגיש־אומגעקומענעם חבר דוב האָז.

דער דראַנג צו זידלונג איז אַ חלוצישער דראַנג — דאָס איז די מאָס מיט וועלכער עס קענען און דאַרפן געמאָסטן ווערן די פּיאָנערישע אימפּולסן אינערהאַלב דער הסתדרות. אין פאַרלויף פון די לעצטע צען יאָר פון דעם פאַרצווייפלטן קאַמף פאַר אונזער קיום זיינען נאַטירלעך די דאָזיקע אימפּולסן גוואַלדיק געוואָקסן. אַלס אילוסטראַציע קען דינען די פאָלגנדיקע טאַבעלע וועגן דעם וואוקס פון דער צאָל אַרבעטער־ישובים אין ארץ־ישראל:

די צאָל אַרבעטער־ישובים אין ארץ ישראל

יאָר	קבוצות	מושבים
1918	10	2
1921	12	7
1925	24	11
1931	24	13
1936	43	36
1938	59	43
1939	71	49
1943	95	51
1945	103	53

די באַפעלקערונג פון די אַרבעטער־ווירטשאַפטן, חברים, עלטערן פון חברים, קינדער, יוגנט־עליה, יוגנט אין הכשרה, אאַ״וו, האָט דערגרייכט די צאָל פון איבער 48,000 נפשות! די מושבי עובדים צוזאַמען מיט זיינע ארגונים ציילן איבער 15,000 נפשות, דער קבוץ המאוחד 16,510, דער קבוץ ארצי 9,000 און דער חבר הקבוצות 8,000 נפשות.

5
פאַרשידענע קאָלאָניזאַציע טיפן

א. מושב עובדים.

איינע און די זעלבע אידייע איז די טרייב־קראַפט פון אַלע פאַרשידענע פאָרמען — די אידעע פון קאָלעקטיוויזם. די אַרבעטער־זידלונג איז אין אַלע אירע טיילן אַ קאָלעקטיוויסטישע באַוועגונג, אין דער הינזיכט, אַז איר טרייב־קראַפט איז דער אינטערעס פון אַ גאַנצן קאָלעקטיוו — פון דעם נאַציאָנאַלן קאָלעקטיוו, אָדער פונם אַרבעטער־קאָלעקטיוו. אין פאַרבינדונג דערמיט איז נויטיק צו זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן מושב־עובדים.

עס איז דאָ אַ פאַרשטעלונג, אַז דאָס באַלאַנגען צו אַ מושב עובדים שטעלט מיט זיך פאָר אַ נידעריקערע מדרגה פון חלוצישער גרייטקייט און אַז חברים וואָס באַזעצן זיך אין מושב זיינען באַוועגט פון יחידיש־עגאָאיס־טישע אינטערעסן. די דאָזיקע מיינונג האָט ניט קיין שום גרונט!

ניט קיין אינדיווידואַליסטיש־עגאָאיסטישע מאָטיוון האָבן באַוועגט די גרינדער פון דעם מושב־טיפּ אין אונזער זידלונג, נאָר פאַרקערט — עס זיינען געווען ריין־אידעאַליסטישע מאָטיוון. דער הויפט־מאָטיוו, צו־ליב וועלכן די פּיאָנערן פון דעם מושב האָבן פאַרגעצויגן דעם מושב איבער דער קבוצה איז געווען — אַז אין דער קבוצה פילט דער חבר אויס אין באַצוג צו דער גאַנצער ווירטשאַפט בלויז אַ טיילוויזע און ניט קיין פולע פונקציע. דער חבר קומט אין באַרירונג בלויז מיט איין עלעמענט, מיט אַ חלק פון דאָס גאַנצע — זיין קאָנטאַקט מיט דער לאַנד־ווירטשאַפט איז ניט פול. לויט דער דערמאָנטער מיינונג, איז דער קבוצה־חבר ניט מיט ביידע פיס איינגעוואָרצלט אין דעם באָדן אויף וועלכן ער שטייט און פון וועלכן ער ציט זיין קיום. די הויפט־שטרעבונג פון די גרינדער פון מושב (דער סאַמע מערקווירדיקסטער צווישן זיי איז גע־ווען אליעזר יאַפע ז״ל), איז געווען צו שאַפן אַ אידישן ערד־מענטש, וואָס זאָל זיך איינגאַנצן צונויפוואַקסן מיט דער ערד. אין דער קבוצה, האָבן זיי געטענהט, איז עס אוממעגלעך, ווייל דער חבר פילט דאָרט אויס בלויז אַ טיילווייזע פונקציע און קומט ניט אין קיין פולשטענדיקן קאָנ־טאַקט מיט זיין באָדן.

אינטערעסאַנט, אַז אַרויסגייענדיק פון דעם שטאַנדפּונקט, האָט אליעזר יאפע אפּגעוואָרפן די הנחה פון בערל קאַצענעלסאָן, אַז די קבוצה דאַרף זיך קאָנצענטרירן אין די געביטן פון דער עקסטענסיווער קאָלאָניזאַציע, און דער מושב — אין די געביטן פון דער אינטענסיווער, וואו דער עיקר איז די פּלאַנטאַציע־ווירטשאַפט.

אליעזר יאפע איז געווען בכלל קעגן אַ ריינער פּלאַנטאַציע־ווירטשאַפט און איבערהויפּט פאַר דעם מושב. ער האָט געטענהט, אַז די פּלאַנטאַציע־ווירטשאַפט איז אַ פאַבריק און ניט קיין לאַנדווירטשאַפט. מיר, האָט ער געזאָגט, האָבן שוין גענוג פאַבריקן. מיר האָבן אָבער ניט קיין געזונט אידיש פויערטום.

לויט דער דאָזיקער מיינונג, איז אַ פּלאַנטאַציע, און אַן אינטענסיווע ווירטשאַפט, בכלל, וואָס פּראָדוצירט בלויז איין באַשטימטן פּראָדוקט, אָדער בלויז אייניקע פּראָדוקטן—אַ ווירטשאַפט הויפּטזעכלעך פאַרן מאַרק, און דער פויער וועט זיין גענויט זיך מער אָפּצוגעבן מיטן מאַרק, מיט מסחר, ווי מיט דער לאַנדווירטשאַפט. זאָלן מיר, הייסט עס, אַוועק פון מסחר, בכדי צו ווערן אויפּסניי סוחרים אין ארץ־ישראל? — האָבן אל. יאפע און זיינע חברים געטענהט.

פון דאַנען איז מען געקומען צו אַ כאַראַקטעריסטישן און אינטערע־סאַנטן געדאַנקען־גאַנג: די ווירטשאַפט אין מושב דאַרף פּראָדוצירן אַלץ אין וואָס דער חבר נויטיקט זיך, אַזוי אַז ער זאָל ניט דאַרפן קויפן אויפן מאַרק. דאַגעגן, דאַרף ער אָבער פּראָדוצירן ניט מער וויפיל עס איז נויטיק פאַר זיין אייגענעם געברויך, — בכדי ער זאָל ניט דאַרפן גיין אויפן מאַרק צו פאַרקויפן דאָס רעשט פון זיין גערעטעניש.

די מערקווירדיקע קאָנסעקווענץ, וואָס אל. יאפע ציט פון דעם גע־בראַכטן געדאַנק איז, — אַז דער פּלאַן פון דער פּראָדוקציע אין יעדער אינדיווידועלער ווירטשאַפט דאַרף זיין געבויט ניט אויפן חשבון פון דער הכנסה און ניט אויף קיין אַנדער עקאָנאָמישער קאַלקולאַציע. אַנשטאָט דעם, דאַרף דער מושב ווערן געבויט אויף דער קאַלקולאַציע פון די נאַ־טירלעכע נויטווענדיקייטן פונם חבר און זיין משפחה און די אַלע פאַרשיי־דענע פּראָדוקטן, וואָס אַ פילזייטיקע ווירטשאַפט קען שאַפן. ניט קיין חשבון פון געלט — נאָר פון געברויך פון קאַלאָריעס, וואָס זיינען נויטיק פאַר דער עקזיסטענץ פון אַ מענטש, און וואָס אַ לאַנדווירטשאַפט דאַרף און קען געבן. מען קען אפשר זאָגן, אַז דער דאָזיקער צוגאַנג איז ניט גענוג רעאַליסטיש, — מען וואָלט, אָבער, בשום אופן ניט געקענט זאָגן, אַז ער איז ניט אידע־אַליסטיש. אמת, אין פּראַקטיק איז ניט דאָס געווען דער פּרצוף פון מושב. פּראַקטיק איז אָבער אָפט אין אַ געוויסער מאָס ניט אין פולן איינקלאַנג מיט דער טעאָריע, מיט דער שטרעבונג. אָבער, ווי עס זאָל ניט זיין, איז

דער מושב פֿאַרבליבן אין דער פּראַקטיק אַ חלוצישע פֿאָרם פֿון קאָלאָני־זאַציע. די הויפּט־פּרינציפּן פֿון מושב זיינען: נאַציאָנאַלער באָדן; אייגענע אַרבעט און אַ פֿאַרפּליכטונג ניט צו באַנוצן קיין געדונגענע אַרבעט; קעגנזייטיקע הילף צווישן די חברים פֿונם מושב און קאָלעקטיווע פֿאַרזאָרגונג פֿון אַ חבר אויפֿן פֿאַל פֿון קראַנקהייט, אומגליקספֿאַל, אאַ״וו.

אין פֿאַרלויף פֿון יאָרן האָט זיך אינערהאַלב דער מושבים־באַוועגונג פֿאַרשטאַרקט די טענדענץ צו פֿאַרטיפֿן די קאָלעקטיוויסטישע שטריכן אינם לעבן פֿונם מושב. עס האָט זיך געשאַפֿן דער אַזוי־גערופֿענער טיפּ פֿונם קאָלעקטיוויסטישן מושב (מושב־שיתופי) וועלכער איז אַ מין קאָמבינאַציע פֿונם מושב מיט דער קבוצה.

אין אַ געוויינלעכן מושב איז יעדע אינדיווידועלע ווירטשאַפֿט פֿאָלקאָם פּריוואַט און אומאָפּהענגיק—זי איז פֿאַרשטענדלעך אונטערגעוואָרפֿן די דער־מאָנטע סאָציאַלע נאָרמען, וואָס זיינען דער יסוד פֿונם מושב. אין דעם מושב־שיתופי האָט יעדער חבר אין זיין פּריוואַטן באַזיץ בלויז אַ קליינע ווירט־שאַפֿט — אַ הויז, אַ פּאָר דונאַם לאַנד פֿאַר אַ גאָרטן, מיט אַ פּאָר קי, הי־נער, וכדומה. דער הויפּט לאַנד־באַזיץ אינם מושב, מיט אַלע זיינע עיקר־צווייגן, געפֿינט זיך אינם קאָלעקטיוון רשות פֿונם מושב און ווערט באַ־אַרבעט אויף אַ קאָלעקטיוון אופֿן, ווי אין דער קבוצה. די פּראָדוקציע פֿונם מושב ווערט דאַן פֿאַנאַנדערגעטיילט צווישן די אינדיווידועלע מיטגלידער און דער געבריוך איז אינדיווידועל.

די פֿאַרטיילונג פֿון דער אַרבעט און פֿון די פֿליכטן אין אַ מושב־שיתופי איז רעגולירט אויף דעם זעלבן אופֿן ווי אין אַ קבוצה — דורך דער אַרבעטס־קאָמיסיע (סידור־עבודה). על־פּי־רוב געפֿינען זיך בלויז די מענער אונטער דער יוריסדיקציע פֿון סידור־עבודה און די פֿרויען זיינען פֿאַרנומען מיט דער אייגענער היים־ווירטשאַפֿט. צווישן די לעצט־געשאַפֿענע קאָלעקטיווע מושבים זיינען דאָ אַזעלכע, וואו אויך די חברות דאַרפֿן אַ פּאָר שעה אין טאָג אָפּגעבן פֿאַר אַרבעט אין קאָלעקטיוויזירטן טייל פֿון מושב און אויך זיי קריגן זייער אַרבעטס־באַשטימונג פֿון סידור־עבודה.

פֿון די קאָלעקטיווע מושבים אין ארץ־ישראל זאָלן דאָ אָנגערופֿן ווערן דער מושב גן־יבנה אין דרום־טייל פֿון יהודה; כּפֿר ויתקין אינם עמק חפֿר; מולדת — אינם טאָל פֿון בית־שאָן; כּפֿר חיטין — אינם נידעריקן גליל.

ב. קבוצה און קבוץ

אינם יאָר 1936, איידער עס האָט זיך אָנגעהויבן דער לעצטער קריטישער פּעריאָד אין לעבן פֿון ישוב נאָכן אויסברוך פֿון די אַראַבישע אומרוען

זיינען דער מושב און די קבוצה געווען אין אַ צושטאַנד פֿון כמעט באַלאַנסיר־טע כּוחות. — זינט 1936 איז דער דאָזיקער באַלאַנס פֿולשטענדיק צעשטערט געוואָרן אַ דאַנק דעם וואָס אין פֿאַרלויף פֿון די קריטישע יאָרן זיינען די ניי־געשאַפֿענע זידלונגען געווען אין זייער גרויסער מערהייט קבוצות און קיבוצים.

אַנטוויקלונג פֿון מושבים און קבוצים אין די יאָרן 1936—1945

אין 1936 :	מושבים — 36	קבוצות — 43
אין 1945 :	" — 53	" — 103
צוגעקומען	" — 17	" — 60

עס זיינען דאָ אַ צאָל איינהייטן, וואָס זיינען נאָך ניט באַזעצט און געפֿינען זיך אויף ציטווייליקן באָדן. זיי זיינען : 8 איינהייטן פֿאַרן מושב עובדים און 13 קבוצות און קבוצים. צוזאַמען מיט די דאָזיקע, ציילט אַלזאָ, די אַרבעטער־התישבות — 61 מושבים און 116 קבוצות.

אמת, אין באַצוג צו איר מיטגלידערשאַפֿט, איז די דיספּראָפּאָרציע צווישן דעם מושב און קבוצה (קיבוץ) ניט אַזוי גרויס. די עיקר־סיבה איז דער פֿאַקט, וואָס די נייע קיבוצים געפֿינען זיך דערווייל אין ערשטן סטאַדיום פֿון זייער אַנטוויקלונג און די צאָל פֿון זייערע מיטגלידער איז דערווייל נאָך קליין.

די קבוצה־באַוועגונג אינערהאַלב דער הסתדרות ווערט פֿאַנאַנדער־געטיילט אין דריי פֿעדעראַציעס : א) דער חבר־הקבוצות, ב) קיבוץ־השומר הצעיר, וואָס איז אויך באַוואוסט אונטערן נאָמען „הקיבוץ הארצי (לאַנד־קיבוץ), און ג) הקיבוץ המאוחד (פֿאַראייניקטער קיבוץ). אויסער דעם, עקזיסטירן אינערהאַלב דער הסתדרות אייניקע אַנדער'ע גרופּן, וועל־כע זיינען נאָך דערווייל גאַנץ אומבאַדייטנד. דאָס זיינען :

א) די גרופּע פֿון פֿיר קבוצות מיט אַ מיטגלידערשאַפֿט פֿון 435 נפֿשות פֿון דער אַלגעמיין־ציוניסטישער יוגנט — „העובד הציוני" ;

ב) די רעליגיעזע גרופּע „בני־עקיבא" (2 קבוצות, 106 מיטגלידער);

ג) פֿאַרשידענע, ניט־אַפֿיליאירטע קבוצות — 4, מיט אַ מיטגלידער־שאַפֿט פֿון 181 נפֿשות.

די דריי הויפּט־קערפּערשאַפֿטן אין דער קבוצה־באַוועגונג האָבן גע־האַט ביים אָנהויב פֿון 1945 די פֿאָלגנדיקע מיטגלידערשאַפֿט :

חבר הקבוצות	אין 32 קבוצות	— 3,666 מיטגלידער
השומר הצעיר	" 40 "	— 5,468 "
הקיבוץ המאוחד	" 46 "	— 9,551 "

די דאָזיקע ציפֿערן באַצייכענען בלויז די צאָל פֿון די פֿאַקטישע מיט־גלידער פֿון די פֿאַרשידענע קבוצות און קיבוצים. אויסער דעם זיינען דאָ

אומעטום קינדער, עלטערן פון די חברים, יוגנט־עליה און ארץ־ישראל־יוגנט, און אזוי אַרום איז די צאָל פון דער באַפעלקערונג פיל גרעסער.

עס מוז באַזייטיקט ווערן די מיספאַרשטענדעניש וואָס קען אַרויסגערופן ווערן דורך דער פאַרשידנהייט פון דער טערמינאָלאָגיע אין באַצוג צו דער קאָמונע־ווירטשאַפט. עס זיינען פאַראַן צוויי טערמינען — קבוצה און קיבוץ. די פאַרשידנהייט אין טערמינען איז ניט אַלע מאָל אַ סימן פון פאַרשידענע טיפן. דער חבר הקבוצות נוצט אויסשליסלעך דעם נאָמען „קבוצה" אין באַצוג צו זיינע ישובים. דער „השומר הצעיר" דאַקעגן, באַנוצט אויסשליסלעך דעם נאָמען „קיבוץ". טראָץ דער פאַרשידנהייט אין טערמינן, מוז עס ניט הייסן, אַז עס איז אין תוך געגומען אַ סאָציאָלאָגישער אָדער אידעאָלאָגישער אונטערשיד צווישן דער קאָמונע פונם „חבר הקבוצות" אָדער פונם „השומר הצעיר". עס איז גיכער אַ פראַגע פון טראַדיציע און אינערלעכער באַוועגונגס־געשיכטע. דער „קיבוץ המאוחד" צום ביישפיל, וועלכער איז באמת פיל מער פאַרשידן פון די אַנדערע צוויי, ווי זיי זיינען צווישן זיך — האָט ניט קיין רעגלאַמענטירטע טערמינאָלאָגיע: ער באַנוצט צייטנווייז דעם נאָמען „קבוצה", צייטנווייז — „קיבוץ", צייטנווייז גאָר — „משק" (ווירטשאַפט), ווי צום ביישפיל: „משק עין־חרוד", „משק תל־יוסף", „משק יגור", אין קעגנזאַץ צו די נאָך ניט איינגעזידלטע קיבוצים, וועלכע ווערן אָנגערופן „פלוגה" (אָפטיילונג).

וואָס זיינען די אונטערשידן צווישן די דריי טיפן פון דער קבוצה?

לכתחילה איז דער קבוצה־טיפ פונאַנדערגעטיילט געוואָרן לויט דעם סימן פון זיין גרויס. לויט דעם זיינען געווען צוויי פאַרשידענע טיפן פון דער קאָמונע: די קליינע קבוצה און די גרויסע קבוצה. צו דעם טיפ פון דער קליינער קבוצה באַלאַנגען די זידלונגען פונם „חבר הקבוצות" און פונם „השומר הצעיר". צו דעם טיפ פון דער גרויסער קבוצה באַלאַנגען די זידלונגען פונם „קיבוץ המאוחד".

בכדי צו אילוסטרירן דעם אונטערשיד צווישן דער גרויסער און קליינער קבוצה איז גענוג אָנצואווייזן אויף דער דורכשניטלעכער צאָל מיטגלידער אין יעדן פון די באַזונדערע קבוצה־טיפן.

דידורכשניטלעכע צאָל מיטגלידער אין אַ ישוב פון חבר הקבוצות איז 122; אין אַ ישוב פון „השומר הצעיר" — 137; און אין אַ ישוב פונם קיבוץ המאוחד — 208.

דער אונטערשיד אין דער גרויס פון די פאַרשידענע קבוצה־טיפן, ווי מ׳קען עס זען פון די ציטירטע ציפערן, איז זייער באַדייטנד. פאַקטיש, איז דער אונטערשיד נאָך פיל גרעסער, ווי עס שיינט פון דעם פאַרגלייך פון די ציפערן פונם דורכשניט. די זאַך איז אין דעם,

וואָס די ניי־באַשאַפֿענע קבוצות (און זייער צאָל איז דאָך אַזוי גרויס!) זיינען אַלע נאַטירלעך באַגרעניצט אין דער צאָל פֿון זייערע מיטגלידער, ווייל זיי זיינען אין זייער גרעסטן טייל געגרינדעט אין מדבר און אויפֿן באַרג, וואו די אָביעקטיווע מעגלעכקייטן פֿאַר זייער צעוואַקסן זיך זיינען באַגרענעצט.

ווען מיר וואָלטן געזוכט צו באַשטימען דעם דערמאָנטן דורכשניט אויפֿן יסוד פֿון אַ פֿאַרגלייך צווישן די קאָמונאַלע זידלונגען, וואָס זיינען געשאַפֿן געוואָרן אין די יאָרן פֿון שטורעם — וואָלט דער דורכשניט פֿון די חברים אינם קיבוץ המאוחד, דאָס הייסט, די דורכשניטלעכע צאָל מיטגלידער פֿון דער גרויסער קבוצה געווען פֿיל מער באַדייטנד. אלס ביישפּיל ברענגען מיר דאָ אַ פֿאַרגלייך פֿון דער צאָל חברים אין אייניקע פֿון די גרעסטע ישובים פֿון יעדן טיפּ.

חבר הקבוצות: דגניה ב׳ 138; גבע קרוב 125
קבוץ אַרצי: בית אַלפֿא 220; משמר העמק 220
קיבוץ המאוחד: יגור 570; עין־חרוד 476

ווי מיר זעען, איז דער אונטערשיד אין דער גרויס פֿון די ישובים פֿון די פֿאַרשידענע טיפּן פֿיל מער באַדייטנד, ווי עס האָט געשיינט פֿון דעם פֿריערדיקן פֿאַרגלייך. ס׳איז, אָבער, וויכטיק צו באַמערקן, אַז דער אונטערשיד איז היינט־צו־טאָג פֿיל וויניקער באַדייטנד, ווי ער איז געווען מיט יאָרן צוריק. ווען עס זיינען באַשאַפֿן געוואָרן עין־חרוד, תל־יוסף — די ערשטע זידלונגען פֿון דעם טיפּ פֿון דער גרויסער קבוצה, זיינען די קליינע קבוצות פֿון יענער צייט, ווי דגניה א׳, גבע, געווען נאָך גאָר קליין, און געציילט אַ פּאָר מנינים מענטשן יעדע, — גבע האָט אין פֿאַרלויף פֿון יאָרן אפֿילו קיין צוויי מנינים ניט אָנגעציילט. און אין דער צייט, וואָס די גרויסע קבוצה האָט געהאַט דעם אַקטיוון פֿאַרלאַנג צו זיין גרויס און צו צעוואַקסן זיך — האָט די קליינע קבוצה געשטרעבט צו זיין קליין, און איז געווען קעגן דעם וואַקסן, ווייל דער אידעאַל פֿון דער קליינער קבוצה איז געווען: אַ באַגרענעצטע צאָל מיטגלידער און אַן אינטים־צוזאַמענגעלעבטע געזעלשאַפֿט — אַ משפּחה, אמת, גרעסער ווי אַ געוויינלעכע ביאָלאָגישע משפּחה.

אַזוי דערקלערט, למשל, יוסף באַראַץ, איינער פֿון די פֿאַטערס פֿון דער קבוצה, אין זיינעם אַן אַרטיקל, אַז כאָטש „ניט אין דעם ענגן זין פֿון וואָרט — עקזיסטירט דאָ צווישן אונז (אינם קבוצה־לעבן) אַן אינטימע משפּחה־נייגונג". נאָך קלאָרער ווערט עס אויסגעדריקט אין אַן אַרטיקל, פֿון צבי שאַץ, אַ חבר פֿון דער צווייטער עליה — אַן אַרבעטער, אַ שרייבער, אַ דענקער (טראַגיש אומגעקומען מיט יוסף חיים ברענער אינם יפֿוער פּאָג־גראָם פֿונם ערשטן מאַי, 1921):

„קליין און משפּחהדיק דאַרף זיין די קבוצה — די אידישע קבוצה. די גרויסע ווירטשאַפטן פון אייראָפּע און אַמעריקע זיינען ניט לויט דער קליי־נער גרויס פון אונזער לאַנד. קליינע קבוצות, פון אַכט־צען מענטשן, נאָענטע אין גייסט, וועלן באַדעקן אונזער לאַנד, ווי פרילינג־שפּראָצונגען".

אין קעגנזאַץ דערצו האָבן די אידעאָלאָגן פון דער גרויסער קבוצה (יצחק טאַבענקין, שלמה לביא, אאַ"וו) אָפּגעוואָרפן אינטימיטעט, אַלס אַ יסוד פון קאָמונע־לעבן. מ'האָט פאָראויסגעזען, אַז די קבוצה אַנטהאַלט גרויסע אָביעקטיווע פּאָטענצן פון אַנטוויקלונג. — יעדער נאָרמאַלער ווירט־שאַפטלעכער פּראָצעס, וועלכער ציט זיין יניקה פון מענטשלעכער אַרבעט, ברענגט נאַטירלעך צו דער אַקומולירונג פון גיטער. אין דער עקזיסטירנ־דיקער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט איז עס די באַקאַנטע קאַפּיטאַליס־טישע אַקומולאַציע פון וועלכער עס געניסן בעיקר די קאַפּיטאַליסטן. די דאָזיקע אַקומולירונג ברענגט ניט צו קיין פּראָפּאָרציאָנעל־פאַרגרעסערטער קאָמפּענסאַציע פון די אַרבעטער און פאַרגרעסערונג פון דער צאָל גענייסער פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַקומולאַציע.

אין דער קבוצה איז עס פאַרקערט. די אַקומולירונג דריקט זיך דאָ אויס כמעט אויסשליסלעך אין פּאָזיטיוון ווערט פון דער ווירטשאַפטלעכער עקספּאַנסיע, אויסברייטונג, פאַרגרעסערונג. דאָס איז אַן אָביעקטיווע סיבה, וואָס שטויסט די קבוצה שטענדיק אויפן וועג פון וואוקס, סיידן זי זאָל דעם דאָזיקן וואוקס אָפּהאַלטן מיט קינסטלעכע מיטלען.

די עקזיסטענץ פון אַן אינערלעכער טרייב־קראַפט, וואָס איז גורם דעם שטענדיקן וואוקס פון דער קבוצה, איז אויך געווען די נאַטירלעכע סיבה פון כסדרדיקן וואוקס פון די קליינע קבוצות. די אָנהענגער פון אַ קליינער אינטימער קבוצה האָבן תמיד געקוקט מיט גרויסער דאגה אויף דעם דאָזיקן וואוקס, און האָבן זיך אָפט באַמיט אים אָפּצושטעלן. לאָמיר טאַקע דאָ ברענגען זייער אַ וויכטיקן עדות: יוסף באַראַץ דערציילט אין זיין העפט „דגניה", אַז „נאָך דעם ווי מיר (דגניה) זיינען אַריבער פון אַ ווירטשאַפט פון ריינער פלחה (תבואה־קולטור) צו אַ געמישטער ווירט־שאַפט, איז אויסגעוואַקסן די נויטווענדיקייט פון צוציען נייע חברים, און ווען מיר וואָלטן זיך נאָכגעשלעפּט נאָך דער אַנטוויקלונג פון דער ווירט־שאַפט — וואָלטן מיר נאָך מיט אַ פּאָר יאָר צוריק געווען אַ גרויסע קבוצה"...

בכדי ניט צו דערלאָזן צו פאַרגרעסערן די קבוצה, זיינען אָנגענומען געוואָרן מיטלען, וועלכע וועלן אויסזען אומגלויבלעך פון שטאַנדפּונקט פון דער מאָראַל פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. אַט צום ביישפּיל, האָט דגניה א' אין 1920, כדי ניט צו וואַקסן, אויסגעטיילט אַ חלק פון איר באַדן צו אַ פרעמדער קבוצה, און עס איז באַשאַפן געוואָרן דגניה ב', וואָס האָט מיט דער צייט איבערגעוואַקסן איר מוטער א' — דאָס זעלבע איז

מיט יאָרן שפּעטער איבערגעחזרט געוואָרן אינם עמק הירדן מיטן באַזוען א נייע יונגע קבוצה.

דער פאַקט איז, אַז טראָץ אַלעם האָבן די קבוצות פון די פאַרשידענע טיפּן, צווישן זיי אויך די קלענסטע, די אינטימסטע, געהאַלטן אין איין וואַקסן. ווי מיר האָבן פריער אָנגעוויזן, ציילן היינט צו טאָג די גרעסערע ישובים פונם „חבר־הקבוצות" און פונם „השומר הצעיר" ניט ווייניקער חברים, ווי ס'האָבן געציילט מיט יאָרן צוריק דיווירטשאַפטן פון קיבוץ המאוחד, אָבער מיט יאָרן צוריק פלעגן די קעגנער פון דער גרויסער קבוצה באַצייכענען מיטן נאָמען „באָן־סטאַנציע" די ישובים, וואָס האָבן געהאַט ניט מער חברים, ווי עס ציילט היינט דגניה ב'.

אַזוי אַרום וואָלט מען געקענט אָננעמען די הנחה, אַז די אַלטע מאָטיוון פון דער קעגנערשאַפט צו דער גרויסער קבוצה האָבן שוין אָנגעוואוירן זייער ווערט. דער שליסל צו דער פראַגע פון פאַרשידנקייט צווישן דער גרויסער קבוצה און דער קליינער, איז ניט די פראַגע פון גרויס, נאָר פון דעם, צי איז די קבוצה אַן אָפענע, אָדער אַ געשלאָסענע. מיט קליינע ניור־אַנסן איז דער לאָזונג פונם „חבר הקבוצות" און „השומר הצעיר", אַז די קבוצה דאַרף זיין געשלאָסן, דאַגעגן, דער לאָזונג פונם „קיבוץ המאוחד" איז — אַ גרויסער און שטענדיק וואַקסנדיקער ישוב, דער אַזוי־גערופענער אָפענער קיבוץ, וועלכער איז תמיד אָפן פאַר נייע חברים.

*

בכדי צו פאַרשטיין די סיבה פון די אונטערשידן צווישן די פאַרשידענע קבוצה־טיפּן, איז כדאי זיך אָביסל אַריינצוטראַכטן אין דער געשיכטע פון יעדן טיפּ און אין די אומשטענדן, אין וועלכע יעדערער פון זיי איז אַנטשטאַנען.

דער חבר־הקבוצות איז דער המשך פון דגניה א'. דגניה איז געווען אַ פּרואוו פון אָוועקגיין צו זיך אַליין, אַ מין באַגער אָוועקצוגיין פון דער גרויסער וועלט. די אַלגעמיינע אומשטענדן האָבן ניט ווייניק באַווירקט די דאָזיקע שטימונג: עס איז געווען אין אַ תקופה, ווען ארץ־ישראל איז געווען אָפּגעשלאָסן פון דער וועלט; קיין עליה אין לאַנד איז כמעט ניט פאַרגעקומען, און מ'האָט זי כמעט ווי ניט געקענט פאַראויסזען דאַן; — פאַרקערט, עס איז געווען אַ תקופה, ווען מענטשן, יונגע, געזונטע, אָבער אַנטוישטע פלעגן טאָג־איין טאָג־אויס פאַרלאָזן דאָס לאַנד.

דער יאוש איז געווען זייער גרויס. אַ חלוצישע באַוועגונג, אויף וועל־כער מ'האָט באַצייטנס געקוקט מיט אַזוי פיל האָפנונגען — די ערשטע עליה איז געקומען צו אַ שרעקלעכער נידערלאַגע, כמעט צו אַ באַנקראָט.

די מענטשן פֿון דער צווייטער עליה האָבן זיך געפֿונען אין אַ מצב פֿון טיפֿן יאוש. גייענדיק קיין ארץ־ישראל האָבן זיי שוין געוואוסט, אַז דער נסיון פֿון דער ערשטער עליה איז געווען אין אַ היפּשער מאָס אַ דורכפֿאַל. דאָס בילד, וואָס די צווייטע עליה האָט געטראָפֿן אין ארץ־ישראל, איז געווען אַ פֿינצטערס. די צווייטע עליה איז געשטאַנען, ווי פֿאַר אַ טויבער וואַנט, אַנטוישט אין די באַדינגונגען און אין די מענטשן, וועמען מ׳האָט פֿאַר־געטערט פֿון דער ווייטן.

אין יענע טעג איז די טאַט פֿון דגניה א׳ געווען גוואַלדיק געוואַגט, אָבער אין איר מהות איז צו זען דעם חותם פֿון אָפּגעשלאָסנקייט. די אומשטענדן זיינען ניט געווען פּאַסיק פֿאַר שטאַרקן דעם גלויבן אין מענטשן — זאָלן זיך אַלזאָ בעסערע, אָפּגעקליבענע, פֿאַרזאַמלען אין אַ גרופּע, אין אַ קבוצה, וואָס זאָל דינען אַ הויכן מענטשלעכן אידעאַל. איינע פֿון די גרונט־הנחות פֿון דער ערשטער קבוצה איז געווען, אַז די קבוצה פֿאָדערט אַ ספּעציעל־צוזאַמענגעלעבטע מענטשן־סעלעקציע; זי נויטיקט זיך אין אַ ספּעציעלן טיפּ מענטש, וואָס איז ווי געבוירן פֿאַרן קאָמונע־לעבן.

געשיכטלעכע באַדינגונגען האָבן אויך דערפֿירט דערצו, אַז דער „השומר הצעיר" זאָל זיך אויך שטעלן אויפֿן וועג פֿון אַ געשלאָסענער קבוצה. אין דער גייסטיקער איינשטעלונג פֿונם „השומר הצעיר" האָט דווקא דאָמינירט דער אָפּטימיסטישער מאָטיוו. די דאָזיקע באַוועגונג האָט גע־טראָגן אין זיך, פֿון איר עצם אַנטשטיין מאָטיוון פֿון גלויבן, פֿון וואָגן און פֿון אומקלאָרע משיח־חלומות.

געבוירן געוואָרן איז די דאָזיקע באַוועגונג ניט אין ארץ־ישראל, ניט אין די תנאים פֿון שווערן ארץ־ישראלדיקן יאָך, וואָס די מענטשן פֿון דגניה האָבן אויף זיך געטראָגן אין לויף פֿון יאָרן. די האָריזאָנטן, וואָס די „השומר הצעיר"־באַוועגונג האָט פֿאַר זיך געזען, זיינען געווען העל און לויטער — ניט פֿון גרויער רעאַליטעט, נאָר פֿון מער־ווייניקער אַבסטראַקטער וויזיע. דאָס האָט געמוזט פֿאַרשאַרפֿן די חושים פֿון גלויבן און זעלבסט־פֿאַרגלויבטקייט. ווי געוויינלעך ביי יוגנט (און דער „השומר הצעיר" איז דאַן ערשט געווען אַ גאָר יונגע סקאַוטן־באַוועגונג), איז דער גלויבן געווען, קודם־כּל, אין זיך אַליין, אין אַ מיסיע (אַ נאַציאָנאַלע, אַ סאָ־ציאַלע) צו וועלכער די באַוועגונג איז באַרופֿן.

די מענטשן־קאָלעקטיוון פֿונם „השומר הצעיר" זיינען באַשאַפֿן גע־וואָרן נאָך אין גלות, יאָרנלאַנג פֿאַר זייער עליה קיין ארץ־ישראל. אין פֿאַרלויף פֿון יאָרן זיינען חברים סעלעקטירט געוואָרן, זיך צוזאַמענגעלעבט, זיך צעמענטירט אין איין איינהייט, אין אַ האַרמאָניש־צוזאַמענגעשטעלטער, אויסגעשמידטער אין פּראָצעס פֿון יאָרן. אַזאַ געזעלשאַפֿט וואָלט ניט גע־

װען נוטה צו ניט־אויסקלייבערישער אויסגעברייטקייט. — די קיבוצים פֿון „השומר הצעיר" אין א"י זיינען אַלזאָ ניט קיין אָפֿענע קיבוצים.

דער „קיבוץ המאוחד" איז װי דער „חבר הקבוצות", אַ פּראָדוקט פֿון דער צװייטער עליה, הגם ער האָט זיך אָנגעהױבן אַנטװיקלען ערשט נאָכן ערשטן װעלט־קריג, אין די טעג פֿון דער דריטער עליה. פֿון איין זייט, האָט די צװייטע עליה אַרױסגערופֿן צום לעבן די אַנטשיידונג, די אַנטשלאָסנקייט פֿון די דגניה־מענטשן; פֿון דער צװייטער זייט, האָט זי פּראָדוצירט בונטאַרישע שטימונגען, שטימונגען פֿון אומצופֿרידנקייט, אָבער אויך פֿון דערװאַרטונג. לכתחילה זיינען דאָס געװען פֿאַרשידענע ניט־קאָאָרדינירטע גרופּן און שטימונגען. איינער פֿון זייערע מאָטיװן איז געװען, אַז טראָץ אַלעם, טאָר מען ניט פֿאַרלאָזן דאָס געביט פֿון דער געדונגענער אַרבעט, פֿון דער מושבה, און די ביז־איצט ניט־גענוצטע קאָלעקטיװע מעטאָדן דאַרפֿן אָנגעװענדט װערן אויף באַפּעסטיקן דעם אַרבעטער אין דער קאָלאָניע.

לויט אַ רעקאָמענדאַציע פֿון נ. סירקין ז"ל, איז דאַן אַנטשטאַנען דער ערשטער פּרוּװ פֿון שאַפֿן אַן אַרבעטער־קבוצה אין פּתח־תקוה, — ניט אויפֿן יסוד פֿון אַן אייגענער װירטשאַפֿט, נאָר פֿון אַרבעט ביי אַנדערע. דאָס איז געװען די באַװאוסטע קבוצה „אחוה" אין ערשטן װעלט־קריג, װעלכע האָט זיך שפּעטער באַזעצט צופֿוסנס פֿון כּרמל און איז מיט דער צייט פֿאַרװאַנדלט געװאָרן אין דעם גרעסטן קיבוץ אין א"י — משק יגור.

צו דער זעלבער קאַטעגאָריע דאַרף צוגעגעבן װערן דער „השומר", װאָס איז נאָך פֿאַר די יאָרן פֿון דגניה געװען דער ערשטער, דערװייל אומבאַװאוסטזיניקער פּרוּװ, צו שאַפֿן אַ לאַנד־קאָמונע פֿון אידישע אַרבעטער. אין 1918 איז געשאַפֿן געװאָרן די קבוצה „כּפֿר גלעדי", מיט װעלכער די „השומר"־באַװעגונג װערט דירעקט פּערזאָניפֿיצירט. עס איז גאָרניט צופֿעליק, װאָס כּפֿר־גלעדי איז מיט יאָרן שפּעטער צוגעשטאַנען צום קיבוץ־המאוחד.

די גרונט־אידייע פֿון קיבוץ־המאוחד, אַז די קאָמונע דאַרף זיין אַ שטענדיק װאַקסנדיקע, שטאַמט פֿון פֿאַרלאַנג פֿון די טרעגער פֿון דער דאָזיקער באַװעגונג, אַז דער קיבוץ דאַרף שטרעבן זיך אויסצושפּרייטן איבער גאַנץ ארץ־ישראל — סיי געאָגראַפֿיש, סיי סאָציאַל. עס איז די װיזיע פֿון זען גאַנץ ארץ־ישראל אין דער צוקונפֿט װי אַ גרויסע, נאַציאָנאַלע, פֿאַראייניקטע קאָמונע. אַזאַ חלום קען פֿאַרװירקלעכט װערן ניט דורך אַ קערפּערשאַפֿט, װאָס איז איינגעשלאָסן אין זיך אַליין, אין אַ סעלעקטיװער גרופּע — נאָר דורך אַ קערפּערשאַפֿט, װאָס איז שטענדיק אָפֿן — אָפֿן פֿאַר אַלעמען.

די הנחה איז דאָ, אַז די קאָמונע איז ניט געשאַפֿן פֿאַר אויסדערוויילטע, נאָר פֿאַר יעדן פּרט, וואָס איז גרייט צו איר צוצושטיין. דעריבער איז זי טאַקע אָפֿן פֿאַר אַלעמען. דעריבער, אַגב, זעען מיר, אַז אויך פּאָליטיש איז דער קיבוץ המאוחד ניט קיין האָמאָגענע איינהייט; אַז אַלע הויפּט־שטראָמונגען אין דער ארץ־ישׂראלדיקער אַרבעטערשאַפֿט זיינען אין אים פֿאַרגעשטעלט.

די אידייע פֿון דער גרויסער אָפֿענער קבוצה דרינגט אַרויס פֿון דער שטרעבונג צו פֿאַרוואַנדלען די קבוצה אין אַן אינסטרומענט פֿון אַריינבּ־מען גרויסע מאַסן פֿון דער עליה, אַבסאָרבירן זיי און געבן זיי אַ היים. פֿון אָנהויב אָן איז געווען קלאָר פֿאַר די בויער פֿון דער אָפֿענער קאָמונע, אַז איר קאָנסטרוקציע איז צוגעפּאַסט צו די חלוצישע באַדערפֿענישן פֿון בויען אַ לאַנד אין אַ וויסטעניש און בויען אַ פֿאָלק פֿון מענטשן־מאַטעריאַל, וואָס הויבט זיך ערשט אָן צו פֿאַרזאַמלען מארבע־כּנפֿות־הארץ.

ווען די גרויסע קבוצה וואָלט גאַרניט פֿאַרמאָגט לכתּחילה אירע עקספּאַנסיוו־חלוצישע שטרעבונגען — וואָלטן זיי אומפֿאַרמיידלעך אַנט־שטאַנען אין איר שפּעטער, אַלס אַ נאַטירלעכע פֿונקציע פֿון איר געבוי, פֿון איר גרויס און איבערהויפּט פֿון איר אָפֿנקייט — פֿון איר טענדענץ שטענדיק אַריינצונעמען נייע חברים. אויף אַזאַ אופֿן איז דאָ אין די קבוצות פֿון קבוץ המאוחד כּמעט אַ שטענדיקער איבערפֿלוס פֿון חברים, און יעדע גרויסע קבוצה שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ געוואַלדיקן רעזערוואואר פֿון אימ־פּולס־רייכער מענטשלעכער ענערגיע, און לעבט אין שטענדיקער געשפּאַנט־קייט צו געפֿינען נייע געביטן פֿון טעטיקייט, פֿון באַשעפֿטיקונג, פֿון שאַ־פֿונג.

אַזוי איז נאָך אין די ערשטע טעג אַנטשטאַנען אינערהאַלב דער גרוי־סער קבוצה דער געדאַנק צו פֿאַראייניקן אין דער קאָמונע לאַנדווירטשאַפֿט־לעכע באַשעפֿטיקונג מיט מלאכה און אויך מיט אינדוסטריע.

אַזוי איז די גרויסע קבוצה שטענדיק אין אַ בעסערער און באַקוועמע־רער לאַגע, ווען עס נויטיקן זיך געניטע, צוגעגרייטע מענטשן פֿאַר נייע געוואַגטע מעשׂים אויפֿן געביט פֿון חלוצישער דעראָבערונג אין א״י. אַזוי איז דער קיבוץ המאוחד געווען דער ערשטער אויפֿן געביט פֿון דעראָבערן דעם ים, פֿון שאַפֿן אַ רייע ישובֿים ביים ברעג ים, און איז פֿאַרבליבן דער וויכטיקסטער און איבערוועגנדער פֿאַקטאָר אין אונזער ים־זידלונג און ים־אַרבעט. היינט־צוטאָג דאַרף מען שוין ניט דערקלערן ווי וויכטיק עס זיי־נען די ישובֿים ביים ברעג ים פֿאַר אונזער גאַנצער אַרבעט. עס איז בלויז גענוג צו דערמאָנען זיך אָן דער ראָל, וואָס די פֿאַרשידענע ים־ישובֿים האָבן געשפּילט אין די צוזאַמענשטויסן אין א״י, וואָס זיינען פֿאַרבונדן מיטן אָנקומען פֿון דער „אומלעגאַלער״ עליה. דאָס זעלבע קען געזאָגט ווערן

וועגן ס׳רוב אַנדערע ישובים, וואָס זיינען דערמאָנט אין דעם ביטערן גע־ראַנגל מיט דער אדמיניסטראַציע פונם „ווייסן פּאַפּיר" (רמת־הכובש, כּפר־גלעדי, יגור, בית־אורן).

אויך די אַרבעט און די ערשטע קאָלאָניזאַציע־פּרואוון, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן אין דעם סאַמע שווערסטן געביט פון א״י ביים ים־המלח — אין צפון פון ים־המלח, און אויך אין דרום, אין דער געגנט, וואָס טראָגט דעם באַקאַנטן נאָמען „סדום" — זיינען געמאַכט געוואָרן דורך דעם קבוץ, וואָס איז געבויט אויפן יסוד פון דער גרויסער אָפענער קאָמונע.

עס איז דאָ אַ געוויסער אונטערשייד אין דער אידעאָלאָגיע און אין די שאַפונגס־וועגן פון די פאַרשידענע טיפּן און פאָרמען פון דער אַרבע־טער־קאָלאָניזאַציע. דער יסוד, אָבער, אויף וועלכן זיי זיינען אַלע געבויט, איז איינער און דער זעלבער. דער יסוד פון דער אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע, פון אַלע אירע שאַטירונגען, איז דער קאָלעקטיוויזם.

דאָס דאַרף פאַרשטאַנען ווערן אין צוויי הינזיכטן: סיי אין דער הינזיכט פון דער פּסיכאָלאָגישער, גייסטיקער איינשטעלונג פון די חברים אין דער קאָלאָניזאַציע, וועמענס ערשטער סטימול אין דער אַרבעט איז ניט זייער אייגענער אינטערעס, נאָר אַ ברייטערער קאָלעקטיווער אינטע־רעס — דער אינטערעס פון אידישן פאָלק און פונם ציוניזם.

פון דער צווייטער זייט, שטעלט מיט זיך פאָר דער קאָלעקטיוויזם, אַלס יסוד פון דער אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע, אַן אידייע אין זיך אַליין. די אַר־בעטער־ווירטשאַפט אין ארץ־ישראל איז קאָלעקטיוויסטיש. זי איז אָדער געבויט געוואָרן אויפן יסוד פון וויט־גייענדיקער קאָאָפּעראַציע, מיט העכסט אַנטוויקלטע סאָציאַלע פאָרמען; אַן אַרבעטס־ווירטשאַפט פון קעגנזייטי־קער הילף און קעגנזייטיקער אחריות, וואָס איז באַרופן צו האַלטן אַלע חברים אין דער ווירטשאַפט אויף דער זעלבער סאָציאַל־עקאָנאָמישער שטופע (מושב עובדים), אָדער זי איז געבויט אויפן יסוד פון אַ פולשטענדי־קער קאָמונע — קבוצות און קיבוצים, וואָס זיינען פונאַנדערגעוואָרפן אין אַ געדיכטער נעץ איבערן לאַנד — פון דן ביז באר־שבע, און אַפילו אין דרום פון באר־שבע.

אַ פאָלק, וואָס האָט ניט קיין שטח באָדן, אויף וועלכן עס זאָל לעבן און אַרבעטן — איז שפינוועבס, אָפגעריסענע שטיקער שפינוועבס, וואָס פליען און ווערן צעריסן אין דער לופט . . .

י. ח. ברענע

דער ציוניזם איז די לעצטע פאַרצווייפלטע מלחמה פון די אידן פאַרן אידישן קיום.

א. רופין

א. הארצפעלד

ס׳איז נישטאָ קיין רו

איך געדענק, ווי מיר זיינען געגאַנגען אויף קאָלאָניזאַציע מיט 25 יאָר צוריק און ווי מיר גייען איצט. ווען איר וואָלט געזען דאָס אויסזען פון דער מאָפּע! קליינע שטיקער לאַנד, אָפּגעריסן און צעטיילט, און ס׳איז שווער צו באַהעפטן איין פונקט מיטן צווייטן. און שטענדיק קליגט מען זיך צו פאַרכאַפּן דעם שטח וואָס געהערט אונז... ווען איר וואָלט געוואוסט מיט וועלכער „קונסט" מען פּרואווט דאָס טאָן און מיט וועלכע כּוחות, געלט און נערוון דאָס געלינגט אונז!

... ס׳איז נאָך ניט געקומען די צייט צו דערציילן עפּנטלעך דאָס גאַנצע פּראַכטפולע קאַפּיטל פון אונזער נייעם ישוב אין צפון עכּו, וואָס איז פול מיט נסים, גבורה און וואונדער. אָבער איך וועל אייך קענען עפּעס דערציילן איבער צפון־חולה. איך בין דורכגעפאָרן דאָס דאָזיקע לאַנד נאָך מיט צענדליקער יאָרן צוריק; אַלע האָבן מיר דאַן געזען די זומפּן פון חולה — און קיינער האָט נאָך דאַן ניט געוואוסט אין וואָס עס שטעקט איר וויכטיקייט און באַדייטונג. און איצט, ווען מיר זיינען אַריינ־געדרונגען אין צפון פון חולה און מיר האָבן אין אונזערע הענט די וואַסערן פון דן און חצבני — האָבן מיר אין אונזערע הענט דעם שליסל צום ירדן. ווען דו קומסט איצט צום דאָזיקן פּלאַץ דוכט זיך דיר, אַז דאָס איז ארץ־ישראל, פון דאַנען דאַרף דאָס פאָלק שעפּן זיין כּוח, דאָס דאַרף זיין דער פּלאַץ וואָס זאָל אַלעמען באַאַשפּייזן.

— — — עס זיינען דאָ זאַכן, וואָס גיבן אונז ניט קיין רו. עס זיי־נען דאָ אָנהאַלטס־פּונקטן, ליכט־און־אָנשפּאַר־פּונקטן צו וואָס מיר אַלע שטרעבן. אָבער צווישן די פּונקטן זיינען דאָ גרויסע ליידיקע פּלעצער, וואָס מיר דאַרפן אויספילן און באַזעצן. מ׳קען שאַפן ישובים אין די דאָזיקע פּלעצער און פאַרשטאַרקן אונזער קאָמפּאַקטע קאָלאָניזאַציע. מ׳קען נאָך דערגרייכן פיל זאַכן אין איצטיקן מאָמענט.

— — — די וועלט ווערט חרוב. אויך אונזער אידישע וועלט ווערט חרוב. ווער קען זיצן רואיק ווען ער לייענט וואָס מ׳טוט אונז! און מיר וואָס זיצן שוין דאָ, טאָרן ניט פאַרגעסן אויף איין רגע אונזער מיסיע. אין דאָזיקן לאַנד קענען מיר אַפילו מיט די קליינע כּוחות, מיט די קליינע מיטלען און קאַפּיטאַל וואָס מיר האָבן דאָ אינוועסטירט, אַנטוויקלען, אויס־ברייטערן, דעראָבערן, אַריינדרינגען און אויפשטעלן אָ פּונקט נאָך אָ פּונקט.

ל. שין

די סאָציאַלע הילפֿס־אינסטיטוציעס פֿון דער הסתדרות

די קופת חולים

דער הויפּט־כוח פֿון דער הסתדרות איז באַזירט, — ווי עס האָט זיך ריכטיק אויסגעדריקט בערל קאַצענעלסאָן ע"ה, דער ליכטיקער גייסט און וואָרט־פֿירער פֿון דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטער־באַוועגונג, — אויף צוויי הויפּט־יסודות: די חברישקייט פֿון אַרבעטער און דער באַוואוסטזיין פֿון אונזער חלוצישער שליחות אין לעבן פֿון פֿאָלק.

„די חברישקייט איז געלייגט געוואָרן אין יסוד פֿון אונזער באַוועגונג פֿון אירע ערשטע טעג אָן. די איינזאַמקייט און פֿאַריתומקייט האָבן פֿאַר־טיפֿט די באַנדן פֿון חברישקייט. די וויסטעניש אַרום און די שאַרפֿע נויט האָבן געטריבן צו קעגנזייטיקער הילף. דאָס איז אין איר אָנהויב געווען מערער פֿון בלויז קעגנזייטיקער הילף. פֿון דעם האָבן אַרויסגעשפּראָצט די שטרעבונגען צו לעבנס־ און ווירטשאַפֿטס־פֿאָרמען אויפֿן יסוד פֿון קאָ־לעקטיוויזם, קעגנזייטיקער אַחריות, גלייכהייט און געזעלשאַפֿטלעכן צו־זאַמענשלוס".

די „קופת חולים" — די קראַנקן־קאַסע פֿון דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטערשאַפֿט, איז איינע פֿון די שענסטע לעבעדיקסטע עדות פֿון גייסט פֿון חברישקייט און קעגנזייטיקער הילף, וואָס האָט שטאַרק געמאַכט די ארץ־ישראלדיקע אַרבעטערשאַפֿט און איר פֿאַרפֿאַנצערט קעגן אַלע געפֿאַרן פֿון דרויסן און פֿון אינעווייניק. די „קופת חולים" האָט אויף אַ פּיאָנערישן אופֿן געוויזן דעם וועג פֿאַר אַלע ווייטערדיקע סאָציאַלע הילפֿס־אינסטי־טוציעס, וואָס זיינען אַנטשטאַנען אין די שפּעטערדיקע יאָרן.

די „קופת חולים" איז דער „בכור" פֿון דער נעץ ברייט־פֿאַרצווייגטע ארץ־ישראלדיקע אַרבעטער־אינסטיטוציעס. זי עקזיסטירט שוין 33 יאָר און איז מיט 8 יאָר עלטער פֿון דער הסתדרות. אין סוף 1912 איז געשאַפֿן געוואָרן די קראַנקן־קאַסע פֿון די אַרבעטער פֿון יהודה, מיט אַ סך־הכל פֿון 150 מיטגלידער, כּמעט אַלע אַרבעטער אין די קאָלאָניעס. ביים היינ־טיקן טאָג באַטרעפֿט די צאָל אָפּטיילונגען פֿון דער „קופת חולים" טאָפּלט ווי די צאָל מיטגלידער ביי איר גרינדונגס־קאָנפֿערענץ...

אינטערעסאַנט איז דאָ צו פֿאַרעפֿנטלעכן פֿאַרן אידישן לייענער די סטאַטוטן פֿון דער „קופת חולים" פֿון אירע ערשטע גרינדונגס־טעג.

א

„די קופּת חולים פון די אַרבעטער פון יהודה איז געגרינדעט גע־וואָרן און איז טעטיק אויפן יסוד פון קעגנזייטיקער חברישער הילף. יעדער חבר טראָגט אַריין אין פראַנק איינטריטס־אָפּצאָל און אַ האַלבן באַשליק (0.28 פראַנק) יעדן חודש.

„יעדער חבר איז מחויב זיך צו באַטייליקן אַקטיוו ביים נעכטיקן ביי קראַנקע חברים אָדער צושיקן אַ צווייטן אויף זיין פּלאַץ.

„אַ קראַנקער חבר באַקומט אַ דאָקטאָר, מעדיצינען, און אַ חבר, וואָס זאָל נעכטיקן ביי אים, און אין פאַל פון באַדערפעניש — אויך אַן אָרט אין שפּיטאָל.

„אין משך פון דער צייט וועט די קאַסע קענען אויסברייטערן איר אַרבעט און אויך העלפן דעם קראַנקן, וואָס ווערט גענעזן פון זיין קרענק, ווען ער דאַרף נאָך האָבן רו און באַזונדערע לעבנס־באַדינגונגען.

„אַ משפחה, וואָס האָט נאָר איין אַרבעטער — געניסן אַלע משפחה־מיטגלידער פון דער רעכט פון דער קאַסע. און אויב עס זיינען דאָ עט־לעכע אַרבעטער, איז יעדער אַרבעטער מחויב צו טראָגן די פליכטן פון די מיטגלידער פון דער קאַסע.

„די נייע אַרבעטער אין לאַנד, וואָס האָבן נאָך ניט באַוויזן צו ווערן מיטגלידער פון דער קראַנקן־קאַסע, העלפט די קאַסע אַרויס, ווי זי טוט עס פאַר אירע אייגענע מיטגלידער, ביז צוויי חדשים נאָכן קומען אין לאַנד.

ב

„די קופּת חולים דאַרף זיך פאַרבינדן דורך אָפּמאַכן מיט דאָקטוירים און שפּיטעלער אין די שטעט און קאָלאָניעס וועגן היילן זייערע קראַנקע מיטגלידער.

„די קופּת חולים דאַרף דינגען אין יפו אַ צימער פאַר אַ צייטווייליקער וואוינונג פאַר די קראַנקע, וואָס דאַרפן אַ ביסל וואַרטן ביז ס׳וועט ווערן פריי פּלאַץ אין שפּיטאָל און זיי פלעגן אַזוי לאַנג ווי זיי געפינען זיך אין דאָזיקן צימער.

„די קופּת חולים דאַרף זיך באַמיען צו דינגען אין די קאָלאָניעס, וואו ס׳זיינען דאָ פיל אַרבעטער, אַ צימער פאַר קראַנקע, לכל הפּחות אויף דער צייט, ווען די קרענק בושוועט, און אויך אויסהאַלטן דאָרט אַ קראַנקן־שוועסטער אָדער אַ פלעגערין.

„די קופּת חולים דאַרף קומען אין פאַרהאַנדלונגען מיטן ארץ־ישראל־אַמט און מיט די פאָרשטייער פון די קאָלאָניזאַציע־פאַראיינען וועגן פעסט־שטעלן די פליכטן פון די קאָלאָניעס און די פאַראיינען ביים אָרגאַניזירן מעדיצינישע הילף פאַר זייערע אַרבעטער״.

די אַנטוויקלונג פֿון דער קופּת חולים

די קופּת חולים האָט אין די יאָרן פֿון ערשטן וועלט־קריג געשפּילט אַן אויסערגעוויינלעך וויכטיקע ראָל. צוליבן קריג האָט זיך זייער פֿאַרשטאַרקט די אַרבעטסלאָזיקייט. די אַרבעטער האָבן ניט געקענט חלומען וועגן אַנדערע לעבנס־מיטל, אויסער ברויט. צוליב דעם האָבן זיך פֿאַרשפּרייט פֿיל קראַנקייטן און ס׳איז געווען צו פֿילן אַן אַלגעמיינע פֿיזישע אָפּשוואַכונג פֿון די אַרבעטער אין די שטעט און קאָלאָניעס. אין די אַרבעטער־פֿאַרמס און אין די קבוצות איז די לאַגע פֿון די אַרבעטער געווען בעסער. בדרך כּלל איז די צאָל קראַנקע צווישן די אַרבעטער דאַן געשטיגן מיט 80 פּראָצענט אין פֿאַרגלייך מיט די פֿריערדיקע חדשים — באַריכטעט דער זאַמלבוך „בשעה זו״ פֿון תרע״ז (1916).

שטאַרק פֿאַרשפּרייט זיינען געווען מאָגן־קראַנקהייטן, און אין זייער אַ שאַרפֿער פֿאָרם. אין דער ערשטער ריי האָט געווילדעוועט די דיזענטעריע. טיפֿוס האָט געהאָט אַ רייכן שניט. די דאָזיקע קראַנקהייט האָט שטאַרק אָפּגעשוואַכט די אַרבעטער און פֿאַרגרעסערט די הוצאות אויף מעדיצינישער הילף. כּינין, דער שטענדיקער באַשיצער קעגן פֿיבער, איז געווען זייער טייער און שווער צו באַקומען. עס האָבן זיך אויך געוויזן אַנדערע קראַנקהייטן: אַ צאָל אַרבעטער זיינען קראַנק געוואָרן אויף פֿאַרקילונג פֿון רוקנביין; צוליב מאַנגל אין שיך, פֿלעגט מען באַאַרבעטן די קאַלטע און פֿייכטע ערד באָרוועסערהייט. ס׳איז אויך געווען אַ פֿאַל פֿון צינגע, אַ קראַנקהייט וואָס מען טרעפֿט אין קאַלטן סיביר. אויך נערוון־קראַנקהייטן האָבן זיך באַוויזן אין פֿאַרשידענע פֿאָרמען.

די קופּת חולים האָט אין יענע טעג געשפּילט אַן אומגעהויער וויכטיקע ראָל. זי האָט ניט נאָר געדאַרפֿט ברענגען מעדיצינישע הילף צום קראַנקן חבר, נאָר אויך געמוזט אים האַלטן אויף אַ מער נאַרהאַפֿטער דיעטע די ערשטע וואָכן נאָכן אויפֿשטיין פֿון קראַנקן־בעט. צוליב מאַנגל אין פּלאַץ האָבן די קראַנקע געמוזט שנעל פֿאַרלאָזן די שפּיטעלער און די קופּת חולים האָט זיי געדאַרפֿט איינאָרדענען אין פּריוואַטע הייזער און זאָרגן, זיי זאָלן שנעל קומען צו די כּוחות.

די קופּת חולים האָט זינט דאַן דורכגעמאַכט אַ וואונדערבאַרע אַנטוויקלונג. אין סוף 1920 האָט זי געציילט 40 אָפּטיילונגען מיט 2,000 חברים. אין 1923 האָט זי געציילט 5,746 מיטגלידער. אין 1933 האָט זי שוין געציילט 26,702 מיטגלידער, וואָס האָבן צוזאַמען מיט די משפּחות אויסגעמאַכט 51,500 נפֿשות. אין 1935 האָט די קופּת חולים שוין געציילט 35,000 מיטגלידער מיט 70,000 נפֿשות.

סוף 1944 האָט די קופּת חולים שוין געציילט 120,00 מיטגלידער, וואָס האָבן צוזאַמען מיט זייערע פֿאַמיליעס געבילדעט 225,000 נפֿשות.

אין מיטן 1945 האָט די קופּת חולים באַדינט 251,600 נפשות. די קופּת חולים באַדינט 43 פּראָצענט פון ארץ־ישראלדיקן ישוב מיט דער בריטס־טער מעדיציניש‏ער הילף. אויסער די מיטגלידער פון דער הסתדרות, גע־ניסן פון דער מעדיצינישער הילף פון דער קופּת חולים אויך די מיט־גלידער פון דער מזרחיסטישער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, „הפועל המז־רחי", וואָס האָט אָפּגעשלאָסן אַן אַנטשפּרעכדיקן אָפּמאַך מיט דער קופּת חולים.

אין די פינף קריגס־יאָרן (1939 — 1944) זיינען צוגעקומען 74,335 נפשות, וואָס ווערן באַדינט פון דער קופּת חולים. דאָס באַטייט אַ וואוקס פון 42 פּראָצענט אין פאַרגלייך מיט פאַרן קריג.

דער שנעלער וואוקס פון דער קופּת חולים קומט אויך צום אויס־דרוק אין דער גרויס פון מעדיצינישן פּערסאָנאַל אין פאַרשידענע צייטן און אין וואוקס פון דער צאָל פון אירע הייל־אַנשטאַלטן.

אין 1922 האָבן געאַרבעט אין דער קופּת חולים צען דאָקטוירים און 35 קראַנקן־שוועסטער. אין 1935 האָט זי געהאַט 88 דאָקטוירים, 71 קראַנקן־שוועסטער, 12 אַפּטייקער און 30 דענטיסטן. סוף 1944 האָט די קופּת חולים באַשעפטיקט 1,645 פּערזאָן, דערפון 410 דאָקטוירים, 375 קראַנקן־שוועסטער, 71 אַפּטייקער, 45 דענטיסטן, 52 לאַבאָראַנטן און כע־מיקער, 40 טעכניקער, 375 באַדינונגס־פּערסאָנאַל, 250 באַאַמטע און 8 אינזשינערן און אַרכיטעקטן.

ביים היינטיקן טאָג אַרבעטן אין קופּת חולים קרוב 2,000 מאַן.

אין 1923 האָט די קופּת חולים געהאַט אין איר רשות 15 קראַנקן־צימערן און צוויי סאַנאַטאָריעס. ביי די קראַנקן־צימערן זיינען געווען טע־טיק ספּעציעלע קיכן מיטן צוועק צו געבן די קראַנקע די אַנטשפּרעכנדיקע שפּייז לויט די אָנווייזונגען פון דאָקטאָר. אין 1935 האָט קופּת חולים שוין געהאַט אַ נעץ פון פיל אינסטיטוציעס. אין עמק יזרעאל איז שוין געווען טעטיק אַ צענטראַלער שפּיטאָל; אַ שפּיטאָל פון רעוומאַטיזם־קראַנקע אויפן נאָמען פון פּעטער שוויצער לעבן די חמי־טבריה; 3 ראַיאָנע הייל־אַנשטאַלטן אין תל־אָביב, ירושלים און חיפה און 65 הייל־אַנשטאַלטן אין דאָרף; 3 רענטגען־אַנשטאַלטן; 10 אַנשטאַלטן פון עלעקטרישער היילונג; 17 סטאַנציעס פאַר זויג־קינדער; באַראַטונג־שטעלן פאַר פרויען און יוגנט; 14 ספּעציעלע הייל־אַנשטאַלטן אויסצוהיילן ציין־ און מויל־קראַנקהייטן; 2 סאַנאַטאָריעס; אַפּטייקן ביי אַלע הייל־אַנשטאַלטן און אַ צענטראַלער אַפּטייק־לאַגער אין תל־אָביב; אַן אָפּטיילונג פון סאַניטאַרער אויפזיכט אין די אַרבעטס־לאַגערן; אַן אָפּטיילונג פאַר מעדיצינישער אויפזיכט אויף די שולן; אַן אָפּטיילונג פאַר אויפקלערונג און אַ ביבליאָטעק פון מע־דיצינישע אויסגאַבן. די קופּת חולים האָט שוין דאַן געהאַט אָפּטיילונגען אין הונדערט פּונקטן.

ביים היינטיקן טאָג איז טעטיק די קופּת חולים אין קרוב 300 פּונקטן. אין איר רשות שטייען 266 הייל־אַנשטאַלטן, צעשפּרייט אין אַלע ווינקעלעך פון לאַנד. אין כּמעט אַלע נייע ישובים, וואָס זיינען אַנטשטאַנען אין די יאָרן פון קריג, באַזאָרגט דאָרט מעדיצינישע הילף די קופּת חולים.

עס עקזיסטירן פיר סאָרטן הייל־אַנשטאַלטן פון דער קופּת חולים: אין די שטעט, ראַיאָן־אַנשטאַלטן, אין די דערפער, און אין די קליינע פונקטן.

די אַנשטאַלטן אין תל־אָביב, חיפה און ירושלים, שליסן אויך איין אַ ריי צענטראַלע אַנשטאַלטן, וואָס זיינען באַזאָרגט מיט רענטגען־סטאַציעס, לאַבאָראַטאָריעס א. א. וו. די 14 ראַיאָן־אַנשטאַלטן אין די שטעט און 19 ראַיאָן־אַנשטאַלטן אין די קאָלאָניעס און דערפער באַדינען צענדליקער טויזנטער נפשות. אין די דאָזיקע אַנשטאַלטן אַרבעטן צו עטלעכע דאָק־טוירים (צווישן זיי — אַ ריי באַקאַנטע ספּעציאַליסטן). די אַנשטאַלטן האָבן אַ ריי לאַבאָראַטאָריעס און אַפּטייקן. 85 אַנשטאַלטן עקזיסטירן אין די דערפער. זיי האָבן אַלע קליינע לאַבאָראַטאָריעס און אַפּטייקן. יעדע אַנשטאַלט האָט אַ דאָקטאָר און אַ קראַנקן־שוועסטער. דער פערטער סאָרט אַנשטאַלטן איז טעטיק אין די קליינע פונקטן. זיי דינען ווי אַ סטאַנציע פאַר שנעלער הילף. אין זיי אַרבעט צו איין דאָקטאָר.

ניט קוקנדיק אויפן מאַנגל אין דענטיסטן און אין די נויטיקע הייל־מיטלען, זיינען אין דער קריגס־צייט געעפנט געוואָרן אַ ריי נייע דענטיס־טישע קאַבינעטן אין פיל פונקטן. בקרוב ווערן געעפנט אַ ריי נייע דענ־טיסטישע לאַבאָראַטאָריעס אין אַ צאָל דאָרף־ראַיאָנען.

אין 1944 האָט די קופּת חולים געגעבן 12 מיליאָן מעדיצינישע באַ־האַנדלונגען. זי האָט אויסגעהאַלטן אין אירע אַנשטאַלטן 12,905 קראַנקע (קעגן 11,969 אין 1943). 6,660 געווינערינס האָבן געבוירן זייערע קינ־דער אין די שפּיטעלער פון קופּת חולים (קעגן 5,353 אין 1943). די צאָל קראַנקן־טעג אין די אַנשטאַלטן פון דער קופּת חולים האָט באַטראָפן אין 1944 — 256,700.

די פיר שפּיטעלער פון קופּת חולים, דער ביילינסאָן שפּיטאָל און דער ביילינסאָן שפּיטאָל ב׳, כירורגישע אָפּטיילונג אין תל־אָביב, דאָס הויז פון געווינערינס אין רחובות און דער צענטראַלער שפּיטאָל אין עמק, האָבן צוזאַמען 372 בעטן. 135,000 קראַנקן־טעג און 3,500 געבורטן איז דער „באַלאַנס" פון די פיר שפּיטעלער פאַר 1944.

די קופּת חולים האַלט אויס 6 סאַנאַטאָריעס און אָפּרו־לאַגערן מיט 354 בעטן, מיט 6,000 פּאַציענטן און 100,000 דערהאָלונגס־טעג אין 1944. די ערשטע סאַנאַטאָריע „ארזה" איז אויפגעשטעלט געוואָרן אין מוצא, אויפן נאָמען פון אסתר שמוקלער, איינע פון די ערשטע קראַנקן־

שוועסטער. די צווייטע סאַנאַטאָריע איז געגרינדעט געוואָרן אין 1928 אויפֿן כּרמל באַרג אויפֿן נאָמען פֿון ב. באַראַכאָוו. די דאָזיקע ביידע סאַנאַטאָריעס זיינען ביי דער גרינדונג אין אַ באַדייטנדער מאָס אַרויס־געהאָלפֿן געוואָרן דורך די פֿאָנדן, געזאַמלט דורכן אידיש נאַציאָנאַלן אַרבעטער פֿאַרבאַנד אין אַמעריקע און זיינע פֿרויען־קלובן. די דריטע סאַנאַטאָריע איז אַנטשטאַנען אין 1939 צווישן רמת־גן און בני ברק. זי הייסט „נוה הלל", אויפֿן נאָמען פֿון ד"ר הלל יפה, איינער פֿון די גרינדער פֿון קופּת חולים. אין 1942 איז געעפֿנט געוואָרן אין צפֿת דער „בית בוסל" אויפֿן נאָמען פֿון יוסף בוסל, און אין זומער, 1944, איז געעפֿנט געוואָרן די פֿינפֿטע סאַנאַטאָריע אין שבי ציון (אין דער געגנט פֿון עכּו). אַ זעקסטער זומער־לאַגער איז געעפֿנט געוואָרן אין 1942 אין נתניה. אין 1945 זיינען אין די אַלע סאַנאַטאָריעס און אָפּרו־לאַגערן, אַריינרעכענענדיק 100 בעטן אין אַ פּענסיאָן אין צפֿת, געווען 617 בעטן, וואו עס האָבן זיך דערהאָלט פֿיל טויזנטער אַרבעטער.

די קופּת חולים האָלט אויס פֿיר רענטגען־אינסטיטוטן, וואָס האָבן דורכגעפֿירט אין 1944, 25,000 רענטגען־אונטערזוכונגען; 12 אינסטיטוטן פֿאַר פֿיזיקאַלישער היילונג מיט 300,000 באַהאַנדלונגען אין 1944; אַן אַנשטאַלט פֿאַר אָרטאָפּעדיע; 15 לאַבאָראַטאָריעס מיט אַ פֿערטל מיליאָן אונטערזוכונגען אין 1944.

די קופּת חולים האָט אויסגעהאַלטן 95 אַפּטייקן און הייל־צימערן און אַרויסגעגעבן 2 מיליאָן רעצעפּטן אין 1944. זי האַלט אויך אויס אַ צענ־טראַלן מאַגאַזין פֿון רעצעפּטן, 15 דענטיסטישע קאַבינעטן, 4 טעכנישע ציין־לאַבאָראַטאָריעס מיט סך־הכּל אַ פֿערטל מיליאָן באַזוכער, אין 1944. דאָס איז נאָך אַ וויכטיקער ביטראַג פֿון דער קופּת חולים פֿאַרן געזונט־הייטס־וועזן פֿון אידישן ישוב אין ארץ־ישראל.

די קופּת חולים לייגט אַ באַזונדער אַכט אויף פֿלעגן דאָס געזונט פֿון געווינערינס און זייערע ניי־געבוירענע עופֿהלעך. זי האַלט אויס פֿאַר דעם צוועק 30 סטאַנציעס פֿאַר זויג־קינדער. די קופּת חולים האָט איצט געשאַפֿן אַ פֿאָנד פֿאַר אידישע געווינערינס, דעם „קרן היולדות". די ווירטשאַפֿטלעכע אינסטיטוציעס פֿון דער הסתדרות און די ישוב־אַנ־שטאַלטן באַטייליקן זיך אין דער שאַפֿונג פֿון פֿאָנד.

דער קאָמיטעט, וואָס פֿירט אָן מיטן נייעם פֿאָנד שטעלט זיך זייער ברייטע אויפֿגאַבן. די רעגירונג וועט ווערן אויפֿגעפֿאָדערט צו רעאַליזירן אין לעבן דעם פֿאַרגעלייגטן פּראָיעקט צום שוץ פֿון געווינערינס; עס וועלן אויפֿגעשטעלט ווערן, לויטן פּלאַן, פֿיל געווינערינס־הייזער און היימען פֿאַר מוטער און קינד; די געווינערינס אין די עפֿנטלעכע שפּיטעלער זאָלן אויסגעהאַלטן ווערן אויפֿן חשבון פֿון כּלל; עס זאָל פֿאַרבעסערט ווערן

די באַשפּייזונג פון די ניי־געבוירענע עופהלעך און עס זאָלן דורכגעפירט ווערן אַ ריי אַנדערע פּלענער און פאָרשלאָגן.

די קופת חולים האָט לעצטנס געעפנט אַ ריי מעדיצינישע שולן אויס־צובילדן קאַדרען פון געוויסנהאַפטע אַרבעטער פאַר איר פונאַנדערגע־וואַקסענער טעטיקייט. ביים ביילינסאָן שפּיטאָל אין תל־אָביב איז טעטיק אַ שול פאַר קראַנקן־שוועסטער. אַ צווייטע שול איז געעפנט געוואָרן ביים שפּיטאָל אין עפולה (עמק יזרעאל). לעצטנס איז דורכגעפירט געוואָרן אַ קורס פאַר פירערינס פון דער ווירטשאַפט אין די הייל־אַנשטאַלטן. עס ווערן געמאַכט הכנות צו עפענען אַ שטענדיקע שול פאַר דער פירונג פון דער ווירטשאַפט, קאָכן און דיעטעטיק.

בקרוב ווערט געעפנט אין תל־אָביב אַ שול פאַר ציין־טעכניקער. עס ווערן אויך געמאַכט הכנות צו עפענען אַ שטענדיקן קורס פאַר גע־הילפן אין דענטיסטישע אַנשטאַלטן.

דער אומגעהויערער פאַרשריט פון קופת חולים לאָזט זיך אויך מעסטן מיטן וואוקס פון איר בודזשעט. אויף איר גרינדונגס־קאָנפערענץ אין 1912 איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז יעדער חבר צאָלט 10 מיל אַ חודש און אויסער דעם זאָל געשאַפן ווערן אַ רעזערוו פאָנד פון 600 פראַנק (24 פונט)! אין משך פון יאָר. אָבער דער באַשלוס צו „פאַרפעסטיקן” די יונגע אינסטיטוציע מיטן דאָזיקן רעזערוו־פאָנד האָט ניט געקענט ווערן רע־אַליזירט אין משך פון יאָר. אויסער דעם האָט יעדער חבר געדאַרפט צאָלן אַן אייגנאַרטיקן שטייער אין „צייט”, זיך מתחייב זייענדיק צו נעכטיקן ביי אַ קראַנקן חבר.

אין 1944 האָט דער בודזשעט פון קופת חולים באַטראָפן אַ מיליאָן מיט 14 טויזנט פונט, איבער 50 פּראָצענט פון אַלע הוצאות פון די אידישע געזונטהייט־אינסטיטוציעס פון לאַנד (אַריינגערעכנט די געזעלשאַפטלעכע און די צדקה־אינסטיטוציעס). איר צאָל הייל־אַנשטאַלטן איז פיר מאָל אַזוי גרויס ווי די צאָל פון אַלע איבעריקע געזעלשאַפטלעכע הייל־אַנשטאַלטן צוזאַמען (לויט דער צאָל מענטשן וואָס ווענדן זיך צו זיי).

דער בודזשעט פון קופת חולים אין 1944 איז געדעקט געוואָרן אין 84.1 פּראָצענט פון דער אַרבעטערשאַפט פון לאַנד (מיטגלידס־אָפּצאָל, הילף פון הסתדרות־אינסטיטוציעס); 14.5 פּראָצענט פון די אַרבעטס־געבער און געזעלשאַפטלעכע אַנשטאַלטן; 0.8 פּראָצענט פון מוניציפּאַלע א״אַ אַנ־שטאַלטן, און 0.6 פּראָצענט פון פאַרשידענע קוועלן. די ארץ־ישראלדיקע רעגירונג, וואָס באַקומט צוויי־דריטל פון אירע שטייערן פון אידישע קוועלן, האָט ניט געגעבן קיין שילינג פאַר דער ברייטער נעץ פון גע־זונטהייטס־אַנשטאַלטן פון דער קופת חולים. דער אַנטייל פון דער רעגי־רונג אין יערלעכן בודזשעט פון גאַנצן אידישן געזונטהייטס־וועזן באַ־

טרעפֿט קוים אַנדערטהאַלבן פּראָצענט, אין דער צייט ווען די אידן בילדן איבער אַ דריטל פֿון דער ארץ־ישראלדיקער באַפֿעלקערונג. דערפֿאַר גיט די רעגירונג אויס באַדייטנדע סומען פֿאַר די אַראַבישע אינסטיטו־ציעס, וואָס קענען זיך דאָך ניט פֿאַרלאָזן אויף זייערע רייכע ברידער, ווי עס דאַרפֿן עס טאָן — לויט דער מיינונג פֿון דער רעגירונג — די אידן.

די רעגירונג וואַרפֿט אָפּ עקשנותדיק אַלע גערעכטע ווענדונגען פֿון דער קופּת חולים זיך צו באַטייליקן אין איר בודזשעט און באַשטימען אַ יערלעכע סובסידיע פֿאַר אירע שפּיטעלער.

אויך די מוניציפּאַלע זעלבסט־פֿאַרוואַלטונגען וואַרפֿן צו נאָר אַ נישטיקע סומע (0.6 פּראָצענט פֿון דעם בודזשעט פֿון קופּת חולים), ניט קוקנדיק דערויף, וואָס די קופּת חולים באַדינט 43 פּראָצענט פֿון דער אידישער באַפֿעלקערונג.

די קופּת חולים האָט אויסגעגעבן אין 1944 86,000 פֿונט פֿאַר די אידישע סאָלדאַטן און נוטרים (געהילפֿס־סאָלדאַטן) און זייערע משפּחות און פֿאַר די מיטגלידער פֿון די סאָלדאַטן־לאַגערן. אויך אין דער דאָזיקער אויסגאַבע, וואָס האָט דאָך באַפֿרידיקט די מיליטער־נויטן פֿון דער רע־גירונג, האָט זיך די ארץ־ישראל־רעגירונג באַטייליקט נאָר מיט נישטיקע סומען.

אין 1945 איז דער בודזשעט פֿון קופּת חולים אויסגעוואַקסן ביז 1,300,000 פֿונט ($5,200,000). דער כּסדרדיקער צושטראָם פֿון פּליטים, וואָס קומען אַריין אין לאַנד, צעבראָכן און דערשעפּט נאָך לאַנגע יאָרן פֿון שרעקלעכע איבערלעבונגען אין די נאַצישע פּייַן־לאַגערן, לייגט אַרויף אויף דער קופּת חולים פֿיל נייע אויפֿגאַבן. ס'איז אויך געשטיגן דער אַר־בעטס־לוין און דער וואוקס פֿון די הוצאות אויסצוהאַלטן די ברייט־פֿאַר־צוויַיגטע נעץ פֿון סאַנאַטאָריעס און שפּיטעלער.

די קופּת חולים האָט אין משך פֿון קריג אויסגעגעבן אַ פֿערטל מיליאָן פֿונט אויף אויסברייטערן אירע הייל־אַנשטאַלטן און אויסבויען נייע געביידעס. ס'איז אויך באַדייטנד פֿאַרגרעסערט געוואָרן איר פּער־סאָנאַל.

קרן נכות (אינוואַלידן־פֿאָנד)

אין 1930 האָט די קופּת חולים געשאַפֿן אַ ספּעציעלן אינוואַלידן־פֿאָנד צו באַפֿרידיקן כאָטש אין אַ מינימאַלער מאָס די נויטן פֿון די אַרבעטער־אינוואַלידן. דער פֿאָנד האָט אָנגעהויבן זיין טעטיקייט אין 1932. ביז סוף 1944 האָט דער פֿאָנד באַזאָרגט 1800 מיטגלידער, וואָס זיינען געווען כראָניש קראַנק, אָדער זיינען געוואָרן אינוואַלידן און אומפֿעאיק צו דער אַרבעט.

די קראַנקע ווערט געגעבן מעדיצינישע הילף, מ'אָרדנט זיי איין אין סאַנאַטאָריעס, מ'זוכט אויף פֿאַר זיי פּאַסיקע אַרבעט, מ'קויפֿט איין פֿאַר זיי אַרבעטס־מכשירים אאַז״וו. דער בודזשעט פֿון „קרן נכות״ איז געוואַקסן פֿון 244 פֿונט אין 1933 ביז איבער 25 טויזנט פֿונט אין 1943. ביז סוף 1944 איז אויסגעגעבן געוואָרן 120,000 פֿונט אויסצוהאַלטן די אַרבעטס־אינוואַלידן. יעדער מיטגליד פֿון קופּת חולים צאָלט דורכשניט־לעך 20 מיל (בערך 8 סענט) פֿאַרן דאָזיקן פֿאָנד.

דער „קרן נכות״ האָט געעפֿנט דריי ספּעציעלע אַנשטאַלטן: „מעברים״ פֿאַר לונגען־קראַנקע נעבן מגדיאל (שרון) מיט 38 בעטן. דאָס איז בעיקר אַ סאַנאַטאָריום פֿאַר רעקאָנוועלעסצענטן, נאָכן פֿאַרלאָזן דעם שפּיטאָל. זיין נאָמען ווייזט אָן, אַז די אַנשטאַלט דינט ווי אַן איבערגאַנגס־עטאַפּ פֿון צושטאַנד פֿון קראַנקייט צו אַ לעבן פֿון אַרבעט, באַריקזיכטנדיק בעיקר די באַדערפֿענישן פֿון די פּליטים און נייע עולים. די צאָל בעטן איז איצט פֿאַרגרעסערט געוואָרן ביז 90. אַ צווייטע אַנשטאַלט איז „גהה״ פֿאַר גייסטיק־קראַנקע. די אַנשטאַלט געפֿינט זיך נעבן ביילינסאָן־שפּיטאָל אין תל־אָביב. דאָרטן איז דאָ פּלאַץ פֿאַר 70 קראַנקע מיט אַ פּערסאָנאַל פֿון 29 מאַן און דאָס „פֿיינסטאָון הויז״ אין רמות השבים (שרון), אַן אַנ־שטאַלט פֿאַר כראָניש קראַנקע, אויפֿן נאָמען פֿון מאָריס פֿיינסטאָון, דעם לאַנג־יאָריקן סעקרעטאַר און טוער פֿון די פֿאַראייניקטע אידישע גע־ווערקשאַפֿטן און איינער פֿון די ערשטע פּיאָנערן פֿון געווערקשאַפֿטן קאַמפּיין, געשטאָרבן אין 1943. דאָס „פֿיינסטאָון הויז״ האָט לכתחילה געהאַט 19 בעטן און איז פֿאַרגרעסערט געוואָרן ביז 40 בעטן. אַלע דריי אַנשטאַלטן ווערן איצט פֿאַרגרעסערט, און די צאָל בעטן וועט דערגרייכן קרוב 200.

אינטערעסאַנט, אַז 90 פּראָצענט פֿון די קראַנקע ווערן צוריק אַרבעטס־פֿעאיק נאָכן דורכמאַכן די קוראַציע אין די אַנשטאַלטן פֿון דער קופּת חולים, אין דער צייט ווען אין אַנדערע לענדער באַטרעפֿט דער פּראָצענט פֿון די געזונט־ווערנדיקע נאָר אַ דריטל. דאָס דערקלערט זיך דערמיט, וואָס דער אינוואַלידן פֿאָנד זאָרגט ניט נאָר פֿאַר פֿולשטענדיקע אינוואַלידן, ווי ס'איז אָנגענומען אין אַנדערע לענדער, נאָר אויך פֿאַר מענטשן, וואָס ליידן פֿון כראָנישע קראַנקייטן. פֿיל פֿון זיי ווערן צוריק אַרבעטס־פֿעאיק.

קרן חוסר עבודה

דער וועג פֿון דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטערשאַפֿט איז קיין מאָל ניט געווען אויסגעלייגט מיט רויזן. דורך איבערמענטשלעכע אָנשטרענ־גונגען האָט דער אידישער אַרבעטער געדאַרפֿט דורכברעכן זיין וועג אין אַ סביבה פֿון מדבר און זומפּן, פֿון אַ נידעריקן לעבנס־ניוואָ פֿון זיין

אַראַבישן שכן, און פֿאַרפֿרעמדקייט פֿון זיינע אייגענע ברידער — די אידישע קאָלאָניסטן. נאָר דער טיפֿער געפֿיל פֿון חברישקייט, קלאַסן־סאָלידאַריטעט און הויכער נאַציאָנאַל־פּיאָנערישער באַוואוסטזיין פֿון זיין ציוניסטישער־ און אַרבעטער־שליחות האָבן מעגלעך געמאַכט דעם ארץ־ישראלדיקן אַרבעטער צו האַפֿן אין שווערע טעג אויף בעסערע צייטן און אין די בעסערע טעג צו זאַמלען כוחות און אָפּשפּאָרן פֿאַר די ערגערע צייטן.

ריכטיק מיינט בן־גוריון, אַז „דער גרעסטער מענטשלעכער ווערט, וואָס אונזער באַוועגונג האָט געשאַפֿן, וואָס אָן דעם וואָלטן מיר ניט געקענט עקזיסטירן און גיין פֿאָרויס — איז דאָס פֿאַרמעגן פֿון חברישקייט. און חברישקייט מיינט זיך צו אידענטיפֿיצירן מיטן גורל פֿון צווייטן. דאָס מיינט דער באַוואוסטזיין, אַז אויב דו ביזט אַרבעטסלאָז, איז עס נאָר אַ צופֿאַל און איך קען פּונקט אַזוי זיין אַרבעטסלאָז ווי דו; דאָס מיינט אַז אויב דו ביזט געפֿאַלן אין דער הגנה, איז עס נאָר אַ צופֿאַל, און איך וואָלט געקענט פּונקט אַזוי געהרגעט ווערן ווי דו".

די זאָרג פֿאַרן אַרבעטסלאָזן חבר איז איינע פֿון די שענסטע שטריכן פֿון דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטער־באַוועגונג. זי קומט צום טיפֿן אויסדרוק אין לאָזונג: „מיר זיינען פֿאַראַנטוואָרטלעך יעדער פֿאַר זיין ברודער, און דער היינט איז פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר זיין מאָרגן". מיט אירע אייגענע מיטלען האָט די ארץ־ישראלדיקע אַרבעטערשאַפֿט גע־שאַפֿן און מאָביליזירט באַדייטנדע פֿאָנדן און געלאָזט אין באַוועגונג די רעדער פֿון פֿיל אונטערנעמונגען, שאַפֿנדיק אַרבעט פֿאַר פֿיל טויזנטער אַרבעטסלאָזע. פֿיל פֿון די אויפֿטוען פֿון דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטער־שאַפֿט אויפֿן געביט פֿון באַקעמפֿן אַרבעטסלאָזיקייט, מעגן דינען ווי אַ ליכטיקער ביישפּיל פֿאַר דער אַרבעטערשאַפֿט אין פֿיל אַנדערע לענדער, וואו דאָס געשפּענסט פֿון אַרבעטסלאָזיקייט האָט געבראַכט מיט זיך ניט נאָר אָרעמקייט און נויט, נאָר אויך דאָס אַראָפּלאָזן פֿון דער סאָציאַ־ליסטישער פֿאָן, פֿון שנאת אחים, די אָפּשוואַכונג פֿון קלאַסן־סאָלידאַרי־טעט, און אויפֿגעפּראַלט ברייט די טויערן פֿאַרן גרעסטן קלאַסן־שונא פֿון דער אַרבעטערשאַפֿט און דעמאָקראַטיע — דעם פֿאַשיזם.

די 11טע מועצה פֿון דער הסתדרות אין נאָוועמבער, 1932, האָט באַ־שלאָסן צו שאַפֿן דעם קרן חוסר עבודה (פֿאָנד פֿון אַרבעטסלאָזע). מ'האָט באַשלאָסן אָנצוהויבן די טעטיקייט נאָכן שאַפֿן די ערשטע 5,000 פֿונט. דער קרן חוסר עבודה איז זיך שפּעטער פֿונאַנדערגעוואַקסן אין אַ זייער וויכטיקער אינסטיטוציע. אין די יאָרן 1933—1944 האָבן זיינע געווינט־לעכע הכנסות, וואָס זיינען אין 80 פּראָצענט באַשטאַנען פֿון אַ ספּעציעלן אָפּצאָל פֿון די הסתדרות־מיטגלידער, באַטראָפֿן 314,000 פֿונט. אָבער

שפּעטער זיינען צוגעקומען ספּעציעלע אַקציעס אין די צייטן פון אַרבעטס־לאָזיקייט, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין 1936 — מיטן אָנהויב פון די אַראַבישע אומרוען. פינף אַזעלכע אַקציעס (מפּדה עבודה) האָבן אַריינגעבראַכט 205,000 פונט. צוזאַמען מיט 186,000 פונט, וואָס די אַרבעטערשאַפט האָט געגעבן פאַר „משען" און די הכנסות פון דער אידישער אַגענטור, ועד לאומי א"א קוועלן, איז סך־הכל מאָביליזירט געוואָרן דער באַדייטנדער סכום פון איבער 800,000 פונט.

אַ דאַנק די דאָזיקע געלטער זיינען דורכגעפירט געוואָרן פיל עפנטלעכע אַרבעטן, ביי וועלכע עס זיינען באַשעפטיקט געוואָרן די אַרבעטסלאָזע, ווי ביים בויען הייזער, פלאַסטערן שאָסייען, אין די פּאַרטן, שטיינברעכערייען, אַרבעטן ביים ים, פישערייַ א"אַ. סך־הכל זיינען דורגעפירט געוואָרן אַרבעטן פאַר צוויי און אַ האַלב מיליאָן פונט און עס זיינען געוואונען געוואָרן 4 און אַ האַלב מיליאָן אַרבעטס־טעג.

אין 1936 איז געשאַפן געוואָרן אַ ספּעציעלע געזעלשאַפט „בצור" פון דער הסתדרות און דער אידישער אַגענטור מיטן צוועק דורכצופירן עפנטלעכע אַרבעטן. אַ גרויסע הילף איז אויך געווען דער איינגעפירטער סיסטעם פון בייטן זיך מיט די אַרבעטספּלעצער, און דאָס געבן אַרבעטסלאָזע אַ צאָל אַרבעטס־טעג אין דער וואָך אין די שטעט און קאָלאָניעס.

די אַרבעטערשאַפט אין ארץ־ישראל קוקט מיט שטאָלץ צוריק אויפן וואונדערבאַרן קאַפּיטל פון חברישקייט און קאָלעקטיווער אחריות, וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט אין די קריזיס־יאָרן פון 1936—1941. ס'איז אויך אָנגעזאַמלט געוואָרן אַ באַדייטנדע געזעלשאַפטלעכע דערפאַרונג, וואָס וועט ווערן אויסגענוצט אין ענלעכע פאַלן. דער קרן חוסר עבודה האָט איצט אין זיין רשות אַ פאָנד פון איבער 200,000 פונט.

„משען"

„משען" איז געשאַפן געוואָרן מיטן אויסברוך פון קריזיס אין 1936 מיטן צוועק צו געבן דירעקט שטיצע די אַרבעטסלאָזע, סיי מיט געלט, און סיי דורך פאַרקויפן ביליקע שפּייז־מיטלען, דורך עפענען קיכן פאַר אַרבעטסלאָזע, קלובן און אַפּרו־פּלעצער פאַר קינדער פון אַרבעטסלאָזע, מעדיצינישע הילף אאז"וו.

אין די יאָרן 1936—1943 האָט „משען" אויסגעגעבן קרוב 466,000 פונט. ווען די עקאָנאָמישע לאַגע איז געוואָרן בעסער, האָבן פיל אַרבעטער צוריקגעצאָלט די באַקומענע אונטערשטיצונג. פון די קליינע צוריקגעצאָלטע סומען האָט זיך צונויפגעזאַמלט דער פיינער סכום פון 50 טויזנט פונט.

קרוב 42 טויזנט נפשות האָבן געגאָסן אין דער צייט פון די פּאַר־ביליקטע שפּייז־פּראָדוקטן, וואָס מ׳האָט פאַרקויפט אין 62 פאַרקויף־שטעלן פון „משען". דער סכום פון פאַרקויפטע פּראָדוקטן באַטרעפט אַ מיליאָן פונט, און די דיפערענץ אין פאַרגלייך מיט די מאַרק־פּרייזן האָט באַטראָפן 200 טויזנט פונט.

לעצטנס האָבן קרוב 5,000 פאַמיליעס פון זעלנער און נוטרים גע־נאָסן פון די קראָמען פון „משען". קרוב 18,000 פונט איז אויסגעגעבן געוואָרן אין די יאָרן 1937—1942 פאַר באַזאָרגן שפּייז פאַר קרוב צוויי טויזנט קינדער פון אַרבעטסלאָזע אין ספּעציעלע קינדער־היימען און אָפּרו־פּלעצער.

„מ צ י ב"

„מציב" איז אַנטשטאַנען אין 1938 אַלס אָפּטיילונג ביים קרן חוסר עבודה. די אויפגאַבע פון „מציב" איז צו געבן דער אַרבעטער־פאַמיליע הילף, אין פאַל, ווען עס שטאַרבט דער פאַמיליע־שפּייזער. דער סכום פון דער אונטערשטיצונג איז 50 פונט. אין משך פון די 6 יאָר פון איר עקזיסטענץ, פון 1938—1943, האָט „מציב" אויסגעצאָלט 21,465 פונט צו 578 משפּחות, וואָס בילדן 1376 נפשות. (אלמנות, יתומים, עלטערן און אַזוי ווייטער).

יעדער מיטגליד פון דער הסתדרות צאָלט 17 מיל אַ חודש פאַרן דאָזיקן פאָנד, וואָס איז איינגעשלאָסן, ווי די איבעריקע שטייערן, אין „מס אחיד" (פאַראייניקטער שטייער). דער „מס אחיד" איז איינגעפירט געוואָרן אין 1937 און שליסט איין אַלע שטייערן, וואָס דער הסתדרות־מיטגליד דאַרף צאָלן.

„דור לדור"

„דור לדור" האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו זאָרגן פאַרן הסתדרות־מיטגליד, ווען ער ווערט אַלט און קען מער ניט אַרבעטן. דער פאָנד איז געשאַפן געוואָרן אין 1942. דער קליינער שטייער אויף הסתדרות־מיטגלידער האָט אַריינגעבראַכט אין 1943 ביי 24,000 פונט. יעדער חבר אין עלטער פון 65 יאָר און יעדע חברה אין עלטער פון 62 יאָר האָט דאָס רעכט צו געניסן פונם פאָנד. די עלטער־פּענסיע איז באַשטימט געוואָרן אין הויך פון צוויי און האַלב פונט פאַר אַ מאַן מיט אַ פרוי און אַנדערטהאַלבן פונט פאַר אַן איינצלנעם מאַן אָדער פרוי.

„דור לדור" האָט שוין געעפנט אַ רייע קלובן פאַר עלטערע אַרבע־טער. איצט טרעט מען צו אויפצובויען אַ ספּעציעלע סאַנאַטאָריע אין דער קבוצה חולדה (דרום פון תל־אביב). די סאַנאַטאָריע וועט געבויט

ווערן דורך דער קופּת חולים און דעם מרכז החקלאי (צענטראַלע פון דער לאַנדווירטשאַפטלעכער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע).

„בית אָבות"

אויף דער 42סטער הסתדרות־באַראַטונג אין יאַנואַר, 1941, איז באַשלאָסן געוואָרן צו שאַפן אַ מושב זקנים פאַר אַלטע הסתדרות מיטגלידער, מיטן נאָמען „בית אָבות". מיט דער הילף פון „שכון" און קרן קימת האָט מען באַקומען אין קרית עבודה אַ באָדן־שטח פון 20 דונאַם. דאָרט וועט מען אויפבויען אַ בלאָק פון הייזער, וואו עס וועלן קענען וואוינען 200 מענטשן. יעדעס הויז האַלט צוויי שטאָק און אויף יעדן שטאָק זיינען דאָ פיר צימערן פאַר 8 פּערזאָן. יעדעס הויז האָט אַ באַזונדערן עס־צימער. מ'וועט אויך אויפשטעלן אַ הילפס־ווירטשאַפט פון הינער, ירקות און בלומען.

„צ י ו ן"

לויט דער איניציאַטיוו פון דוד באָדער, איינער פון די ראשונים פון דער צווייטער עליה, איז געשאַפן געוואָרן אַ קאָמיסיע, וואָס פאַרנעמט זיך מיט שטעלן מצבות אויף די קברים פון די אַלטע חברים פון דער צווייטער און דריטער עליה און אין באַזונדערע פאַלן אויך פאַר אַנדערע. ביז 1943 זיינען אויפגעשטעלט געוואָרן 155 מצבות. די הוצאות האָבן געדעקט די הסתדרות און די אַלגעמיינע ישוב־אַנשטאַלטן.

זאָרג פאַר וותיקים

אָנהויב 1937 האָט די מועצה פון דער הסתדרות באַשלאָסן צו זאָרגן ספּעציעל פאַרן גורל פון צענדליקער וותיקים, וואָס זיינען געקומען מיט דער צווייטער עליה און געפינען זיך אין אַ שווערער מאַטעריעלער לאַגע. שפּעטער איז די זאָרג געוואָרן אויסגעברייטערט אויף די וותיקים פון דער דריטער עליה, וואָס זיינען געקומען אין לאַנד ביז סוף 1920.

ביז יאַנואַר, 1944, האָט די הסתדרות אויסגעגעבן אויף דעם צוועק 8,000 פונט. מ'האָט אַרויסגעהאָלפן 1,718 חברים, דערפון 1,344 מיט אַרבעט און 374 מיט אַרבעט אָדער געלט־אונטערשטיצונג.

דער ציוניזם איז די איינציקע באַוועגונג וואָס איז בכוח צו זייען דאָ דאָס ליכט פון פאַרשטענדעניש, סיסטעם און פּלאַן. דער ציוניזם איז די היסטאָרישע עקאָנאָמישע נויטווענדיקייט פאַרן אידישן פאָלק.

ב. באָראָכאָוו

דוד רמז

די הסתדרות גרינדעט זיך פֿון דאָס ניי

מיר האָבן דאָס רעכט צו זאָגן, אַז אין די דאָזיקע טעג פֿון חנוכּה, ווען ס׳איז געוואָרן פּראָקלאַמירט די צווייטע אַקציע פֿון „פּדיון עבודה״,* האָבן מיר נאָכאַמאָל געגרינדעט די הסתדרות, ווייל די הסתדרות ווערט שטענדיק אויפֿסניי ווידער געגרינדעט מיט יעדער קאָלעקטיווער טאַט, וואָס שטאַרקט די חברישקייט פֿון די אַרבעטער און זייער געמיינזאַמע פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט.

מיט דער הילף פֿון דער ערשטער אַקציע פֿון „פּדיון־עבודה״, איז דער „קרן חוסר עבודה״ (פֿאָנד צו באַקעמפֿן אַרבעטסלאָזיקייט) אַרויס אויפֿן פֿראָנט, מיט זיינע צוויי הענט גרייט צום שלאַכט. איין האַנט צו שלאָגן די אַרבעטסלאָזיקייט און די צווייטע צו שלאָגן די ברויטלאָזיקייט; אַלס סימבאָל פֿון דער ערשטער האַנט זע איך דעם „ביצור״ און אַלס סימבאָל פֿון דער צווייטער האַנט — דעם „משען״.

— — — מיר האָבן דריי מדינות: איינע אַ פֿאַקטישע, דאָס איז די רעגירונג פֿון ארץ־ישראל; אַ צווייטע אין וועג — די מדינה פֿון ישוב; אַ דריטע — די מדינה פֿון דער הסתדרות. איך וועל זיך איצט ניט אָפּ־שטעלן אויף די ערשטע צוויי; איך וועל נאָר רעדן וועגן דער דריטער, דער מדינה פֿון דער הסתדרות. אויב מיר גייען אַנטקעגן דער דאָזיקער מדינה — איז אונזער ערשטע זאָרג: זאָל ניט הערשן קיין הונגער אין דער מדינה פֿון דער הסתדרות.

אונזער הסתדרות ציילט היינט צענדליקער טויזנטער מיטגלידער, און אַלע טראָגן זיי די פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט. אָבער מ׳קען ניט רעדן אויף איין פֿאַרזאַמלונג צו אַלעמען. איר, די אַקטיוויסטן, זייט די פֿאַראַנט־וואָרטלעכע פֿאַר די פֿאַראַנטוואָרטלעכע.

לאָמיר מאַכן אַ ברכה: ברוך שעשנו חברים.

* דער „פּדיון־עבודה״ איז געוואָרן באַשטימט אַלס שטייער צו העלפֿן די אַרבעטס־לאָזע דורכן „קרן חוסר עבודה״ אין די יאָרן 1936—1941.

די הסתדרות איז אין איר קאָנצעפּציע, אינהאַלט און סטרוקטור, דער אינסטרומענט פֿון דער אַרבעטערשאַפֿט פֿאַר דער עטאַבלירונג פֿון אַ מלוכה, פֿאַר דעם אויפֿבוי פֿון אַ לאַנד, פֿאַר דער באַפֿרייאונג פֿון אַ פֿאָלק.

דוד בן־גוריון

ציפערן און פאקטן וועגן דער אנטוויקלונג פון דער הסתדרות

די צענטראלע אינסטאנצן פון דער הסתדרות

די אלגעמיינע ארגאניזאציע פון די אידישע ארבעטער אין ארץ־ישראל איז געגרינדעט געווארן אין חיפה, אין חנוכה, 1920. אין איר שפיץ שטייט דער ועד־הפועל פון דער הסתדרות.

די אלגעמיינע קאאפעראטיווע געזעלשאפט פון ארץ־ישראלדיקע ארבעטער (חברת־העובדים) איז געגרינדעט געווארן אין 1923. (די חברת־העובדים איז די מוטער־געזעלשאפט פון די ווירטשאפטלעכע אנשטאלטן פון דער הסתדרות).

דער ועד הפועל פון דער הסתדרות, זיינע אנשטאלטן און אפטיילונגען

מרכז העליה, געגרינדעט אין 1927.
מרכז העבודה, געגרינדעט אין 1928.
מועצת הפועלות, געגרינדעט אין 1922.

אין די שטעט און קאלאניעס עקזיסטירן ארגונים פון ארבעטנדיקע מוטערס. דער ערשטער ארגון איז אנטשטאנען אין 1929, אין חיפה.

דער מרכז לתרבות, איז געגרינדעט געווארן אונטערן נאמען „ועדת התרבות המרכזית” צוזאמען מיט דער גרינדונג פון דער הסתדרות.

די ועדה לעולי ארצות המזרח איז געגרינדעט געווארן אין 1936.

די לשכת המס המרכזית איז געגרינדעט געווארן אין 1936.

די מחלקה לעזרה סוציאלית (אפטיילונג פאר סאציאלער הילף) איז געגרינדעט געווארן אין 1939.

די ועדת הותיקים (קאמיסיע פאר עלטערע ארבעטער) איז געגרינדעט געווארן אין 1936.

די ועדה המרכזית להיגינה מקצועית־סוציאלית (צענטראלע קאמיסיע פאר פראפעסיאנעלער און סאציאלער היגיענע) איז געגרינדעט געווארן אין 1935.

די מחלקת חוץ לארץ (אפטיילונג פאר אויסלענדישע ענינים) איז געגרינדעט געווארן אין 1929.

די מחלקה הערבית (דעפארטמענט פאר אראבישע פראגן) איז געגרינדעט געווארן אין 1934.

די מחלקה המוניציפלית (אפטיילונג פאר מוניציפאליטעטן) איז געגרינדעט געווארן אין 1937.

די ועדת המשכורת (צו באשטימען דעם געהאלט פֿון די הסתדרות־באאמטע לויט א משפּחה־סקאלע) איז געגרינדעט געוואָרן אין 1928.

די מחלקה לסטטיסטיקה ולאינפורמציה איז געגרינדעט געוואָרן אין 1922.

אין די יאָרן 1939־44 זיינען אנטשטאנען די פֿאָלגנדיקע נייע אָפּטיילונגען:

מחלקת הגיוס (אָפּטיילונג פֿאַר מאָביליזאציע).

לשכת הקשר עם החיילים (פֿארבינדונג ביוראָ מיט די זעלנער).

ועדה מרכזית לעניני הנוטרים (צענטראַלע קאָמיסיע פֿאַר די ענינים פֿון די נוטרים — די אידישע געהילפֿס־סאָלדאטן).

ועדת בטחון (קאָמיסיע פֿאַר זיכערקייט, געשאפֿן פֿאַר צוועקן פֿון קריגס־פֿארטיידיקונג).

מחלקת ההסברה (פֿירט דורך א ברייטע שריפֿטלעכע און מינדלעכע אויפֿקלערונגס־ארבעט איבער דער הסתדרות; פֿירט דורך סיסטעמאטישע באזוכן פֿון די ארבעטער פֿון די שטעט און קאָלאָניעס אין די ארבעטער־דערפֿער).

מחלקה להקניית הלשון העברית (די אָפּטיילונג צו דערווערבן די העברעאישע שפּראַך).

מחלקה לנוער וחינוך (אָפּטיילונג פֿאַר יוגנט און דערציאונג, גיט זיך אָפּ מיטן „הנוער העובד" און שטייט אין פֿארבינדונג מיטן מרכּז החינוך).

לשכה לחרושת ומלאכה בהסתדרות (ביוראָ פֿאַר אינדוסטריע און מלאכה אין דער הסתדרות).

ועדה מרכזית לתחוקת עבודה (צענטראַלע קאָמיסיע פֿאַר פּראָבלעמען פֿון ארבעטער־געזעצגעבונג.

די מחלקה המקצועית (פּראָפֿעסיאָנעלע אָפּטיילונג) האָט איבערגענומען די זאָרג פֿאַר די צענטראַלע פּראָפֿעסיאָנעלע לאַנד־פֿארבאנדן און פֿאַר די ניט־ארגאניזירטע ארבעטער.

מחלקה לחיילים משוחררים (דעפּארטמענט פֿאַר דעמאָביליזירטע זעלנער) געגרינדעט אין 1945.

ועדה לעניני הגולה (קאָמיסיע פֿאַר גלות־ענינים).

אין 1944 איז אויך אָרגאניזירט געוואָרן א צענטראַלע קאָמיסיע אָנצופֿירן מיט די פֿאַך־שולן פֿון דער הסתדרות.

קאָנטראָל און געריכט

די ועדת הבקורת המרכזית (צענטראַלע קאָנטראָל־קאָמיסיע) איז געגרינדעט געוואָרן אין 1927.

דער בית־דין עליון ולשכה משפטית (אויבערשטער געריכט און יורידיש ביוראָ) זיינען געגרינדעט געוואָרן אין 1923.

די אָרגאַניזאַציע פֿון לאַנדווירטשאַפֿטלעכע אַרבעטער
(הסתדרות הפּועלים החקלאים)

איז געגרינדעט געוואָרן אין 1911 אין גליל און אין יהודה און אין 1914 אין שומרון. אין איר שפּיץ שטייט דער מרכז החקלאי, וואָס איז אַנטשטאַנען אין 1920, ווען ס'איז אַנטשטאַנען די פֿאַראייניקטע אָרגאַניזאַציע פֿון לאַנדווירטשאַפֿטלעכע אַרבעטער.

די מחלקת ההתישבות (קאָלאָניזאַציע־אָפּטיילונג) פֿון מרכז החקלאי באַשעפֿטיקט זיך מיט אַלע קאָלאָניזאַציע־פּראָבלעמען פֿון די אַרבעטער־ווירטשאַפֿטן.

די מחלקת המושבות (אָפּטיילונג פֿון קאָלאָניעס) קאָנצענטרירט די דעראָבעריקע, אָרגאַניזאַטאָרישע און ווירטשאַפֿטלעכע טעטיקייט פֿון דער אַרבעטערשאַפֿט אין די קאָלאָניעס.

די מחלקה לשכון פועלי המושבות (צו באַזאָרגן די אַרבעטער פֿון די קאָלאָניעס מיט וואוינונגען).

דער ברית הפיקוח לקואופרציה החקלאית העובדת (אויפֿזיכטס־ראַט פֿאַר דער לאַנדווירטשאַפֿטלעכער אַרבעטער־קאָאָפּעראַציע) איז געגרינדעט געוואָרן אין 1934.

די מחלקה לסטטיסטיקה פֿון די לאַנדווירטשאַפֿטלעכע אַרבעטער איז די אַרבעטער־דערפֿער און אין די קאָלאָניעס.

ניר — געזעלשאַפֿט פֿאַר דער קאָלאָניזאַציע פֿון אידישע אַרבעטער. אויף דער צווייטער לאַנדווירטשאַפֿטלעכער קאָנפֿערענץ אין 1923 איז באַשלאָסן געוואָרן צו שאַפֿן „ניר" און אין 1925 איז זי געוואָרן באַשטעטיקט דורך דער רעגירונג (די געזעלשאַפֿט „ניר השיתופית" איז די מוטער געזעלשאַפֿט פֿאַר די ווירטשאַפֿטלעכע אַנשטאַלטן פֿון דער לאַנדווירטשאַפֿטלעכער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע).

צענטראַלע פֿאַרבאַנדן, וואָס זיינען אָנגעשלאָסן אין דער הסתדרות הפּועלים החקלאים

די אגודת עובדי האריזה (פֿאַראיין פֿון די אָראַנזשן־פּאַקער), געגרינדעט אין 1931.

די אגודת הקודחים העברים (פֿאַראיין פֿון די ברונעם־גראָבער) געגרינדעט אין 1935).

די התאגדות מגדלי בקר (פֿאַראייניקונג פֿון פֿי־ציכטער) געגרינדעט אין 1926.

„הבוקר", אַנשטאַלט פֿאַר צענטראַלן איינקויף פֿון ראַסן־קי, געגרינדעט אין 1934.

די אגודת מגדלי צאן העבריים (פאראיין פון אידישע שאף־ציכטער). געגרינדעט אין 1930.

די אגודת מגדלי דבורים עבריים (פאראיין פון אידישע בינען־ציכ־טער), געגרינדעט אין 1931.

די אגודת העובדים מגדלי הדר (פאראיין פון ארבעטער, ציטרוס־פלאנצער), געגרינדעט אין 1932.

ארגון מגדלי פירות (פאראיין פון פירות־פלאנצער) געגרינדעט אין 1935.

ארגון עובדי הפלחה (פאראיין פון ארבעטער ביי תבואה־קולטורן).

ארגון מגדלי עופות (פאראיין פון עופות־ציכטער).

ארגון מגדלי ירקות (פאראיין פון גרינצייג־פלאנצער).

ארגון מגדלי בהמות עבודה (פאראיין פון ציכטער פון ארבעטס־בהמות).

ארגון מגדלי דגים (פאראיין פון פיש־ציכטער).

אגוד הדייגים (פאראייניקונג פון פישער).

ארגון הגננים למשקי העובדים (פאראיין פון גערטנער אין די אר־בעטער דערפער).

ארגון מגדלי צמחי נוי (פאראיין פון ציכטער פון דעקאראציע־גע־וויקסן).

„חריש", אירגון פון די אייגנטימער פון טראקטארן.

די צענטראלע קאלאניזאציע־קערפערשאפטן

דער קבוץ המאוחד, געגרינדעט אין 1929. ציילט 46 ישובים מיט 16.510 נפשות.

דער קבוץ ארצי „השומר הצעיר", געגרינדעט אין 1927. ציילט 40 ישובים מיט 9000 נפשות.

דער חבר הקבוצות ואיגוד גורדוניה, געגרינדעט אין 1933. ציילט 32 ישובים מיט 8000 נפשות.

די תנועת המושבים והארגונים (די צענטראלע קערפערשאפט פון די מושבי עובדים), געגרינדעט אין 1925. אין איר זיינען אנגעשלאסן 53 מושבים מיט איבער 15,000 נפשות.

משקי הפועלות (פארמס פאר מיידלעך), עם עקזיסטירן 9 משקי הפועלות. דער ערשטער משק הפועלות איז געגרינדעט געווארן אין נחלת יהודה אין 1922. די משקי פועלות ווערן אנגעפירט פון דער מועצת הפועלות.

ווירטשאַפֿטלעכע אַנשטאַלטן

בנק הפועלים (די אַרבעטער באַנק), געגרינדעט אין 1921.

„הסנה" (פֿאַרזיכערונג געזעלשאַפֿט) געגרינדעט אין 1924 מיט דער הילף פֿון אידיש נאַציאָנאַלן אַרבעטער פֿאַרבאַנד אין אַמעריקע.

חברה לביטוח חקלאי הדדי (געזעלשאַפֿט פֿאַר לאַנדווירטשאַפֿטלעכער פֿאַרזיכערונג), געגרינדעט אין 1936. (איר· אויפֿגאַבע: פֿאַרזיכערן די תבואה פֿון די ווירטשאַפֿטן קעגן פֿייער, אומרועןאון גניבות).

„החקלאית", געזעלשאַפֿט צו פֿאַרזיכערן די פֿי, געגרינדעט אין 1919.

„המשביר המרכזי" (צענטראַלע קאָנסום־געזעלשאַפֿט) געגרינדעט אין 1916.

„ניר", חברת מניות בע"מ, געגרינדעט אין 1935 (צוועק: געבן קרעדיטן די לאַנדווירטשאַפֿטלעכע פּונקטן, ביים בוי פֿון אַרבעטער־הייזער און דערפֿער, אאַ"וו).

ביי דער געזעלשאַפֿט „ניר" איז טעטיק דער „קרן־ביילינסון" געגרינדעט אין 1937 פֿאַר פֿינאַנסירן די בוי־טעטיקייט פֿון די אַרבעטער אין די דערפֿער אויפֿן נאָמען פֿונם פֿאַרשטאָרבענעם הסתדרות טוער, משה ביילינסאָן.

„ניר שתופית", געגרינדעט אין 1943, פֿאַרנעמט זיך מיט פֿינאַנציעלע אינוועסטיציעס פֿאַר לאַנדווירטשאַפֿטלעכער איניציאַטיווער און דעראָבערישער טעטיקייט. אין קעגנזאַץ צו „חברת ניר", שאַפֿט זי אירע מיטלען נאָר פֿון זעלבסט־קאַפּיטאַל: פֿון 10 פּראָצענט פֿון די יערלעכע רווחים פֿון די אַרבעטער־ווירטשאַפֿטן און אַנשטאַלטן און צו אַקציעס פֿון 1 פֿונט פֿון אַלע מיטגלידער פֿון דער הסתדרות החקלאית.

„תנובה" — געגרינדעט אין 1927, אַלס אָפּטיילונג פֿון לאַנדווירטשאַפֿטלעכער פּראָדוקציע ביי „המשביר".

„תנובה אכספורט" (צו פֿאַרקויפֿן די לאַנדווירטשאַפֿטלעכע פּראָדוקטן אין אויסלאַנד). געגרינדעט אין 1936.

מרכז הקואופרציה למלאכה, חרושת ושרותים — ברית פיקוח בע"מ, געגרינדעט אין 1928, און באַשטעטיקט פֿון דער רעגירונג אַלס אויפֿזיכטס־ראַט אין 1934. אין מרכז הקואופרציה זיינען אָנגעשלאָסן 24 טראַנספּאָרט־קאָאָפּעראַטיוון און 50 קאָאָפּעראַטיוון פֿאַר מלאכה און אינדוסטריע. דער ערשטער קאָאָפּעראַטיוו — די דרוקעריי „אחדות" אין תל־אָביב, איז געגרינדעט געוואָרן אין 1910.

מיט דעם „מרכז הקואופרציה" זיינען פֿאַרבונדן:

א) „נוע" — געגרינדעט אין 1935 (געזעלשאַפֿט פֿאַר צענטראַלן איינקויף פֿאַר די טראַנספּאָרט־קאָאָפּעראַטיוון).

ב) מרכז להובלת משאות (צענטראַלע פֿון משא־טראַנספּאָרט־קאָאָ־פּעראַטיוון), געגרינדעט אין 1938. אין 1942 זיך פֿאַרוואַנדלט אין דער אַקציע געזעלשאַפֿט „טען", וואָס נעמט אַרום טויזנט משא־אויטאָס פֿון קיבוצים, מושבים, קאָאָפּעראַטיוון און יחידים.

ביי דעם מרכז הקואופרציה איז טעטיק די קופת הקואופרטיבים (פֿאָנד פֿון קאָאָפּעראַטיוון), געגרינדעט אין 1934.

ברית הפיקוח לקואופרציה הצרכנית בע"מ (אויפֿזיכטס־ראַט פֿון דער קאָנסום־קאָאָפּעראַציע), אָנגעהויבן זיין טעטיקייט אין 1932 און באַשטעטיקט פֿון דער רעגירונג אין 1934. אין ראַט זיינען אָנגעשלאָסן איבער 100 קאָנסום־פֿאַראיינען אין די שטעט, קאָלאָניעס און אין די מושבי־עובדים. די ערשטע קאָאָפּעראַטיווע קאָנסום־געזעלשאַפֿט איז געגרינדעט געוואָרן אין נהלל אין 1924.

„ברית הפיקוח לקואופרציה האשראית העובדת בא"י בע"מ" (אויפֿ־זיכטס־ראַט פֿון דער אַרבעטנדיקער קרעדיט־קאָאָפּעראַציע) געגרינדעט אין 1924. אין ראַט זיינען אָנגעשלאָסן 24 שפּאָר און ליי־קאַסעס. די ערשטע איז געגרינדעט בעוואָרן אין 1924 אין תל אביב.

„שכון" — געזעלשאַפֿט פֿאַר אַרבעטער־קוואַרטאַלן, געגרינדעט אין 1927 אונטערן נאָמען „מרכז לשכונות עובדים".

„ברית הפיקוח לאגודות שכון בע"מ, קאָנטראָלירנדער און אויפֿ־זיכטס אַנשטאַלט איבער די אַרבעטער־קוואַרטאַלן און אַרבעטער־וואוינונ־גען, געשאַפֿן אין 1937.

„חברת שכון עממי תל אביב", בוי־געזעלשאַפֿט פֿון „סולל בונה" צוזאַמען מיט פֿאַרשידענע ישוב־פֿאַקטאָרן.

„טפּחות", געגרינדעט אין 1944 דורך דער הסתדרות, אידישער אַגענטור און דער היפּאָטעקן־באַנק צו געבן צווייטע משכנות (בוי־היפּ־אָטעקן) צו די בויער פֿון הייזער.

„דירה", געזעלשאַפֿט צו בויען דירות צו פֿאַרדינגען אַרבעטער, וואָס זענען באַשעפֿטיקט ביי דעראַבערונגס־אַרבעט.

„נוה עובד" (אַרבעטער־וואוינונגען), געגרינדעט אין 1944 צו בויען אַרבעטער־הייזער אין די קאָלאָניעס.

„בדולח", געגרינדעט אין 1945 אַלס בשותּפֿותדיקע געזעלשאַפֿט פֿון דער הסתדרות און דער אידישער אַגענטור צו פֿינאַנסירן דעם בוי פֿון אַרבעטער־הייזער אין די קאָלאָניעס.

„קרן לשכון עולים חדשים ע"ש ברל כצנלסון" (פֿאָנד צו שאַפֿן הייזער פֿאַר נייע עולים אויפֿן נאָמען פֿון בערל קאַצענעלסאָן) געגרינדעט אין 1945.

„אבן־עזר", פֿאָנד פֿאַר קעגנזייטיקער הילף ביים בויען אַרבעטער־הייזער.

„בניני צבור", געזעלשאַפט אַנצופירן מיט די געזעלשאַפטלעכע אַר־בעטער־הייזער פון דער הסתדרות (אַרבעטער־אינסטיטוציעס, שולן, אא"וו).

„סולל בונה" — געגרינדעט אין 1920 אונטערן נאָמען „המשרד לעבודות צבוריות ובנין" און באשטעטיקט דורך דער רעגירונג אין 1924 אונטערן נאָמען „סולל בונה", קאָאָפּעראַטיווע אַרבעטער־געזעלשאַפט פאַר געזעלשאַפטלעכע אַרבעטן, בוי און אינדוסטריע.

המשרדים הקבלניים לבנין (אַמטן דורכצופירן קאָנטראַקט־אַרבעטן אין דער בוי־אינדוסטריע) זיינען טעטיק אין תל אביב און אין די גרויסע קאָלאָניעס. דער ערשטער בוי־קאָנטראַקטאָר־אַמט איז געגרינדעט געוואָרן אין תל אביב אין 1930 אונטערן נאָמען „משרד קבלני קואופרטיבי של העובדים העברים בתל־אביב בע"מ".

„כור", געגרינדעט אין 1944 אַלס טאָכטער־געזעלשאַפט פון „סולל בונה" אַנצופירן מיט אירע אינדוסטריע־אונטערנעמונגען.

„יכין", קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפט פאַר לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָנ־טראַקט־אַרבעטן, געגרינדעט אין 1925.

המחלקה למשרדים הקבלניים לחקלאות ע"י „יכין" — האָט די אויפזיכט איבער די קאָנטראַקטן אַמטן אין דער לאַנדווירטשאַפט און פירט מיט זיי אָן, געגרינדעט אין 1936.

המשרדים הקבלניים לחקלאות עקזיסטירן אין 13 קאָלאָניעס. די ערשטע לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָנטראַקטאָר־אַמטן זיינען געגרינדעט גע־וואָרן אין 1934 אין רחובות, הרצליה און אין רמתיים.

„חברה קבלנית לחקלאות" (חק"ל) געזעלשאַפט פאַר קאָנטראַקט־אַרבעט אין דער לאַנדווירטשאַפט, געגרינדעט אין 1944.

„תעשית אבן וסיד", אנטשטאַנען נאָך דער פאַראייניקונג פון די גע־זעלשאַפטן „אבן וסיד" און „אבן", אַנטשטאַנען אין 1922 און אין 1936. דאָס איז אַ טאָכטער־געזעלשאַפט פון „סולל בונה" מיטן צוועק צו באַ־זאָרגן שטיין און קאַלך פאַר די אידישע בוי־אַרבעטער.

„נחשון", געזעלשאַפט פאַר ים־אַרבעטן, געגרינדעט אין 1937.

„אוירון", געזעלשאַפט פאַר אַנטוויקלען דעם פלי־וועזן באַשטע־טיקט דורך דער רעגירונג אין 1937. אָנגעהויבן איר אַרבעט האָט זי נאָך אין 1934. דאַן איז דערוואָרבן געוואָרן דער ערשטער עראָפּלאַן. די געזעלשאַפט האַלט אויף אַ שול פאַר פליערײַ אין אפיקים.

„מקורות", געזעלשאַפט צו געפינען וואַסער. געגרינדעט אין 1935, בשותפות פון דער הסתדרות און דער אידישער אַגענטור.

צענטראַלע פֿאַרבאַנדן

הסתדרות פועלי הרכבת, הדואר והטלגרף (אָרגאַניזאַציע פֿון באַן, פּאָסט און טעלעגראַף־אַרבעטער), געגרינדעט אין 1919.

הסתדרות הפקידים העברים באַ״י (אָרגאַניזאַציע פֿון אידישע אָנגע־שטעלטע), געגרינדעט אין 1920.

הסתדרות מהנדסים, אדריכלים וטכנאים (פֿאַרבאַנד פֿון אינזשענירן, אַרכיטעקטן און טעכניקער), אַנטשטאַנען אין 1941.

ההסתדרות הכללית של הנוער העובד העברי (אַלגעמיינע אָרגאַניזאַציע פֿון דער אידישער אַרבעטער־יוגנט), געגרינדעט אין 1924.

התאגדות לתרבות גופנית „הפועל" (פֿאַראייניקונג פֿאַר קערפּער־קולטור), געגרינדעט אין 1926.

ברית פועלי א״י (פֿאַרבאַנד פֿון אַרץ־ישראלדיקע אַרבעטער), געשאַפֿן געוואָרן אויפֿן יסוד פֿון באַשלוס פֿון דער 3טער הסתדרות־קאָנפֿערענץ אין 1927 מיטן צוועק צו אָרגאַניזירן די אַראַבישע אַרבעטער.

אַנשטאַלטן און פֿאָנדן פֿאַר קעגנזייטיקער הילף פֿון אַרבעטער־ציבור

קופּת־חולים (קראַנקען־קאַסע) געגרינדעט סוף 1912.

קרן נכות (פֿאָנד צו שטיצן אינוואַלידן) געגרינדעט אין 1930.

קרן חוסר עבודה (פֿאָנד צו באַקעמפֿן אַרבעטלאָזיקייט), געגרינדעט אין 1932.

„משען" (געזעלשאַפֿט צו העלפֿן נויטליידנדע אַרבעטער). דער ערש־טער פֿאַראיין „משען" איז געגרינדעט געוואָרן אין תל־אָביב אין 1931. אין ירושלים און אין חיפה זיינען אַנטשטאַנען „משען" פֿאַראיינען אין 1936. איצט עקזיסטירן אַזעלכע פֿאַראיינען אין אַלע גרעסערע שטעט און קאָלאָניעס. אין 1939 איז אַנטשטאַנען אַ צענטראַל־קאָמיטעט פֿון „משען".

המחלקה לאספקת מזונות (תנובה־משען) צו באַזאָרגן מיט ביליקע שפּייז־פּראָדוקטן נויט־ליידנדע אַרבעטער, געגרינדעט אין 1938.

קרן עבודה עברית, פֿאָנד אויף פֿאַרשטאַרקן די אידישע אַרבעטס־פּאָזיציעס אין די קאָלאָניעס, געגרינדעט אין 1934.

„מציב", אַנשטאַלט צו העלפֿן די משפּחה פֿון הסתדרות־מיטגליד נאָך זיין טויט, געגרינדעט אין 1938.

„דור לדור", פֿאָנד צו העלפֿן עלטערע אַרבעטער, געשאַפֿן אין 1942.

„ציון", קאָמיטעט צו שטעלן מצבות אויף קברים פֿון חברים־ותיקים.

קופת פועלי א״י (פּאַלעסטינע אַרבעטער־פּאַנד), געגרינדעט אין 1909, און איז געוואָרן געשטעלט אין רשות פון דער חברת העובדים אין 1925.

צענטראַלע דערציאונגס־ און קולטור־אַנשטאַלטן

מרכז לחנוך, אַנשטאַלט וואָס פירט אָן מיט דער שול־נעץ פון דער הסתדרות, אַנטשטאַנען אַלס אַ זעלבסטשטענדיקע אַנשטאַלט אין 1931.

„אוהל", טעאַטער פון א״ידיקע אַרבעטער, געגרינדעט אין 1926.

„ארכיון ומוזיאון של תנועת העבודה (אַרכיוו און מוזעאום פון דער אַרבעטער באַוועגונג), געגרינדעט אין 1933.

חדרי העיון ע״ש נחמן סירקין (שטודיר־צימערן אויפן נאָמען פון נחמן סירקין), געגרינדעט אין 1936.

„תיור וטיול" (צו אָרגאַניזירן גרופּן פון טוריסטן און אויספלוג־אָנ־טיילנעמער), געגרינדעט אין 1934.

„עם עובד", פאַרלאַג פון דער הסתדרות, געגרינדעט אין 1941 אויף דער ספּעציעלער מועצה, לכּבוד דער 20־יעריקער עקזיסטענץ פון דער הסתדרות.

„אהלו" און „מעונו", קולטור־הייזער אין כנרת און אין תל אביב אויפן נאָמען פון בערל קאַצנעלסאָן.

די פּרעסע פון דער הסתדרות

„דבר", טאָג־צייטונג פון דער א״י אַרבעטערשאַפט, אָנגעהויבן דער־שיינען דעם 1טן יוני, 1925.

„השדה", מאָנאַט־שריפט פאַר דער געמישטער אידישער לאַנד־ווירט־שאַפט, אָנגעהויבן דערשיינען אין 1920.

„במעלה", אָרגאַן פון „הנוער העובד", אָנגעהויבן דערשיינען אין 1926.

„המשק השיתופי", צוויי־וואָכנבלאַט פאַר פראַגן פון עקאָנאָמיע, קאָאָפּעראַציע, און אַרבעטער־ווירטשאַפט, אָנגעהויבן דערשיינען אין 1932.

„דבר הפועלת", אָרגאַן פון דער מועצת־הפועלות, אָנגעהויבן דער־שיינען אין 1934.

„אומר", אָוונט־צייטונג פון „דבר", דערשיינט זינט 1936.

„דבר לילדים", צייטונג פֿאַר קינדער, דערשיינט זינט 1936.

„חקיקת אל אמר", אַראַביש וואָכנבלאַט פֿון דער הסתּדרות, אָנגעהויבן דערשיינען אין 1937.

„שורות", צייטשריפֿט פֿון דער „אגודת־הפקידים", אָנגעהויבן דערשיינען אין 1938.

„הגה", אָוונט־בלאַט געשריבן אין אַ לייכטן העברעאיש, באַשטימט פֿאַר נייע עולים, אָנגעהויבן דערשיינען אין 1939.

„דבר לגולה", אָנגעהויבן דערשיינען אין 1937, איבערגעריסן זיין דערשיינען אין 1940, באַנייט איצט זיין דערשיינונג.

אַ חוץ דעם דערשיינען נאָך אַ גאַנצע רייע אויסגאַבן פֿון די מועצות הפּועלים, פֿון אַלע ריכטונגען פֿון דער אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע א"אַ.

מיר ווילן ניט איבערנעמען אין אונזער ווירטשאַפֿט אין ארץ־ישראל דאָס וואָס איז שלעכט אין דער ווירטשאַפֿט־אָרדענונג פֿון דער וועלט. מיר ווילן אויפֿשטעלן אַ סאָציאַלן בנין, וואָס זאָל פֿאַרווירקלעכן די בעסערע סאָציאַלע לעבנס־פֿאָרמען. דער באָדן זאָל לעולם ועד זיין דאָס אייגנטום פֿון אידישן פֿאָלק. דער יחיד זאָל באַקומען באָדן צו באַאַרבעטן נאָר אויף אַ באַשטימטער צייט.

אַרטור רופּין.

די אידישע קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל וועט זיין אַן אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע אָדער זי וועט גאָרניט זיין.

ב. באָראָכאָוו

נאָך אַ לאַנגער אויספֿאָרשונג בין איך געקומען צום אויספֿיר, אַז די קבוצות זיינען די קערנער פֿון דער צוקונפֿטיקער קאָלאָניזאַציע, ווייל אין די קבוצות ווערט די גאַנצע אַרבעט געטאָן דורך אידישע הענט. די העברעאישע שפּראַך, דער העברעאישער גייסט און אונזערע שענסטע אידעאַלן ווערן דאָרט ווידער אויפֿגעלעבט.

חיים ווייצמאַן (1920)

קולטור און דערציאונג

דן פינעס

דער אַקעראייזן און די ציטונג

„דער רידל און די שריפֿט, דער אַקעראייזן און די ציטונג זיינען געבונדן צוזאַמען אין דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין ארץ ישראל“.

1

די דאָזיקע ווערטער פֿון ב. קאַצענעלסאָן, דעם גרויסן לערער פֿון דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטער־באַוועגונג, כאַראַקטעריזירן אַמבעסטן די אויפֿגאַבן און באַדייטונג פֿון דער אַרבעטער־פּרעסע און פֿאַרלאַגס־טעטיקייט אין ארץ ישראל. די הסתּדרות אין ארץ ישראל פֿירט אָן אויף אַלע געביטן אַ גרויסע נאַציאָנאַליזירנדע און סאָציאַליזירנדע אַרבעט. אָן דער אַרבעט פֿון דער הסתּדרות און אירע אינסטיטוציעס וואָלט דאָס אידישע ארץ ישראל נישט געקענט געבויט ווערן מיט דעם שוואונג און מאָסשטאַב, מיט וועלכער זי ווערט געבויט טראָץ אַלע שטערונגען און שטערער. גלייכצייטיק פֿאָרמירט די הסתּדרות אויס אַ אידישן אַרבעטער־קלאַס. אַ טיפּ פֿון אַ אידישן אַרבעטס־מענטש, אַ טיפּ פֿון אַ סאָציאַליסטישן אַרבעטס־קאָלעקטיוו אין שטאָט און אין דאָרף. די קולטור־דערציערישע אַרבעט פֿון דער הסתּדרות צייכנט זיך באַזונדערס אויס מיט אַ רייכן נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן אינהאַלט. דאָס וואָרט, די פּרעסע און דאָס בוך, וועלכע ווערן געשאַפֿן דורך דער אָרגאַניזירטער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין ארץ ישראל, פֿירן אויס פֿיל פֿאַרשידנאַרטיקע אויפֿגאַבן; זיי העלפֿן לערנען עברית, די שפּראַך פֿון דעם אויפֿלעבעדן אידישן פֿאָלק; זיי העלפֿן מיט דער אויספֿאָרמירונג פֿון אַן אַלגעמיינער נאַציאָנאַלער העברעאישער קולטור; זיי העלפֿן מיט צעמענטירן דעם „קיבוץ גלויות“, די פֿאַרשידענע שיכטן, קרייזן און דורות פֿון די עולים; זיי גיבן אַ קולטור־רעלן, עסטעטישן און אידעאישן באַגאַזש דעם אידישן אינטעליגענט ביי זיין איבערגאַנג אין אַ נייער סביבה און צו אַ שווערער פֿיזישער אַרבעט; זיי

פֿאַרשפּרייטן דעם געדאַנק פֿון דעם נייען אידישן לעבן און פֿון דער אי־דישער נאַציאָנאַל־סאָציאַלער היים; זיי העלפֿן דעם אידישן חלוץ און אַר־בעטער אין זיין פּאָליטישן און סאָציאַלן קאַמף.

ניט לייכט און ניט מיט איין שפּרונג איז אויסגעוואַקסן די העברע־אישע אַרבעטער־פּרעסע אין ארץ ישראל; ניט לייכט און ניט לויט פֿאַר־טיקע רעצעפּטן האָט זיך אויסגעבילדעט די אַרבעטער־צייטונג אין ארץ־ישראל. יעדער נייער עולה, יעדער נייער חבר פֿון דער אַרבעטער־באַ־וועגונג איז אַ נייער לעזער, מיט נייע פֿאָדערונגען, געשמאַק און פֿאַר־שטאַנד. דאָס העברעאישע געדרוקטע וואָרט פֿון דער הסתדרות אין ארץ־ישראל האָט זיך אַנטוויקלט מיט אַ שנעלקייט און אַ טיפֿקייט, וועלכע זיי־נען ניט באַקאַנט אין לעבן פֿון קיין שום אַנדער פֿאָלק און אַרבעטער־קלאַס פֿאַר די לעצטע 20־25 יאָר. די העברעאישע צייטונג און בוך זיי־נען באמת דער צווילינג פֿון דעם אידישן האַמער און אַקעראייזן.

2

גלייך ווי די ערשטע אידישע אַרבעטער פֿון דער צווייטער עליה האָבן געקראָגן אַרבעט און זיך באַקאַנט מיט דעם לעבן פֿון ארץ־ישראל און אירע פּראָבלעמען, זיינען געמאַכט געוואָרן די ערשטע פּרוואוון פֿון די אַרבעטער־פּאַרטייען ווי אויך פֿון יחידים צו שאַפֿן פּרעסע־אָרגאַנען אין ארץ־ישראל, אָבער ערשט נאָך דער גרינדונג פֿון דער הסתדרות האָט די פֿאַרלעגערישע טעטיקייט פֿון דעם אַרבעטער־ישוב באַקומען דעם נוי־טיקן טעמפּאָ און שוואונג.

דער ערשטער פּרעסע־אָרגאַן וואָס איז דערשינען אין נאָמען פֿון דער הסתדרות איז געווען „השדה" (דאָס פֿעלד), וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אַ קורצע צייט פֿריער דורך אליעזר יפֿה. בערך אין אַ יאָר נאָך דער גרינדונג פֿון הסתדרות האָט אָנגעפֿאַנגען צו דערשיינען דער מאָנאַטלע־כער „פּנקס" (נאָטיץ־בוך), וועלכער האָט נאָטירט און פֿאַרשריבן די טאָג־טעגלעכע אָרגאַניזאַציאָנעלע, עקאָנאָמישע און קולטורעלע אַקטיוויטעטן פֿון דער הסתדרות אין אַלע ווינקעלעך פֿון לאַנד, ווי אויך די פֿאַרבינ־דונגען מיט דעם „החלוץ" און מיט די אַנדערע ברידערלעכע אָרגאַניזאַציעס אין אויסלאַנד. אויסער דעם „פּנקס", וועלכער איז דערשינען אין דרוק, זיינען דאָ און דאָרט אַרויסגעגעבן געוואָרן אויך העקטאָגראַפֿישע אויס־גאַבן: „בינינו" (צווישן אונדז), אַן אָרגאַן פֿון די אָרגאַניזירטע אַרבעטער פֿון גליל העליון); „הסולל" (דער באַן־ברעכער), דער אָרגאַן פֿון די אַר־בעטער אויף די שאָסייען טבחה־צמח; „מחיינו" (פֿון אונזער לעבן), דער אָרגאַן פֿון „גדוד־העבודה", און אַנדערע.

גלייכצייטיק האָט זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען אַ פאַרלאַגס־אַרבעט. עס זיינען דערשינען בראשורן און ביכער געווידמעט פאַרשיידענע לעבנס־פּראָבלעמען און אַרבעטס־עטאַפּן אין ארץ־ישראל.

די פראַגע ווי אַזוי צו דערלערנען העברעאיש אַמשנעלסטן און אַמ־בעסטן איז באַהאַנדלט געוואָרן אין דער בראָשור „התחלה" (אָנפאַנג) און אין אַנדערע אויסגאַבן. ס'איז גאַנץ נאַטירלעך, אַז די ערשטע ביכער, וואָס די הסתדרות האָט אַרויסגעגעבן, זיינען געווען ביכער און כרעס־טאָמאַטיעס פאַר דערוואַקסענע צו דערלערנען העברעאיש, ווי צ. ב. ש. „מסילה" (אַ וועג), „ניב" (אויסדרוק), אאַז"וו. עס זיינען אויך דערשינען אַ צאָל ביכער וואָס האָבן באַהאַנדלט אַקטועלע לעבנס־ און ווירטשאַפטס־פּראָבלעמען, ווי „גידול־עופות" (פליגל־צוכט) פון מ. לעווין; „הטיפול־בתינוק" (דאָס פלעגן קינדער) פון מ. טשאַטשקעס אין מ. אזרחיס איבער־זעצונג א"אַ. די עפּאָפּייע פון תל־חי און יוסף טרומפּעלדאָרס העלדן־טויט האָבן געבראַכט אויף דעם ביכער־מאַרק דעם זאַמל־בוך „מחיי יוסף טרומפלדור" און אַנדערע אויסגאַבן.

די אַלע אָרגאַנען און אויסגאַבן זענען געווען ניט רעגולערע, ביז עס איז אַנטשטאַנען דער „דבר" (1טער יוני, 1925) — די ערשטע טעגלעכע העברעאישע אַרבעטער־צייטונג אין דער וועלט, און ביים היינטיקן טאָג די גרעסטע און פאַרשפּרייטסטע צייטונג אין ארץ־ישראל.

3

דער גרינדער און דער לייטנדיקער גייסט פון „דבר" — בערל קאַ־צענעלסאָן האָט אונטערגעשטראָכן אין זיין פּראָגראַמאַטישן אַרטיקל, אַז דער „דבר" וועט זיין ניט נאָר אַ צייטונג פאַר די אַרבעטער, נאָר אויך די צייטונג פון די אַרבעטער. און ווירקלעך — הונדערטער חברים פון אַלע ווינקעלעך פון ארץ־ישראל האָבן אין משך פון די צוואַנציק יאָר פון דער עקזיסטענץ פון „דבר" אָנטיילגענומען אין דער צייטונג. ברייטע קאַדרען פון זשורנאַליסטן, פּובליציסטן און צייטונגסלייט זיינען דערצויגן געוואָרן אין „דבר". עס האָט זיך אויסגעברייטערט אַ פּעריפעריע פון אַרבעטער־קאָרעספּאָנדענטן. עס זיינען געמאַכט געוואָרן ענגע פאַרבינדונגען מיט אידישע און אַלגעמיינע שריפטשטעלער. אויף די שפּאַלטן פון „דבר", זיינע ביילאַגעס און פאַרשידענע אויסגאַבן, זיינען אויסגעוואַקסן נייע שע־פערישע ליטעראַרישע כוחות. מיט דער צייט, ווען עס זענען אויסגע־בראָכן די אומרוען פון 1929 און ווען עס האָט זיך פאַרשאַרפט די פּאָלי־טישע לאַגע, האָט דער „דבר" אָנגעהויבן אַרויסגעבן אַ ספּעציעל וואָכנ־בלאַט אויף ענגליש. און גלייך ווי עס האָט זיך באַוויזן די סכנה פון היט־לעריזם און עס איז געוואָרן קלאָר, אַז עס אַנטשטייט אַ מאַסן־עליה פון

דייטשלאַנד, האָט דער „דבר״ אָנגעהויבן אַרויסגעבן אַ ספּעציעלע אויס־גאַבע אין דייטש. נאָכדעם אויך אַ ספּעציעלע וועכנטלעכע אויסגאַבע „דבר לגולה״, מערסטנטיילס מיט נקודות (וועלכע האָט אין די פּאַראיי־ניקטע שטאַטן געהאַט 1000 שטענדיקע אַבאָנענטן). אין דער צייט פון דער מלחמה איז דער „דבר לגולה״ אָפּגעשטעלט געוואָרן, און איצט איז ער ווידער באַנייט געוואָרן.

אין 1934 האָט אָנגעפאַנגען צו דערשיינען אַ ספּעציעלע נאָכמיטאָג־אויסגאַבע, וועלכע האָט אין פאַרשידענע צייטן געטראָגן דעם נאָמען „דבר״ און „אומר״. אין 1940 האָט „דבר״ אָנגעהויבן אַרויסלאָזן אַ באַזונדערע טעגלעכע צייטונג מיט נקודות, אין אַ לייכטן העברעאיש מיט איבערזע־צונגען אויף דייטש און אָפּט אויך אויף אידיש, ספּעציעל פאַר די נייע עולים פון מיטל־אייראָפּע, אונטערן נאָמען „הגה״.

זינט 1936 דערשיינט וועכנטלעך אַ צייטונג פאַר קינדער — „דבר לילדים״, וועלכע האָט אַ גרויסע צירקולאַציע און איז זייער באַליבט אין די קרייזן פון קינדער, עלטערן און לערער. אַ באַזונדער אָרט פאַרנעמט „דבר־הפועלת״, אַ מאָנאַטשריפט געווידמעט די פראַגן פון דער אַרבעטס־פרוי אין ארץ־ישראל און אין דער וועלט, וואָס ווערט פיל געלעזן און גע־שעצט פאַר זיין רייכן און שיינעם אינהאַלט. אין דעם פאַרלאַג פון „דבר״ דערשיינט אויך „המשק השיתופי״ (די קאָאָפּעראַטיוועווירטשאַפט) אַ צוויי־וועכנטלעכער זשורנאַל, וועלכער גיט זיך אָפּ מיט באַלויכטן די עקאָ־נאָמישע און סאָציאַלע פּראָבלעמען פון דער אַרבעטער־ווירטשאַפט און פון דער אַלגעמיינער קאָנסטרוקטיוו־ווירטשאַפטלעכער טעטיקייט אין ארץ־ישראל.

„דבר״ האָט אויך אַרויסגעגעבן און ברייט פאַרשפּרייט פיל צענדלי־קער ביכער און בראָשורן פאַר דערוואַקסענע און פאַר קינדער, וואָס מען קען טרעפן אין די ביכער־שראַנקען פון טויזנטער אַרבעטער און אינטע־ליגענטן אין ארץ־ישראל און וועלכע ווערן געלייענט מיט גרויס אינטע־רעס. מיר ווילן דאָ דערמאָנען נאָר די שירים פון דער זייער באַגאַבטער און פרי־פאַרשטאָרבענער רחל, די בריוו פון י. ח. ברענער, דעם בוך איי־בער די געשעענישן פון 1936־1939, דעם ערשטן טייל פון ד״ר נחמן סירקינס שריפטן אין העברעאיש (מיט אַ גרויסער אינהאַלטס־רייכער הקדמה פון בערל קאַצענעלסאָן), צוויי קאַריקאַטור־זאַמלונגען פון אריה נבון, א. א. די לעצטע יאָרן לאָזט „דבר״ אַרויס אַ ספּעציעלן יאָר־בוך, אונטער דער רעדאַקציע פון זלמן רובאַשאָוו.

זינט 1942 אַנטוויקלט זיך די טעטיקייט פון „עם עובד״, דער גרוי־סער ביכער־פאַרלאַג פון דער הסתדרות, דער גרעסטער העברעאישער

ביכער־פֿאַרלאַג אין דער וועלט. ניט קוקנדיק אויף דעם מאַנגל פֿון פּאַפּיר, פֿאַרשידענע טעכנישע שוועריקייטן און דעם טויט פֿון זיין גרינדער און גייסטיקן אָנפֿירער, בערל קאַצענעלסאָן, האָט „עם עובד" פּובליקירט פֿיל צענדליקער ביכער אויף אַלע געביטן פֿון ליטעראַרישן שאַפֿן, מענטשלעכן אינטערעס און געזעלשאַפֿטלעכן געדאַנק. עס עקזיסטירן פֿאָלגנדיקע ביב־ליאָטעקן פֿון „עם עובד": 1) „לדור" — דערציילונגען, איבערזעצונגען, מאָנאָגראַפֿיעס, ביאָגראַפֿיעס, אַנטאָלאָגיעס פֿאַר די דערוואַקסענע לעזער; 2) „שחרות" — ביכער פֿאַר דער יוגנט; 3) „לילד" — אויסגאַבן, מער סטנטיילס אילוסטרירטע, פֿאַר קינדער; 4) „קטינא" — לייען־מאַטעריאַלן פֿאַר גאָר קליינע קינדער; 5) „כתבי תנועת העבודה" — שריפֿטן פֿון דער אַרבעטער־באַוועגונג (עס איז דערשינען אַ באַנד פֿון בער באָראָכאָוו כתבים מיט ז. רובאַשאָוו אַ פֿאָררעדע); 6) „דעת" — אויפֿקלער־ און וויסנשאַפֿטלעכע ביכער; 7) „שירה" — פּאָעזיע, מערסטנטיילס — אָרי־גינעל־העברעאישע; 8) „יד למעיין" — צו הילף דעם לעזער און פֿאַר־שער (פֿאַרשידענע ביבליאָגראַפֿישע און לעקסיקאָגראַפֿישע מאַטעריאַלן); 9) „מן המוקד" (פֿון שייטערהויפֿן), דאָקומענטאַרע ביכער וועגן דעם לעבן אין געטאָ, דערציילונגען פֿון פּליטים, מאַטעריאַלן פֿון דער אונטער־ערדישער באַוועגונג אין דער היטלעריסטישער אייראָפּע; 10) „דעות" — ציוניסטישע און סאָציאַליסטישע פּובליציסטיק; 11) „זוטא" אַ קליינע ביבליאָטעק פֿון דערציילונגען און נאָוועלן.

איך האָב זיך אָפּגעשטעלט ברייטער אויף די ביבליאָטעקן פֿון „עם עובד", כדי צו ווייזן דעם גרויסן פֿאַרנעם פֿון דעם הסתדרות־פֿאַרלאַג. דער „עם עובד" שטייט איצט פּראַקטיש אין אָנפֿאַנג פֿון זיין אַנטוויקלונג. אין די נאָענטסטע פֿאַר יאָר וועט ער זיכער באַרייכערן די העברעאישע ליטעראַטור און וויסנשאַפֿט מיט אַ גרויסער צאָל אינטערעסאַנטע און ערנסטע אָפּהאַנדלונגען און דערציילונגען.

צוזאַמען מיט דעם ועד־הפועל פֿון דער הסתדרות, גיט „עם עובד" אויך אַרויס „קונטרסי־ההסתדרות" — בראָשורן געווידמעט דער באַ־לייכטונג פֿון די אַקטועלע פֿראַגן אין לעבן פֿון דער באַוועגונג. צוזאַמען מיט דעם „מרכז לחינוך" (דערציאונגס־צענטער) פֿון דער הסתדרות לאָזט דער „עם עובד" אַרויס אויף דעם ביכער־מאַרק פֿאַרשידענע לערן־ביכער, לויט אַ נייעם מעטאָד. ביז איצט זענען דערשינען אייניקע ביכער וועל־כע זענען הויך אָפּגעשאַצט געוואָרן דורך די פּעדאַגאָגישע כּוחות פֿון ארץ־ישראל. מער ווי 150 ביכער זיינען פּובליקירט געוואָרן דורך „עם עובד" ביזן היינטיקן טאָג און זיי האָבן פֿיל בייגעטראָגן צו באַרייכערן דעם וויסן פֿון די אידישע מאַסן אין ארץ־ישראל.

עס וועט אָבער זיין אַ טעות, ווען מען וועט מיינען, אַז די פּרעסע און פֿאַרלאַגס־טעטיקייט פֿון דער הסתּדרות שעפּט זיך אויס מיט דער אַרבעט פֿון „דבר" און „עם עובד". פֿיל הסתּדרות־אינסטיטוציעס און בפֿרט דער ועד הפּועל אַליין (דורך זיין מחלקת ההסברה (אויפֿקלערונגס־דעפּאַרטמענט) פּובליקירן פֿיל ביכער, בראָשורן, פּאַמפֿלעטן, וואַנט־צייטונגען און אויך פּעריאָדישע אויסגאַבן. דער ועד הפּועל גיט אַרויס אַ מאָנאַטלעכע אויסגאַבע „בהסתּדרות", וואָס איז די פֿאָרזעצונג פֿון אַמאָליקן „פּנקס". די דאָזיקע אויסגאַבע אַנטהאַלט מערסטנטיילס מאַטעריאַלן וועגן די זיצונגען פֿון ועד הפּועל, בריוו־אויסטויש מיט אויסלאַנד, דאָקומענטן א. ד. ג. אויסער דעם, גיט דער ועד הפּועל אַרויס זייער אָפֿט דעם „פּנקס קטן", קליינע מאָנאַטלעכע ביכלעך, אין פֿיל טויזנטער עקזעמפּלאַרן, אויסגערעכנט פֿאַר דעם מאַסן־לעזער, וועלכע אַנטהאַלטן דעם מאַטעריאַל פֿון „בהסתּדרות" אין אַ קאָנדענסירטער און פּאָפּולערער פֿאָרם, ווי אויך איבערזיכטן איבער פֿאַרשידענע אַרבעטס־געביטן פֿון דער הסתּדרות, און מאָנאָגראַפֿיעס, געשריבן אין אַ לייכטער און לעבעדיקער פֿאָרם. די לעצטע צייט זיינען דערשינען „קליינע פּנקסים" וועגן דער צווייטער עליה, וועגן דער הסתּדרות, נחמן סירקין, משה העס, די עדות־דערקלערונגען פֿון גאָלדע מייערסאָן אין דעם באַוואוסטן וואָפֿן־משפּט קעגן סירקין און רייכלין, אאַ"וו. „קונטרסים" (אינאיינעם מיט „עם עובד") זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן וועגן דער אַרבעט־געזעצגעבונג אין ענגלאַנד און אין ארץ־ישראל, וועגן קאָלעקטיווע אָפּמאַכן אין דער אינדוסטריע, וועגן עקאָנאָמישע פֿאַרבאַרייטונג, א. א. אויך קליינע זאַמל־ביכער „מהויות־הזמן" — איבערזעצונגען פֿון די בעסטע אַרטיקלען פֿון דער וועלט־פּרעסע וועגן אַקטועלע, פּאָליטישע, סאָציאַלע און עקאָנאָמישע פּראָבלעמען.

די גרויסע אַרבעטער־ראַטן (מועצות הפּועלים) אין חיפה, תּל־אָביב, ירושלים, חדרה אאַ"וו גיבן אַרויס זייערע ספּעציעלע בולעטינען און אויסגאַבן. עס ווערט פּובליקירט אַ גאַנצער שלל צייטונגען (אין דרוק און אין סטענסל) פֿון די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַראיינען, קאָאָפּעראַטיוון, קיבוצים, ווירטשאַפֿטן, וועלכע זיינען געווידמעט אָרגאַניזאַציאָנעלע, עקאָנאָמישע, טעכנישע און פּראָפֿעסיאָנעלע פֿראַגן. די ווירטשאַפֿטלעך־עקאָנאָמישע אינסטיטוציעס פֿון דער הסתּדרות גיבן פֿון צייט צו צייט אַרויס באַריכטן און מאַטעריאַלן־זאַמלונגען, וועלכע שפּיגלען אָפּ ניט נאָר די געביטן פֿון דער טעטיקייט פֿון די געגעבענע אינסטיטוציעס, נאָר שילדערן אויך די זייער פֿאַרצווייגטע און פֿאַרטיפֿטע אַרבעט פֿון דער הסתּדרות בכלל. אין די אויסגאַבן פֿון די אַרבעטער־ראַטן און פֿון די ווירטשאַפֿטן קומען צום אויסדרוק די טאָג־טעגלעכע קליינע ענינים פֿון דעם אַרבעטער ווי אויך

די גרויסע פּראָבלעמען פון דער אידישער ווירקלעכקייט און פון דער ארץ־ישראלדיקער בויאונג. אין די בלעטער און בלעטלעך, וועלכע גע־פינען זיך אויף די טישן אין די קיבוצים און אין די לעזע־זאַלן אין ארץ־ישראל, מאַכן יונגע אידישע שרייבער די ערשטע טריט פון שאַפן און קריס־טאַליזירן זייערע איבערלעבונגען און געדאַנקען. דער אָרגאַן פון מרכז החקלאי (אַגריקולטורעלער צענטער פון דער הסתדרות), „השדה", גיט איצט אַרויס אַ מאָנאַטלעכע ביילאַגע פאַר דער דאָרפס־יוגנט: „השדה לנוער". עס דערשיינען אויך ספּעציעלע פאַכמענישע אויסגאַבן, ווי: „הדים מהרפת" (אָפּקלאַנגען פון שטאַל), „הנוקד" (דער שאָף־ציכטער), א. א., וועלכע טראָגן אַריין אין דער העברעאישער פּרעסע און ליטעראַטור דעם אמתן ריח פון שטאַל און פעלד. דער „השדה" גיט אויך אַרויס פיל פאַרשידענע ביכער איבער אַגריקולטורעלע און אָרגאַניזאַציע־פראַגן.

אַ באַדייטנדיקע פאַרלאַגס־אַרבעט פירט אָן די הסתדרות־הפקידים (דער פאַרבאַנד פון אַנגעשטעלטע). איר אָרגאַן איז די מאָנאַטס־שריפט „שורות". דער מרכז לחינוך האָט אויך אַ ספּעציעלע פּעריאָדישע אויס־גאַבע צו באַלייכטן די פּעדאַגאָגישע און קולטור־פּראָבלעמען אונטערן נאָ־מען: „אורים" (פייערלעך), די קופּת־חולים (די קראַנקען־קאַסע פון דער הסתדרות) האָט איר אָרגאַן „דפּים רפואיים" (מעדיצינישע בלעטער).

די „מועצת־הפועלות" פּובליקירט אויך פון צייט צו צייט ביכער און מאַטעריאַלן איבער דער אידישער און אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־פרויען־באַוועגונג. (וועגן דעם פּעריאָדיש־מאָנאַטלעכן זשורנאַל „דבר־הפועלת" האָבן מיר גערעדט אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל אין צוזאַמענהאַנג מיט די אויסגאַבן פון „דבר".)

דער הנוער העובד, די אַרבעטער־יוגנט־אָרגאַניזאַציע פון דער הסתדרות, פירט אָן אַן אינטערעסאַנטע פאַרלאַגס־אַרבעט. זיין אָרגאַן איז דער צוויי־וועכנטלעכער „במעלה", וואָס איז זייער באַליבט און זייער אָנ־גענומען ביי דער אַרבעטער־יוגנט. דער תל־אביבער סניף פון „הנוער העובד" לאָזט אַרויס אַ מאָנאַטלעכן צירקולאַר־בריוו (געדרוקט).

5

מיר האָבן זיך דאָ אָפּגעשטעלט נאָר אויף דער פאַרלאַגס־אַרבעט פון דער הסתדרות, אירע אינסטיטוציעס און דעפּאַרטמענטן. מיר האָבן ניט באַריהרט די זייער לעבעדיקע און פאַרצווייגטע פּרעסע און פאַרלאַגס־טע־טיקייט פון די אַרבעטער־פּאַרטייען, וועמענס חברים זענען אַנגעשלאָסן אין דער הסתדרות. אויך זענען דאָ ניט דערמאָנט געוואָרן די צייטונגען, ביכער, בראָשורן און אינפאָרמאַציע־בלעטער, וועלכע ווערן אַרויסגעגעבן דורך דעם קיבוץ־המאוחד, קבוץ ארצי, חבר־הקבוצות און ועד־המושבים.

אַ זייער רייכן און אינטערעסאַנטן מאַטעריאַל געפֿינט דער לעזער אין די זאַמל־ביכער „מבפנים" (פֿון אינעווייניק), וועלכע ווערן פּעריאָדיש אַרויס־געגעבן דורך דעם קיבוץ המאוחד. דער קיבוץ המאוחד האָט אויך אַ ספּעציעלן פֿאַרלאַג, וואָס טראָגט דעם נאָמען „ספּרית־הקבוץ־המאוחד". די דאָזיקע ביבליאָטעק האָט פּובליקירט אַ רייע ערנסטע אָפּהאַנדלונגען. אויך דער „השומר הצעיר" פּובליקירט, אויסער זיין טעגלעכע צייטונג „משמר", פֿיל ביכער, וועלכע דערשיינען אין זיין פֿאַרלאַג „ספּרית־הפּועלים" (אַרבעטער־ביבליאָטעק).

נאַטירלעך פֿירט די הסתדרות דורך אַ גרויסע אויפֿקלערונגס־אַרבעט, ניט נאָר שריפֿטלעך. טויזנטער רעפֿעראַטן, אויפֿקלערונגס־פֿאַרזאַמלונגען, קאָנצערטן, דראַמאַטישע אויפֿפֿירונגען, לעבעדיקע צייטונגען, קורסן, עקס־קורסיעס אאַז"וו. ווערן איינגעאָרדנט אין אַלע ווינקעלעך און פּונקטן פֿון ארץ־ישראל דורך דער מחלקת־ההסברה פֿון דער הסתדרות, דורכן מרכז לתרבות, מועצת־הפּועלות א. אַ. אַ באַזונדער ווערט האָבן די קורסן פֿון דער הסתדרות אויף דערלערנען העברעאיש ווי אויך די סעמינאַרן צו שטודירן פֿאַרשידענע געביטן פֿון וויסן און שאַפֿן, און ספּעציעל די קורסן וואָס די ירושלימער אוניווערסיטעט אָרדנט איין סיסטעמאַטיש צוזאַמען מיט דעם מרכז לתרבות.

אַ באַדייטנדיקע אויפֿקלערונגס־אַרבעט צווישן די אַראַבישע אַרבע־טער, און אויך צווישן אַ טייל אידן אין די מזרח־לענדער, וועלכע ריידן אַראַביש, פֿירט דורך די ספּעציעלע אַראַבישע וואָכן־אויסגאַבע פֿון דער הסתדרות „חקיקת־אל־אמר" (דער אמת פֿון דעם וואָרט). טראָץ דער אָפּאָזיציע און דעם ווידערשטאַנד פֿון נאַציאָנאַליסטישע אַראַבער, וועלכע שטערן מיט אַלע מיטלען דער פֿאַרשפּרייטונג פֿון „חקיקת־אל־אמאר", האָט די דאָזיקע צייטונג צו פֿאַרצייכענען אַ גרויסן דערפֿאָלג. די הסתדרות האָט אויך פּובליקירט עטלעכע ביכער און בראָשורן אין אַראַביש, כּדי צו פּאָ־פּולאַריזירן די אידייען פֿון דער הסתדרות און פֿון „ברית פּועלי־ארץ־ישראל" (דער פֿאַרבאַנד פֿון די ארץ־ישראלדיקע אַרבעטער, וועלכער שליסט אין זיך איין צוזאַמען מיט דער הסתדרות אויך עטלעכע טויזנט אַראַבישע אַרבעטער פֿון שטאָט און דאָרף).

איצט האָט די הסתדרות אויסצוברייטערן איר אויפֿקלערונגס־ און פֿאַרלאַגס־אַרבעט, צופּאַסנדיק איר מער צו די באַדערפֿענישן פֿון די נייע עולים, וואָס ווערן דערוואָרט פֿון דער אָרגאַניזירטער אידישער אַרבעטער־שאַפֿט אין ארץ־ישראל מיט אומגעדולד און אָפֿענע אָרעמס און מיט דער מאַקסימאַלער גרייטקייט זיי צו העלפֿן ברידערלעך ביים איינאָרדענען זיך אין אונזער היימלאַנד.

ח. נ. ביאַליק

די ארץ ישראל אַרבעטערשאַפט און איר צייטונג

(פֿון אַ רעדע געהאַלטן אויף דער „דבר" פֿייערונג אין ניו־יאָרק, אין 1926)

דאָס וואָרט „דבר" האָט אַ דאָפּלטע באַדייטונג אין העברעאיש: אַ וואָרט סתּם און דאָס וואָרט, און עס פֿאָדערט זיך אַ גרויסע פֿאַראַנטוואָרט־לעכקייט אָפּצוהיטן דאָס גלייכגעוויכט צווישןביידע, קיין איינע פֿון זיי זאָל ניט פֿאַרלאָרן גיין — די וואָכעדיקייט און די יום־טובדיקייט.

איך בין נישט פֿון די, וואָס זיינען זייער באַגייסטערט פֿאַר דער פּרעסע. אמת, מ'קען נישט לייקענען, אַז די פּרעסע האָט אַ גרויסע באַדייטונג און איז אַ וויכטיקער „קעניגרייך" פֿאַר זיך. איר אויפֿגאַבע איז אַ דאָפּלטע — צו באַלייכטן די געשעענישן פֿון לעבן און העלפֿן בויען דאָס לעבן. די צייטונג טראָגט אונטער דעם לעזער דעם נעכטיקן טאָג. מ'זאָגט, אַז די אויפֿגאַבע פֿון דעם סקולפּטאָר איז נישט אויסצוהאַקן די סטאַטוע, נאָר אַראָפּצונעמען דאָס איבעריקע, אומנויטיקע שטיין אָדער גיפּס, און — די סטאַטוע קומט שוין אַרויס פֿאַר זיך אַליין. די אויפֿגאַבע פֿון דעם רעדאַק־טאָר איז אויך אַזאַ — אַראָפּנעמען דאָס אומוויכטיקע און איבערלאָזן דעם תּוך, די נשמה פֿון טאָג.

דערווידער איז מיר דער פּרצוף פֿון דער פּרעסע דאָ. ווען איך נעם אין דער פֿרי אַ צייטונג אין האַנט, פֿיל איך, ווי מיין מוח וואָלט געגנומען אַ בלאָטיקע וואַנע. קיין הויף האָט איר דאָ ניט, גיסט מען דערפֿאַר ביי אייך דאָ אויס די „פּאָמוינֿיצע" פֿאַר דער טיר. אַלץ, וואָס איז עקלדיק, קומט אין פֿראָנט פֿון דער צייטונג; און כּדי יוצא זיין פֿאַר אַלעמען, גיט מען אויך צו עפּעס „משופּרא דשופּרא" — אַביסל פּאָליטיק.

דעם אמת געזאָגט, האָב איך זיך געשראָקן פֿאַרן „דבר": ווי וועט ער זיין, ווען ער וועט דערשיינען? אָבער, פֿון נומער צו נומער האָב איך זיך איבערצייגט, אַז אַלץ, וואָס ווערט אונטערנומען פֿון די אַרבעטער אין ארץ ישראל איז אין גוטע הענט, אַזוי איז אויך די צייטונג — און נישטאָ וואָס צו מורא האָבן. איר דאַרפֿט וויסן, אַז עס איז פֿאַראַן אַ גרויסער אונטערשיד צווישן די אַרבעטער אין ארץ־ישראל און די אַרבעטער אין אַנדערע לענדער. דער אַרבעטער דאָרט — מיט זיין לייכטער, איינפֿאַכער קליידונג, מיט זיין גאַנג און מיט דעם שיין פֿון זיין פּנים — איז אַנדערש אינגאַנצן. אין זיין לייכטער קליידונג זע איך דעם סימבאָל פֿון באַפֿריי־אונג פֿון דער שווערער גלות־לאַסט וואָס דריקט אויף אונדז. ווען איך בין מיט זעכצן יאָר צוריק געווען אין ארץ ישראל, האָב איך געזען אין די שולן אידן מיט בגדים פֿון אַלע פֿאַרבן און קאָלירן, און דאָס האָט מיך

דערמאָנט אָן דער בעטלער־טאָרבע, אין וועלכער עס געפינען זיך איבער־געבליבענע שטיקלעך און ברעקלעך פון ברויט און פון חלה — יום־טובדיקע, מיט זאַפראַן. און איינפאַכע — שטיקלעך ציבעלע און אַ פּאָר שוועבעלעך. דער אַרבעטער האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די טאָרבע און האָט זיך באַפרייט פון איר.

דער אַרבעטער אין ארץ ישראל גייט גלייך — נישט פאַררייסן דעם קאָפּ, ווי דער באָלשעוויק, דער חצוף, און נישט איינגעבויגן דעם רוקן, ווי דער ישיבה־בחור, נאָר גלייך.

און אַזוי איז אויך די צייטונג. זי איז נישט באַרימעריש און נישט דעם קאָפּ פאַררייסן, נאָר ערלעך און איינפאַך — גלייך און זאַכיק אין אינהאַלט ווי אין סטיל. עס איז קיין צייט נישטאָ, און דער טאָג שפּיגלט זיך אָפּ אין דער איינפאַכער קירצסטער פאָרם — די קירצסטע ליניע צווישן צוויי פונקטן — גלייך. און איך האָב זיך באַרואיקט, ווייל איך האָב זיך איבער־צייגט, אַז די זאַך ליגט אין ערלעכע, זיכערע הענט, וואָס ווייסן וואָס זיי ווילן און וואוהין זיי גייען.

רמז האָט דאָ געזאָגט אַ גלענצנדן וואָרט: די אַרבעטערשאַפט האָט געהאַט די העזה צו געבן אַ צייטונג אויף העברעאיש.

צום ערשטן מאָל איז ניט לאַנג צוריק דערשינען אַ בוך אין העברעאיש וועגן טראַכאָמאַ. דאָס איז געווען אַ פּראַקטישער צוזאַמענפאַר פון דאָקטוירים, וואו עס זיינען איבערגעגעבן געוואָרן די רעזולטאַטן פון פיל עקספּערימענטן, וואָס דאָקטוירים האָבן געמאַכט אין דער אויגן־קראַנקהייט. דאָס איז געווען דאָס ערשטע בוך אין דער ליטעראַטור פון אונזער שפּראַך, וואו עס זיינען געדרוקט געוואָרן די רעזולטאַטן פון וויכטיקע פּראַקטישע מעדיצינישע דערפאַרונגען און וואָס האָט אַזאַ גרויסן ווערט נישט נאָר פאַר אונז, נאָר פאַר דער גאַנצער וועלט. די העברעאישע שפּראַך האָט זיך אויף אַזאַ אופן פאַרבונדן מיט דעם ממשותדיקן לעבן פון לאַנד. און אָט איז אויך דערשינען דער „דבר", וואָס אין אים פּלעכט זיך דורך דאָס רעאַלע פּאַקטישע מיט אַ יום־טובדיקייט. און אויך אין אים זע איך די לייכטע און די קלאָרע קליידונג פון דעם אַרבעטער אין לאַנד, אָן דער לאַסט פון פראַזעאָלאָגיע, און זייענדיק אַ וואָכעדיקע צייטונג, איז זי דאָך יום־טובדיק צו דער זעלבער צייט.

מען האָט דאָ דערמאָנט די שפּראַכן־פּראַגע. ווען איינער פון די זיילן פון אידישיזם דאָ האָט מיר ביי אָן עפנטלעכער באַגעגעניש געזאָגט, אַז זיין איינציקער לשון קודש איז אידיש, האָב איך אים געענטפערט, אַז אונ־זער איינציקער אידיש איז — העברעאיש. מיר זיינען נישט קעגן אידן אין גלות, ווי פיל מיינען. אידן אין גלות זיינען אונז אַזוי טייער ווי אידן אין ארץ ישראל. אָבער דעם גלות אַליין האָסן מיר. די אַרבעטערשאַפט

אין גלות איז געווען אין א תהום — א גלות אין א גלות. אין ארץ־ישראל איז ביי אונז די אַרבעט געוואָרן הייליק און די שמוץ פֿאַלט אָפּ. צוזאַמען מיט דער אַרבעט קומט דאָרט אויך די קדושה — די אַרבעט ביי אונז דערנידעריקט ניט אונזער ניוואָ, נאָר שאַפֿט אַ קדושה פֿון לעבן. זיי, די אַרבעטער אין ארץ ישראל, קומען בויען דאָס לאַנד, און די אויפֿלעבונגס־אידייע, די אויפֿלעבונג פֿון פֿאָלק און שפּראַך — שלאָגט זיך דורך איבעראַל ווי אָדערן פֿון אונטער דער הויט. דאָס וועט איר נישט געפֿינען ביי קיין אַנדער אַרבעטערשאַפֿט אין דער וועלט.

און דאָס מערקט זיך אויך אין דער צייטונג — אַ גרויסן געפֿיל פֿון אחריות, אַ ציטער, עס זאָל, חלילה, נישט שלעכט טאָן און נישט קאַליע מאַכן קיין זאַך, וואָס איז געשאַפֿן געוואָרן אין לאַנד. און דעריבער, שטייענדיק אויף דער וואַך פֿון די אַרבעטער־אינטערעסן, היט מען צו דער זעלבער צייט די אינטערעסן פֿון אַלגעמיינעם לאַנד־בוי. אַ טיף־עטיש, מאָראַליש געפֿיל דרינגט דורך די גאַנצע צייטונג. עס פֿילט זיך, אַז עס איז דאָ אַ כּוח, וואָס שטייט אויף דער וואַך — און די צייטונג איז קלאָר און לויטער. און נישט נאָר דער טאָג איז אַ יום־טוב, ווען די צייטונג איז אַ יאָר אַלט געוואָרן, נאָר דער גאַנצער יאָר, דורך אַלע בלעטער פֿון דער צייטונג, במשך פֿון יאָר פֿון איר דערשיינען, טאָג־איין טאָג־אויס, טראָגט זיך אַ געפֿיל פֿון טיפֿער אחריות. וואו מ׳דאַרף האָט זי געטרייסט און וואו מ׳דאַרף — געמאָנט. אין דעם „דבר" האָט געפֿונען זיין בעסטע אָפּשפּיגלונג דער אידישער אַרבעטער אין ארץ ישראל מיט זיין אינערלעכן אַריסטאָקראַטישן וועזן.

י. טאַבענקין

די דערציאונג פֿון אַ קעמפֿעריש פֿאָלק

די שול דאַרף צוגרייטן דעם אַרבעטנדיקן און קעמפֿנדיקן מענטשן, דעם מענטש וואָס בויט און באַשיצט. — דער אינהאַלט און דער גייסט פֿון דער שול דאַרפֿן זיין אַזעלכע, וואָס זאָלן העלפֿן אַנטוויקלען אין דעם קינד די הערשאַפֿט איבער זיין גייסט און קערפּער. דאָס מיינט קאָנקרעט: קעמפֿנדיקער ציוניסטישער סאָציאַליזם, די עליה פֿון די אידן, דער אויפֿבוי פֿון לאַנד און די פֿאַרטיידיקונג פֿון דער עליה מיט קראַפֿט דורך יעדן מענטש, מאַן און פֿרוי, יעדן אינגל און מיידל.

די דערציאונג פֿון די קינדער און פֿון דער יוגנט האָט פֿאַרנומען אַ וויכטיקן פּלאַץ אין אונזערע שולן. אָבער בקרוב וועלן קומען צו אונז

מאַסן קינדער וואָס זיינען פֿאַריתומט געוואָרן אין די צענדליקער און הונ־דערטער טויזנטער אין אַלע גלות־לענדער — די קינדער פֿון פּליטים. און די יוגנט וואָס וועט עולה זיין — וועט אויך זיין צווישן די בויער און קעמפֿער! אונזערע אויגן זיינען געווענדט צו דער צוקונפֿט, צום פּויער, צום אַרבעטער און צום קעמפֿנדיקן מענטש. פֿאַר זיי דאַרף מען זיך צוגרייטן.

פֿון דעם געזיכטס־פּונקט דאַרפֿן מיר באַטראַכטן אויך די אויפֿגאַבע פֿון אונזערע שולן אַלס אַזעלכע, וואָס צייכנט אָן דעם וועג פֿאַר אַ לאַנ־גער צייט. די שול דאַרף דורכפֿירן אַ אָנגעשטרענגטע און אינטענסיווע אַרבעט, ווי עס פּאַסט פֿאַרן פֿאָלק, וואָס דאַרף קאָנצענטרירן אין זיין לאַנד אין משך פֿון אַ קורצער צייט מיליאָנען אידן.

יוסף אַראָנאָוויטש

וועגן אונזער דערציאונג

אויב מען וועט מיך פֿרעגן: גייט די שול פֿון דער הסתדרות באמת אויף אַ באַזונדער וועג, איז זי באמת אַ טרייער אויסדרוק פֿון אַרבעטס־געדאַנק? דאַן וועל איך זיך אפֿשר אָנשליסן אין די קריטיקער, אָבער איך וועל נישט דערלויבן בשום אופֿן מותר צו זיין אויף דער דערציאונג פֿון דער אַרבעטער־יוגנט און אויף דער דערציאונג פֿון קינד — דאָ וויל איך, אַז אַלץ זאָל זיין אונזערס. איך וויל, אַז אונזער דערציאונג זאָל אין אַלע למודים באַקומען די באַלויכטונג פֿון גרונט־אידעאַל פֿון דער אַרבעטער־געזעלשאַפֿט אין ארץ־ישראל. פֿאַרשטענדלעך, אַז מען דאַרף זיך זייער היטן פֿון סאָציאַליסטישער פּראָזעלאָגיע, ווייל יעדע פּראָזעלאָגיע, אַפֿילו פֿון ריינעם נאַציאָנאַליזם, איז פּסול אין דער דערציאונג. אָבער דאָס איז שוין אַ פֿראַגע פֿון דער פֿאַרשטענדעניש און דער מעגלעכקייט פֿון דער דערציאונג.

מיר זיינען שטאַרק פֿאַראינטערעסירט אין דעם, אַז צווישן אונז זאָלן זיך קאָנצענטרירן די פֿאָך־מענער אויף אַלע לעבנס־געביטן, וואָס זאָלן זיין דורכגעדרונגען מיט אונזער אידעאָלאָגיע: די בעסטע לערער און דאָק־טוירים, די בעסטע אינזשיניערן און אַגראָנאָמען און דאַרפֿן זיך געפֿי־נען אין אונזער לאַגער, ניט סתם צוליב סימפּאַטיע נאָר צוליב זייער אַרבעט. אונזער אַרבעטס־פּראָגראַם דאַרף זיך צופּאַסן צו דער דאָזיקער שטרעבונג.

מיר גלויבן, אַז אין אונז שטעקט די בשורה פֿון אמת פֿאַר די קומענ־דע דורות, און דערפֿאַר גלויבן מיר אין אונזער נצחון, אָבער אין מויער פֿון נצחון שטייט דער נייער אידישער מענטש.

חיים אַרלאָזאָראָוו

ב. קאַצענעלסאָן

די אַרבעטער־יוגנט

אַ גרויסע זאַך האָט אויפגעטאָן די הסתדרות אויפן פעלד פון דער יוגנט: זי האָט געהאָלפן אויפשטעלן די אָרגאַניזאַציע פון „הנוער העובד". דאָס איז אַ גרויסער זכות פאַר אונז. מיר זעען פאַר זיך אַ גאַנץ אייגנאַר־טיקע, אָריגינעלע יוגנט־אָרגאַניזאַציע, וואָס איז אַרויסגעוואַקסן אויפן ארץ־ישראל־באָדן. זי האָט ניט קיין אידעאָלאָגיע מיט אַ באַזונדערן ספּעציפישן שטעמפּל, נאָר זי אַליין איז די פּרוכט פון דער לאַגע און פון די באַדערפענישן פון דער אַרבעטער־יוגנט אין לאַנד; דער רעזולטאַט פון דער זאָרג פאַר די ליידן, גורל און דערציאונג פון דער אַרבעטער־יוגנט.

דער „הנוער העובד" האָט זיך געווענדעט צו די קרייזן פון דער אָרעמסטער און פאַרוואָרלאָזטסטער יוגנט, מיט וואָס עס האָט זיך געמיאוסט יעדער דערציער און יוגנט־אָרגאַניזאַטאָר, און ער האָט אַרויפגעבראַכט זיינע דערצויגענע מיטגלידער צו דער מדרגה פון די בויער פון נען, צו די מענטשן פון גנוסר, צו די וואָס דעראָבערן זיך זעלבסט צו דער ים־אַרבעט. דאָס איז אַ דערציעריש גערעטעניש.

דער „הנוער העובד" האָט געשאַפן אַ סינטעז פון דער יוגנט פון פוילן, פון די מזרח־עדות, פון די עולים פון דייטשלאַנד, און פון די קינדער פון די ווירטשאַפטן אין ארץ־ישראל. ער האָט ניט ספּעציעל צוגעגרייט זיינע מיטגלידער צו חלוצישע און דעראָבערישע אויפטוען, נאָר ווייל ער האָט געטאָן זיין אַרבעט מיט אמונה, ווייל ער האָט זיך צוגעהערט צום טאָג־טעגלעכן לעבן פון דער אַרבעטער־יוגנט, ווייל ער האָט געעפנט פאַר דער יוגנט פענסטערלעך צו אַ לעבן פון קולטור, צו אַ פאָלקס־לעבן, צום אַרבעטס־געדאַנק, צו דער שאַפונג פון דערוואַקסענעם ברודער — דורך דעם אַלעם איז אים געלונגען צו לאָזן אויפשטייגן די יוגנט טרעפּן־וויז און איינפלאַנצן אין איר און אין איר האַרץ דעם באַוואוסטזיין פון איר ווערט און דעם ווילן דורכצוברעכן נייע וועגן און אַזוי אַרום אין איר פאַרוואָרצלט די בענקשאַפטן צו דער חלוצישער שאַפונג. און מיט פיל פון יענע וואָס האָבן דורכגעמאַכט די שול פון „הנוער העובד", קענען מיר זיך איצט בענטשן.

צו זיין אַן אַרבעטער אין ארץ־ישראל איז ניט קיין לייכטע זאַך. נאָר דער, וואָס איז באַלאָדן מיט אַ גרויסער מאָראַלישער משא, קען אויסהאַלטן דעם דאָזיקן קאַמף.

י. אַראַנאָוויטש

די אַרבעטער־פֿרוי

עדה פֿישמאַן

די אָפּגעשאַפֿענע טראַדיציע

די אידישע פֿרוי, וואָס איז געקומען קיין ארץ־ישראל, איז געשטעלט געוואָרן פֿאַר אזעלכע פּראָבלעמען, וואָס זי האָט פֿריער ניט געקענט. די אַרבעטן אין פֿעלד, ביים בוי, און אין דער אינדוסטריע, די געזעלשאַפֿט־לעכע און פּאָליטישע פֿראַגן, דער פּראָצעס פֿון קולטורעלער באַנייאונג און די אויפֿלעבונג פֿון דער העברעאישער שפּראַך — אין די אַלע געביטן האָבן זיך אָנגעהויבן ווייזן אויך אין ארץ־ישראל, ווי אין דער גאַנצער וועלט, די ערשטע כאַראַקטעריסטישע סימנים פֿון דער פֿרויען־פֿראַגע. די טראַדיציע און דער אָנגענומענער שאַבלאָן פֿון דער אָרדענונג און לעבן פֿון דער איצ־טיקער געזעלשאַפֿט האָבן זיך אָנגעהויבן אויך דאָ אויסצוווירקן. די פֿרוי איז פֿאַררעכנט געוואָרן פֿאַר אַ בירגערין פֿון דער צווייטער מדרגה. זי איז געוואָרן אַראָפּגעשטופּט צו באַשטימטע האַמאַגענע פֿאַכן, ווי די קיך און לייכטע און שווערע באַדינונגס־אַרבעטן, און נאָר אַדאַנק דעם רעוואָלו־ציאָנערן כאַראַקטער פֿון דער אַרבעטער באַוועגונג איז באַצייטנס געשטעלט געוואָרן אַ באַריער צו דער אַנטוויקלונג פֿון דער דאָזיקער אָנגענומענער טראַדיציע אין אונזער לאַנד.

רחל קאַצענעלסאָן

וועגן דער אַרבעטער־פֿרויען באַוועגונג

קען ביים היינטיקן טאָג עקזיסטירן אין דער וועלט אַ קעמפֿנדיקע, פֿאָרווירקלעכנדיקע און פֿאָראויס־מאַרשירנדיקע אַרבעטער־באַוועגונג אָן אַ באַוועגונג פֿון אַרבעטער־פֿרויען? די אַרבעטערין איז אַריינגעדרונגען אין ס׳רוב אַרבעטס־צווייגן, מיליאָנען מוטערס זעצן פֿאַר זייער אַרבעט מחוץ פֿון זייער היים, און אין יעדן אַרבעטס־ווינקל און אין אַלע לעבנס־פֿאָרמען באַגלייטן דעם אַרבעטער די באַזונדערע פּראָבלעמען פֿון די אַרבעטער־פֿרויען, און אָן דער אָנשטרענגונג פֿון דער אַרבעטערין אַליין, וועלן די פּראָבלעמען ניט ווערן געלייזט.

פון וואַנען זיינען אַרויסגעוואַקסן די באַזונדערע פראַגן פון דער אַר־בעטער־פרוי? פון וואַנען זיינען געקומען אירע באַזונדערע צושטאַנדן, באַדינגונגען און באַציאונגען? — פון דער פאַרשקלאַפונג פון דורות, פון דעם דראַנג פון הערשנדיקן רעזשים צו עקספּלואַטירן דעם שוואַכן; פון דעם צוואַנג צו פאַראייניקן לוין־אַרבעט מיט די אויפגאַבן פון מוטער־שאַפט; פון דער פרויס מאַנגל פון גלויבן אין אירע כוחות — אויך דאָס איז אַ רעזולטאַט פון קנעכטשאַפט פון דורות.

און אין ארץ־ישראל זיינען צו דעם אַלעם נאָך צוגעקומען באַזונדערע שוועריקייטן; ווייל דאָס איז אַ לאַנד פון עליה, ווייל די נייע אַרבעטער־פרוי, וואָס קומט אין לאַנד, איז ס׳רוב ניט געווען קיין אַרבעטערין, און דאָ דאַרף זי זיך צופּאַסן צו נייע לעבנס־באַדינגונגען; ווייל מיר זיינען אַרומגערינגלט מיט ביליקער אַרבעט, וואָס קאָנקורירט מיט דעם אַרבעטער, וואָס האָט קולטורעלע באַדערפעניש; ווייל אויך דאָס יונגע מיידל־קינד קאָנקורירט דאָ מיט דער דערוואַקסענער אַרבעטערין, ווייל עס פעלט דאָ אַן אַרבעטער שוץ־געזעץ, וואָס זאָל אַנטשפּרעכן דער ווירקלעכקייט אין לאַנד, ווייל אונזער הסתדרות ווערט ניט אַרויסגעהאָלפן דורך דער מדינה און דעם געזעץ, ווי ס׳איז געוואָרן אַרויסגעהאָלפן די אַרבעטער־באַוועגונג אין אַנדערע לענדער.

אָבער ארץ־ישראל איז אויך געווען דאָס לאַנד, וואָס האָט אַרויסגע־האָלפן דער אַרבעטערין אין איר קאַמף מיט די אַלע שטערונגען. דאָס גרויסע ווערק, וואָס מיר בויען אויף אין לאַנד, רופט אַרויס צום לעבן כוחות פון אָרגאַניזאַציע, דיסציפּלין, קעגנזייטיקער הילף און ווילן צו בויען און דעראָבערונג אין אַלע ווינקעלעך פון אונזער לעבן — איינ־געשלאָסן אויך צווישן די אַרבעטערינס.

עווא טאַבענקין

דערציאונג צו זעלבסטשוץ

זינט דער צווייטער עליה און נאָך פאַר איר האָט זיך די חברה באַטיי־ליקט אין דער שמירה. אין האָמעל, אין וואַרשע, אין א״י בעת די ערשטע יאָרן פון די כיבושים און אויך אין „השומר״. אמת, איינצעלנע טאָקע, אָבער נישט נאָר די, וועלכע ס׳האָט באַזעלט אַ באַזונדערער מוט, נאָר אויך די, וואָס האָבן פאַרשטאַנען, אַז די פליכט פון הגנה פאַלט אויף יעדן אידן אין זיין היימלאַנד. אין די לעצטע יאָרן איז אָבער די חברה אַרויסגעשטויסן גע־וואָרן צו פּאַסיוויטעט. ווי ווייטיקלעך איז עס, אַז די געזעלשאַפט, ריכ־טיקער געזאָגט, די חברים (יענע חברים, מיט וועלכע מיר שאַפן צוזאַמען

אונזערע קולטור־געזעלשאַפטלעכע אוןווירטשאַפטלעכע ווערטן) האָבן עס צוגענומען ביי דער חברה דאָס רעכט פון פאַרטיידיקונג פון אונזער לעבן און לעבן פון אונזערע קינדער. אין 1929טן יאָר האָט מען אונז אַפגעשלאָסן אין אַ „קאָנצענטראַציע־לאַגער" און אויך איצט האָט מען אַזוי געטאָן. מיר זענען פלוצלונג פאַרוואַנדלט געוואָרן אין די אידן פון גלות־שטעטל, וואָס באַהאַלטן זיך אויס אין די קעלערס און בוידעם־שטיבלעך.

די געפאַר געטראָפן צו ווערן פון דער קויל לויערט אויפן חבר, ווי אויף דער חברטע. דער פרוי דראָט דאָ אין לאַנד נאָך אַ באַזונדערע סכנה און דעריבער דאַרף מען איר דערציען צו אַ גרעסערן מוט, זי זאָל זיין גרייט אַליין צו זעלבסטשוץ. איז די דאָזיקע פאָדערונג עפּעס אַ חידוש? אונזער חברה האָט געוואוסט צו אַנטפּלעקן איר כּוח אין זעלבסטשוץ נאָך אין די רייען פון די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען אין גלות, זי האָט פאַרזוכט דעם טעם פון זיצן אין די תּפיסות, פון ווערן פאַרטריבן אויף סיביר, אויף קאַ־טאָרגע, וואָלגערן זיך אויף די „עטאַפּן". נישט איינמאָל אַליין צווישן קרי־מינעלע אַרעסטאַנטן, „געהיט" דורך ווילדע קאָזאַקן. און אין די טעג פון די פּאָגראָמען אויף אוקראַינע? האָט זיך די חברה דערשראָקן פאַר דער סכנה? און וועגן וואָס דערציילן די העלדן־געשטאַלטן פון אַזאַ מאַריאַ ספּי־רידאָנאָוואַ, פון אַנדערע באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע?

ס׳לעבט אין מיר אַ שווער געפיל, ווי מיר וואָלטן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין קיבוץ אין לויף פון דער צייט אין צוויי געזעלשאַפטן: מענער און פרוי־ען, ריכטיקער געזאָגט, אין „אַ מענער־געזעלשאַפט". ס׳איז פאַראַן דאָס גע־פיל, ווי מיר וואָלטן אַראָפּגעשטויסן געוואָרן פון הויפּטוועג פון דער באַ־וועגונג, נישט צום „משפחה־הויז", וואָס איז דערווייל חרוב געוואָרן, נאָר עפּעס אין אַ פינצטער געסל, „אין געסל פון דער פרוי".

ווי משונהדיק דאָס איז! אין טאָג־טעגלעכן לעבן פאַרנעמט די חברה אַ זייער וויכטיקן אָרט. אַלע ווייסן, אַז איר אַרבעטס־טאָג איז שווערער, איבערפולטער, געטרייער, פּינקטלעכער און פאַראַנטוואָרטלעכער. אָבער די חברה ווערט אין משק אַפּגעשטופּט צו די באַדינונגס־אַרבעטן, וואָס דער חבר וויל זיי נישט דעראָבערן; אין פעלד, שטאַל, ביי די פלאַנטאַציעס פירט אָן און באַשטימט דער חבר. און נאָך קלאָרער איז די לאַגע אין אַזעלכע געשפּאַנטע טעג. פאַר די בעסטע חברים, מיט וועלכע מיר זיינען צוזאַמען אַהער געקומען, מיט וועלכע מיר זיינען געשטאַנען אין איין ריי אין דער זעלבסטשוץ אין גלות און אין א״י, זענען מיר פלוצלונג געוואָרן פרעמדע. מען רעכנט זיך נישט מיט אונזער מיינונג אין דעם ערנסטן און שווערן ישוב־הדעת אין מינוטן, וואָס באַשטימען דעם גורל פון אָרט, פון אונזערע קינדער. און כ׳ווייס, אַז עס זיינען פאַראַן צווישן אונז חברות, וואָס האָבן

דערפֿאָרונג און זענען מסוגל אין פּולן באַוואוסטזיין פֿון אונזער נאַציאָנאַלן, פּראָלעטאַרישן און מענטשלעכן כבוד פֿאַראַנטוואָרטלעך צו באַטייליקן זיך אין דער אַנטשיידונג פֿון די ענינים.

און מיר זיינען דאָך שוין נישט אַליין. אַרום אונז זענען אונזערע קינדער און די יוגנטלעכע פֿון גלות און א״י, וועלכע דערציִען זיך אין אונזערע משקים. צי וועט מיין טאָכטער אויפֿוואַקסן אין באַוואוסטזיין, אַז ס׳זענען פֿון פֿאָראויס אָנגעצייכנט גרענעצן פֿאַר איר גייסטיקער מעגלעכקייט און אַנטוויקלונג? צו וואָס פֿאַרגעזעלשאַפֿטלעכער הויך וועט דערגיין אין אַזאַ אַטמאָספֿער די געזעלשאַפֿט פֿון אונזערע קינדער? מיר האָבן צוזאַמען — זין און טעכטער — פֿאַרלאָזן אין גאַנצן אונזערע הייזער און צוזאַמען אַרויס צום קאַמף פֿאַר אונזער נייעם וועג און מיר רופֿן דאָך כסדר צו אונזערע קינדער זיי זאָלן פֿאָרזעצן אונזער וועג. צי קלערן מיר, אַז אַנטשיידן וועט אונזער רוף און נישט דאָס ממשותדיקע לעבן, דער אָרט וועלכן ס׳פֿאַרנעמט די חברה אין דער געזעלשאַפֿט, אין אַרבעט און הגנה? עס קאָן נישט זיין, אַז אונזערע קינדער, וואָס ווערן דערצויגן צו גלייכער אַרבעט און פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט, זאָלן מיר פּלוצלונג נאָך זייער אויסוואַקסן טיילן אויף צוויי מחנות: פֿאַרטיידיקער און פֿאַרטיידיקטע.

כ׳בין זיכער, אַז די חברה וועט קאָנען פֿאַרטיידיקן דעם ישוב און די קינדער מיטן זעלבן מוט, ווי דער חבר. ס׳דאַרף אונז באַגלייטן דער באַוואוסטזיין פֿון אונזער רעכט און פֿליכט אויף הגנה און מיר וועלן זיך דעראָבערן אַן אָרט אין דער שמירה.

אממא לעווין

אַ נייער פֿראָנט

מיר האָבן פֿאַר זיך אַ נייעם פֿראָנט. נאָך אַ וויכטיקע אַרבעט: שמירה, הגנה.

אויף אַ ספּאָנטאַנעם און זעלבסטפֿאַרשטענדלעכן אופֿן זיינען צוגעגומען געוואָרן ביי די חברות די רעכט, וואָס זיינען געגעבן געוואָרן די חברים: דאָס רעכט אויף שמירה, הגנה, אויף קאַמף מיטן פֿייער. און די דאָזיקע „זעלבסטפֿאַרשטענדלעכקייט״ האָט אַנטפּלעקט, ווי מיר זיינען נאָך געוואוינט צו זופּן פֿון „הבדלה״-כוס פֿון זיידן, ווי מיר זיינען נאָך פֿאַרקנעכטעט צו דער צוואה פֿון די באָבעס; די גלות-טראַדיציע באַהערשט אונז נאָך אין דער הינזיכט.

ס׳איז איצט ניט די צייט פֿון וויכוחים — ענטפֿערן חברים אויף אונזערע פֿאָדערונגען. די לאַגע איז מחייב אומבאַדינגט דיסציפּלין. מיר

עסן איצט טרוקן ברויט, וואָס איז ווי שטיינדלעך פֿאַר אונזערע ציין. גיט ניט צו קיין ביטערניש... די חברות האָט מען געהייסן דערשטיקן דעם מוט, וואָס האָט געפֿאָדערט מעשים. זיי האָבן דאָס געטאָן און דאָס איז געווען אַ פֿעלער. דער וואַלד האָט געברענט, די חברות האָט מען מיט כּוח אַראָפּגענומען פֿון אויטאָ, וואָס האָט געפֿירט די פֿייער־לעשער (ערשט נאָך אַ לאַנגן קאַמף איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ קבוצה פֿון בחורות־פֿייער־לעשערינס אין משמר־העמק). טאָג איין־טאָג אויס, נאַכט איין־נאַכט אויס, האָבן די פֿעלדער אין עמק געברענט; ווי אַ נר־תּמיד איז דער פֿלאַם געשטאַנען אין די הימלען פֿון יזרעאל און נוריס — פֿאַרלאָשן האָבן כּמעט אויסשליסלעך חברים.

דער ישוב האָט פֿאַרפֿעסטיקט זיינע פֿאַרטיידיקונגס־פּאָזיציעס, אַוועקגעשטעלט אין זיי שומרים. אַזוי האָבן מיר אויך געטאָן, אין דער מושבה, מושב, קיבוץ; נאָר שומרים אַוועקגעשטעלט. און כּלערליי אַרגומענטן האָט מען דערביי באַנוצט. זיי אַנטפּלעקן די זאָרג פֿון די חברים פֿאַרן קאָלאָניזאַציאָנס־פּונקט און אומצוטרוי צו דער חברה. מיר זיינען אין דעם שולדיק. מיר האָבן איבערגעלאָזט די שמירה פֿון משק אין געוויינלעכע צייטן אין די הענט פֿון די חברים. ס׳איז קלאָר: וואָלטן מיר זיך אַלע צוגעוואוינט צו זען די חברטעס מיטן ביקס אויפֿן פּלייצע אויף שמירה, וואָלט היינט ניט געקלונגען אַזוי מאָדנע אונזער פֿאָדערונג אויף שמירה און הגנה. מיר האָבן פֿאַרגאַכלעסיקט צו דערוועקן אין ס׳רוב ערטער די ידיעות, וואָס יעדער גוטער שומר דאַרף באַזיצן. צי זיינען מיר נישט באַרעכטיקט צו שטיין אויף דער וואַך פֿון פּונקט, אין וועלכן מיר לעבן? צי זיינען מיר עפּעס אַ טייערער חפֿץ, אָדער יונגע קינדער, וואָס נויטיקן זיך אין פֿאַרטיידיקונג?

מיר פֿאַרווירקלעכן טאָג־טעגלעך די „אוטאָפּיע" — דעם קיבוץ. אָבער, די אוטאָפּיע פֿון פֿולשטענדיקער גלייכהייט צווישן חברים און חברות ליגן מיר אָפּ אויפֿן וויטן מאָרגן. מיר פֿאָדערן, אָבער, דעם דאָזיקן מאָרגן שוין היינט, ווייל דאָס נישט טאָן היינט וועט גורם זיין דערצו, אַז אויך דער מאָרגן וועט אַנטוישן. זעט: אונזערע קינדער, זיי זעען אַלץ און פֿרעגן פֿאַרוואונדערטע, פֿאַרוואָס גייען אַרויס די טאַטעס צו לעשן, און די מאַמעס... זיינען פּחדנותדיקע?! ווי איז דאָס? היינט וואונדערן זיי זיך. פּאַמעלעך וועלן זיי זיך צוגעוואוינען, צופּאַסן, און ס׳וועט זיך אומקערן אין אַלץ דער זיידע־סטיל. וואָס פֿאַר אַ ווערט האָט אונזער שאַפֿונג אַן גלייכהייט אין אַרבעט און הגנה?

אונזערע פֿאָדערונגען זיינען:

שוין היינט: מחייב זיין די קאָמיסיעס אין די קיבוצים, זיי זאָלן שטופּנוויז משתּף זיין די חברות אין שמירה לויט דער ריי, אַלס אַ שטאָפּל צו מער

פֿאַראַנטוואָרטלעכע שמירה. די חברות דאַרפֿן נעמען אַן אָנטייל אין די פֿייער־לעשער גרופּעס. און וואָס ס׳איז באַזונדעס וויכטיק: מיר דאַרפֿן פֿאָדערן אויך אין די טעג דאָס לערנען די אַרבעט פֿון שמירה און הגנה.

אויף דער צוקונפֿט: א. מיר דאַרפֿן פֿאָדערן דעם שטענדיקן אָנטייל פֿון די אַנטשפּרעכנדיקע חברות אין דער געוויינלעכער שמירה אין משק; ב. אָנטייל אין דער הגנה־קאָמיסיע; ג. שטענדיקער ערנסטער און סיסטעמאַטישער לערנען.

ס׳איז אַ נייער פֿראָנט, אויך דאָ דאַרפֿן מיר קעמפֿן מיט דער עפֿנטלעכער מיינונג, מיט דער טראַדיציע פֿון גלות און מיט זיך אַליין.

רחל

מיין לאַנד

איך האָב דיך, לאַנד מיינס, ניט באַזונגען,
און דיין נאָמען ניט באַשיינט.
מיט קיין גבורות און נצחונות
דיינע שלאַכטן ניט געקרוינט;
בלויז אַ בוים, מיין האַנט געפּלאַנצט האָט
אויפֿן ירדנ׳ס שטילן ברעג,
בלויז אין פֿעלדער אויסגעטראָטן
האָט מיין פֿוס אַ שמאָלן שטעג.

ס׳איז אַן אָרעמע מתּנה —
יאָ, איך וויים עס, מאַמע לאַנד,
גאָר אַן אָרעמע מתּנה
האָט געבראַכט דיין טאָכטער׳ס האַנט;
בלויז אַ יובל־שריי פֿון שמחה
ווען עס טוט דיין טאָג אַ שיין,
בלויז אַ שטיל פֿאַרשטיקטן וויינען
אויף דיין פּיין.

אידיש: ז. ר.

אין דער דאָזיקער געשפּאַנטער שעה דאַרף וואַקסן די וואַכזאַמקייט און קאַמפּס־גרייטקייט פֿון דער חברה, כדי מיר זאָלן קענען איינהאַלטן אונזערע פּאָזיציעס און דערגרייכן נייע. זאָל ניט פֿאַרלוירן גיין אונזער גלויבן אין מענטש און אין דער צוקונפֿט פֿון די פֿעלקער און זאָלן מיר ווייטער אָפּהיטן דעם עיקר פֿון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין לאַנד: דעם ווילן צו פֿאַרווירקלעכן דעם קאָלעקטיוויזם, קעגנזייטיקע הילף און גלייכהייט צווישן די אַרבעטער אין אונזערע טעג.

רחל כצנלסון

אין קאַמף פֿאַר עליה

ב. קאַצענעלסאָן

די עליה

דאָס גאַנצע לעבן האָבן מיר אויסגעקוקט אויף איר — און אָט דער־נעענטערט זיך די שעה. פֿון לאַנד צו לאַנד קייקלען זיך די כוואַליעס פֿון „החלוץ", און די ערשטע כוואַליעס האָבן זיך שוין צוגעאײַלט און צוגע־שפּאַרט צו אונז דורך כּלערליי וואַנדערונגען און גלגולים. עס זײַנען שוין דאָ מיט אונז די לעגיאָניסטן פֿון אַמעריקע און אַרגענטינע, איינציקע חלוצים פֿון פּוילן און רוסלאַנד און די בשורה־ברענגער פֿון אַ פֿאָלקס־עליה פֿון רומעניע.

דורך צוויי וועגן וועט דאָס מאָל ווערן אויסגעפּרואווט די נאַציאָנאַלע גאולה־באַוועגונג פֿון אונזער תּקופֿה — אפֿשר דאָס לעצטע און אַנטשיי־דיקע מאָל — דורכן כּוח פֿון דער נייער עליה, דורך אירע אינהאַלטן און טרעגער, און דורכן כּוח פֿון לאַנד און פֿון די נאַציאָנאַלע מאַכט־אָרגאַנען אויפֿצונעמען די דאָזיקע עליה.

די חלוצישע עליה, די אַרבעטער־עליה, איז די עיקרדיקסטע אַנט־פּלעקונג פֿון יענעם באַפֿרוכפּערנדיקן כּוח אין לעבן פֿון יעדן פֿאָלק, וואָס ווערט ביי אַנדערע אָנגערופֿן רעוואָלוציאָנערער כּוח. די געשיכטע טוט זיך אויסקלייבן, ביים דורכפֿירן ענדערונגען און איבערקערענישן אין לעבן פֿון פֿאָלק, אירע טרייע שליחים, די פֿאַרווירקלעכער פֿון איר ווילן, און זיי זײַנען עס די פּריוויליקע אין פֿאָלק. זיי זײַנען עס די יעניקע, וואָס ווינקען צו אונז אַריבער פֿון נאָענטע און ווייטע דורות מיט דעם פֿלאַם פֿון זייער הארץ, מיט דער אַטמאָספֿער פֿון זייער לעבן, און זיי האָבן עס מיט זייער לעבן און טויט אויף אונז גוזר געווען דאָס ליכט פֿון פֿרייהייט, די ליבע פֿון פֿאָלק, די קדושה פֿון מענטש, די בענקשאַפֿט פֿון דער נשמה נאָך לעתיד לבוא, די פּערזענלעכע פֿליכט און דעם עול פֿון אַ פֿרוכטבאַרן לעבן.

וואָס וואָלט געווען די סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין אונזער יאָרהונ־דערט אָן די צענדליקער טויזנטער פּיאָנערן וואָס האָבן זיך געצויגן צו דער באַוועגונג פֿון אַלע קרייזן און קלאַסן און האָבן דורך איר אויפֿגע־

וועקט די טרייהייט פון זייער גייסט, דאָס פייער פון זייער יוגנט, די פריש־קייט פון זייער נשמה און די וואַכזאַמקייט פון זייער עלטער? וואָס וואָלט געווען אָן די דאָזיקע פּיאָנערן יעדע נאַציאָנאַלע פרייהייטס־באַוועגונג פון אונזער דור, אָדער דער אַנטשטייאונגס־פּעריאָד פון רעליגיעס אין די פאַרצייטיקע דורות?

דער חלוציזם און די וואָלונטירן־באַוועגונג — איז ווי די פייערונג פון אַ גרויסן יום־טוב אין לעבן פון פאָלק. קיין נייע תקופה ווערט ניט געהייליקט אָן זיי. די נשמה פון פאָלק ווערט דורך זיי דערהויבן, עס אַנטפּלעקט זיך זיין שכינה, עס דערוואַכן פראַכט און גבורה. ווי דער פרי־לינג אין דער נאַטור, ווי די ליבע אין מענטש, אַזוי איז די וואָלונטירונג אין לעבן פון פאָלק.

און דאָס איז אויך דער אויסגאַנגס־פּונקט פון אונזער רענעסאַנס. די אויסגעשטאַלטונג פון אונזער לעבן אין לאַנד, די ענדערונג פון טעריטאָ־ריאַלן צענטער, דאָס קלאַמערן זיך מיט אינערלעכן צוואַנג אין דער נויט־ווענדיקייט איבערצופירן אין אַ נייעם פלאַץ אונזערע מאָראַלישע, עקאָנאָ־מישע און געזעלשאַפטלעכע צענטערן, אונזער געזעלשאַפטלעכע שאַפונג, דאָס אַרבעטס־לעבן און אַלץ וואָס פליסט דערפון אַרויס — וואָס איז די האָפענונג פון דעם אַלעמען אָן דעם חלוציש־דערהויבענעם ווילן, וואָס דער־וואַכט אין פאָלק? אַלץ וואָס מיר האָבן געהאַט ביז היינט — ביל״ו, די ערשטע אַרבעטער און קאָלאָניסטן, די אַרבעטער־באַוועגונג, די השומר־באַוועגונג, דאָס רעדן העברעאיש, די וואָלונטירונג אין לעגיאָן — דאָס אַלץ איז נאָר געווען אַ מיניאַטור, מיקראָסקאָפּישע אויפטוען אין פאַרגלייך מיט דעם וואָס מיר דערוואַרטן. די ענערגיע פון איבערגעגעבנקייט און מסירת־נפש האָט קיינמאָל ניט געפעלט אין אונזער פאָלק, אָבער זי איז ניט גע־ווען פאַרוואָרצלט אין שויס פון אונזער ערד. זי איז געווען צעזייט איבער אַלע טייכן, צעשפּרייט איבער אַלע פעלזן. ערשט איצט האָט מען געבראַכט די גרויסע בשורה: „ושבו בנים לגבולם״. דער בת־קול פון גאולה קלאַפּט מיט כוח און מוט איבער די הערצער און פראַלט פאַנאַנדער טיר און טויער. נאָך אַ ביסל — און ס׳וועט זיך אויפהויבן דער שטורעם פון גאולה, און דער געפּענטעטער נאַציאָנאַלער ווילן וועט אויפברעכן זיינע קייטן און וועט דערוואַכן צום נייעם לעבן...

1919.

די פאַרווירקלעכונג פון ציוניזם איז אָפּהענגיק פון אַ תּנאַי: אויב צווישן אונז וועלן זיך ניט געפינען קיין פּיאָנערן — זיינען מיר פאַר־לוירן.

י. ח. ברענער

ח. נ. ביאַליק

דער כוח פֿון „החלוץ" *

דעם דאָזיקן אָוונט, וואָס איז געווידמעט דעם אָנדענק פֿון גרינדער פֿון „החלוץ", טרומפּעלדאָר, זכרונו לברכה, און דעם יום־טוב פֿון 10 יאָר „החלוץ", וואָלט אפֿשר כדאַי געווען צו פֿייערן אָן רעדעס און רייד בכלל. ווייל איך זע דעם עיקר־כּוח פֿון „החלוץ" ניט אין רעדן, נאָר אין טאָן. און דאָס איז דער גרעסטער חידוש, די נייעסטע פּרשה, וואָס דער „החלוץ" האָט אַריינגעשריבן אין בוך פֿון דער אידישער רענעסאַנס־באַוועגונג. יע־דע באַוועגונג מוז דורכגיין די תּקופֿה פֿון געדאַנק און טרוים, די תּקופֿה פֿון רעדן און פּרעדיקן, ביז זי דערגייט צום סוף צו דער תּקופֿה פֿון אויפֿטו און פֿון דער טאַט. און אויב ס'איז דאָ אַ גרופּע אין אונזער גרויסער מחנה, וועמענס אָנהויב איז געווען מיט 50 יאָר צוריק, וואָס האָט אויך אַ ממשותדיקן אופֿן דערנעענטערט די רגע פֿון טאַט און האָט זיך דערפֿאַר מקריב געווען, איז עס געווען דער „החלוץ". און ווער ס'איז אַריינגעגאַנגען אין דער תּקופֿה און האָט פֿאַרקניפּט זיין גורל מיט דעם לעבעדיקן אויפֿטו דורך טאָג־טעגלעכע מעשים, דער מוז ווייניק רעדן און אַ סך טאָן. ווען די אָרגאַניזאַטאָרן פֿון אָוונט וואָלטן געפֿונען פֿאַרמען פֿון טאַט און אויפֿטו אויך פֿאַר זייערע פֿייערונגען, ווי זיי האָבן עס געפֿונען פֿאַר זייער טאָג־טעגלעכן לעבן, וואָלטן זיי מקיים געווען זייער תּורה אויף אַן אופֿן, וואָס איז פֿאַר זיי אַם פּאַסיקסטן.

ווען מיר ריידן וועגן דער צרה פֿון גלות און זיין געפֿאַר, האָבן מיר, בעיקר, אין זינען די דאָזיקע געפֿערלעכע קרענק, דער רעזולטאַט פֿון גלות: די שוואַכקייט פֿון נאַציאָנאַלן ווילן. ווייל מיר זיינען געוואָרן אָפּ־געריסן פֿון די קוואַלן פֿון נאַציאָנאַלן און פּאָליטישן לעבן, זיינען מיר געקומען צו אַ פּאַראַליזש פֿון די געצייג און פֿון די גלידער, וואָס ווערן באַנוצט ביי דעם אויפֿבוי פֿון אַ לאַנד. אַ קיבוץ ווי מיר, ווער, אַפֿילו דאָן, ווען ער וועט דערקענען זיין קרענק, אָבער זייענדיק אָפּגעריסן פֿון דער לעבעדיקער טאַט, ניט קענען מער זיין קיין האַר איבער זיין ווילן און ס'איז אים ניט מעגלעך צו דערוועקן צו אַ גרויסער טאַט. זיינע געצייג פֿון טאַט זיינען געוואָרן פֿאַרטעמפּט און פּסול און ער קען זיי מער ניט באַהערשן. ס'איז גאָרניט קיין צופֿאַל, וואָס אַלע אונזערע דורות האָבן געחלומט וועגן גאולה און האָבן איר ניט זוכה געווען צו פֿאַרווירקלעכן. דאָס גאַנצע פֿאָלק האָט דערקענט דאָס אומגליק פֿון גלות; אַז ס'איז

---

* רעדע, געהאַלטן אין 1928, צום אָנדענק־טאָג פֿון 10 יאָר „החלוץ" און פֿון יוסף טרומפּעלדאָר.

נישטאָ קיין אויסוועג פֿון גלות ווי נאָר גאולה און רענעסאַנס אין לאַנד פֿון די אָבות, אָבער מ׳האָט זיך באַנוגנט מיטן חלום און מ׳האָט זיך געשאַפֿן אַן אילוזאָרישן משיח, וואָס וועט קומען באחרית־הימים אויף אַ וואונדער־וועג; ווייל דאָס פֿאָלק האָט ניט געגלויבט אין דער מעגלעכקייט, ווילן און כּוח פֿון זיין טאָט.

און אַפֿילו דאַן, ווען ס׳איז געקומען די דערוואַכונג מיט 50 יאָר צוריק און מ׳האָט געוואָלט דערקלערן דעם חלום אויף אַן אַנדער וועג, האָט די באַוועגונג ניט געקענט אַריבערגיין אין איין טאָג צו דער אַנטשיידענער תּקופֿה פֿון לעבעדיקער טאָט. דער דעמאָלטדיקער דור האָט זיך געדאַרפֿט איינחזרן אַ לאַנגע צייט, אַז אויב ער וויל באמת די גאולה — וועט ער עס באַווייזן. אַז די מעגלעכקייטן וועלן קומען צוזאַמען מיטן אמתן און אַנטגילטיקן ווילן. און אַפֿילו נאָך דעם, ווי די ערשטע חובבי־ציון און נאָך זיי, די ציוניסטן, האָבן געשאַפֿן אַנשטאַלטן פֿאַר פֿאַרווירקלעכונג, האָבן געשאַפֿן די ערשטע כּלים פֿון רעאַליזירונג, אויך דאַן האָט זיך געפֿילט דער פּחד פֿאַר דער לעצטער סטאַדיע פֿון דעם אויפֿטו און עס האָט געהערשט דאָס געפֿיל, אַז די מענטשן פֿריידיקן ציוניזם פֿאַר אַנדערע.

ניט נאָר די מערהייט פֿון די אידן, נאָר אויך די יעניקע פֿון דער מחנה גופֿא, האָבן אָפּגעלייגט די עצמדיקע טאָט אויף שפּעטער. זיי האָבן גערעכנט, אַז זיי אַרבעטן פֿאַר עפּעס אַ פֿאַרנעפּלטן כּלל און ניט פֿאַר זיך אַליין — עס וועלן גיין אידן קיין ארץ־ישׂראל, זיי וועלן זיך ביסלעכווייז צוזאַמענשליסן אין אַ כּוח, פֿון זיי וועט זיך די זאַך אויסוואַקסן און אַנטוויקלען, אָבער זיך אַליין האָבן ניט די חובבי־ציון באַטראַכט פֿאַר די פֿאַראַנטוואָרטלעכע פֿאַרווירקלעכער פֿון געדאַנק. מיר אַלע, די קינדער פֿון דאָזיקן דור, געדענקען דעם דאָזיקן געפֿיל, וואָס איז געווען געמיינזאַם פֿאַר די בעסטע פֿון די חובבי־ציון. און ווען ס׳האָבן זיך דאַן געפֿונען מענטשן, וואָס האָבן די פֿירער פֿון דער באַוועגונג געוואָרפֿן אין פּנים אַריין דעם פֿאַרוואורף, פֿאַרוואָס זיי זיינען אַליין ניט מקיים די מצוה פֿון בנין ארץ־ישׂראל, זיינען מיר געווען ווי שטומע און האָבן ניט געוואוסט וואָס צו ענטפֿערן. דאָס איז געווען אַ זייער ביטערע תּוכחה.

און אָט איז מיט 10 יאָר צוריק געקומען אַן אַנטשיידנדיקער איבער־ברוך־מאָמענט, איז געקומען דער קריזיס. אָבער, מיר דאַרפֿן געדענקען, אַז אויך פֿאַר די חלוצים זיינען געווען יחידים, קליינע גרופּן פֿון דער ביל״ו און פֿון אַנדערע, וואָס זיינען געגאַנגען קיין א״י, אָבער זיי זיינען נאָר געווען יחידים, און די באַוועגונג האָט געטראָגן אַ שטעמפּל פֿון צופֿעליקייט. זי איז ניט געווען דאָס פֿאַרמעגן פֿון אַ גרויסן כּלל. ערשט מיטן קומען פֿון דער חלוצישער באַוועגונג איז געקומען דער קריזיס, דער

קריזיס צום גוטן, און אונזער באַוועגונג איז אַריינגעטראָטן אין דער תקופה פון טאָט. יעדער איינער פון די יונגע מענטשן, וועלכע האָבן זיך אַנגעשלאָסן אָן דער דאָזיקער באַוועגונג, האָט געפילט זיין פליכט און אחריות פאַרן אויפטו, ניט פאַר אַנדערע, ניט פאַר עפּעס אַ מטושטשדיקן כּלל, נאָר ער אַליין איז געווען דער כּלל, וואָס איז פאַראַנטוואָרטלעך און פאַרפליכטעט צו דער טאָט. דאָס איז געווען דער אָנהויב פון דער רפואה פאַר דער פאַרשאָלטענער קרענק — די מורא פאַרן אויפטו און דער פּחד פאַר דער טאָט.

אחד העם זאָגט אויף אַ געוויסן פּלאַץ, אַז דאָס אידישע פאָלק אַלס כּלל איז אַ פּראָלעטאַריש פאָלק, ווייל עס אַרבעט מיט דעם קאַפּיטאַל פון פרעמדע און מיט געצייג פון אַנדערע, און זיין מער־ווערט בלייבט אין די הענט פון זיינע בעלי־בתים. דאָס אַלץ, וואָס די אידן ברענגען אַריין אין די פרעמדע קולטורן, גייסטיק און מאַטעריעל, ווערט ניט פאַררעכנט אויף זייער חשבון, נאָר אויפן חשבון פון אַנדערע. אָבער, ער האָט ניט גענומען אין אַכט דעם מוראדיקן טראַגישן מאָמענט, אַז אַן עקספּלואַטירט פאָלק ווערט אין אַלעמענס אויגן פאַררעכנט אַלס אַ פּאַראַזיט. דאָס איז דאָך אַ סתירה, וואָס האָט ניט איר גלייכן. אַ פאָלק, וואָס אַרבעט אין די פאַבריקן פון אַנדערע פעלקער און אַרבעט שווער, מיט פעאיקייט, און ברענגט אַריין פאַרדינסטן, געניסט אַליין נאָר ברעקלעך פון זיין אַרבעטס־רעזולטאַט, און דאָך האָט מען די חוצפּה אים אָנצורופן פּאַראַזיט. אָבער עס איז אָן שום ספק דאָ עפּעס אמת אין דער באַשולדיקונג. ווייל אונזער פאָלק, מיט דער שוואַכקייט פון זיין ווילן און מאַנגל פון גלויבן, אַז עס קען עקזיסטירן מיט אייגענע כּוחות, אָן בעלי־בתים, אַז עס קען אַרבעטן אויף אייגענער אחריות, מיט אייגענעם קאַפּיטאַל און אַרבעטס־געצייג, זיך ווענדיק שטענדיק אָנשפּאַרן אויף אַ פרעמדן קערפּער — מאַכט ווירק־לעך דעם איינדרוק פון אַ פּאַראַזיט. ווייל ניט שטענדיק ווערט פּאַראַזי־טיזם אויסגעדריקט אין אומטעטיקייט. עס איז דאָ אַ פּאַראַזיטיזם, וואָס אַרבעט דווקא אַ סך, אָבער קומט צום אויסדרוק אין דעם פּחד פון מענטש צו זיין זעלבסטשטענדיק, אָן אַ בעל־הבית. עס זיינען דאָ גוטע משרתים און אָנגעשטעלטע אין געשעפטן, וואָס באַרייכערן זייערע בעלי־בתים, אָבער זיי טוען עס נאָר דאַן, ווען ס׳איז דאָ ווער הינטער זיי, וואָס טראָגט דעם עול פון אחריות. אַזאַ מענטש איז גרייט צו טאָן עבודת־פּרך, אַבי ער זאָל אַליין ניט זיין פאַראַנטוואָרטלעך. דאָס איז אַ קראַנקהייט פון ווילן, וואָס דערפירט צו קראַפטלאָזיקייט. אָט די דאָזיקע מורא פאַר אחריות פילט זיך ביי די אידן אין גלות. און דאָס איז אפשר דער יסוד פאַרוואָס ס׳איז אונז אַזוי שווער זיך פון גלות אַרויסצוררייסן — צוליב דער מורא צו בלייבן אָן בעלי־בתים און אָן פאַראַנטוואָרטלעכע פאַר אונזער אַרבעט.

די חלוצישע באַוועגונג איז די ערשטע, וואָס האָט ניט מורא געהאַט פֿאַר דער דאָזיקער אחריות און האָט ניט קיין מורא געהאַט צו נעמען אויף איר׳ע יונגע און שוואַכע פּלייצעס די גאַנצע משא פֿון פֿאַראַנטוואָרט־לעכקייט פֿאַרן ווערק און זיינע רעזולטאַטן. דערין זע איך דעם עיקר פֿון איר מאָראַלישן כּוח.

די דאָזיקע יונגעלייט, וואָס האָבן אַריינגעשטראָמט אין לאַנד אין די לעצטע 10 יאָר, טראָגן אַלע שטערונגען און שטרויכלונגען, וואָס איך בין אַליין געווען אַן עדות פֿון זיי אויף מיין וועג קיין א״י — כ׳האָב זיך באַ־געגנט מיט קליינע גרופּן, וואָס האָבן זיך אָפּגעריסן פֿון גרויסן וואַנדער־שטראָם דורך פֿאַרשידענע שטערונגען און זיינען געבליבן שטעקן אין אַלע הויפּט־שטעט פֿון אייראָפּע, און באַזונדערס אין איסטאַמבול, און כ׳האָב געזען זייער בענקשאַפֿט, זייער ציען זיך קיין ארץ־ישראל, די שטאַרקייט פֿון זייער ווילן זיך דורכצורייסן קיין א״י פֿאַר יעדן פּרייז — די דאָזיקע יונ־געלייט האָבן זיך ניט פֿאַרגעשטעלט קיין גן־עדן. זיי האָבן גוט געוואוסט וואָס זיי דערוואַרט; ווען כ׳האָב זיי געזען האָב איך זיך איבערצייגט, אַז עס איז געקומען אַ גרויסער מאָמענט אין אונזער געשיכטע, אַז ס׳איז דאָ אַ רפֿואה פֿאַר אונזער הויפּט־קרענק, אַז די כּלים פֿון אונזער טאַט לעבן ווייטער און זיי זיינען גרייט צו טאָטן וואָס טראָגן מיט זיך פֿאַראַנט־וואָרטונג, אַז אונזערע חלוצים זיינען גרייט צו פֿאַלן, צו ווערן געשטרויכלט און אויך צו שטאַרבן אָן מורא, נעמענדיק אויף זיך די גאַנצע אחריות.

דאָס איז דער עיקר־כּוח פֿון „החלוץ״. מיר האָבן דערצויגן אין גלות מענטשן מיט משיחישע, וועלט־אומפֿאַסנדיקע וויזיעס, אָבער פֿיל גרעסער דערפֿון איז די שאַפֿונג וואָס שטעקט אין יעדער קליינער טאַט, וואָס ווערט דערגרייכט אין ארץ־ישראל. ווען מיר זיינען געווען העלדן צו לייזן פּראָבלעמען אויפֿן פּאַפּיר און אַבסטראַקט — איז דערין ניט גע־ווען קיין רעפֿאָרם פֿון אונזער גרויסער איינערלעכער שוואַכקייט. אָבער דער מענטש פֿון טאַט לייזט יעדע רגע אומבאַוואוסטזיניק טויזנטער פּראָ־בלעמען, און איצט זיינען אויפֿגעשטאַנען צווישן אונז, צווישן די, וואָס זיינען ווייט פֿון יעדער בוי־אַרבעט, און באַזונדערס, פֿון אויפֿבויען אַ מדינה, וואָס באַגנוגענען זיך נאָר מיט געדאַנקען און אַבסטראַקציעס, מענטשן, וואָס בויען מיט די אייגענע הענט דאָס לעבן פֿון פֿאָלק. דערין שטעקט דער גרויסער חידוש.

ווען איך האָב געזען היינט אָוונט די יונגעלייט אין דער שיינער דע־מאָנסטראַציע אַרום טרומפּעלדאָרס קבר, האָב איך געטראַכט, אַז ווען דאָס בילד וואָלט זיך געענדיקט אָן רעדן, וואָלט דער איינדרוק געווען פֿיל גאַנצער. ווייל דער דאָזיקער מענטש, טרומפּעלדאָר, דער מענטש מיט דער איינער האַנט, ער האָט עס געגעבן הענט צו אונזער ווערק, ער

האָט עס געוויזן דעם וועג צו דער טאַט און צום לעבעדיקן אויפֿטו. און דעם דאָזיקן אָוונט האָב איך געבענטשט דעם „החלוץ", אַז ער זאָל אויפֿהויבן יעדן טאָג זיין אמתן וועגן דורך מעשים און וואָס ווייניקער רעדן. די אמתע קונסט פֿון „החלוץ" דאַרף זיין שווייגן און אַרבעטן, אַרבעט דורך שווייגן.

און אַט זיינען דורך 10 יאָר. מיר אַלע ווייסן וואָס מיר האָבן דורכגעלעבט אין די 10 יאָר. אָבער אויך דאָס איז איינע פֿון די מצוות פֿון דעם „החלוץ" — ניט צופֿיל צו פּראָקלאַמירן וועגן זיינע קרבנות. לאָזן מיר אויפֿנעמען אונזערע קרבנות מיט שווייגן. זאָלן קומען נייע דורות וואָס זאָלן רעדן וועגן זיי, און איר זאָלט שווייגן. זאָל מען שרייבן לידער און פֿאַרפֿאַסן דראַמען וועגן אייך, ניט קענענדיק אייך פּערזענלעך. אויב ס'איז דאָ ווער, וואָס האָט ניט געוואוסט, אַז ער רעדט פּראָזע זיין גאַנץ לעבן, דאַרפֿט איר ניט וויסן, אַז איר טוט געזאַנג אייער גאַנץ לעבן. אָבער אויב איר מיינט, אַז ס'איז דאָ אַ סיבה זיך מייאש צו זיין, וואָס נאָך די 10 יאָר האָט איר קיין סך ניט דערגרייכט — האָט איר אַ פֿולשטענדיקן טעות. אייער אויפֿטו איז דער אָנהויב פֿון געזונט מאַכן אונזער קערפּער. דאָס לעבעדיקע בלוט הויבט אָן צו שטראָמען אין אָדערן וואָס זיינען געוואָרן פֿאַרגליווערט און פֿאַרשטאָפּט. דאָס האַרץ הויבט אָן קלאַפּן פֿון דאָס ניי.

די לאַגע אין וועלכער מיר געפֿינען זיך איצט האָט זיך ניט געענדערט. דער גאַנצער דיאַגנאָז, וואָס מיר האָבן אָנגעוועגדט מיט 50 יאָר צוריק בנוגע דעם גלות און ארץ־ישראל, איז געבליבן דער זעלבער — ער איז ניט געוואָרן אויסגעוועפּט און איז ניט געוואָרן אָפּגעלייקנט דורכן לעבן. עס איז קיין זאַך ניט געשען אין גלות, וואָס זאָל ענדערן אונזער מיינונג, אַז דאָס איז דער פּלאַץ פֿון דער ענטאַרטונג פֿון פֿאָלק, אַ פּלאַץ, וואו ס'איז נישטאָ קיין האָפֿענונג און קיין אויסוועג. פֿאַרקערט — האָט זיך אין ארץ־ישראל אַלץ וואָס מיר האָבן פֿאַראויסגעזעזן, פֿאַרווירקלעכט אין אַן אומדערוואַרטעטן פֿאַרנעם. איך דערמאָן זיך אין די ווערטער פֿון ברענערן, וואָס האָט געשריבן וועגן א"י ענינים ניט אין נאָמען פֿון קדושה און רעליגיאָזיטעט, נאָר ווייל ס'איז אַ צוואַנג, ס'איז נישטאָ קיין אויסוועג, ס'איז נישטאָ וואוהין צו גיין, ס'איז נישטאָ קיין אַנדער פּלאַץ. ברענער האָט אפֿשר ניט געוואוסט, אַז דאָס דאָזיקע געפֿיל, אַז סאיז ניטאָ קיין אַנדער אויסוועג, איז דער דערהאַבנסטער און הייליקסטער אמת; דאָס געפֿיל, אַז דאָ וועלן מיר שטאַרבן, דאָ וועלן מיר דערהרגעט ווערן, אַז דאָ איז דאָס אָרט פֿון מסירת־נפֿש. נאָר אין אַ פּלאַץ וואו מען האָט דאָס געפֿיל, אַז ס'איז ניטאָ קיין אויסוועג — דאָרט איז דאָ מסירת־נפֿש. און מסירת־נפֿש איז דער פּרוביר־שטיין פֿון יעדן אמת פֿון דער וועלט. דאָס איז די גרעניץ פֿון רעליגיאָזיטעט. און דאָס דאָזיקע געפֿיל בלייבט וויי־

טער פּעסט — ס׳איז ניטאָ קיין אַנדער אויסוועג, אויסער ארץ־ישראל. אין יעדן אַנדערן פּלאַץ זעען מיר ענטאַרטונג, עלנד, שאַנדע און דערנידעריקונג. דאָ איז אַ קליין לאַנד — אָבער דאָ לעבן מיר אַ לעבן פֿון כּבוד, דאָ זעען מיר העלדנטום און מסירת־נפש, וואָס פֿליסט אַרויס פֿון באַוואוסטזיין, אַז מיר האָבן ניט קיין אַנדער אויסוועג. דאָס איז דער העכסטער באַוואוסטזיין וואָס באַגלייט אונזער אַרבעט אין די לעצטע יאָרן.

אין דער רגע ווען מיר רופֿן צו אַלע ברידער אונזערע, צו אַלע יונגע מענטשן, וואָס האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דער באַוועגונג פֿון טאַט, צו אונזערע ברידער אין רוסלאַנד און אין יעדן אַנדערן פּלאַץ, אַז קיין זאַך האָט זיך ניט געענדערט ביי אונז, אַז מיר שטייען אויף אונזער פּלאַץ און אַז מיר האָבן ניט קיין אַנדער אויסוועג. דאָ וועלן מיר לעבן און דאָ וועלן מיר שטאַרבן, ווייל מיר האָבן ניט קיין אַנדער פּלאַץ.

יעקב לעשטשינסקי

די אידיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג און די חלוצישע עליה

1

צוויי טיפּן פֿון אידישן סאָציאַליזם

סוף 19טן און אָנהויב 20טן יאָרהונדערט זיינען אויפֿגעקומען ביים רוסישן אידנטום צוויי קעגנגעזעצטע סאָציאַליסטישע באַוועגונגען, וועלכע האָבן שפּעטער באַפֿרוכפּערט און אַקטיוויזירט די אידישע אַרבעטער באַוועגונגען אין פֿיל אַנדערע לענדער און ממילא באַרייכערט און אויפֿגעהויבן דאָס גאַנצע אידישע נאַציאָנאַלע לעבן. די דאָזיקע צוויי באַוועגונגען האָבן געפֿורעמט דעם פּאָליטישן און גייסטיקן פּנים פֿון אַ גאַנצער עפּאָכע, און זייער ראָל אין אידישן לעבן פֿון לעצטן האַלבן יאָרהונדערט שטייגט ווייט, ווייט אַריבער זייער קוואַנטיטאַטיווע צאָל אין אידישן פֿאָלק.

איינע פֿון די דאָזיקע באַוועגונגען, די שטורמישערע, די שרייענדיקערע, די ברייטערע, אָבער אויך פֿלאַכערע האָט געזויגן איר יניקה דער עיקר פֿון דרויסנדיקע קוואַלן: פֿון אַסימילירטע און האַלב אַסימילירטע אינטעליגענטן, וועלכע האָבן איינגעזאַפּט סאָציאַליסטישע תּורות ניט נאָר פֿון פֿרעמדע ביכער, נאָר אויך פֿון פֿרעמדעווירקלעכקייטן; אינטעליגענטן, וועלכע זיינען געווען טיילווייז געצוואונגען און טיילווייז געטריבן פֿון רחמנות־געפֿילן צו אַגיטירן צווישן אידישע אַרבעטער, כאָטש פֿיל פֿון

זיי האָבן מסתמא זייער גאַנץ לעבן געגלוסט און געטרוימט וועגן דעם ברייט־לויפנדיקן שטראָם פון דער אַרומיקער ניט־אידישער אַרבעטער־באַוועגונג — אָט זיי, און ניט די געצײלטע וואָרצלדיקע און אינטים מיטן אידישן לעבן צוזאַמענגעוואַקסענע מיכאַלעוויטשעס און ליטוואַקס האָבן, לײדער, געשטאַלטעט די פיזיאָנאָמיע און די נשמה פון דעם דאָזיקן סאָציאַליסטישן שטראָם. זי האָט געזויגן פון דער גרויסער און פאַרנעמעריישער אַרומיקער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג — צוערשט נאָר פּאָטענציעלער און צוזאַגנדיקער, אָבער גאָר גיך וועלטן־אויפרייסנדיקער און וועלט־איבערקערנדיקער. זי האָט געזויגן פון דער גרויסער, דעמאָלט אינטענסיוו־שטייגנדיקער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג — געזויגן און ניט געלערנט, וואָס דאָס מיינט ניט געזוכט צוצופּאַסן און צוצושנײדן די פרעמדע תורות און פרעמדע אידעאָלאָגיעס צו דער אייגנאַרטיקער אידישער ווירקלעכקייט, נאָר, פאַרקערט, תמיד געשלעפּט און געשטופּט די איינציק־אַרטיקע אידישע ווירקלעכקייט, די קליינע און איינגעדאַרטע אידישע ווירקלעכקייט אין די ברייטע כוואַליעס פון דעם רוסישן ים אָדער גאָר פונם וועלט־אָקעאַן פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג.

אָם ווייניקסטן האָט דער דאָזיקער פליגל פון אידישן סאָציאַליזם געזויגן פון אינעווייניקסטע קוואַלן — פון אידישער געשיכטע, פון אידישע צוקונפט־האָפענונגען, אָדער כאָטש פון דער שרייענדיקער, אויגן־רייסנדיקער קרומער אידישער ווירקלעכקייט, וואָס פון איר האָט מען באַדאַרפט קענען און געשטאַלטן די באַוועגונג. אַפילו דער קליינבירגערלעכער אָפּשטאַם פון אידישן אַרבעטער־קלאַס; זיין בלייבן אין אַ קליינבירגערלעכער סביבה, פון וועלכער ס'איז קיין אַוועק ניט געווען, צו וועלכער ער האָט עקאָנאָמיש געצויגן און וואוהין ער איז אין גרויסע מאַסן טאַקע אַריבערגעשוואומען; דער פאַטאַל־שמאָלער שטח פון זיין סאָציאַלן קלאַסן־קאַמף און די פאַראורטיילטקייט פון דאָזיקן קאַמף אויף אייביק זיך אומצוקערן צום אויסגאַנגס־פּונקט פון קאַמף און אָפּט זיך פּריווילּיק אָפּזאָגן פון געזעלעך־באַשטימטע פּריווילעגיעס; זיין טראַגישע אָפּהענגיקייט אין יעדן פּאָליטישן שריט פונם גוטן אָדער שלעכטן ווילן פון אַרומיקע פרעמדע כוחות; זיין גרויסער אַנטייל אין דער עמיגראַציע און אַלס פּועל־יוצא אַן אָפּגעשוואַכטער אינטערעס אין קאָנסום־קאָאָפּעראַציע און אַפילו אין דער עקזיסטענץ פון יוניאָנס — אַפילו אָט די אַלע גרונט־שטריכן פון אידישן אַרבעטער־קלאַס, וועלכע האָבן באַדאַרפט גרינטלעך געפאָרשט ווערן און געלייגט ווערן אין יסוד פון אַן אייגענעם — אייגנאַרטיקן סאָציאַליסטיש־רעוואָלוציאָנערן פּראָגראַם פון אידישן אַרבעטער־קלאַס, זיינען איגנאָרירט געוואָרן. מען איז געקומען

צום אידישן אַרבעטער־קלאַס מיט אַ פּולן קאָפּ גרייטע אידעאָלאָגיעס, גריי־טע פּראָגראַמען, און אַלע די צופּאַסונגען און הנחות, וועלכע זיינען גע־מאַכט געוואָרן אונטערן צוואַנג־דראַנג פון דער אידישערווירקלעכקייט, זיינען ניט געווען אימשטאַנד גובר צו זיין יענעם פרעמדן אידעאָלאָגיעס־באַרג, וואָס האָט ווי פון לכתחילה דערשטיקט דאָס קול־קול־יעקב. די אידישע ווירקלעכקייט האָט אַרויפגעצוואונגען אויטאָנאָמיע, שולן, ליבע צו דער אידישער שפּראַך און ליטעראַטור, מאָמענטן־ווייז אַפילו אַ בענק־שאַפט צו די בענטש־ליכט און וויסן טישטוך פון פרייטיק־צו־נאַכטס, אָבער דאָס אַלץ איז געבליבן אויפבליצן פון מאָמענטאַלע שטימונגען, פון מהיכא־תיתי־צוטשעפּענישן צו דער הויפּט־פּראָגראַם פון סתם סאָ־ציאַליזם, פון סאָציאַליזם ניט דווקא אין אַ אידישער סביבה, נאָר אָבי סאָ־ציאַליזם. סאָציאַליזם איבער אַלעס! מיט אידישע אַרבעטער, מהיכא־תיתי — אָן אידישע אַרבעטער אָבער איז אויך גוט! וועגן אידישן פאָלק, וואָס דאַרף זיין יענע נאַציאָנאַלע ראַם, אין וועלכער דער אידישער אַרבעטער־קלאַס זאָל שמידן און בויען די נייע סאָציאַליסטישע וועלט; וועגן אַ אידי־שער סביבה, וואָס זאָל זיין די נייע באַפרייטע אידישע וועלט אין דער משפחה פון באַפרייטע פעלקער — וועגן די דאָזיקע אַלע „שאָוויניסטישע" זאַכן האָט מען זיך דאָרטן קיינמאָל ניט נאָר שטאַרק ניט געזאָרגט, נאָר אַפילו ניט פאַרטראַכט.

האָט די דאָזיקע באַוועגונג געוויס געשאַפן זייער און זייער גוטע רע־וואָלוציאָנערן, נאָך בעסערע סאָציאַליסטן, אָבער שלעכטע, ביז גאָר שלעכ־טע אידן. ווי דאָס האָט געקאָנט טרעפן און וואָס זיינען די סיבות פון דער דאָזיקער טרויעריקער דערשיינונג, וועלכע מען טאָר ניט און מען זאָל ניט אָוועקמאַכן מיט דער האַנט — וועגן דעם מוזן געמאַכט ווערן גאָר ערנסטע און גרינטלעכע פאָרשונגען; פאָרשונגען ניט אַזוי פון דער באַוועגונג, ווי פון דער פאַרקריפּלטער אידישער ווירקלעכקייט, וועלכע האָט דאָך אויפ־גענומען און איינגעבירגערט אַזאַ באַוועגונג.

אויך די פראַגע, אויף וויפיל די דאָזיקע באַוועגונג האָט סטיכיש באַ־רייכערט און באַפרוכפּערט דאָס אידישע לעבן און אויף וויפיל זי האָט שאָדן געבראַכט מיט אָפּרייסן גרויסע טיילן פון אַקטיוויסטן און שעפע־רישסטן טייל פון אידישן פאָלק פון יענע נאַציאָנאַלע אויפגאַבן, וועלכע האָבן זיך געשטעלט פאַר אַ ציל ניט סתם סאָציאַליזם אַלס אַ זעלבסט־ווערט און זעלבסט־ציל, נאָר סאָציאַליזם פאַרן אידישן פאָלק, סאָציאַליזם אין אַ נייער, באַנייטער, זעלבסטשטענדיקער און אייגענער פרייער אי־דישער סביבה — אויך די דאָזיקע פראַגע דאַרף ערשט געפאָרשט און שטודירט ווערן.

די בעסטע און בפֿירושדיקסטע אילוסטראַציע צו דעם אַלעם נאָר וואָס
געזאָגטן איז די קאָנפֿערענץ פֿון דער דאָזיקער אידישער סאָציאַליסטישער
באַוועגונג אין לאָדזש אין יוני חודש, 1945 — אין לאָדזש אין יוני, 1945,
לכן אויף די טויזנטער קברים פֿון די אין פּוילן באַגראָבענע פֿינף מיליאָן
אידן; אויף די חורבות פֿון די אידישע מאַטעריעלע און גייסטיקע גיטער
פֿונם גאַנצן אייראָפּייאישן אידנטום; אין אַ שטאָט פֿון אַ לאַנד, וואו די
ניט־אידישע באַפֿעלקערונג האָט גענומען אַ גאַר אַקטיוון אַנטייל אין דער
אויסמאָרדונג פֿון מיליאָנען אידן; וואו די אידישע קאַמפֿן און אויפֿשטאַנדן
קעגן אַ פֿון קאָפּ ביז די פֿיס באַוואָפֿנטן מערדער־מאָנסטער זיינען פֿאָרגע־
קומען אין בעסטן פֿאַל אין אַ נייטראַלער סביבה, אָבער גאַנץ אָפֿט אין אַ
פֿיינטלעכער סביבה; אין אַ לאַנד, וואו פֿון העכער אַ מיליאָן אידישע קינ־
דער האָט זיך ניט איינגעגעבן צו ראַטעווען דורך באַהאַלטן ביי קריסטן
ווי אין פֿילע אַנדערע לענדער, אַפֿילו קיין צען טויזנט; הכלל אין פּוילן־
לאַנד, וואוהין די לעבן־געבליבענע אידן פֿון די דייטשע לאַגערן ווילן זיך
ניט אומקערן און פֿון וואַנען ס'לויפֿן יעדן טאָג הונדערטער אידן צו ראַ־
טעווען דאָס לעבן זייערס. און דאָס איז געווען דער ערשטער צוזאַמענ־
קום פֿון אידישע סאָציאַליסטן נאָך דער אַל־אידישער קאַטאַסטראָפֿע, נאָך
דער פֿיזישער פֿאַרניכטונג פֿון 80 אָדער 90 פּראָצענט פֿון אידישן אַרבע־
טער־קלאַס אין אייראָפּע בכלל און פֿון ניט קיין קלענערן, אויב ניט קיין
גרעסערן פּראָצענט פֿון אידישן פּראָלעטאַרישן אַוואַנגאַרד; אין אַ צייט ווען
די דעלעגאַטן זיינען געווען געצוואונגען מודה צו זיין, אַז „אויפֿן גרונט
פֿון דעם הערשנדיקן אָפֿענעם אָדער פֿאַרבאָרגענעם אַנטיסעמיטיזם און
לסוף אויפֿן גרונט פֿון מאַנגל פֿון פּערזענלעכער זיכערקייט פֿאַר אידן זיי־
נען ביי אַ טייל פֿון דער לעבן־געבליבענער אידישער באַפֿעלקערונג אויס־
געוואַקסן שטימונגען פֿון אַפּאַטיע און רעזיגנאַציע פֿון יעדן מין קאַמף;
ס'איז אויסגעוואָקסן דער ווילן צו עמיגרירן און צו אַנטלויפֿן פֿון דער
שטיקנדיקער אַנטיסעמיטישער אַטמאָספֿער”; און אַז „אין פּוילן הערשט
און ווערט אַפֿילו אפֿשר נאָך שטאַרקער די אַטמאָספֿער פֿון אַנטיסעמיטיזם;
די אַטמאָספֿער פֿאַרסמט דאָס לעבן פֿון די רעשטלעך אידישער באַפֿעלקע־
רונג און עס טרעפֿן זיך אָפֿט פֿאַלן פֿון מאָרדן אידן, פֿון פֿאַרטרייבן אידן
פֿון די קלענערע שטעט און שטעטלעך און דאָס אַלץ רופֿט אַרויס אַן אומ־
זיכערקייט און די אידישע באַפֿעלקערונג פֿילט זיך באַדראָט אין איר עק־
זיסטענץ גופֿא” — אין אַזאַ צייט און אין אַזאַ לאַנד איז פֿאָרגעקומען די
ערשטע קאָנפֿערענץ פֿון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, וועלכע מיר
האָבן ביז איצט באַשריבן.

און אויף אַזאַ קאָנפֿערענץ, אין אַזאַ היסטאָרישן מאָמענט און אין אַזאַ
אידישן קברים־לאַנד איז קיין איין וואָרט ניט געזאָגט געוואָרן וועגן דער

טראַגעדיע פֿון אידישן פֿאָלק; וועגן דער נייער סיטואַציע, וואָס האָט זיך בכלל געשאַפֿן פֿאַרן קיום פֿון אידישן פֿאָלק; קיין איין וואָרט ניט אָבער אויך וועגן פוילישן אידנטום, אַלס אַ נאַציאָנאַלן קיבוץ, אַלס אַ קאָלעקטיוון איינס מיט נאַציאָנאַלע אַספּיראַציעס און האָפֿענונגען; קיין איין וואָרט ניט וועגן אידישע שולן און וועגן אַנדערער אידישער קולטור־אַרבעט; קיין איין פּיפּס ניט וועגן דער פֿראַגע, צי קאָן אַ ציבור פֿון הונדערט אָדער צוויי הונדערט טויזנט אידן אין אַן איינהייטלעכן נאַציאָנאַל־פּוילישן ים פֿון 23 מיליאָן נפֿשות בכלל טראַכטן אָדער האָפֿן אויף נאַציאָנאַלע לעבנס־פֿאָרמען, אויף נאַציאָנאַלע קולטור־פֿאָרמען; קיין איין רמז ניט אויף ספּעציפֿישע אידישע וויטיקן; קיין איין וואונק אַפֿילו ניט אויף נייע שאלות און קשיות אין צוזאַמענהאַנג מיט אַ קאַטאַסטראָפֿע, וואָס האָט ניט איר גלייכן אין דער געשיכטע פֿון קיין שום פֿאָלק; קיין ריר ניט פֿון ספֿיקות אין די אַנגענומענע אמתן פֿון פֿאַר דער שחיטה פֿון זעקס מיליאָן אידן לעיני־כּל־הפֿעלקער; אַ שחיטה, אין וועלכער ס׳האָבן זיך באַטייליקט צענדליקער טויזנטער מענטשן פֿון אַלע קלאַסן פֿון העכער צען פֿעלקער; אַ שחיטה, אין וועלכער ס׳האָבן געוויס געהאַט אַ גענוג פֿעטן חלק ניט ווייניק אַרבעטער פֿון צען פֿעלקער און אפֿשר נאָך גאָר אַפֿילו אָרגאַניזירטע סאָציאַליסטישע אַרבעטער — הכּלל, אויסגעהאַלטן הונדערט פּראָצענט דעם עקזאַמען און זיך ניט געלאָזט אַראָפּפֿירן דורך די זעקס מיליאָן קברים־אידן פֿון „אינטערנאַציאָנאַלן”, ריכטיקער, פֿון נאַציאָנאַל־פּוילישן וועג!

וואָרים מען האָט ניט נאָר מיט גרויס שמחה פֿעסטגעשטעלט „אַ פֿאַרשאַרפֿונג פֿון די קלאַסן־קעגנזאַצן און אַז אין אַלע לענדער גרייכט דער אַרבעטער־און פּויערים־קלאַס נאָך דער מאַכט און קעמפֿט פֿאַר אַן ענדערונג פֿון דער געזעלשאַפֿטלעכער אָרדענונג”, נאָר מען האָט אויך נאָך מיט פֿיל גרעסערער פֿרייד פֿעסטגעשטעלט, אַז „סיי די אידן, וואָס האָבן געלעבט אינם סאָוועטן־פֿאַרבאַנד, ווייט פֿון דער היים און אין בענקשאַפֿט נאָך פּוילן ווי נאָך דעם אייגענעם פֿאַטערלאַנד, סיי די, וואָס האָבן אין לאַנד גופֿא דורכגעלעבט דעם היטלערישן גיהנם, האָבן טיף דורכגעטראַכט אַלע פּראָבלעמען, וועלכע זיינען פֿאַרבונדן מיט פּוילנס באַפֿרייאונג, מיטן ווידערגעבורט פֿון פּוילן ווי אַן אומאָפּהענגיקע זעלבסטשטענדיקע מלוכה”. אַלזאָ, ליגנדיק באַהאַלטן אין קעלערס, אין וועלדער, אַרבעטנדיק אין אַ פֿאַבריק אין סווערדלאָווסק אָדער אין אַ דאָרף אין קאַזאַקסטאַן אָדער אוזבעקיסטאַן האָבן אידישע אַרבעטער ניט געהאַט קיין אַנדערע דאגות ווי גאָר דאָס פּוילישע „פֿאַטערלאַנד” און די וואָס גיכערע באַפֿרייאונג פֿון פּוילן ווי אַ זעלבסטשטענדיקע מלוכה! וואָס מיר יאָ אידישע אַרבעטער אָדער ניט־אידישע אַרבעטער?! וואָס מיר יאָ אַ אידישע

סביבה אָדער ניט אַ אידישע סביבה!? וואָס מיר יאָ אידיש פֿאָלק, אָדער ניט אידיש פֿאָלק!? דאָס זיינען ניט צווייטגראַדיקע אָדער דריטגראַדיקע, נאָר צען־גראַדיקע פֿראַגן! (אַלע געבראַכטע ציטאַטן זיינען גענומען פֿון „אונזער צייט״, 9-10, 1945, ז׳. 10-15 — צעשפּרייט אומעטום פֿון מיר — י. ל.).

די צווייטע אידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג, די שטילערע, די אינטימערע, די אין זיך קאָנצענטרירטע, האָט אויך אַ סך געלערנט און אָפּגעלערנט פֿון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג און באַזונדערס אַ סך פֿון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, ביי וועלכער זי האָט גענומען ניט נאָר אַבסטראַקטע תּורה און וויסן, נאָר אַ סך וויכטיקערע זאַכן, ווי למשל, דעם מאָראַליש־פֿאָלקישן צוגאַנג צו דער באַפֿרייאונגס־באַוועגונג, דאָס גיין אין פֿאָלק און לעבן מיטן פֿאָלק און דער פּרינציפּ פֿון „המדבר ומקיים״. אָבער איר אמתן תּוך, איר גרונט־נשמה, איר הויפּט־אמונה, אירע עיקר־צילן און שטרעבונגען האָט זי געשעפּט פֿון דער גוט און גרינטלעך דורכגעטראַכטער און דורכגעלעבטער אידישער ווירקלעכקייט אין ענגן און אינטימען צוזאַמענהאַנג מיט דער גאַנצער אידישער פֿאַרגאַנגנהייט און באַזונדערס מיט די רעוואָלוציאָנערע קאַמפֿן פֿון אידישן פֿאָלק פֿאַר מלוכהשער זעלבסטשטענדיקייט און אין אינטימסטער פֿאַרבינדונג מיט די גאולה־האָפֿענונגען פֿון אידישן פֿאָלק. פֿון סאַמע לכתּחילה אָן האָט זי געשטעלט די יסוד־פֿראַגע: וואו זאָל דער אידישער אַרבעטער־קלאַס אויפֿבויען די אידישע סאָציאַליסטישע פֿרייע געזעלשאַפֿט? וואו איז די אידישע סביבה, אין וועלכער דער באַפֿרייטער אידישער פּראָלעטאַריאַט וועט צעבינדן אַלע זיינע שעפֿערישע כּוחות און ווערן דער טרעגער פֿון די שאַפֿונג־כּוחות פֿון גאַנצן פֿאָלק? וואו איז דער אידישער פֿאָלק־באָדן, וועלכן ער זאָל צעאַקערן ווי אַ אידישן, כּדי אויף אים זאָלן וואַקסן אידישע זאַנגען און אויף זיינע בוימער זאָלן וואַקסן אידישע פֿרוכטן, ווי ס׳וואַקסן נאַציאָנאַלע פֿרוכטן אין די גאָרטנס פֿון צענדליקער פֿעלקער, פֿון פֿעלקער מיט אַ פֿיל אָרימערער פֿאַרגאַנגענהייט און מיט אַ סך אַ מאָגערערן גייסטיקן גיטער־פֿאַרמעגן? אונטער די שטערן פֿון וואָסערן הימל וועלן אידישע פּראָלעטאַרישע כּוחות ווערן רייכער און פֿרוכטבאַרער, שעפֿערישער און פֿאַרביקער און וועלן האָבן רעכט אויף איבערנעמען די דריי־טויזנט־יאָריקע געשיכטע פֿונם פֿאָלק־מאַרטירער, פֿונם פֿאָלק־שאַפֿער פֿון די העכסטע מאָראַלישע ווערטן פֿון דער מענשהייט? ווי שאַפֿט מען, לכן, ניט סתּם־סאָציאַליזם און ניט לאַנד־סאָציאַליזם, ווייל צופֿעליק געפֿינט זיך אין דעם מאָמענט גראָד אַ גרויסער און אַקטיווער טייל פֿון אידישן פֿאָלק ביי דער ווייסל; און ניט צענדליקער אידישע סאָציאַליזמען — ביי דער ווייסל, און ביים דניעפּער, און

ביים דונאַי, און אויף דער וואָלגאַ, און ביים האָדסאָן, און ביי צענדליקער נאָך אַנדערע טייכן, צו וועלכע דער פאַרשאָלטענער אידישער גלות־גורל האָט צופעליק געטריבן אידן, נאָר איין אידישן סאָציאַליזם אין אַ אידישער סביבה, אויף אַ אידישן באָדן און אונטער אַ פרייען אידישן הימל?

דער דאָזיקער שטראָם פון דער אידישער סאָציאַליסטישער באַוועג־גונג, וואָס האָט כוחות און באַגייסטערונג געזוכט נאָר אין זיך און נאָר אין דער אידישער פאַרגאַנגענהייט; וואָס האָט געלערנט פון מאַרקסן, אָבער פיל מער פון משה העס; וואָס האָט שטודירט פלעכאַנאָוון, אָבער פיל טיפער און פיל ערנסטער אחד־העמען און הערצלען — דער דאָזיקער אָרגאַניש פון דער אידישער ווירקלעכקייט און אידישער געשיכטע אַרויס־געוואַקסענער שטראָם האָט ניט באַטראַכט סאָציאַליזם, ווי אַ זעלבסט־צוועק, נאָר ווי אַ מיטל צו דער באַפרייאונג פונם מענשן. און קיין מענש קאָן ניט באַפרייט ווערן, אויב דאָס פאָלק, צו וועלכן ער געהערט, איז ניט פריי. מענש און פאָלק — יחיד און כלל זיינען אַ צווילינג, וואָס קאָנען ניט צעטיילט און ניט געטיילט ווערן. טעאָרעטיש, לאָגיש קאָן מען אַלץ חיבורן און חיסורן, כפלען און טיילן, אָבער אין לעבן איז יעדער יחיד אַ גליד פון אַ באַשטימטן נאַציאָנאַלן כלל, און איז מען ניט קיין איד, איז מען אַ דייטש אָדער אַ פראַנצויז, אַ רוס אָדער אַ פאָליאַק.

אלף־בית אמתן וואָס מען וואָלט זיך באַדאַרפט שעמען זיי איבערחזרן, אָבער אין אונזער משוגענער אידישער וועלט דאַרף מען זיך אויף גאָר ניט חידושן. און זאָל מען לכן מיר מוחל זיין נאָך איין באַנאַלן עלעמענ־טאַרן אמת — אין אַן אמת פרייער געזעלשאַפט, אפילו ניט אין קיין סאָ־ציאַליסטישער, וואו דער איד וועט עקאָנאָמיש אָרגאַניש אַריינוואַקסן אין דער אַרומיקער געזעלשאַפט און וועט ניט האָבן קיין איזאָלירטן אידישן עקאָנאָמישן פליגל; וואו דער איד וועט האָבן אַלע מעגלעכקייטן און שאַנסן אויסצונוצן זיינע אַקומולירטע פעאיקייטן און טאַלאַנטן און קיינער וועט אים ניט שטויסן און שטופן און ניט פּרוּוון אַרויסשטויסן און אַרויסשטופן; וואו לכן זיינע שאַפונג־פאָטענצן און זיינע טאַלאַנט־פליגל וועלן קאָנען אין יעדן גלות־לאַנד זיך פריי אַנטפלעקן און פליען ווי ברייט און הויך זיינע כוחות וועלן גלוסטן; וואו דער רעליגיעזער מאָמענט וועט שפּילן אַ צענט־גראַדיקע ראָלע אין לעבן פון מענשן און די וועלטלעכע קולטור וועט זיין דער נשמה־נערוו פון יעדן פרייען מענשן און די הויפּט־לופט פון זיין גייסטיקן אָטעמען; וואו לכן דער וועלטלעכער איד וועט קאָנען פולע הונדערט פראָצענט פריי און נשמה־באַקוועם נוצן אַלע אַלגעמיינע שטאָט־לעכע, שטאַטישע און געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס און וועט ניט זיין געצוואונגען ניט נאָר פיזיש, נאָר אויך גייסטיק־מאָראַליש זיך איזאָ־לירן אין אַ אידישן שפּיטאָל, אין אַ אידישן מושב־זקנים, אין אַ אידישן

קינדער־גאָרטן, אין אַ אידישער גמילות־חסדים קאַסע, אין אַ אידישן טורן־פאַראיין, אין אַ אידישן גאַכט־קלוב, אין אַ אידישן דאָקטוירים־ אָדער יו־ריסטן־פאַראיין, הכּלל וואו דער איד וועט ניט זיין געצוואונגען אויף אַ וועלכן ס'ניט איז אופן שאַפן אייגענע אינסטיטוציעס און לעבן איזאָ־לירט אין אַן אייגענער אַטמאָספער — אַט אין אַזאַ געזעלשאַפט איז אַסי־מילאַציע פון אַ מיעוט, פון אַ לאַנדלאָזן מיעוט און פון אַזאַ שיטערן און צו העכערע סאָציאַלע און גייסטיקע פּאָזיציעס שטרעבנדיקן מיעוט ווי דער אידישער, אַ נאַטור־זאַך, ממש אַ נאַטור־געזעץ. און סאָוועטן־לאַנד יוכיח!

דער נאַטירלעכער אויספיר מוז לכן זיין — אויפהערן צו זיין אַ מיעוט! נאָר אויף אַזאַ אופן קאָן מען שאַפן יענע אומבאַדינגט נויטיקע אידישע סביבה, אין וועלכער דער אידישער סאָציאַליסטישער מענש זאָל קאָנען קעמפן פאַר יענער נאַציאָנאַלער פרייהייט, אָן וועלכער דער אידי־שער מענש קאָן ניט ווערן פריי. אמתע פולע אידישע סביבה איז לכן מעגלעך נאָר ביי אַ אידישער מערהייט, ביי אַ אידישער גרויסער מער־הייט אין אַ לאַנד, אין אַן אייגן לאַנד, אין אַ נאַציאָנאַלן לאַנד.

קלאָר, אַז דער דאָזיקער אינטעגראַל־נאַציאָנאַלער שטראָם פון דער אידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג האָט געמוזט שטעלן אין צענטער פון די אויפגאַבן פון אידישן אַרבעטער־קלאַס דאָס שאַפן פון אַ אידישער מערהייט אין אַ לאַנד; דאָס שאַפן פון אַ נאַציאָנאַלער היים פאַרן אידישן סאָציאַליזם; דאָס שאַפן פון אַ לאַנד — באַדן פאַרן אידישן אַרבעטער, וואו ער זאָל קאָנען אַנטפּלעקן ניט נאָר זיינע סאָציאַלע שעפערישע כּוחות, נאָר אויך זיינע נאַציאָנאַלע פּאָטענצן. דער אידישער אַרבעטער־קלאַס, באַפליגלט מיט סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע אידעאַלן, זאָל מאַכן ביידע זיך קעגנזייטיק באַאיינפלוסן — די נאַציאָנאַלע היים זאָל פּאָליטיש און עקאָנאָ־מיש געבויט און אַנטוויקלט ווערן אויף די העכסטע סאָציאַלע יסודות, אויף די מעגלעכסט־פּראָגרעסיווע אין אַ וועלט, וואו דער קאַפּיטאַליזם הערשט נאָך; און דאָס סאָציאַלע לעבן אין דער נאַציאָנאַלער היים זאָל ווערן געפורעמט און געשטאַלטעט אין די מעגלעכסט־פּראָגרעסיווסטע נאַ־ציאָנאַלע פאָרמען.

2

קלאַסן־קאַמף און נאַציאָנאַלע האַרמאָניע

געשטעלט פאַר אַזעלכע גראַנדיעז־היסטאָרישע, ריין־פּאָזיטיווע און שעפערישע אויפגאַבעס, טיף־רעוואָלוציאָנערע, אָבער ניט אין נעגאַטיוון זין, אין זין פון צעברעכן און פאַרניכטן אַלטע לעבנס־פאָרמען און אָפּגע־לעבטע אינסטיטוציעס, נאָר אין זין פון אויפבויען אַ גאַנץ נייע נאַציאָנאַלע וועלט אויף גאַנץ נייע סאָציאַלע יסודות, איז דער אידישער אַרבעטער־

קלאַס געשטעלט געוואָרן פֿאַר אַ רייע פּראָבלעמען פֿון אַ גאַנץ נייעם כאַראַקטער, וועלכער איז גאָר ניט בנמצא אינם לעבן פֿון וועלכן ס׳ניט איז אַנדערן פּראָלעטאַריאַט. דאָ האָט מען געמוזט אַליין און מיט אַבסאָלוט אייגענע כּוחות אַלץ שאַפֿן פֿון ס׳ניי — ניט יש מאין, אָבער יש פֿון גלות־חורבות, פֿון פֿיזישע און גייסטיקע חורבות, פֿון גלות־שערבלעך און גלות־ברעקלעך. מען האָט געמוזט שאַפֿן פֿון סאַמע אָנהויב ניט נאָר די אַפּאַראַטן אויף דורכצופֿירן די אַרבעט, נאָר אויך די גאַנצע אידעאָלאָגיע, דעם גאַנצן נייעם סינטעז צווישן דער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער באַפֿרייאונג; דעם גאַנץ נייעם סינטעז צווישן קלאַסן־קאַמף און נאַציאָנאַלער האַרמאָניע; דעם גאַנץ נייעם סינטעז צווישן סאָציאַליסטישער און נאַציאָנאַלער קולטור, צווישן רעליגיע און וועלטלעכקייט. געוויס זיינען די אַלע פּראָבלעמען נאָך ווייט ניט פֿאַרענטפֿערט און ניט אַלע וועגן און עקספּערימענטן זיי צו לייזן האָבן זיך אַרויסגעוויזן הונדערט פּראָצענט באַרעכטיקט און פֿאָלקאָם. אין פּראָצעס פֿון שאַפֿן ווערן געבוירן נייע פּלענער און נייע צופּאַסונגען, נייע געדאַנקען און נייע וועגן. אין אַלגעמיין אָבער קאָן מען זאָגן, אַז די דערפֿאָלגן זיינען קאָלאָסאַלע אויף ביידע געביטן — הן אין פּרט פֿון שאַפֿן אַ אידישע נאַציאָנאַלע סביבה, געבויט און באַפֿעסטיקט אויף אַ אידישער לאַנד־מערהייט, און הן אין פּרט פֿון פֿאַרלייגן די ערשטע פֿונדאַמענטן פֿון אַ געזעלשאַפֿט אָן עקספּלואַטאַטאָרן און אָן עקספּלואַטירטע.

עמיגראַציע פֿון גלות און איינוואַנדערונג אין אַן אייגן לאַנד אָדער אין דעם אייגענעם לאַנד זיינען, נאַטירלעך, געווען די התחלותדיקע גרונט־ און יסודות־פּראָבלעמען פֿון דער דאָזיקער אידישער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער באַפֿרייאונג־באַוועגונג. דערביי זיינען באַלד אויפֿגעשוואומען עטלעכע גרונט־אויפֿגאַבן, וועלכע זאָלן באַגלייטן און פֿורעמען די דאָזיקע ביידע פּראָצעסן, וואָס זיינען אין תּוך איינס — די אויסוואַנדערער־מאַסע האָט באַדאַרפֿט האַרמאָנירן מיט די הויכע צילן, וועלכע ס׳שטעלט זיך די איינוואַנדערונג: אַן אייגענע נאַציאָנאַלע געזעלשאַפֿט, אָבער אויף מעגלעך העכערע ווי אין גלות סאָציאַלע יסודות. דער נאַציאָנאַלער מאָמענט איז געוויס היסטאָריש נויטווענדיק און קאָלאָסאַל וויכטיק, אָבער ער זאָל ניט שטערן דעם סאָציאַלען שאַפֿונג־דראַנג פֿון יענעם טייל פֿון פֿאָלק, וואָס איז באַרופֿן צו שאַפֿן די נייע סאָציאַליסטישע געזעלשאַפֿט. דער סאָציאַליסטישער מאָמענט איז געוויס היסטאָריש באַרעכטיקט און ניט נאָר ער האַרמאָניזירט נאָר ער העלפֿט אין גאָר אַ גרויסער מאָס דעם עקאָנאָמישן דערפֿאָלג פֿון דער וואָס גיכערער און אינטענסיווערער נאַציאָנאַלער קאָנצענטראַציע אין אַן אייגענעם לאַנד, אָבער ער זאָל ניט פּריצייטיק זיך אַזוי צעשפּרייטן, אַז ער זאָל שטערן דעם קוואַנטיטאַטיוון וואוקס פֿון דער נאַציאָנאַלער היים.

די דאָזיקע האַרמאָניע פֿון צוזאַמענאַרבעט און די זעלבסט־באַגרעניצונג פֿון ביידע ויתרוצו־צדדים זיינען טיילוויז באַוואוסטזיניק און נאָך מער אומבאַוואוסטזיניק געלייגט געוואָרן אין יסוד פֿון דער גאַנצער בוי־פּאָליטיק אין ארץ־ישראל און אויך אין דער סטאַדיע, וואָס קומט ערב דער איינוואַנדערונג — אין דער סטאַדיע פֿון אָפּקלייב און צוקלייב פֿון אויסוואַנדערער; אין דער סטאַדיע פֿון צוגרייטן און מכשיר זיין די קומענדיקע בויער פֿון דער נאַציאָנאַל און סאָציאַל נייער אידישער געזעלשאַפֿט.

מ׳איז געשטאַנען פֿאַר אַ קאָלאָניזאַציע־פּראָבלעם, וואָס האָט ניט קיין גלייכן צו זיך אין דער געשיכטע פֿון פֿעלקער. ביי אַ פֿאָלק, וואָס איז 2000 יאָר אָפּגעריסן פֿון לאַנדווירטשאַפֿט און פֿון פּאָליטישער זעלבסט־פֿאַרוואַלטונג, געפֿינען אָדער שאַפֿן די עלעמענטן וועלכע זאָלן זיין ניט נאָר פֿעאיק צו אַקערן און זייען און צו שווערער אַרבעט בכלל צוגעפּאַסט, נאָר וועלכע זאָלן נאָך זיין באַרופֿן צו לייגן די פֿונדאַמענטן פֿאַר אַ נייער אידישער אייגענער שטאַטלעכקייט און פֿאַר אַ נייער אידישער היים־קולטור. דאָס זיינען געווען די שווערסטע און די סאַמע אָפּגעפֿרעגטסטע אויפֿגאַבן — ס׳האָט זיך ווייניק געגלויבט, אַז אַ פֿאָלק, וואָס איז פֿיל הונדערטער יאָרן געוואוינט געוואָרן אויסצופֿילן אייניקע מערסטנטיילס שטאָטישע און פֿאַרמיטלערישע פֿונקציעס אין פֿרעמדעווירטשאַפֿט־אָרגאַניזמען, זאָל קאָנען ווערן ווירטשאַפֿטלעך פֿולער בעל־הבית ביי זיך און אויספֿילן אַבסאָלוט אַלע נויטיקע פֿונקציעס מיט אייגענע כּוחות. ניט ווייניקער ספֿיקות האָט אַרויסגערופֿן דער געדאַנק, אַז מיר וועלן זיין פֿעאיק צו שטאַטלעכער דיסציפּלין און צו מלוכה׳שער אָרגאַניזירטקייט. און אחרון אחרון, די סאַמע פּראָבלעמאַטישסטע אויפֿגאַבע: געפֿינען יעניקע פּאַסיקע שפּראַך־און־קולטור־פֿאָרמען, וואָס זאָלן אויסערלעך באַטייטן אַ ראַדיקאַלן, כמעט תהום־איבעררייס מיטן גלות און מיט זיין גאַנצער גלותדיקער ירושה־אָנשיכטונג פֿון שפּראַכן, מנהגים, געוואוינהייטן און זיטן, און אין טיפֿסטן תּוך, אין די טיפֿסטע נשמה־אָפּגרונטן זאָל דאָך די נייע געזעלשאַפֿט זיין ניט קיין צוריקקער צו יענעם פּונקט, וואו דער פֿאָדים פֿון דער איינהייטלעכער נאַציאָנאַלער שאַפֿונג איז איבערגעריסן געוואָרן, נאָר, פֿאַרקערט, די דאָזיקע נייע־באַנייטע אידישע געזעלשאַפֿט זאָל זיין אַן אָרגאַנישער המשך פֿון דער גאַנצער אידישער פֿאַרגאַנגענהייט, פֿון אַלע אירע פֿאַזעס און סטאַדיעס, אַ תּמצית־סך־הכּל פֿון די בעסטע און העכסטע אידישע ווערטן, וואו און ווען זיי זיינען ניט געשאַפֿן געוואָרן.

געוויס שטייען מיר ערשט ביים סאַמע אָנהויב פֿון דער פֿאַרענטפֿערונג פֿון די דאָזיקע באמת ריזיקע פּראָבלעמען און אויפֿגאַבן, אָבער מיר קאָנען זיך טרייסטן, אַז די התחלות־פֿונדאַמענטן און די גרויסע קאָנטורן זיינען פֿיל־צוזאָגנדיקע און דעם סוף־ציל אַנטשפּרעכנדיק.

צענדליקער יאָרן פֿון איינוואַנדערונג קיין ארץ־ישראל זיינען אַוועק מיט טאַפּן אין דער פֿינצטער, מיט שווימען אין אַ ים פֿון הויכע און דער־הויבענע געפֿילן און צילן, אָבער אָן אַ פּלאַן און אָן אַ קאָנקרעטער און קלאָרער פּראָגראַם פֿון דער נויטיקער פֿאַר־אַרבעט אין גלות, פֿון אַ פֿיזי־שער, פּסיכישער און גייסטיק־געזעלשאַפֿטלעכער הכשרה פֿון די קומענדיקע בויער פֿון דער נייער היים, און אָן אַ קלאָרער קאָלאָניזאַציע־פּראָגראַם, וואָס דאַרף פֿאַרווירקלעכן די אידעאַלן, וועלכע די איינוואַנדערער זאָלן מיט־ברענגען מיט זיך און אין זיך. ערשט די צווייטע עליה, די ערשטע סאָציאַ־ליסטיש־אידעאָלאָגיש באַוואָפֿנטע אַרבעטער־איינוואַנדערונג, האָט אָנגע־הויבן אָנצייכענען ראשי־פּרקים פֿון אַ פּראָגראַם, אָנצייכענען און עקספּע־רימענטירן, זוכן אויף באַשטימטע וועגן און אין אַ באַשטימטער ריכטונג, געפֿירט און רעגולירט פֿון גאַנץ באַשטימטע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע אי־דעאַלן, באַגייסטערט און אינספּירירט פֿון קלאָרע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע אידעאַלן און צילן. דער חלוצישער געדאַנק, וואָס זיינע הויפּט אני־מאמינס זיינען פֿאָלגנדיקע: פֿיזישע אַרבעט־הכשרה אין גלות און אַרבעט־קולט אין ארץ־ישראל; קאָלעקטיווע ווירטשאַפֿט־פֿאָרמען אין ארץ־ישראל און הכשרה צו קאָלעקטיווע לעבנס־פֿאָרמען שוין און נאָך אין גלות; אינדיווי־דועלע סאָציאַליסטישע מאָראַל תיכף ומיד און ניט וואַרטן ביז משיחס־צייטן און יחידישע נאַציאָנאַלע טריישאַפֿט און קרבן־גרייטקייט יומם ולילה — אַט דער דאָזיקער תמצית פֿון חלוצישן, רעוואָלוציאָנערן אידעאַל וואָס איז געבויט אויסשליסלעך אויף פֿאָזיטיווע מענטשן־גלגולים און אויף פֿאָזיטיווע מעשים, גענומען רייפֿן און יוירן באַלד נאָך דער ערשטער רוסישער רע־וואָלוציע אין 1905, אָבער קלאָרע און רייפֿע פֿאָרמען האָט ער אָנגענומען ערשט נאָך דער באַלפֿור־דעקלאַראַציע, וועלכע איז צוזאַמענגעפֿאַלן מיט דער צווייטער רוסישער רעוואָלוציע. און ס'איז גאָר קיין ספֿק ניט, אַז די לעצטע האָט געהאַט אַ גאָר גרויסע השפּעה אויפֿן סאָציאַליסטישן ציוניזם און לכן אויפֿן חלוצישן געדאַנק, אָבער ווי על־פּי־נס און עפּעס ווי פֿון דער השגחה געהיט זיינען פֿון די צעשטערערישע און צעברעכערישע טענדענצן פֿון דער צווייטער רוסישער רעוואָלוציע אָנגעשטעקט געוואָרן נאָר שמאָלע און שוואַכע צווייגלעך פֿונם סאָציאַליסטישן ציוניזם בעת דער וואָרצל פֿון דער דאָזיקער באַוועגונג איז געבליבן גאַנץ און געזונט, זויגנדיק פֿון דער רוסישער רעוואָלוציע נאָר באַגייסטערונג און אַקטיווקייט־גייסט.

פּראַקטיש האָט זיך געשטעלט די אויפֿגאַבע, ווי צוצוגרייטן פֿאַר ארץ־ישראל וואָס מער יונגע און געזונטע איינוואַנדערער, פֿיזיש טרעני̄רטע און געניטע אין אַרבעט און גייסטיק מוכן־ומזומנדיקע צו גיין אין די וועגן פֿון די החלוץ־אידעאַלן. די דערציאונג האָט לכן באַדאַרפֿט זיין אַ טאָפּלטע איינצייטיק: צוגרייטן פֿיזיש און מעגלעכערווייז אויך פֿאַכלעך די קומענ־

דיקע אויסוואַנדערער קיין ארץ־ישראל און איינפּלאַנצן אין זיי די נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע אידעאַלן אין אַזאַ מאָס, אַז זיי זאָלן ווערן זייער לעבנס־ציל און זייער לעבנס־וועג.

3

דער „החלוץ"־געדאַנק און זיין פֿאַרשפּרייטונג אין גלות

ס׳גייט ניט אַריין אין אונזער אויפֿגאַבע צו דערציילן דאָ די אויספֿירלעכע געשיכטע פֿונם „החלוץ" און זיין אַנטוויקלונג און פֿאַרשפּרייטונג כמעט איבער אַלע תּפֿוצות־ישראל. מיר וועלן זיך אויך זייער קורץ פֿאַרהאַלטן אויף דער ווירקונג פֿונם „החלוץ" אין די גלות־לענדער אין זין פֿון שאַפֿן פּאָזיציעס פֿאַר דער אידישער באַפֿעלקערונג אין אַרבעט־צווייגן, אין וועלכע אידן זיינען קיינמאָל ניט געווען באַטייליקט, און אויך אין פּרט פֿון הויבן דעם ווערט פֿון אַרבעט אין די אויגן פֿון ברייטע אידישע מאַסן.

דער מחבר פֿון דער דאָזיקער אַרבעט האָט געשריבן אין „אידישע עקאָנאָמיק", 1938 (העפֿט 4־3, ז׳. 109) פֿאָלגנדעס:

„אַז דער „החלוץ" האָט געשפּילט אַ רעוואָלוציאָניזירנדיקע ראָלע אין אידישן אַרבעט־לעבן, איז גאָר קיין ספֿק ניט. ער האָט געשאַפֿן דעם אַרבעט־אידעאַליזם. ער האָט אַרויסגעפֿירט דעם אידישן באַלעבאַטישן יונגן מענשן אין גאַס צו האַקן האָלץ און טראָגן שטיינער, ער האָט דאָס אידישע מיידל געשטעלט אין קיך אַרבעטן. אָבער פֿיל וויכטיקער איז, וואָס ער האָט געעפֿנט פֿאַר דער אידישער יוגנט די טויערן פֿון אַ סך פֿאַבריקן, וואוהין קיין איד האָט ניט געהאַט קיין דריסת־הרגל. אין גלאָזהוטעס, אין טאַרטאַקן, אין שטיין־האַקערייען, אין גרויסע מעטאַל־פֿאַבריקן האָבן אידן גאָר ניט אָדער זעלטן געאַרבעט. די חלוצים האָבן די ערשטע דערוויזן, אַז אידן טויגן פֿיזיש און פּסיכיש צו די שווערסטע אַרבעטן און אויך צו אַזעלכע, וואָס פֿאָדערן שטרענגע דיסציפּלין. אַ סך אידישע גרויסע פֿאַבריקאַנטן האָבן דורך די חלוצים ערשט זיך באַקענט מיט אידישער אַרבעט, און פֿון דעמאָלט אָן אַרבעטן ביי זיי אידישע אַרבעטער. אין דעם רוב פֿאַלן איז אינדיווידועל און איינציקווייז פּשוט אוממעגלעך געווען אָנצוקומען צו דער אַרבעט און נאָר אַדאַנק דעם קאָלעקטיוון כאַראַקטער פֿון דער חלוצ׳ישער אַרבעט, אַדאַנק זייער קאָלעקטיוון אחריות־געפֿיל, זייער אַרבעט־באַגייסטערונג איז מעגלעך געוואָרן גובר צו זיין יענע פֿילע מניעות און שטיינער, וואָס זיינען געלעגן אויפֿן וועג: אין דער ערשטער רייע די אייגענע פֿיזישע שוואַכקייט, די ניט־געוויינשאַפֿט און ניט־רירעוודיקייט ביי ריין־פֿיזישער אַרבעט; צווייטנס, די נעגאַטיווע, אין בעסטן פֿאַל סקעפּטישע באַציאונג פֿון פֿאַבריקאַנט צו אידישער אַרבעט; און דאָס לעצטע און דאָס וויכטיקסטע — די פֿיינטלעכע, אין בעסטן פֿאַל, די סקעפּטישע באַציאונג פֿונם ניט־אידישן אַרבעטער צום אידישן פּרעטענדענט אויף אַן אָרט אין דער פֿאַבריק, וואו מען האָט אים קיינמאָל ניט געזען. אין אַ סך פֿאַלן האָבן

די חלוצים אויף די הויפן פון גרויסע פאבריקן אויסגעפירט די שווערסטע און שמוציקסטע, די ערגסט באצאלטע ארבעט לאנגע חדשים, ביז זיי האבן געוואונען דעם צוטרוי פון דעם בעל־הבית און דעם דרך־ארץ פון די ניט־אידישע קאלעגן. און ערשט אויסגעהאלטן דעם עקזאמען ביי דער ניט קוואליפיצירטער ארבעט אויפן הויף האט זיך פאר זיי געעפנט די טיר פון דער פאבריק גופא".

ס'איז אינטערעסאנט צו ברענגען א טאבעלע, וועלכע וועט אונז קלאר אילוסטרירן ווי דער „החלוץ" אין פוילן האט געווירקט אויף דער פראפע־סיאנעלער סטרוקטור פון אידישע ארבעטער און ווי ער האט אריינגעצויגן קינדער פון קליינבירגערלעכע קרייזן אין פראצעס פון ארבעט.

טאבעלע 1. די באשעפטיקונג פון די קיבוצניקעס אין פוילן פאר זייער אנקומען אין די קיבוצים [1].

	באשעפטיקונג	אבס.	%
1)	גארניט געארבעט	2,848	38.2
2)	געארבעט ביי באקלייד	2,252	30.2
3)	געארבעט ביי בוי און האלץ	884	11.9
4)	ביי פארשידענע פאכן	1,063	14.1
5)	שווארצע ארבעט	416	5.6
	צוזאמען	7,463	100.0

און אט איז א צווייטע טאבעלע, וועלכע וועט אונז ווייזן ביי וועלכע ארבעטן די זעלבע קיבוצניקעס האבן אין משך פון איין יאר (פון 1טן אק־טאבער, 1935 ביזן 30טן סעפטעמבער, 1936) פארדינט קרוב צו דריי מיליאן גילדן (ארום 564.000 דאלאר לויט דעם דעמאלטדיקן קורס).

טאבעלע 2. די לוין־הכנסות פון די קיבוצניקעס לויט די ארבעט־קאטעגאריעס [2].

	ארבעט־קאטעגאריע	אבסאלוטע סומע געלט (אין גילדן)	%
1)	שווארצע ארבעט	856,550	28.9
2)	פאבריק־ארבעט	719,309	24.3
3)	טארטאקן	350,388	11.8
4)	שטוב־דינסט	339,142	11.5
5)	שניידעריי און שוסטעריי	262,666	8.8
6)	בוי־ארבעט און סטאלעריי	225,421	7.6
7)	לאנדווירטשאפט און גערטנעריי	71,527	2.4
8)	פארשידענע מלאכות	135,444	4.7
	צוזאמען	2,960,447	100.0

[1] הסתדרות „החלוץ" בפוילן, ההכשרה במספרים, חוברת ב׳, דף 12.
[2] דארטן.

די דאָזיקע צוויי טאַבעלעס ווייזן אונז, קודם־כּל, אַז אַרום 40 פּראָצענט פֿון חלוצים אין פּוילן זיינען געקומען פֿון קלײנבירגערלעכע פֿאַמיליעס, וואו זיי פֿלעגן פֿריערדיקע יאָרן זיצן און וואַרטן אויף דער חתונה און עפּעַ־נען אַ קראָם אָדער זיך לאָזן אַרומפֿאָרן אויף די ירידים. אַ פּאָר ציטאַטן פֿון אַ יוגנט־אַנקעטע, וועלכע איז ווינטער, 1937, דורכגעפֿירט געוואָרן פֿון דער עקאָנאָמיש־סטאַטיסטישער סעקציע פֿון ייִוואָ, וועלן אונז ווײַזן די שטימונג פֿון דער יוגנט צו יענער צייט אין פּוילן און וואָס פֿאַר אַ גוואַל־דיקע השפּעה די חלוצישע באַוועגונג האָט געהאַט אויף דער יוגנט פֿון די קלײנבירגערלעכע קרייזן, אין דער ווירקלעכקייט אויף דעם פּאָטענציעלן פּראָלעטאַריאַט.

פֿון ביכעווע (לובלינער גובערניע) האָט געשריבן דער קאָרעספּאָנ־דענט:

„די יוגנט זעט ניט פֿאַר זיך קיין שום פּערספּעקטיוו. מען איז דערי־בער נידערגעשלאָגן. די באַציאונג פֿון דער יוגנט צו אַרבעט איז זייער אַ פּאָזיטיווע. בעת דער עקזיסטענץ פֿון קיבוץ האָבן פֿיל אידישע יונגע לייט פֿון בירגערלעכע קרייזן פֿרייוויליק געהאָלפֿן ביי דער אַרבעט".

פֿון סולעיעוו (לאָדזשער וואָיעוו.) האָט דער קאָרעספּאָנדענט געשריבן:

„די גאַנצע יוגנט שטרעבט אויסצוואַנדערן. גאַנצע ניינציק פּראָצענט שטרעבט עולה צו זיין קיין ארץ ישראל. איבער דער קליינער צאָל סער־טיפֿיקאַטן איז די האָפֿענונג אַ קליינע און מען איז גרייט דערוויל צו עמיגרירן אַפֿילו צום צפֿון־ אָדער דרום־פֿאַליוס".

דער קאָרעספּאָנדענט פֿון טוטשין (וואָלין) האָט געשריבן:

„איין טרייסט און האָפֿענונג איז די יוגנט. אַ דאַנק דעם 'החלוץ' און טאַקע אויך איבער דער שלעכטער לאַגע האָט די יוגנט באַקומען גאָר אַן אַנדער באַציאונג צו אַרבעט" [3]

אַט די דאָזיקע בעל־הביתישע יוגנט, וועלכע האָט זיך אַריינגעגאָסן אין די רייען פֿון דעם „החלוץ", האָט געשפּילט גאָר אַ גרויסע ראָל אין דער גייס־טיקער דערציאונג פֿון די מיטגלידער. זי האָט געבראַכט מיט זיך אַ גרעסערן אידישן באַגאַזש פֿון וויסן, איז געקומען מער אָנגעלאָדן מיט תּורה און אויך מיט אַלגעמיינע ידיעות, און אין פּרט פֿון אַרבעט־קולט און אַרבעט־אידעַ־אַליזם איז זי אַבסאָלוט ניט אָפּגעשטאַנען פֿון דער יוגנט, וואָס איז געקו־מען פֿון דער בעל־מלאכישער און אַרבעטער־סביבה. אָפֿטמאָל זיינען די יוגנטלעכע פֿון די בירגערלעכע קרייזן געווען אַפֿילו פֿיל פֿאַנאַטישער און עקשנותדיקער ביים דורכפֿירן דעם גאַנצן פּראָגראַם פֿון „החלוץ" מיט אַלע סייגים און גדרים.

[3] אַלע נאָר וואָס געבראַכטע ציטאַטעס זיינען גענומען פֿון „יידישע עקאָנאָמיק", 1938, העפֿט 3—4, ז' 100.

לאָמיר פֿאַרזעצן דעם אַנאַליז פֿון די טאַבעלעס — מיר זעען ווייטער, אַז אַריבער דרייסיק פּראָצענט פֿון דער „החלוץ״־יוגנט איז געקומען פֿון שניידעריי, פֿון אַ טראַדיציאָנעל־אידישן פֿאַך, אָבער אַ שרעקלעך איבער־פֿולטן און איבערגעלאָדענעם מיט אַרבעט־כּוחות און לכן מיט אַרבעט־קאָנקורענץ. ביי שוואַרץ־אַרבייט זיינען פֿריער געווען פֿאַרנומען נאָר אַביסל מער פֿון פֿינף פּראָצענט. קיין פֿאַבריק־אַרבעטער, קיין לאַנדווירטשאַפֿט־לעכע אַרבעטער, קיין אידישע אַרבעטער ביי טאַרטאַקן און קיין דינסט־מיידלעך. ווארפֿן מיר אַ בליק אויף דער צווייטער טאַבעלע, זעען מיר, אַז דאָס וואָרט רעוואָלוציע איז ניט איבערטריבן. אַ פֿערטל פֿון די הכשרה׳־ניקעס זיינען געווען באַשעפֿטיקט ביי פֿאַבריק־אַרבעט; העכער אַ פֿערטל ביי שווערער שוואַרץ־אַרבעט; העכער 10 פּראָצענט זיינען געווען דינסט־מיידלעך; כּמעט 12 פּראָצענט האָבן געאַרבעט אין טאַרטאַקן, אַלזאָ ביי גאָר שווערער אַרבעט.

מען דאַרף ניט אָננעמען, אַז דער „החלוץ״ האָט געווירקט נאָר אויף זיינע מיטגלידער — זיין השפּעה איז געווען אַ סך, אַ סך אַ ברייטערע — די פּעריפֿעריע איז געווען גרויס, נאָר מען האָט די לעצטע יאָרן, אַ דאַנק דער באַגרענעצטער צאָל סערטיפֿיקאַטן, איינגעהאַלטן דעם צושטראָם פֿון מיטגלידער. אין דייטשלאַנד און עסטרייך איז דער „החלוץ״ באַשטאַנען פֿון העכער 80 אָדער 90 פּראָצענט פֿון בירגערלעכער יוגנט. און אַן דער הכשרה איז בכלל זיך גאָר שווער פֿאַרצושטעלן די איינוואַנדערונג פֿון דער דייטש־אידישער יוגנט קיין ארץ ישראל.

4

דער וואוקס פֿונם „החלוץ״ ערב דער מלחמה־קאַטאַסטראָפֿע

מיר האָבן שוין העכער באַמערקט, אַז ס׳איז כּמעט ניטאָ קיין אידישער ישוב איצט, וואו ס׳זאָל ניט זיין דער „החלוץ״ און אַלס זיין גייסט־באַגלייטערין די הכשרה. אָט ווי ס׳איז געוואַקסן פֿאַר דער מלחמה דער וועלט־„החלוץ״. די צאָל מיטגלידער האָט באַטראָפֿן:[4]

1)	אין 1928	8,130
2)	„ 1929	11,240
3)	„ 1930	23,020
4)	„ 1933	83,200
5)	„ 1935	89,500

[4] אַלע צאָלן וועגן דער חלוצישער וועלט־באַוועגונג און וועגן חלוצים אין ארץ־ישראל זיינען גענומען פֿון בוך, „ספר החלוץ״, ירושלים ת״ש.

אין איינע זיבן יאָר אַ פֿאַרגרעסערונג עלף מאָל! אַרום 1938 האָט די צאָל מיטגלידער דערגרייכט ביז אַריבער 100 טויזנט. רעכנט מען די אַלע, וועלכע זיינען אויסגעוואַנדערט אָדער געבליבן אין גלות, גאָר אַרויס־געטראָטן פֿון דער אָרגאַניזאַציע צוליב וועלכער ס׳ניט איז סיבה, מערסטנ־טיילס צוליב דער אוממעגלעכקייט צו באַקומען אַ סערטיפֿיקאַט, מוז מען קומען צום שלוס, אַז די „החלוץ״־שולע זיינען דורכגעגאַנגען ניט ווייניקער פֿון צוויי הונדערט טויזנט אידישע יוגנטלעכע אינם עלטער פֿון 18 ביז 24 יאָר. ס׳איז דורך עטלעכע ציילונגען פֿעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז צווישן די איינוואַנדערער קיין ארץ ישראל מיט אַרבעטער־סערטיפֿיקאַטן האָבן די חלוצים אויסגעמאַכט פֿון 40 ביז 45 פּראָצענט. פֿון 1919 ביז 1943 האָבן איינגעוואַנדערט קיין ארץ ישראל 145,941 אַרבעטער, פֿון זיי זיי־נען אַלזאָ געווען פֿון 60 ביז 70 טויזנט חלוצים. פֿון 1930 ביז יוני 1933 האָבן איינגעוואַנדערט קיין א״י, 71,391 אַרבעטער, און פֿון זיי זיינען געווען חלוצים 33,809, אָדער 47.3%. ס׳זיינען געווען איינצלנע יאָרן ווען די חלוצים האָבן אויסגעמאַכט נאָך אַ גרעסערן פּראָצענט פֿון אַלע אַרבע־טער־איינוואַנדערער. אין יאָר 1931 האָבן די חלוצים אויסגעמאַכט העכער 84% פֿון אַלע אַרבעטער־איינוואַנדערער קיין ארץ ישראל. אינם דאָזיקן יאָר איז בכלל געווען אַ גאָר קליינע איינוואַנדערונג — ס׳איז דאָך געווען די צייט פֿון נאָך דעם שווערן קריזיס פֿון סוף פֿון די 20ער יאָרן און נאָך די אומאָרדענונגען אין 1929, אָבער די חלוצישע איינוואַנדערונג האָט זיך קיינמאָל ניט אָפּגעשטעלט. חלוצים האָבן זיך ניט גערעכנט ניט מיט אַראַבישע אָנפֿאַלן און אויך ניט מיט עקאָנאָמישע קריזיסן.

ניט אַלע חלוצים זיינען געווען אין דער הכשרה. אין די לעצטע יאָרן פֿאַר דער מלחמה זיינען געווען אין הכשרה אַרום אַ פֿערטל פֿון אַלע „החלוץ״ מיטגלידער. רעכענען מיר, אַז אין גאַנצן זיינען דורכגעגאַנגען די „החלוץ״־שולע אַרום 200 טויזנט אידישע יוגנטלעכע, קאָן מען אָננעמען, אַז הכשרה זיינען דורכגעגאַנגען אַרום פֿופֿציק טויזנט יוגנטלעכע. דאָס איז אַ גאַנץ גרויסע מאַסע, וועלכע האָט געוויס געהאַט אַ גאָר גרויסע השפּעה ניט נאָר אויפֿן כאַראַקטער פֿון דער איינוואַנדערונג קיין ארץ ישראל, נאָר אויף דער גאַנצער ווירטשאַפֿטלעכער און גייסטיקער אַנטוויקלונג פֿון ישוב — דאָס זיינען דאָך געווען אין דער ווירקלעכקייט אידישע אידעאַליס־טישע קאָלאָניזאַציע־סאָלדאַטן, וועלכע זיינען געקומען קיין ארץ ישראל צו דינען דעם ציוניסטיש־סאָציאַליסטישן אידעאַל. און זיי האָבן דעם עקזאַ־מען אויסגעהאַלטן!

נעמט מען דעם גאַנצן אַרבעטער־קיבוץ פֿון ארץ ישראל (1938), באַ־קומט מען פֿאָלגנדיקע אינטערעסאַנטע דאַטעס: פֿון אַלע אַרבעטער זיינען

געוועזן אין „החלוץ" 42.7% און אין הכשרה 27.3%, אָבער פֿון די לאַנד־ווירטשאַפֿטלעכע אַרבעטער זיינען געוועזן אין „החלוץ" 50% און אין הכשרה 37.1%. פֿון די שטאָטישע אַרבעטער זיינען געוועזן אין „החלוץ" נאָר 34.6%, אָבער פֿון די אַרבעטער פֿון די קאָלאָניעס 50.1% און פֿון די מיטגלידער פֿון די קבוצות גאַנצע 78.5%. קלאָר, אַז אין די נייע קאָלעקטיווע ווירטשאַפֿט־פֿאָרמען פֿון דער אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע, וועלכע האָבן געעפֿנט אַ ניי בלעטל אין דער געשיכטע פֿון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג בכלל, האָט אַ גאָר גרויסן חלק די דערציאונג אין די גלות־קיבוצים.

מיר פֿאַרמאָגן זייער אינטערעסאַנטע ידיעות וועגן די קיבוצים און זייער מיטגלידערשאַפֿט אין 1935 אין באַזונדערע לענדער.

טאַבעלע 3. די הכשרה־קיבוצים און זייערע מיטגלידער אין באַזונדערע לענדער (1935)

	לענדער	די צאָל קיבוצים	די צאָל חברים און חברות אינגלעך	מיידלעך	צוזאַמען
1)	פּוילן	554	10,376	7,315	17,691
2)	ליטע	149	1,479	1,601	3,080
3)	רומעניע	108	2,713	1,391	4,104
4)	טשעכאָסלאָוואַקיי	92	1,241	335	1,776
5)	דייטשלאַנד	60	2,600	1,300	3,900
6)	עסטרייך	38	465	147	612
7)	לעטלאַנד	24	404	360	764
8)	אונגאַרן	23	319	145	464
9)	בולגאַריען	20	144	81	225
10)	האָלאַנד	12	287	122	409
	צוזאַמען	1,080	20,028	12,997	33,025

די צוועלף האָלענדישע קיבוצים דאַרפֿן צוגערעכנט ווערן צו די דייטשע, ווייל דאָרטן האָבן זיך געלערנט אויסשליסלעך אידישע קינדער פֿון דייטשלאַנד. דאָס פּוילישע אידנטום אַליין האָט געהאַט העכער אַ העלפֿט פֿון אַלע קיבוצים און אויך העכער אַ העלפֿט מיטגלידער פֿון די קיבוצים. לויט דער צאָל קיבוצים קומט אויפֿן צווייטן פּלאַץ די קליינע ליטע מיט אירע סך הכּל 150 טויזנט אידן — 149 קיבוצים. לויט דער צאָל חברים קומט אָבער אויפֿן צווייטן אָרט רומעניע מיט העכער פֿיר טויזנט מיטגלידער. ווילן מיר באַקומען אַן אמתע פֿאָרשטעלונג וועגן דער הכשרה־אינטענסיווקייט ביי פֿאַרשיידענע אידישע ישובים, מוזן מיר אויסרעכענען די צאָל חברים און חברות אויף הונדערט טויזנט אידישע נפֿשות. מיר וועלן דעמאָלט באַקומען פֿאָלגנדיק בילד.

טאַבעלע 4. די צאָל הכשרה־מיטגלידער אויף 100 טויזנט אידן
אין פאַרשידענע לענדער (1935)

1)	ליטע	2,053
2)	דייטשלאַנד	1,075
3)	לעטלאַנד	821
4)	פוילן	544
5)	טשעכאָסלאָוואַקיי	508
6)	רומעניע	483
7)	בולגאַריע	450
8)	עסטרייך	331
9)	אונגאַרן	110
	אַלע לענדער צוזאַמען	575

די דאָזיקע טאַבעלע שטעלט פאַר מיט זיך אַ גאַנץ גרויסן אינטערעס— זי דעקט ערשט אויף די אמתע לאַגע אין פאַרשידענע לענדער. אויף דער אַנטוויקלונג פון דער הכשרה־אַרבעט האָבן געווירקט עטליכע פאַקטאָרן און אָפּט אין קעגנגעזעצטע ריכטונגען. אין דער ערשטער רייע קומט אין באַטראַכט דער דראַנג צו אויסוואַנדערונג. אָבער ס׳איז ניט גענוג, אַז ס׳זאָל זיין דער דראַנג צו אויסוואַנדערונג און אַלס פועל יוצא זאָל שוין קומען דער רצון זיך צוצוגרייטן צו ווידמען זיך פיזישער אַרבעט אין ארץ ישראל און לויט דער פּראָגראַם פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג. מען מוז נאָך פאַרמאָגן מיטלען אויף אינוועסטירן אין די קיבוצים און אויף צו דעקן די אומפאַרמיידלעכע דעפיציטן; און ס׳מוז נאָך זיין אַן אַנטוויקלטע באַוועגונג פון דער פאַרטיי, וועלכע זאָל אָנפירן מיט דער הכשרה־אַרבעט. אין די ערשטע צוויי לענדער — ליטע און דייטשלאַנד — האָבן די נאָר וואָס אויסגערעכנטע פאַקטאָרן אין פאַרשידענע פּראָפּאָרציעס געווירקט אין איין האַרמאָנישער ריכטונג — אין דייטשלאַנד איז געווען גינציקער די מאַטעריעלע לאַגע, אין ליטע מער די אַנטוויקלונג פונם ציוניסטיש־סאָציאַליסטישן געדאַנק. און מיר זעען, אַז ליטע פאַרנעמט לויט דער אינטענסיווקייט פון הכשרה דאָס ערשטע אָרט און דייטשלאַנד דאָס צווייטע. אין דייטשלאַנד איז דער דראַנג צו אויסוואַנדערונג געוויס געווען פיל שטאַרקער ווי אין ליטע, אָבער דער נאַציאָנאַלער און סאָציאַליסטישער באַוואוסטזיין שוואַכער. פוילן פאַרנעמט לויט דער הכשרה־אינטענסיווקייט נאָר דאָס פערטע אָרט. ווייסן מיר אָבער זייער גוט, אַז דער דראַנג צו אויסוואַנדערונג און דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוואוסטזיין האָבן דאָרטן געווירקט שטאַרק אין פּאָזיטיוון זין — ס׳האָבן אָבער געפעלט די מיטלען אויף צו אַנטוויקלען די הכשרה־טעטיקייט אין איר גאַנצן פאַרנעם.

די חברות האָבן אויסגעמאַכט 40 פּראָצענט פון אַלע הכשרה־מיטגלידער, אָבער אין ליטע און נאָר אין דעם איינעם לאַנד האָט דער אַנטייל פון

חברות איבערגעוואויגן דעם אַנטייל פֿון אינגלענד — אין ליטע האָבן די מיידלעך אויסגעמאַכט 52 פּראָצענט פֿון אַלע הכשרה־מיטגלידער.

מיר האָבן געבראַכט ידיעות וועגן הכשרה־קיבוצים אין צען לענדער — אין זעלבן יאָר 1935 זיינען געווען חלוצים־אָרגאַניזאַציעס אין 23 לענדער: אין 15 אייראָפּעאישע לענדער; אין דריי אַזיאַטישע לענדער; אין פֿיר אַמעריקאַנישע לענדער און אין איין אַפֿריקאַניש לאַנד. שפּעטער זיינען צוגעקומען נאָך אָרגאַניזאַציעס אין אייניקע אַמעריקאַנער לענדער.

פֿון דער טאַבעלע, וועלכע מיר האָבן העכער געבראַכט, איז קלאָר, אַז דער צענטער פֿון דער חלוצישער און פֿון דער הכשרה־באַוועגונג איז געווען אין מזרח־אייראָפּע — פֿון אַרום 100 טויזנט חלוצים אין יאָר 1938 זיינען געווען 85 טויזנט אין די מזרח־אייראָפּעאישע לענדער (פּוילן, רומע־ניע, ליטע, לעטלאַנד, סלאָוואַקיע, קאַרפּאַטאָרוס און די פּראָווינץ פֿון אונ־גאַרן) און נאָר 15 פּראָצענט אין אַלע איבעריקע לענדער פֿון דער וועלט. און אויך דער צענטער פֿון דער הכשרה־אַרבעט איז געווען אין מזרח־אייראָפּע — פֿון 33 טויזנט הכשרהניקעס אין 1935 זיינען געווען אַרום 27 טויזנט אין די מזרח־אייראָפּעאישע לענדער — אַרום 82 פּראָצענט. אָבער ניט נאָר דער מענטשן־צענטער פֿון דער דאָזיקער באַוועגונג איז געווען אין מזרח־אייראָפּע — אויך דער נשמה־צענטער איז געווען דאָרטן, ווייל הורתה ולידתה פֿון דער באַוועגונג איז דאָך געווען דאָרטן.

האַרט פֿאַר דער מלחמה איז געשאַפֿן געוואָרן דער „העובד" — „האַרע־פּאַשניק", וועלכער האָט געשטרעבט צו אָרגאַניזירן די עלטערע עלעמענטן פֿון די זעלבסטשטענדיקע בעלי מלאכות און אויך פֿון קרעמערלעך און מכשיר זיין צו עליה. די דאָזיקע באַוועגונג האָט שוין ערב דער לעצטער מלחמה געהאַט אַרום 25 טויזנט מיטגלידער.

און זאָל נאָך צוגעגעבן ווערן, אַז אין 1933 איז געגרינדעט געוואָרן דער „החלוץ הצעיר", וועלכער האָט אַריינגעצויגן אין דער באַוועגונג דעם אינגסטן אידישן דור — פֿון 12 ביז 16 יאָר. פֿאַר דער מלחמה האָט שוין די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע געהאַט 121 גרופּעס מיט העכער פֿיר טויזנט מיטגלידער. זי איז געגרינדעט געוואָרן אין פּוילן און האָט זיך זייער גיך גוט אָנגענומען און האָט געהאַט גרויסע שאַנסן אויף צו אַנטוויקלען איר טעטיקייט אין אַלע מזרח־אייראָפּעאישע לענדער, אָבער רבות מחשבות בלב איש...

5

די ראָל פֿון ארץ ישראל אין די אידישע וואַנדערונגען פֿון לעצטן יאָרהונדערט

די חלוצישע באַוועגונג האָט געהאַט די גרעסטע השפּעה אויף אַלע זייטן פֿון דער ציוניסטישער קאָלאָניזאַציע און אין דער ערשטער רייע אויף

דער פּראָפעסיאָנעלער סטרוקטור פֿון דער איינוואַנדערער־מאַסע און אויף דער פּראָפעסיאָנעלער סטרוקטור פֿונם גאַנצן ישוב. לאָמיר פֿריער ברענגען איניקע אַלגעמיינע דאַטן וועגן דער איינוואַנדערונג קיין ארץ ישראל בכלל.

פֿאַר 105 יאָר — פֿון 1840 ביז 1945 — האָבן איינגעוואַנדערט קיין ארץ־ישראל אין רונדע ציפֿער אַרום 400 טויזנט אידן. דאָס איז אַקוראַט צען פּראָצענט פֿון דער אידישער וואַנדערער־מאַסע פֿאַר די זעלבע יאָרן. אינ־טערעסאַנט איז אָבער דער רעלאַטיווער אַנטייל פֿון דער ארץ ישראל־איינוואַנדערונג אין דער אידישער וועלט־וואַנדערונג אין פֿאַרשיידענע עפּאָ־כעס. באַזונדערס איז אינטערעסאַנט אַ פֿאַרגלייך צווישן ארץ ישראל, דעם דאָזיקן קוואַליטאַטיון צענטער פֿון אידישער איינוואַנדערונג, מיט די פֿאַר־איניקטע שטאַטן, דעם גרעסטן קוואַנטיטאַטיון צענטער פֿון אידישער איינוואַנדערונג.

דער פּראָצענטועלער אַנטייל אין דער אידישער איינוואַנדערונג:

	יאָרן	פֿון די פֿאַר' שטאַטן	פֿון ארץ־ישראל
(1	1840—1900	88.8	3.6
(2	1901—1925	80.4	3.6
(3	1926—1945	26.0	35.0
	1840—1945	71.0	10.0

די דאָזיקע קליינע דריי־שורותדיקע טאַבעלע לערנט אונז זייער אַ סך: ראשית, אַז די בכורה פֿון דער גרעסטער קוואַנטיטאַטיווער ראָלע אין דער אידישער וואַנדערונג איז אין די לעצטע טראַגישסטע יאָרן פֿון דער אידי־שער געשיכטע אַריבער פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן צו ארץ ישראל. די ארץ ישראל־איכות, וועלכע האָט אין איר ערשטן פּעריאָד געמוזט זיין באַגרענעצט צו אַ קליינעם אויפֿנעם פֿון אידישע וואַנדערער, האָט דער־גרייכט אַזאַ הויכע מדרגה פֿון אַנטוויקלונג, אַז זי איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין כמות־קראַפֿט. אָבער די דאָזיקע עטלעכע קורצע שורות לערנען אונז נאָך עפּעס — די צוויי לענדער פֿון קוואַנטיטאַטיווער און קוואַליטאַטיווער קאָנצענטראַציע האָבן אין ערשטן צייט־אָפּשניט צוגענומען העכער 92 פּראָצענט פֿון אַלע אידישע וואַנדערער, און נאָר ווייניקער פֿון איין צוועלפֿטל פֿון אַלע אידישע וואַנדערער איז צעשפּרייט און צעוואָרפֿן געוואָרן איבער לענדער, וואו ס'האָבן געפֿעלט די מעגלעכקייט הן פֿון גרויסער קוואַנטיטאַ־טיווער און הן פֿון באַדייטנדיקער קוואַליטאַטיווער קאָנצענטראַציע. אין צווייטן צייט־אָפּשניט — אין ערשטן פֿערטל פֿון לויפֿנדיקן יאָרהונדערט — איז שוין צעזייט געוואָרן איבער פֿיל לענדער איין זעקסטל פֿון אַלע אידישע וואַנדערער. און אין דער גאָר לעצטער צייט — פֿון 1926 ביז 1945 —

זיינען שוין צעברעקלט און צעוואָרפֿן געוואָרן איבער צענדליקער לענדער פֿון אַלע קאָנטינענטן און פֿון אַלע אינזלען און האַלב־אינזלען כּמעט גאַנצע 40 פּראָצענט פֿון אַלע אידישע וואַנדערער.

6
די השפּעה פֿון דער חלוצישער איינוואַנדערונג אויף דער פּיזיאָנאָמיע פֿון ישוב

די השפּעה פֿון דער אַרבעטער־איינוואַנדערונג בכלל און גאַנץ באַזונ־דערס פֿון דער חלוצישער איינוואַנדערונג אויף דער פּיזיאָנאָמיע פֿונם ישוב ווערט קלאָר ביי אַ פֿאַרגלייך פֿון די פּראָפֿעסיעס פֿון די אַרבעטער אין ארץ ישראל און זייערע עלטערן אין אויסלאַנד.

טאַבעלע 5. די פּראָפֿעסיאָנעלע סטרוקטור פֿון די אַרבעטער אין ארץ־ישראל און פֿון זייערע עלטערן אין אויסלאַנד (1937)[5].

באַשעפֿטיקונג	די עלטערן אין אויסלאַנד אַבס.	די עלטערן אין אויסלאַנד %	די אַרבעטער אין ארץ־ישראל אַבס.	די אַרבעטער אין ארץ־ישראל %
1) לאַנדווירטשאַפֿט	3,904	3.8	24,419	23.4
2) בוי	1,924	1.8	11,001	10.6
3) שווערע אינדוסטריע און קאָמוניקאַציע	8,984	8.5	22,626	21.6
4) האַנטווערק	7,834	7.5	7,863	7.5
5) הענדלער	50,105	48.2	—	—
6) פֿאַבריקאַנטן	2,398	2.3	—	—
7) פֿאַרשיידענע	28,973	27.9	338,213	36.9
צוזאַמען	104,122	100.0	104,122	100.0

דאָ האָבן מיר אַ וואונדערבאַרן שפּיגל, אין וועלכן מען קאָן זעען אין דער בולטסטער און בפֿירושדיקסטער פֿאָרם די גאַנצע איבערקערעניש, וואָס די קאָלאָניזאַציע אין ארץ ישראל פֿירט דורך אין ווירטשאַפֿטלעכן לעבן פֿון אידישן פֿאָלק. כּמעט אַ העלפֿט פֿון אַלע אַרבעטער אין ארץ ישראל שטאַמען פֿון אידישן האַנדל־קלאַס. דאָס זיינען געוויס קינדער פֿון יענע אידישע קליינע קרעמערלעך, וועלכע פֿלעגן דאָרן אין פּוילן, רומעניע, קאַרפּאַטאָרוס, סלאָוואַקיע, ליטע און לעטלאַנד און אַרויסקוקן אויף עטלעכע דאָלער פֿון אַן אַמעריקאַנער קרוב כּדי אויסצוקויפֿן אַ פּאַטענט אָדער אַריינ־באַקומען אַביסל פֿרישע סחורה אין קראָם. דאָס איז געווען דער קלעג־לעכסטער און טראַגישסטער קבצן־קלאַס ביים מזרח־אייראָפּייאישן אידנטום.

[5] דוד הורוביץ, הכלכלה הארצי ישראלית בהתפתחותה, תש"ד, ז. 150.

זיינע קינדער זיינען די בויער פֿון אַ ניי פֿאָלק אין ארץ ישראל — פֿון אַ ניי ווירטשאַפֿטלעך און באַנייט גייסטיק. די דאָזיקע קינדער פֿונם געפּאָ־לענסטן אידישן קלאַס זיינען געוואָרן מוכשר צו דער הויכער מיסיע אַ דאַנק דער חלוצישער באַוועגונג, אַ דאַנק דער פֿיזישער און גייסטיקער הכשרה.

ניט ווייניקער באַדייטנדיק און אינטערעסאַנט איז די ערשטע שורה — פֿון ווייניקער פֿון פֿיר פּראָצענט באַשעפֿטיקטע ביי לאַנדווירטשאַפֿט איז געוואָרן העכער 23 פּראָצענט — זעקס מאָל מער! אַרבעט איז וויכטיק, אָבער נאָך וויכטיקער איז די אַרבעט אויף אייגענעם באָדן — ברויט און מילך זאָלן אידן באַקומען פֿון זייערע אייגענע פֿעלדער און פֿון זייערע אייגענע קיה! פּרוכטן און פֿלייש ווידער פֿון אייגענעם גאָרטן און פֿון אייגענע האָדעוואַניעס!

*

מיר האָבן אויפֿגעדעקט נאָר אַ קליין ווינקעלע פֿונם פּרוזדור פֿון דער חלוצישער באַוועגונג — וועגן די אויפֿטואונגען און דערגרייכונגען פֿונם אינטעגראַלן, פֿון אידישן לעבן און אידישער געשיכטע אָרגאַניש אַרויס־געוואַקסענעם סאָציאַליסטישן ציוניזם אינם טרקלין פֿון אונזערע האָפֿע־נונגען, אַלזאָ אין ארץ־ישראל גופֿא, איז געוויס גענוג דערציילט גע־וואָרן אין אַנדערע אַרטיקלען.

ד. בן־גוריון

די עליה

— — — — אין קיין לאַנד פֿון דער וועלט — אויסער דאָרט וואו די אַרבעטער האָבן איבערגענומען די מאַכט — ליגט ניט אויף דער פּליי־צע פֿון אַרבעטער־קלאַס אַזאַ גרויסע און שווערע אחריות ווי די, וואָס ליגט אויף דער הסתדרות אין אונזער לאַנד. די הסתדרות קען זיך ניט באַגנוגענען בלויז מיט דער זאָרג פֿאַר אירע חברים און באַשעפֿטיקן זיך מיט זייערע טאָג־טעגלעכע נויטן. די היסטאָרישע השגחה האָט אַרויפֿ־געלייגט אויפֿן אידישן אַרבעטער־קלאַס אין ארץ־ישראל די אחריות פֿאַרן גורל פֿון דער עליה און דעם אויפֿבוי פֿון לאַנד — און דאָס באַשווערט באַזונדערס די לאַגע. די הסתדרות טאָר ניט טראַכטן אפֿילו אויף קיין איין רגע וועגן אויפֿהאַלטן און אָפּשטעלן די עליה אָדער אפֿילו וועגן איר צייט־ווייליקער פֿאַרקלענערונג. די כסדרדיקע, אומאויפֿהערלעכע עליה, וואָס ווערט אַלץ ברייטער און שטאַרקער — איז דער תמצית פֿון אונזער לעבן און זיין. אָן איר און מחוץ איר איז נישטאָ קיין האָפֿענונג, קיין יסוד און

קיין אַנשפּאַר פֿאַר אונזער קיום אין לאַנד, פֿאַר דער צוקונפֿט פֿון אונזער ישוב, פֿאַר אונזער טעטיקייט און השפּעה אין פֿאָלק.

די עליה איז דער מקור פֿון אונזער וואוקס ניט נאָר אין לאַנד, נאָר אויך אין אויסלאַנד, און יעדע שטערונג און אויפֿהאַלט פֿון דער עליה איז אַ סם־המות פֿאַר אונזער באַוועגונג אין דער גאַנצער וועלט. די עליה אונטער אַלע באַדינגונגען, אין אַלע צייטן, און טראָץ אַלע שטערונגען און שטרויכלונגען, טראָץ דער גאַנצער שווערער לאַגע און קריזיס אין לאַנד — איז די גזירה פֿון אונזער לעבן. . . .

ב. קאַצענעלסאָן

גאולה

די אַרבעטער־באַוועגונג אין ארץ־ישראל האָט נאָר איין ווילן: גאולה. אָבער דאָס איז ניט קיין צייטווייליקע גאולה — פֿון אַ קלאַס, פֿאָלק, פֿון אַ פּרט — נאָר דאָס איז די פֿולע גאולה, די אויסלייזונג פֿון גאַנצן מענטש אין זיין גאַנצן פֿאַרנעם.

די אידישע אַרבעטער־באַוועגונג אין גלות, וואָס איז אין איר גרויסן טייל געווען קעגנעריש צום ציוניזם, איז מיט צענדליקער יאָרן צוריק געקומען צום אידישן אַרבעטער, וועלכער האָט געלעבט אין דלות און הונגער און צו אים געזאָגט: באַפֿריי זיך, אָרגאַניזיר זיך. זי האָט אים געלערנט ווי מען פֿאַרקירצט דעם אַרבעטס־טאָג, ווי מען קעמפֿט פֿאַר בעסערע אַרבעטס־באַדינגונגען, אָבער מער פֿון דעם האָט זי ניט געלערנט. זי האָט ניט פֿאַרשטאַנען, אַז די לאַגע פֿון אידישן אַרבעטער איז שלעכט ניט נאָר דערפֿאַר ווייל די לאַגע פֿון יעדן אַרבעטער איז שלעכט — נאָר ווייל דער אידישער אַרבעטער געפֿינט זיך אין גלות און דער פּירוש פֿון גלות איז אויך — פּאָגראָמען, פֿאַרפֿאָלגונגען, באַדנלאָזיקייט, לופֿט־פּרנסות.

אין משך פֿון דורות איז דאָס אידישע פֿאָלק געווען אָפּגעריסן פֿון באָדן און פֿון פֿאַרשידענע אַרבעטן און זיך געמוזט באַנוגענען מיט אַ קליינער צאָל מלאכות. און ווען מען איז געקומען און אים געזאָגט: אָר־גאַניזיר זיך, סטרייק — האָט מען נאָך ניט געזאָגט אַלץ. זיינען געקו־קען אַנדערע צום יידישן יונגן מענטש און אים געזאָגט: זיי אַ פֿרייער מענטש, אומאָפּהענגיק. וואָס פֿאַר אַ שייכות האָסטו צו די דאגות פֿון פֿאָלק און צו די פֿראַגן פֿון קלאַס? דו ביסט יונג, געבילדעט, טראַכט וועגן דיר און דיין בילדונג. אויך אין זיי האָט די יוגנט ניט געזען קיין אויס־וועג, ווייל די לאַגע פֿון דער יוגנט און די ליידן פֿון דער יוגנט זיינען

געבונדן מיט די ליידן פון פאָלק. וואָס זאָל טאָן די יוגנט פון גלות ווען זי זעט ניט פאַר זיך קיין טעטיקייט, וואָס זאָל אויסלייזן זיך און דאָס פאָלק?

און דאָס איז דער סוד פון אונזער באַוועגונג: זי האָט פאַרבונדן די דאָזיקע אַלע זאַכן צוזאַמען מיט אַן אומצורייסבאַרן בונד. דער וואָס זוכט זיין באַפרייאונג, ווערט געפינען זיין וועג צו דער באַפרייאונג פון זיין פאָלק און צו דער באַפרייאונג פון דער מענטשהייט.

ווען אונזער באַוועגונג האָט געזען די אָרגאַניזאַציע פון די אַרבעטער אין רוסלאַנד, האָט זי זיך געפרעגט: איז דאָס דער וועג צו אונזער גאולה? אונזער וועג דאַרף טאַקע זיין אַ וועג פון אַרבעטער, אָבער דער־וויל שטעקן מיר נאָך אין די ווענט פון דער געטאָ. בקרוב וועלן מיר קו־מען צו אַ טעמפּן ווינקל, פון וואַנען מ׳וועט זיך ניט קאָנען רירן און גיין פאַראויס.

די אידישע מאַסן געפינען זיך אין געטאָ ווי די פיש אין אַ פאַס. אויב מיר וועלן ניט צעברעכן די פאַס וועלן מיר זיך דאָרט דערשטיקן. מיר האָבן געזען פאַר זיך די אידישע אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע. מיליאָנען פון אַרבעטער, פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, אַ פיל העכערן אַרבעטס־לוין — אָבער אויך דער אידישער אַרבעטער אין אַמעריקע איז ניט פול־שטענדיק פריי. די מאַשין צעמאָלט דעם אימיגראַנט ווי שטויב, זי פאַר־וואַנדלט אים אין אַ קליין שרייפּל פון אַ גרויסער מאַשין, אויך דער וועג פאַרזיכערט ניט קיין גאַנץ לעבן פאַר דעם אַרבעטער און פאַר דעם אידישן מענטש.

עס זיינען געווען מענטשן, וואָס האָבן ניט געפילט זיך פאַרבונדן מיטן פאָלק און מיט דער קולטור פון זייער פאָלק, וואָס האָבן געוואָלט מיט אַ לייכט הארץ אַלץ אויפטרייסלען. זיי האָבן געזאָגט: ווען די גאַנצע מענטשהייט וועט זיך באַפרייען, וועט אויך קומען די גאולה פאַר אידן. אָבער אונזער באַוועגונג האָט געוואוסט און געפילט מיט אַ טיפן געפיל, אַז מענטשן באַפרייען זיך ניט דורך נסים, קמיעות און צויבער־אַפּשפּרוכן; אַז קיין מענטש באַפרייט זיך ניט דורך דעם, וואָס אַן אַנדערער באַפרייט אים, נאָר דורכן באַפרייען זיך אַליין. ווען אונזער באַוועגונג האָט געזוכט פול־שטענדיקע גאולה, האָט זי זיך ניט געקענט האַלטן ביי די וועגן וואָס זי האָט געפונען פון פריער, נאָר זי האָט געמוזט געפינען אַ נייעם וועג דורך וועלכן עס זאָלן גיין די אויסגעלייזטע. און דער וועג פון פולער באַפרייאונג — איז דער וועג פון עליה.

דערפאַר זאָרגט אונזער באַוועגונג ניט נאָר פאַר יענע חברים וואָס זיינען שוין היינט אין דער הסתדרות. קעגן די אַלע וואָס זאָגן: לאָמיר זיך באַפּעסטיקן, לאָמיר אויפהויבן אונזערע אַרבעטס־באַדינגונגען און עס

וועט אונז ווערן בעסער — האָבן מיר זיך אַליין שטענדיק באַטראַכט ווי חלוצים, ווי די ערשטע וואָס גייען פֿאַר דער מחנה. הינטער אונז שטייען הונדערטער טויזנטער ברידער און שוועסטער, וואָס וואַרטן אויף גאולה. זיי וועלן קומען און צוזאַמען מיט אונז בויען דאָס ווערק.

עס זיינען דאָ פֿיל טייטשן צום וואָרט „עליה". עס איז דאָ אַן עליה אויף טרעפּ פֿון אַ לייטער, און ס'איז דאָ אַן עליה — דאָס גיין קיין ארץ־ישראל. דאָס גיין אין אַן אַנדער לאַנד רופֿן מיר וואַנדערונג; די באַוועגונג פֿון שיבת־ציון רופֿן מיר אַן עליה. דאָס איז אַן עליה פֿון גלות, פֿון אָפּגרונט, אַן עליה צום פֿאָטערלאַנד, צום לאַנד פֿון פֿרייהייט. דאָס איז אויך אַן עליה אין כמות — אַן עליה פֿון כח, פֿון גייסט, פֿון וויזיע, פֿון האָפֿענונגען, אַן עליה פֿון דעם קלאַס, פֿון דעם פֿאָלק, פֿון דעם יחיד.

ד ו ד   ב ן   ג ו ר י ו ן

די וויזיע פֿון ים

אונזער לאַנד איז אַ קליין לאַנד. — — — די גרעניצן פֿון לאַנד זיינען ניט געוואָרן פֿעסטגעשטעלט אין בריטישן מאַנדאַט, וואָס איז נאָר אַ צייטווייליקער דאָקומענט. די געשיכטע פֿון אונזער לאַנד, אונזער זיין אין לאַנד, אונזערע פֿאַרבינדונגען מיטן לאַנד, זיינען לכל־הפּחות מיט 3,500 יאָר עלטער פֿאַרן בריטישן מאַנדאַט און זיי וועלן פֿאַרבלייבן טויזנטער און צענער טויזנטער יאָר נאָך אים. אָבער אויך ארץ־ישראל אין אירע גרעניצן, ווי ס'האָט זיי אָנגעצייכנט די געשיכטע, איז אויך אַ קליין לאַנד. און מיר דאַרפֿן פּלאַץ פֿאַר יעדן איד, ניט נאָר פֿאַר די פּליטים, אַנטלאָפֿענע פֿון די נאַציס, ניט נאָר פֿאַר די אידן פֿון תימן, פּערסיע און טערקיי. מיר דאַרפֿן נאָך האָבן פּלאַץ אויך פֿאַר אַלע אידן פֿון אַמעריקע און פֿאַר די אידן פֿון סאָוועטן פֿאַרבאַנד, ווייל יעדער איד אין דער וועלט איז אין דער לאַגע פֿון אַ פּליט, אויב ניט היינט — איז מאָרגן, אויב ניט מאָרגן — איז איבערמאָרגן און אונזער אַרבעט איז אַן אַרבעט פֿאַר דורות.

מיר דאַרפֿן אויסברייטערן די גרעניצן פֿון לאַנד דורך פֿאַרגרעסערן איר פּרוכטבאַרקייט, דורכן מאַכן אויפֿבליען אירע וויסטענישן, דורכן אויפֿבויען די אינדוסטריע. אָבער דאָס אַלץ איז ניט גענוג. עס זיינען דאָ צוויי גרעניצן פֿאַר ארץ־ישראל, וואָס אַנטשפּרעכן ניט די פֿיזישע גרעניצן צו וועלכע מיר זיינען געוואוינט. דאָס איז די גרעניץ אין מערב און די גרעניץ אין דרום.

מיר האָבן גערעכנט, אַז דער ים־ברעג איז דער סוף פֿון לאַנד. דאָס איז, אָבער, אַ טעות. ווייטער פֿון ים־ברעג ציט זיך אויף אַ שטח פֿון הונדערטער, טויזנטער און צענער טויזנטער קילאָמעטער, אָן אַ סוף, דאָס ארץ־ישׂראל פֿון ים. אויך אין דרום — שטעלט ניט מיט זיך פֿאָר „אילת" די דרום גרעניץ פֿון לאַנד, נאָר דער אַריינגאַנג אין אידישן ים אין דער דרום־זייט.

מיר דאַרפֿן אויסברייטערן די גרעניצן פֿון לאַנד, ווייל מיר דאַרפֿן אויסברייטערן די אויפֿנאַמס־פֿעאיקייט פֿאַר מיליאָנען אידן, וואָס וועלן אַהער קומען פֿריער צי שפּעטער. ווייל דער ים מיינט, קודם־כּל, אַ גרויסע און וואַקסנדיקע מעגלעכקייט פֿון ווירטשאַפֿט און פּרנסה. עס איז דאָ אַזאַ זאַך ווי ים־לאַנדווירטשאַפֿט. די לאַנדווירטשאַפֿט שטעלט צו שפּייז און אויך דער ים שטעלט צו שפּייז און איז אפשר דער גרעסטער צושטעלער אין דער וועלט. עס איז דאָ אַ ים־טראַנספּאָרט און ער איז פֿון די וויכטיקסטע לעבנס־אָדערן און אפשר דער סאַמע וויכטיקסטער, אָבער דער ים אַליין איז נאָך וויכטיקער.

מיר קומען קיין ארץ־ישׂראל כּדי צו זיין זעלבסטשטענדיק, כּדי צו לעבן ניט אָפּהענגיק פֿון קיינעם. מיר קומען אויך געזונט מאַכן דעם אידישן שטאַם און דער ים איז, קודם־כּל, אַ קוואַל פֿון כּוח. דער ים ברייטערט אויס די האָריזאָנטן, דער ים עפֿנט ווייטע שטחים און דער ים פֿאַרבינדט אונז מיט דער גאַנצער וועלט. מיר ווילן צונויפֿזאַמלען די אַלע גלותן אין אונזער פֿאָטערלאַנד, אָבער מיר ווילן זיך ניט אָפּזונדערן פֿון די גרויסע צענטערן פֿון דער מענטשהייט. דער ים איז אונזער בריק צו זיי.

די צענטראַלע מיסיע פֿון אונזער דור, פֿון אונזער תּקופֿה, פֿאַר דער אידישער יוגנט, איז דאָס אויפֿשטעלן אַ אידישע מדינה. אַ אידישע מדינה וועט אַנטשטיין, אויב ס׳וועט זיין אידישע ערד און אַ אידישער ים.

ב. קאָצענעלסאָן

די ערן־פֿראַגע פֿון ציוניזם*

עס איז פֿאַראַן אַן עליה, וואָס מען רופֿט זי „אומלעגאַלע", אַלץ איז לעגאַל אין אָט דער לעגאַלער וועלט אונזערער: לעגאַלע רעגירונגען, לעגאַלע דעראָבערונגען, לעגאַלע דאָקומענטן, אַ לעגאַלער ברוך פֿון פֿאַרשפּרעכנס. בלויז די אידישע איינוואַנדערונג, אויפֿן יסוד פֿון דעם אַלטן מאַנדאַט פֿון יציאת־מצרים, איז ניט לעגאַל.

---

* פֿון אַ רעדע, געהאַלטן אויפֿן 21סטן ציוניסטישן קאָנגרעס, אין אויגוסט 1939, אַ פּאָר טעג פֿאַרן קריג־אויסברוך.

מיר זיינען לעצטנס געווען עדות פֿון אַ שטוינענדער זאַך: אין בריטישן פּאַרלאַמענט האָט מען גערעדט מיט טיפֿער סימפּאַטיע וועגן דעם דאָזיקן מאָדנעם ענין, וואָס הייסט אומלעגאַלע אימיגראַציע. און ניט נאָר די קולטור־וועלט וויזט אַרויס סימנים פֿון סימפּאַטיע פֿאַר אונזערע עולים און פּליטים — נאָר אויך דער ים סימפּאַטיזירט מיט זיי און האָט מיט זיי מיטגעליטן.

מיט עטלעכע חדשים צוריק איז צום ארץ־ישראלדיקן ברעג צוגעשוואומען אַ קליין שיפֿל, אין וועלכן עס האָבן זיך געפֿונען צוועלף עלטערע אידן פֿון דייטשלאַנד. אַ שיפֿל אָן אַ מאָטאָר און אָן דערפֿאַרענע מאַטראָזן. אַ קליינער שטורעם וואָלט דאָס שיפֿל געקענט איבערקערן און זינקען אין אָפּגרונט. וויפֿיל נסים זיינען זיי בייגעשטאַנען, אַז די פּליטים אויפֿן ים.

און אַט לייענען מיר וועגן פֿינף שיפֿלעך און בלויז איינס פֿון זיי, אַ מאָטאָר־שיפֿל, אין וועלכן עס זיינען געקומען 160 פּליטים, צווישן זיי טראַגנדיקע פֿרויען און דרייסיק קינדער. דרייסיק קילאָמעטער פֿון ברעג האָט זיי דער קאַפּיטאַן אַריינגעוואָרפֿן אין די שיפֿלעך און זיי גלאַט געלאָזט אויף גאָטס באַראָט. און דער ים האָט אויף זיי רחמנות געהאַט און האָט זיי געבראַכט צו אונזערע ברעגן.

... יעדער ציוניסט האָט דאָך געדאַרפֿט גליקלעך זיין, וואָס צוזאַמען מיט די צרות און קאַטאַסטראָפֿעס, וואָס האָבן זיך אויפֿן ישוב אַראָפּגעלאָזט, האָבן מיר אין ארץ־ישראל זוכה געווען צו געבן אידן אַביסל ממשותדיקע הילף אין זייער גרויסן אומגליק. ווארים וואָס איז דער ציוניזם — אַ זומער־דאַטשע? אַ שטיקל עונג־שבת? פֿון די טעג פֿון פּינסקער און הערצל האָט דער ציוניזם געשטרעבט צו ברענגען אידן ממשותדיקע אויסלייזונג. אָבער דאָס ציוניסטישע ווערק איז נאָך געווען צו שוואַך, צו יונג און צו אָרעם, אַז עס זאָל די דעמאָלט אומגליקלעכע ברידער קענען געבן מערקבאַרע הילף. אין די שחיטה־טעג אין אוקראַינע איז ניט געווען ווער עס זאָל זיי אויפֿנעמען, און אַט האָבן מיר זוכה געווען, אַז אין אַנגעזיכט פֿון גירוש־דייטשלאַנד, ווין און פּראַג, זיינען מיר שוין בכוח צו קומען צו הילף. דאָס איז די גרעסטע דערגרייכונג פֿון ציוניזם.

*

מיט עטלעכע יאָר צוריק האָב איך איבערגעלעבט אַ נאַכט פֿון אומרו. איך האָב געזען ווי יונגע מענער און פֿרויען אַרבעטנדיק מיט ווען־לעס, ניט וויסנדיק צי די שיפֿלעך וועלן אָנקומען בשלום, שפּאַנען אין וואַסער און האַלטן זיך ביי די הענט, אַז קיינער זאָל פֿון דער גרופּע ניט אַרויספֿאַלן, ניט וויסנדיק וואָס עס וועט ווערן מיט די אַנדערע שיפֿלעך,

וואָס האָבן זיך מיט זיי צוזאַמען אַרויסגעלאָזט אין וועג. פֿאַר מיר איז דאָס געווען אַ ריננ אין דער קייט, וואָס ציט זיך פֿון יהודה הלוי ביז די דאָזיקע בחורים און מיידלעך. איך גלויב, אַז עס וועלן נאָך קומען טעג, ווען מען וועט זינגען לידער און אפֿשר פֿאַרפֿאַסן תּפֿילות פֿאַר אונזערע ים־רייזנדע. איך דערמאָן זיך, אַז עס איז פֿאַראַן אַ וואונדערבאַרע תּפֿילה, די ים־תּפֿילה, פֿון רמב״ן, וועלכער האָט מיט זיבן הונדערט יאָר צוריק געעפֿנט די עליה קיין ארץ־ישראל; דאָס איז אויך ניט געווען קיין זייער לעגאַלע עליה. אין יענער תּפֿילה ווערן דערמאָנט די מזיקים און מחבלים, וועלכע לויערן אויף די ימים. דער רמב״ן האָט נאָך ניט געוואוסט וועגן דעם בריטישן פּלאַן און וועגן מאַטאָר־שיפֿלעך און וועגן אַנגלאָ־אַראַבישע פּאַטרולן אין די פּאָרטן. פֿאַרוואָס זאָלן היינט אידן ניט מתפּלל זיין פֿאַר אונזערע יורדי־ים?

דער ישוב, וועמען די רעגירונג דראָט מיט שווערע שטראָף־מיטלען פֿאַר הילף צו די „אומלעגאַלע״ טוט זיך זיינס. עס זיינען פֿאַראַן פֿאַמי־ליעס, וועלכע טיילן זייער בעט און ברויט מיט די געסט. ווי גרויס איז די זאָרג פֿאַרן גורל פֿון אַ שיף, וועלכע איז פֿאַרשטעקט געוואָרן אין איינעם פֿון די פּאָרטן און ווי גרויס איז די גרייטקייט פֿון וויכטיקע טיילן פֿון ישוב צו ליידן און אויך באַשטראָפֿט צו ווערן כּדי צו העלפֿן די אומלע־גאַלע איינוואַנדערער דערגרייכן זייער ציל.

וואָס פֿאַר אַן אימיגראַציע אויף דער וועלט איז כּשר און געזעצלעך, אויב די דאָזיקע אימיגראַציע איז ניט געזעצלעך? און וואָסערע געזעצן אוף דער וועלט זיינען לעגאַל, אויב דעם אידס רעכט צו לעבן איז ניט לעגאַל?

זאָל מען מיר עס ניט פֿאַררעכענען פֿאַר קיין זינד, איך בין אויך אַן „אומלעגאַלער״. איך בין קיין ארץ־ישראל געקומען מיטן טערקישן „רויטן צעטל״. כּאָטש בדרך כּלל האָבן מענטשן אַ טבע צו באַוואונדערן אַלטע צייטן, זאָג איך, אַז די אומלעגאַלע עליה פֿון בילו״ים און פֿון דער צווייטער עליה דאַרף זיך ניט גרויס האַלטן לגבי דער איצטיקער עליה.

די אומלעגאַלע עליה שפּילט אַ באַזונדערע ראָלע אין אונזער קאַמף. יעדע אידייע זוכט דעם סאָציאַלן עלעמענט, וואָס זאָל זיין איר טרעגער. עס איז געווען אַ צייט, ווען דער קליינער אידישער קרעמער איז געווען דער טרעגער פֿון חיבת־ציון, און ער האָט אָפּגעהיט, אַז דאָס ליכטל זאָל ניט אויסגעלאָשן ווערן. נאָכדעם איז געקומען הערצל. עס איז געקומען די צייט פֿון דאָקטאָר, אַדוואָקאַט, סטודענט. פֿיל קוקן צוריק אויף יענע טעג ווי אויף אַ גלאַנץ־עפּאָכע. נאָכדעם איז געקומען אַן אַנדער טרעגער: אָט יענע בחורים אָן דיפּלאָמעס און אָן גלאַנץ אין די פּרדסים פֿון פּתח־תּקוה און אויף די פֿעלדער פֿון גליל. און ווען איך שטעל זיך די פֿראַגע:

ווען מען האָט אין אונזער צייט דער גורל באַשטימט צו זיין דער נאַטירלע־כער טרעגער פֿון דעם קאַמף פֿאַר אידישער עקזיסטענץ? וואו געפֿינט ער זיך? ענטפֿער איך דערויף: אויף די ימען בלאַנדזשען די פֿאָנען־טרעגער פֿון דער אידן־גויט. זיי וועלן ניט דערלאָזן, אַז די טויערן פֿון ארץ־ישראל זאָלן צוגעמאַכט ווערן, זיי וועלן ניט דערלאָזן,אַז דער געוויסן פֿון דער וועלט זאָל זיך באַרואיקן, זיי וועלן מר. מאַלקאָלם מעקדאָנאַלדן ניט לאָזן דורכפֿירן דעם „ווייסן פּאַפּיר".

מיר זיינען ניט די בעלי־בתּים פֿון דער געשיכטע און מיר ווייסן ניט וואוהין זי גייט. מען קען פֿרעגן פֿאַרוואָס האָט די געשיכטע פֿאַר איר שליחות אויסגעקליבן ניט קיין אָנגעזעענע אידן און בירגער פֿון פֿרייע לענדער, נאָר דווקא דעם אידישן פֿליכטלינג, דעם מענטשן־שטויב, וואָס טראָגט זיך איבער די ימען. אָבער מיר קענען די זאַך ניט ענדערן. מיר מוזן דער געשיכטע פֿאָלגן, מיר מוזן גיין אין די פֿוסטריט פֿון איר אויס־דערוויילטן, דעם פֿליכטלינג.

צוליב אים, דעם פֿליכטלינג איז זיך צונויפֿגעקומען די עוויאַנער קאָנ־פֿערענץ, וועגן אים האַלט מען אַפֿ קאָנפֿערענצן אין וואַשינגטאָן, מיט אים פֿאַרנעמען זיך מיניסטאָרן און דיפּלאָמאַטן, צוליב אים וועלן אידישע לאַרדן ניט האָבן קיין מנוחה. אָבער איין פֿראַגע דאַרף מען נאָך פֿרעגן: וועט די אידישע פּירערשאַפֿט, וועט דאָס אידישע פֿאָלק זיך געטריי שטעלן צו זיין דינסט?

דאָס איז די פֿראַגע פֿון אידישער ברידערלעכקייט. די פֿראַגע פֿון דעם זעלישן און אינטעלעקטועלן מוט פֿון די, וואָס זיינען פֿאַראַנטוואָרט־לעך פֿאַר דער אידישער געזעלשאַפֿטלעכקייט, די ערן־פֿראַגע פֿון ציוניזם אין איצטיקן מאָמענט.

דאָס איז די פֿראַגע פֿון גורל פֿון צענדליקער און הונדערטער טויזנטער ברידער, וועלכע וועלן זיין די ערשטע צו פֿאַלן אין אַ קריג, וועלכער איז ניט זייער קריג, צו פֿאַלן ניט פֿאַר זייער פֿאָלק און זיין פֿרייהייט, נאָר פֿאַר זייערע פּייניקער און שונאים.

אָבער דאָס איז ניט בלויז די פֿראַגע פֿון צענדליקער טויזנטער יחידים, נאָר די פֿראַגע פֿון כּלל, פֿון גאַנצן אידישן פֿאָלק.

מען קען פֿרעגן: ווי אַזוי קען זיך אַן אָרעמער פֿליכטלינג אַנטקעגנ־שטעלן אַ מעכטיקער מלוכה, וואָס רעגירונגען און שטאַטן טוען איר צוליב און לייגן אַוועק שטרויכלונגען אויפֿן וועג פֿון די פֿליכטלינגען? דאָס זיי־נען שווערע פֿראַגן. מיר ווייסן אָבער, אַז עס קען טרעפֿן, אַז אַ גרויסע מלוכה זאָל זיין מאַכטלאָז אַנטקעגן די צרות און יסורים פֿון מאַסן מענטשן. הינטער דעם אידישן פֿליכטלינג שטייט היטלער און היטלערס תּלמידים

— און זיי שטופּן אים. צי איר ווילט אָדער ניט, די אידישע נויט וועט די שיפּן אַרויסשיקן אויף די ימען.

עס איז ניט די שולד פון די פּליטים און ניט די שולד פון אידישן פאָלק, וואָס מיר ווערן געזעץ־ברעכער. ווער עס ברעכט דעם גרונט־געזעץ פון ארץ־ישראל, דעם געזעץ פון עליה — דער מאַכט אונז פאַר געזעץ־ברעכער.

מיר האָבן געוואָלט אַרבעטן אין די ראַמען פון געזעץ. מיר האָבן זיך געבויגן פאַר געזעצן, וועלכע זיינען ניט געווען איבעריקנס פריינט־לעך צו אונז. מיר קענען זיך אָבער ניט אונטערגעבן צו אַ געזעץ, וואָס מאַכט בטל דעם לעבנס־רעכט פון מענטשן. מיר פסלענען דעם מאָראַלישן יסוד פון איינוואַנדערונגס־געזעץ. מיר פּראָקלאַמירן, אַז דאָס רעכט פון אידן עולה צו זיין אין ארץ־ישראל איז ניט אָפּהענגיק פון דעם חסד פון ענגלענדער אָדער אַראַבער. דאָס איז בלויז אַן עלעמענטאַרער רעכט, און מען קען עס ביי אונז אָוועקנעמען בלויז מיט געוואַלד.

ב. קאַצענעלסאָן

נישטאָ קיין אַנדערע פּלייצעס

אויב אונזער האַנט איז צו קורץ צו ראַטעווען די פאַרשלעפּטע צום טויט — זיינען מיר, די געראַטעוועטע, פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן שארית־ישראל. ס׳איז נישטאָ קיין אַנדערע פּלייצעס אויף וועמען אַרויפצולייגן די לאַסט. ס׳איז נישטאָ קיין רוקן הינטער וועמען זיך צו באַהאַלטן.

דער פאַקט, אַז אונז, וואָס שטייען דאָ, האָט דער גורל פון ישראל געבראַכט צום פאָרט — איז מחייב. עס איז נישט מעגלעך, אַז עס זאָל ניט מחייב זיין.

אין גלות האָט דער אידישער מענטש געווענדט זיין פּנים קעגן ציון, אין ציון דאַרף דער אידישער מענטש ווענדן זיין פּנים צו דער סוכת־ישראל הנופלת, די אידישע סוכה, וואָס פאַלט איין אין יעדן אָרט און אויף אַלע וועגן.

יעדן טאָג דאַרף דער מענטש זיך באַטראַכטן ווי ער וואָלט איבער־געוואויגן די וואָגשאָל: צו יציאת־מצרים, אָדער צו דער פאַרלענגערונג פון גלות.

זאָלן אַלע אונזערע מעשים זיין געווענדט צו דער צעשפּאַלטונג פון ים און אויפנעמען די צוריקגעקומענע.

יעקב גלאַטשטיין

די פֿרייד פֿון זיין גערעכט

פֿאַראַן אַ פֿרייד וואָס זינגט אין אַלע ביינער,
אַ פֿרייד וואָס דערהויבט דעם נידריקסטן פֿון מיסט.
וואָס מאַכט פֿאַר אַ האַר דעם קנעכט —
דאָס איז די פֿרייד פֿון זיין גערעכט.

און איר, באַלאַדענע מיט מאַכט,
איר פֿאַראומריינטע מיט בלוט-פֿאַרגאָס,
גיט אַ טראַכט פֿון דעם לעצטן שמייכל אַנטקעגן אַ שאָס,
פֿון דעם געזאַנג אין טויט.
צעפֿלינדערט. צעטרעט. צעשיסט. צעשעכט.
בלייבן וועט די פֿרייד פֿון זיין גערעכט.

נישט קיין טרערן און נישט געוויין.
מיר מאָנען, מיר די שוואַכע,
אַנטקעגן ביקס און שווערד.
מיר שטורעמען מיט פֿרייד,
מיר פֿאַרלאַנגען זיכערע ערד.
איר האָט אונז געגעבן דעם שטאַרקסטן וואָפֿן,
מיר וועלן שטערן אייער שלאָפֿן,
מיר וועלן פֿאַרוויסטן אייערע טריט,
פֿאַרפֿינצטערן אייער וועלט,
מיט דעם כּוח פֿון אומגליק,
מיט דעם פֿאַרגרויזאַמטן וואונדער פֿון אונזער לעבן.
איר וועט געבן. איר וועט מוזן געבן.
אייערע רייד זיינען אומזיסט,
איר וועט ענטפֿערן פֿאַר דעם עלנד, פֿאַר דעם וויסט,
פֿאַר דער שוידערלעכער פֿרייד,
וואָס דערהאַלט דעם גוף,
פֿאַר דעם רוף צום לעבן,
אין דער וויסטעניי פֿון אונזער קיינעמס לאַנד,
דורך די לאַנגע, בלינדע נעכט.
עס איז אייער קינ׳דיקע שאַנד,
אונזער איז די פֿרייד פֿון זיין גערעכט.

ס׳טראָגן זיך שיפֿן אויף שבעה ימען.
אונזערע ברידער צווישן הימל און וואַסער.

זיי וועלן אייער וועלט פֿאַרסמען.
איר האָט פֿאַרריגלט טיר און טויער,
ס׳בויערט דאָס געשריי אייער אויער,
און ס׳פֿרעסט אייך דער זשאַוווער פֿון שלעכטס.
לאַכט. לאַכט. לאַכט וויפֿיל איר ווילט.
אָבער די מאַכט האָבן מיר.
איר האָט פֿאַרשפּילט אַנטקעגן אונז די שלאַפֿע.
רויבט. מאָרדעט. פֿאַרברעכט.
אָבער הילפֿלאָז זענט איר
אַנטקעגן אונזער גרויסער פֿרייד פֿון זיין גערעכט.

דורך אַלע וועגן

איך האָב געהאַט דעם זכות זיי צו זען ניט נאָר אין ארץ־ישראל נאָר אויך אויפֿן וועג אַהין. איך בין איינער פֿון זיי, איך געהער צו זייער מחנה. איך בין אַ זון פֿון דער אידישער גאַס, אַ זון פֿון די פֿינצטערע געטאָ־לעכער, פֿון וואַנען עס זיינען אַרויס די דאָזיקע מענטשן.

זיי קומען פֿון אומעטום. זיי האָבן צופֿוס דורכגעשפּאַנט די מיט אייז־באַדעקטע סטעפּעס פֿון אוקראַינע און די בלאָטעס פֿון רוסלאַנד. הערט זיך גוט איין, און דער קול פֿון זייערע טריט וועט אָפּהילכן אין אייערע אויערן. הערט זיך גוט צו, און איר וועט דערהערן דעם פּליס־טער פֿון זייערע טריט גייענדיק איבער מדבריות, קלעטערנדיק און באַ־שטייגנדיק באַרג־שטעגן, באָרוועס און נאַקעט, האָבנדיק געלאָזן אונטער זיך וויסטענישן און קברים פֿון זייערע קדושים, ווענדענדיק זייערע בליקן צו אַ פּאָרט אין רומעניע.

פֿון דעם פּאָרט שווימען אָפּ שיפֿן קיין יפֿו...

חיים ווייצמאַן

בלויז אין דער אַרבעטער־עליה קיין ארץ־ישראל האָבן די סאָציאַלע באַגערן פֿון דעם נאַציאָנאַלן איד געפֿונען אַ באָדן, אויף וועלכן זיי האָבן געקענט געדייען און וואַקסן. דאָ איז ער טריי זיך אַליין, דאָ לעבט ער זיין אייגן לעבן, דאָ טוט ער זיין אַרבעט און ער שאַפֿט די צוקונפֿט־געזעלשאַפֿט, די אידישע אַרבעטער־געזעלשאַפֿט. פֿאַרשידענע עלעמענטן האָבן זיך באַגעגנט אין דער אַרבעטער־באַוועגונג: יחיד און מעשים, נאַציע און אַרבעטער, פֿאַרגאַנגענהייט און צוקונפֿט, אידעאַל און קאָנ־קרעטע שאַפֿונג, פּערזענלעכער און סאָציאַלער אַקטיוויזם.

ב. קאַצענעלסאָן

...עס איז שוין אַוועק די צייט בעת מען האָט געקענט נאַאיוו רעדן וועגן אַ נאַציאָנאַלער באַוועגונג און דערביי ניט האָבן אין זינען די אינטערעסן פֿון לעבעדיקן פֿאָלק. דער לעבעדיקער נאַציאָנאַליזם פֿאַר־נעמט זיך ניט מיט אַבסטראַקטע ענינים וואָס האָבן ניט קיין שייכות מיט באַשטימטע סאָציאַלע טרעגער. דער ציוניזם איז לכתחילה געווען גע־בויט אויף דעם אַקטיוויזם פֿון פֿאָלק, אויפֿן ווילן צו שאַפֿן דעם אַקטי־וויזם פֿון פֿאָלק — און קען טאַקע אַזאַ באַוועגונג פֿאַרווירקלעכט ווערן, אויב זי זאָל ניט אַרומנעמען די פֿאָלקס־אינטערעסן פֿון די ברייטע מאַסן? וואָס קענען זיין די פּערספּעקטיוון פֿון אַ ציוניזם אָן פֿאָלקסטימלעכן אינ־האַלט, אָן פֿאָלקס־עליה, אָן די סאָציאַלע און מענטשלעכע באַדינגונגען, וואָס וועלן דער דאָזיקער עליה געבן איר צויבער, דעם חן פֿון גאולה?

ב. קאַצענעלסאָן

דורך אַלע וועגן וועלן מיר גיין. וועט זיך עפֿענען פֿאַר אונז דער טויער — וועלן מיר אַריין דורכן טויער. וועט זיך עפֿענען אַ שפּאַרונע — וועלן מיר אַריין דורך דער שפּאַרונע. סיי דורכן טויער און סיי דורך דער שפּאַרונע וועלן מיר מיט אונזער שווייס און בלוט אויסלייזן דאָס לאַנד. וואָס עס זאָל ניט זיין ענגלאַנדס תשובה, ווי עס זאָלן ניט אויסזען די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע מעגליכקייטן אין לאַנד — פֿון דאַנען וועלן מיר זיך ניט רירן. אונזער אַרבעט וועלן מיר ניט פֿאַרלאָזן.

מ. ביילינסאָן

זעלבסטשוץ און הגנה

●

נחמן סירקין

די פאַרטיידיקונג פון לעבן

נאָר אין נאָמען פון לעבן גייען די קינדער פון דער אַרבעט צום טויט, רופן זיי צום שוץ קעגן דעם אויסערלעכן שונא און זאַמלען זיך צו מלחמה קעגן דעם פיינט, וואָס לויערט פון אינעווייניק. די פאַרפּאַלקאַמונג פון לעבן, די דערהויבונג פון דער צוקונפט, די הייליקייט פון דער געשיכטע, נאָר זיי זיינען מחייב דעם טויט. זיי, און נאָר זיי נעמען אַראָפּ דעם טויט־פלעק פון דעם אויסגעשטרעקטן קריגס־אָרעם און די ווילדקייט און די טומאה פון האַרצן, וואָס דערשמעקט מלחמה. נישט דער נצחון, נאָר דער זעלבסט־שוץ איז מכפּר אויף דער מלחמה און כשר איז דער קאַמפּס־געשריי נאָר דאַן, ווען ער ווערט מגולגל אין געזאַנג פון לעבן.

אויף די בערג פון גליל זיינען געפאַלן אונזערע זין און אונזערע טעכ־טער, געפאַלן על־קידוש־השם. און דאָרט אין מיטן וועג זידט דאָס בלוט פון גבור, וויל זיך נישט באַרואיקן און שעמט זיך שטיל צו ווערן, ביז דאָס פאָלק וועט זיך אויפהויבן אין זיין גאַנצער הויך און דורכן פאַרגאָסענעם בלוט אויפשטיין צום לעבן. עס וועלן נאָך פאַלן קרבנות און מיר וועלן נאָך פלעכטן בלומען, בלומען פון אומשטערבלעכקייט און בלומען פון איי־ביקן פרילינג פאַר די, וואָס זיינען זיך מוסר־נפש פאַר דער הייליקייט פון לעבן.

אָבער אַזוי ווי די זין פון אַרבעט רופן איצטער צונויף דאָס פאָלק צום שוץ כלפּי־חוץ, אַזוי מוזן זיי אויך באַשיצן דאָס פאָלק און לאַנד קעגן דעם נישט־פאַרשטיין, דער טעמפּקייט, דער שנאה, דער גלייכגילטיקייט פון אינעווייניק, כדי דאָס פאָלק זאָל אַרויסגיין פון דעם לייטערונגס־פייער פון דער שעה מיט אַ נייעם רצון, אַ פאַרטאָפּלטן כוח, געלייטערטער דער־קענטעניש און מיט אַ שטרעבונג, וועלכע זאָל זיין האַרט ווי אַ פעלז. די דאָזיקע פאָלקס־אויסדערווילטע, וועלכע גייען צום טויט מיט דער ריינקייט פון דער ליבנדער טויב, וועלכע שוועבט איבער איר נעסט, מוזן איצט אַראָפּנעמען די שטערונג פון אונזער אויפלעבונגס־וועג מיט דער העזה פון הייליקייט און דעם צאָרן פון אמת, ווייל נאָר ווען עס איז פאַראַן אַ זין אין לעבן, איז אויך פאַראַן אַ זין אין טויט.

אויף די בערג פֿון גליל טראָגט זיך דער שמייכל פֿון שטילער גבורה, וועלכער פֿליסט ווי לעבעדיק וואַסער פֿון האָרץ פֿון פֿאָלק, וואָס צאַפּלט זיך אין זיין בלוט און אין זיין בלוט שטייט עס אויף צום לעבן. וואָרים תל־חי איז נישט אַן איינצעלנע פֿלוצלינגדיקע דערשיינונג, נאָר אַ סימבאָל, דער טיפֿסטער אויסדרוק פֿון גבורה, וואָס שטרעבט צו דערהויבונג פֿון לעבן, וועלכע האָט אָנגעכאַפּט אין דער לעצטער תּקופֿה די בעסטע פֿון אונזער פֿאָלק: די אידישע רעוואָלוציאָנערן פֿון דער וועלט, די קעמפֿער פֿון זעלבסטשוץ, די חברים פֿון אידישן גדוד און רויטן לעגיאָן, די טויזנטער און צענדליקער טויזנטער יונגעלייט, וואָס האָבן זיך מוסר־נפֿש געווען פֿאַר דער קדושה און ריינקייט פֿון לעבן אומעטום. פֿון תל־חי וועט אונז לייכטן אַ ניי ליכט אין אונזער פֿינצטערניש, פֿון תל־חי וועלן מיר שעפּן קראַפֿט און שטאַרקייט נישט נאָר כּדי זיך צו פֿאַרטיידיקן, נאָר כּדי אויסצוטרעטן אַ נייעם וועג, אַ נאַנטן און גלייכן, פֿאַר דער קאָלאָניזאַציע און אויפֿלעבונגס־אַרבעט אין א״י.

חברים אַרבעטער, פֿאַלט ביי זיך ניט אַראָפּ! אויף די בערג פֿון גליל שטייגט אויף די זון, אונזער זון, און גבורה טראָגט זי אין זיך. איר האָט באַשיצט דאָס לאַנד קעגן אָנפֿאַלער פֿון אויסן, איר וועט נאָך באַשיצן מיט אייער אַרבעט און אייער גייסט די שאַפֿונג פֿון לעבן קעגן די שטערונגען פֿון אינעווייניק.

געשריבן אָדר, תּר״פּ, נאָך תּל־חי

י. ח. ברענער

תּל־חי

ס'איז געווען אַ קלאָרער חשבון, אַז די צענדליקער אַרבעטער וועלן ניט קענען איינהאַלטן די פּאָזיציע קעגן די טויזנטער אַראַבער פֿון דער סביבה, באַוואָפֿנטע פֿון קאָפּ ביז די פֿיס מיט אייראָפּעיאיש געווער, אַז אויך הונדערטער אונזערע וועלן ניט העלפֿן; אַז ס'האָבן נישט קיין ממשות די צוזאָגן פֿון די פֿירער פֿון די „אויפֿשטענדיקע" אַראַבער, אַז זיי וועלן ניט אָנפֿאַלן אויף די פּונקטן פֿון „יאַהוד", ווייל מ'טאָר זיך קיינמאָל ניט פֿאַרלאָזן בלויז אויפֿן וואָרט פֿון אַראַבער — דער חשבון איז געווען קלאָר. אָבער דאָס האָרץ, דאָס געטרייע האָרץ, האָט געגלויבט אין נסים. געגלויבט, אַז ס'וועלן זיך ענדערן צו אונזער גונסטן סדרי־בראשית, אַז די אַלמעכטיקע געטריישאַפֿט, די ליבע צו יעדן שפּאַן פֿון אונזער ערד וועט איבעררוקן בערג; און דער ווילן פֿון גלויבן האָט שוין געמאַכט זיינע חשבונות, חשבונות־טרוימען; דאָ קעמפֿט מען ניט קעגן רעגולערן מיליטער... דאָ פֿאַרטיידיקט מען זיך נאָר קעגן באַנדיטן... קעגן זיי וועלן מיר זיך קע־

נען פֿאַרטיידיקן, אויב מיר וועלן זיין אַ סך... וואָלטן מיר געווען אַ סך, וואָלט ניט געפֿאַלן שער*.

יאָ, שער איז אונז צו עפּעס מחייב...

און אויסער דעם, אויב מיר פֿאַרלאָזן יעדן פּונקט, וואָס איז געפּערלעך, דאַרפֿן מיר דאָך אַלץ פֿאַרלאָזן, אָפּטרעטן פֿון אַלע פּונקטן — וואוהין? „און בכלל — האָט מען צום סוף מודיע געווען — אומאָפּהענגיק פֿון דעם, צי ס'וועט קומען הילף אָדער ניט קומען, די וואָס געפֿינען זיך אין צפֿון, וועלן שטיין אויף דער וואַך ביזן לעצטן מאָמענט. ניטאָ וואָס צו רעדן וועגן פֿאַר־לאָזן".

און זיי האָבן זיך פֿאַרטיידיקט. פֿאַרטיידיקט זיך קעגן אַ שונא, וואָס איז שטאַרקער געווען פֿאַר זיי צען, צוואַנציק מאָל. אין דעם דאָזיקן ביטערן טאָג האָבן דרייסיק אידישע אַרבעטער פֿאַרטיידיקט זייער פּאָזיציע די גאַנ־צע צייט קעגן הונדערטער פֿון אויסן, פֿון יענער זייט טויער, קעגן די „אָפּיצערן", די פֿירער פֿון שונא, וועלכע זיינען אַריינגעדרונגען אינע־ווייניק, באַוואָפֿנטע מיט באָמבעס, דורך אַ שפּיצל אַריינגעדרונגען, מיט שלום־רייד אויף די ליפּן.

די דאָזיקע דערקענטניש, די דערקענטניש, אַז ס'האָט זיך נאָך נישט געענדיקט ביי אידן גבורה פֿון פֿאַרצווייפֿלטע, די דערקענטניש, וואָס תל־חי האָט אונז פֿון דאָס ניי געגעבן, איז אונז אָנגעקומען מיט אבידות, וואָס זיינען ניט לויט אונזערע כּוחות אין די גרענעצן פֿון „דן ביז באר־שבע".

יוסף טרומפּעלדאָר, דער געליבטער, דער מוטיקער, דער אויסדער־ווײלטער, דער סימבאָל פֿון ריינער גבורה, איז געפֿאַלן. אין שלאַכט איז ער געפֿאַלן. פֿאַרברעכערישע הענט האָבן פֿאַרגאָסן זיין בלוט. און מיט אים צוזאַמען נאָך פֿינף: בנימין מאַנטער, שרה טשיזשיק, דבורה דראַכלער, טאָקער, שאַרף; אין לעבן און טויט האָבן זיי זיך ניט צעשיידט.

אונזערע בעסטע. פֿאַרברעכערישע הענט האָבן פֿאַרגאָסן דאָס בלוט פֿון אונזערע בעסטע.

דאָס, פֿאַרוואָס מיר האָבן מורא געהאַט און דאָס, אויף וואָס מיר האָבן זיך ניט גערעכנט, איז געקומען אויף אונז. מיר זיינען שווער געשלאָגן גע־וואָרן.

און ס'פֿרעגט זיך די פֿראַגע: צי זענען מיר, די איבערגעבליבענע, ראוי צו אַזעלכע קרבנות?

און איצט — וואָס ווייטער? ס'דראָט דאָך די סכנה פֿון יעדן ווינקל! און אַז זי וועט קומען מאָרגן, איבערמאָרגן, אין דער, אָדער אַנדערער פֿאָרם — צי וועלן מיר כאָטש וויסן, אַז ס'איז נישטאָ קיין אַנטלויפֿן? צי וועט

---

* אַהרן שער, געפֿאַלן אין שבט תר״פ אין תל־חי.

אין אונז זיין דער באַוואוסטזיין, דער באַוואוסטזיין פֿון דער נויטווענדיקייט צו געפֿינען זיך אויף דער געפֿאַדערטער הויך? אַז ס׳וועט קומען די שעה פֿון שווערן פּרוואוו — אפֿשר אַ שווערערן, ווי פֿאַר פֿינף יאָרן, ווייל דאָן האָבן מיר געהאַט צו טאָן מיט אַ פֿיינטלעכער רעגירונג און איצט מיט פֿיינטלעכע שכנים — צי וועט שטיין יעדער פֿון אונז — און טרומפּעלדאָרס נאָמען אויף זיינע ליפּן — אויף דעם אָרט, אויף וועלכן דער גורל האָט אים אָוועקגעשטעלט?

תל־חי איז פֿאַרברענט געוואָרן. אָבער דאָס אידישע האַרץ לעבט. אונ־זערע ברידער און שוועסטער דאָרטן, סיי די, וואָס זיינען געפֿאַלן, סיי די, וואָס זיינען פֿאַרבליבן ביים לעבן, האָבן אונז באַוויזן, אַז דאָס אידישע האַרץ לעבט, אַז ס׳איז געלייטערט געוואָרן אין פֿייער — זיי האָבן אויך באַוויזן, וואו איז דאָס דאָזיקע האַרץ. און מיר, די צעשפּרייטע, די שוואַכע — צי וועט פֿון איצט אָן זאָגן יעדער שוואַכער צווישן אונז: כ׳בין אַ גבור! און ער וועט ווערן אַ גבור?

תל־חי. דאָס אידישע האַרץ לעבט. אָבער די איבעריקע איברים? צי וועלן זיי אויפֿלעבן? צי זענען מיר אַלע גרייט צו לעבן מיטן קלאַפּן פֿון דעם דאָזיקן האַרצן ביזן לעצטן אָטעם?

צי האָבן מיר זיך פֿאַרטיפֿט אין אונזער האַרצן אין אָט די טעג פֿון צאָרן, וואָס וועלן אַזוי גיך נישט פֿאַראיבערגיין?

צי האָבן מיר דאָרט אַלע געהערט דעם עכאָ פֿון דעם געהויבענעם שטילן רוף פֿון דעם איינ־אָרעמדיקן גבור?

„ס׳איז גוט צו שטאַרבן פֿאַר אונזער לאַנד״!

ס׳איז גוט! ווארל איז דעם, וואָס איז געשטאָרבן מיט דעם דאָזיקן באַוואוסטזיין — און תל־חי איז אים צוקאָפּנס.

ב. קאַצענעלסאָן

געשלאָסענע טויערן

די עגיפּטישע צייטונגען האָבן געבראַכט די מעלדונג:

„צוליב די געשעענישן אין ירושלים האָט די מיליטערישע מאַכט באַ־שלאָסן נישט געבן קיין אַריינפֿאַר־דערלויבענישן פֿון מצרים קיין א״י, אָנ־הויבנדיק דעם 4טן אַפּריל, נישט דורכן ים און נישט דורך דער יבשה״.

יענע, וואָס קומען קיין א״י פֿון דער זייט פֿון דמשק, פֿאַרהאַלט מען נישט. ווייזט אויס, יענע זיינען „די געשעענישן אין ירושלים״ נישט מחייב. פֿון דאָרטן דראָט נישט קיין שום סכנה דעם שלום פֿון לאַנד. די סכנה דראָט נאָר מצד די, וואָס קומען פֿון מערב.

יאָ, ס׳איז אַ סיסטעם אַזאַ.

און אין אַלץ געפינט דער סיסטעם זיין אויסדרוק.

די טויערן פון דער אַלט־שטאָט אין ירושלים זיינען אַרומגערינגלט מיט מיליטער מיט אויפגעשטעלטע באַגנעטן. מען טאָר נישט אַריינגיין.

דאָס מיליטער היט... די פּאָגראָמשטשיקעס.

און אויפן וועג פון קאָנטאַרע און אין פּאָרט פון יפו שטייט דער אָר־דענונגס־היטער און זיין שווערד איז אָנטבלויזט — אָפּצושטויסן דעם אידן, וואָס קומט, ער היט... „די געשעענישן אין ירושלים".

וואָס ברענגט מיט זיך אָט די צייטונגס־מעלדונג, דעם סיום פון אַ שיטה אָדער דעם אָנהויב פון אַן אדרינוס־גזירה?

צי זאָגט נישט אָן די דאָזיקע ידיעה, אַז מען שאַרפט, אין איינער פון די פּאָליטישע לאַבאָראַטאָריעס, די שווערד פון אַ נייער דעקלאַראַציע, וואָס זאָל אונז באַרויבן פון אונזערע האָפענונגען?

צי באַדייט ניט די דאָזיקע ידיעה, אַז „די געשעענישן אין ירושלים" זיינען געקומען נאָר כדי צוצוגרייטן די בייזוויליקע אינטריגע?

זאָלן דעריבער וויסן אונזערע שונאים:

איר וועט אונז ניט דערשרעקן!

נישט אייער חסד האָט אונז געגעבן דאָס לאַנד און נישט אייער בייז־וויליקע אָפּנאַרעריי וועט עס אָפּנעמען פון אונז.

איר וועט אונז נישט בייקומען.

מיט אונזערע קעפּ וועלן מיר אויפברעכן די אייזערנע ריגלען.

די נייע שטרויכלונגען, וועלכע איר האָט אונטערגעלייגט אונטער אונזערע פיס, וועלן אונז ניט מכשיל זיין, די נייע געפאַר וועט אויפוועקן אין אונז פאַרבאָרגענע כוחות, אָנצינדן דעם פלאַם פון הייליקן פאַנאַטיזם, אַרויסשעפּן פון די נשמה־טיפענישן די פולסטע איבערגעגעבנקייט — און וועט אונז פירן צו דער גרויסער טאַט.

ווער אונזערע שונאים זאָלן ניט זיין, צי פּראָים פון רויב און גע־וואַלט, צי נציבים פון הערשנדיקער „קולטור" —

איר וועט אונז נישט באַזיגן.

איר האָט פאַרטוישט די באַלפור־דעקלאַראַציע אויף אַ דעקלאַראַציע פון בלוט און בלבול.

איר האָט זיך דערוואָרבן אַן אייביקן נאָמען אין דער געשיכטע:

דעם זכר פון עמלק,

דעם בייזן ווילן פון אַדריאַנוסן,

איר האָט אויסגעקריצט אייערע נעמען אין בלוט פון ירושלים —

פאַר אונז זייט איר אַ שטויב, וואָס דער ווינט יאָגט פונאַנדער, אַ בייטש, וואָס פאַרגייט.

איבער אונזערע קערפּערס, די קערפּערס פון אונזערע געפאַלענע,

מיטן בלוט פֿון אונזער האַרצן,
מיט דעם ליכט פֿון אונזער גלויבן,
מיט דער לעצטער האָפֿענונג,
וועלן מיר זיך דורכרייסן יעדן טויער,
דורכברעכן יעדע וואַנט און עולה זיין!

.1921

ב. קאַצענעלסאָן

נאָך דעם געצוואונגענעם שווייגן

במשך די 9 טעג פֿון אומגליק איז דער אידישער ישוב, דער געשטאָכענער און בלוטנדער, געווען אויסגעשטעלט אויף די ציין פֿון די גיריקע חיות, אויף דער שנאה פֿון פּאָגראָמשטשיקעס און בלבול־מאַכערס, אויפֿן שפּאָט פֿון שטאָלצע הערשער און געהאַט אַ פֿאַרשטאָפּט מויל, ניט געקענט ברענגען זיין געשריי צו זיינע ברידער, ניט געקענט רופֿן צו הילף, פֿאַרקלאָגן זיך אויף זיין ווייטיק, אָראָפּוואַרפֿן פֿון זיך די ווערטער פֿון שנאה און בלבול, געשלאָסן געוואָרן די צייטונג, איבערגעריסן דער טעלעפֿאָן, איבערגעהאַקט דער טעלעגראַף, איבערגעריסן געוואָרן דער קאָנטאַקט מיט דער וועלט.

איצט, נאָך דעם, ווי דער אויפֿגעהעצטער, גיריקער און בלוט־דורשטיקער המון האָט זיך אָנגעטראָפֿן ניט נאָר אויף שעפּסן, וואָס ווערן געפֿירט צו דער שחיטה, נאָר אויך אויף אַ כוח, וואָס פֿאַרטיידיקט זיך און ענטפֿערט מוטיק אויפֿן אָנגריף און שטויסט אָפּ דעם אָנגרייפֿער, נאָך דעם ווי אָט דער המון האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף צוריק; נאָך דעם, ווי אונזער פֿאַרשטאַרקטע שטים האָט דורכגעבראָכן אַלע צוימען און אונזער געשריי האָט געמאַכט אויפֿציטערן די גאַנצע וועלט און אַרויסגעוואָרפֿן דאָס געוועער פֿון די הענט פֿון די רויבער; ווען די, וואָס שטייען הינטער זייער פּלייצע צו זען, וואָס וועט מען מיט אונז טאָן, זיינען געצוואונגען געוואָרן אָפּצוטרעטן פֿון זייער באַקוועמער פּאָזיציע — ערשט איצט איז אונז, די חרובע און אָפּגעסמאַליעטע, געגעבן געוואָרן דאָס רעכט צו רעדן, געגעבן געוואָרן אונטער באַדינגונגען, מיט אַ גאַר בפֿירושער באַוואָרעניש וועגן „פּולער קאָנטראָל״.

און ווען מיר באַנייען דעם „דבר״ אין די דאָזיקע באַדינגונגען, דערקלערן מיר אָפֿן: אויב מ׳מיינט באמת דעם שלום פֿון לאַנד, נעמען מיר אָן גערן די באַדינגונגען. אויך אָן באַפֿעלן, זאָרגן מיר וועגן פֿרידן פֿון לאַנד, זיין זיכערקייט און דעם שלום פֿון די אומרואיקע לענדער. ווייל

ס׳איז אונזער לאַנד. אין אים װעלן מיר לעבן, אין אים װעלן מיר שטאַרבן; זיין פרידן באַדייט אונזער פרידן. אָבער אויב דער באַפעל מיינט אונז איבערצושרעקן, מיר זאָלן פאַרדעקן דעם אמת, מיר זאָלן אויפהערן צו פאָדערן געזעץ און גערעכטיקייט, מיר זאָלן זיך צוגעוואוינען צום מצב פון לית־דין ולית־דיין, מיר זאָלן גומל בענטשן, וואָס מיר זיינען אַרויס „בשלום״ פון לייבס שלונג, אויב דאָס מיינט דער באַפעל — וועלן מיר אים ניט אויספאָלגן.

קיין שום דראָאונג צו פאַרשליסן די צייטונג וועט אונז ניט אָפּהאַלטן פון שרייען אונזער געשריי, פאָדערן גערעכטיקייט, וואָרענען קעגן דער סכּנה, שטעמפּלען ביים נאָמען אונזערע פייניקער און די העצע קעגן אונז, זוכן די אונטערצינדער און פאַרברעכער, וואָס האָבן אָנגעשטעלט קעגן אונז מערדער און רויבער צו דורכפירן אויף אונז די פּלענער פון זייערע באַפּולמעכטיקער. קיין שום זאַך וועט אונז ניט אָפּהאַלטן פון שטעמפּלען די בלוטיקע רעגירונג, וואָס צוליב איר גלייכגילטיקייט און נאַכלעסיקייט, איר שוויגן און טאָלערירן, צוליב אירע פאַלשע און אויפרייצנדיקע מאַכינאַציעס איז פאַרגאָסן געוואָרן אונזער בלוט, דערמאָרדעט געוואָרן טייערע מענטשן, מענטשן פון א העכערער קולטור, פון גייסט און שאפונג; צוליב דער פּאַסיוויטעט און נאַכלעסיקייט פון דער דאָזיקער רעגירונג איז באַרויבט געוואָרן די פּרוכט פון האָרעוואַניע פון דורות און פון אָנשטרענגונגען פון אַ שאַפנדיקן פאָלק.

„די קללה פון אַלע קולטור־פעלקער פאַלט אויף די זינדיקער, די מערדער און רויבער״ — אזוי האָט פּראָקלאַמירט דער הויך־קאָמיסאַר פאַר א״י אין טאָג, ווען ס׳איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דער באַפעל וועגן דערלויבן די צייטונגען צו דערשיינען ווידער. אַזוי איז געזאָגט געוואָרן וועגן פינסטערע, בלינדע, פאַרבלענדעטע, אומגליקלעכע און אָרימע מענטשן, וואָס ווייסן ניט וואָס זיי טוען און פאַרוואָס זיי טוען, מענטשן, וואָס זיינען געגאַנגען טאָן די שליחות פון רויב און די שליחות פון מצווה. צי פאַלט ניט אַ סך מער די קללה אויף די קעפּ פון די שיקער, העצער, אונטערצינדער, צי זיי טראָגן די קליידונג פון מוסלמענישער גייסטלעכקייט, צי די גאַלאַאוניפאָרמען פון בריטישן באַאַמטנטום, צי זיי שפּאַרן אָן זייער שטול אויף רעליגיעזן פאַנאַטיזם, צי זיי שפּינען זייערע פּאָליטישע אינטריגעס אַלס פּראָפעסיאָנעלע העצער צווישן פאָלק און פאָלק, געמיינדע און געמיינדע?

ניין טעג איז אונזער מויל פאַרשטאָפּט געוועזן מיט זאַמד און בלוט. מיר ווייסן נאָך ניט, צי איז עס שוין אַריבער. מיר ווייסן נאָך ניט, צי זיינען אונזערע געשאַכטענע און פאַרברענטע ברידער אונזערע לעצטע קרבנות. מיר ווייסן נאָך ניט, צי איז באמת שוין געשאַפן געוואָרן די צו־

געזאָגטע אָרדענונג, צי זיינען מיר שוין פֿאַרזיכערט קעגן נייע סורפּריזן פֿון שנאה און העצע, שוואַכקייט און נאָכגעביקייט.

ס'איז נאָך ניט די צייט, מיר זאָלן באַוויינען אונזערע געפֿאַלענע, ווייל דער פֿראָנט איז נאָך פֿון פֿאָרנט און פֿון הינטן, ס'הערשן נאָך איבער אונז די מושלים פֿון ירושלים, חברון און צפֿת, און ניט זיי וועלן אונז אומקערן דעם שלום און די רו. מיר האָבן נאָך דעם פֿראָנט פֿון אַלע זייטן, ווייל נישט נאָר אויפֿן לעבן און פֿאַרמעגן פֿון יחידים האָט זיך פֿאַרמאָסטן דער פֿיינט. ער האָט זיך פֿאַרמאָסטן אויפֿן כּלל, ער האָט געוואָלט פֿאַרשניידן אונזער האָפֿנונג, פֿאַרטיליקן אונז, זאָגן דעם אידישן פֿאָלק, וואו ער איז: זאָגט זיך אָפּ פֿון ארץ־ישׂראל, אייער האָפֿנונג איז פֿאַרלוירן, אייער האַרעוואַניע איז געווען אומזיסט.

אָבער מיר האָבן זיך קעגן־געשטעלט דער טייוולאַנישער אינטריגע, ווי צאָלרייך אונזערע קרבנות זאָלן ניט זיין. און מיר דאַרפֿן נאָך איצט, טאָג איין־טאָג אויס, שעה איין־שעה אויס, פֿאַרטיידיקן אונזער האָפֿענונג. מיר וועלן זיך ניט באַגנוגענען מיט פֿאַלשע טרייסטן און צוזאָגן. מיר וועלן זיך ניט לאָזן פֿאַרפֿירן. מיר לעבן אין אונזער בלוט, אין אונזער בלוט וועלן מיר לעבן. אויך ווען מיר זיינען פֿאַרוואונדעט און צעווייטיקט, וועלן מיר זיך ניט אונטערגעבן, ניט בויגן אונזער קאָפּ, און בשום אופֿן וועלן מיר ניט אָננעמען אַ באַוועגונג פֿון רויב און מאָרד ווי אַ נאַציאָנאַלע באַפֿריי־אונגס־באַוועגונג אָדער ווי אַ רעליגיעזן פֿלאַם. דורך אַלע פֿאַרשלאָסענע טויערן וועלן מיר ברענגען דער וועלט דעם אמת פֿון אונזער שאַפֿונג און פּיין. זאָל וויסן די וועלט, אַז מיר זיינען אַ האַרטנעקיק פֿאָלק און אַז מיר האָבן איינס באַשלאָסן: לעבן און ניט שטאַרבן, שאַפֿן און ניט אונטערגעבן זיך, פֿאַרוואָרצלען זיך אין היימלאַנד און ניט אָוועקגעריסן ווערן פֿון אים.

1929

ש. יבניאלי

ווער דאַרף באַשטראָפֿט ווערן?

די אידישע שונאים פֿון צווישן די איינוואוינער אין לאַנד האָבן גע־מאַכט אויף אונז פּאָגראָמען מיט דער הילף פֿון אַראַבישן המון און יוגנט, וואָס זיינען אויפֿגעהעצט געוואָרן מיט פֿאַלשע קלאַנגען וועגן געפֿאַרן פֿאַר זייער רעליגיע, צערייצט געוואָרן דורך דער תּאוה פֿון רויב און מאָרד, אָפּגענאַרט געוואָרן דורך פֿאַלשע צוזאָגן און דערמונטערט געוואָרן דורך „אַלדולאַ מעאננה" (די רעגירונג איז מיט אונז).

ווער האָט צוגעגעבן פֿייער צום פֿלאַם, ווער האָט זיך אַזוי צוגעאיילט באַלד איבערצורייסן די פֿאַרבינדונגען צווישן אונז און דער וועלט? אַזוי

ווערט דערציילט וועגן אבן פֿאַרוק, דעם אַראַבישן דעספּאָט, וואָס האָט געפּייניקט דעם אידישן ישוב אין ירושלים מיט דריי הונדערט יאָר צוריק: „זעלנער האָבן געהיט די טויערן פֿון דער שטאָט, קיינער זאָל פֿון איר ניט אַנטלויפֿן, כּדי מודיע צו זיין וועגן די מעשים פֿון דעספּאָט אין די הויכע רעגירונגס־קרייזן". און ווער האָט געוואָלט אַרויסנעמען פֿון אונזער האַנט דאָס פֿאַרטיידיקונגס־געווער?

די א"י־רעגירונג פֿלעגט מודיע זיין, אַז זי באַהערשט די לאַגע. מיר זיינען עס מודה. ריכטיק. די רעגירונג האָט באַהערשט די לאַגע און בעת איר באַהערשונג, האָט אַנגעהאַלטן אין לאַנד דער צושטאַנד פֿון אָנפֿאַלן אויפֿן אידישן ישוב אין משך פֿון צוויי וואָכן, אַ צושטאַנד פֿון אַ מלחמה, וואָס איז געפֿירט געוואָרן דורך אַ באַנדע אָנפֿירער און אָרגאַניזאַטאָרן, וועלכע האָבן אַרומגעפֿירט אין אויטאָס די העצער און דאָס געווער פֿון דאָרף צו דאָרף. די רעגירונג האָט באַהערשט די לאַגע און נעבן אירע אַמט־לאָקאַלן, ניט ווייט פֿון אירע באַאַמטע און מושלים, זיינען פֿאָרגעקומען די שחיטות אין ירושלים, אין די קוואַרטאַלן פֿון די גורדזשעס, און אין חברון. אונטער דער הערשאַפֿט פֿון אָט די מושלים איז אָנגעצונדן געוואָרן אַ פֿייער אין לאַנד און פֿאַרצוקט הונדערטער פֿון „פּאַלעסטינער פֿאָלק"; אידן און אַראַבער. די פֿראַגע איז נאָר, צי דאַרפֿן אַזעלכע מושלים, נאָכן באַווייזן אַזעלכע פֿעאיקייטן, פֿאַרבלייבן אין די ביוראָס פֿון דער מלוכה אָדער זיי דאַרפֿן אַוועקגעפֿירט ווערן, געשמידטע אין קייטן, אין די טורמעס פֿון דער מלוכה.

.1929

מ. ביילינסאָן

דער אידישער שאָפֿער

דער אידישער שאָפֿער איז געשטאַנען אין דער ערשטער ריי פֿון דער פּאָזיציע, ער האָט דערפֿילט זיין פֿליכט, זיין גאַנצע פֿליכט. פֿון זיינע רייען זיינען געפֿאַלן מער קרבנות, פֿאַרהעלטניסמעסיק, ווי פֿון אַנדערע רייען. ער איז געזעסן ביי זיין רודער אונטער אַ האָגל פֿון שטיינער און שאָסן, און ניט פֿאַרלאָרן די קאַלטבלוטיקייט זיינע. ער האָט איינגעשטעלט זיין לעבן און פֿאַרמעגן — און זיך נישט אָפּגעשראָקן. ס'איז אויף אים נגזר געוואָרן לייגן זיין וועג צווישן טשוועקעס און אייזנס. ס'איז אויף אים נגזר געווען אויסקלייזן וועגן, וואָס זיינען דורך דער מאַכט פֿאַרלאָזן געוואָרן, אַזוי ווי זיי וואָלטן אין מדבר געווען. און ביי דער ערשטער מעגלעכקייט, איז ער געפֿאָרן איבער די דאָזיקע פֿאַרלאָזענע שאָסייען און באַ־

דינט די רעגירונג — מער ווי אַ סך אירע באַאַמטע — ווײַל ער האָט נישט דערלויבט, אַז דער ווילן פֿון „אויבערשטן ראַט" זאָל ווערן אַ גזירה פֿאַרן גאַנצן לאַנד.

אויב די אידישע פּונקטן זײַנען ניט אָפּגעשלאָסן יעדערער אין זײַנע ד' אַמות, אויב זיי שטייען אין כסדרדיקער פֿאַרבינדונג צווישן זיך, אויב די שפּײַז־פּראָדוקטן דערגייען פֿון אידישע פֿעלדער צו די אידישע שטעט, אויב דער האַנדל איז נישט פּאַראַליזירט — אויב יעדער איינער פֿון אונז פֿילט זיך נישט אויף זײַן אָרט, ווי אין אַ באַלאַגערטער שטאָט — דאַרף מיר עס פֿיל פֿאַרדאַנקען דעם אידישן שאַפֿער, זײַן טרײַקייט, זײַן מוטיקייט.

1936

מ. ביילינסאָן

דער יום־טוב פֿון עמק

היינט — אין 130טן טאָג פֿון די בלוטיקע טעג — איז געוואָרן 15 יאָר פֿון פּרעכטיקן לעבנס־ און שאַפֿונגס־אויפֿטו פֿון אונזער באַוועגונג, פֿון דער אידישער קאָלאָניזאַציע אין עמק נאָך דער מלחמה.

ח' אלול, תּרפ"א, איז מען אַרויף אויפֿן באָדן פֿון נהלל. אַ קורצע צײַט שפּעטער איז מען אַרויף אויפֿן באָדן פֿון דעם מזרחדיקן בלאָק פֿון עמק — עין־חרוד, תּל־יוסף, בית־אלפֿא, גבע. איז אָט דער בליענדער און געבענטשטער עמק — מיט זײַנע באַאַרבעטע פֿעלדער, מיט זײַנע שטאַלן און מעלקערייען, מיט זײַנע פּרדסים, ווײַנגערטנער און גערטנער — נאָר מיט פֿופֿצן יאָר צוריק געווען כמעט וויסט און פּוסט און דער גייסט פֿון טויט האָט געשוועבט איבער זײַנע שטעכיקע דערנער און מערדערישע זומפּן? איז עס טאַקע נאָר מיט 15 יאָר צוריק געזעסן אַ הײַפֿל מוטיקע חברים אויפֿן ברעג פֿון זומפּ עין־באַדה און ד"ר הלל יפֿה האָט זיי געוואָרנט: „דאָס דאָזיקע אָרט איז ניט ערגער פֿון יסוד־המעלה און ניט בעסער פֿון חדרה. עס דראָעט אַ סכּנה די, וואָס וועלן זיך דאָ קאָלאָניזירן"?

און אָן אַראַבער פֿון אַ נאָענטן דאָרף האָט זיי נבֿואות געזאָגט: „אַז איר וועט קומען, וועט איר האָבן אַ לאַנגן קאַמף; ס'וועט עפּעס זײַן, וואָס וועט אײַך באַקעמפֿן". און נאָך אַן אַראַבער האָט געזאָגט: „טרינקט ניט קיין וואַסער פֿונם קוואַל, ווײַל ער ברענגט טויט". און אַ פּאָר טעג זײַנען אַריבער און די חברים און חבֿרות זײַנען אַרויף אויפֿן דאָרטיקן זומפּיקן באָדן און פֿאַרוואַנדלט אים אין עמק יזרעאל, וואָס איז געוואָרן דער קוואַל פֿון לעבן און כּבֿוד פֿאַר אונז אַלעמען.

ס'איז ניט קיין צײַט פֿון יום־טובֿ, אָבער אַ דענקווירדיקן טאָג האָבן מיר איצט און מיר זײַנען באַרעכטיקט צו טײַטלען אויף אים מיט שטאָלץ

און טיפֿער פֿרייד אַנטקעגן פֿאָלק און וועלט: דאָס איז די אַרבעט, וואָס מיר טוען אין לאַנד, דאָס איז די האָפֿענונג פֿון אונזער פֿאָלק! פֿלאַנצן און בויען און עפֿענען קוואַלן פֿון לעבן, אויף אייביק פֿאַרטרייבן דעם טויט און די וויסטעניש, שאַפֿן קאָמפּאַקטע ישובים, וואָס לעבן פֿון זייער מי אין אַ מדבר, וואו פֿריער האָט זיך געטראָגן נאָר דאָס קלאָגן פֿון די שאַקאַלן, זאַמלען אונזערע צעשפּרייטע ברידער צו ערלעכער פּראַצע אויפֿן באָדן, וואָס האָט געענטפֿערט מיט אונטערגאַנג און קללה זיינע פֿאַרוויסטער און וואָס ענטפֿערט איצט זיינע באַאַרבעטער מיט ברכה.

אַ קאָלאָניזאַטאָרישער אויפֿטו, ערלעכע אַרבעט, אַן אויפֿטו פֿון גע־רעכטיקייט און ברידערלעכער גלייכהייט, אַ ווערק פֿון לעבן און שאַפֿונג. מיר שטאָלצירן אויף אים אין די איצטיקע טעג פֿון בלוט, חורבן און פֿאַר־ברעכן. אויף אים שטיצן מיר זיך, אויף אים פֿאַרלאָזן מיר זיך, אים וועלן מיר פֿאַרזעצן, אָנשטרענגענדיק אַלע פֿאַרבאָרגענע פֿאָלקס־כּוחות, און גלויבנדיק, אַז דער כּוח פֿון שאַפֿן וועט קיינמאָל ניט פֿאַרראַטן.

1936

ב. קאַצענעלסאָן

אַ מוסטער פֿאַר אַ דור

חנה, די מאַמע פֿון זיבן קינדער, די אידישע העלדין, וואָס פֿירט אירע קינדער צו דער עקדה, קעמפֿנדיק פֿאַר זייער טרייהייט צו זיך אַליין, האָט געמעגט זאָגן צו אברהם אבינו דאָס, וואָס זי האָט געזאָגט: האַלט זיך ניט גרויס, דו האָסט געבראַכט אַ קרבן פֿאַר איין מזבח און איך פֿאַר זיבן מזבחות.

דער דור פֿון באַלאַגערונג און פֿעסטקייט, וואָס האָט געשאָסן קוילן און ניט אָפּגעטראָטן, וואָס האָט ניט מפֿקיר געווען קיין פּונקט און האָט ניט פֿאַרלאָזן קיין ישוב, וואָס האָט געבויט, דעראָבערט און פֿאַרפֿעסטיקט אין מיטן פֿון דער באַלאַגערונג, וואָס האָט אַרויסגעפֿירט צו אַ לעבן פֿון פֿאַרטיידיקונג זין און טעכטער און אייניקלעך, וואָס האָט צוגעבראַכט צו די ברעגן פֿון באַלאַגערטן ישוב שיפֿן מיט נייע עולים, זיי צו שטעלן אין פֿראָנט פֿון אַרבעט און פֿאַרטיידיקונג — דער דור מעג זאָגן צו יוסף טרומפּעלדאָרן און צו אהרן שער, די מענטשן פֿון תּל־חי: מיר האָבן אייך ניט פֿאַרשעמט. איר זייט ניט געוואָרן פֿאַראייגזאַמט. ווען עס האָט אונז געטראָפֿן דער קאַמף, האָבן מיר אים אויפֿגענומען און געהייליקט. ניט איין תּל־חי האָבן מיר אויפֿגעשטעלט, נאָר דאָס גאַנצע לאַנד איז פֿאַר אונז געוואָרן אַ תּל־חי. לעבעדיקע בערג.

דוד שמעונאָוויטש

דער אידישער שאָפֿער...

יאָ שאָסייען, ניט שאָסייען,
רעגנס גייען, שטורעמס ווייען,
דער וועג איז גרינג, דער וועג איז שווער,
פֿאָר און פֿיר, דו אידישער שאָפֿער.

פֿיר אין בערג און פֿיר אין טאָל,
דער שליאַך איז ברייט, דער שטעג איז שמאָל,
צילט זיין ביקס דאָרט ערגעץ וואו,
דו פֿאָר ווייטער, אידישער שאָפֿער.

בליען פֿעלדער אויף די וועגן,
ברענען פֿעלדער דיר אַנטקעגן,
ניט קיין קרים און ניט קיין טרער, —
ווייטער פֿיר, דו אידישער שאָפֿער.

פֿון חולה-באַרג ביז טאָל פֿון סדום
פֿיר אַ טרייסט פֿון היים צו היים,
טרייסט און מונטער און באַשווער —
פֿאָר און פֿיר, דו אידישער שאָפֿער.

פֿייפֿט אַ קויל דאָרט פֿון דערביי?
דו ביים רודער בלייבסט געטריי.
ביז דער שבת קומט אַהער
פֿאָר און פֿיר, דו אידישער שאָפֿער.

אידיש: ז. ר.

ניט וויין, ניט קלאָג...

ניט וויין, ניט קלאָג,
ניט בויג דעם קאָפּ
צו דר'ערד אַראָפּ
אין שווערן טאָג.
דער בויער — בוי,
דער זייער — זיי!

אין דער מינוט —
פֿאַרלירט נישט מוט!
פֿאַרטאָפּלט קראַפֿט,
און טאָפּלט שאַפֿט!
גלייכט אויס און באַנט,
מיט שטאַרקער האַנט,

אַ וועג פֿון ליכט —
ווערט אויפֿגעריכט!

אין טעג פֿון פּיין
פֿון לייד פֿאַרשטומט —
אין פּראַכט און שיין
דערלייזונג קומט.
און ס'זינגט דאָס בלוט
מיט קראַפֿט און מוט,
און שרייט אַרויס
און רופֿט מיט טרייסט:
ווערט אויסגעלייזט —
לייזט אויס!

אידיש: י. י. שוואַרץ

מעג דער וועג זיין ווי לאנג...

מעג דער וועג זיין ווי לאנג, מעגן אויף אים גיין גאַנצע דורות, מעג עס פאַרשלינגען אומצייליקע קרבנות — מוזן מיר גיין אויף אים, ניט קוקנדיק הינטער זיך.

יוסף ויתקין

...עס איז זייער נאָענט דער טאָג, ווען ארץ־ישראל וועט ווערן דער צענטער פון די בעסטע יונגעלייט פון אונזער פאָלק, און זייער נשמה וועט זוכן איר תיקון אין דער מסירת־נפשדיקער אַרבעט פאַרן נאַציאָנאַל־מענטשלעכן אידעאַל. און די דאָזיקע יונגעלייט, וואָס וועלן זיך צוזאַמענקומען פון אַלע עקן וועלט, וועלן זיך צוזאַמענשמידן און ווערן אַן איינהייטלעכער כוח אין ארץ־ישראל; זיי וועלן רייניקן די לופט, און געפינען סוף־סוף זייער וועג — דעם וועג פון אַרבעט מיטן בלוט פון זייער האַרץ און מיטן שווייס פון זייער געזיכט. זייער נצחון — אונזער נאַציאָנאַלער נצחון — איז זיכער!

י. אַראָנאָוויטש

כדי צו זיין אַ ציוניסט דאַרף מען זיין אַ מענטש, וואָס פאַרשטייט דעם צער פון אַ פאָלק און די טראַגעדיע פון אַ פאָלק, אַ מענטש מיט אַ ריין האַרץ און אַ קלאָרן קאָפּ, און גלייכצייטיק גלויבן אין דער מעגלעכקייט פון דעם אוממעגלעכן, און זיין אַן אַ שיעור שטאַרק, כדי צו אַרבעטן פאַרן פאָלק און בויען דאָרט, וואו עס איז ניטאָ קיין אויסגעטראָטענער וועג.

י. ח. ברענער

אונזער גאַנץ לעבן איז איין גרויסע רעוואָלוציע. מיר האָבן געוויזן אַז אַ איד קען אָנהויבן זייען, אַקערן, דרעשן און ענדיקן; מיר האָבן אָנגעהויבן אַ ניי קאָלעקטיוו לעבן אין געזעלשאַפטלעכער הינזיכט און באַפרייט די פרוי אין דער געזעלשאַפט.

יוסף בוסעל

געבענטשט זאָל זיין די צעוויטיקטע, די קראַנקע, די פאַרדאַרבענע אומה, אויב אַזעלכע קינדער, כאָטש געציילטע, זיינען איר געבוירן געוואָרן אויף דער עלטער. עס איז אַ גרויסער נס דערביי, און ווער ווייסט, צי אפשר איז טאַקע באמת „עוד לא אבדה"...

י. ח. ברענער

די ייִדישע אַרבעטערשאַפֿט און די הסתדרות

נחמן סירקין

דער גייסטיקער שלום *

עס איז אַ היסטאָרישער טאָג דער אידישער אַרבעטער קאָנגרעס פֿאַר ארץ־ישראל. זינט 50 יאָר אַנטוויקלונג פֿון אידישן סאָציאַליזם, זינט ליבערמאַן ביז היינט, האָבן זיך געראַנגלט אין דעם האַרץ פֿון דעם אי־דישן אַרבעטער־קלאַס צוויי געפֿילן, צוויי שטימונגען, וועלכע האָבן ניט געקאָנט מאַכן שלום צווישן זיך. דער געפֿיל פֿון ישראל סבא, און די אידייע פֿון אַלמענטשלעכקייט, די אידישע נאַציאָנאַליטעט און דער אינ־טערנאַציאָנאַליזם, ציון און דער סאָציאַליזם. מיט דעם קאַמף איז אָנגע־פֿילט די אידישע אַרבעטער־באַוועגונג, די געגנאַסן, דער „בונד", די ציוניס־טיש־סאָציאַליסטישע פּאַרטייען.

אין פֿייער און אין שטורעם האָט דער גייסט פֿון דער נייער צייט געלייזט דעם קאָנפֿליקט פֿאַר דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט. אַ נייע מאָ־ראַל איז אויסגעשמידט געוואָרן אין דעם פֿייער פֿון דער צייט, אין קעגנ־זאַץ צו דער רעאַקציאָנערער פּאָליטיק, דעם קאַריעריזם און דעם אימ־פּעריאַליזם. די רעאַקציע וויל די פֿאַרניכטונג פֿון די פֿעלקער און די הערשאַפֿט פֿון די קלאַסן; די נייע מאָראַל פֿון דער מענטשהייט וויל די אָפּשאַפֿונג פֿון די קלאַסן און די אויפֿבליטונג פֿון די פֿרייע פֿעלקער. די באַפֿרייאונג פֿון נאַציאָנאַלן יאָך איז דער פֿאַרשפּיל צו דער באַפֿרייאונג פֿון קאַפּיטאַליסטישן יאָך, און עס קאָן ניט זיין גלייכהייט און ברידער־לעכקייט צווישן די מענטשן, כּל־זמן עס האָט ניט טריאומפֿירט די אידייע פֿון פֿרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט צווישן אַלע פֿעלקער. דער פּראָלעטאַריאַט איז יעצט דער שעפֿער פֿון דער נאַציאָנאַלער באַפֿרייאונג און פֿון דעם רענעסאַנס פֿון דער וועלט.

פֿאַר קיין פֿאָלק שטייט ניט אַזאַ מערקווירדיקע נאַציאָנאַלע אויפֿגאַבע ווי פֿאַר דעם אידישן פֿאָלק. דער ציוניזם איז ניט נאָר דער נאַציאָנאַלער

---

* פֿון אַ רעדע, געהאַלטן ביי דער דערעפֿנונג פֿון ערשטן אידישן אַרבעטער־קאָנגרעס פֿאַר ארץ ישראל, אין ניו־יאָרק, דעם 6טן יוני, 1943.

אויפבוי פון אידישן פאָלק. דער ציוניזם איז א קאָנסטרוקטיווער סאָציאַ־ליזם, נייע פּרינציפּן פון אייגנטום, נייע פאָרמען פון אַרבעט, נייע אָר־גאַניזאַציעס פון מענטשן. דער ציוניזם בויט אַ וועלט פון סאָציאַלן אמת און גערעכטיקייט. ניט דורך בלוט און צעשטערונג, וועלכע פירן נאָר צו שקלאַפעריי, נאָר דורך אָרגאַניזאַציע, אַרבעט, אמת און אויפלעבונג, די איינציקע וועגן צום סאָציאַליזם. דאָס אידנטום האָט אַמאָל אַנטדעקט די איינהייט פון דעם וועלט־אַל, עס האָט אָנגעזאָגט די איינהייט פון דעם מענטשלעכן מין, איצט מוז דער ציוניזם פאַרווירקלעכן די איינהייט און איינציקייט פון אַלע מענטשן, די ברידערלעכקייט פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. מאַרקס האָט געזאָגט: „די פילאָזאָפיע האָט ביז איצט די וועלט דערקלערט, איצט מוז זי די וועלט איבערמאַכן". דאָס קאָן מען פיל ריכטיקער אָנווענדן אויף דעם אידנטום. דאָס אידישע פאָלק איז אַ סאָציאַליסטיש פאָלק, ניט ווייל עס לעבט אין נויט, נאָר ווייל די רע־וואָלוציע איז נאָך אָנגעזאָגט געוואָרן אויפן באַרג סיני אין היסטאָרישן בליץ און דונער.

מערקווירדיקע פּראָבלעמען פון קולטור, פון גייסטיקער שאַפונג שטיי־ען פאַר דעם אויפלעבנדיקן פאָלק. אַ נייע שפּראַך, ליטעראַטור, קונסט, דערציאונג. אָבער דאָ שטייען מיר אין מיטן פון דער דיסקוסיע וועגן די וויכטיקסטע פּראָבלעמען. צו קיין לייזונג פון די פּראָבלעמען קען די אַרבעטערשאַפט דערווייל נאָך אויף דעם געביט ניט קומען. ערשט אין ארץ־ישראל, און אין משך פון דער אַנטוויקלונג זעלבסט, וועלן פונ־אַנדערגעוויקלט ווערן אַלע גרויסע אידישע קולטור־פּראָבלעמען און גע־פינען זייער לייזונג. אָבער איינס איז פאַר אונז זיכער: ניט מיט דעם אַרשין פון אַלטעגלעכקייט און פּראַקטישקייט קאָן געמאָסטן ווערן דאָס געוועב פון דער אידישער קולטור. די אידישע קולטורעלע אינדיווידו־אַליטעט מוז פליסן פון פאַרבאַרגענעם שורש פון דער אידישער נאַציאָ־נאַלער נשמה, זי מוז אָפּשפּיגלען אַלע שטראַלן פון דעם אידישן גייסט, מוז אויפזאַמלען אַלע קרעפטן און פאָרמען פון דער אידישער שאַפונג. די נייע אידישע קולטור דאַרף זיין ניט די קאָרע, ניט אַ צווייג אָדער אפילו אַ בלום פון דער אידישער גייסטיקער שאַפונג, נאָר דער גאַנצער וואונ־דערבאַרער בוים פון דער אידישער שאַפונג, מיט זיינע וואָרצלען טיף אין דער ערד פון דער פאַרגאַנגענהייט און זיין צווייגן־קאָפּ הויך אין די הימלען פון דער צוקונפט. דאָס צו באַגרייפן און דאָס איבערצולעבן איז די גייסטיקע אויפגאַבע פון דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט.

דער אידישער אַרבעטער־קלאַס ווערט באַנייט, ווערט מוטיק, פריי און איידל דורך דער שטרעבונג צו ארץ־ישראל. ארץ־ישראל איז פאַר דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט דער גרעסטער סטרייק, דער ווייטסטער קאָמפּ־

ראַטיוו, די מעכטיקסטע קולטור. אַלע באַשרענקונגען פאַר דעם אידישן סאָציאַליזם און די אידישע קולטור, וועלכע דער גלות באַשאַפט, וועלן דורך ארץ־ישראל איבערוואונדן און אָפּגעשאַפט. עס שלאָגט איצט די גרויסע שטונדע פאַר דעם אידישן אַרבעטער־קלאַס. אַ נייער בונד פון דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט דאַרף געגרינדעט ווערן, אַ בונד, וואָס זאָל אויפנעמען אין זיך אַלע נויטן און האָפענונגען פון דער גרויסער צייט.

קיינמאָל איז אַ פאָלק אין דער געשיכטע ניט געשטאַנען פאַר אַזאַ וואונדערבאַרער העלדישער אויפגאַבע, ווי דאָס אידישע פאָלק איצט.

אויפשטיין זאָל אין גלאַנץ און ליבע ניט די מוטער ציון, נאָר די כלה ציון, און אויפהויבן זאָל זיך פון זיין היסטאָרישן שטויב שוין ניט מער דער אידישער גלות, נאָר דאָס קעמפנדיקע און האָפנדיקע אידישע אַרבעטס־פאָלק.

דער געצייג־קאַמפּיין אין אַמעריקע

אַ ברודער־גרוס

ניו יאָרק.

היינט שווימט אָפּ די שיף מיט די אַרבעטס־געצייג פאַר די אַרבעטער פון ארץ־ישראל. מיר וועלן באַגלייטן די שיף מיט די געפילן פון אונזער האַרץ, ביז זי וועט אָנקומען צו די ברעגן פון פּאַטערלאַנד. אין די דאָזיקע שווערע טעג, וואָס עס לעבן איבער אונזערע חברים אין ארץ־ישראל,* וועט זיי די דאָזיקע שיף ברענגען אַביסל טרייסט, אַריינגעבן גלויבן אין זייער האַרץ, אַז טויזנטער הענט דערמוטיקן זיי.

(פון דער „צייט", טעגלעכע צייטונג פון די פועלי־ציון אין אַמעריקע, פון יאָר 1921)

וועגן טראַנספּאָרט פון די אַרבעטס־געצייג פון אַמעריקע

מיט ענטוזיאַזם און מיט ליבע האָבן אונזערע חברים אין אַמעריקע באַגלייט די לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינען און די אַרבעטס־געצייג, וואָס זיינען געוואָרן געשיקט קיין ארץ־ישראל — און אין שטילקייט זיינען זיי געקומען אַהער אין לאַנד. דער אַרבעטער־ציבור אין לאַנד האָט ניט אָפן אַרויסגעבראַכט די געפילן פון אָפּשאַצונג פאַר דעם וואַרימען גרוס פון אונזערע חברים אין אַמעריקע. נאָר צוליב „קוצר־רוח ועבודה קשה" איז אונזער אינערלעכע שמחה ניט געקומען צום אויסדרוק, ווען די שיפן האָבן אויסגעלאָדן די געצייג.

---

* די ווערטער זיינען געשריבן געוואָרן 3 חדשים נאָך די מאַי־אומרוען אין יפו.

אין דער שעה, ווען אין אַלע גלות־לענדער אַנטשטייען מחנות פֿון „החלוץ", וואָס פֿאָרן קיין ארץ־ישראל זיך שטעלן אין אונזערע רייען צו אַרבעט און שוץ — איז זייער גרויס די באַדייטונג פֿון שאַפֿן פֿיל טאָן אַר־בעטס־געצייג און זיי שטעלן אין רשות פֿון אַרבעטער־ציבור פֿאַרן אויפֿבוי פֿון דער אידישער אַרבעטס־געזעלשאַפֿט אין אונזער לאַנד.

זאָלן מיר, אַלזאָ, דערמאָנען צום גוטן די „פּועלי־ציון" אין אַמעריקע, וואָס זיינען צוגעטראָטן צו דער דאָזיקער גרויסער אַרבעט — אַרבעט ממש.

דער געדאַנק וועגן שאַפֿן אַן אַרבעטער־פֿאַרמעגן, וואָס זאָל ווערן גע־שאַפֿן און געזאַמלט דורך די אידישע אַרבעטער אין דער גאַנצער וועלט און ווערן געשטעלט אין רשות פֿון אַרבעטער־ציבור אין ארץ־ישראל — איז נ̇יט קיין נייער. ער איז געוואָרן געלייגט אין יסוד פֿון „פּאַלעסטינע אַרבעטער פֿאָנד". אין משך פֿון דער צייט זיינען אַנטשטאַנען אַ גאַנצע רייע פֿון אַרבעטער־אינסטיטוציעס: „המשביר", „קופּת־חולים", די אַר־בעטער־באַנק, און אַנדערע. איצט איז צוגעקומען די זאַמלונג פֿון אַרבעטס־געצייג. דאָס איז דער פֿולער פֿאָלקסטימלעכער אויסדרוק פֿון די פֿאַר־בינדונגען צווישן די אַרבעטער אין גלות און די אידישע אַרבעטער אין ארץ־ישראל.

(א. מ. קולר אין „קונטרס", אָרגאַן פֿון דער „אחדות־העבודה", פֿון יאָר תרפ"א).

זלמן רובאַשאָוו

די אידישע אַרבעטער־באַוועגונג אין חוץ־לארץ

(רעדע געהאַלטן אויפֿן ערשטן קאָנגרעס פֿונם אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל, אין בערלין, סעפּטעמבער, 1930)

מיט דרייסיק יאָר צוריק האָבן זיך אויף אַ ביאַליסטאָקער בוידעם פֿאַר־זאַמלט די פֿירער פֿון „בונד", אויף זייער דריטער קאָנפֿערענץ, און האָבן באַשלאָסן: דער אידישער אַרבעטער, וואָס פֿאַרבינדט זיינע האָפֿענונגען מיט א"י, טאָר נ̇יט אויפֿגענומען ווערן אין קיין שום פּראָפֿעסיאָנעלן פֿאַר־איין און נישט אין קיין שום סאָציאַליסטישער גרופּע.

די באַוועגונג, וואָס האָט דאַן דערקלערט דעם חרם אויפֿן סאָציאַליס־טישן ציוניזם, איז דעמאָלט נאָך געווען אַ קליין הייפֿל, סך־הכל נאָר אין איין רוסלאַנד און זי איז אַלט געווען נאָך קוים פֿיר יאָר, און דער סאָציאַ־ליסטישער ציוניזם קעגן וועמען דער חרם איז געוואָרן דערקלערט האָט נאָך אייגנטלעך כמעט גאָרנ̇יט עקזיסטירט. עס איז נאָר געווען אַ מורא

טאָמער וועט ער קומען. און אָט דער חרם האָט עס געזאָלט זיין אַ סגולה קעגן דער עווענטועלער סכנה. אין די דרייסיק יאָר זינט יענעם באַשלוס זיינען שווערע שינויים פאָרגעקומען אינעם אידישן לעבן. די „סכנה", פאַר וועלכער מען האָט מורא געהאַט, איז נישט אויסגעמיטן געוואָרן. דאָס זאָגט עדות דער היינטיקער קאָנגרעס, אָבער פיל גרעסערע אוןווירקלעכע סכנות האָבן אויפגעטרייסלט דאָס אידישע לעבן. דער אידישער סאָציאַליזם האָט זינט דאַן שוין גאַנצע דורות דערצויגן. פון יענעם קליינעם הייפל אין רוסלאַנד איז זיך פונאַנדערגעוואַקסן אַ מעכטיקע, איבער דער גאַנצער וועלט צעשפרייטער אידישע אַרבעטער־באַוועגונג. חכמי־הסטאַטיסטיקע דערציילן, אַז אין די הויפּט־לענדער פון אידישן מאַסן־לעבן אין אייראָפּע אַליין זיינען פאַראַן איבער אַ מיליאָן אידישע אַרבעטער, און בערך אַ האַלבער מיליאָן אידישע אַרבעטער לעבן אין אַמעריקע. רעכנט מען צו די נפשות, וואָס לעבן פון זיי, קאָן מען אפשר זאָגן, אַז אַ 25 פּראָצענט פון אידישן פאָלק לעבן פון אַרבעט. דערביי איז דאָך נאָך די אַרבעטער־שאַפט דער סאַמע אָרגאַניזירטסטער טייל ביי אידן, מיט דער גרעסטער רעוואָלוציאָנערער און געזעלשאַפטלעכער טראַדיציע. איז טאַקע געקומען די צייט צו פרעגן, ווי שטאַרק איז די השפעה פון אָט דעם וויכטיקסטן כוח אין דער באַשטימונג פון דער אידישער ווירקלעכקייט. וואָס פאַר אַ ראָל שפּילט היינט נאָך די דאָזיקע היסטאָרישע מחלוקת אין דער אידישער אַרבעטערשאַפט, און צי איז אין שיין פון דער נייער ווירקלעכקייט ניט נויטיק צו רעווידירן דעם שטרייט און צו אונטערזוכן, וועלכע פון זיינע סיבות באַשטייען נאָך און וועלכע מוזן אַלס אַנאַכראָניזמען אויסגעוואָרצלט ווערן. איך האָף און ווינטש, אַז דער היינטיקער קאָנגרעס, וועלכער איז אַזאַ בולטער באַוויז פאַר דער אידעאָלאָגישער רעוואָלוציע אויף דער אידישער אַרבעטער־גאַס, וועט געבן דעם ענטפער. ער וועט ברענגען פרידן אין דעם דאָזיקן היסטאָרישן שטרייט.

אין דער אייראָפּייאישער אַרבעטער־באַוועגונג ווירקן דריי הויפּט־פאַקטאָרן: 1) דער אינטערעס פונם אַרבעטער פאַר זיינע טאָג־טעגלעכע באַדערפענישן, זיין רעאַלער כוח, זיין סאָציאַליסטישער חלום, וועלכער איז אַן אויסדרוק פון זיינע טאָג־באַדערפענישן, און וועלכער פילט אים אָן מיט פאַטאָס און מיט גלויבן, אַז ער וועט זיין דער זיגער; 2) דער קאַמף פון דער אַרבעטערשאַפט פאַר מאַכט אין דער מלוכה און מלוכה־איינריכטונגען, אין דער פּאָליטיק, אין דער מוניציפּאַליטעט; די אַרבעטער פּאַרטיי האָט באַהערשט דעם אַרבעטער־קלאַס דערמיט, וואָס זי האָט אים פאַרוואַנדלט אין אַ פּאָליטישן כוח; 3) דער גרויסער חלום, דער כוח פון דער געוואַלדיקער מיסיע, די באַפרייאונג און באַנייאונג פון דער גאַנצער מענטשהייט, דער פאַטאָס פונם חלום — דער אַלמענטשלעכער משיח־געדאַנק פון אַרבעטער־קלאַס.

אין דער קאָנקרעטער וועלט האָט זיך דער נאַציאָנאַלער כאַראַקטער פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, ווי אַ קאָנקרעטער פּירוש פון די אַלע דריי מאָמענטן — אַרויסגעוויזן אינדיווידועל פאַר יעדן פאָלק, פאַר יעדן לאַנד. דיווירטשאַפטלעכע תּנאים פונם געווערקשאַפטלעכן טאָג־קאַמף זיינען פאַרפלאָכטן מיט דער נאַציאָנאַלער ווירטשאַפט, קולטור און לעבנס־באַדינגונגען פון יעדן לאַנד. רייסן זיך צו מאַכט — הייסט רייסן זיך צו אַ פריי זעלבסטשטענדיק נאַציאָנאַלן לעבן. וועלט־מאַכט קאָן נישט זיין. דאָס איז אַן אַבסטראַקציע. מאַכט האָט אַ נאַציאָנאַלן כאַראַקטער. כּדי צו דערגרייכן די וועלט־באַפרייערישע אויפגאַבן פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, איז נויטיק אַן אינטימע באַציאונג צו דער נאַציאָנאַלער קולטור. אין דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג זיינען די דאָזיקע דריי פאַקטאָרן געווען פּראָבלעמאַטיש, קליין און נישט אַנטוויקלט. דערין ליגט די טראַגעדיע פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג.

עס איז אַ גרויסער טעות, ווען מען מיינט, אַז דאָס אידישע לעבן פון די פריערדיקע דורות (פון מיטלאַלטער) איז געווען אַן אידיליע פון קלאַסן־פרידן. וואָלטן אַ רעד געטאָן די היסטאָרישע אַרכיוון פון די קעלערן פון דער אידישער געשיכטע, — וואָלט עס אַנדערש אויסגעזען. וואָלטן מיר געזען דעם קאַמף אין אַמסטערדאַם און אין פראַנקפורט און אין אַנדערע קהילות, דעם קאַמף קעגן אַסימילאַציע, אַ מעכטיקער קאַמף קעגן גייסטיקער אונטערדריקונג און קעגן דער העגעמאָניע פון דער אויטאָריטעט. נישט ווייניקער בלוטיק און נישט ווייניקער אַקטועל איז געווען דער דאָזיקער קאַמף, ווי אין אונזער היסטאָרישן נעכטן. און דאָך האָט זיך די אידישע וועלט דערשראָקן פאַרן וואוקס פון דער אידישער אַרבעטערשאַפט. עס איז געווען אַן אָנזאָג פון אַ גרויסן קאַמף. פון דער נויט געטריבן איז אַוועק דער אידישער מענטש פון בית־המדרש אין פאַבריק און וואַרשטאַט. ערשט נעכטן אַלע קעניגס־קינדער און גלייכגעשטעלטע, זיינען זיי מיט אַמאָל געוואָרן קנעכט ביי די אייגענע ברידער. עס האָט אַ בראָך געטאָן, אַ ריס געטאָן די לעגענדע פון דער אידישער אחדות. און עס איז געוואָרן אַן אימה — צי וועט נישט צעריסן ווערן דאָס גאַנצע אידישע לעבן?

און פאַר דער ניי־געבוירענער אַרבעטערשאַפט איז געשטאַנען דאָס פּראָבלעם: צי וועט זי זיך ספּראַווען מיט דער אידישער אייגנאַרטיקייט. „משיח און גאָט זיינען געשטאָרבן, אַ נייער משיח קומט אָן" איז געשטאַנען געשריבן אויף דער נייער פאָן. דער חלום פון דער נייער ווירקלעכער דערלייזונג, — מיט שנאה און מיט קאַמף קומט די נייע גאולה. דער פּיאָנער פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג האָט געטראָגן אין זיך חלומות, וועלכע זיינען נאָך נישט פאַרווירקלעכט. ווען מיר לייענען היינט ליבערמאַנען, שפּירן מיר דעם הויך פון דעם דעמאָלטדיקן אַנהויב און מיר זעען

די פֿאַרשטעלונגען, וועלכע האָבן דאַן באַהערשט די ערשטע פּיאָנערן פֿון אידישן סאָציאַליזם. די לוחות האָבן געוואָרט אויף דעם פֿאָלקסטימלעכן מענטשן. זאָל נאָר דער ישיבה־בחור ווערן דער אַגיטאַטאָר פֿאַרן סאָציאַליזם, און דער אידישער בעל־מלאכה זאָל עס אויפֿנעמען.

אָבער נאָך מער דרינגענדער, ווי דאָס פּראָבלעם, ווי אַזוי דאָס אידישע פֿאָלק, אידישע געשיכטע וועלן אויפֿנעמען דעם פֿאַקט פֿון דעם אַנטשטיין פֿון אַ אידישן אַרבעטער־קלאַס, איז געוואָרן די פֿראַגע, ווי אַזוי וועט די נייע אַרבעטער־באַוועגונג פּאַרטיק ווערן מיט די באַזונדערע פּראָבלעמען פֿון דער אידישער אייגנאַרטיקייט, מיט דער אידישער אַנאָמאַליע. די נייע לוחות זיינען דאָך געגעבן געוואָרן פֿאַר אַלעמען, פֿאַר דער גאַנצער מענטשהייט. יענער צוזאַמענפֿאָר אין ביאַליסטאָק מיט דרייסיק יאָר צוריק האָט עס געוואָלט באַשטימען און מען האָט געמיינט, אַז כּדי צו ספּראַווען זיך מיט דעם דאָזיקן פּראָבלעם, דאַרף מען זיך קודם־כּל אָפּזונדערן פֿון אַלע אַנדערע. אַוועק פֿון ציוניזם, אַוועק פֿון נאַציאָנאַלן געדאַנק, מיר וועלן אַליין פּרוּוון זוכן אַ וועג פֿאַר אַ פֿולשטענדיקער לייזונג פֿון דער אידן־פֿראַגע.

די עקזיסטענץ פֿון דער אידישער אַרבעטערשאַפֿט איז געווען פּראָבלעמאַטיש גענוג. און אויב דער וועג פֿון סאָציאַליזם איז דער וועג פֿון מאַכט־דעראָבערונג, האָט זיך דאָ די אידישע אַרבעטערשאַפֿט געפֿילט מוראדיק פֿאַריתומט. די אינסטרומענטן פֿון דער מאַכט אַרום און אַרום זיינען ניט אין איר באַזיץ. מאַכט איז פֿאַר דעם אידישן אַרבעטער געווען אַ ווייטער חלום. דאָס רייסן זיך צו מאַכט איז געווען אַ קללה פֿאַר דער אידישער אַרבעטערשאַפֿט פֿון וועלן און נישט קאָנען. בשעת עס האָט זיך געדאַכט, אַז די סאָציאַלע רעוואָלוציע פֿלאַקערט זיך פֿונאַנדער — איז דעם אידישן אַרבעטער אין ערגעץ ניט געלונגען צו זיין אַליין דער אַנטשיידנדיקער פֿאַקטאָר. שטאַט איז פֿאַרן אידישן געטאָ נאָך עד־היום אַן אָביעקט פֿון אַפּעטיט. איז ווייטער פֿאַרבליבן מיין קהל, מיין אידיש שטעטל, מיין אידישע פּאָליטיק מיט מיין סאָציאַליסטישן חלום, — און די אידישע סאָציאַליסטן, וואָס פֿלעגן לאָזן הינטער זיך די גאַנצע אידישע אַרבעטערשאַפֿט, זיינען געווען אַזוי ווי פֿרעמדע סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פֿירער. ווייל עס האָט זיך גענויטיקט אַ האַרציקע צוגרייטונג. מען האָט געמוזט אונטערשטעלן די פּלייצע צו דער אידישער ווירקלעכקייט, קעמפֿן אין די אייגענע נאַציאָנאַלע ראַמען פֿאַר דער פֿאַרווירקלעכונג פֿונם סאָציאַליסטישן חלום.

און דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן אַן אינטערעסאַנטע דערשיינונג, ווייל ס׳איז אַ טעות, אַז די אידישע אַרבעטער־באַוועגונג האָט ניט געהאַט קיין נאַציאָנאַלע באַדייטונג. שוין די ערשטע וויכּוחים אין דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג ווייזן, אַז עס איז געווען אַן ערנסט ראַנגלען זיך מיט די נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען. אַן אַסימילאַטאָרישע באַוועגונג איז די אידישע

אַרבעטער־באַוועגונג נישט געוואָרן, הגם יחידים האָבן זיך אָפּגעריסן. אָבער באַלד האָט זיך אָנגעהויבן דער קאַמף מיטן אידישן אַרבעטס־געבער. עס האָט זיך געשאַפֿן אַן אָפּגרונט. דער דאָזיקער קאַמף איז געפֿירט געוואָרן אין די גרעניצן פֿון דער אידישער גאַס. דעם אידישן אַרבעטער־פֿירער און דער אידישער סאָציאַליסטישער אינטעליגענץ האָט געפֿעלט צוגרייטונ־גען צום דאָזיקן קאַמף. בכלל איז דער אידישער אַרבעטער־פֿירער געווען אַ טראַגישע פֿיגור. איבערפֿילט מיט שעפֿערישער קראַפֿט, דורכגעדרונגען מיט וויסן און פֿאַרשער־גייסט, געטריי דעם פּראָלעטאַריאַט און זיין נאַציע, האָט ער דאָך פֿאַראויס געמוזט מוותּר זיין אויף יעדער מעגלעכקייט פֿון אייגענעם אויפֿשטייג דורך דער באַוועגונג, זיך געמוזט באַשרענקען אין אירע ענגע ראַמען.

פֿערדינאַנד לאַסאַל האָט בשעתו געזאָגט: איר זייט דער פֿעלז אויף וועלכן עס וועט אויסגעבויט ווערן דער טעמפּל פֿון דער צוקונפֿט. אָן דעם פּאַטאָס איז נישטאָ קיין סאָציאַליזם, איז די באַוועגונג פֿאַראורטיילט צו בלייבן אַ סעקטע, וועלכע וועט צום סאָציאַליזם נישט ברענגען. עס איז געווען אַ צייט, ווען די אידישע אַרבעטער־באַוועגונג האָט עס כמעט ווי פֿאַרווירקלעכט. אַ גרויסע רוסישע מדינה איז געווען, מיט 6 מיליאָן אידן פֿון מזרח־איראָפּע, אָפּגעריסן פֿון דעם מערב־איראָפּיאישן אידנטום. די אידישע געשיכטע האָט געוואָלט, אַז די אידישע אַרבעטער־באַוועגונג אין רוסלאַנד מיט איר אמתן פּאַטאָס זאָל אויך ווערן דער גואל, דיין גואל, אי־דישע ווירקלעכקייט. עס איז געוואָרן אַ גאולה־חלום, אַ קלענערער, אַ במקום; און דער חלום אין רוסלאַנד האָט זיך פֿאַרווירקלעכט. עס איז געוואָרן דער מענטש אַ באַפֿרייער פֿון זיין גורל. דער משיח איז געקומען. און די אידישע אַרבעטער האָבן געדאַרפֿט ווייטער גיין: „ווי ווער איך דער העגאָמאָן פֿון דער אידישער ווירקלעכקייט״? אין פּראָצעס פֿון אידישן שאַפֿן האָט מען אָנגעהויבן צו זוכן דעם וויסנשאַפֿטלעכן וועג, אויף יענער זייט פֿון „בונד״. דאָ זיצט נאָך פֿאַר מיר אַ איד, וועלכער האָט אין יענע יאָרן געזאָגט: „דער טעריטאָריאַליזם ווירקט באַפֿרוכפּערנד, נאָך איידער ער ווערט פֿאַרווירקלעכט״. און באמת, עס איז שאַרף געוואָרן דאָס אויג פֿאַר דער פֿאַרשטענדעניש פֿון דער אידישער אייגנאַרט, און עס איז געלייגט געוואָרן דער יסוד פֿון דער אידישער ווירטשאַפֿטלעכער און נייער נאַציאָנאַלער זעלבסט־דערקענטעניש. און וואָס מער באַפֿרייענדער געדאַנק, אַלץ מער איז געוואַקסן דער רעוואָלוציאָנערער דורשט — האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער וויסנשאַפֿטלעכער וועג פֿון זוכעניש שטילט נישט דעם דורשט. אַ דורשט צו מעשים איז אַנטשטאַנען. און נאָך מער סכּנות זיינען אַנטשטאַנען אין דעם זוכן אַליין, און טראַגיש איז געוואָרן דאָס נישט קאָנען געפֿינען. אין דער דאָזיקער טראַגעדיע איז ווי צוגעגרייט געוואָרן דער

באַדן דערפֿאַר, אַז שפּעטער זאָל דער שטורעם אָוועקטראָגן גראָד יענע מחנה פֿון זוכער.

מיט דעם אַראָפּוואַרפֿן די זעלבסטהערשונג אין רוסלאַנד — איז די זוכערישע אידישע אַרבעטערשאַפֿט געשטאַנען אַן אויסגעליידיקטע, ווי אַ גרויסער אָדלער מיט למפּרע צעבראָכענע פֿליגלען. דער בליץ פֿון דער וועלט־רעוואָלוציע האָט פֿאַרבלענדט. עס איז אַנטשטאַנען די מיינונג, אַז היות דער קאַפּיטאַליזם גייט אונטער, זיינען מיר שוין פֿריי פֿון אַלע מצוות. מען דאַרף נישט מער זוכן: „מאָרגן אין דער פֿרי קומט אַ נייע וועלט!" איז מען דאָך פּטור פֿון אַלע זוכענישן, מיט דער אַלגעמיינער באַפֿרייאונג קומט אויך אונזער באַפֿרייאונג, איז די טראַגעדיע פֿון זיך אַליין געלייזט; אָפּגעווישט דער גלות, דער ציוניזם, דער אויטאָנאָמיזם, אַלץ איז איבעריק. דערפֿאַר האָט זיך אַזוי זיגרייך דורכגעטראָגן די קאָמוניסטישע כוואַליע אויף דער אידישער אַרבעטער־גאַס. עס האָט ניט געהאָלפֿן די גאַנצע מאַרקסיסטישע שולונג, די גרויסע בקיאות, דער אויטאָריטעט פֿון פֿירער. ווי מיט אַ פֿלעדערוויש איז אַלץ אָפּגעווישט געוואָרן. מען איז געוואָרן פֿראַנק און פֿריי פֿונם גרויסן באַלאַסט. מיט הנאה האָט מען זיך געוואָרפֿן אין שמד; אַלץ אין ים אַריינגעשמיסן, עס איז געווען בלוטיק טראַגיש.

דער נישט־אידישער אַרבעטער, וואָס האָט גובר געווען דעם קאָמוניסטישן קריזיס און איז צוריקגעקומען צום אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו גרויסער פּלאַנמעסיקער פּאַרלאַמענטאַרישער און געזעצגעבערישער טעטיקייט. פֿאַר דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג איז דער וועג דערצו פֿאַרצוימט. די ניט־אידישע אַרבעטערשאַפֿט האָט אָנגעהויבן צוטרעטן צו אַ מאַכטפֿולער קאָנטראָל פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפֿט, צו דער איבערוואַכונג פֿון דער פּראָדוקציע. פֿאַר די אידישע אַרבעטער זיינען די אינסטאַנצן פֿון דער שטאַטס־ווירטשאַפֿטס־קאָנטראָל נישט צו דערגרייכן, און די צעזייטע און צעשפּרייטע „אידישע ווירטשאַפֿט" לאָזט זיך גאָרנישט קאָנטראָלירן.

שווער איז דער וועג פֿון דער אידישער אַרבעטערשאַפֿט. האָט זי זיך אָנגעכאַפּט אָן אַ פֿעלז — איז דער פֿעלז צעריבן געוואָרן. האָט די אידישע אַרבעטערשאַפֿט געזוכט פּראָדוקטיוויזירונג, האָט זיך גראָד אָנגעהויבן אַ ווירטשאַפֿטלעכער קריזיס אין די לענדער פֿון מזרח־איירָאָפּע און די טויערן פֿון אַרבעט זיינען פֿאַרריגלט געוואָרן פֿאַרן אידישן אַרבעט־זוכנדיקן מענטשן, און אין אַמעריקע האָט זיך אָנגעהויבן דער פּראָצעס פֿון דעקלאַסירונג און פֿון פֿאַרלאָזן די אַרבעט־פּאַכן. האָט זי זיך איינגעשפּאַרט מיט ענטוזיאַזם און פֿאַרביסנקייט: שפּראַך, און האָט אין דעם אַריינגעלייגט אַ סך קרבנות און שעפֿערישן אויפֿטו. דער אידישער אַרבעטער אין ארץ־ישראל וועט דווקא מער ווי אַלע אַנדערע טיילן ביי די אידן פֿאַרשטיין

אַט דעם קאַמף, וואָס דער אידישער אַרבעטער אין פּוילן האָט געפירט, אַז די שפּראַך פון זיין לעבן און אַרבעט זאָל ווערן די הערשנדיקע און שע־פערישע שפּראַך פון גאַנצן פאָלק. און ער האָט עס דאָך געפירט מיט אַזוי פיל ליבע. איז אָבער דער אינהאַלט לגמרי נישט קיין פעלז. שפּראַך איז אמת אַ גרויסער אינסטרומענט, אָבער קיין שטורעם האַלט עס ניט אויס.

און גראָד ערשט האָט אַ פלאַטער געטאָן די אידישע נויט: חורבן און אַסימילאַציע און עמיגראַציע־דורשט און מאַסן־עלנט און סכנות פאַר אַלע נאַציאָנאַל־דעמאָקראַטישע התחלות — און אַ טייל אידישע אַרבעטער־באַוועגונג שטייט שטום, אָן אַ פּרואוו פון תשובה, אָן אַדלער מיט צע־בראָכענע פליגלען, און פאַכעט נאָך שוואַך מיטן הרם פון פאַר דרייסיק יאָר. און למען האמת מוז געזאָגט ווערן: דער מוחרם האָט אויף הסכמות ניט געוואַרט. וואָס דער אידישער אַרבעטער האָט אויפגעטאָן אין ארץ־ישראל, וועגן דעם איז און וועט אויפן קאָנגרעס אַ סך געזאָגט ווערן. די באַ־וועגונג אַרום אידישן אַרבעטער אין א״י האָט געוואונען סימפּאַטיעס פון ווייטע און די היסטאָריש־נאָענטע זיינען נישט נאָענט געוואָרן. דערפאַר איז מעגלעך דער מחרים, דערפאַר איז שוצלאָז דער מוחרם. צוביידע זאַכן מוז קומען אַ סוף.

אויב די אידישע ארבעטער־באַוועגונג זאָל אַרויס פון איר איצטיקן קריזיס, פון איר מאַכטלאָזיקייט, מוז זי דערציען אין זיך דעם ווילן צו זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן אידישן גורל. קאַמף קעגן אַנטי־ציוניזם פונם אידישן סאָציאַליזם איז דער קאַמף פאַרן זיג פונם אידישן סאָציאַליזם אין דער אידישער פּאָליטיק. מיר וועלן ניט וואַרטן ביזן טאָג פון ווייטן שלום. די וועלט־ליגע פאַרן אַרבעטנדיקן א״י וועט שוין איצט זאַמלען אַלע כוחות אויף צו שטאַרקן די טעטיקייט אין און פאַר דאָס אַרבעטנדיקע ארץ־ישראל. אָבער אינעם טאָג פון דער גרינדונג זאָל פייערלעך דערקלערט ווערן: צע־רייסן אין שטיקלעך דעם חרם פון פאַר דרייסיק יאָר, הייסט אַרויספירן אויף אַ ברייטן שליאַך דעם מחרים און דעם מוחרם צוגלייך. דאַן וועט דער סאָציאַליזם ביי אידן דערפילן זיין שליחות און דערגרייכן זיין זיג.

דער ציוניזם איז די רעאַלע דערשיינונג פון אידישן לעבן. זיינע וואָרצלען שטעקן אין דער עקאָנאָמישער און געזעלשאַפטלעכער לאַגע פון די אידן, אין זייער דורכגעלייטערטן פּראָטעסט־אינסטינקט, אין זייערע אי־דעאַליסטישע אָנשטרענגונגען צו געבן אַ דערהויבענעם אינהאַלט זייער אָרעם לעבן.

נחמן סירקין

א. העמלין

די הסתדרות און דער געווערקשאַפֿטן־קאַמפּיין

דער 25־יעריקער יובל פֿון דער הסתדרות, איז אַ היסטאָרישע דאַטע ניט נאָר אין לעבן פֿון דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטער־באַוועגונג און פֿון אידישן פֿאָלק, נאָר אויך אין לעבן פֿון דער אידישער אַרבעטערשאַפֿט אין אַמעריקע. די גרינדונג פֿון דער הסתדרות איז געווען דער וויכטיקסטער שטויס צו דער אָרגאַניזירונג פֿון געווערקשאַפֿטן־קאַמפּיין און צום אָנפֿאַנג פֿון אַ נייער עפּאָכע אין וועלכער דער אידישער אַרבעטער האָט זיך דער־פֿילט מיטפֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַרן גורל פֿון זיין פֿאָלק. אַ געשיכטלעכער טעות איז פֿאַרריכט געוואָרן. אַ קוואַל פֿון אָנגעזאַמלטער ענערגיע איז פֿרייגעלאָזן געוואָרן פֿאַרן אויפֿבוי פֿון ארץ־ישראל און פֿאַר יעדער קאָנס־טרוקטיווער טאַט אין אידישן לעבן בכלל.

טיף אין האַרצן פֿון די אידישע אַרבעטער־מאַסן האָט געלעבט די האָפֿענונג פֿון באַפֿרייאונג און נאַציאָנאַלער אויפֿלעבונג. אָט די האָפֿענונג איז במשך פֿון צענדליקער יאָרן גייסטיק געשפּייזט און דערמוטיקט גע־וואָרן דורך דער פּועלי־ציון פּאַרטיי, וואָס האָט דערפֿילט אַ גרויסע פּיאָ־נערישע אויפֿגאַבע. אויף דעם פּראַקטישן געביט האָט די פּאַרטיי אָנגע־פֿירט מיט דעם פּאַלעסטינע־אַרבעטער־פֿאָנד און דעם דערפֿאָלגרייכן געצייג־קאַמפּיין. אין לויף פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט די פּאַר־טיי געמאַכט ענערגישע פֿאַרזוכן צו געווינען די אידישע אַרבעטערשאַפֿט פֿאַר דעם ארץ־ישראל־געדאַנק. אַ רייע אַרבעטער־קאָנפֿערענצן זיינען דאַן צושטאַנד געקומען אויף וועלכע ס׳איז אויסגעפֿאָכטן געוואָרן דער קאַמף צווישן די אָנהענגער און קעגנער פֿון געדאַנק, אַז די אַרבעטערשאַפֿט זאָל ווערן אַן אַקטיווער מיט־שותּף אין אויפֿבוי פֿון ארץ־ישראל. באַזונדערס אימפּאָזאַנט איז געווען דער אידישער אַרבעטער־קאָנגרעס פֿאַר א״י, וועלכער איז צונויפֿגערופֿן געוואָרן אין 1918. צו דעם קאָנגרעס זיינען געקומען בלויז טיילן פֿון דער טרייד־יוניאָן־באַוועגונג, אָבער ניט די אַרבעטערשאַפֿט אַלס גאַנצע, אין וועמענס נאָמען דער ציוניזם איז ביטער באַקעמפֿט געוואָרן. אַ קינסטלעכע מחיצה איז געשטאַנען צווישן דער אָרגאַניזירטער אידישער אַרבעטערשאַפֿט און דער רענעסאַנס־באַוועגונג פֿון אידישן פֿאָלק. עס האָט זיך געפֿאָדערט, אַז אימיצער זאָל אָט די מחיצה אומוואַרפֿן, און דער־נענטערן ברידער פֿון איין קלאַס און פֿון איין פֿאָלק. אָט דער אימיצער האָט זיך ענדלעך אָפּגערופֿן.

אויף דער ווענדונג פֿון דער הסתדרות וואָס איז געקומען אין אויגוסט, 1923, איז געקומען דער ענטפֿער פֿון די פֿאַראייניקטע אידישע געווערק־

שאַפֿטן און איר אומפֿאַרגעסלעכן פֿירער, מאַקס פּיין — אַ מענטש פֿון מוט און קוראַזש, אַ דרייסטער קעמפֿער פֿאַר זיינע איבערצייגונגען, אַ מענטש מיט אַ ברייטער נשמה, וואָס האָט געוויטיקט איבער די אידישע ליידן און די אויסנאַמס־לאַגע פֿון אידישן פֿאָלק. דער ענטפֿער פֿון די געווערקשאַפֿטן האָט געאָטעמט מיט וואַרעמקייט, מיט ברידערלעכער סאָלידאַריטעט, און מיט דער פֿאַרזיכערונג, אַז „גאַר די גרעסטע אידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס פֿון אַמעריקע זיינען איינציק אין דעם, אַז עס איז אונזער פֿליכט צו פֿאַרשטאַרקן אייערע פּאָזיציעס, העלפֿן אייך אַריינברענגען אין ארץ־ישראל וואָס גרעסערע מאַסן און אויפֿנעמען זיי אין די אַרבעטער־רייען".

זייער שווער איז געווען די התחלה. ניט אַלע האָבן נאָך געוואָגט צו באַטרעטן דעם נייעם וועג און אַ רייע שטערונגען האָבן שיר ניט אומגעבראַכט דעם געוואָגטן אָנהייב. עס האָבן זיך אָבער געפֿונען אַ צאָל מוטיקע אַרבעטער־פֿירער, וועלכע האָבן זיך געשטעלט בראש פֿון דער באַוועגונג און האָבן פּראָקלאַמירט די אַקציע פֿאַרן אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל. צווישן די ערשטע מיטאַרבעטער, וועלכע זיינען טריי געשטאַנען מיט פּיינען און געהאָלפֿן פֿאַנאַנדעראַקערן דאָס פֿעלד, דאַרפֿן דערמאָנט ווערן דער אומפֿאַרגעסלעכער סאָציאַליסטישער טריבון, אברהם שיפּלאַקאָוו, דער פֿירער פֿון די בעקער־אַרבעטער דזש. גאָלדשטיין, דער גענעראַל־סעקרעטאַר פֿון דער קאַפּן־מאַכער יוניאָן, מאַקס צוקערמאַן, דער מיטאַרבעטער מיט פּיינען און שפּעטער־צו, דער סעקרעטאַר פֿון די פֿאַראייניקטע אידישע געווערקשאַפֿטן, מאָריס פֿיינסטאָן, און — זיי צו לאַנגע יאָר — יוסף שלאָסבערג, ברוך צוקערמאַן, הערי לאַנג, און אַ רייע חברים און פֿריינט, וועלכע האָבן דעם קאַמפּיין געגרינדעט און געבראַכט אים צו דער הויכער מדרגה אויף וועלכער ער געפֿינט זיך איצט.

אַ גרויסע דערמוטיקונג איז געווען דער אָפּרוף פֿון איבערן לאַנד און די פֿלאַמענדיקע באַגייסטערונג, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט טויזנטער אידישע אַרבעטער. עס טליעט נאָך אין זכרון די ערשטע גרינדונגס־פֿאַרזאַמלונג, דעם 14טן פֿעברואַר, 1924, אין קופּער־יוניאָן, בעת מאַקס פּיין האָט פּראָקלאַמירט דאָס „מיר זיינען געקומען פֿאַרניכטן אַ דאָגמע און אַרונטערנעמען דעם חרם, וואָס איז געלעגן אויף אַ צאָל פֿון אונזערע שוועסטער און ברידער". ענלעכע פֿאַרזאַמלונגען וואָס זיינען פֿאַרגעקומען אין פֿאַרשידענע ערטער האָבן קלאָר באַוויזן, אַז אין די מוחות פֿון די אידישע אַרבעטער קומט פֿאָר אַ גייסטיקע רעוואָלוציע, און אַז פֿון דער קליינער התחלה וועט זיך פֿאַנאַנדערוואַקסן אַ גרויסע באַוועגונג, וועלכע וועט אָנצינדן די הערצער פֿון די אידישע מאַסן, און וועט ברענגען קראַפֿט און דערמוטיקונג צו דער אידישער אַרבעטערשאַפֿט אין ארץ־ישראל.

דער קאַמפּיין ווערט אַ פּערמאַנענטע קערפּערשאַפט

דער ערשטער קאַמפּיין, וועלכער האָט צונויפגעבראַכט דעם סכום פון 51 טויזנט דאָלאַר, איז בלויז געווען אַן איין־מאָליקע אַקציע. ס׳איז אָנגעגאַנגען אַ וויכוח אין די געווערקשאַפטן־קרייזן צי דער קאַמפּיין זאָל בלייבן פּערמאַנענט אָדער ניט. אין נאָוועמבער, 1925, האָבן די פאַראייניקטע אידישע געווערקשאַפטן אינדאָרסירט דעם פאָרשלאַג צו באַנייען די טעטיקייט פאַרן אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל. דעם 2טן יאַנואַר, 1926, איז אין זאַל פון „האַיאַס" פאַרגעקומען דער ערשטער גרינדונגס־צוזאַמענפאָר מיט דעם אָנטייל פון 350 דעלעגאַטן, פאַרטרעטנדיק 150 אָרגאַניזאַציעס. דער צוזאַמענפאָר האָט פּראָקלאַמירט דעם געווערקשאַפטן־קאַמפּיין אַלס אַ פּערמאַנענטע קערפּערשאַפט.

פון דאַן אָן איז דער קאַמפּיין געגאַנגען באַרג־אַרויף. מיט דער אויסנאַמע פון די שווערע קריזיס־יאָרן פון 31־32־33 און 1934, זיינען די הכנסות פון קאַמפּיין כסדר געוואַקסן ביז זיי האָבן דערגרייכט אין 45־1944 דעם סכום פון אַ מיליאָן 638 טויזנט דאָלער, אין וועלכן עס איז איינגעשלאָסן די סומע פון 277 טויזנט דאָלער פון דער פּיאָנערן־פרויען אָרגאַניזאַציע פאַר דער מועצת־הפּועלות. צוזאַמען איז דורך דעם קאַמפּיין און זיינע אָנגעשלאָסענע אָרגאַניזאַציעס דערגרייכט געוואָרן פאַרן אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל די סומע פון זיבן און אַ האַלב מיליאָן דאָלער. דאָס שליסט ניט איין די סכומים וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן פאַר דער פאַרזיכערונגס־געזעלשאַפט „הסנה" דורך דעם אידישן נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד, פאַר דער „בנק הפועלים". „נחשון", „אַמפּאַל" און אַנדערע אַקטיוויטעטן, וואָס זיינען דערמעגלעכט געוואָרן אַדאַנק דער אויפקלערונגס־אַרבעט און די פריינטשאַפט, וואָס דער געווערקשאַפטן־קאַמפּיין האָט דערוואָרבן.

אין דער ערשטער אַקציע האָבן אָנטייל גענומען 60 פּונקטן פון 20 שטאַטן און דריי שטעט אין קאַנאַדע. אין דער לעצטער אַקציע האָבן אָנטייל גענומען איבער 400 פּונקטן אין 45 שטאַטן, אין אַלע פּראָווינצן פון קאַנאַדע, און אין מעקסיקע. אין דעם ערשטן צוזאַמענפאָר האָבן אָנטייל גענומען פאַרטרעטער פון 150 אָרגאַניזאַציעס. ביים לעצטן צוזאַמענפאָר וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן דעם 24טן און 25טן נאָוועמבער, אין האָטעל קאָמאָדאָר, ניו־יאָרק, האָבן אָנטייל גענומען קרוב 3000 דעלעגאַטן, פאַרטרעטער פון איבער אַ האַלב מיליאָן אידישע אַרבעטער און פאָלקס־מענטשן.

פון גרויס באַדייטונג זיינען אויך די יערלעכע קאָנפערענצן, וואָס קומען פאָר אין באָסטאָן, פילאַדעלפיע, באַלטימאָר, דעטראָיט, קליוולאַנד, פּיטסבורג, שיקאַגאָ, סיינט־לואיס, מינעאַפּאָליס, פּראָווידענס, באַפאַלאָ, ניו־דזשוירזי סטייט, מאָנטרעאָל, טאָראָנטאָ, וויניפּעג, לאָס־אַנדזשעלעס, מערב־קאַנאַדע, אָנטאַריאָ, און אַנדערע געגנטן פון לאַנד. צוזאַמען באַטייליקן

זיך אין די קאָנפֿערענצן און אין דער טעטיקייט פֿון קאַמפּיין קרוב צו 3,000 אַרבעטער־און־פֿאָלקס־אָרגאַניזאַציעס.

דער געווערקשאַפֿטן־קאַמפּיין אַנטוויקלט זיך צו אַ גרויסער פֿאָלקס־באַוועגונג

די באַדייטונג פֿון געווערקשאַפֿטן־קאַמפּיין ליגט ניט בלויז אין זיינע פֿינאַנציעלע דערגרייכונגען, ווי וויכטיק און דרינגענדיק זיי זאָלן ניט זיין. דורך דעם געווערקשאַפֿטן־קאַמפּיין איז קודם־כל געשאַפֿן געוואָרן אַ בריק פֿון ברידערלעכער סאָלידאַריטעט צווישן דער אידישער אַרבעטערשאַפֿט אין אַמעריקע מיט דער דאַן־נאָך־יונגער אידישער אַרבעטערשאַפֿט אין ארץ־ישראל. אין יענער צייט, בעת די הסתדרות האָט געציילט וויניקער ווי צען טויזנט מיטגלידער און איז געשטאַנען פּנים־אל־פּנים מיט די שונאים און אומגעהויערע שוועריקייטן, איז די גרינדונג פֿון געווערקשאַפֿטן־קאַמפּיין געווען אַ ליכטיקע בשורה און אַ קוואַל פֿון גרויסער דערמוטיקונג. אין דעם באַשטעטיקונגס־בריוו וואָס דער ועד־הפּועל האָט דאַן צוגעשיקט אַלס ענטפֿער אויף דער ערשטער טראַנסמיסיע, ווערט צווישן אַנדערן געזאָגט פֿאָלגענדעס:

> עס איז איבעריק צו דערציילן איך, חברים, וועלכע האָפֿענונגען די אָרגאַניזירטע אידישע אַרבעטערשאַפֿט פֿאַרבינדט מיט דער התחלה פֿון אייער קאַמפּיין אויפֿן געביט פֿון ארץ־ישראל. מיר פֿילן די גאַנצע צייט, אַז ערשט נאָך דעם ווי עס וועט אַרויסגערופֿן ווערן פֿאַרשטענדיקונג און מיטגעפֿיל פֿאַר אונדזער אַרבעט ביי דער אָרגאַניזירטער אידישער אַרבעטערשאַפֿט אין גאָר דער וועלט, ערשט דעמאָלט וועט געשאַפֿן ווערן דער פֿרייער כּוח מיט וועמענס הילף עס וועט אונז געלינגען בייצוקומען אַלע מניעות. אייער ערשטע געלט־זענדונג איז געווען אַ בשורה פֿאַר אונז, אַז די דאָזיקע צייט דערנענטערט זיך. גראָד איצט, בשעת אויף די אויפֿגעבויטע פּאָזיציעס פֿון דער אַרבעטערשאַפֿט אין ארץ־ישראל וואַרפֿן זיך געניטע און אויסגעפּרובירטע אַרבעטער־קעגנער פֿון אַלע צדדים, איז אייער חברישע מיטהילף פֿאַר אונז געווען אַ טאָפּלטע טרייסט. ווי אַ וואונק אויף אַ נייער ווענדונג האָט די אידישע אַרבעטערשאַפֿט אין ארץ־ישראל אויפֿגענומען אייער אַקציע, און אייער געלט האָט געבראַכט דעריבער ניט נאָר הילף, נאָר קודם כּל אויך שטאַרקונג פֿון מוט.
>
> זאָל די שטענדיקע סיסטעמאַטישע און אַקציאָנסרייכע פֿאַרבינדונג צווישן דעם אָרגאַניזירטן אידישן אַרבעטער־קלאַס אין ארץ־ישראל און דער אָרגאַניזירטער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין גאָר דער וועלט ווערן דער באַשטימענדיקער פֿאַקטאָר פֿון אונדזער אַלגעמיינער אַנטוויקלונג. דעמאָלט וועט אונדזער שווערע אָבער האָפֿענונגספֿולע אַרבעט זיין געבענטשט מיט אַ נייער קראַפֿט. זייט, חברים געשטאַרקט אין אייער אַרבעט און האַרציק געגריסט.

די פֿאַראויסזאָגונג פֿון דעם בריוו איז אין אַ גאַר גרויסער מאָס מקוים געוואָרן. דער צוזאַמענבונד פֿון דער הסתדרות מיט דער אַרבעטערשאַפֿט פֿון אַמעריקע איז שטאַרקער געוואָרן פֿון טאָג צו טאָג. אין אַ גרויסער מאָס האָבן צו דעם בייגעטראָגן די שליחים וואָס די הסתדרות האָט אָפֿט דע־לעגירט קיין אַמעריקע און די צוויי אַמעריקאַנער אַרבעטער־דעלעגאַציעס וועלכע האָבן באַזוכט ארץ־ישראל אין די יאָרן 1930 און 1936. די צאָל אידישע אַרבעטער, וועלכע האָבן זיך אַנגעשלאָסן אין דער באַוועגונג, איז מיט יעדן יאָר געשטיגן, אַזוי, אַז ביי היינטיקן טאָג, שטייט כמעט די גאַנ־צע אידישע אַרבעטערשאַפֿט און גרויסע טיילן פֿון די אידישע פֿאָלקס־מאַסן סאָלידאַריש און ברידערלעך מיט דעם קאַמף און אידעאַלן פֿון דער הסתדרות.

עס איז אויך מקוים געוואָרן דער צווייטער וואונטש, וואָס איז אויסגע־דריקט געוואָרן אין בריוו. די ארץ־ישראל־אַרבעטערשאַפֿט איז געוואָרן דער באַשטימענדער פֿאַקטאָר אין דעם אויפֿבוי פֿון אידישן היימלאַנד. דער חותם פֿון דער אַרבעטערשאַפֿט ליגט אויף יעדן ווינקל פֿון סאָציאַלן, עקאָ־נאָמישן און קולטורעלן לעבן פֿון דעם נייעם ארץ־ישראל. פֿעסטע און זי־כערע יסודות זיינען אַוועקגעלייגט געוואָרן פֿאַר דער קאָאָפּעראַטיווער אַרבעטנדיקער געזעלשאַפֿט, יסודות אין וועלכע די אידישע מאַסן פֿון אַמע־ריקע האָבן אַריינגעוועבט ניט נאָר זייער פֿינאַנציעלע מיטהילף, נאָר אויך זייער האַרץ, נשמה און טיפֿע איבערגעגעבנקייט.

די צווייטע וויכטיקע דערשיינונג איז די פֿאַרוואַנדלונג פֿון געווערק־שאַפֿטן־קאַמפּיין אין אַ גרויסער און פֿאַרצווייגטער פֿאָלקס־באַוועגונג. פֿון די קרוב צו דריי טויזנט קערפּערשאַפֿטן, וועלכע באַטייליקן זיך אין קאַמ־פּיין, זיינען צוויי־דריטל לאַנדסמאַנשאַפֿטן און פֿאָלקס־אָרגאַניזאַציעס. אָבער ניט נאָר אָרגאַניזאַציעס, נאָר אויך צאָלרייכע יחידים, כלל־טוער, און פֿאַר־שטייער פֿון פֿאַרשידענע שיכטן האָבן זיך אידענטיפֿיצירט מיט דער אַר־בעט פֿון דער הסתדרות. איינער פֿון די גאַר ערשטע וואָס האָט געגעבן דעם קאַמפּיין אַ היפּשע דערמוטיקונג איז געווען דער פֿאַרשטאָרבענער, לואיס ד. בראַנדייס, — „אין די מאַסן ליגט די האָפֿנונג פֿון ארץ־ישראל", האָט דער חשובער ריכטער זיך איינמאָל אויסגעדריקט פֿאַרן שרייבער פֿון די שורות. די טריבונע פֿון געווערקשאַפֿטן־קאַמפּיין איז גאַנץ אָפֿט באַ־שיינט געוואָרן פֿון אַזעלכע פּערזענלעכקייטן ווי ד״ר חיים וויצמאַן, אַל־בערט איינשטיין, ד״ר סטיפֿען וויז, דער פֿאַרשטאָרבענער דיכטער חיים נחמן ביאַליק, און די חשובסטע פֿאַרשטייער פֿון אַמעריקאַנער אידנטום, וועלכע האָבן דערזען אין דער הסתדרות דעם פֿאַרקעמפֿער ניט בלויז פֿאַרן אַרבעטער־קלאַס, נאָר פֿאַרן גאַנצן פֿאָלק ישראל. אָט די סענטימענטן זיי־נען אויף אַ בולטן אופֿן אויסגעדריקט געוואָרן אין צוויי דעקלאַראַציעס,

וועלכע זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין יאָר 1934, דורך 241 רעפאָרם־ראַבינער און דורך דער ראַביניקל אַסעמבלי אין וועלכער עס זיינען אָר־גאַניזירט אַלע קאָנסערוואַטיווע רבנים. אין דער פאָררעדע פון דער דעק־לאַראַציע, זאָגט ד"ר וויז פאָלגענדעס:

די צוויי סטייטמענטס וועלכע זיינען אַ כבוד פאַר די אמעריקאַ־נער ראַבינער, וועלן אויפקלערן די אמעריקאַנער אידן וועגן די שטרעבונגען פון דער הסתדרות און וועלן צוזאַמענברענגען פאַר ארץ־ישראל גרופן וועלכע זיינען זאַנסט צעטיילט. דאָס נייע ארץ־ישראל וועט ניט זיין קיין „ריעל־עסטייט" אונטערנעמונג אָדער אַן אָרגאַנזשן פלאַנטאַציע... זי וועט געבויט ווערן ניט אויפן באַזיס פון קאָנקורענץ וועלכע האָט געבראַכט די מענטשהייט צו דעם כאַאָס אין וועלכן זי געפינט זיך איצט, נאָר אַלס אַ קאָאָפעראַטיווע גע־זעלשאַפט וועלכע זאָל זיין געבויט אין איינקלאַנג מיט די נביאישע אידעאַלן פון אידישן פאָלק.

די 25־יעריקע געשיכטע פון דער הסתדרות, אירע מעשים און דער־גרייכונגען, אירע הערואישע אָנשטרענגונגען אויפן געביט פון רעטונג, עליה, און קאַמף פאַר אונזערע רעכט, — האָבן אָט די האָפנונגען באַשטע־טיקט.

דער געווערקשאַפטן־קאַמפּיין — די גרעסטע דערציערישע באַוועגונג צווישן די אידישע מאַסן אין אַמעריקע

פון ערשטן טאָג פון זיין גרינדונג האָט זיך דער געווערקשאַפטן־קאַמ־פּיין געשטעלט דעם ציל צו דערציען די אידישע מאַסן צו זייער פליכטס־באַוואוסטזיין און צו דער פירנדיקער ראָלע, וואָס זיי דאַרפן שפּילן אין דער באַפרייאונג פון פאָלק און אין דעם אויפבוי פון ארץ־ישראל. דער אָנפאַנג פון אָט דער דערציאונג און פּראָפּאַגאַנדע, איז געקומען דורך די פאָרשטייער פון דער הסתדרות און דורך די טרייע שליחים וואָס האָבן זיך אַרויסגעלאָזן אין די ווייטסטע פונקטן פון די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע. מיט דער צייט איז אָט די פּראָפּאַגאַנדע אויסגעברייטערט גע־וואָרן און האָט אָנגענומען אַ גרויסן מאַסן־כאַראַקטער. טויזנטער אָרגאַני־זאַציעס ווערן באַזוכט דורך די פאָרשטייער פון קאַמפּיין, וועלכע ברענגען איבעראַל דאָס וואָרט פון אויפקלערונג, פון קאַמף און האָפענונג. הונ־דערטער טויזנטער אידן ווערן דערגרייכט דורך ליטעראַטור, ראַדיאָ, בו־לעטינען, פּרעסע, און פילם. טויזנטער קינדער ווערן דערגרייכט דורך דער אַרבעט פון ועד המחנכים און דורך דער פּעריאָדישער קינדער־ליטע־ראַטור וואָס דער קאַמיטעט גיט אַרויס.

צענדליקער טויזנטער אידן ווערן אינספּירירט דורך די גרויסע קאָנ־פערענצן, מאַסן־פאַרזאַמלונגען און קאָלעקטיווע יום־טובים. די „דריטע

סדרים" וועלכע דער געווערקשאַפֿטן־קאַמפּיין האָט איינגעפֿירט, ווערן געפֿייערט אין פֿיל שטעט. צו די אַלע צוזאַמענקונפֿטן ווערט געבראַכט דאָס וואָרט פֿון דער הסתדרות און דאָס ליד פֿון אַרבעט און האָפֿענונג; עס ווערט דערהויבן דער אידישער גייסט און נשמה; עס ווערט צעמענטירט דער בונד מיטן חלוצישן ארץ־ישראל און עס ווערט פֿאַרשטאַרקט די אַנטשלאָסנקייט צו בויען טראָץ אַלע שטערונגען, טראָץ אַלע שוועריקייטן.

דערמיט איז צו דערקלערן דעם דראַנג פֿון געווערקשאַפֿטן־קאַמפּיין צו פֿירן זיין אַרבעט זעלבסטשטענדיק און ניט „פֿאַרשלונגען" ווערן פֿון די „וועלפֿעיר־פֿאָנדן" און די אַלגעמיינע „דרייוועס". נאָר דורך זעלבסטשטענדיקער אַרבעט קען ער פֿאַנאַנדערוויקלען זיין פֿאָן און דערגרייכן די ברייטע אידישע מאַסן. נאָר דורך זעלבסטשטענדיקער טעטיקייט קען ער ברענגען איבעראַל דאָס וואָרט פֿון דער הסתדרות און פֿון אידישער אויפֿלעבונג. גייענדיק אויף אָט דעם וועג וועט דער געווערקשאַפֿטן־קאַמפּיין מיט דער צייט אַרומנעמען אַלע שיכטן פֿון פֿאָלק און ווערן אַ גרויסע רענעסאַנס־באַוועגונג ניט נאָר פֿאַר ארץ־ישראל, נאָר אויך פֿאַרן אידישן לעבן אין אַמעריקע, פֿאַר וועמען די הסתדרות וועט זיין דער אינספּירירנדיקער כּוח און עמוד־האש.

די הסתדרות און די אַמעריקאַנער אַרבעטערשאַפֿט

די גרינדונג פֿון דער הסתדרות און פֿון געווערקשאַפֿטן־קאַמפּיין האָט מיט דער צייט אַרויסגערופֿן דעם דרך־ארץ און די וואַרימסטע סימפּאַטיען מצד דער גאַנצער אַמעריקאַנער אַרבעטערשאַפֿט. בולטע סימנים פֿון אָט דער פֿריינדשאַפֿט האָבן זיך אַרויסגעוויזן פֿון סעמיועל גאָמפּערס נאָך אין דער ערשטער וועלט־מלחמה און זיינען נאָכדעם פֿאַרשטאַרקט געוואָרן דורך אַ רייע באַשלוסן פֿון דער אַמעריקאַן פֿעדעריישאָן אָוו לעיבאָר און דורך דער וואַכזאַמער און מוטיקער שטעלונג פֿון איר איצטיקן פּרעזידענט וויליאַם גרין. אין די צייטן פֿון קאַמף און פֿון ביטערע נסיונות אין די יאָרן 1929, 1936, און אין די לעצטע מלחמה־יאָרן — איז די אַמעריקאַן פֿעדעריישאָן אָוו לעיבאָר תּמיד אַרויסגעטראָטן מיט די שאַרפֿסטע פּראָטעסטן קעגן די שוועריקייטן וועלכע זיינען געמאַכט געוואָרן דעם אויפֿבוי פֿון ארץ־ישראל און זי האָט געפֿאָדערט די פֿולשטענדיקע דורכפֿירונג פֿון דער באַלפֿור־דעקלאַראַציע. ביי איר לעצטן צוזאַמענפֿאָר אין באָסטאָן האָט די אַמעריקאַן פֿעדעריישאָן אָוו לעיבאָר אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, שטיצנדיק די פֿאָדערונג פֿאַר אַ אידישער קאָמאָנוועלט אין ארץ ישראל און האָט ביי פֿיל געלעגנהייטן געלאָזט וויסן דער בריטישער רעגירונג, אַז זי וועט פֿאָלקאָם שטיצן די הסתדרות און דעם אידישן פֿאָלק אין זיין קאַמף פֿאַר אומבאַגרעניצטער איינוואַנדערונג און פֿולער אויפֿריכטונג פֿון דעם אידישן היימלאַנד.

אַ דעצידירטע שטעלונג האָט אויך אָנגענומען די „סי. איי. אָ." און איר פּרעזידענט פּיליפּ מאַרעי. די „סי. איי. אָ." האָט ביי איר קאָנווענשאָן אין שיקאַגאָ אָנגענומען אַ רעזאָלוציע פּאָדערנדיק די דורכפירונג פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע און דעם אויפבוי פון אידישן היימלאַנד. פּיליפּ מאַרעי האָט צוגלייך מיט גרינען שאַרף רעאַגירט אויף די שענדלעכע האַנדלונגען פון דער בריטישער אַרבעטער־רעגירונג, שיקנדיק איניקע שאַרפע ווענדונגען צום פּריים־מיניסטער און פאַרלאַנגנדיק אומבאַגרענעצטע איינוואַנדערונג פאַר אַלע אידן, וואָס ווילן אַריינקומען קיין ארץ־ישראל. אַן ענלעכע שטעלונג האָט אויך אָנגענומען די קאַנאַדער „קאָאָפּעראַטיוו קאָמאָנוועלט פעדערײשאָן" (סי. סי. עף.), וועלכע האָט אינפאָרמירט דער בריטישער רעגירונג וועגן איר פּאָזיטיווער אונטערשטיצונג פון די אידישע פאָדערונגען. אין די שווערע טעג וואָס דער ישוב גייט דורך, איז די איינשטימיקע האַנדלונג פון דער אַמעריקאַנער און קאַנאַדער אַרבעטערשאַפט אַ גרויסע טרייסט און דערמוטיקונג.

די טרייע אומצעטיילבאַרע שותפות

דורך די פאַרגאַנגענע 25 יאָר איז אויסגעשמידט געוואָרן אַ טרייע, ניט־צעטיילבאַרע שותפות צווישן די אידישע מאַסן פון אַמעריקע און דעם חלוצישן אַוואַנגאַרד אין ארץ־ישראל. די שותפות פילט זיך אין דער טרייד־יוניאָן־באַוועגונג, וועלכע איז געוואָרן ניט נאָר אַ פינאַנסיעלער, נאָר אויך אַ פּאָליטישער שטיץ־פּונקט פאַר דער הסתדרות און אירע פאָדערונגען. דער געפיל פון טרייער שותפות איז טיף איינגעקריצט אין די הערצער פון דער פּאַרטיי פּועלי ציון־צעירי ציון, אין אידיש נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד, די פּיאָנערן־פרויען־אָרגאַניזאַציע, די ליגע פאַרן אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל, די יוגנט־אָרגאַניזאַציע „הבונים", השומר הצעיר, די לינקע פּועלי־ציון און אין די אַלץ־וואַקסנדיקע מחנות פון פאָלקס־אָרגאַניזאַציעס, אַרבעטער־רינג ברענטשעס און די צאָלרייכע פריינט און חברים, וועלכע זיינען פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן דערפאָלג פון קאַמפּיין.

אָט די שותפות האָט געשטאַרקט די הענט פון דער הסתדרות און דערמעגלעכט זי זאָל ווערן אַזאַ שטאַרקער און ווירקזאַמער פאַקטאָר אין אויפבוי פון לאַנד.

די דאָזיקע הייליקע שותפות מוז איצט שטאַרקער ווערן און מוז זיך אויסדריקן ניט נאָר אין געמיינזאַמער אַרבעט, נאָר אויך אין געמיינזאַמען עקשנותדיקן קאַמף און אין געמיינזאַמער קרבנות־גרייטקייט ביז די מלחמה פאַרן אידישן קיום וועט געוואונען ווערן — ביז ארץ־ישראל וועט ווערן אַ אידישע קאָמאָנוועלט אַלס גלייכבאַרעכטיקטער מיטגליד אין דער משפחה פון פרייע פעלקער פון דער וועלט.

זאָלן מיר אַלע זוכה זיין צו דערלעבן דעם דאָזיקן טאָג!

הכנסה פֿון געווערקשאַפֿטן קאַמפּיין פֿאַר דער צייט פֿון זיין עקזיסטענץ

1924	$ 51,165.96
1925-26	110,077.75
1926-27	135,389.01
1927.28	130,068.11
1928.29	168,955.38
1929-30	174,845.55
1930-31	119,696.93
1931-32	83,654.75
1932-33	69,971.29
1933-34	117,527.24
1934-35	144,046.36
1935-36	196,756.49
1936-37	222,936.73
1937-38	276,843.40
1938-39	387,151.64
1939-40	432,151.29
1940-41	477,468.28
1941-42	571,092.54
1942-43	818,767.18
1943-44	1,178,257.89
1944-45	1,638,531.68
סך־הכל	$7,505,355.45

די הסתדרות איז די פֿאַרקערפּערונג פֿון די טראַדיציאָנעלע אידעאַלן פֿון גערעכטיקייט און זי איז אַ מוסטער־ביישפּיל פֿון לעבן פֿאַרן גאַנצן אידנטום.

פּראָפֿ. אַלבערט איינשטיין

גערענק, אַז אין ארץ־ישראל גייסטו ניט צוליב הערֺאָאיזם און ברענגען קרבנות, נאָר צוליב אַרבעט.

יוסף טרומפּעלדאָר

די פֿון אונז, וואָס זיינען שטאַרק פֿאַראינטערעסירט אין דער טעטיקייט און דינסט פֿון דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטער־באַוועגונג, זיינען דאַנקבאַר פֿאַר די אויפֿטוען וואָס זי האָט געלייסטעט פֿאַרן אידישן פֿאָלק, וואָס זוכט צו פֿאַרוואַנדלען ארץ־ישראל אין זיין היימלאַנד.

וויליאַם גרין

ד״ר מ. דוואָרזשעצקי

ווי מיר האָבן געפּייערט דעם „הסתדרות־טאָג״ אין געטאָ־ווילנע און אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן

(קאַפּיטלען זכרונות)

א

1941. ווינטער אין געטאָ ווילנע. אָקאָרשט נאָך אַ גרויסער „אַקציע״ און ארויספירונגען אויף פּאָנאַר. אין געטאָ האָט זיך שוין אָנגעהויבן צו פאָרמירן די אונטערערדישע חלוצישע און ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג.

אין אַ קליינעם באַהאַלטענעם צימערל אין די טעכנישע געטאָ־וואַרשטאַטן האָבן מיר זיך פאַרזאַמלט אַ קרייז חברים צו פּייערן דעם יום־טוב פון „הסתדרות העובדים״ און אין חושך פון געטאָ אויפצולעבן די בילדער פון אַ לאַנד פון פרייהייט און אַרבעט.

אַלעמענס אויגן זיינען געשמידט צו מרדכי טענענבוים־טאַמאַראָוו. ער איז דער געהיימניספולער „משולח״, וועלכער וואַנדערט מיט פּאַפּירן פון אַ טאָטער פון געטאָ אין שטאָט אַריין, פירט אַרויס פּאַרטיעס פון חלוצים אין די פּאַספּיעשקער וועלדער הינטער ווילנע, קומט צוריק מיט נייעס פון דער ווייטער וועלט און מיט ידיעות פון אידישן לעבן אין אַנדערע געטאָס. מרדכי טענענבוים־טאַמאַראָוו איז היינט דאָ דער הויפּט־רעדנער.

ער רעדט וועגן חלוצישע אויפגאַבן אין געטאָ אונטערן נאַצי־רעזשים וועלכע דאַרפן זיין אַ המשך פון חלוצישן קאַמף אין ארץ־ישראל.

ער רעדט און ווערט באַגייסטערט אין רעדן. צום סוף אַ מינוט שטיל און ער ענדיקט.

מיר וועלן אין די געטאָס אָנצינדן דאָס ליכט — און דעם מוט — און די גרייטקייט — פון דער אידישער אַרבעטערשאַפט אין א״י.

אַ חברה פון קיבוץ שחריה זינגט:

כל ישראל קדושים —
אתה המכבי!

אויף דער דאָזיקער הסתדרות־פּייערונג איז געפאַלן אַ געדאַנק צונויפצולייגן זיך אויף אַ געטאָ־מתנה פאַר קרן־קימת לכבוד דער אידישער אַרבעטערשאַפט אין א״י און איר הסתדרות — אַ מתנה פון יוגנט אין געטאָ, וואָס איז געבליבן טריי איר אידייע אונטער דראָט און מויערן.

האָט מען זיך צונויפֿגעלייגט צו סאָוועטישע רובלס און באַהאַלטן אין אַ וואַנט אויף סטראַשון־גאַס. איינעם פֿון די דאָזיקע רובלס איז מיר געלונגען אויסצובאַהאַלטן אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערס אונטערן נומער אויף מיין געשטרייפֿטן אַרעסטאַנטן־בגד, און איך וועל דאָס ברענגען קיין א"י אַלס זכרון פֿון דער יוגנט, וועלכע האָט געלעבט אין געטאָ מיטן טרוים פֿון ארץ־ישראל.

ב

1942. חנוכה. מרדכי טענענבוים־טאַמאַראָוו איז שוין ניט געווען אין ווילנע. ער איז אַוועק קיין ביאַליסטאָק מיט אַ גרופּע חלוצים פֿון ווילנער געטאָ און דאָרט צוזאַמען מיט פֿרומקע פּלאָטניצקאַ און צבי מערסיק געגרינדעט אַ קיבוץ פֿון „החלוץ" און אַ חלוצישן סעמינאַר. בראש פֿון די איבערגעבליבענע חברים פֿון החלוץ אין ווילנער געטאָ איז געבליבן יחיאל שיינבוים מיט זיין חברטע פעסיע, וועלכע זיינען געווען גלייכציי־טיק זייער אַקטיוו אין דער אונטערערדישער „פּועלי־ציון־התאחדות"־אָרגאַניזאַציע אין געטאָ.

אויף אַ מאַנסאַרדע אין שפּיטאָל־גאַס קומט פֿאָר די „הסתדרות"־פֿייערונג פֿאַר דער חלוצישער יוגנט. אויף די ווענט — אַן אויפֿשריפֿט: „ברכה להסתדרות העובדים מהחלוץ בגיטו וילנה!".

די מסיבה הויבט זיך אָן מיטן פֿאָרלייענען אויסצוגן פֿון מגילת־ההסתדרות (פֿון באָגדאַן), וועלכע איז עפּעס מיט אַ צופֿאַל געפֿונען געוואָרן אין אַ חורבן הויז.

אַ חלוצה זינגט:

...הוי כנרת שלי
...ההית או חלמתי חלום ? !

דער דיכטער ישראל דימענטמאַן, פֿון קאָוונער צ. ס.־ פּאַרטיי (וועלכער האָט באַקומען די געטאָ־פּרעמיע פֿאַר זיין העברעאישער נאָוועלע „עד השער"), ברעסלאַו, אַן אַלטער חבר פֿון ווילנער פּועלי־ציון (צ. ס.), און איך פֿירן אַ שיחה א. ד. ט. „די הסתדרות־העובדים און אירע אויפֿגאַבן — אין דער נאָך־מלחמה־עפּאָכע".

יחיאל שיינבוים, אַנגעטאָן אין אַ ווייסער חלוצישער בלוזע, שפּירט זיך יום־טובדיק ווי אַמאָל אויפֿן חלוצישן מאַסן־סדר אין קיבוץ שחריה, סובאָטש 37.

(ווייסטו גאָר נישט, אַז דיינע טעג זיינען שוין געציילטע ? חבר יחיאל ?)

ער רעדט וועגן דער „הסתדרות" אַלס די ראָם פֿאַר דעם צוקונפֿטיקן אידישן אַרבעטער־פֿאָלק אין א"י און — וועגן דער שליחות פֿון דער אונטערערדישער אַרבעט אין געטאָ — און ענדיקט מיט די ווערטער:

„טאָ לאָמיר, אין טאָג פֿון הסתדרות, שווערן טרייהייט, די אידייען פֿון קאַמף און חלוציות״.

און ביז שפּעט ביינאַכט האָבן געקלונגען פֿון אַ מאַנסאַרדע אין געטאָ די ווערטער פֿון ליד:

אנו אוהבים אותך מולדת —
בשיר, בדם ובעמל...

ג

1943. אין קאָנצענטראַציע־לאַגער קורעמע אין וויַיטן עסטלאַנד, פֿאַר־וואָרפֿן פֿון אַ באַן און פֿון אַ וועג.

ס'האָט דאָרטן צונויפֿגעבראַכט דער גורל 750 אידן פֿון געטאָ־ווילנע און געטאָ־קאָוונע אין אַ ריין אידישן קאָנצענטראַציע־לאַגער, אין אַ ווינקל וואָס געפֿינט זיך פֿופֿציק קילאָמעטער פֿון דער פֿראָנט־ליניע פֿון נאַרווע, אַ הונדערט קילאָמעטער הינטער לענינגראַד — און אַן ערך אַכט הונדערט קילאָמעטער וויַיט פֿון ווילנע.

דער ס. ס. מאַן ענגסט, איינער פֿון די מערדער פֿון אידנטום אין לובלין איז דאָרט דער לאַגער־פֿירער.

ס'איז ניטאָ קיין קאַלענדאַר, און ניטאָ קיין לוח, און ניטאָ קיין חשבון פֿון טעג. לויטן אייגענעם חשבון איז איצט חנוכּה. אַ גרופּע יוגנט, באַ־שליסן מיר צו פֿייערן אין וויַיטן עסטלאַנד דעם יום־טוב פֿון דער „הסתדרות העובדים״ און פֿון חנוכּה. מיר האָבן מזל: ס'איז אַקוראַט דער געבורטסטאָג פֿון לאַגער־פֿירער, וועט ער ליגן טויט־שיכּור, וועט מען קענען זיך צו־נויפֿזאַמלען.

אויף דער טיר פֿון לאַגער־אַמבולאַטאָריע, וואו איך האָב געהאַט דאָס „מזל״ צו אַרבעטן אַלס אַ דאָקטאָר, ווערט אויפֿגעהאַנגען אַ צעטל: „צוליב דער גרויסער צאָל געפֿרוירענע פֿינגער — ווערט היינט אויפֿגעַ־נומען ביז שפּעט ביינאַכט״ און די הסתדרות־פֿייערונג קומט פֿאָר אין אַמבו־לאַטאָריע־זאַל פֿון קאָנצענטראַציע־לאַגער.

די פֿינגער פֿון די הענט און פֿון די פֿיס ביי די פֿאַרזאַמלטע ווערן דורך מיר באַשמירט מיט פּאַפּירענע לאַגער־באַנדאַזשן (אַן „אַליבי״, טאָמער כאַפּט זיך אַריין דער לאַגער־פֿירער). איינער פֿון די חברים שטייט אויף דער וואַך.

פֿון אָפּגעשפּאַרטע פּאַרציעס „טוקענע״ פּעטס האָבן אייניקע חברים אויסגעאַרבעט ליכט און מען צינדט אָן חנוכּה־ליכט. דער 14־יעריקער משורר פֿון קאָוונע, בערעלע זינגט „הנרות הללו״ און „מעוז צור ישועתי״. אַ ווילנער אַרבעטס־פֿרוי פֿון נאָוויגראָדער גאַס האָט אויף אַ הייסן בלעך

אָפּגעבאַקן די קאַרטאָפל, וועלכע דער עולם האָט במשך פון איניקע טעג אָפּגעשפּאָרט פון עסן לכּבוד דעם יום־טוב און ס׳הויבט זיך אָן די מסיבה.

אַ יונגער חבר פון ווילנע זינגט דאָס עלעגיע־ליד. „ביים טויער פון ווילנער געטאָ״:

...ס׳האָבן ביי אונז הונדערטער דורות
אומזיסט געבויט און געהאָפט
און ס׳האָט אזא שווערד
אַלץ פאַרווישט פון דער ערד
און געפירט האָט מען אונז ווי די שאָף
און ווי שאָף זיך געלאָזט:
צו איינס, צוויי, דריי!
צו איינס, צוויי, דריי!
וואו דיין פרוי, וואו דיין קינד?
וואו דיין גאַנצע געזינד?
ווען דו גייסט, און ניט ווייסט
וואוהין און פאַרוואָס?

דאָן הויבט זיך אָן דער „הסתדרות״־טייל. אַ שיחה א. נ. „אונזער גרוס פון קאָנצענטראַציע־לאַגער — צום ישוב און צו דער „הסתדרות״.

חברים הויבן אָן צו פאַנטאַזירן, וואָס עס טוט זיך איצט אין ארץ־ישראל. מסתמא ווייסט מען שוין וועגן אַלץ, וואָס עס איז פאָרגעקומען אין ליטע. אין אָנבליק פון דער גרויסער פאָלקס־קאַטאַסטראָפע זיינען מסתמא אַלע כּוחות פון דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטערשאַפט געאייניקט, און אַלע אירע פאַרשידענע גרופּירונגען, שטרעמונגען און אויסטייטשונגען זיינען מסתמא פאַרשוואונדן — און אַז עס וועט זיך ענדיקן די מלחמה וועט אַ גרויסער געאייניקטער כּוח אויפנעמען די שארית־הפּליטה. — —

אַ חבר, וואָס איז געווען אַ זינגער אין העברעאישן געטאָ־כאָר זינגט:

אומרים ישנה ארץ . . .

און אַ צווייטער:

הירדן מתלחש ברון
ומימיו הזכים מתלחשים, מספרים,
מרננים בסוד . . .

דער אַלטער באַרימטער וואַרשעווער דאָקטאָר פינגערהוט, וועלכער קוקט זיך צו לכתחילה סקעפּטיש צו דער גאַנצער „צערעמאָניע״, און פרעגט מיך: „ווילסט ווייטער כאַפּן שמיץ?״ — ווערט מיטגעריסן מיט אַלעמען, דערמאָנט זיך אָן אַלט רוסיש ליד און זינגט:

אך דו מיין ברודער, דו ליידנדער פריינט
ווער זאָלסטו ניט זיין, פאַרליר ניט דיין מוט! . . .

פון ווייטן זעט זיך אַ ברענענדיק דערפל. ס׳איז וואַרשיינלעך, אַן אַרבעט פון עסטאָנישע פּאַרטיזאַנען. ווי געפינט מען צו זיי אַ שליסל?

מען דערמאָנט זיך אָן די ווילנער יידישע פּאַרטיזאַנען, די חלוצים־שליחים פון געטאָ צו געטאָ: וואו זיינען זיי אַלע? צי עקזיסטירן נאָך געטאָס אין פוילן? וואָס איז געוואָרן מיט פרומקע, תמרה, מרדכי טענענבוים־טאַמאַראָוו א. א.? וואו איז יצחק, צביה? — —

„טאָ לאָמיר זינגען אַ ליד פון די ווילנער פּאַרטיזאַנען!" — זאָגט אַ חבר.

אין דער נאַכט הערן זיך געזאַנגען. פון צימער פון לאַגער־פירער רייסט זיך אַ שיכורער הייזעריקער נגון:

ווען פאָן מעסער שפּריצט אידן־בלוט
דאַן גייט עס נאָך איין מאָל זאָ גוט.

און פון אַ צווייטן עק לאַגער הערט זיך אַ אידיש געזאַנג:

זאָג ניט קיין מאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג:
הימלען בלייענע פאַרשטעלן בלויע טעג.
קומען וועט נאָך אונזער אויסגעבענקטע שעה:
ס'וועט אַ קלאַפּ טאָן אונזער טראָט: מיר זיינען דאָ!

ד

1944. ווינטער אין שאָנונגס־בלאָק פאַר די אָפּגעשוואַכטע און קראַנקע אין קאָנצענטראַציע־לאַגער דאַאוטמערגען, דרום־דייטשלאַנד, אַ 90 קילאָמעטער פון שטוטגאַרט.

ווידער חנוכה. ווייניק זיינען געבליבן פון די פאַר־אַ־יאָריקע אין „הסתדרות"־אָוונט. אַ טייל איז געשטאָרבן פון פלעק־טיפוס און דיזענטעריע. אַ טייל איז צעשיקט געוואָרן אין אַנדערע לאַגערן, ווער ווייסט צי זיי לעבן נאָך. אַ טייל געפינט זיך אַלס קראַנקע אין שאָנונגס־בלאַק, פון וועלכן מען שיקט יעדע פאַר וואָכן פּאַרטיעס צו „דערהאָלונג" קיין בערגן־בעלזן. אין אַ פערד־באַראַק ליגן אַ פינף הונדערט קראַנקע, קוים אויף די פיס, ווי וואַקסענע פיגורן, מען שטייט אויף אין דער פרי און מען דערזעט, אַז מען איז געשלאָפן אַ גאַנצע נאַכט מיט אַ טויטן חבר, וועלכער איז שטיל, אומבאַמערקבאַר אויסגעגאַנגען.

אָבער דאָך חנוכה! זעליג, גדליה, יענקעלע — קומט אַראָפּ! ס'איז היינט חנוכה! שוין הדשים ניט געהאַט קיין שום ידיעה וועגן אידן. אפשר זיינען מיר די לעצטע אידן פון אייראָפּע? און אפשר זיינען מיר אין די לעצטע טעג פון אונזער לעבן? אָבער אין א"י פייערן היינט אונזערע חברים און דער גאַנצער ישוב דעם יום־טוב חנוכה און דעם יום־טוב פון דער הסתדרות. טאָ לאָמיר מיט אונזערע געדאַנקען זיך אָנשליסן אָן זיי.

ס'איז פינצטער, שפּעט ביינאַכט. מען צינדט אָן אַ קינעלע אָן דעם קוים־ברענענדיקן אויוועלע. דאָס איז אונזער חנוכה־ליכטל.

און איינער זינגט זיך:

ציון הלא תשאלי לשלום אסיריך —
דורשי שלומך והם יתר עדריך.

און אַ צווייטער:

אנכי במזרח — ולבי במערב

און עס זאָגט אַ דריטער:

מיר האַלטן זיך קוים אויף די פֿיס, לאָמיר גיין צוריק אין די נאַרעס. ווער ווייס צי מיר וועלן שוין דערלעבן צו זען די וועלט, דאָס לאַנד, די חברים. — לאָמיר זיך געבן אַ תקיעת־כּף: ווער ס׳וועט איבערלעבן, זאָל ניט האָבן קיין רו, ביז וואַנען ער וועט ניט איבערגעבן און דערציילן אַלע־מען, וואָס מיר האָבן געזען אין די געטאָס און לאַגערן, וואָס מיר האָבן גע־לערנט, וועגן וואָס מיר האָבן געטרוימט — און וואָס עס האָט אונז אָנגע־האַלטן ביים לעבן.

אַ תקיעת־כּף. און אייניקע קערפּער־סקעלעטן קערן זיך צוריק צו זייערע נאַרעס אין „שאַנינגס־בלאָק".

אַזוי האָט מען געפּייערט דעם לעצטן „הסתדרות"־טאָג אין קאָנצענ־טראַציע־לאַגער פֿון דאַאוטמערגען.

פּאַריז, 14טער נאָוועמבער, 1945

רחל

אויב באַשערט האָט מיר דער גורל

אויב באַשערט האָט מיר דער גורל
לעבן ווייט פֿון דיין געצעלט,
לאָז, כּנרת, לאָז מיך רוען
אויף דיין בית־הקברות־פֿעלד.

אין זיין איינוויגנדן אומעט
הערשט קיין טויטע שטילקייט ניט,
ווען עס הילכט פֿון וועג אַריבער
מונטער־הויך אַן אַרבעטס־ליד.

און דער אָנדענק פֿון זיין עולם
איז פֿאַרפֿלאָכטן נאָך אין באַנד,
און אַ בוימל — אַ מצבה
בענטשט פֿון אויבן ווי אַ האַנט.

אויב באַשערט האָט מיר דער גורל
לעבן ווייט פֿון דיין געצעלט —
וועל איך קומען שוין, כּנרת,
רוען אויף דיין קברות־פֿעלד.

אידיש: ז. ר.

אונזערע שכנים

א. ד. גאָרדאָן

צווישן פאָלק און פאָלק

דער אמת איז דער יסוד פון אונזער וועלט. דער אמת איז באַשיידן, אָבער זיין כוח איז גרעסער פון די לאָזונגען וואָס מען שרייבט אויס אויף פענער. און ניט נאָר אין די באַציאונגען צווישן מענטש און מענטש איז גרויס דער כוח פון אמת, נאָר אויך אין די באַציאונגען צווישן פאָלק און פאָלק. מיטן כוח פון אמת וועלן מיר געפינען דעם וועג צום געמיינזאַמען לעבן מיט די אַראַבער און צו אַ געמיינזאַמער אַרבעט, וואָס וועט ברענגען אַ ברכה ביידע צדדים.

דער אמת אָבער לעבט זיך ניט צוזאַמען מיט שוואַכקייט, ער איז ניט שרייעריש און באַרימעריש. מיר דאַרפן האָבן גבורה, מענטשלעכע גבורה, וואָס קאָן זיך אויפפירן לויט העכערע מידות אויך דאָרט, וואו די אויפפירונג פון צווייטן צד איז ניט געוואונטשן. מיר דאַרפן ניט קיין באַציאונג פון שוואַכקייט, מיר דאַרפן ניט און עס פאַסט אונז ניט אונטערצוחנפענען זיך די אַראַבער, אָדער זיך צו באַרימען פאַר זיי. צוליב אונז דאַרפן מיר זיין מענטשן פון אמת און גערעכטיקייט, ניט צוליב זיי. יעדע פראָפּאַגאַנדע פון גוטער באַציאונג צו די אַראַבער לשם אַ באַזונדערן ציל — איז ניט אויפן אָרט. אונזערע באַציאונגען דאַרפן זיין גוטע און גערעכטע צו יעדן מענטשן. דאָס דאַרפן מיר אָפּהיטן אין אַלע אונזערע דרכים, אין אַלע אונזערע מעשים. אונזערע אויגן דאַרפן זיין געווענדט צו אונז, ניט קעגן אויסן. לאָמיר טאָן אונזערס — דער אמת וועט ווייזן דעם וועג. אויב זיי וועלן גיין מיט אַנדערע וועגן, אויב זיי וועלן זיך באַנוצן מיטן כוח פון פויסט און שקר, קענען זיי אונז טאַקע טאָן שלעכטס, אָבער אַראָפּפירן אונז פון וועג קענען זיי אונז ניט, און אויך מיר וועלן ניט אַראָפּ פון אונזער וועג. מער פון אַלץ שאַדן זיי זיך אַליין.

דאָ ליגט בעצם די גרונט-לייזונג פון דער פראַגע וועגן די באַציאונגען צווישן אונז און די אַראַבער.

די אַראַבער זיצן אויפֿן באָדן און מיר קענען זיי ניט באַוואָלען און זיי אַרויסשטויסן. אָבער אויך זיי קענען אונז ניט באַרויבן פֿון רעכט אויפֿן באָדן, אויף וועלכן מיר זיצן און אַרבעטן. די פֿראַגע איז וועגן ווייטערדיקן וואוקס. ווער האָט מער רעכט צו באַזעצן זיך אויפֿן באָדן, וואָס איז נאָך ניט דעראָבערט געוואָרן דורך אַרבעט און שאַפֿונג. דאָ איז ניט וויכטיק די צאָל, נאָר דער כּוח פֿון איכות: דער כּוח פֿון לעבן און וואוקס און דער כּוח פֿון מסירת־נפֿש. ווער עס וועט מער אַרבעטן, מער שאַפֿן, מער זיך מוסר־נפֿש זיין, דער וועט דערווערבן מער מאָראַלישע רעכט און מער לעבעדיקן כּוח אויפֿן לאַנד. דאָ גייט אָן אַ געווער אין שלום. און דאָס רעכט אויפֿן געווער אין שלום גיט אונז באַזונדערס אונזער היסטאָרישע רעכט אויפֿן לאַנד. צו דעם דאַרף מען אויך צורעכענען דעם כּוח פֿון גאַנצן אידישן פֿאָלק אין אַלע לענדער פֿון זיין צעשפּרייטקייט.

מיר דאַרפֿן אַליין זיין זייער פֿאָרזיכטיק אין באַצוג צו די אַראַבער ביים דערווערבן באָדן וכדומה, ניט אָנרירן אויף קיין האָר זייער מענטש־לעכע רעכט, ניט אַרויסשטויסן די, וואָס באַאַרבעטן דעם באָדן. זאָל אונז דער באָדן קאָסטן צוויי אָדער דריי מאָל מער ווי ער איז ווערט, לאָמיר בעסער מפּייס זיין די אמתע בעלי־בתּים, די וואָס זיצן אויפֿן באָדן און באַאַרבעטן אים, מיט כּלערליי הנחות, וואָס קומען אָן מיט גרויסע שווע־ריקייטן און מי, ווי באַזאָרגן זיי מיט באָדן אויף אַן אַנדער אָרט אאַ״וו — אײדער אָנצורירן זייער רעכט. פֿאַר אונז איז ניטאָ קיין נאָרמע פֿאַרן פּרייז פֿון באָדן; וויפֿיל ער קאָסט איז ער אונז כּדאַי.

די מענטשלעכע באַציאונגען צווישן אונז און די אַראַבער וועלן זיך איינשטעלן אין לעבן און מיטן כּוח פֿון לעבן. די אַגיטאַציע, די אָנפֿאַלן פֿון די אַראַבער אויף אונז, זייערע רציחות און חורבנות וועלן ניט ביישטיין דעם כּוח פֿון לעבן, וואָס מיר שאַפֿן. דאָס לעבן איז שטאַרקער פֿון חורבן, אונזער כּוח איז אין שאַפֿונג.

א ב א   ח ו ש י

די אָרגאַניזירונג פֿון אַראַבישע אַרבעטער

וואָס האָט די הסתּדרות געטאָן צו אָרגאַניזירן די אַראַבישע אַרבע־טער, צו העלפֿן די אַראַבער געווינען בעסערע לעבנס־באַדינגונגען און צו מאַכן שלום צווישן אידישע און אַראַבישע אַרבעטער אין ארץ־ישראל?

דער אַלגעמיינער עולם, און אפילו דער דורכשניטלעכער אידישער אַרבעטער אין א״י, ווייסט ווייניק וועגן דער פֿראַגע, טיילווייז צוליב מאַנגל

אין אינטערעס, און טיילווייז אויך דערפאַר ווייל געוויסע שטחים פון אונזער אַרבעט אויף דעם געביט קענען ניט ווערן באַקאַנט געמאַכט. ניט אַלע ווייסן, אַז דער ברית־פועלי־ארץ־ישראל — די אָרגאַניזאַציע פון אַראַבישע אַרבעטער, וואָס איז פעדערירט מיט דער הסתדרות, פירט אַן אומאונטערבראָכן איר אַרבעט זינט 1929 און האָט איר אַרבעט ניט אָפּ־געשטעלט אויך אין די יאָרן פון די אומרוען זינט 1936, אין די יאָרן פון קריג, און זי גייט אָן מיט דער אַרבעט ביזן היינטיקן טאָג.

עס זיינען געווען עליות און ירידות אין דער דאָזיקער אַרבעט. די מיטגלידערשאַפט אין דעם אַראַבישן אַרבעטער־פאַרבאַנד האָט זיך גע־וואַקלט צווישן עטלעכע טויזנט אין די יאָרן פון אויפשוואונג און אַ פּאָר צענדליק דאַן ווען דער טעראָר האָט דערגרייכט זיין קולמינאַציאָנס־פּונקט, ווען די אַראַבישע אַרבעטער האָבן געדאַרפט ריזיקירן מיט זייערע לעבנס צו געהערן צו אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס איז פאַרבונדן מיט אידן. אָבער דער פאָדעם, וואָס פאַרבינדט דעם אידישן אַרבעטער און זיין הסתדרות מיט דעם אַראַבישן אַרבעטער און דער קערן פון דעם דאָזיקן אַראַבישן אַרבעטער־פאַרבאַנד איז קיינמאָל ניט געוואָרן צעשטערט.

אין דער הסתדרות אַליין האָבן קיינמאָל ניט אויפגעהערט די דיס־קוסיעס איבער די פּאַסיקע מעטאָדן פון דער טעטיקייט צווישן די אַראַ־בישע אַרבעטער. לויט דער מיינונג פון געוויסע חברים, דאַרף די אָר־גאַניזירונג פון די אַראַבישע אַרבעטער ווערן דורכגעפירט מיט די זעלבע מעטאָדן, וואָס ווערן אָנגעווענדט ביים אָרגאַניזירן אידישע אַרבעטער; די אָנהענגער פון דאָזיקן שטאַנדפּונקט האַלטן, אַז מ׳קען אַלץ דערגרייכן ביי אַ שטאַרקן ווילן און די נויטיקע מיטלען. פון דער צווייטער זייט, איז געוואָרן אַרגומענטירט, אַז די פאַרהעלטניסמעסיק קליינע צאָל פון אידי־שע אַרבעטער אין א״י, דער פאַקט, וואָס די הסתדרות איז באַלאָדן מיט פיל אייגענע פּראָבלעמען, ווי די אומרייפקייט פון אַראַבישן אַרבעטער, באַשווערן באַדייטנד די אָרגאַניזירונג פון אַראַבישן אַרבעטער.

ווען מען איז צוגעטראָטן פּאַקטיש צו אָרגאַניזירן דעם אַראַבישן אַר־בעטער און די הסתדרות־טוער האָבן זיך אָנגעהויבן מערער באַקענען מיט דער שפּראַך, מנהגים, מענטאַליטעט און לעבנס־וועג פון די אַראַבישע מאַסן, האָט דאָס לעבן אַליין געוויזן וועלכע מיינונג איז געווען די ריכ־טיקע. אויף דעם יסוד קען מען שוין איצט מאַכן אַ סך־הכל וועגן די רעזולטאַטן פון אַלע אונזערע פּרואוון אויפן געביט פון אָרגאַניזירן די אַראַבישע אַרבעטער.

1

די אַראַבער אַליין זיינען געווען די ערשטע, וואָס האָבן געפּרואווט אָרגאַניזירן אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס. טויזנטער אַראַבישע אַרבעטער פון

פֿאַרשידענע פֿאַכן האָבן געהערט צו גרופּן, וואָס זיינען געוואָרן אָרגאַ־ניזירט אין פֿאַרשידענע צייטן אין חיפה, יפו, ירושלים, נאַזאַרעט, מגדל און נאַבלוס (שכם). אָבער פֿריער אָדער שפּעטער זיינען די דאָזיקע אָר־גאַניזאַציעס, וואָס זיינען געוואָרן אָרגאַניזירט מיט אַ גרויסן טאַראַראַם, כּמעט ווי פֿאַרשוואונדן אָן אַ שפּור. דאָ און דאָרט קען מען נאָך געפֿינען אַ טשערמאַן אָדער אַ סעקרעטאַר, אָבער די אָרגאַניזאַציע אַליין איז טויט. דער אַראַבישער אַרבעטער, וועמען עס פֿעלט אויסדויער און אַן אויפֿריכ־טיקער אינטערעס, האָט זיך ניט געוואָלט צופֿיל אָנשטרענגען ביים בויען זיין אָרגאַניזאַציע און ער פֿלעגט איר שנעל פֿאַרלאָזן.

די סיבות פֿון דאָזיקן דורכפֿאַל זיינען געווען פֿאַרשידענע: ניט אַלע אָרגאַניזאַציעס זיינען געוואָרן געשאַפֿן מיטן אויפֿריכטיקן ווילן צו אָר־גאַניזירן די אַראַבישע אַרבעטער און צו פֿאַרבעסערן זייער לעבנס־באַ־דינגונגען. אַ טייל פֿון די אָרגאַניזאַציעס זיינען נאָר געווען אַ װערקצייג אין די הענט פֿון די אַראַבישע נאַציאָנאַליסטן, אַנדערע זיינען געוואָרן געשאַפֿן דורך אַמביציעזע פּערזאָנען, וועלכע האָבן אויסגענוצט די אָר־בעטער־אָרגאַניזאַציע פֿאַר אַ מיטל צו פֿאַרנעמען אַן אָנגעזעענעם פּלאַץ אין דער אַראַבישער געזעלשאַפֿט.

די איניציאַטאָרן פֿון די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס זיינען ניט געווען קיין אַרבעטער און ניט קיין סאָציאַליסטישע אינטעלעקטואַלן, נאָר יחידים און קרייזן, וואָס זיינען געווען פֿרעמד די אַראַבער, ווי לעוואַנטינישע אינ־טעלעקטואַלן און מענטשן וואָס זיינען געקומען פֿון די קרייזן פֿון די אַראַ־בישע פּריצים און קאַפּיטאַליסטן.

די טוער פֿון דער הסתדרות האָבן גענוי נאָכגעפֿאָלגט די דאָזיקע פּרואוון צו אָרגאַניזירן די אַראַבישע אַרבעטער און האָבן זיך פֿאַרטראַכט איבער די סיבות פֿון זייער דורכפֿאַל, כּדי פֿון זיי צו לערנען וועגן די מעטאָדן, וואָס מ׳דאַרף אָננעמען כּדי צו אָרגאַניזירן די אַראַבישע אַרבעטער.

די אידישע קאָמוניסטן האָבן אויך געפּרואווט אין פֿאַרשידענע צייטן צו אָרגאַניזירן די אַראַבישע אַרבעטער. זיי האָט ניט געפֿעלט קיין געלט און מ׳מוז אויך צוגעבן — אויך ניט קיין אידייען. אָבער טראָץ אַלע זיי־ערע גרויסע אָנשטרענגונגען און פֿאַרשווענדונג פֿון געלט, איז זיי נאָר גע־לונגען צוצוציען אַ פּאָר באַצאָלטע אַגענטן, וואָס האָבן ניט אויסגעאיבט קיין איינפֿלוס אויף דער אַראַבישער אַרבעטער־באַוועגונג. דער דורכפֿאַל פֿון די אידישע קאָמוניסטן קען ווערן דערקלערט דורך די זעלבע צוויי סיבות וואָס מיר האָבן אָנגעגעבן, ווען מיר האָבן גערעדט וועגן די אַראַ־בישע פּרואוון: די אָרגאַניזאַציע איז נאָר געווען אַ מיטל צו אַ ציל, און די פֿירער האָבן ניט געוואונען דעם צוטרוי פֿון די מאַסן. דער אַראַבישער

אַרבעטער קען ניט און וועט ניט טרויען מענטשן, וואָס פאַרראַטן זייער אייגן פאָלק און שטרעקן אויס די האַנט זיינע שונאים.

2

אויפן יסוד פון אונזער דערפאַרונג ביים אָרגאַניזירן די אַראַבישע אַרבעטער אין די לעצטע יאָרן, בין איך געקומען צו דער מסקנא, אַז דער איינציקער וועג איז דער לאַנגזאַמער, געדולדיקער און ערלעכער וועג. די איינציקע ריכטיקע פּאָליטיק איז די פּאָליטיק פון דער הסתדרות, וואָס האָט געשאַפן דעם ברית־פּועלי־ארץ־ישראל. דאָס איז ביז איצט דער איינציקער פּרוואו, וואָס איז ניט דורכגעפאַלן און וואָס האָט אַלע אויס־זיכטן אויף אַנטגילטיקן דערפאָלג.

די פּאָליטיק פון דער הסתדרות אין דעם ברית פּועלי־ארץ־ישראל באַשטייט צו העלפן דעם אַראַבישן אַרבעטער זיך אַליין צו באַפרייען פון עקאָנאָמישער, גייסטיקער און פּאָליטישער פאַרשקלאַפונג; צו העלפן אים זיך אָרגאַניזירן אין אַ פאָרם, וואָס איז אַם בעסטן צוגעפאַסט צו זיין נאַציאָנאַלן און אינדיווידועלן כאַראַקטער מיטן צוועק אויפצוהויבן זיין לעבנס־סטאַנדאַרד, צו פאַרבעסערן זיינע אַרבעטס־באַדינגונגען, צו באַ־קעמפן עקספּלואַטאַציע און אונטערדריקונג דורך זיינע אַרבעטס־געבער און זיינע פּאָליטישע און נאַציאָנאַלע פירער און צו דערציען אים צו נעמען זיין גורל אין זיינע אייגענע הענט.

מיר וועלן העלפן דעם אַראַבישן אַרבעטער צו געפינען אַן אַראַבישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, וואָס וועט האָבן אַ ברידערלעכן בונד מיט אונ־זער הסתדרות. מיר האָבן ניט בדעה צו מאַכן דעם אַראַבער אַלס אַ איד אָדער אַ ציוניסט, אָבער מיר ווילן אויך ניט באַהאַלטן פון אים אונזערע ציוניסטישע צילן. מיר דערציילן אים גאַנץ אָפן, אַז מיר זיינען געקומען קיין ארץ־ישראל מיטן צוועק אויסצולייזן אונזער פאָלק און אויפצובויען אַ היימלאַנד, און אַז מיר האָבן ניט בדעה צו פאַרבאַהאַלטן אונזערע צילן צוליב דעם פאַרלאַנג פון אים אָדער פון וועמען אַנדערש. נאָר דורך זאָגן דעם אמת וועגן אונזער ציוניזם וועט זיין מעגלעך פאַר אונז צו געפינען דעם וועג צו די אויערן און הערצער פונם אַראַבישן אַרבעטער און פעלאַך.

דער דאָזיקער וועג איז לאַנג און שווער, אָבער נאָר ער איז דער זי־כערער וועג. מיר דערציילן דעם אַראַבישן אַרבעטער, אַז הגם מיר זיינען ניט געקומען קיין ארץ־ישראל פאַר זיינעטוועגן, האָט אונזער קומען אהער אים געהאָלפן צו פאַרבעסערן זיינע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס, און אַז דער אָרגאַניזאַציאָנעלער, עקאָנאָמישער, קולטורעלער און פּאָליטישער כח פון די אידישע אַרבעטער איז געווען פון אַנטשיידענער באַדייטונג ביים כסדר׳־דיקן אויסבעסערן די לאַגע פונם אַראַבישן אַרבעטער און אַראַבישן פעלאַך.

די אַראַבישע אַרבעטער האָבן געצויגן פֿיל נוצן פֿון קאַמף פֿון דער הסתּדרות פֿאַרן אַכט שעהדיקן אַרבעטס טאָג פֿאַר אידן, און אין געוויסע עקאָנאָמישע סעקטאָרן איז אויך געוואָרן דערגרייכט אַן אַכט־שעהדיקער אַרבעטס־טאָג פֿאַר די אַראַבער (ווי אין פּאָסט, אין די פּאָרטן, אין די אינ־טערנאַציאָנאַלע קאָמפּאַניעס). דער געהאַלט און די אַרבעטס־באַדינגונגען פֿון די אַראַבישע אַרבעטער אין ארץ־ישראל זיינען באַדייטנד העכער ווי אין יעדן שכנותדיקן לאַנד אין דעם מיטל־מזרח, איינגעשלאָסן עגיפּטן און טערקיי. אין געוויסע פּראָפֿעסיעס געניסן די אַרבעטער פֿון באַצאָלטן אורלויב אין פֿאַל פֿון קראַנקהייט און יערלעכע וואַקאַציעס, וואָס מ׳טרעפֿט בכלל ניט אין שכנותדיקע לענדער.

דער אָנהויב פֿון אַ סאָציאַלער געזעצגעבונג אין ארץ־ישראל, הגם זי שטעלט ווייט ניט צופֿרידן די פֿאָדערונגען פֿון דער הסתּדרות, איז פֿאַר די אַראַבישע אַרבעטער, וואָס געניסן פֿון איר, כּמעט ווי אַ נס. אָבער דער דאָזיקער נס איז ניט געקומען פֿון הימל; דאָס איז אַ רעזולטאַט פֿון אַ לאַנגן קאַמף פֿון דער הסתּדרות.

אַן אַראַבישער אַרבעטער, וואָס איז איינער פֿון די וועטעראַנען־מיט־גלידער פֿון אַראַבישן אַרבעטער־פֿאַרבאַנד ביי דער הסתּדרות, האָט גע־זאָגט אין אַ רעדע צו נייע מיטגלידער: „פּונקט ווי די זון שפּרייט אויס אומצייליקע שטראַלן פֿון היץ און ליכט אויף יעדער זאַך אַרום אונז, פּונקט אַזוי שפּרייט אויס די הסתּדרות דורך איר עצם עקזיסטענץ און קאַמף אומענדלעכע שטראַלן פֿון היץ און ליכט אויפֿן אַראַבישן אַרבעטער״. עס איז טאַקע אמת — די עצם עקזיסטענץ פֿון דער הסתּדרות דערוועקט אין די אַראַבער דעם ווילן צו שאַפֿן אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס.

3

וואָס קען טאָן די הסתּדרות, און וועלכע מעטאָדן דאַרף זי אָנווענדן ביים אָרגאַניזירן די אַראַבישע אַרבעטער?

1. די עקאָנאָמישע שטחים, וואָס פּאַסן זיך אָם בעסטן צו פֿאַר דער הסתּדרות־טעטיקייט צווישן די אַראַבישע אַרבעטער זיינען: א) די רע־גירונגס־אַרבעטן, ב) אינטערנאַציאָנאַלע קאָמפּאַניעס, ג) פּריוואַטע אונ־טערנעמונגען, וואָס זיינען פֿאַרבונדן מיט דער רעגירונג אָדער מיט די אינטערנאַציאָנאַלע קאָמפּאַניעס, ד) די אַרבעטס־אונטערנעמונגען פֿון די שטאָט־ראַטן מיט אַ געמישטער אידיש־אַראַבישער באַפֿעלקערונג, ה) אינ־דוסטריעלע אונטערנעמונגען און וואַרשטאַטן, וואָס געהערן צו די אַראַבער.

2. די אַראַבישע אַרבעטער אין די אויבנדערמאָנטע עקאָנאָמישע שטחים דאַרפֿן ווערן אָרגאַניזירט אין פּערמאַנענטע פֿאַך־גרופּן, וואָס וועלן אין משך פֿון דער צייט אויסוואַקסן און ווערן קריסטאַליזירט אַלס אַ באַזיס

פּאַר רעגולערע טרייד יוניאָנס. נעמענדיק אין אַכט דעם ספּעציעלן כאַראַקטער פֿון די דאָזיקע עקאָנאָמישע שטחים און די אייגנאַרטיקייט פֿונם אַראַבישן אַרבעטער, וואָלט געווען ראַטזאַם צו אָרגאַניזירן די דאָזיקע טרייד־יוניאָנס לויט אַ ווערטיקאַלן פּלאַן, לויט די אינדוסטריען. אַזעלכע גרופּן דאַרפֿן ווערן געבילדעט נאָר אין פּלעצער פֿון פּערמאַנענטער באַשעפֿטיקונג אָדער אין פּלעצער, ווּעמענס סטאַביליטעט איז געזיכערט פֿאַר אַ לענגערן צייט־פּעריאָד. איידער אַזאַ גרופּע ווערט געשאַפֿן, דאַרף ווערן אויסגעבילדעט אַ גרופּע פֿון מער אינטעליגענטע אַרבעטער, וואָס דאַרף בילדן דעם עקזעקוטיוו־קאָמיטעט אָדער די פֿירנדע לייטונג פֿון דער דאָזיקער גרופּע. נאַטירלעך, דאַרף מען אַריינלייגן אַ סך דערציערישע אַרבעט כּדי אויסצובילדן אַזאַ גרופּע.

די אָרגאַניזאַציאָנעלע אַקטיוויטעט מוז געפֿירט ווערן זייער פֿאָרזיכטיק, כּדי אויסצומיידן אַ דורכפֿאַל מצד דעם אַרבעטס־געבער אָדער בוי־אונטערנעמער, וואָס וועט זיך ניט אָפּשטעלן פֿאַר קיין שום מיטל כּדי צו צעשטערן די נייע און שוואַכע אָרגאַניזאַציע. דער אַראַבישער אַרבעטער, ווי אַלע נאָך ניט אַנטוויקלטע אַרבעטער, איז גענויגט אין די ערשטע טעג צו איבערגעטריבענעם ענטוזיאַזם, וואָס גייט שפּעטער אי־בער ביי דעם ערשטן דורכפֿאַל אין פֿאַרצווייפֿלונג. ער קען ווערן זייער לייכט טעראָריזירט און אַ דערשראָקענער קען ער פֿאַרלאָזן די יונגע אָרגאַניזאַציע. דערפֿאַר איז נויטיק אויסצובילדן אַ קערן פֿון אַקטיווע און פֿאַראַנטוואָרטלעכע מיטגלידער וואָס זאָלן דורכפֿירן אין געהיים די ערשטע פֿאָרבאַרייטונגס־אַרבעטן ביים שאַפֿן די נייע אָרגאַניזאַציע, און שטענדיק דאַרף מען אין זינען האָבן צוצוגרייטן רעזערוו־מענטשן, וואָס זאָלן פֿאַרטרעטן די יעניקע, וואָס וועלן מורא האָבן אָדער זיין אומפּייאיק ווייטער אָנצוגיין מיט זייער אַרבעט צוליבן דרוק פֿון דרויסן. איידער עס ווערט באַקאַנט געמאַכט די עקזיסטענץ פֿון דער גרופּע און אירע פֿירנדע מיטגלידער, דאַרף מען האָבן פֿריער הינטער זיך אַ פּעריאָד פֿון דערפֿאַרונג.

אַ צוזאַמענאַרבעט צווישן אידישע און אַראַבישע אַרבעטער איז מעגלעך אין פּלעצער, וואו עס ווערן באַשעפֿטיקט צוזאַמען אידן און אַראַבער, ווי אין רעגירונגס־אונטערנעמונגען, אינטערנאַציאָנאַלע קאָמפּאַניעס און שטאָט־ראַטן. די פּראַקטישע פֿראַגן פֿון געהאַלט און אַרבעטס־באַדינגונגען קענען ווערן דיסקוטירט אויף געמיינזאַמע מיטינגען, וואָס דאַרפֿן אויך געפֿינען ווערן פֿון צייט צו צייט מיטן צוועק אונטערצושטרייכן די געמיינזאַמע צילן און סאָלידאַריטעטס־פֿאַרבינדונגען צווישן די אידישע און אַראַבישע אַרבעטער. אין אַזעלכע פּלעצער דאַרף מען האָבן אַ פּאָר אידישע אַרבעטער, וואָס ריידן אַראַביש און וואָס זיינען גרייט צו העלפֿן אָרגאַני־

זירן די אַראַבישע אַרבעטער אין די ראַמען פֿון ברית פּועלי־ארץ־ישראל. עס מוז אויך ווערן געשאַפֿן אַ קערן פֿון אַראַבישע אַרבעטער, וואָס זאָל ווערן צוגעגרייט צו דער אויפֿגאַבע פֿון פֿאַרשפּרייטן פּראָפּאַגאַנדע צווישן די מאַסן פֿון אַראַבישע אַרבעטער.

3. עס דאַרפֿן ווערן אָרגאַניזירט קעמערלעך אין דער אינדוסטריע און אין די פֿאַכן פֿון אַראַבישן עקאָנאָמישן שטח. דאָס איז אַ באַזונדערס שווערע אויפֿגאַבע און איז פֿול מיט שטערונגען. די אַראַבישע אַרבעטס־געבער זיינען גרייט שנעל צו רעאַגירן אויף יעדן פּרוּוו צו אָרגאַניזירן זייערע אַרבעטער און זיי זיינען אומברחמנותדיק און ניט איבערקלייבעריש אין זייערע מעטאָדן. מ׳דאַרף דערוואַרטן, אַז זיי זאָלן אַנטזאָגן געוויסע אַרבעטער אָדער אונטערקויפֿן אַנדערע, אָבי צו דערגרייכן זייער ציל.

פֿיל פֿאָרזיכטיקייט און פֿאַרשטענדעניש איז נויטיק ביים פֿאַרהאַנד־לען מיט די אַרבעטער אַליין. זיי מוזן ווערן געוואָרנט ניט צו דערוואַרטן קיין שנעלע און גרויסע רעזולטאַטן און ניט צו פֿאַרלאַנגען דאָס דורכפֿירן צו שנעלע אַקציעס. מען מוז זיי געבן צו פֿאַרשטיין, אַז אַ סטרייק מוז ווערן געניצט אַלס אַ לעצטער מיטל און אַז פֿריער מוז מען אָנווענדן דעם מעטאָד פֿון אויפֿקלערונג און פֿאַרהאַנדלונגען מיט די באַלעבאַטים, ווי מיט די אַרבעטער, און אַז אַ סטרייק, אויב ער איז אומפֿאַרמידבאַר, מוז קומען אַלס רעזולטאַט פֿון אַ לאַנגער און מי־פֿולער פֿאַרבאַרייטונג. פֿיל צייט מוז מען אָנווענדן אויף אויסשמידן אַ סאָלידע קערפּערשאַפֿט פֿון אַרבעטער, גרייט אויף קרבנות.

4. די מעדיצינישע הילף, וואָס ווערט געגעבן די אַראַבער דורך דער קופּת־חולים איז וויכטיק, סיי אַלס מיטל פֿון צוציען זיי צו דער הסתּדרות, און סיי אַלס אַ מיטל פֿון אויפֿקלערונג. דער אָרימער אַראַבער, וועמענס מעדיצינישע באַדערפֿענישן ווערן קיינעם ניט באַפֿרידיקט, איז זייער דאַנקבאַר פֿאַר דער מעדיצינישער הילף, וואָס ער באַקומט פֿון קופּת־חולים און נאָך מערער פֿאַר דעם גייסט פֿון ברידערלעכקייט, וואָס ווערט אים אַרויסגעוויזן ביים געבן אים די דאָזיקע הילף. פֿיל מאָל איז אַ גאַנץ דאָרף געוואונען געוואָרן פֿאַרן אַראַבישן אַרבעטער־פֿאַרבאַנד, ווייל אַ קינד פֿון אַ פֿעלאַך איז געוואָרן געהאָלפֿן דורך דער קופּת־חולים. די מיט־גלידער פֿון ברית פּועלי־ארץ־ישראל שאַצן זייער שטאַרק אָפּ די פֿריינט־לעכע באַציאונג און די גרייטקייט צו געבן הילף, וואָס ווערט זיי אַרויס־געוויזן דורך דער אָנפֿירונג, די דאָקטוירים און די קראַנקן־שוועסטער פֿון קופּת־חולים.

די פֿראַגע פֿון אָפּצאָל פֿאַר דער געגעבענער מעדיצינישער הילף שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ שווערקייט, ווייל דער אַראַבישער אַרבעטער איז נאָך ניט צוגעוואוינט צום געדאַנק פֿון אַ ממשותדיקן חודשדיקן אָפּצאָל.

צייטווייליק איז די פּראַקטיק פֿון נעמען אַ קליינעם אָפּצאָל פֿון יעדן מיטגליד דער איינציקער קלוגער וועג אונטער די אומשטענדן. אָבער מיטן וואוקס פֿון די צאָל אַראַבער, וואָס געניסן מעדיצינישע הילף, וועט די קופּת־חולים איינזען, אַז די פֿינאַנציעלע לאַסט איז פֿאַר איר צו שווער און עס וועלן דאַרפֿן ווערן געפֿונען די נויטיקע פֿינאַנציעלע קוואַלן צו דעקן די דאָזיקע אויסגאַבן.

5. ברייטע מעגלעכקייטן פֿאַר דער קומענדיקער אַקטיוויטעט קען מען זען אין די פּרוּוון וואָס זיינען לעצטנס געמאַכט געוואָרן דורכן ברית פּועלי־א"י אין חיפה צו שאַפֿן אינסטרומענטן פֿאַר קעגנזייטיקער הילף צווישן די אַראַבישע אַרבעטער אין דער פֿאָרם פֿון אַ שפּאָר־קאַסע און אַ פֿאָנד פֿאַר דרינגענדיקע נויטן. דער דאָזיקער פּרוּוו איז געוואָרן דערמעגלעכט דורכן פֿאַקט, וואָס אין משך פֿון עטלעכע יאָר האָט די שפּאָר־ און ליי־קאַסע פֿון דער הסתדרות געגעבן הילף די אַראַבישע אַרבעטער און דער געדאַנק איז געוואָרן שטאַרק פֿאַרשפּרייט צווישן די אַראַבישע אַרבעטער דורך אַ קאָנצענטרירטן אויפֿקלערונגס־קאַמפּיין. די הילף פֿון דער הסתדרות מוז, נאַטירלעך, קומען צום אויסדרוק אין אַ שטאַרקער פֿאָרם, סיי פֿינאַנציעל, און סיי אָרגאַניזאַציאָנעל.

6. קלובן זיינען וויכטיק אַלס סאָציאַלע און דערציערישע אַגענטורן, ספּעציעל צווישן אַ פֿאָלק ווי די אַראַבער, וואָס האָבן ליב צו זיין צוזאַמען. אין יעדן אַראַבישן שטאָט־טייל אָדער דאָרף קענט איר געפֿינען גרופּן מענטשן וואָס זיצן צוזאַמען, פֿירנדיק צווישן זיך דיסקוסיעס אָדער זיך צוהערנדיק ווי איינער פֿון זיי לייענט אַ צייטונג, אָדער צו דער ראַדיאָ און אַ קאָמענטאַטאָר וואָס דערקלערט פֿאַר דער גרופּע וואָס די ראַדיאָ מיינט. אַ קלוב, אָרגאַניזירט דורך אונדז, וואָלט געוואָרן דער צענטער פֿון סאָציאַלע אַקטיוויטעטן אין דער געגנט, אויב דער קלוב וואָלט געווען אַנטשפּרכנדיק אָרגאַניזירט אין איינקלאַנג מיט די מנהגים פֿון די אַראַבער.

7. געמיינזאַמע אַקטיוויטעטן פֿון די אידישע און אַראַבישע ספּאָרט־ און יוגנט־אָרגאַניזאַציעס זיינען מעגלעך און געוואונטשן. דער „הפּועל" האָט שוין דורכגעפֿירט פֿיל טרעפֿונגען מיט די אַראַבישע ספּאָרט־קלובן און הגם דער שאָוויניזם פֿון פֿיל אַראַבישע לערער שטעלט מיט זיך פֿאַר אַ גרויסע שוועריקייט, קען ער ווערן דורכגעבראָכן דורך אַ דירעקטן אַפּיל צו די שילער.

8. אָרגאַניזירטע אַרויספֿאָרן, אויב זיי ווערן צוגעגרייט מיטן צוועק צו שאַפֿן פֿריינטלעכע באַציאונגען מיט די אַראַבער, קענען זיין פֿון גרויסער נוצלעכקייט. די אַנוועזנהייט פֿון אידן וואָס קענען גוט די אַראַבישע שפּראַך און מנהגים און וויזן אַרויס אַ טיפֿע פֿאַרשטענדניש פֿאַר אַראַבישע געפֿילן, איז פֿון וויכטיקער באַדייטונג.

די אידישע לאַנדווירטשאַפֿטלעכע קאָלאָניעס קענען זיין זייער נוצ־לעך ביים פֿאַרשטאַרקן די פֿריינטלעכע באַציאונגען מיט די אַראַבישע פויערים. דאָס פֿאָלגן דעם ביישפּיל פֿון אַראַבישער גאַסטפֿריינדלעכקייט און דאָס אָרגאַניזירן אין יעדן אידישן ישוב אַ קליינע גרופּע פֿון אַראַביש־ריידנדיקע אידן, וואָס זאָלן דינען אַלס פֿאַרמיטלער און גאַסטגעבער איז זייער וויכטיק. דורכן געבן מעדיציניש הילף און אָנווייזונגען ביים פֿאַר־בעסערן די לאַנדווירטשאַפֿטלעכע מעטאָדן פֿון די אַראַבישע פויערים, קע־נען איינגעשטעלט ווערן ענגערע און נאָענטערע פֿאַרבינדונגען צווישן די אידישע און אַראַבישע פויערים. נאַטירלעך, איז דאָ נויטיק אַ פֿירנדע האַנט און די גאַנצע אַרבעט מוז ווערן קאָאָרדינירט. אויך דאָ דאַרף מען ניט דערוואַרטן קיין שנעלע און איבערראַשנדע רעזולטאַטן. מ׳דאַרף זיין געבענטשט מיט אַ וויטן בליק און געדולדיק און עקשנותדיק גיין צום ציל.

. . . איין זאַך פֿאַרשטאַרקט דאָ אונזער כוח: דאָס געפֿיל פֿון אונזער גערעכטיקייט.

. . . ווייל בנוגע דעם ווידערשטאַנד פֿון אונזערע שכנים צו דער־לויבן אונז שאַפֿן די אַרבעטער־געזעלשאַפֿט אויף די שטחים וואָס זיינען ליידיק און וועלכע זיי דאַרפֿן ניט — זיינען מיר די גערעכטע. אַזוי וויט דערגייט ניט דאָס רעכט פֿון פּריוואַט־אייגנטום אויף אַ לאַנד אַפֿילו ביי אַ זעלבסטשטענדיק פֿאָלק. שטחים וואָס זיי דאַרפֿן ניט, ווייל זיי האָבן אַ סך — גאַנצע מדינות, ניט קיין באַווינטע — קאָנען זיי אונז לויט דער גערעכטיקייט ניט אָפּהאַלטן פֿון קאָלאָניזירן זיי.

דער קאָלאָניזאַטאָרישער יושר איז מיט אונז און מיר וועלן טאָן פֿאַר אונז אין דאָזיקן לאַנד אַלץ וואָס איז מעגלעך. יעדער פֿון אונז וועט געטריי טאָן דאָס, וואָס עס איז אויף אים אַרויפֿגעלייגט געוואָרן.

י. ח. ברענער

דער אידישער אַרבעטער אין ארץ־ישראל מוז האָבן דאָס געפֿיל, אַז ער טוט ניט זיין אַרבעט פֿאַר דעם ריווח פֿון אַ פּריוואַטער פּערזאָן, נאָר פֿאַר דער טובה פֿון גאַנצן פֿאָלק. ער מוז פֿילן, אַז ער ווערט ניט עקס־פּלואַטירט, נאָר ער גרייט צו אַ פּלאַץ פֿאַר די קומענדיקע דורות.

חיים ווייצמאַן

װיכטיקע דאַטן אין דער געשיכטע פֿון דער ארץ ישׂראלדיקער אַרבעטער־באַװעגונג און ציוניזם

א. ביז דער גרינדונג פֿון דער הסתדרות

1870: געגרינדעט די לאַנדװירטשאַפֿטלעכע שול אין מקוה ישׂראל.

1878: געגרינדעט ערשטע אידישע קאָלאָניע פּתח תקוה.

1882: ביל״ו און די ערשטע עליה קיין ארץ ישׂראל; געגרינדעט ראשון לציון אין יהודה, זכרון יעקב אין שומרון און ראש פּינה אין גליל.

1884: רעדע פֿון י. ל. פּינסקער אויף דער ערשטער קאָנפֿערענץ פֿון די חובבי ציון אין קאַטאָװיץ (6טן נאָװעמבער), אַז רוסישע אידן, אַ מאַטעריאַל, װאָס איז מיט אומרעכט פֿאַרשריגן געװאָרן, האָבן אין משך פֿון די צװײ יאָר קאָלאָניזאַציע אַרויסגעװיזן אַן אַר־בעטס־פֿעאיקייט, װאָס באַרעכטיקט אונזערע בעסטע האָפֿענונגען.

1886: ביים איינקויפֿן נייעם באָדן אין ראשון לציון, האָבן די קונים זיך געמוזט מתחיב זיין, לויט דער פֿאָדערונג פֿון „הנדיב הידוע" — דעם באַראָן ראָטשילד, „אַז ניט אַנדערש, סיידן זיי נעמען צו דער אַרבעט אייגענע ברידער".

1887: געגרינדעט אין ראשון לציון די „אגודת פּועלים" (אַרבעטער־פֿאַראיין) — די ערשטע אידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע אין ארץ־ישׂראל. דער ציל: 1) דער װעד פֿון דער אגודה זאָל אויסזוכן אַר־בעט, מען זאָל זיך ניט באַדאַרפֿן אַרומדרייען ליידיק; 2) העלפֿן צוביסלעך די, װעלכע האָבן ניט קיין אַרבעט; 3) לעבן צוזאַמען בשותּפֿות, װאױנען און עסן אין איין פּלאַץ.

1889: ארץ־ישׂראל ציילט שוין 22 לאַנדװירטשאַפֿטלעכע ישובים מיט אַ באַפֿעלקערונג פֿון 5 טויזנט אידישע נפֿשות און אַ באָדן־שטח פֿון 300,000 דונאַם.

1890: געגרינדעט רחובות, חדרה און גדרה.

1891: די אַרבעטער פֿון רחובות מאַכן אַ פּרואװ צו פֿאַראייניקן אַלע אַר־בעטער אין לאַנד אין איין פֿאַראיין מיטן נאָמען „הארץ והעבודה" (לאַנד און אַרבעט). דער מאָטאָ פֿון פֿאַרבאַנד איז: „בעד ארצנו ועמל כפּנו" (פֿאַר אונזער לאַנד און אייגענער פּראַ־צע).

1897: ערשטער ציוניסטישער קאָנגרעס אין באַזל (שװייץ), אין סוף אויגוסט; געגרינדעט ערשטן פּראָפֿעסיאָנעלן פֿאַראיין פֿון דרוקער־אַרבעטער אין ירושלים.

1898: צווייטער ציוניסטישער קאָנגרעס אין באַזל באַגריסט די גרינ־דונג פֿון די ערשטע ציוניסטישע ארבעטער־פֿאַראיינען; געגרינ־דעט די אידישע קאָלאָניאַל־באַנק.

1899: ערשטע פּועלי־ציון פֿאַראיינען אין עסטרייך.

1900: ערשטע ציילונג פֿון די אידישע אַרבעטער אין די ארץ־ישראל־דיקע קאָלאָניעס. אין 12 קאָלאָניעס האָבן זיך דאַן געפֿונען 473 אידישע אַרבעטער; 7 קאָלאָניעס גייען ארויס פֿון רשות פֿון באַראָן ראָטשילד און גייען איבער אין רשות פֿון דער יק״א; ערשטע פּועלי־ציון פֿאַראיינען אין רוסלאַנד; נחמן סירקין פּוב־ליקירט בראָשור: „רוף צו דער אידישער יוגנט״; געגרינדעט „הסתדרות הפּועלים״.

1901: געגרינדעט דעם קרן קימת לישראל (אידישער נאַציאָנאַל פֿאָנד).

1902: ערשטע פּועלי־ציון פֿאַראיינען אין ענגלאַנד; ערשטער סטרייק פֿון אידישע דרוקער־אַרבעטער אין ירושלים.

1903: קאַמף אַרום דער פֿראַגע אוגאַנדא אויפֿן זעקסטן ציוניסטישן קאָנגרעס; גרינדונג פֿון דער „נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער אָרגאַניזאַ־ציע „פּועלי־ציון״ אין ניו־יאָרק. אין מאַי לאָזט זי אַרויס די בראָשור „אונזער פּלאַטפֿאָרם, אַן אַפּיל צו דער אידישער יוגנט אין אַמעריקע״; געשאַפֿן אַנגלאָ־פּאַלעסטיין באַנק.

1904: אָנהויב פֿון דער צווייטער עליה קיין ארץ־ישראל; אין פֿיל שטעט אין פּוילן און רוסלאַנד אַנטשטייען פּועלי־ציון גרופּן „פּיאָנערן נאָך פּאַלעסטינע״; געשטאָרבן ד״ר הערצל.

1905: צווייטער פּאַרטיי־טאָג פֿון עסטרייכישע פּועלי־ציון אין קראָקע פֿאַרלאַנגט פּויערים־קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל און טרעט אַרויס קעגן גרויסן ערד־באַזיץ; פּאָגראָם־כוואַליע אין רוסלאַנד פֿאַרשטאַרקט שטראָם פֿון עולים קיין ארץ־ישראל; רוף פֿון יוסף וויתקין פֿאַר אַ חלוצים־עליה קיין א״י; געגרינדעט „הסתדרות הפּועלים הצעירים העברים״. שפּעטער געענדערט דעם נאָמען אויף „הפּועל הצעיר״.

1906: ערשטע מאַי פֿייערונג אין ארץ־ישראל, ביי נס־ציונה; אין אָקטאָבער טעאָרעטישע קאָנפֿערענץ פֿון דער פּועלי־ציון פּאַרטיי אין רמלה אַרבעט אויס די רמלה'ער פּלאַטפֿאָרם; צווייטע קאָנ־ווענשאָן פֿון די אַמעריקאַנער פּועלי־ציון פֿון באָסטאָן באַשליסט שיקן אַ דעלעגאַציע קיין ארץ־ישראל אויסצופֿאָרשן די מעגלעכ־קייטן פֿון רעאַלער אַרבעט; גרינדונג פֿון פּועלי־ציון אין אַר־גענטינע; פֿאַרשטאַרקונג פֿון צווייטער עליה; פּועלי־ציון אין פּוילן באַשליסן צו שאַפֿן אַ פּיאָנערן־פֿאָנד; גרינדונג פֿון „הפּועל

הצעיר" אין ארץ־ישראל; אין גאנץ ארץ־ישראל זיינען דאָ 600 אידישע אַרבעטער; באַיקאָט אויף אידישע אַרבעטער אין פּתח־תקוה.

1907: ערשטער צוזאַמענפאָר פון די ארץ־ישראלדיקע פּועלי־ציון אין יפו; עס דערשיינט דער ערשטער אָרגאַן פון די פּועלי־ציון אין ארץ־ישראל „דער אָנפאַנג"; ערשטע פּועלי־ציון וועלט־קאָנפערענץ אין קראָקע שאַפט וועלט־פאַרבאַנד פון פּועלי־ציון; אָנערקענונג פון פּועלי־ציון אַלס אויטאָנאָמע פעדעראַציע אין דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע; פאָדערונג פון פּועלי־ציון צו אָנערקענען אידישע סעקציע אין סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל; בן־גוריון און בן־צבי געקומען קיין ארץ־ישראל; אַנטשטאַנען אין יפו פראָפעסיאָנעלע פאַראיינען פון שוסטער און סטאָליער אַרבעטער; אין ירושלים, פון דרוק־אַרבעטער; סטרייקן פון די אַרבעטער אין ראשון לציון און אין שטיינ'ס מעכאַנישער שלאָסעריי אין יפו; געשאַפן „החורש" — פאַרבאַנד פון אידישע לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער אין גליל; אַרטור רופּין קומט קיין ארץ־ישראל.

1908: אַנטשטאַנען „חברת הכשרת הישוב" — געזעלשאַפט צו קויפן באָדן אין ארץ־ישראל; געגרינדעט כנרת; געשאַפן ערשטן מושב הפּועלים, עין גנים ביי פּתח־תקוה; געגרינדעט „בר־גיורא", פאָרלויפער פון „השומר".

1909: געגרינדעט תל־אָביב; ניינטער ציוניסטישער קאָנגרעס באַשטעטיקט דעם פּראָיעקט פון פראַנץ אָפּענהיימער צו בויען קאָאָפּעראַטיווע קאָלאָניעס אין ארץ־ישראל; באַנייט די טעטיקייט פון „החורש"; געגרינדעט וועכטער־אָרגאַניזאַציע „השומר"; געגרינדעט אין סעדזשערא ערשטן אַרבעטער־קאָלעקטיוו „העבודה" אויף קאָמוניסטיש־קיבוצישע יסודות. בערל קאַצענעלסאָן, וואָס איז דאַן געקומען קיין ארץ־ישראל, געהערט צו די מיטגרינדער פון קאָלעקטיוו; פאַראייניקונג פון סאָציאַליסטישע טעריטאָריאַליסטן מיט פּועלי־ציון אין אַמעריקע; פּועלי־ציון באַשליסט צו שאַפן דעם אידיש נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד; צווייטע וועלט־קאָנפערענץ פון די פּועלי־ציון אין קראָקע באַשליסט צו שאַפן דעם פּאַלעסטינע־אַרבעטער־פאָנד (פּ. אַ. פ.)

1910: געשאַפן די קאָאָפּעראַטיווע קאָלאָניע דגניה ביי דער מיטווירקונג פון אַרטור רופּין; גרינדונגס־קאָנפערענץ פון אידישן נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד אין ראָטשעסטער; געשאַפן פאַראיינען פון דרוקער און שטיין־ברעכער אין ירושלים.

1911: געגרינדעט מרחביה און חולדה; געשאַפֿן „הסתדרות הפּועלים החקלאיים ביהודה"; געשאַפֿן פֿרויען־פֿאַרם אין כּנרת; אָרגאַניזירט ועד פּועלי הגליל; אָנהויב פֿון דער עליה פֿון די אידן פֿון תּימן; געשאַפֿן אין תּל־אָביב קאָאָפּעראַטיווע אַרבעטער־קראָם.

1912: דער פּאַלעסטינע אַרבעטער פֿאָנד אָנגעהויבן זיין טעטיקייט; געגרינדעט דורך פּועלי־ציון די לשכת העבודה (אַרבעטס־ביוראָ) אין יפֿו; אחד העם באַזוכט ארץ־ישראל צום דריטן מאָל. קומט צו טרויעריקע אויספֿירן וועגן דער לאַגע פֿון די אידישע אַרבעטער אין די קאָלאָניעס. אין די קאָלאָניעס זיינען דאַן געווען סך־הכּל 600 אידישע אַרבעטער; געגרינדעט קופּת־חולים (קראַנקען־קאַסע) די עלטסטע אינסטיטוציע פֿון דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטער־שאַפֿט.

1913: דער משרד הארצי ישראלי (פּאַלעסטינע אמט) פֿירט דורך אַ ציילונג פֿון די אידישע אַרבעטער אין די קאָלאָניעס. 801 אידישע אַרבעטער זיינען דאָ אין די קאָלאָניעס און 170 אין די אַרבעטער־ווירטשאַפֿטן פֿון נאַציאָנאַל־פֿאָנד; געשאַפֿן ערשטע וואַנדער־ביבליאָטעק פֿון די אַרבעטער אין די קאָלאָניעס; אין דייטשלאַנד אַנטשטאַנען דער „הפּועל הצעיר" אונטער דער פֿירונג פֿון חיים אַרלאָזאָראָוו א"אַנד; ערשטע קאָאָפּעראַטיווע קאָלאָניזאַציע גרופּע פֿון אַמעריקאַנער פּועלי־ציון זיך צו באַזעצן אין ארץ־ישראל; נחמן סירקין קומט אַרויס מיט אַ פּראָיעקט צו בויען אַ קאָאָפּעראַטיווע גאָרטן־שטאָט; אידיש נאַציאָנאַלער אַרבעטער פֿאַרבאַנד באַקומט זיין טשאַרטער.

1914: געשאַפֿן קאָאָפּעראַטיווע קבוצה „אחוה" צו באַאַרבעטן פּרדסים און וויינגערטנער אויף קאָלעקטיווער אחריות; געשאַפֿן אַ רייע פֿאַך־קורסן; אַרבעטער־קיכן; אַנטשטאַנען טעכניקום אין חיפֿה; ערשטע „השומר הצעיר" גרופּע אין גאַליציע; ערשטע לאַנד־קאָנפֿערענץ פֿון פֿרויען אין מרחביה. פֿאַרטרעט 209 אַרבעטערינס; געשאַפֿן קאָאָפּעראַטיווע בעקעריי ,,אחוה" אין ירושלים; געגרינדעט ,,הסתדרות פּועלי שומרון".

1915: אַנטשטאַנען קאָנסום־קאָאָפּעראַטיוו „המשביר", געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין קאַמף קעגן יקרות אין פֿאַריקן וועלט־קריג.

1916: געשאַפֿן אילת השחר און כּפֿר גלעדי אין אויבערשטן גליל; התחלות פֿון דער פּועלי־ציון יוגנט באַוועגונג אין אַ רייע לענדער.

1917: באַוועגונג פֿאַר שאַפֿן אַ אידישן לעגיאָן; געשאַפֿן תּל־חי אין גליל העליון; אָנהויב פֿון אַ ברייטער חלוצים־באַוועגונג אין פּוילן,

רוסלאַנד און אַנדערע לענדער; געשטאָרבן בער באָראָכאָוו; פֿאַרעפֿנטלעכט די באַלפֿור־דעקלעראַציע.

1918: דער פּאַלעסטינע ארבעטער פֿאַנד האָט געשאַפֿן עטלעכע לאַנדווירטשאַפֿטלעכע קבוצות; פֿאַרשטאַרקטע באַוועגונג פֿאַרן אידישן לעגיאָן און „החלוץ" אין אַמעריקע, אָנגעפֿירט פֿון בן גוריון און בן צבי; צאָל אידן אין ארץ־ישראל געפֿאַלן פֿון 85,000 ביים אויסברוך פֿון קריג ביז 56,000; אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע ארבעטער באַוועגונג זאָגט זיך ארוים פֿאַר די ארץ־ ישראלדיקע פֿאָדערונגען פֿון פּועלי־ציון; ארבעטער־קאָנגרעס פֿאַר א"י אין ניו־יאָרק.

1919: דער פּ. א. פֿ. שאַפֿט א נעץ פֿון שטאָטישע אינדוסטריע־קאָאָפּעראַטיוון; אָנהויב פֿון אידישן קאָאָפּעראַטיוון הייזער־בוי; געשאַפֿן געזעלשאַפֿט פֿאַר האַפֿן, שיף־ און שיפֿלעך־פֿאַרקער; געקויפֿט מאָטאָר־שיף „החלוץ"; 883 ארבעטער אין די קאָלאָניעס און 410 אין די ארבעטער־ווירטשאַפֿטן; אַנטשטאַנען די „אחדות העבודה" דורך א פֿאַראייניקונג פֿון די פּועלי־ציון, אידישע לעגיאָנערן און די „הסתדרות החקלאית"; אָנגעהויבן דערשיינען „קונטרס", אָרגאַן פֿון „אחדות העבודה"; געשאַפֿן „החקלאית", געזעלשאַפֿט צו פֿאַרזיכערן פֿי.

1920: קאַמפֿן אין תל־חי, געפֿאַלן טרומפּעלדאָר און חברים; אָנהויב פֿון דער דריטער עליה; געגרינדעט קרן היסוד; ערשטע פֿאַרזאַמלונג פֿון דער אסיפֿת הנבחרים — די אידישע נאַציאָנאַלע פֿאַרזאַמלונג אין ארץ־ישראל; אָנגעהויבן קאָלאָניזאַציע טעטיקייט אין עמק יזרעאל; אַנטשטאַנען דער „גדוד העבודה"; אַנטשטאַנען דער משרד לעבודות צבוריות (אַמט פֿאַר עפֿנטלעכע ארבעטן) — דער פֿאַרלויפֿער פֿון „סולל בונה"; שלום־טראַקטאַט אין סאַן־רעמאָ אַקצעפּטירט די באַלפֿור־דעקלאַראַציע; שלום־טראַקטאַט פֿון סעוור אָנערקענט די אַנולירונג פֿון טערקיים הערשאַפֿט איבער ארץ־ישראל; הערבערט סעמיועל ווערט באַשטימט אַלס ערשטער הויך־קאָמיסאַר פֿון ארץ־ישראל; שפּאַלטונג פֿון וועלט־פֿאַרבאַנד פּועלי־ציון; אָנגעהויבן דערשיינען אין אַמעריקע טעגלעכע פּועלי־ציון צייטונג „די צייט"; ארץ־ישראל קאָמיסיע פֿון וועלט־פֿאַרבאַנד פּועלי ציון באַזוכט ארץ־ישראל; אָנגעהויבן דערשיינען „השדה", אָרגאַן פֿון דער לאַנדווירטשאַפֿטלעכער ארבעטער אָרגאַניזאַציע; געגרינדעט אין חנוכה (דעצעמבער) די הסתדרות העובדים אין חיפֿה. געציילט ביי איר גרינדונג 4,433 מיטגלידער, ביים היינטיקן טאָג — 150,000.

ב. זינט דער גרינדונג פֿון דער הסתּדרות

1921: גרויסע באַדן־קניה אין עמק־יזרעאל; געגרינדעט נהלל; אומ־רוען אין ארץ־ישׂראל, דערמאָרדעט יוסף חיים ברענער; ערשטע וועלט־קאָנפֿערענץ פֿון התאחדות־צעירי ציון אין פּראָג; דורכ־געפֿירט אין אַמעריקע געצייג־אַקציע פֿון פּ.צ. פֿאַר ארץ־ישׂראל; געשאַפֿן די ארבעטער־באַנק (בנק הפּועלים).

1922: געשאַפֿן שכונת בורוכוב (באַראָכאָוו קוואַרטאַל) אין תּל־אָביב; אַנטשטאַנען די ארבעטער־באַנק; ערשטע דעלעגאַציע פֿון דער ארץ־ישׂראלדיקער ארבעטערשאַפֿט קיין אַמעריקע פֿאַר דער אַר־בעטער־באַנק: בערל קאַצענעלסאָן, יוסף באַראַץ און מאַניע שוחט; אָרגאַניזירט די מועצת הפּועלות; אַמעריקאַנער קאָנגרעס און סענאַט אַקצעפּטירן די באַלפֿור־דעקלאַראַציע. 52 פֿעלקער אַקצעפּטירן די באַלפֿור־דעקלאַראַציע; ערשטע פֿאָלקס־ציילונג אין ארץ־ישׂראל; וויסבוך פֿון טשערטשיל, אָפּגעטיילט עבר הירדן פֿון ארץ־ישׂראל.

1923: צווייטע קאָנפֿערענץ פֿון דער הסתּדרות; מאַנדאַט פֿון ענגלאַנד איבער ארץ־ישׂראל גייט אַנטגילטיק אריין אין קראַפֿט; פּאַראיי־ניקטע אידישע געווערקשאַפֿטן אין אַמעריקע באַשליסן צו שטיצן די הסתּדרות.

1924: אַנטשטאַנען „סולל בונה"; אָנהויב פֿון דער פֿערטער עליה; אַנט־שטייאונג פֿון יוגנט־פֿאַרבאַנד „הנוער העובד"; געשאַפֿן „הסנה" — ארבעטער פֿאַרזיכערונגס־פֿאַרבאַנד, אָרגאַניזירט מיט דער הילף פֿון אידישן נאַציאָנאַלן ארבעטער פֿאַרבאַנד; געשאַפֿן די „חברת עובדים" — די יורידישע אָרגאַניזאַציע־פֿאָרם פֿון דער הסתּדרות; אָנהויב פֿון געווערקשאַפֿטן קאַמפּיין אין אַמעריקע; געשטאָרבן נחמן סירקין.

1925: געשאַפֿן „ניר" — די קאָלאָניזאַציע־געזעלשאַפֿט פֿון דער הסתּד־רות; אַנטשטאַנען דער ארגון המושבות וארגונים — די אָנפֿירונג פֿון די מושבי עובדים; געעפֿנט העברעאישן אוניווערזיטעט אין ירושלים דורך חיים וויצמאַן; געשאַפֿן „דבר" — טאָגצייטונג פֿון דער הסתּדרות; געגרינדעט פּיאָנערן־פֿרויען־אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע; פֿאַראייניקונג פֿון וועלט־פֿאַרבאַנד פּועלי־ציון מיטן וועלט־פֿאַרבאַנד פֿון די ס.צ. צעירי־ציון; באַשטימט לאָרד פּלו־מער אַלס הויך־קאָמיסאַר פֿון ארץ־ישׂראל.

1926: געשאַפֿן ספּאָרט פֿאַראיין „הפּועל"; געגרינדעט ארבעטער־טעאַ־טער „אהל"; אָנגעהויבן דערשיינען „במעלה", אָרגאַן פֿון הנוער העובד; ערשטע קאָנווענשאָן פֿון געווערקשאַפֿטן־קאַמפּיין (יאַ־נואַר).

1927: געגרינדעט „יכין" — געזעלשאַפֿט פֿאַר דורכפֿירן קאָנטראַקט־אַרבעטן אין דער לאַנדווירטשאַפֿט; געשאַפֿן „תּנובה" — געזעלשאַפֿט פֿאַר קאָאָפּעראַטיוון פֿאַרקויף פֿון די פּראָדוקטן פֿון דער לאַנדווירטשאַפֿט; געשאַפֿן „מרכּז לשכונות עובדים" — פֿאָרגייער פֿון „שכון"; געשאַפֿן דעם קיבוץ ארצי פֿון „השומר הצעיר"; דריטע קאָנפֿערענץ פֿון דער הסתּדרות באַשליסט צו גרינדן אידיש־אַראַבישן אַרבעטער פֿאַרבאַנד „ברית פּועלי ארץ־ישראל; דער פּאַלעסטינע־אַרבעטער־פֿאָנד גייט איבער אין רשות פֿון דער הסתּדרות; געשטאָרבן אחד העם.

1928: געשאַפֿן דעם מרכּז הקואָפּרציה — אויף אָנפֿירן מיט די קאָאָפּעראַטיווע אַנשטאַלטן פֿון דער הסתּדרות; געגרינדעט אין בריסל (בעלגיע), דעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָמיטעט פֿאַר ארץ־ישראל אונטער דער אָנפֿירונג פֿון עמיל וואַנדערוועלדע, עדואַרד בערנשטיין, לעאָן בלום, און קאַמיל הויסמאַנס; באַשטימט דזשאָן טשענסעלאָר אַלס הויך־קאָמיסאַר פֿון ארץ־ישראל; געשטאָרבן מאַקס פּיין.

1929: געשאַפֿן דעם קיבוץ המאוחד; געשאַפֿן „הית" (המשביר, יכין, תּנובה) פֿאַרן עקספּאָרט פֿון ציטרוס־פּרוכט; אויסברוך פֿון אַראַבישע אומרועז; געשאַפֿן די אידישע אַגענץ; געגרינדעט די „מפּלגת פּועלי ארץ ישראל" (מפּא"י) נאָך אַ פֿאַראייניקונג צווישן „אחדות העבודה" און „הפּועל הצעיר".

1930: געשאַפֿן דעם אינוואַלידן־פֿאָנד ביי דער קופּת־חולים; געשאַפֿן דעם „מרכּז השכון" פֿאַר וואוין־קאָאָפּעראַציע פֿון דער הסתּדרות; אַלוועלטלעכער קאָנגרעס פֿאַרן אַרבעטנדן ארץ־ישראל אין בערלין; פֿאַרעפֿנטלעכט סימפּסאָן־באַריכט; דערשינען דאָס „ווייס־בוך" פֿון פּאַספֿילד; ערשטע דעלעגאַציע פֿון אידישע אַרבעטער־טוער פֿון אַמעריקע באַזוכט ארץ ישראל.

1931: געשאַפֿן „משען" צו העלפֿן נויטליידנדע אַרבעטער; בריוו פֿון ראַמזיי מאַקדאָנאַלד צו ד"ר ווייצמאַן לינדערט די באַשטימונגע, פֿון „ווייסבוך"; אַרטור וואָקאָפּ ווערט הויך־קאָמיסאַר פֿון ארץ־ישראל; צווייטע פֿאָלקסציילונג.

1932: געשאַפֿן קרן חוסר עבודה צו העלפֿן אַרבעטסלאָזע; אַנטשטאַנען דער אַרכיוו און מוזעאום פֿון דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטער־באַוועגונג; פֿאַראייניקונג צווישן די וועלט־פֿאַרבאַנדן פֿון פּועלי־ציון און התאַחדות; פֿאַראייניקונג פֿון פּועלי־ציון און צעירי־ציון אין אַמעריקע.

1933: אַנטשטאַנען דער טראַנספּאָרט־קאָאָפּעראַטיוו „אגד"; געשאַפֿן „חבר הקבוצות ואגוד גורדוניה" — די אָנפֿירונג פֿון די קליינע קבוצות; פֿערטע קאָנפֿערענץ פֿון דער הסתדרות; אָנהויב פֿון דער פֿינפֿטער עליה; געגרינדעט די מאַקס פּיין שול אין תּל־אָביב; געשאַפֿן מרכּז לנוער ביי דער הסתּדרות; דערמאָרדעט חיים אַרלאָזאָראָוו; אָנהויב פֿון דער יוגנט עליה פֿון דייטשלאַנד; מאָדערניזירט און געעפֿנט פּאָרט אין חיפֿה; אומרוען אין ירושלים, יפֿו און חיפֿה.

1934: געשאַפֿן „חברת ניר" צו געבן קורץ־טערמיניקע קרעדיטן די אַרבעטער־קאָלאָניסטן; אָנגעהויבן דערשיינען „דבר הפּועלת" — אָרגאַן פֿון דער מועצת הפּועלות; געשאַפֿן „תיור וטיול" — געזעלשאַפֿט צו אָרגאַניזירן אויספֿלוגן ביי דער הסתּדרות; געשטאָרבן חיים נחמן ביאַליק; געשטאָרבן אברהם שיפּלאַקאָף.

1935: רעאָרגאַניזאַציע פֿון „סולל בונה"; געשאַפֿן די וואַסער־געזעלשאַפֿט פֿון דער הסתּדרות „מקורות"; געשאַפֿן דעם „מוסד ביאַליק"; קרוב 62,000 עמיגראַנטן קומען אַריין אין ארץ־ישראל.

1936: געשאַפֿן „בצור" — געזעלשאַפֿט דורכצופֿירן עפֿנטלעכע אַרבעטן פֿאַר אַרבעטלאָזע; געשאַפֿן פֿלי־געזעלשאַפֿט פֿון דער הסתּדרות „אוירון"; געשאַפֿן געזעלשאַפֿט „תּנובה אקספּורט"; געשאַפֿן די געזעלשאַפֿט „אבן" אויף דערווערבן שטיין־ברעכערייען; ערשטע הכנות צו עפֿענען דעם אידישן פּאָרט אין תּל־אָביב; אויסברוך פֿון אַראַבישע אומרוען; פֿאַרשטאַרקטע אומלעגאַלע עליה קיין ארץ־ישראל; געשטאָרבן משה ביילינסאָן, מיטרעדאַקטאָר פֿון „דבר".

1937: געגרינדעט די געזעלשאַפֿט „תּנובה־אקספּורט"; געשאַפֿן קרן ביילינסון אויף בויען אַרבעטער־הייזער אין די קאָלאָניעס; געגרינדעט די ים־געזעלשאַפֿט פֿון דער הסתּדרות „נחשון"; איינגעפֿירט דעם מס אחיד (איינהייטלעכער שטייער) אין דער הסתּדרות; אָנגעהויבן דערשיינען די אַראַבישע צייטונג פֿון דער הסתּדרות „חקיקת אל אמר"; באַריכט פֿון דער ענגלישער קעניגלעכער קאָמיסיע; אַמעריקאַנער טרייד יוניאָן־דעלעגאַציע באַזוכט ארץ ישראל.

1938: געשאַפֿן „מציב" — הסתּדרות געזעלשאַפֿט צו העלפֿן פֿאַמיליעס פֿון אַרבעטער וועמענס שפּייזער עם זיינען געשטאָרבן; געגרינדעט חניתה; העראַלד מעקמייקעל ווערט הויך־קאָמיסאַר פֿון א"י; באַריכט פֿון דער פּיל־קאָמיסיע, לייגט פֿאָר צעטיילן אַרץ־ישראל.

1939: קאָנפֿערענץ פֿון דער בריטישער רעגירונג אין לאָנדאָן מיט אידן און אראַבער; דערשינען דאָס „ווייס־בוך״ (18טער מאַי); אויס־ברוך פֿון צווייטן וועלט־קריג; 136,000 אידן רעגיסטרירן זיך אַלס וואָלונטירן פֿאַר מלחמה־צוועקן.

1940: גרויסע אידישע דעמאָנסטראַציעס אין ארץ־ישראל קעגן „ווייס־בוך״; דערטרונקען די שיף „פּאַטריאַ״ מיט אידישע 150 אי־מיגראַנטן; אונטערגעגאַנגען אַ שיף פֿון בולגאַריע מיט 325 אומ־לעגאַלע אידישע איינוואַנדערער; געשאַפֿן ארץ־ישראלדיקע אי־דישע אָפּטיילונגען אין דער בריטישער אַרמיי; פֿאַרעפֿנטלעכט אין א״י געזעצן, וואָס באַשרענקען דעם באָדן־קויף; אומגע־קומען דוב האָז אין אַן אויטאָ־קאַטאַסטראָפֿע.

1941: געשאַפֿן הסתדרות־פֿאַרלאַג „עם עובד״; געשטאָרבן פּנחס רו־טנבערג; געשטאָרבן מנחם אוסישקין.

1942: פֿינפֿטע קאָנפֿערענץ פֿון דער הסתדרות; געשאַפֿן „דור לדור״ — פֿאָנד צו העלפֿן עלטערע אַרבעטער ביי דער הסתדרות; ציוניסטי־שע קאָנווענשאָן אין ניו־יאָרק, אין בילטמאָר־האָטעל, פֿאָדערט ארץ ישראל אַלס אידישע קאָמאָנוועלט; געשטאָרבן אליעזר יפֿה, גרינדער פֿון נהלל; אונטערגעגאַנגען די שיף „שטרומאַ״ מיט 750 אידישע פּליטים פֿון רומעניע און בולגאַריע אויפֿן וועג קיין ארץ־ישראל; געגרינדעט „אַמפּאַל״ אין אַמעריקע.

1943: געשאַפֿן „כּור״ — טאַכטער־געזעלשאַפֿט פֿון „סולל־בונה״ פֿאַר דער אַנטוויקלונג פֿון קאָאָפּעראַטיווער אינדוסטריע; געשאַפֿן די לשכּה כּללית פֿאַר אַרבעט־פֿאַרמיטלונג אַלס געמיינזאַמע אינ־סטיטוציע פֿון דער הסתדרות און די מינדערהייט־גרופּן, ווי מז־רחי, ציונים ב׳, רעוויזיאָניסטן, און אַנדערע; געגרינדעט אין ירושלים די פֿאַך־שול „עמל״ אויפֿן נאָמען פֿון דער אַמאַלגאַמייטעד; ארץ־ישראלדיקע אידישע פּרויען שליסן זיך אָן אין „וואַף״; אויפֿשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, מערהייט פֿון די קאַמף־גרופּן געפֿירט דורך חלוצים; געווער־פּראָצעסן אין ארץ־ישראל קעגן אידישע קאָלאָניסטן; אַמעריק. איד. קאָנפֿערענץ פֿאַר איד. קאָ־מאָנוועלט; 20טע קאָנווענשאָן פֿון געווערקשאַפֿטן־קאַמפּיין; גע־שטאָרבן אַרטור רופּין; געשטאָרבן מאָרים פֿיינסטאָן.

1944: געשאַפֿן די געזעלשאַפֿט „נוה עובד״ — צו פֿאַרשטאַרקן דעם הייזער־בוי אין די קאָלאָניעס; זעקסטע קאָנפֿערענץ פֿון דער הסתדרות; געשאַפֿן אידישע מיליטערישע בריגאַדע; באַשטימט לאָרד גאָרט אַלס הויך־קאָמיסאַר; דער ישוב ציילט קרוב 600,000 נפֿשות, הסתדרות ציילט 140,000 מיטגלידער און איבער 220

טויזנט נפשות — איבער א דריטל פון גאנצן אידישן ישוב; איבער 50 טויזנט אידן האט ארץ־ישראל אויפגענומען במשך פון 5 יאר קריג; געשטארבן בערל קאצענעלסאן; פועלי־ציון צו־זאמענפאר אין פילאדעלפיע באשליסט צו ארגאניזירן א ברייטע חלוצים־באוועגונג אין אמעריקע. ווייצמאן רוקט ארויס דעם זעלבן פארשלאג אין זיין באגריסונג צו דער ציוניסטישער קאנ־ווענשאן אין אטלאנטיק סיטי; דעמאקראטן און רעפובליקאנער ארויסגעשטעלט די פאדערונגען פון א אידישער קאמאנוועלט אין זייערע וואל־פראגראמען; דאס זעלבע טוט פרעזידענט רוזוועלט אין זיין עפנטלעכער דערקלערונג; אמעריקאן פעדערײשאן אוו לייבאר, די סי־איי־א און בריטישע לייבאר־פארטיי אונטערשטיצן די פאדערונג פון ארץ־ישראל אלס אידישע קאמאנוועלט; פייע־רונג פון ווייצמאנס 70 יעריקן יובילײ אין דער גאנצער אידישער וועלט; באנײטע חלוצים־באוועגונג אין א רייע באפרייטע איי־ראפײאישע לענדער; דער אידישער ישוב שאפט „ראט פאר אר־גאניזירן הילפס־גרופן פון ישוב פארן גלות" צו שיקן שליחים אין די באפרייטע לענדער מיט דער הילף פון „אונררא".

1945: אינטערנאציאנאלער טרייד־יוניאן־קאנגרעס אין לאנדאן נעמט אן רעזאלוציע וועגן ארץ־ישראל אלס אידישע נאציאנאלע היים (פעברואר); נייע ארבעטער־רעגירונג אין ענגלאנד; פרעז. טרו־מאן ווענדט זיך צו עטלי וועגן ארײנלאזן 100,000 אידן אין א"י (31סטער אויגוסט); פארעפנטלעכט בריוו־אויסטויש צווישן רוזוועלט און איבן־סאאוד (אקטאבער); גרויסע אידישע פראָ־טעסט־באוועגונג אין דער גאנצער וועלט קעגן „ווייס־בוך"; סטייטמענט פון בעווין־טרומאן וועגן שאפן א נייע אויספאר־שונגס־קאמיסיע איבער א"י און דעם אידישן פראבלעם (14טער נאוועמבער); גענעראל־סטרייק פון ארץ־ישראל־ישוב (15טער נאוועמבער); לארד גארט רעזיגנירט אלס הויך־קאמיסאר פון א"י אלס נייער הויך־קאמיסאר ווערט באשטימט אלען קענינגהעם; אנטי־אידישע אומרועו אין מצרים, לבנון און טריפאלים אונטערן אויסרייד פון קאמף קעגן ציוניזם; אראבער פאדערן באפרייען דעם מופטי; פרעז. טרומאן ציט צוריק זיין דערקלערונג וועגן ארץ־ישראל אלס אידישע קאמאנוועלט; אמעריקאנער סענאט און רעפרעזענטאנטן־הויז נעמען אן פרא־ציון רעזאלוציעס (דעצעמבער); אנפאלן פון ענגלישע סאלדאטן אויף קאלאניעס ענדיקן זיך מיט קרבנות.

אָנהויב פֿון פֿאַרשטאַרקטער בוי־באַוועגונג; געשאַפֿן נייע געזעלשאַפֿטן צו בויען הייזער פֿאַר נייע עולים און דעמאָבילי־זירטע סאָלדאַטן; געשאַפֿן פֿאַראייניקטן אידישן עקספּאָרט אָנ־שטאַלט אין א״י; ערשטע ציוניסטישע וועלט־קאָנפֿערענץ אין לאָנדאָן נאָכן קריג (אויגוסט); קרן קימת דערוואָרבן 330.000 דונאַם באָדן במשך פֿון קריג; 600 אידישע פֿאַבריקן צוגעקומען במשך פֿון קריג; טויזנט חלוצים אויף 17 הכשרה־פּונקטן אין פּוילן; ביי 300 אידישע ישוב־פּונקטן עקזיסטירן אין א״י; איבער 50 נייע קאָלאָניעס געשאַפֿן במשך פֿון קריג.

אידישע בריגאַדע פֿירט דורך א ברייטע רעטונגס־אַרבעט אין די לענדער פֿון אייראָפּע; ריזיקע מערהייט פֿון די אידן אין די לאַגערן דערקלערן זייער אַנטשלאָסנהייט צו בויען זייער נייע היים נאָר אין א״י. דער באַריכט פֿון טרומאַן־שליח, העריסאָן, באַשטעטיקט דאָס; תּל־אָביב־פּאָרט באַנייט זיין טעטיקייט; גע־שאַפֿן „צים״, גרויסע נאַציאָנאַלע שיפֿס־געזעלשאַפֿט; מיט דער הילף פֿון געווערקשאַפֿטן־קאַמפּיין און דער אידישער אַגענטור ווערן געבויט טויזנט נייע הייזער אין א״י; 150,000 מיטגלידער אין דער הסתדרות. הסתדרות געוואַקסן אין צייט פֿון קריג מיט 37 פּראָצענט; יובל־פּייערונגען פֿון 25 יאָר הסתדרות איבער דער גאַנצער וועלט; געשטאָרבן אַלעקסאַנדער זיסקינד ראַבינאָ־וויטש.

2טע סעסיע פֿון דער 6טער הסתדרות־קאָנפֿערענץ (פֿעברואַר); הסתדרות נעמט איבער גרויסע פֿאַבריקן „שמן״ און „נשר״; געפֿייערט 20 יאָר „דבר״; 6טע קאָנפֿערענץ פֿון דער הסתדרות החקלאית; 20 יאָר העברעאישע אוניווערסיטעט; 25 יאָר קרן־היסוד, 20 יאָר יונייטעד פּאַלעסטיין אַפּיל; 20 יאָר טעכניקום אין חיפה; 75 יאָר לאַנדווירטשאַפֿטלעכע שול אין מקוה־ישראל; 20 יאָר פּיאָנערן־פֿרויען אין אַמעריקע; געשטאָרבן אליהו גאָ־לאָמב און אהרן ראַבינאָוויטש.

1946: ענגליש־אַמעריקאַנער אויספֿאָרשונגס־קאָמיסיע אָנגעהויבן איר אַרבעט (7 יאַנואַר).

נתן אלטערמאַן

אידיש: י. פניני

איינע אַליין

זיגרייכע אינדזלען, פֿאָלק פֿון בריטאַניע —
ווייס און געדענק!
אַליין ביסט געשטאַנען פֿאַר לעצטער מויער,
ווען גאַנץ איראָפּע — פֿון פֿראַנקרייך ביז דאַניע —
אין שוואַרצן געהילט זיך,
געזעסן אין טרויער.

מיט פֿויסטן געביילטע ביסטו דאַן געשטאַנען,
געברילט ווי אַ לייב,
געדענקען מיר אַלע דיין יעדעס וואָרט:
„מיר וועלן קעמפֿן מיט אַלץ וואָס פֿאַראַנען!
מירן קעמפֿן ביי ברעגן,
אין הויפֿן, אויף גאַסן,
מיר וועלן קעמפֿן אין בוכטע און פּאָרט!

צווישן די וואָלקנס מיר וועלן זיך שלאָגן,
אין מדבר, אויף ים,
אין פֿעלד און אויף פֿליין;
און אויב מ'וועט דאַרפֿן — יאָרן אויף יאָרן,
און אויב מען וועט מוזן —
איינע אַליין".

זיגרייכע אינדזלען, פֿאָלק פֿון בריטאַניע —
ווייס און באַנעם!
אויך מיר שטייען איצט מיט רוקן צום וואַנט,
אויך מיר זיינען איצט אין קלעם.
און פּונקט ווי דו — אין לעצטן קאַמף —
איז דרייסט אונזער טראָט, איז פֿעסט אונזער האַנט.

ווי דו — מיט פֿויסטן געביילטע,
מיט לאָזונג מיט דיינעם, וואָרט און וואָרט:
מיר וועלן קעמפֿן מיט אַלץ וואָס פֿאַראַנען!
מירן קעמפֿן ביי ברעגן,

אין הויפֿן, אויף גאַסן,
מיר וועלן קעמפֿן אין בוכטע און פּאָרט!

צווישן די וואָלקנס מיר וועלן זיך שלאָגן,
אין מדבר, אויף ים,
אין פֿעלד און אויף פּליין;
און אויב מען וועט דאַרפֿן — יאָרן אויף יאָרן,
און אויב מען וועט מוזן —
איינע אַליין.

פֿאָלק פֿון די אינדזלען, געבענטשטע מיט זיגן —
שיק אונדז דיין ברכה צום לעצטן קריג.

תל־אָביב, מאַי 12, 1945